STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06174

PERZENLEKHKAYTN IN DER GESHIKHTE FUN IDN IN AMERIKE

I. B. Bailin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערזענלעכקייטן

אין דער געשיכטע פון אידן אין אמעריקע

פון

י. ב. ביילין

ארויסגעגעבן פון „איקוף" פארלאג, ניו-יארק 1955

PERSENLECHKEITEN

Personalities in the History of the Jews in America

Copyright, 1955

I. B. BAILIN BOOK COMMITTEE

YKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

פראָמפּט פּרעס, 113 4טע עוועניו, ניו יאָרק, נ. י.

209

אינהאַלט פאַרצייכעניש

פאָרוואָרט פון מאָריס י. שאַפּעס — 5
פאָרוואָרט פונעם מחבר — 7
יידן איבער דער וועלט — 9
שבתי צבי, דער פאַרפירער — 13
ברוך שפּינאָזאַ — דער אַפּפרעגער — 16
יידן אין אַלטן אַמסטערדאַם — 20
די אינקוויזיציע אין אַמעריקע — 22
קאַראַבאַכאַל — העלד און מאַרטירער — 26
דע־סילוואַ, דאָקטאָר און דיכטער — 30
יידן אין ניו־יאָרק — 33
אשר לעווי, ערשטער יידישער קעמפער — 36
ביטערע יידן־רדיפות — 40
ערשטע יידן אין ניו־יאָרק — 44
יידן אין מאַסאַטשוזעטס און ראָוד־איילענד — 48
יהודה מאָנעס און זיין שמד — 51
יידן אין קאָנעטיקוט — 54
יידן אין פּענסילוועניע און מערילאַנד — 55
יידן אין די דרום קאָלאָניעס — 58
יידן אין קאַראָליינאַ און דזשאָרדזשיאַ — 59
דר. שמואל נונעז ריבעירא — 61
די פראַנצויזיש־אינדיאַנער מלחמה — 65
יידן אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע — 69
די פראַנקס־פאַמיליע און די רעוואָלוציע — 74
חיים סאָלאָמאָן, דער פּאָפּולערער פּאַטריאָט — 78
פראַנסיס סאַלוואַדאָר — 83
מרדכי שעפטאל און זיין זון — 87
בנימין נאָנעס — 90
גרשום מענדעס סעישעס — ערשטער רב — 94
יידן — שונאים — 97
בענדזשאַמין פראַנקלין — 101
דזשאָרדזש וואַשינגטאָן — 104
טאָמאַס דזשעפערסאָן — 107
אהרן לאָפּעז — פון אינקוויזיציע צו רייכטום, צום טויט — 109
די באַרימטע גראַץ־פאַמיליע — 111
משה יודא — קעמפער קעגן שקלאַפעריי — 115
אַלטער שטייגער־לעבן — 118
ראָבינסאָן און זיין לאַנד פאַר יידן — 121
יהודה טורא, גרויסער פילאַנטראָפּ — 126
מרדכי מייערס לאַנגער לעבן — 132
טאָמאַס קענעדי — 136
מאיר מאָזעס — דער אָראַטאָר — 140
דער קאָלירפולער סעמועל נאָאַ — 145

אויגוסט באָנדי, מיטקעמפּער פון דזשאָן בראַון — 233
יידן און דער לינקאָלן מאָרד — 237
ראַבאַי דוד איינהאָרן — 241
דר. מאַקס ליליענטאַל — 246
יידישער פּיאָנער און די אינדיאַנער — 250
די דראַמאַטישע ערנעסטין לואיז ראָוז — 254
איזידאָר בוש, קעמפער — 258
יודא בענדזשאַמין — אונדזער חרפּה — 263
שבתי מארעים, פּריינט פון רעוואָלוציע — 266
מיכל היילפּערין — גרויסער פּוילישער ייד — 270
משה דראַפּסי, פּילזייטיקע פּערזענלעכקייט — 277
אַ רב — אַ רעוואָלוציאָנער — 280
ס. קויפּמאַן, ערשטער יידישער סאָציאַליסט — 284
אהרן באַטלהיים, רב און דאָקטאָר — 288
דר. בנימין סזאָלד, רב און מענטשן־פריינט — 291
דר. יאַקאָבי — גרויסער קינדער־דאָקטאָר — 294
קו־קלוקס־קלען — 298
לעאָפּאָלד דאַמראָש — מוזיק־דינאַסטיע — 301
דאַ־קאָסטאַ, גרויסער יידישער דאָקטאָר — 305
מאיר סולצבערגער, ריכטער־הומאַניסט — 308
עמאַ לאַזאַרוס — 314
ראַבאַי אייזיק מ. וואַיז, רעפאָרמער — 323
דזשעיקאָב שיף, פינאַנסיר, פילאַנטראָפּ — 327
נעיטן שטראַוס — 333
הענרי סאָלאָמאָן דזשעקסאָן — 150
יעקב הענרי, דער אָראַטאָר — 155
רעבעקאַ גראַץ — פּערזאָניפיקאַציע פון גראַציע — 158
מרדכי עמנואל נח (נאָאַ) — 164
יצחק האַרבי — 170
דר. יעקב דע לאַ מאָטאַ — 174
דער אַמעריקאַנער דרייפוס — אוריה פּ. ליוואַי — 179
פּנינה מאַיסעי, די דיכטערין — 184
ערשטע יידישע דאָקטוירים — 188
דער אויגן־דאָקטאָר יצחק העיז — 191
אינעווייניקסטע רעליגיעזע קאַמפן — 193
יצחק ליסער, אָרטאָדאָקסישער פירער — 196
שמואל מאיר אייזיקס — 202
טשאַרלז קאָהען, דער פריידענקער — 204
משה ראַפּאַל, דער בעסט באַצאָלטער — 209
אייברעהעם לינקאָלן — 212
לינקאָלן אַלס קאָנגרעסמאַן — 215
לינקאָלנס פּעסטע טריט — 217
יאָנאַס און לינקאָלן — 220
פּאָטער אברהם און זיינע קינדער — 223
פוס־דאָקטאָר ישכר זאַכאַריע — 226
יידן אין קאַמף מיט שקלאַפעריי — 230

פאָרוואָרט פונעם היסטאָרישן פאָרשער מאָריס י. שאַפּעס

דאָס איז דער איינציקער בוך, וואָס האָט צו טאָן מיט אַמעריקאַנער יידישער געשיכטע, אָנגעשריבן פון אַן איינציקן אויטאָר אין יידיש, וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין פאַרבינדונג מיט דער לעצטער פייערונג פון דעם דריי־הונדערט־יאָריקן יובילֵיי פון דעם יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר אַלע זיינען דעריבער שולדיק אַ חוב, ערשטנס, דעם פֿייִאיקן און אומדערמידלעכן מחבר, און צווייטנס, צו דעם געטרייען בוך־קאָמיטעט, וואָס איז געווען אַנטשלאָסן, אַז די ווערטפולע אַרטיקלען זאָלן נישט ווערן פאַרגעסן אין די געל־ווערנדיקע בלעטער יאָרגאַנגען פון דער „מאָרגן־פרייהייט”, אין וועלכער די מערסטע פון זיי זיינען דערשינען. דער בוך־קאָמיטעט האָט דערמעגלעכט, אַז די אַרטיקלען זאָלן, אין אַ באַאַרבעטער פאָרם, דערשיינען אין דעם דאָזיקן בוך.

דאָס איז אַ ווערק וועגן יידישע יחידים, וואָס האָבן געלאָזן זייערע צייכנס, אַ שווערערן אָדער אַ לייכטערן, צו גוטס אָדער צו שלעכטס, אין דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן פון 17טן, 18טן און באַזונדערס פון דעם 19טן יאָרהונדערט. אין דעם בעסטן און סאַמע בכבודיקסטן זין פון דעם וואָרט איז דאָס אַ פּאָפּולער ווערק. י. ב. ביילין האָט צונויפגעזאַמלט פאַקטן און דעטאַלן, באַנוצנדיק זיך מיט ביכער, דאָקומענטן און נאָכבאַמערקונגען, און צוזאַמענגעוועבט זיי אויף אַן אָנציִענדיקן אופן אין לעבעדיקע, לעזבאַרע און טיילווייז בילדלעכע שילדערונגען. ביילין קאָמבינירט דעם צמצום פון דעם זשורנאַליסט מיט דער פשטות פון דעם דערפאַרענעם לערער.

די, וועלכע ווייסן ווייניק אָדער גאָרניט וועגן אַמעריקאַנער יידישער געשיכטע, וועלן הנאה האָבן פון די קאַפּיטלען און וועלן דאָרט געפינען אַן אָנרעגנדיקן אריינפיר צום שטודיום פון דער יידישער געשיכטע. פון דער צווייטער זייט וועלן די, וואָס זיינען שוין באַקאַנט מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע, אין די דאָזיקע היסטאָרישע סקיצן געפינען צוגאָבן, וואָס וועלן באַרייכערן זייער וויסן. אין קיין אַנדער פּלאַץ אין דער יידישער שפּראַך קאָן מען ניט געפינען דעם דאָזיקן מאַטעריאַל.

אַלס אַ לערער פון רייכער דערפאַרונג האָט י. ב. ביילין, אָן צווייפל, באַמערקט, אַז פיל סטודענטן ווערן אַמגרינגסטן באַוואויגן צו אַן ערנסטן שטודיום פון געשיכטע דורך אַ פריערדיקער געניוער באַקאַנטשאַפט מיט ביאָגראַפיע.

געוויס ווייזט י. ב. ביילין צוריק טאָמאַס קאַרלײַלס טעאָריע, אַז געשיכטע איז בלויז דער סך־הכל פון די ביאָגראַפיעס פון גרויסע יחידים. ווי אַ סאָציאָלאָג ווייסט ביילין זייער גוט, אַז יחידים „מאַכן יאָ געשיכטע” אויף אַ קלענערן אָדער גרעסערן מאַסשטאַב, נאָר זיי זויגן עס נישט אויס פונעם פינגער; זיי מאַכן עס ניט „פון זייער אייגענעם געוואַנט”. דער שטאָף, וואָס דער יחיד שניידט־צו, און די גײַסטיג גופא, וואָס ער באַנוצט אין צושניידן, ווערן געמאַכט און דערמעגלעכט דורך די סאָציאַלע און קלאַסן־כוחות פון דער געגעבענער צייט. י. ב. ביילין האָט דעריבער, פאָרשטעלנדיק די דאָזיקע פערזענלעכקייטן, געזוכט צו געבן זיי אין שייכות צו די דאָזיקע גרונט־כוחות.

אין אַ קורץ ווערק, האָט דער מחבר געדאַרפט אויסקלײַבן די אָדער יענע פערזענלעכקייטן, אַרויסלאָזנדיק אַזוי גוט ווי אַרייננעמענדיק. ריכטיק אָננעמענדיק דעם ריכטיקן צוגאַנג, אַז דער לייענער דאַרף וויסן דאָס שלעכטע אַזוי גוט ווי דאָס גוטע — אַזוי אַז דאָס שלעכטע זאָל אויף אַ ווירקזאַמערן אופן ווערן צוריקגעשלײַדערט — האָט ביילין געגעבן אויך פּלאַץ פאַר די רשעים, אַזוי גוט ווי פאַר די גערעכטע, דעם רעאַקציאָנער, דעם שקלאַפנהאַלטער, דעם טאָרמאַז קעגן פּראָגרעס, אַזוי גוט ווי די, וועלכע האָבן געפירט דעם מאַרש פון מענטשלעכן פּראָגרעס. פונדעסטוועגן האָט ער אונטערגעשטראָכן די גרויסע פּראָגרעסיווע טראַדיציע, אויסזוכנדיק די פאָראויסזעענדיקע, די וועלכע זײַנען געווען מוטיק אין קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, די הומאַניסטן, וואָס האָבן מיט זייערע אינטעלעקטן געפירט פאָראויס די וויסנשאַפט און קולטור. דאָס איז אפשר איין אורזאַך, פאַרוואָס מען געפינט אַזוי פיל וויסנשאַפטסלייט, הויפּטזעכלעך אין געביטן פון מעדיצין, אין דעם דאָזיקן בוך. אָן צווייפל איז די סימפּאַטיע, סיי פון דעם מחבר און סיי פון זײַנע לייענער מיט די פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן מאַרשירט, לויט היינריך היינעס אויסדרוק, אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט — פון אוממענטשלעכקייט.

יעדער לייענער וועט לייענענדיק דעם בוך אַליין אויסקלײַבן זײַנע העלדן. זאָלן די העלדן פון נעכטן אינספּירירן העראָאיזם אין דער איצטיקער צייט. עס איז באמת נויטיק מאַסן־העלדישקייט אין דעם איצטיקן קאַמף פאַר אַ סטאַבילן שלום און פאַר צוריק אויפשטעלן אונדזער דעמאָקראַטיע און אונדזער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און „ביל אָוו ראַיטס”, וואָס זײַנען אויף אַ שענדלעכן אופן פאַרגוואַלדיקט געוואָרן.

מאָריס יו. שאַפּעס

סעפּט. 24, 1955

פאָרוואָרט פונעם מחבר

דאָס בוך „פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע", שליסט איין אין זיך עטוואָס מער ווי דער נאָמען אַליין זאָגט. די ביאָגראַפיעס פון די פּערזענלעכקייטן, וואָס ווערן אויסגעטיילט, זיינען אַריינגעקייטלט אין די געשעענישן פון דער צייט אין וועלכער זיי דערשיינען. נאָר בלויז אויף אַזוי פיל האָבן זיי אַ געשיכטלעכן ווערט. דאָס בוך פּרעטענדירט ניט צו פאַרבייטן די פריערדיקע יידישע געשיכטע-ביכער. היסטאָריע אַלס אַ וויסנשאַפט, אין דעם מאָדערנעם זין פונעם וואָרט, מיינט אַ כסדרדיקע כראָניק פון פּאַסירונגען און געשעענישן און זייערע אורזאַכן און פאָלגן. דאָס בוך איז בלויז טיילוויז ווערט דעם נאָמען.

אויף אַ פּראָסטן חי וקים-לשון, איז עס נישט דער מאָלצייט גופא, נאָר אַ מין אַפּעטיט-אָנרעגער פאַרן צענטראַלן הויפּט-מאכל. דער ציל פונעם מחבר מיט די דאָזיקע ביאָגראַפישע סקיצעס איז צו סטימולירן אַן אינטערעס אין געשיכטע, נישט בלויז ווי אַ סתם געגנשטאַנד, נאָר אויך דורך איר בעסער צו פאַרשטיין און צו באַווירקן די לויפנדיקע געשיכטע, וואָס ווערט איצט געשאַפן פאַר אונדזערע אויגן מיט אַזאַ דראַמאַטישער שנעלקייט.

לייענענדיק די פאַרדינסטפולע בייטראָגן פון די פּאָזיטיווע פּערזענלעכקייטן, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעבראַכט, וועט עס סטימולירן דעם אַקטיוון צו ווערן נאָך אַקטיווער און דעם ווייניקן, אָדער גאָרנישט אַקטיוון, צו ליקווידירן אין זיך די גייסטיקע פוילקייט און די אומרירעוודיקייט.

אין דערזעלבער צייט וועלן די נעגאַטיווע טיפּן, וואָס זיינען פּראָטאָטיפּן פון אונדזערע היינטצייטיקע רעאַקציאָנערן, פון די פאַררעטער און „יודענראַטלער", אונדז העלפן שנעלער זיי צו דערקענען און אָוועקרוקן זיך פון זיי אויף דער מעגלעכסטער ווייטקייט.

די „פּערזענלעכקייטן" קומען אין כראָנאָלאָגישער אָרדענונג. זיי ווירקן אין רוים און צייט און ממילא קריגן מיר אויך אַ באַגריף, ווי שוין געזאָגט, וועגן די געשיכטלעכע געשעענישן אין זייער צייט. פאַר דעם זייער פאַרנומענעם, אָדער אומצוגעגרייטן צו שטודירן געשיכטע, וועט דאָס בוך זיין פון אַ מין באַקאַנטשאַפטס-ווערט אין דעם, וואָס מיר זיינען דאָ דורכגעגאַנגען, און מיט דעם וואָס מיר זיינען גייען איצט דורך, אין אונדזערע עפּאָכע מאָכנדיקע טעג און וואָכן, וואו יעדער טאָג ווערט עלטער פונעם פריערדיקן מיט יאָרן, און צומאָל אַפילו מיט יאָרהונדערטער.

נישט אַלע „פּערזענלעכקייטן", וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין משך פון אונדזער געשיכטע אין אַמעריקע וועט דער לעזער דאָ געפינען.

דאָס בוך דערגייט בלויז צו די, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן מיט אַ הונ־דערט יאָר צוריק. מיר קומען נאָך דאָ נישט צו דער מזרח־אייראָפּייאישער אימיגראַציע. די פּערזענלעכקייטן פון דער רוסיש־אוקראַיניש־ליטוויש־פּויליש־רומענישער אימיגראַציע וועלן ערשט קומען אין אַ צווייטן בוך.

אויסער דעם זיינען די איבער אַ הונדערט פּערזענלעכקייטן, וואָס קו־מען דאָ אריין, אויסגעקליבן געוואָרן אויף אַן אופן, וואו די אימיגראַציע פון אַלע מערב און צענטראַל־אייראָפּייאישע לענדער זאָלן זיין פּאָרטראַטן. דאָ האָבן מיר פּערזענלעכקייטן, וואָס קומען פון האָלאַנד, שפּאַניע, פּאָרטו־גאַל, פראַנקרייך, שוועדן, עסטרייך, אונגאַרן, איטאַליע און פון פאַרשיידענע דייטשע מלוכות. אַזוי, אַז עס שפּיגלען זיך דאָ אָפּ געוויסע געשיכטלעכע עפּיזאָדן פון די דערמאָנטע לענדער. אויך וויפל עס זיינען שוין אַהער געקומען געציילטע פּוילישע און אַנדערע מזרח־יידן, אויף אַזוי פיל זיינען זיי שוין אין דעם בוך אויך אריין.

מיר האָבן דאָ אין דעם בוך אויסער רעפּרעזענטאַטיווע יידישע סוחרים, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, כלל־טוער און מלוכה־מענטשן, אויך רעליגיעזע פירער, וואָס האָבן דאָ פאַרנומען דעם אויבן אָן אין קהלשן לעבן. אינעם צווייטן בוך, וואָס וועט שוין איצט געשריבן — פון דער מזרח־אייראָפּיי־אישער אימיגראַציע, וועלן שוין מערסטנס דערשיינען יענע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן סטימולירט און געפירט די ברייטע יידישע מאַסן, אַרבעטער, קליינהענדלער, פאַרמער און פאָלקס־אינטעליגענץ. אונדזערע אייגענע גוט־באַקאַנטע און פאַרהערלעכטע פירער וועלן קומען אין פאָרגרונט.

דאָס וועלן זיין פירער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, שרייבער און קינסטלער פון דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור, פון מוזיק און קונסט, דאָקטוירים און אינזשעניערן, דערפינדער, אַזוי גוט ווי פילאַנטראָפּן און בירגערלעכע בארימטע כלל־טוער.

דורך געבן דאָס ערשטע בוך אַ שנעלע פאַרשפּרייטונג וועט מעגלעכער ווערן, אַז דאָס צווייטע בוך, פון אונדזערע יאָרצענדליקער געשיכטע, און פּערזענלעכקייטן, זאָל דערזען וואָס שנעלער דעם ליכט פון טאָג.

אין אַ באַזונדער פּלאַץ דריק איך אויס מיין האַרציקן דאַנק צו אַלע די, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט אין דערמעגלעכן די דערשיינונג פונעם בוך. דאָ וויל איך בלויז אויסדריקן מיין דאַנק און אָנערקענונג צו צוויי פירנדיקע קאָלעגן, וואָס האָבן אַ היפּשן חלק אין דער אויספאָרמירונג פונעם מאַטעריאַל גופא, דורך זייערע אָנווייזונגען און עצות. דאָס זיינען די פריינט פּ. נאָוויק און דער היסטאָריקער פּאָרשער מאָריס יו. שאַפּעס. נישט בלויז איז דעם לעצטנס „דאָקומענטאַרע געשיכטע" געווען פאַר מיר איינער פון די וויכ־טיקסטע קוואַלן, נאָר אויך זיינע מינדלעכע פּערזענלעכע אָנווייזונגען האָבן פאַרהיט דאָס בוך פון איבערחזרן פיל טעותן פון פריערדיקע געשיכטע־שרייבער.

ניו־יאָרק, 18טן אָקטאָבער, 1955.

יידן איבער דער וועלט

ווען ס'האָבן ימען זיך געוואָרגן
מיט יידן אָנגעפּאַקט אויף שיפן,
אָנגעפּעלצטע שווער מיט זאָרגן,
מיט אויגן טיפער ווי די טיפן —
האָבן וואָלקנס גראָע כמאַרעס,
ווי עמוד ענגס זיי געדינט,
און פאַרפירט זיי אין די נאָרעס,
אין בלינדן וועג פון לאַבירינט.

ליכט און פינצטערניש, העלדנמוט און האַזן־שרעק, אויסגעהאַלטנקייט און שוואַכקייט, טרייהייט און פאַרראַט האָבן זיך געמישט אינם יידישן לעבן איבער דער וועלט, אין 17טן יאָרהונדערט.

די נישט־יידישע וועלט האָט זיך שוין היבשלעך געהאַלטן אין אַרויסטויכן פונעם פינצטערן מיטלאַלטער, פונעם פעאָדאַלן קאָשמאַר; די קירכע האָט שוין געמוזט אין פיל ערטער איבערגיין פון אָנגריף צו פאַרטיידיקונג. דער רענאַסאַנס, די גרויסע אויפלעבונג אין די וויסנשאַפטן און די קונסטן, די רעפאָרמאַציע, די באַוועגונג קעגן קאַטאָליציזם, האָט געמאַכט אירע גרויסע פאָרשריטן אין ענגלאַנד, האָלאַנד, צפון דייטשלאַנד און די סקאַנדינאַווישע לענדער. עס האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַן אויפרודערונג פונעם יונג־שפּראָצנדיקן בורזשואַזן קלאַס קעגן דער פעאָדאַלער הערשאַפט און קעגן אַלץ, וואָס זי האָט פאַרהייליקט.

די דאָזיקע דערוואַכונגען אין די דערמאָנטע לענדער און אין פראַנקרייך, איטאַליע, שווייץ און אין פיל דייטשע און טשעכישע געגנטן, זיינען פאָרגעקומען ווי באַגלייט־דערשיינונגען פונעם רעוואָלוציאָניזירטן האַנדל, פונעם אויפשוואונג און טעכנישע דעראָבערונגען, אין נייע באַגריפן אין דער מעכאַניק פון דער וועלט, אינעם וואוקס פון שטעט און אינדוסטריע, אין קאָמוניקאַציע און ניי־געעפנטע קאָלאָניזיר־געביטן.

אָבער בעת דער דאָזיקער מאַרש פאָרויס האָט זיך וואָס מער דערווייטערט פון דעם חושך פון פעאָדאַליזם מיט זיינע מיסטישע און פאַרמיסטיקטע באַגריפן, איז די לאַגע פונעם יידישן פאָלק געוואָרן אַזאַ, וואָס איז אַוועקגעשלעפט געוואָרן טיפער אינעם דזשאָנגל פון מיסטיציזם און אומוועלטלעכקייט.

דער מיטלאַלטער, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, האָט די יידן באַוועלטיקט און אַרויפגעשטויסן זיי אויף אַ ליניע פון נאָך געדיכטערן קאָנסערוואַטיזם, פון פאַרגראָבן זיך אין „טראַנשייען" פון נאָך מער אַבערגלויבן און דערוואַרטונגען פון נסים און מופתים, פון קראַנקהאַפטן משיחיזם און פאַרקאָרנייעטן דאָגמאַטיזם און פאַנאַטיזם.

דאָס זיינען געווען די אַזוי־גערופענע משיח־צייטן און משיח־ליידן. פאַר יידן איז אַלץ געוואָרן ענגער און ערגער. כאָטש עס האָט שוין „גע־

טאַנט" אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, זיינען נאָך די לאָרדנס דאָרט געבליבן פאַרהאַקטע אין שייכות צו יידן. פון אַלע לענדער ארויסצוטרייבן יידן איז געווען ענגלאַנד די ערשטע, נאָך אין 1290. פראַנקרייך האָט זיי אַרויסגע־טריבן מיט כמעט הונדערט יאָר שפּעטער — אין 1394. אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל — די גרעסטע יידישע צענטערם — אין 1492 און 1497; פאַר־שיידענע מלוכה'לעך פון דייטשלאַנד אין 16טן יאָרהונדערט, דאָ פון איין לאַנד, דאָ פון אַ צווייט לאַנד.

די ניי־געפונענע לענדער אין אַמעריקע און דער וויטער מזרח, זיינען געווען צו־ווייט און צו־ווייניק נאָך פּעאיק צו אַבסאָרבירן אימיגראַנטן. אָבער דער גאָר גרויסער אומגליק איז געקומען אין אַ נייעם גרויסן יידישן צענטער, אין פּוילן בכלל און אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, וואו פּוילן האָט געהערשט בפרט.

אין אוקראַינע, וואו די אינדוסטריע איז נאָך געווען אין געבער־מוטער און דער פעאָדאַליזם אין זיין פולער הערשאַפט, האָבן זיך אַ הויב געטאָן די מאַסן האַידאַמאַקעס, לייב־אייגענע קאָזאַקן, וואָס האָבן דערשפּירט די צעפּאָרנקייט און צעוואַלגערטקייט פון דער פּוילישער אימפּעריע. אונטער דער פירערשאַפט פונעם אַטאַמאַן כמעלניצקי, דעם אָנפירער פון די זאַפּאָ־ראָזשצעס, האָבן זיי געברענט די פּריצישע מאַיאָנטקעס און געבראַכט אויפן פּוילישן מיליטער איין מפּלה נאָך דער צווייטער. אין זייער אויפשוואונג און אויפרודער האָבן זיי געפונען אויך אַ גינסטיקע געלעגנהייט צו אָפּ־רעכענען זיך מיט די יידן. די אויפגעברויזטע קנאָפּ־אָריענטירטע פאַנאַטישע קאָזאַקן־מאַסע האָט נישט אונטערשיידט צווישן די יידן, וואָס האָבן געאַר־בעט פאַר די פּוילישע פּריצים און צווישן די, וואָס האָבן זיי קיין שלעכטס נישט געטאָן.

עס זיינען געווען געוויסנלאָזע יידן, וועלכע האָבן געהאַט נישט קיין קלענערע האַנט אין דער אָרימקייט און שפלות פונעם קאָזאַקישן פּויער, ווי עס איז געווען די האַנט פונעם גרויסן און קלענערן פּריץ. כמעט אין יעדן ישוב איז געווען אַ ייד, וואָס האָט קאָלעקטירט צינזן פון די פּראַוואָסלאַוונע פּויערים ביי די טירן פון די צערקוועס, און מיט דער הילף פון דער פּוילישער מאַכט נישט אַריינגעלאָזט צו גאָטעס־דינסט, די וואָס האָבן נישט איינגע־צאָלט דעם צינז. כמעט אומעטום האָבן יידישע קולאַקעס און גבירים גע־זויגן פונעם האָרעפּאַשנעם פּויער, אָפטמאָל דאָס לעצטע וואָס די פּוילישע פּריצים האָבן ביי אים איבערגעלאָזט.

אָט־דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט שוין געשטעמפּלט דעם יידן בכלל, אַפילו די אומשולדיקע אָרימע און אַליין עקספּלואַטירטע, אַלס אַ שונא פונעם קאָזאַקישן פּויער, אַלס אַ שונא פון זיין רעליגיע, פון זיין גאָט און פון זיין פאָלק. דער אויפשטאַנד האָט זיך אין פיל שטעט און שטעטלעך פאַרוואַנדלט אין אַ שרעקלעכן פּאָגראָם און שחיטה אויף אַלע יידן און פּאָליאַקן, שול־דיקע און אומשולדיקע, אויף פּריצים און אויף בירגער שוין אויך.

די פּאָקטישע פאַרניכטונג פון יידישע לעבנס איז זיכער געווען אַרום אַ פערטל מיליאָן. די פאַרניכטונג אָבער פון זייער האָב און גוטס איז געווען כמעט אַ פולשטענדיקע. די אוקראַאינישע און ווייס־רוסישע יידן, וואָס זיינען לעבן־געבליבן נאָך די דאָזיקע אויסברוכן אין 1648 און 1649, האָבן זיך ארויסגעלאָזט וואַנדערן איבער עסטרייך, דייטשלאַנד, האָלאַנד, און פריער פון אַלץ איבער פּוילן. אָבער אין רעכטן צענטער פון פּוילן זיינען שוין יידישן לעבנס אויך געוואָרן אומזיכער. צו די פּאָגראָמשטשיקעס פון אוקראַינע זיינען צוגעקומען אויך רוסישע און פּוילישע פאַנאַטיקער — און דער סך־הכל איז געווען אַ יידישער אומגליק, וואָס זיין פאַרנעם איז געוואָרן נומעראַל גרעסער ווי די גירושים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

אין פּנים פון דער דאָזיקער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע איז דער יידנטום אין אַ ריי לענדער — איטאַליע, האָלאַנד, עסטרייך, טערקיי און אירע באַלקאַנישע לענדער געוואָרן אויפגעטרייסלט. מען האָט געפּרואווט ראַטעווען יתומים און אלמנות, היילן פאַרוואונדעטע, איינאָרדענען די דאַכלאָזע און הונגעריקע, אויסלייזן די וואָס זיינען פאַרקויפט געוואָרן פאַר שקלאַפן.

אין דער יידישער וועלט, וואָס איז נאָך צו זיך נישט געקומען פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגיעזישע אינקוויזיציעס און שייטער־הויפנס, האָט עס געהייסן, אַז דאָס איז שוין דער קץ, דער סוף פונעם „יידישן גלות", און אַז איצט איז שוין אוממעגלעך, אַז משיח זאָל זיך קענען איינהאַלטן און נישט אַראָפּקומען אויסלייזן זיין פאָלק...

די מיסטישע לערע פון קבלה איז נישט געווען קיין אויסשליסלעך יידישער פּראָדוקט. ער איז אויך געווען אַן אימפּאָרטירטער אַרטיקל אין דער מאַכמעדאַנישער און קריסטלעכער וועלט. די קאַבאַליסטיק האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעפּאָרט מיטן משיחיזם, אַז איינס האָט זיך נישט געקענט באַגיין אָן דעם אַנדערן.

אין דער קריסטלעכער וועלט, אַ צעשפּליטערטע אין אַלערליי רעפאָרמאַטאָרישע סעקטעס, און אין צוויי קאַטאָלישע הויפּט־קירכעס — די גריכישע (פּראַוואָסלאַווגע) און די רוימישע (קריסטלעכע קאָנסערוואַטאָרן), איז געוואָרן פאַרשפּרייט דער גלויבן, נאָך דער פאַרניכטנדיקער דרייסיק־יאָריקער מלחמה, אַז יעזוס־קריסטוס וועט ווידער אַראָפּקומען אויף דער ערד אויסצולייזן די פאַרקנעכטע מענטשהייט אינעם יאָר 1666. אין דער זעלבער צייט כמעט, האָבן די מאַכמעדאַנישע פאַנאַטיקער געגלויבט יעדן טאָג, זינט עס איז געוואָרן טויזנט יאָר נאָך מחמד'ס טויט (632), אַז אָט־אָט וועט ער זיך צוריק אַנטפּלעקן און אויסלייזן די לענדער פון קריסטלעכע הענט.

עס איז אַ פאַקט, אַז קיינמאָל איז נאָך די העברעאישע שפּראַך נישט געוואָרן קיין מאָדע־שפּראַך צווישן משיח־זוכער ווי אין דער דאָזיקער צייט. פיל נישט יידישע געלערטע האָבן גענומען באַטראַכטן דעם קלאַסישן העברעאיש נישט ווייניקער ווויכטיק ווי קלאַסיש גריכיש, לאַטיין און אַראַביש. קיינמאָל האָבן נאָך קריסטלעכע קאַבאַליסטן נישט אַזוי שטודירט די ביבלי־

שע שריפטן ווי אין דער דאָזיקער צייט, אינעם רעכטן מיטן פֿונעם 17טן יאָרהונדערט.

אין דעם ליכט פֿון דעם צושטאַנד אין האָלאַנד און אין ענגלאַנד, וואו דער קאַמף קעגן פעאָדאַליזם און אַבסאָלוטיזם האָט דערגרייכט אָט־אָט צו די באַרג־שפּיצן, האָט אויך אָפּגעשלאָגן דער שיין פֿון אַ נייער צייט, פֿון אַ בעסער לעבן, פֿון מער גערעכטיקייט און וויניקער אומרעכט. — ווידער אַמאָל האָבן עס קאַבאַליסטן און משיח־זוכער אויסגעטייטשט, אַז דאָס איז משיח׳ס צייט.

וואָס איז דער וואונדער, וואָס גראָד די פּאַרפעסטיקטע, רייכע קירכעס, אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, האָבן אָנגעהויבן צו ווערן נאָך מער סענסיטיוו צו דער געפאַר פֿון דער אַגיטאַציע וועגן אַ יידישן משיח, און גענומען טרייבן דעם דאַמף און רויך פֿון דער אינקוויזיציע „הויך צו די הימלען".

נאָך וויניקער ווערט דער וואונדער אינעם ליכט פֿון דעם דאָזיקן צו־שטאַנד, וואָס גראָד אינעם 17טן יאָרהונדערט האָבן פיל מער מאַראַנען פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל גענומען אַנטלויפֿן וואָס שנעלער פֿון זייערע געבורטס־היימען אין לענדער, וואו די האַנט פֿון דער אינקוויזיציע וועט זיי נישט גרייכן. זיי האָבן געהערט, אַז יידן האָבן ווידער גענומען שטייגן אין חשיבות אין געוויסע קריסטלעכע און מאַכמעדאַנישע קרייזן.

און נישט בלויז דאָס. איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן, וואָס אין די יידישע קרייזן פֿון אַמסטערדאַם און סאַלאָניקי (גריכישע טערקיי) האָט מען זיך געשטעלט, איז געווען אַראָפּצוברענגען פֿון די אינקוויזיציע־לענדער די מאַראַנען, וואָס ווילן מער נישט טראָגן די קאַטוילישע מאַסקע.

האָט טאַקע די אינקוויזיציע ערשט רעכט אָנגעהויבן איר פֿיבערישע אַרבעט. וואָס מער מאַראַנען עס זיינען אַנטלאָפֿן, אַלץ מער האָט די יעזואַי־טישע לאַפּע זיך געלייגט אויף דער פֿלייצע פֿון די פֿאַרמעגלעכע מאַראַנען. דאָס האָט געמיינט נישט בלויז די באַרויבונג פֿון פֿאַרמעגן און פֿרייהייט, נאָר אויך די באַרויבונג פֿון גאַנצע אברים, פֿון יסורים, וואָס בלויז העלדי־שע מאַרטירער קענען ביישטיין. דאָס האָט אויך אין פֿיל פֿאַלן געמיינט פֿיי־ניקונגען כדי אַרויסצוקריגן נעמען פֿון נייע קרבנות, וואָס האָבן זיך אין פֿיל פֿאַלן געענדיקט מיט צוזאַמענברעכונגען און מיט נייע אַרעסטן און פֿייניקונגען.

דאָס איז געווען די צייט פֿון אויסערגעוויינלעכע גיבורים און פֿון אויסערגעוויינלעכע לומפּן און — פּחדנים, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן זייערע אייגענע עלטערן, אייגענע קינדער. דאָס איז געווען די צייט פֿון אַזוי־פֿיל ערלעך־גלויביקע פֿאַנאַטיקער און ערלעך־דענקנדיקע אפּיקורסים, פֿון שווינד־לערישע, עגאָאיסטישע נביאים און פֿון שבתי צבי, וואָס האָט זיך דערקלערט פֿאַר משיח׳ן, געפּראָוועט גאולה און אָפּגענאַרט מיליאָנען מענטשן (אויך קריסטן און מאַכמעדאַנער), און דאָס איז געווען די צייט פֿון ברוך שפּינאָזאַ, פֿונעם פֿילאָזאָף, וואָס יידישע קלעריקאַלן האָבן פֿאַרשטויסן און פֿאַרדאַמט.

שבתי צבי — דער פאַרפירער

קאָנצענטרירנדיק זיך אין דעם ווערק אויף די פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געווירקט ערב, און אין, דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע, דאַרף מען נאָך פון דעם נישט ציען דעם שלוס, אַז די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע איינצלנע פּערזאָנען, זיינען די כוחות, וואָס שאַפן די גע־שיכטע. געשיכטע איז נישט אַזאַ סטאַ־טישער ענין, וואָס שטעלט זיך אָפּ צו־ליב דעם, וואָס אַ גרויסע פּערזענ־לעכקייט האָט זיך פּלוצלונג פאַרפעלט, געשטאָרבן, צי פאַרראַטן זיין אידייע, צי בכלל געשטאַנען מיטן פּנים בלויז צו דעם עבר. געשיכטע באַשטייט פון כסדרדיקע פּראָצעסן אינעם גערעַנגל פון קלאַסן פאַר מאַכט. די פּערזענלעכקייטן גופא פאָרמירן זיך אויס טאַקע אין די געשיכטלעכע פּראָצעסן. אוודאי ווערן זיי שוין ממילא אַליין שטויס־כוחות, וואָס ווירקן ווייטער. זיי זיינען ווי רעדער, וואָס האַלטן בסדר אין קייקלען זיך פאָרויס.

מען זעען עס אילוסטרירט אין דער אויספאָרמירונג פון אַזעלכע צוויי געשיכטלעכע דערשיינונגען, ווי שבתי צבי און ברוך שפּינאָזאַ. ביידע זיינען זיי פּראָדוקטן פונעם געשיכטלעכן קאַמף. דער ערשטער — אַ פּראָדוקט פונעם פעאָדאַליזם, וואָס זוכט נייע אופנים פון פאַרפעסטיקן זיך און אָנהאַלטן דעם אַבסאָלוטיזם פון פעאָדאַל און קירכע. דער צווייטער — אַ פּראָדוקט פון דער יונגער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע.

צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן — איין קאָלאָסאַלער קעגנזאַץ!

ווי צוויי וואַנדערנדיקע שטערן, וואָס טרעפן זיך ביי אַ קרייץ־וועג, אויף איין מאָמענט בלויז, אין זייער גאַנג צו זייערע באַשטימטע ריכטונגען, כדי צו נעמען זיך צעגיין וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער און פרעמדער אין קעגנזעצ־לעכע ווייטקייטן, אַזוי זיינען געווען שבתי צבי און ברוך שפּינאָזאַ. שטרענג אָרטאָדאָקסישע יידן דערמאָנען נישט ביידנס נעמען אָן דער קללה פון „שר״י" — שם רשעים ירקב (זאָל פוילן דער נאָמען פון די רשעים). אָבער וואָס קען זיין ווייטער אין ווען, כאַראַקטער און אין דער היסטאָרישער ראָלע פון זייערע ביידנס לעבנס!

יענע צייט, אין מיטן פונעם 17טן יאָרהונדערט, איז צוליב דעם אויפ־גערודערטן פיבער־צושטאַנד אין דער וועלט בכלל, און צווישן די יידן בפרט, נישט געווען גינסטיק, אַז אַזעלכע צוויי „בלאָנדזשענדיקע שטערן" זאָלן זיך נישט פאַרטשעפּען אינעם אילוזאָרישן שטראַלן־נעץ פון דער קבלה.

זייער ווייניק ווערן נישט פארמאניעט פון איר ליכט. מער נישט — דער יינגערער פון זיי האט זיך געכאפט שנעל, אז דאס זיינען נישט קיין ליכט־שטראלן, נאר שטארן וואס פארשטעלן די אמת'ע שטראלן. נאר דער עלטערער, שבתי צבי, האט פאר זיך פון זיי אויסגעפלאכטן א קראנץ און פארשפרייט זיין פאלש ליכט אין א ראדיוס פון עטלעכע טויזנט מייל, נישט בלויז צווישן יידן, נאר אויך צווישן מאכמעדאנער און קריסטן.

און ווי גרויזאם די געשיכטע קען אמאל רעזשיסירן און פאנאנדערטיילן אירע ראלן! בעת דער הויך־עטישער, ערלעכער און קלארער פילאזאף, וואס האט באמת געקאנט זיין א ליכט און א שטאלץ פאר זיין פאלק, איז גאר פארשטויסן און פארדאמט געווארן אין עלטער פון 24 יאר, איז דער האלב־צעדולטער שבתי צבי דערהויבן געווארן צו דער העכסטער הויך. דער דאזיקער אסקעט, א פארווירטער און פארוויגטער אין אלערליי אילוזיעס און האלוצינאציעס, איז אין עלטער פון בלויז 22 יאר, אין 1648, שוין פראקלאמירט געווארן פון זיינע תלמידים און נאכפאלגער אלס „משיח אלוהי יעקב", דער אויסלייזער פונעם יידישן פאלק און פון דער וועלט. אין משך פון קנאפע דריי צענדליק יאר האבן הונדערטער טויזנטער אים אפגעגעבן געטלעכן כבוד, און אזעלכע זיינען געווען נאך צענדליקער און הונדערטער שפעטער, און עס פארוואלגערן זיך איצט נאך אפילו אזעלכע, וואס ווארטן אויף זיין גיכער ווידער־אנטפלעקונג.

ביידע האבן זיי געריסן שטיקער פון דער פארמארינירטער אלטער, יידישער אמונה. איינער כדי צו פארפינצטערן נאך מער די מאסן און פארצווילינגן זיך מיט גאט אין איין באגריף. דער צווייטער אראפצונידערן גאט פון די „הימלשע" הויכן און אים צונויפפארן מיט יעדן טראפן און זעמדל. דער „אפיקורס" האט גאט געפונען אין יעדן ווינקל און שפעלטל, און אין דערזעלבער צייט געמאכט אים פאר אן ערעסטאנט פון זיין אייגענער טורמע, געבונדן אים אין זיינע אייגענע קייט־געזעצן.

אבער וואו עס זיינען דא צוויי איז דא א דריטער. צווישן די דאזיקע צוויי קעגנזאצן, און פון א פיל, פיל קלענערן, אבער דאך וויכטיקן קאליבער, איז געווען איינער, וואס האט ווי א מאגנעטישע נאדל געוויגט אהין און אהער. דאס איז געווען מנשה בן ישראל, א פארטוגעזישער ייד און דער צווייטער רב אין אמסטערדאם, אפטמאל בלויז דער מגיד.

דאס איז געווען אן אויבנאויפיקע פיל־פארביקע פערזענלעכקייט, וואס האט שימערירט מיט אזויפיל פייערן און פייערלעכקייטן, אז בלויז גרויסע מבינים האבן געקענט דערזען, אז אלץ אין אים איז פרעמד פייער און פון דעם „פייערווערק" מין. מנשה בן ישראל האט געקענט פיל שפראכן, איינציקע פון זיי זייער פליסיק. ער האט געשריבן אין העברעאיש, לאטיין און פארטוגעזיש אין א הויכער מליצה, וואס האט געבלענדט מיט פארביקייט. זיין שפראך איז געווען גלאט, זיין צונג האט זיך קיינמאל נישט פארטשעפעט. אבער זיין באגאזש וויסן איז געווען פון א „לייכטן פאסאזשיר".

ער האָט קנאַפּ־וואָס געוואוסט פון די וויסנשאַפטן, אָבער קלוג געגוג צו רעדן וועגן זיי, נישט אַריינגיין טיפער, וואו ער וואָלט זיך פאַרלאָרן. ער איז געווען אַ קנאַפּער מייסטער אין תלמוד און דאָך געווען אַ רב. ער איז געווען אויבערפלעכלעך אין מדרש און קבלה און דאָך פלעגן זיינע דרשות זיין די באַזוכטסטע און פון די פייערדיקסטע. ער איז געווען אַ ייד מיט אַלע סימנים פון אַ יידן און דאָך אַריינגעדרונגען אין דער העכסטער געזעל־שאַפט פון זיין צייט. זיינע ביכער האָבן קיין זאַך נישט אויפגעטאָן, אָבער זיי האָבן זיך געפונען אויף די טישן פון די גרעסטע געלערנטע און נישט זעלטן אין די ביבליאָטעקן פון הויכע מלוכה־מענטשן. ווייל איבער אַלץ איז מנשה בן ישראל געווען אַ געשיקטער דיפּלאָמאַט און אַ גרויסער פאַנטאַסט.

מנשה בן ישראל איז אויך אָנגעשטעקט געוואָרן מיטן משיחיזם פון יענער צייט. ער האָט אים דערפילט גלייכצייטיק ביי יידן און ביי קריסטן. ער איז געווען זיכער, אַז אין 1648 האָט זיך אָנגעהויבן די „חבלי־משיח" און אַז עס איז בלויז נויטיק איין זאַך, — כדי משיח זאָל קומען — אַז יידן זאָלן זיין צעשפּרייט אין אַלע לענדער פון דער וועלט. און ווען ער האָט געהערט קלאַנגען, אַז אין אַמעריקע זיינען פאַראַן מיליאָנען יידן; אַז די אינדיאַנער זיינען די „עשרת השבטים", די 10 שבטים, וואָס זיינען „פאַר־פאַלן געוואָרן", אָן שום שפּור, האָט אים דעריבער בלויז געפעלט ענגלאַנד, וואו עס איז נישט געווען קיין זכר פון יידן.

דאָס איז ער געווען דער איינציקער ייד אין יענער צייט, וואָס האָט אָנגעשפּאַרט מיט זיין מיסיע צו דערווערבן יידישע רעכט אין פיל לענדער, אין די הויפן פון פיל מאָנאַרכן. די שוועדישע קעניגין כריסטינאַ האָט אים אויפגענומען מיט גרוים כבוד און געפירט מיט אים אַ לענגערע קאָרעספּאָנ־דענץ. ער האָט אָנגעשפּאַרט אין ענגלאַנד ביים רעגענט קראָמוועל און געפירט דערנאָך מיט אים אַ לענגערן בריוו־וועקסל, און כאָטש ער האָט נישט גע־קענט דערוויזן קיין באַלדיקע רעזולטאַטן — האָט ער אָבער געשטעלט די פראַגע אויף דער טאָג־אָרדענונג פון ענגלאַנד און פון אַנדערע לענדער. די פראַגע אין ענגלאַנד גופא, האָבן יידן שוין אַליין טיילווייז געלייזט דורך דעם, וואָס מנשה בן ישראלס דאָרטיקע באַזוכן האָבן פאַר זיי געעפנט אַ שפּעלטל אַריינצוקומען אַמווייניקסטנס אין דעם דאָזיקן פאַרבאָטענעם לאַנד, אָן די פריערדיקע שטרענגע שטראָפן. מיט דער צייט זיינען זיי אויף אַזויפיל פאַרבירגערט געוואָרן, אַז זיי האָבן שוין דאָרט געקענט אָנהויבן צו קעמפן פאַר רעכט.

מנשה בן ישראל איז נישט אָנוועזנדיק געווען אין אַמסטערדאַם אין 1656 ווען שפּינאָזאַ איז פאַרדאַמט געוואָרן. ער וואָלט מסתמא געפונען אַ דיפּלאָמאַטישן וועג ווי צו לייזן פרידלעכער די שפּינאָזאַ פּראָבלעם. ער איז דאָך אויך געווען זיינער אַ תלמיד.

ברוך שפינאָזאַ — דער אָפּפרעגער

ברוך שפּינאָזאַ (בענעדיקט) איז געבוירן געוואָרן אינעם יאָר 1632, אין שפּאַניע ביי מאַראַנען עלטערן. די פאַמיליע האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין זאַך פון אַנדערע דורכשניטלעכע מאַראַנען, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין לויפן פון שפּאַניע קיין האָלאַנד. זיינע חדר־יאָרן האָט ברוך שוין געהאַט אין אַמסטערדאַם. ער איז געווען ערנסט און פלייסיק. זיין שאַרפער מוח האָט אים אַרויסגערוקט פאַרן בעסטן תלמיד פונעם דעמאָלטדיקן רב שאול לוי מאַרטעירא. צו 15 יאָר האָט ער שוין דעם רבי׳ן דערקוטשעט מיט אַלערליי ווידערשפּרוכן, וואָס ער האָט געפונען אין די „הייליקע ביבלישע שריפטן און אין תלמוד". ער איז שנעל געוואָרן היימיש מיט יענע יידישע קריטישע דענקער, ווי אבן עזרא, רמב"ם און חסדאי קרשקש און זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אַנטוישט אין דער טראַדיציאָנעלער יידישער תורה.

ברוך האָט גלייכצייטיק געלערנט לאַטיין און מיט דער הילף פון זיין לאַטיינישן לערער, דר. פראַנץ וואַן דען ענדען, געקריגן אַ צוטריט צו דער קריסטלעכער שטודירנדיקער יוגנט, און צו דער אַלגעמיינער קלאַסישער ליטעראַטור און די וויסנשאַפטן פון יענער צייט. ווי אַ הונגעריקער האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַלע פאַרשיידענע גייסטיקע געריכטן און פאַרזוכט זיי. ער האָט אפילו אויסגעפּרואווט דעם טעם פון קבלה (קאַבאַלע), די מיסטישע לערע, וואָס שטעלט זיך ווי אַ טויבע וואַנט קעגן שכל און וויסנשאַפט, און זי גלייך אויסגעשפּיגן, ווי ער וואָלט פאַרזוכט גיפט.

זיין וועג איז שוין געווען אַן אָנגעצייכנטער: גלויבן וועט ער קיין זאַך נישט, אויב זי ליגט זיך נישט אויפן שכל. פאָרשן וועט ער אַלץ, וואו עס לאָזט זיך עפענען אַ טיר. זיין פלייסיקייט — אַן אומדערמידלעכע און זיין מוח — אַן אַריסטאָטלשער, האָבן זיך צוזאַמען קאָמבינירט אַרויסצוברענגען אינעם מיטן פון 17טן יאָרהונדערט דעם באַרימטסטן פילאָזאָף פון יענער צייט — שפּינאָזאַ׳ן.

יעדער פילאָזאָף רופט אָבער אַרויס זיין קעגנזאַץ — דעם אָבסקוראַנט (פינצטערלינג), דעם גייסטיקן חזיר, וואָס ציט כסדר צו דער זומפּיקער בלאָטע, צו די פינצטערע געפּלאָנטערטע וועגן. שוין פון דער ישיבה, וואו שפּינאָזאַ האָט געלערנט, זיינען אַרויסגעקומען די מוסרים, וואָס האָבן אים

פאַראַטן — יצחק נאַאַר און זיינע חברים.

האָבן זיי אַרויסגעגנבעט פון זיינע דרייסטע, רעבעלירנדיקע געדאַנקען יענע שפּיציקע ווינקלען, וואָס האָבן זיך געלאָזט לייכט קניטשן און טייטשן. זיי האָבן געבראַכט די דאָזיקע „געריכטן" צו די פירער פון דער געמיינדע, ווי באַווייזן, אַז ברוך גייט אַוועק אויפן אַפּיקורסישן וועג; אַז ער פאַרנעמט זיך מיט לעסטערן די יידישע אמונה; אַז ער פירט אַראָפּ פון וועג אומשולדיקע יידישע קינדער.

ווען דאָס וואָלט אפילו אמת געווען, וואָלט שפּינאָזאַ אויך געהאַט רעכט אויף זיינע געדאַנקען. אָבער שפּינאָזאַ איז קיינמאָל נישט געווען קיין צוימען־ברעכער. יאָ, פאַר זיך איז ער אַריבערגעשפּרונגען שוין אַלע טראַדיציאָנעלע יידישע געבאָטן, וואָס האָבן פאַר אים קיין זין נישט געהאַט. ער איז אָבער געווען מער זוכער, ווי פּלוכער. ער האָט געוואָגט צו דענקען פריי, אָבער ער איז בכלל נישט געווען דער מענטש פון ברעכן, פון אַריינרייסן זיך מיט געוואַלט. זיין נאַטור איז געווען אַ צו שטילע, אַז ער זאָל זיך שפּאַרן צו וועלכע עס איז פּראַקטישע צילן. דאָס איז גיכער געווען זיין חסרון, ווי זיין איינשאַפט.

אוודאי איז ער מער אין שול נישט געגאַנגען. נישט זיין גאָט האָט דאָרט געהאַט אַ באַזונדערע „שטאַט", נישט ער האָט געגלויבט, אַז מ'דאַרף „אים" בעטן און פאַלן צו די פיס. ווען די קהילה האָט אים פאַרגעשלאָגן — אויף אַ פּריוואַטן אופן — אַ שטענדיקע יערלעכע סטיפּענדיע פון טויזנט גולדן, אַבי ער זאָל זיך פון צייט צו צייט באַטש ווייזן אין שול, האָט עס דער יונגער פילאָזאָפירנדיקער בחור נישט אָנגענומען. אויב ער האָט נישט געהאַט קיין געגנונג דרייסטקייט אַרויסצוקומען אָפן מיט זיינע וואָגנדיקע געדאַנקען וועגן גאָט און מענטש, וועלט און שאַפונג, האָט ער אָבער נישט געוואָלט צושטימען צו ווערן אַ היפּאָקריט פאַר זילבערנע שטיקער — מעגן זיי זיין מער ווי 30 מאָל אַזוי פיל, ווי די סומע וואָס אַ יידישער קהל זאָל האָבן באַצאָלט דעם קריות'ער (קריאָטער, יודאַס)...

די אָבסקוראַנטן האָבן נישט גערוט. ער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ נויטיקייט צו האָבן גראַד פילאָזאָפישע רו, איז איבערגעפאַלן געוואָרן מיט אַ מאָרד־אינסטרומענט פון אַ פאַנאַטישן גאָט'ס סטראַפּטשע, און בלויז דורך אַ פלינקן קער האָט שפּינאָזאַ אויסגעמיטן דעם טויט. איז שוין פאַר אים נישט געבליבן קיין אַנדער וועג, ווי אַוועקצופאָרן און אָפּגרעניצן זיך. ער איז אַוועק אין אַ דאָרף צווישן אַמסטערדאַם און אָודערקערק. דאָרט האָט ער געהאַט אַ חבר, אַ סעקטאַנט, וואָס איז אויך פאַרפאָלגט געוואָרן פאַר אַפּיקורסות קעגן זיין קאַלוויניסטישער קירך, און צוזאַמען האָבן זיי איבערגעטראַכט וועגן דער גרעניצלאָזיקייט פונעם מענטשלעכן טעמפּן שכל און פאַנאַטיזם.

דעמאָלט האָט עס דער ראַבינאַט פון אַמסטערדאַם אים פאַרמשפּט

אונטער די אויגן. דער דאָזיקער פינצטערער טאָג אין דער געשיכטע איז דער זעקסטער אָב (דער 24טער יולי) 1656. מען האָט דעם גוטהאַרציקן, ערלעכן, אָבער אַנדערש־דענקענדיקן האַרעפּאַשניק (שפּינאָזאַ איז געווען אַ גלאָז־שלייפער פאַר ברילן) אַריינגעלייגט אין חרם: קיינער זאָל מיט אים קיין מגע ומשא נישט האָבן, נישט לייענען זיינע שריפטן. אַלע קללות פון דער תוכחה האָט מען אַרויפגעשלײדערט אויף זיין קאָפּ.

סך הכל האָט נאָך געדויערט פערצן יאָר ביז עס איז דערשינען אין דרוק זיין ערשט ווערק און דאָס אונטער אַ פּסעוודאָנים, און דאָס אין אַן אַנדער מלוכה — אין דייטשן האַמבורג. דאָס איז געווען דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט". איינע פון שפּינאָזאַ'ס פּאָליטישע הויפּט־איינשטע־לונגען, וואָס זיינען נאָך איצט אַזוי גילטיק, איבערהויפּט ביי אונז אין לאַנד, ווי דעמאָלט, איז, אַז „פרייער געדאַנק" דאַרף דערלאָזן ווערן, אָן וועלכן עס איז שאָדן פאַר רעליגיע, אָדער פאַר דער מלוכה. פאַרקערט — אַז אָן פרייען געדאַנק קען רעליגיע און שלום נישט עקזיסטירן אין קיין שום מלוכה.

וואָס שייך זיין פילאָזאָפיע, איז זי אַזוי פאַרוויקלט און אָפט צווייִדייִ־טיק (צוליב די פּאָליטישע אומשטענדן פון יענער צייט), אַז זי ווערט גלייכ־צייטיק דערקלערט פון פאַרשיידענע צדדים ווי אַ מאַטעריאַליסטישע און, פאַרקערט, ווי אַן אידעאַליסטישע, ווי אַטעאיזם און ווי פּאַנטעאיזם, אַז „גאָט" איז אין אַלצדינג, און נישט איבער אַלצדינג. מאַרקסיסטן האַלטן אים ווי אַ דיאַלעקטישן דעטערמיניסט, פאַר אַן אַטעאיסט און נישט קיין פּאַנטעאיסט.

שפּינאָזאַ — הגם אַ דיאַלעקטיקער, איז געווען דער פילאָזאָף פון דער יונגער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע, וואָס האָט באַקעמפט אַלץ, וואָס איז איר געשטאַנען אין וועג צו קריגן די פולע מאַכט אין איר האַנט. די בור־זשואַזיע האָט דעמאָלט געהאַט אַלע אורזאַכן אויפצוהויבן אַ האַק אויף דער אַלטער אָרדענונג פון פעאָדאַלן און שקלאַפנהאַלטער און אויף די קירכלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיי געהייליקט און אויפגעהאַלטן.

אָבער זיכער איז, אַז די וואָס האָבן אים פאַרדאַמט און פאַר'חרם'ט, האָבן זיך נישט פאַנאַנדערגעקליבן צו וועלכער פילאָזאָפישער שולע ער גע־הערט. זיי איז אָנגעגאַנגען דער מענטש, וואָס זוכט און געפינט אַזוי פיל ווידערשפּרוכן אין תורת משה און אין תלמוד. זיי איז אָנגעגאַנגען, וואָס ער צערודערט די אַלטע גייסטיקע פונדאַמענטן פון דער פעאָדאַלער געזעל־שאַפט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך צוזאַמענגעלעבט.

און אָט איז ווי זיי ווערן געשילדערט פונעם היפשלעך קאָנסערוואַטיוון היסטאָריקער.

פיר זיינען זיי געווען אין דער גרינדונג פונעם אַמסטערדאַמער ראַבינאַט — דוד פּאַרדאָ, מנשה בן ישראל, יצחק אבוהב און זייער הויפּט — שאול מאָרטעיראָ (1596—1660), שפּינאָזאַ'ס רעליגיעזער רבי. זיי אַלע זיינען גע־

ווען האַלב־געבאַקענע פאַנאַטיקער, אָן אייגענע פאַרטיפונגען אָדער פאַרבריי־טונגען, גאָר אומבאַדייטיק איז געווען דוד פאַרדאָ. אין תלמוד׳ישער געזעץ־קענטשאַפט און אָנווענדונג זיינען זיי געווען פון צווייטער אָדער דריטער מדרגה. זיי זיינען געווען מער מגידים ווי רבנים, וואָס פירן זייער דור אין גייסט פון זייער צייט. שאול מאַרטעירא איז אפילו נישט געווען קיין מאַ־לאַנטפולער מגיד. נישט קיין זאָגער אָדער אָנזאָגער מיט אייגענעם פייער, נאָר אַ נאָכזאָגער, אָן איבערקייער פון אַלטע דרשות.

קענען אים זיינען שוין ר׳ יצחק אבוהב און מנשה בן ישראל געווען די „גרויסע תלמידי חכמים". אָבער אויב איינער איז גרעסער פון אַ קאַרפּ מיינט עס נאָך נישט, אַז ער איז אַ וואַלפיש. מנשה בן ישראל (1604—1657) איז ביים חרם נישט געווען. ער איז דעמאָלט געווען אין ענגלאַנד. אגב, ווען דער יעזואיטישער חכם, אַנטאָניא וויעירא פון ליסאַבאָן, וואָס איז גראָד גע־ווען אַ פריינט פון יידן, האָט באַזוכט אַמסטערדאַם און געקומען הערן די דרשות פון ר׳ יצחק אבוהב און מנשה בן ישראל, זאָל ער דערנאָך האָבן אָפּגעגעבן אַ לאַקאָנישן באַריכט: „מנשה זאָגט וואָס ער ווייס, דער צווייטער (אבוהב) ווייס וואָס ער זאָגט..." אָבער נישט מער.

גרעץ זאָגט וועגן אבוהב׳ן: „אין כאַראַקטער איז ער געווען וואַקלענ־דיק, אונטערוואָרפן אונטערן איינפלוס פון אַנדערע, מסוגל צו חניפה און דעריבער נישט זעלבסטשטענדיק. אָט צו אַזאַ מאַן איז איבערגעגעבן געוואָרן דער קאָנטראָל איבער דער אַמסטערדאַמער קהילה אויף זיבעציק יאָר". אבוהב (1606—1693) איז דערצו נאָך געווען אַבערגלויביש, ווי די מאַסע אָרום. ביידע זיינען זיי געווען קאַבאַליסטן, געגלויבט אין שמות (שעימעס) און צירופים און אויסגעטייטשט פסוקים אין דניאל, אַז אָט־אָט קומט משיח...

וואָס איז שייך דעם „גרויסן" ר׳ יצחק אבוהב, איז ער אין די 60ער יאָרן געוואָרן אַ שבתי־צבי׳ניק, צוזאַמען מיט די צוויי מוסרים אויף שפינאָ־זאַ׳ן — משה זאַקוטאַ און יצחק נאַאַר. שפינאָזאַ איז אין דער גאַנצער שבתי־צבי־בהלה געווען קיל און קלוג און אָנגענומען דעם גאַנצן ענין ווי אַ היסטעריע פון פאַנאַטיקער.

אָבער דער אויפרודער מיטן משיחיזם האָט דעמאָלט גענומען אָנשלאָגן די העכסטע ספערן. אין פיל טויזנטער ביישפילן האָבן זיך ערשט יידן געלאָזט אומברענגען בלויז פאַרן אָנהאַלטן זיך אָן זייער טראַדיציע און פאַר נישט וועלן אַרויסגעבן זייער מיטגלויביקע.

יידן אין אַלטן אַמסטערדאַם

פאַקטיש איז דער גרעסטער טייל פון דער נייער אַמסטערדאַמער יידי־שער קהילה באַשטאַנען פון מאַראַנען, געוועזענע קריסטן, וואָס האָבן איבער־געלאָזט אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל הייזער און ברייזער, לאַנד און גע־שעפטן, הויכע שטעלעס אין מלוכה און אין דער קירכע, כדי נישט צו לעבן אין שרעק אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער אינקוויזיציע. פיל פון זיי זיינען געפּייניקט געוואָרן יאָרן לאַנג אין די קאַזעמאַטן און קעלערן פון דער אינקוויזיציע. און דאָ קומט איינער פון זיי און וואַרפט צוריק די געט־לעכקייט פון זייער היילִיקטום!

איניקע פון די דאָזיקע מאַראַנען זיינען געווען אויטאָרן, דיכטער, דראַמאַטורגן, מאַנאַכן און שטאַטסלייט. אַזוי איז פריער געווען פּרעי ווינ־סענט דע ראָקאַמאָראַ, אַ מאָנאַך אין וואַלענציע, שפּאַניע. ער איז אַ צייט געווען דער לייב־גלח (קאָנפעסאָר) פון דער פּרינצעסין מאַריאַ, שפּעטער די אימפּעראַטאָרין פון דייטשלאַנד און אַ ביטערער שונא פון יידישן פאָלק. אַט־דער מאָנאַך איז עם פּלוצלונג נישט געוואָרן אין שפּאַניע, אָפּגעזוכט זיך אין אַמסטערדאַם און דערקלערט זיך אָפן פאַר אַ יידן. צו 40 יאָר האָט ער זיך גענומען לערנען מעדיצין, חתונה געהאַט און געוואָרן דער פּרעזידענט פון יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און פון דער קהילה. ער איז אויך געווען אַ דיכטער אין שפּאַניש און לאַטיין.

און אָט איז גאָר ענריקעז דע פּאַז, אַ געוועזענער שפּאַנישער מיליטער־מענטש פון סעגאָוויאַ מיט אַן אָרדער אויף דער ברוסט און קאַפּיטאַן־ראַנג פאַר אויסצייכענונגען. ער איז אויך געווען אַ פּען־קינסטלער, וואָס מ׳האָט שפּעטער גערופן „דער יידישער קאַלדעראָן". זיינע מער ווי 22 קאָמעדיעס זיינען געשפּילט געוואָרן אין מאַדריד און מ׳האָט זיי אָנגענומען אַלס קאַל־דעראָנס ווערק. אָבער די אינקוויזיציע איז געווען נישט געגוג שנעל און דע פּאַז איז אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך און פון דאָרט קיין אַמסטערדאַם.

אין אַמסטערדאַם האָבן דעמאָלט אויך געלעבט די אַנטלאָפענע מאַראַ־נען, די צוויי פּענסאָס, יצחק, דער פאָטער און זיין זון־דראַמאַטיסט יוסף. זיי זיינען אַנטלאָפן פון קאָרדאָוואַ, שפּאַניע. יוסף פענסאָ האָט געשריבן אין אַ פרייען העברעאיש און אין שפּאַניש לידער און פּיעסן אונטערן נאָמען באָזע פענסאָ דע־לאַ וועגאַ. צווישן די מאַראַנען דיכטער אַנטלאָפענע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל איז אויך געווען יצחק גאָמעז דע סאָסאַ, געשריבן אין לאַטיין, ניקאָלאָס דע אָליוועיר פּולאַנאַ (דניאל יהודה), אַ דיכטער און

אַ פּאַלקאָווניק פון דער שפּאַנישער אַרמיי, דער מיליטערישער קאָמאַנדיר יוסף צמח אַריאַס, וואָס האָט איבערזעצט פון גריכיש דזשאָזעפוס פלאַוויוס'עס אַלט ווערק „קעגן אַפּיאָן"; דער מיטלמעסיקער פּאָעט מאַנועל בעלמאָנטע (יצחק נונעז) האָט געגרינדעט אין אַמסטערדאַם אַן אַקאַדעמיע פאַר פּאָעזיע, איז גאָר פריער געווען דער שפּאַנישער פאַרטרעטער אין האָלאַנד. עס האָט אפילו נישט געפעלט קיין פּאָעטעסע — די מאַראַנען־טאָכטער איזאַבעל קאָרעאַ (רבקה), געשריבן לידער און איבערזעצט פון איטאַליעניש די דראַמע „פּאַסטראָ פידאָ" פון גאַריני, אין אַ פּרעכטיקן שפּאַניש.

פון גאָר אַן אַנדער מין איז געווען דער פּאָרטוגעזער מאַראַן דע פינעדאָ (יצחק), וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ יעזואיטישן קאָלעדזש. ער איז אַנטלאָפן קיין אַמסטערדאַם און זיך אָפּגעגעבן מיט פּאַרציטיקער געאָגראַפיע און פילאָלאָגיע. עס זיינען אויך געווען דאָרט די געוועזענע מאַראַנען יעקב יהודה לעאָן, דוד כהן דע־לאַראַ און דיאָניסיוס מוסאַפיאַ — מאַראַנען, קענער פון קלאַסישן לאַטיין און גריכיש. דער לעצטער, כאָטש שפּינאָזאַ'ס אַ נאָענטער חבר און אַ דאָקטאָר, איז שפּעטער געוואָרן רב אין אַמסטערדאַם.

דער וויכטיקסטער פון די אַלע מאַראַנען איז געווען באַלטאַזאַר אָראָביאָ דע קאַסטראָ, אַ לענגערע צייט אַ פּראָפעסאָר פון מעטאַפיזישער פילאָזאָפיע אין אוניווערזיטעט פון סאַלאַמאַנקאַ. ער האָט שפּעטער געלערנט אויך מעדיצין און געוואָרן אַ באַרימטער דאָקטאָר אין סעוויל, אין דינסט פון דעם פירשט מעדינאַ סעלי. ער איז אָבער אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון דער אינקוויזיציע. אַ דינער, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן ביי אַ גנבה, האָט אים פאַר'מסר'ט, אַז ער האָט געפאַסט אום יום־כפור. דריי יאָר האָט מען אים געמוטשעט אין אַ פינצטערן קאַזעמאַט, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין זכרון און אויף אַ געוויסע צייט זיין אידענטיטעט. ביי איין אינקוויזיציע האָט מען אים אַזוי שטאַרק געבונדן מיט שטריק די אָרעמס, אַז דאָס בלוט האָט אַרויסגעשפּריצט פון אונטער די נעגל. מען האָט אויף אים אָנגעווענדט אַלערליי מאַרטער־אינסטרומענטן און בוכשטעבלעך געריסן שטיקער פון זיין לייב. ווען מ'האָט אַלץ פון אים גאָרנישט געקענט אַרויסקריגן, האָט מען אים אַרויסגעלאָזט מיט שאַנד־קליידער (סאַן בעניטאָ). ער איז אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך, אַ שטיק צייט געווען דאָרט פּראָפעסאָר פון מעדיצין אין טולוז און סוף כל סוף אָנגעקומען קיין אַמסטערדאַם.

אַזוי איז געווען גרויס דער מאַרטירערטום. גראָד אין דער צייט צייט, ווען שפּינאָזאַ איז גע'משפּט געוואָרן און געלייגט געוואָרן אין חרם, זיינען אויפגעגאַנגען נייע זיילן פון רויך און פלאַמען אין אַזעלכע שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע שטעט ווי קוענצאַ, גראַנאַדאַ, סאַנטיאַגאָ דע קאָמפּעסטעלאַ, קאָרדאָוואַ און ליסאַבאָן.

אין די דאָזיקע רויך און פלאַמען זיינען אומגעקומען הונדערטער מאַרטירער. אין קוענצאַ אַליין זיינען אין אַן איינציקן טאָג, דעם 29טן יוני 1654, זיבן און פופציק באַהאַלטענע ייִדן גע'משפּט געוואָרן אויפן אויטאָ־דאַ־פע.

די אינקוויזיציע אין אמעריקע

די אויסערגעוויינלעכע העלדישקייטן און איינשטעלענישן פון פיל יידישע (און נישט־יידישע) מאראנען. זייער שטייפקייט און עקשנות קעגן דער אינקוויזיציע אין שפאניע און אין פארטוגאל, זעען מיר אין רעטראספעקט פון דער געשיכטע נישט בלויז ווי א רעליגיעזן קאמף, נאר ווי א ברייטע אלגעמיינע רעוואלוציאנערע דערשיינונג.

די גאנצע עפאכע פון רענעסאנס און רעפארמאציע איז נישט בלויז געווען א קאמף קעגן דער אויטאקראטישער אלמעכטיקייט פון דער קאטוילישער קירכע, נישט בלויז א קאמף קעגן פינצטערניש און פאנאטיזם, נאר אויך א קאמף קעגן פעאדאליזם פון איין זייט און קעגן דעם אלוועלטלעכן קאטוילא־פעאדאליזם פון דער צווייטער זייט. די אינקוויזיציע אין שפאניע און אין פארטוגאל האט געדינט אויך די צוועקן פון קאלאניזאציע. די קאטוילישע קירכע אליין איז דעמאלט געווען א ריזיקע עקאנאמישע מאכט מיט אייגענע גיטער און לאנדערייען, מיט אוצרות גאלד און זילבער. די אינקוויזיציע אין דער „נייער וועלט” איז גלייכצייטיק געווען דער וואך־הונט איבער דער איינהייטלעכקייט פון דער אימפעריע.

די יידישע מאראנען האבן אויך געהאט עקאנאמישע אינטערעסן אין זייער הינטער־באוואוסטזיין, וואס האט געשטארקט זייערע רעליגיעזע טראדיציעס. איינער פון די הויפט כוחות, וואס האט אנגעהאלטן דאס יידישע פאלק אין זיין צעשפרייטונג איז געווען די צעשפרייטונג גופא, דאס קענען אנהאלטן אינטערנאציאנאלע באציאונגען און האנדל, אין דער צייט וואס די דעמאלטיקע וועלט איז געווען צעשפליטערט אויף פעאדאלע און רעליגיעזע שטיקלעך און ברעקלעך. אנגעהעריקייט צום יידישן פאלק, דורכן ריטואל און דעם ביסל סוחרישן העברעאיש, האט צונויפגעבונדן אין האנדל נישט בלויז לענדער, נאר אויך קאנטינענטן.

גלייכצייטיק מיטן אויפשוואונג פונעם מאסן־פסיכאז, אין די מערסטע יידישע קהילות, צו משיחיזם און פארשטארקטן פאנאטיזם אינעם מיטן פונעם 17טן יארהונדערט, איז פארגעקומען נאך א פראצעס — דער פסיכישער אפקליב־פראצעס. די מאראנען, וואס האבן איבערגעלאזט הינטער זיך פעלדער און וועלדער, הייזער און ברייזער און אנטרונען אין נייע, אדער נייערע, יידישע ישובים, האבן מיט זיך פארגעשטעלט אן אפגעקליבענעם עלעמענט, ריינער פונעם ענגן עגאאיזם, פון דער האזן־נשמה, וואס איז נישט פעאיק אויף קיין שום פערזענלעכן קרבן.

וואָס ווייטער האָט אַלץ ענערגישער אָנגעהויבן צו אַרבעטן די אַזוי־גערופענע דעמאָלטיקע „אונטערערדישע באַן”. אויף ביידע זייטן פון די פּיראַנייען בערג, און הויפּטזעכלעך פון האָלאַנד און פון טערקיי, האָבן געוועזענע מאַראַנען אָנגעפירט זייער טעטיקייט — אָנצוהאַלטן אַ כסדר'דיקן שטראָם פון אַנטלויפנדיקע, מוטיקע מאַראַנען. עס איז נאָך מערקווירדיקער דער פאַקט, וואָס פיל פון די דאָזיקע רעוואָלוציאָנער־רעליגיעזע פאַרשווערער זיינען געווען אַליין געפּייניקטע מאַראַנען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עס דורכגעפירט, זיינען פינאַנסירט געוואָרן פון אָרעמערע און רייכערע יידישע קהילות. אַ ייד, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט בייצושטייערן צו דער טעטיקייט, איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַררעטער.

גרויס איז אָבער געווען די איינשטעלעניש און מסירת־נפש פון די מאַראַנען, וואָס האָבן געהאָלפן די דאָזיקע טעטיקייטן פון אינעווייניק.

אָט איז דער טראַגישער פאַל פון יצחק דע קאַסטראָ טאַרטאַס, אַ געבוירענער אין אַגסקאָניאַ, פּאָרטוגאַל. אַ היפּשע צייט האָט ער אָנגעפירט זיין טעטיקייט פון האָלאַנד, וואוהין זיינע עלטערן־מאַראַנען זיינען אַנטלאָפן. ער האָט געפּרואווט אויסקלערן אַ פּלאַן ווי אויף אַ גרינגערן אופן אַריבערצופּעקלען מאַראַנען פון פּאָרטוגאַל. יונג און אונטערנעמעריש איז ער אָפּגעפאָרן קיין בראַזיל, נישט קוקנדיק אויף די וואָרענונגען פון זיינע עלטערן, און פון דאָרט געגומען פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער.

צום אומגליק האָבן אים פּאָרטוגעזישע באַאַמטע אין באַהיאַ (בראַזיל) דערקענט, אַז ער איז אַן אַנטלאָפענער מאַראַן פון פּאָרטוגאַל, אים אַרעסטירט און אָפּגעשיקט קיין ליסאַבאָן. די אינקוויזיציע האָט זיך גלייך צו אים אַ נעם געטאָן, נישט קוקנדיק אויף טאַרטאַס' פּראָטעסטירן, אַז ער איז אַ האָלענדער בירגער. ווען ער האָט זיך נאָך אַלערליי מאַטערנישן און יסורים אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן די, וואָס זיינען געווען מיט אים פאַרבונדן און צוצוזאָגן, אַז ער וועט ווייטער זיין אַ פרומער קאַטאָליק, האָט מען אים פאַרמשפּט צו פאַרברענען לעבעדיקערהייט.

יצחק דע קאַסטראָ טאַרטאַס האָט באַשלאָסן צו געבן פון זיך אַ ביישפּיל פאַר דער מאַראַנישער יוגנט אין פּאָרטוגאַל און שפּאַניע ווי פעסט מען דאַרף זיך האַלטן קעגן שונא. דעם 22טן דעצעמבער, 1647, איז ער אַרויפגעשלעפּט געוואָרן אויפן שייטערהויפן. ער איז אָבער ביז דער לעצטער מינוט געבליבן אַרויסרופנדיק. פון צווישן די פלאַמען אַרויס האָט זיך דורכגעריסן זיין אויסגעשריי „שמע ישראל!” און אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף דעם פאַרזאַמלטן עולם. זיין קלאָרער, הילכיקער קול האָט אַרויסגעשאַלט מיט אַזאַ פייערדיקער אָנקלאַגע אַז אַ היפּשע צייט נאָך דער געשעעניש האָט די שטאָט ליסאַבאָן גערעדט וועגן דעם מיט שוידער. די אינקוויזיציע האָט זיך אַזוי דערשראָקן פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן אַרויסרוף פונעם 29־יאָריקן יידן, אַז עס איז באַזונדערס פאַרבאָטן געוואָרן אַרויסצורעדן דאָס שרעקלעכע וואָרט

„שעמא״. עס ווערט אויך דערציילט, אז פון דעמאָלט אָן האָט מען אין ליסאבאָן אויפגעהערט צו פארברענען פאר׳משפט׳ע לעבעדיקערהייט.

ווען די נייעס איז אָנגעקומען אין אמסטערדאם, האָט עס אויפגערודערט נישט בלויז יצחק דע קאַסטרא טאַרטאַס׳עס פאמיליע און באַקאַנטע, נאָר די גאַנצע שטאָט. מען האָט דעם יונגנמאַן זייער גוט געקענט פאר זיין שיינעם כאַראַקטער און פאר זיין קענטשאַפט. פּאָעטן האָבן געשריבן געפילפולטע עלעגיעס וועגן אים. ר׳ שאול מארטעירא האָט געמאַכט א הארצרייסנדיקן הספד. מנשה בן ישראל האָט אָנגעשריבן זיין ווערק „מקוה (האָפענונג) ישראל״, אונטערן איינפלוס פון דער געשעעניש, און מ׳פילט נאָך היינט א ציטער אין יעדן וואָרט וועגן די דאָזיקע העלדישע מארטירער.

אָט פון וואָס פאר א טייג עס זיינען אויסגעקנאָטן געוואָרן אין יענער צייט פיל פון די ערשטע יידן, וואָס האָבן זיך געפּרואווט באַזעצן אין דער נייער וועלט.

די שפּאַנישע יעזואיטישע הערשער, האָבן צען יאָר נאָכדעם ווי קאָלאָמבוס האָט אויפגעהויבן די ערשטע שפּאַנישע פאָן אין אמעריקע, שוין אָנגעהויבן צו פארזיכערן זיך, אז אין זייערע נייע פּאָסעסיעס, אין די אינדיעס (זיי האָבן דאָך נאָך אַלץ געמיינט אז אמעריקע איז אינדיע), זאָלן זיך נישט געפינען קיין מאַראַנען און אוודאי נישט קיין יידן. אין א דעקרעט פון 1502 איז שטרענג פארבאָטן געוואָרן צו דערלאָזן וועלכן עס איז מאַראַן אין דער נייער וועלט, סיידן מיט א ספּעציעלער קעניגלעכער דערלויבעניש.

געווים איז דער דאָזיקער דעקרעט געבליבן א היפּשע צייט בלויז אויפן פּאַפּיר. פיל מאַראַנען האָבן אונטערגעקויפט די באַאַמטע און זיך באַזעצט אין פארשיידענע פּונקטן פון דער נייער וועלט, און אין די קנאַפּ־באַוואוינטע ווייטקייטן אפילו געקענט פּראַקטיצירן יידישע טראַדיציעס. אין דערזעלבער צייט זיינען הונדערטער יעזואיטישע מיסיאָנערן אראָפּגעקומען פון שפּאַניע צו באַקערן די פארשיידענע אינדיאַנער שבטים צום קריסטנטום. זיי האָבן אָבער נישט אומעטום געהאַט אזא גלאַטן שליטנוועג. די אינדיאַנער האָבן זיך נישט געלאָזט „ראַטעווען״. ביי דער קאַטוילישער קירכע איז געבליבן דער „זיכערער, אויסגעפּרואווטער מיטל״ — די אינקוויזיציע. זי איז אריבערגעפלאַנצט געוואָרן שוין אין יאָר 1511 דורך א קעניגלעכן דעקרעט פון דער קעניגין רויאַנע פון קאַסטיל, איזאַבעלא׳ס טאָכטער. איר ערשטער קרבן פון נישט־אינדיאַנער איז געווען דער מאַראַן דיעגאָ קאַבאַלעראָ. די באַשולדיקונג — אז ער איז פּאַקטיש א ייד. צוויי עדות האָבן באַשטעטיקט, אז זיינע עלטערן זיינען פאַראורטיילט געוואָרן אין שפּאַניע דורך דער אינקוויזיציע.

די גרויסע אַקציע פון די יעזואיטן, צו באַקערן די אינדיאַנער אין די צענדליקער טויזנטער צום קריסטנטום, האָט זיך אָנגעהויבן מיט קאָרטעסעס אריינדראַנג אין טיילן פון מעקסיקאָ, אין 1519. מיט פייער און שווערד

האָט דער דאָזיקער שפּאַנישער וואַנדאַל און אוואַנטוריסט גענומען פאַרניכטן די הויכע אַצטעקישע ציוויליזאַציע, געברענט שטעט און דערפער, געמאָרדעט און גערויבט. אָבער דערפאַר האָט ער זיי געבראַכט אַ גרויסע „מתנה" — דעם קאַטאָליציזם. מ'האָט אים געפּריידיקט מיט שווערד און קאַנאָנען.

די איינגעשפּאַרטע מעקסיקאַנער, וואָס האָבן נאָך פּראַקטיצירט זייערע אַצטעקישע טראַדיציעס, האָט מען ווידער גענומען „רייניקן" מיט די אויטאָ־דאַ־פע'ס פון דער אינקוויזיציע, אָבער מיט נאָך מער אייפער און רציחה, ווי עס איז געווען דער פאַל אין אַלט־שפּאַניע.

אַז יידן מאַראַנען זיינען אויך שוין געווען אין די ערשטע יאָרן פונעם שפּאַנישן אַריינדראַנג אין מעקסיקאָ, קענען מיר שוין זען פון אַ פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען קעגן זיי אין 1528. עס זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין אפיקורסות דריי באַשולדיקטע מאַראַנען: גאָנזאַלאָ דע מאָראַלעס, אַ געבאָרענער אין סעוויל, אַ סוחר. דער רעקאָרד פון דער אינקוויזיציע באַצייכנט אים ווי „אַן איינוואוינער פון מעקסיקאָ, פון יידישן אָפּשטאַם", פאַרברענט אויפן שייטערהויפן. דיעג דע אָקאַנאַ, אַ שרייבער, געבאָרן אין סעוויל, האָט אַרויסגעוויזן אפּיקורסישע נייגונגען אין מעקסיקאָ. נאָך פּייניקונגען און „איבערצייגונגען" האָט ער תשובה געטאָן און באַפרייט געוואָרן.

דער דריטער אָבער איז אַליין געווען אין קאָרטעס'עס אַרמיי. איינער פון די באַטייליקטע אין דער מיליטערישער עקספּעדיציע צו דעראָבערן מעקסיקאָ. דאָס איז געווען דער מאַראַן הערנאַדאָ אַלאָנזאָ, אַ שמיד און אַן אייזן־אַרבעטער, אין עלטער פון זעכציק יאָר.

צווישן די יאָרן 1520 און 1521 האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין אייזן־אַרבעט. ער האָט געבויט דרייצן שיפן, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן און קאָרטעסעס ווייטערדיקע קאַמפּאַניעס צו דעראָבערן די האַפּן־שטעט.

אָבער די שפּאַנישע באַאַמטע און קאָרטעס'עס שפּיאָנען האָבן שוין געהאַט אויף אים אַן אויג. ער האָט זיך אין קאַמפּאַניע מיט אַנדערע סאָלדאַטן באַקלאָגט, אַז „קאָרטעס נעמט פאַר זיך צו דריי פערטל (פונעם מלחמה־רויב) און פאַרטיילט צווישן די סאָלדאַטן ווייניקער ווי איין פערטל... דער חלק פון די סאָלדאַטן און פון די איבעריקע שפּאַניער איז נישט גענוג פאַר זייער אויפהאַלטונג". אין די פינף יאָר אָבער, וואָס אַלאָנזאָ האָט זיך באַטייליקט אין דער עקספּעדיציע, האָט ער זיך דערוואָרבן אָנערקענונג פאַר זיינע פאַרדינסטן און אפילו אַ טיטל דאָן דע אָקטאָפּאָן.

ווען אַלאָנזאָ האָט זיך אין 1524 צוריקגעצויגן פון דער דינסט, האָט ער באַקומען לאַנד, פאַרפירט באַלעבאַטישקייט פון פיצוכט, געהאַנדלט מיט פלייש־פּראָדוקטן און געוואָרן באַוואוסט ווי אַן אָנגעזעענער פאַרמעגלעכער בירגער. אָבער אַ קריג מיט זיין שיינער פרוי האָט אים אַריינגעפירט אין די אינקוויזיציע־קעלערן. זי האָט אים פאַרמסרט, מ'האָט אים פאַרברענט.

קאַראַבאַכאַל — העלד און מאַרטירער

דער גייסט פון קאַראַבאַכאַל
איז איבעראַל,
וואו העלדן און מאַרטירער
זיינען מענטשהייטס פירער.

יעדער בראשית, אויב אַזעלכער איז בכלל דאָ, איז ווייט, ווייט פאַרבאָרגן הינטער די שווערע וואָלקנס פון טויזנטער יאָרן געשיכטע. אויך די געשיכטע פון העלדן און מאַרטירער איז שווער נאָכצושפּירן צו זייער סאַמע אורשפּרונג. אָבער מיר ווייסן, אַז אפילו די היינטצייטיקע העלדן און מאַרטירער פון דער מענטשהייט שעפּן אַ היפּשן טייל פון זייער מוט נישט בלויז פון זייער סביבה און פון דער איינשטעלונג פאַר אירע אמת'ן, נאָר אויך פון די וואונדערבאַרע ביישפּילן פון פיל פאָרגייער און פאָרלויפער. אין דער יידישער געשיכטע, אין דער „נייער וועלט", האָבן מיר אַזאַ גלענצנדיקן מוסטער אין דעם יידישן מאַראַן לואיס דע קאַרבאַכאַל.

זיין קורץ דראַמאַטיש לעבן איז שוין נישט איינמאָל אויסגענוצט געוואָרן פון די אַבסקוראַנטן און רעאַקציאָנערן אין יידישן לאַגער פאַר די צוועקן פון פאַרשטאַרקן דעם פאַנאַטיזם. פּונקט אַזוי נוצט אויס די קירך דעם מסירת־נפש פון די ערשטע קריסטן, פאַרגעסנדיק, אַז זייער קאַמף, קעגן דעם צעפוילטן רוימישן אימפּעריאַליזם און רוימישער שקלאַפעריי ווערט פאַרשוועכט פון די היינטיקע אימפּעריאַליסטן און אונטערדריקער. אויך דער קאַמף פון די מאַראַנען איז געווען אַ קאַמף קעגן דער פאַרכאַפּעראַרישער אינקוויזיציע.

פּראָגרעסיווע יידישע מענטשן זיינען פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי לואיס דע קאַרבאַכאַל פאַר זיין מוט, פאַר זיין ריינער איינשטעלונג, פאַר זיינע פּרינציפּן, ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען. ער קאָן אונדז דינען ווי אַ שיינער מוסטער פון דערהייבונג איבער די אינקוויזיטאָרן, די מעקאַרטיס פון יענער צייט און אַלערליי ענג־עגאָאיסטישע נפשות. אַזאַ קאַרבאַכאַל, אין אונדזער צייט, וואָלט מסתמא געווען צווישן די פירנדיקע כוחות פון פּראָגרעס און שלום, און וואָלט געווען אַ קעמפער קעגן יעדן מין פאַנאַטיזם.

געבאָרן געוואָרן איז ער אין בענאַווענטע, שפּאַניע, אינעם יאָר 1566, אין אַ יידישער מאַראַנען־פאַמיליע. כדי צו זיין עטוואָס זיכערער נישט אַריינצופאַלן אין די נעגל פון דער אינקוויזיציע, אין דער היים־שטאָט, האָט די פאַמיליע באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין מעדינאַ דעל קאַמפּאָ, וואו מ'האָט ווייניקער געקאָנט וויסן וועגן איר אָפּשטאַם.

לואיס, איינער פון די קינדער, האָט זיך פרי אויסגעצייכנט מיט זיין

גאַנצקייט און ערנסט. זיין רייפקייט און פאַרלעסלעכקייט, פאַרצויגן מיט אַ מיסטישן הייטל, איז שוין געווען אָנזעעוודיק אין זיינע גאָר יונגע יאָרן — אַזוי, אַז אין עלטער פון 12 יאָר האָבן שוין זיינע עלטערן אים געקאָנט אַנטפּלעקן דעם טיף־באַהאַלטענעם סוד וועגן זייער אָפּשטאַם און זייער מאַס־קע פון קאַטאָליקן, וואָס זיי מוזן אויף זיך טראָגן. ביסלעכווייז האָט ער גע־נומען קריגן לעקציעס אין יידישער געשיכטע און טראַדיציע.

געוויינלעך פלעגן די מאַראַנען הייראַטן אין די ראַמען פון זייערע אייגענע פאַמיליעס. דאָס איז געווען אַ מער זיכערער מיטל נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער אינקוויזיציע. לואיס'עס מוטער האָט אויך באַלאַנגט צו דער קאַרבאַכאַל פאַמיליע. איר ברודער, לואיס דע קאַרבאַכאַל דע לאַ קועווא, איז קענטיק געווען זייער פאַסיוו אין זיין מאַראַנענטום. ער איז גע־ווען שוין אַריינגעצויגן היפּשלעך אינעם שפּאַנישן אַדל. אַלס אַזעלכער האָט ער געקראָגן פון פיליפּ דעם צווייטן אַ קעניגלעכע פולמאַכט צו אַנטוויקלען אַ גרויסן לאַנד־שטח אין ניי־שפּאַניע (מעקסיקאָ) און צו ווערן דאָרט אַ מין גאָווערנאָר. אויף אַזאַ אופן האָט שוין די גאַנצע קאַרבאַכאַל פאַמיליע אויס־געניצט די געלעגנהייט און עמיגרירט קיין אַמעריקע. סוף זומער 1580 זיי־נען זיי אַהין אָנגעקומען צוזאַמען מיט אַ היפּשער גרופּע פּאָרטוגאַלישע מאַ־ראַנען. פיל פון זיי האָבן שוין זיך איינגעלעבט אַלס אמתע קאַטאָליקן.

דער 14־יאָריקער לואיס איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, זייער ערנסט אין יעדער זאַך, וואָס ער האָט געטאָן. אַלס אַ קריסטלעך קינד פלעגט ער אָפּליגן ביים קירכן־אַלטאַר שעה'ן־לאַנג און איז געווען דורכגעציטערט מיט גלויבן, אַז ער איז נאָך אַלץ זינדיק. איבער אים איז כסדר געווען אויסגע־שפּרייט אַ מאָדנער פאַנאַטיזם. ווען דער פאָטער האָט אים באַקערט צום יידנ־טום, האָט ער מיט דער זעלבער גאַנצקייט זיך איבערגעגעבן זיין נייעם גלויבן. זיין איינבילדונגס־קראַפט האָט זיין מיסטישע פאַנטאַזיע נאָך מער צעפליגלט. שעה'ן־לאַנג פלעגט ער אָפּזיצן ביים טיים פאַנוקאָ און פאַרטיפן זיך אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון זיין פאָלק און טראַכטן וועגן דער גרויזאַמער וועלט, וואָס פאַרגוואַלטיקט זיי אַזוי שוידערלעך.

אינגיכן איז זיין פאָטער געשטאָרבן. אויף אים און זיין ברודער איז געפאַלן דער יאָך צו שפּייזן די פאַמיליע. זיי האָבן געהאַנדלט און געוואַנדלט אין דער מינען־געגנט פון פאַטשיקאַ און טאַסקאָ מיט אימפּאָרטירטע אַר־טיקלען פון שפּאַניע. מיטן אָנקל זייערן האָבן די ברידער נישט געהאַט מער קיין מגע־ומשא צוליב זיין כסדרדיקן וואָרענען זיי, אַז זיי זאָלן אָפּ־היטן שטרענג קאַטאָליציזם און נישט שטעלן זיך אין געפאַר.

זייער אָנקל איז געווען פּראַקטיש. ער, אַלס גאָווערנאָר פון לעאָן, האָט געוואוסט, אַז די שפּיר־הינט פון דער אינקוויזיציע זיינען אויף דער וואַך.

דער ערשטער אַרעסטירט צו ווערן, דעם 9טן מאַי, 1589, איז געווען דער יונגער לואיס קאַרבאַכאַל. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַזעלכע

„שווערע פארברעכנס", ווי אפהיטן שבת, פאסטן יום־כיפור, עסן מצה אום פסח און אפט זינגען קאפיטלעך תהילים. ער האט אויך אויפן יידישן אופן געוואשן דעם פאטער'ס טויטן קערפער פאר דער קבורה.

אויפן פראצעס, דעם 5טן מאי, 1590, איז דער יונגער לואיס פאראור־טיילט געווארן צוליב זיין קראנקייט צו זיין אינעם שטאטישן שפיטאל אונ־טערן אויפזיכט פון א מאנאך. אלס תשובה האט ער געמוזט פאסטן יעדן פרייטיק און יעדן טאג איבערזאגן הונדערט און פופציק מאל די תפילה „אווע מאריא". אינגיכן האט זיך לואיס „ארויפגעארבעט" צו ווערן אין שפיטאל דער אויפזעער אויף דער ריינקייט אין ביבליאטעק־צימער און אויף די ביכער. ערשט דארט האט ער זיך ווי א דארשטיקער ארויפגעווארפן אויף די לאטיינישע ביכער און אלטע מאנוסקריפטן. ווען דער מאנאך פלעגט גיין שלאפן, האט ערשט לואיס אנגעהויבן צו לייענען, צו קאפירן און איבער־זעצן אין שפאניש אויסצוגן פון דערהויבענע לידער און פונעם תנ"ך.

נאך צוויי יאר איז ער באפרייט געווארן פונעם שפיטאל און געקריגן א זייער גוטע רעקאמענדאציע פונעם אלטן גלח, וואס האט פארוואלטעט מיטן שפיטאל, אז ער איז א גרויסער קענער פון דער קאטוילישער ליטע־ראטור. לואיס האט זיך דעמאלט אוועקגעלאזט איבער ווייטע, פארווארפענע אינדיאנער־ישובים, געלערנט זיי לאטיין, שפאניש און תנ"ך. ער האט מיט זיי איינגעזונגען קאפיטלעך תהילים, וואס האבן באגייסטערט מיט מוט. ווען ער האט זיך ענדלעך אומגעקערט אין דער הויפטשטאט, האט ער די־זעלבע טעטיקייט אנגעפירט צווישן די מאראנען, דערמוטיקט זיי אין זייער טראדיציאנעלער יידישקייט, און פארשפרייט צווישן זיי די אויסצוגן פונעם תנ"ך, וואס איז אין די אויגן פון דער אינקוויזיציע געווען א מין רעוואלו־ציאנערע ליטעראטור. די יעזואיטן האבן בלויז געוואלט האבן זייערע אויס־צוגן, אין וועלכע זיי טייטשן אריין יעזוס'ן.

אבער ווען זיין פריינט וועסענא איז אריינגעפאלן אין די נעגל פון דער אינקוויזיציע און נישט געקאנט אויסהאלטן די מאטערנישן און יסורים, האט ער ארויסגעגעבן דעם יונגן יידישן פאנאטיקער, אלס דעם הויפט־אנ־פירער פון דער ארבעט צווישן די מאראנען. ווי א רעזולטאט דערפון איז די גאנצע קארבאכאל פאמיליע ארעסטירט געווארן דעם 1טן פעברואר, 1595. צוויי יאר נאכאנאנד האט מען זיי אלע געפייניקט מיט די שרעקלעכסטע יסורים ארויסצוגעבן אלעמען, וועלכע זיי האבן באאיינפלוסט. באזונדערס האט מען געמוטשעט דעם יונגן לואיס'ן, וואס האט שוין אין פנים פון א זיכערן טויט ארויפגעווארפן פון זיך אלע מאסקעס.

לואיס האט עטלעכע מאל געמאכט א פארזוך צו נעמען זיך דאס לעבן, נאך די שרעקלעכע פייניקונגען אויף דער מארטער־ראד, וואו מ'האט אים צעבראכן אבער נאך אבר. ער האט מורא געהאט, אז ער וועט נישט קאנען מער אויסהאלטן. אבער די פרומע יעזואיטן האבן אים נישט דערלויבט צו

באַגיין אַזאַ „נייע זינד". איינמאָל, ווען מ'האָט אים געברענט מיט אַנגעגלי־טע אייזנס, האָט ער נישט געקענט אויסהאַלטן און אָנגערופן עטלעכע נע־מען. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער גלייך עס צוריקגעצויגן.

אין דער צווישן־צייט, פון פייניקונג און פּויזעס, האָט ער אָנגעשריבן אַ ריי באַגייסטערטע הימנען און רעליגיעזע לידער, אָנגעגליטע מיט גרויס פּאַטאָס. ער האָט אויך אָנגעשריבן זיין אויטאָביאָגראַפיע. אינעם אָפּטייל פון די אינקוויזיציע־דאָקומענטן געפינט מען די פּראָטאָקאָלן פון גאַנצן פּראָצעס, ווי אויך צוואַנציק בריוו, וואָס לואיס האָט געשריבן צו זיין מוטער און שוועסטער אין אַן אַנדער טורמע־אָפּטייל. די דאָזיקע בריוו האָבן קיינמאָל זיי נישט דערגרייכט.

די יעזואיטישע וועכטער האָבן מיט פאַרשיידענע קונצן אים געמאַכט גלויבן, אַז דאָס שטעלט זיך אַ פאַרבאָרגענער ייד צווישן זיי איין, כדי איבער־צוגעבן זיינע בריוו. אין דער אמת'ן האָבן זיי דעמאָלט געוואָלט, דורך די כלומר'שט געהיימע בריוו, מער דערגיין די סודות פון די מאַראַנען. זיי האָבן אים אפילו באַזאָרגט מיט שרייב־מאַטעריאַלן, בעת מען פלעגט אים אויף אַ קורצער צייט אַרויספירן אויפן הויף. דער מיסטיקער לואיס איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס ברענגט אים אַ מלאך אַריין גלייך פון הימל.

דעם 8טן דעצעמבער, 1596, איז פאָרגעקומען די הינריכטונג אין דער הויפּטשטאָט פון מעקסיקאָ, אויפן מאַרק סאַן היפּאָליט. צוזאַמען מיט זיין מוטער און שוועסטערס, איז ער געגאַנגען צום שייטערהויפן מיט אַ געהויי־בענעם קאָפּ. אויפן מאַרק איז געווען פאַרזאַמלט די אַריסטאָקראַטיע. דער וויצע־קעניג פון ניי־שפּאַניע איז געווען אָנוועזנדיק, אַרומגערינגלט פון אַ סוויטע מיליטער־לייט, מאָנאַכן, אינקוויזיטאָרן און שפּאַנישע יעזואיטן.

לואיסן גופא האָט מען אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלע געפעליקייט. פאָרן פאַרברענען האָט מען אים דערשטיקט, אַז ער זאָל וואָס ווייניקער ליידן. זיין גייסטיקער באַגלייטער האָט עס פאַר אים גע'פועל'ט. ער איז אַליין נערירט געוואָרן פון דער סטאָאישער האַלטונג פונעם יונגן מאַרטירער.

דער דאָזיקער מענטש, אין בליענדיקן עלטער, איז געשטאָרבן מיט ווירדע און מוט, געשטאַרקט פון זיין פאַנאַטישן, מיסטישן גלויבן אין אַן אַלטער רעליגיע. פיל ענלעכע ביישפּילן זיינען פאַראַן אין דער געשיכטע פון פאַרשיידענע פעלקער, אויך אין דער געשיכטע פונעם אורשפּרונגלעכן קריסטנטום, ווען דאָס איז נאָך געווען נישט קיין הערשנדיקע רעליגיע. הונ־דערטער מאַרטירער זיינען אויך געווען נאָך אים, נישט ווייניקער מוטיק, אָבער זיי זיינען געווען באַזעלט נישט מיט גערענקען און אויסזיכטן פון אַן אויסגעפאַנטאַזירטער יענער וועלט, נאָר פון אַ נייער עפּאָכע אין דער אַנט־וויקלונג פון דער מענטשהייט. מיר זיינען ערשט נישט לאַנג צוריק אַליין געווען עדות פון אַט דעם מין העכערן מוט אין דער העלדישקייט פון די ראָזענבערגס, אמת'ע אייניקלעך פון די מאַקאַבייער און קאַרבאַכאַלס.

דע־סילוואַ — דאָקטאָר און דיכטער

דער דאָקטאָר גרעסער ווי דער מאַרטירער,
דער מאַרטירער — ווי ביידע צוזאַמען.

דער טעראָר פון די אינקוויזיציעס אין שפּאַניע אין פּאָרטוגאַל, וואָס האָט אויך אויסגעשפּרייט זיינע נעצן אין דער נייער וועלט, האָט אָנגעוואָרפן אַזאַ אימה אויף אַלע אירע קרבנות — אויף די פאַרשיידענע רעפאָרם־אָנהענגער פון קריסטלעכן לאַגער, אויף די איינגעבאָרענע אינדיאַנער און אויף די אָנגעפאָרענע יידן־מאַראַנען, אַז זיי האָבן זיך געמוזט נאָך טיפער פאַרגראָבן מיט זייערע אָנשויאונגען, נאָך מער פאַרשלייערן זיך און אַרויפציען אויף זיך שווערערע מאַסקעס.

עס איז שוין נישט גענוג געוואָרן פאַר אַ מאַראַן צו גיין זונטיקס אין קירכע, אָפּצוהיטן די „טעג פון די הייליקע", פאַסטן אַלע קאַטוילישע „תעניתים" און טראָגן וואָס שווערערע צלמים אויף זייערע ברוסטן. זיי זיינען געצוואונגען געוואָרן אַרויסצווייזן מער פאַנאַטיזם, ווי די קאַטאָליקן פון אור־דורות, מער קנאות, מסירה קעגן די, וואָס „נאַרן די קירכע".

דאָס איז געוואָרן דער פאַל אין מעקסיקאָ, קובאַ, פּערו, און דאָס איז געוואָרן דער לעבנסוועג פון די מאַראַנען אין בראַזיל אונטער די פּאָרטוגעזער. עס איז געקומען צו אַ מדרגה, וואו דאָקטוירים־מאַראַנען אין בראַזיל האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשרייבן אין די דיעטעס פאַר זייערע פּאַציענטן חזיר־פלייש, וואָס אין פיל פאַלן איז עס געווען אפשר שעדלעך. דאָס איז אָבער געווען אַ מיטל צו פאַרהיטן זיך פון די וואַך־הינט פון דער אינקוויזיציע. צווישן די פּאַציענטן האָבן זיך געקענט דורכשמוגלען די געהיימאַגענטן פון די יעזואיטן.

אַזוי זעען מיר ווי די ערשטע יידישע דאָקטוירים אין אַמעריקע, מאַראַנען, האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע מאַראַנען, וואָס זיינען געכאַפּט געוואָרן אין אָפּהיטן יידישע טראַדיציעס. די סאַמע באַקאַנטע פון זיי זיינען:

דר. כואַן אַלוואַרעז, פאַרברענט געוואָרן דורך דער אינקוויזיציע אין לאַמאַ, פּערו, אַרום 1580.

דר. אַלוואַראָ נונעז פון בראַנגאַנזאַ, וועלכער האָט פּראַקטיצירט אין לאַ פּלאַטאַ, האָט מיטגעטיילט דעם זעלביקן גורל אין 1582.

אַזוי האָט דער טעראָר און די מאַטערנישן אַרויסגערופן איינעם פון די שווידערלעכסטע קאַפּיטלען פון דער יידישער געשיכטע אין פּערו. דער פּראָצעס וואָס איז פאַרבונדן מיט אַן איינגעבאָרענעם אַמעריקאַנער מאַראַן,

האָט אַ היפּשע ענלעכקייט צום טרויעריק־באַרימטן ראָזענבערג־פּראָצעס. דאָס איז דער אינקוויזיטאָרישער משפּט איבער פראַנציסקאָ מאַלדאָנאַדאָ דע־סילוואַ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אינעם יאָר 1627.

די געשיכטע פון דע־סילווא איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַנדערע מאַראַנען־פאַמיליעס.

פראַנציסקאָ דע־סילווא איז געווען אַ דערפאָלגרייכער דאָקטאָר. דערצו איז ער אויך געווען אַ שפּאַנישער דיכטער. אַ געבוירענער אַמעריקאַנער פון לימאַ (1592) און אַן אויסגעצייכנטער כירורג. ביז אַכצן יאָר איז ער געווען אַ פרומער קאַטאָליק, באַזוכט רעגולער די קירכע און אָפּגעהיט אירע אַלע געזעצן. אָבער ווען עס איז שוין געקומען די צייט צו אינפאָרמירן אים וועגן זיין אָפּשטאַם און וועגן די געהיימע יידישע טראַדיציעס, וואָס די פאַמיליע היט אָפּ, האָט ער זיך שטאַרק פאַרטיפט אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון זיין פאָלק. ער האָט זיך גענומען אָפּהיטן די יידישע טראַדיציעס מיט דער טאָפּלטער קראַפט פון דעם באַקערטן און פונעם פראָטעסטירנדיקן.

פאַר׳מסור׳ט אים פאַר דער אינקוויזיציע האָט אים זיין אייגענע שוועסטער. עס איז נישט געווי באַקאַנט, צי זי האָט מיט דעם אַקט געוואָלט פאַרהיטן איר אייגענע שקורע, צי זי איז טאַקע געווען אַזוי טיף פאַרזונקען אינעם מיסטישן קעניאָן און קאַנאָן (קירכלעכער געבאָט) פונעם קאַטאָליציזם, אַז זי האָט מיט אַזאַ לייכטן געוויסן געבראַכט אויפן אמת׳ן פייער איר אייגענעם ברודער, דעם טיף־פילנדיקן דיכטער און הומאַניטאַרן דאָקטאָר.

דר. דע־סילווא איז געווען צו־פּאָפּולער אין לימאַ, די הויפּטשטאָט פון פּערו, אַז מען זאָל אים גלייך ברענען אויפן שייטערהויפן. פריער האָט מען אים געפּרוּווט אומקערן „אויפן ריכטיקן וועג״. מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה און אַרומגערינגלט מיט מאָנאַכן און יעזואיטן. זיי האָבן געשליפן זייערע שאַרפע צונגען און מוחות כדי אַריבערצוגעווינען דעם פאַרפירטן יידן. זיי האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן אָן אייניקל פון די מאַקאַבייער.

צוועלף יאָר צייט האָבן די יעזואיטן אויף אים געאַרבעט. אָבער נישט זיי און נישט דער דרוק פון תפיסה, פון אָפּגעריסנקייט פון דער וועלט און פאַמיליע, האָבן אים גערירט. אין זיין פרייער צייט, ווען מ׳האָט אים נישט געמוטשעט, האָט דע־סילווא שטודירט און געשריבן. ער האָט זיך אַליין געשטאַרקט און געמוטיקט אויסצוהאַלטן ביזן לעצטן. אַנשטאָט באַזיגט צו ווערן פון די יעזואיטן און גלחים, האָט ער נאָך געהאַט דעם פאַרגעניגן פון אָפּרייסן צוויי אַנדערע אַרעסטאַנטן פונעם קאַטאָליציזם.

דע סילווא האָט אויסגעהאַלטן ביז זיין לעצטן אָטעם. ער איז געווען איינער צווישן אַנדערע עלף פאַרברענטע אויפן שייטערהויפן, אויפן גרעסטן אויטאָ־דאַ־פע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ווען עס איז אין אַמעריקע. דאָס איז פאָרגעקומען אין לימאַ, פּערו, אין 1639. אויסער דעם זיינען אַנ־

דערע פופציק מאראנען פאר'משפט געווארן צו אנדערע שווערע שטראפן. צווישן זיי זיינען געווען איינציקע פון די רייכסטע מאראנען אין פערו. עס איז מערקווירדיק, וואס אין אזעלכע פאלן האט זיך די אינקוויזיציע מער געקוואפעט אויף זייערע פארמעגנס, ווי צו „ראטעווען זייערע נשמות".

דער טעראר און די מאטערנישן פון דער אינקוויזיציע האבן אויך גע־בראכט צו א ריי אינקוויזיטארישע פראצעסן אין מעקסיקא, אין וועלכן עס זיינען סוף כל סוף פארוויקלט געווארן 107 מאראנען. דער פראצעס האט זיך אבער באזונדערס באצויגן צו דער קליינער דע גראנאדא פאמיליע, וואס איז באשטאנען פון א מוטער און צוויי קינדער — א יינגל און א מיידל.

דאס יינגל, גבריאל דע גראנאדא, איז אריינגעפאלן, צוליב אומפאר־זיכטיקייט, אין די נעגל פון דער אינקוויזיציע. אין אנהויב האט ער זיך געהאלטן בראוו. אויף אלע פארשלאגן פון די „הייליקע פאטערס" ער זאל זיך מודה זיין, האט ער ארויסגעשטעלט א פארשלאגן מויל. אבער די „פסי־כאלאגן" פון דער אינקוויזיציע האבן אין ערגעץ ביי אים געפונען א שוואכן פונקט. דאס איז גענוג געווען.

די טייוואלים, אין די קליידער פון הייליקע, האבן גענומען דעם יינגל מוטשען מיט אלערליי אומהייליקע מיטלען. דריי יאר נאכאנאנד האט מען אים געמאטערט און ביסלעכווייז גענומען ברעכן זיין ווידערשטאנד. דאס יינגל איז געווען צו־שוואך צו קענען אויסהאלטן. ער האט סוף כל סוף צו־זאמענגעבראכן. ער האט זיך מודה געווען אין זיין „גרויס פארברעכן", אז ער היט אפ פאלקס־טראדיציעס און ארויסגעגעבן זיינע קרובים.

אין דעם פראצעס, וואס איז דערנאך אנטשטאנען, אין יאר 1642, זיי־נען אריינגעצויגן געווארן הונדערט און זיבן מאראנען. גבריאל'ן גופא האט מען אפגעשיקט קיין שפאניע צו פארבלייבן אונטער דער אויפזיכט פון דער אינקוויזיציע. דער שוידערלעכער רעקארד פון דעם דאזיקן פראצעס געפינט זיך אין 7טן באנד פון „אמ. דזשואיש היסטאר. סאסייעטי פאבליקעישאן".

אין א מאראנען פראצעס, אין מעקסיקא, מיט זיבן יאר שפעטער, האט אן אנדער געפאנגענער מאראן געגעבן ווידער א הערלעכןביישפיל פון הע־ראאישער אויסגעהאלטנקייט. דאס איז געווען דאן טאמאס דע סאברעמאנטע. מען האט אים פארברענט אויפן שייטערהויפן דעם 11טן אפריל, 1649.

זיין מוט, וואס דער מאראן האט ארויסגעוויזן ביז די לעצטע מינוטן, האבן צו זיך נישט פיל גלייכנס. ביז דער רויך און די פלאמען האבן נישט פארשטיקט זיין מויל, האט ער געהאלטן אין איין אפשפעטן פון זיינע הענ־קער. ער האט די גאנצע צייט חוזק געמאכט פונעם פאפסט און זיינע משרתים.

יידן אין ניו־יאָרק

אינעם יאָר 1524 האָט דער נאוויגאַטאָר (ים־רייזנדער) ווערעזאנאָ, אַנטדעקט דעם וואַסער־אויסגוס, וואָס רופט זיך איצט ניו יאָרק בעי און דעם האָדסאָן ריווער. פון צייט צו צייט, ביז הענרי האָדסאָן איז אַריינגעפאָרן מיט זיין שיף ווייטער־צו אין דעם האָדסאָן־ריווער, האָבן בלויז אייניקע שיפן באַזוכט דעם געגנט. אין 1610 האָבן האָלענדישע סוחרים אַרויסגעשיקט עטלעכע שיפן צו פאַרפירן דעם פוטער־האַנדל מיט די אינדיאַנער.

פון דריי און צוואַנציק אין צאָל איצט מער ווי הונדערט טויזנט מאָל!

אין 1614 האָט דער שיפס־קאַפּיטאַן אַדריאַן בלאָק אויפגעבויט די שיף „אָנרוסט" אויפן ברעג פון דעם אויבערשטן טייל, פון וואָס איז יעצט ניו יאָרק בעי. אַרום יענער צייט האָט מען שוין גענומען בויען עטלעכע הייזלעך אויפן דרום־שפּיץ פון מאַנהעטן אינדזל. ווען די „וועסט־אינדיאַ קאָמפּאַני" האָט באַשאַפן די פּראָווינץ פון ניי־האָלאַנד, האָט זי אויסגעקליבן דעם דרום׳דיקן שפּיץ פון מאַנהעטן אינדזל פאַר איר שיף־סטאַנציע און פאַר דעם צענטראַל־פּונקט פון דער רעגירונג. דער גענעראַל־דירעקטאָר פון דער פּראָווינץ, פּעטער מינויט, האָט אָפּגעקויפט דעם גאַנצן מאַנהעטן אינדזל פון די אינדיאַנער פאַר סחורה, וואָס האָט געהאַט דעם ווערט זעכציק גילדערס (אַרום 24 דאָלאַר), און אויפן סאַמע דרום׳דיקן שפּיץ האָט זיך אָנגעהויבן בויען דער פאָרט אַמסטערדאַם.

צום סוף פון דעם זעלבן יאָר האָט שוין דער ישוב ניו אַמסטערדאַם (די איצטיקע ניו יאָרק), געהאַט 30 וואוינונגען. אַ ריי יאָרן איז דער דאָזיקער ישוב געווען דאָס אייגנטום פון דער „וועסט אינדיא קאָמפּאַני". די איינוואוינער, אָנגעשטעלטע ביי דער קאָמפּאַני, האָבן נישט געהאַט קיין שום פּאָליטישע רעכט און אויך נישט קיין שום רעכט אויף לאַנד אָדער אויף האַנדל אויפן אייגענעם חשבון. אַ גרויסער טייל פון דעם אינדזל איז צעטיילט געוואָרן אויף זעקס קאָמפּאַני־פאַרמס. אין 1633 האָט ניו אַמסטערדאַם באַקומען אַ באַוויליקונג פון „סטאַבילן רעכט". דורך דעם דאָזיקן רעכט איז יעדער פאַרבייפאָרנדיקער שיף געגעבן געוואָרן די ברירה: אָדער צו פאַרקויפן אין ניו אַמסטערדאַם די סחורה, אָדער צו באַצאָלן אַ שטייער. אָבער אין פינף יאָר שפּעטער האָט שוין די „וועסט אינדיא קאָמפּאַני" געגעבן דאָס רעכט אַלע פריינטלעכע אייראָפּעאישע מלוכות צו האַנדלען אין דער פּראָווינץ.

דאָס האָט געגעבן אַ שטאַרקן שטויס דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. די קאָמפּאַניע האָט אָנגעהויבן צו פאַרקויפן פּלעצער פאַר בויען פּריוואַטע הייזער. אינעם יאָר 1643 דערגרייכט שוין די באַפעלקערונג פון ניי־אַמסטערדאַם צו איבער 400. שוין דעמאָלט האָט די שטאָט געהאַט אַ שאַרף־אויסגעשפּראָכענעם קאָסמאָפּאָליטישן כאַראַקטער. די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַכצן פאַרשיידענע פעלקער און שפּראַכן. אָבער שוין אין 1641, ווען די באַפעלקערונג איז נאָך געווען קלענער ווי 400, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן רייבונגען צווישן די איינוואוינער און קיעפן, דעם גאָווערנאָר. זיי האָבן געפאָדערט אַ דעה אין דער רעגירונג.

סוף כל סוף האָבן די איינוואוינער זיך דערשלאָגן, אַז מ׳זאָל אים באַזייטיקן. אויף זיין שטעל איז געשיקט געוואָרן פּעטער סטאַיוועסאַנט. אונטער אים איז שוין אויסגעקליבן געוואָרן אַ ראַט פון 9 מאַן. אין 1653 איז שוין ניו־אַמסטערדאַם פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר אַ שטאָט מיט אַן אייגענער רעגירונג, וואָס ווערט פאַרוואַלטעט דורך אַ „שאוט", צוויי בירגערמייסטערס און פינף שעפּענס (ראַטמענער).

אונטער אַט דער מאָס זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט שוין די שטאָט גענומען שנעל וואַקסן. אין אָנהויב פון 1654 דערגרייכט שוין די באַפעלקערונג פון ניו אַמסטערדאַם 1500 נפשות. יעדער וואָך קומען אָן עטלעכע שיפן פון אייראָפּע און פון די וועסט אינדיעס, און יעדע פון זיי לאָזט איבער אַ צאָל נייע איינוואַנדערער.

צווישן די עטלעכע שיפן, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין דעם האַפן פון ניו־אַמסטערדאַם אין סעפּטעמבער 1654, איז געווען דאָס שיפל סט. טשאַרלס (אַנדערע היסטאָריקער גלייבן, אַז איר נאָמען איז געווען סט. קאַטערינאַ), וואָס איז מסתמא אָנגעקומען פון קעיפּ סט. אַנטאָני, בראַזיל. דער קאַפּיטאַן, אַ פראַנצויז, דזשאַק דע לאַ מאָט, האָט געבראַכט אויף איר 23 אָרעמע פּאַסאַזשירן, אָן געגנוג מיטלען אָפּצוצאָלן פאַר דער רייזע. די דאָזיקע פּאַסאַזשירן זיינען געווען פון די ערשטע יידן, וועלכע זיינען אָנגעקומען אינעם לאַנד, וואָס איז איצט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, און פאַרמאָגט די גרעסטע יידישע באַפעלקערונג פון וועלכער עס איז אַנדער לאַנד אין דער וועלט.

יאָ, די ערשטע יידישע אימיגראַנטן האָבן נישט געהאַט קיינעם ווער עס זאָל זיי אָפּנעמען אין „עלים איילאַנד". דער איינציקער אויסגעגרינטער ייד, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין ניו־אַמסטערדאַם, יעקב באַרסימסאָן, איז אָנגעקומען מיט אַ גאַנצן חודש פריער פון האָלאַנד. נאָכדעם ווי דער קאַפּיטאַן האָט פאַרקויפט די ליציטאַציע, די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, וואָס די יידן האָבן מיט זיך מיטגעפירט, איז נאָך אַלץ נישט גענוג געווען צו דעקן די שיף־הוצאות. די יידן האָבן זיך געבעטן, אַז זיי וועלן אינגיכן, אַזוי שנעל ווי זייערע קרובים וועלן זיי צושיקן געלט, איינצאָלן דאָס איבע־

ריקע. דער פראַנצויזישער קאַפּיטאַן האָט אָבער געפאָדערט א פולע איינ־צאָלונג. זיין קאָנטראַקט, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיי, האָט געפאָדערט, אַז אַלע יידישע פּאַסאַזשירן זאָלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך קאָלעקטיוו איינע פאַר די אַנדערע. ער האָט ערשט דעמאָלט אָפּגעלאָזט זיינע פּאַסאַזשירן ווען ער האָט 2 פון זיי, דוד איזראַעל און משה אַמבראַזיוס, פאַרהאַלטן אַלס משכנות.

פּעטער סטאַיוועסאַנט, דער האָלענדישער גאַווערנאָר, א רויער און האַרצ־לאָזער קערל, וואָס האָט נאָך פריער באַקלאָגט זיך אויף די צו גרויסע פּרי־ווילעגיעס, וואָס די „וועסט אינדיא קאָמפּאַני" האָט געגעבן די יידן אין קוראַסאַאָ, איז געווים די יידן נישט אַנטקעגנגעקומען מיט פּויקן. פון איין זייט האָט ער געוואוסט, אַז די קאָמפּאַני וויל מיט אַלע כוחות צוציען נייע איינוואַנדערער, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער נישט געוואָלט „פאַר־פּעסטן" זיין נייע קריסטלעכע שטאָט מיט די יידן. צווישן די איינוואוינער פון ניו־אַמסטערדאַם איז שוין געווען באַוואוסט, אַז די יידן פאַרנעמען זיך מערסטנס מיט אויסלענדישן האַנדל און אויך מיטן איינצל־האַנדל. די נישט־יידישע קרעמער האָבן געזען אין דעם יידן א געפערלעכן קאָנקורענט. סטאַי־וועסאַנט האָט גלייך געשריבן וועגן דעם צו זיינע באַלעבאַטים, די „וועסט אינדיא קאָמפּאַני", אָבער אין דעם בריוו, דאַטירט דעם 26טן אַפּריל, 1655, ענטפערן זיי אים:

„מיר וואָלטן וועלן צושטימען צו אייערע וואונטשן און בקשה, אַז אין די נייע טעריטאָריעס זאָלן מער נישט אַריינדרינגען די לייט פון דער יידי־שער ראַסע, ווייל מיר זעען פאַר פון אַזאַ אימיגראַציע די זעלבע שוועריקייטן פאַר וועלכע איר האָט מורא. אָבער נאָכדעם ווי מיר האָבן ווייטער געוואוינגן און באַטראַכט דעם ענין, געפינען מיר, אַז עס וואָלט געווען זינלאָז און נישט יושר'דיק, באַזונדערס צוליב דעם באַדייטנדיקן פאַרלוסט, וואָס די יידן האָבן געליטן, ווען בראַזיל איז גענומען געוואָרן, און אויך צוליב דער גרויסער סומע קאַפּיטאַל, וואָס די יידן האָבן אַריינגעלייגט אין די אַקציעס פון אונ־דזער קאָמפּאַניע. נאָך פיל באַראַטונגען האָבן מיר באַשטימט און באַשלאָסן אויף א געוויסער פּעטיציע, וואָס עס האָבן געמאַכט די פּאָרטוגעזישע יידן, אַז עס זאָל זיי דערלויבט ווערן צו פאָרן מיט שיפן און האַנדלען אין נייר־האָלאַנד און וואוינען און בלייבן דאָרט מיטן תנאי, אַז אָרעמע צווישן זיי זאָלן נישט פאַלן צו לאַסט אויף דער קאָמפּאַניע, אָדער אויף דער געמיינדע, נאָר זיי זאָלן אונטערשטיצט ווערן פון זייערע אייגענע פון דערזעלבער נאַציע".

אשר לעווי — ערשטער יידישער קעמפער

א מענטש מיט א קאפ און א נאקן —
א הארטער נוס צום צעקנאקן.
זיין ווארט איז קורץ, נאר וואגיק
און קעמפט מיט וואפן און לאגיק.

די ערשטע יידישע איינוואנדרער אין צפון־אמעריקע, מיט 300 יאר צו־ריק, זיינען נישט באגעגנט געווארן מיט פויקן און טענץ פון די, וואס זיי־נען אנגעקומען אהין בלויז מיט עט־לעכע צענדליק יאר פריער.

די ערשטע גרופע יידן איז באשטא־נען פון דריי און צוואנציק נפשות, פליכטלינגען פון מלחמה און פארוויס־טונג. זיי זיינען געקומען פון אייניקע בראזילישע ישובים, ביי די ים־ברעגן, וואו זיי האבן זיך לאנג געראנגלט קעגן די אנגרייפנדיקע פארטוגעזער, וואס האבן זיך נאך אן איבעררייס פון דריי צענדליק יאר אומגעקערט דארט צו דער מאכט.

אונטער די פארטוגעזער האבן די יידן נישט גענאסן קיין האניק אין די לעצטע יארצענדליקער פונעם 16טן יארהונדערט. מערסטע פון זיי זיי־נען געווען מאראנען. די אינקוויזיציע איז אויך איבערגעפלאנצט געווארן אין בראזיל פונקט ווי די שפאניער האבן עס געטאן אין זייערע „אינדיעס". מער נישט — די פארטוגעזער פלעגן אפשיקן זייערע קרבנות קיין פארטוגאל.

נישט קיין וואונדער, וואס די פארטוגעזישע יידן־מאראנען האבן גע־האלפן די האלענדער איבערנעמען די מאכט אין בראזיל און זיך שפעטער אקטיוו באטייליקט אין דער מלחמה קעגן דעם פארשטארקטן קריגס־פלאט. היסטאריקער פארציכענען, אז א מיטגליד פון דער יידישער פינטא־פאמיליע, האט איינער אליין א לענגערע צייט פארטיידיקט דעם פארט „דאס אפרא־גאדעס", ווען אלע פארטיידיקער זיינען שוין געפאלן, און זיך ערשט אונ־טערגעגעבן, ווען די כוחות זיינען אים אויסגעשעפט געווארן צוזאמען מיט דער אמוניציע.

די מלחמה, און דער זיג פון די פארטוגעזער, האט איבערגעלאזן די יידישע באפעלקערונג אין בראזיל אין דער שרעקלעכסטער נויט און עלנט.

אין אזעלכע אומשטענדן איז די ערשטע אויפגאבע פאר דער ערשטער גרופע יידן געווען צו זען, אז מ'זאל זיי כאטש נישט ארויסטרייבן פון ניי־אמסטערדאם, ווי דער ניו יארקער ישוב האט זיך דעמאלט גערופן ביי די האלענדער קאלאניסטן. ערשט ווען עס איז, מיט דער הילף פון דער אמ־סטערדאמער יידישער געמיינדע, אין האלאנד, אויסגעקעמפט געווארן דאס רעכט פון די יידן צו ווערן טאלערירט אין ניי־אמסטערדאם אלס מיטוואוי־נער, האט געקענט אנטשטיין וועלכער עס איז קאמף פאר רעכט בכלל.

צווישן די 23 נפשות זיינען געווען איניקע בעלי־מלאכות און געווע־

זענע היימישע סוחרים. אָבער מערסטע מלאכות זיינען פאַר יידן געווען פאַרבאָטן. זיי האָבן אויך געדאַרפט האָבן ספּעציעלע רעכט צו האַנדלען, צו בויען זיך אַ הויז, אָדער צו קויפן זיך לאַנד. זיי האָבן אפילו נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרמאָגן אַן אייגענעם בית עולם. דאָס אַלץ האָט ערשט געדאַרפט אויסגעקעמפט ווערן.

דער ערשטער און אויסגעהאַלטנסטער קעמפער פאַר מענטשלעכע רעכט, פאַר דער נאָך קליינער יידישער געמיינדע, אין צפון־אַמעריקע, איז געווען אשר לוי (לעווי), אָדער ווי ער ווערט אָנגערופן אין דער ענגליש־יידישער ליטעראַטור „אַסער ליוואַי", איינער פון די ערשטע 23 יידישע איינוואוינער פון בראַזיל, וואָס זיינען אָנגעקומען אין ניי־אַמסטערדאַם די ערשטע וואָך אין סעפּטעמבער, 1654. ער האָט זיך גלייך גענומען צו־נישט מאַכן דעם בלבול פון די שונאים פון יידישן פאָלק, אַז יידן זיינען פּאַראַזיטן, ווילן אַז אַנדערע זאָלן פאַר זיי טאָן די שווערסטע אַרבעט און אַליין זיינען זיי פאַרנומען מיט באַלעבאַטעווען, אויסנוצן יענעם, אָפּנאַרן, באַשווינדלען און באַ'גנב'ענען. אשר לעווי האָט עס געפּרואווט צונישט מאַכן נישט מיט שיינע ווערטער, נאָר דורך מעשים. ער האָט נישט בראַקירט מיט קיין שום שווערער אַרבעט, וואָס איז אים פאַרגעשלאָגן געוואָרן, ווען ער האָט געזוכט אַרבעט.

אשר לעווי האָט געטאָן אַלערליי עבודת פּרך אין דער ערשטער צייט. ער איז ענדלעך געוואָרן אַ קצב, און עס איז מעגלעך אָנצונעמען, אַז ער איז אין ניי־אַמסטערדאַם אויך געווען דער ערשטער שוחט. אָבער כדי צו זיין אַ קצב, האָט ער געדאַרפט האָבן אַ רעכט, אַלס אָנגעפאַרענער ייד צו זיין אַ קצב. ווען עס איז אים עפּעס געווען פאַרבאָטן און געפילט דעם אומיושר פון דער דיסקרימינאַציע, האָט ער אויפגענומען אַ קאַמף קעגן דעם און נישט גערוט ביז ער האָט זי באַזיגט.

אשר לעווי איז קענטיק געווען אין בראַזיל אַ זייער קורצע צייט. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן דערמאָנט ער בסדר וועגן זיינע רעכט, וואָס ער האָט געהאַט אין האָלאַנד. אַזוי זעען מיר, אַז ער, און אַ צווייטער האָלענדישער ייד, וואָס איז געווען פאַקטיש דער ערשטער געקומענער ייד אין ניי־אַמסטערדאַם, יעקב באַרסימסאָן (געקומען דעם 28טן אויגוסט, בלויז מיט געציילטע טעג פאַר דער גרופּע 23), נעמען אויף אַ קאַמף קעגן דעם ספּעציעלן יידן־שטייער, וואָס מ'האָט אַרויפגעלייגט, אָנשטאָט מיליטער־דינסט.

די מאַכט פון די האָלענדער אין ניי־האָלאַנד האָט זיך געהאַלטן אויף אַ בירגערלעכער מיליציע, אָדער קאָלאָניאַלע מאַכט, וואָס איז באַשטאַנען פון אָרום צוויי הונדערט באַוואָפנטע מיליציאַנטן. איר אויפגאַבע איז געווען צו באַוואַכן די שוץ־וואַנט, וואָס איז געבויט געוואָרן קעגן די איבערפאַלן פון די „אינדיאַנער", און צו באַוואָרענען זיך קעגן אַן אַטאַק פון ענגליש מיליטער, וואָס האָט מאַנעווורירט, נישט ווייט פונעם ניי־אַמסטערדאַמער פאָרט.

אָבער ווען עס איז געקומען צו דער מיליטער־דינסט פון דער קליינער

גרופּע יונגע יידן, האָט פּעטער סטאַיװעסאַנט און דער ניי־אַמסטערדאַמער שטאָט־ראָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, װאָס פֿאַרבאָט די יידן צו זיין מיטגלידער פֿון דער מיליציע. די פֿאָלגנדיקע מאָטיװן זיינען אָנגעגעבן געװאָרן — ערשטנס, „די אומגעניגטקייט און אומװיליקייט פֿון די דאָזיקע טרופּן (טרעינבענדס) צו זיין חברים־זעלנער מיט דער אױבנדערמאָנטער נאַציע און האַלטן װאַך מיט זיי אינעם זעלבן װאַכהױז, און פֿון דער צװייטער זייט איז דאָס דערמאָנטע פֿאָלק נאָך נישט צוגעלאָזן געװאָרן און נישט פֿאַררעכנט געװאָרן צװישן די בירגער, װאָס שייך די פּריװיליקע טרופּן אָדער די געמיינשאַפֿטלעכע בירגער־װאַכן — נישט אין דער דערהױבענער שטאָט פֿון אַמסטערדאַם, נישט (אױף װי װייט מיר װייסן) אין װעלכער עס איז אַנדער שטאָט אין נידערלאַנד (האָלאַנד...״ (לױט מ. שאַפּעס' „דאָקומענטאַלער געשיכטע פֿון די יידן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן״).

אָנשטאָט צו דינען האָט מען אין דער רעזאָלוציע אַרױפֿגעלייגט אַן אָפּצאָל, אױף יעדן ייד פֿון 16 יאָר אָן, ביזן זעכציק־יאָריקן עלטער, פֿון 65 סטיװערס אַ חודש (אַרום 1 דאָלאַר און צװאַנציק סענט). אשר לעװי און יעקב באַרסימסאָן האָבן גוט פֿאַרשטאַנען דעם באַטייט פֿון דער פֿאַראָרדענונג, און זיך געשטעלט אַנטקעגן. זיי האָבן געפֿאָדערט דאָס רעכט צו זיין צװישן די פּאַרטייִדיקער פּונקט װי אַנדערע איינװאױנער פֿון ניי־אַמסטערדאַם.

עס האָט געדױערט אַ שטיקל צייט ביז דער דאָזיקער קאַמף איז געװאונען געװאָרן. אָבער די קליינקעפּלדיקע און ענגהאַרציקע אַדמיניסטראַטאָרן פֿון ניי־אַמסטערדאַם האָבן אָבער אױסגעפֿונען, אַז די יידן זיינען נישט קיין נעבעכדיקע נפשות, װאָס װעלן אַלץ אָננעמען פֿאַר גוט. װאָס שייך אשר לעװי'ן, האָט ער „ערשט אָנגעהױבן צו קעמפֿן״.

נישט קוקנדיק אױף דעם זיינען דריי יידישע געשעפֿטסלייט, אברהם דע לוצענא, סאַלװאַדאָר דאַנדראַדאַ און יעקב קאָהען אַרױסגעטראָטן דעם 29טן נאָװעמבער פֿונעם זעלבן יאָר, מיט אַ פּעטיציע דורכצופֿירן אין לעבן אַ באַשלוס, װאָס די דירעקטאָרן פֿון דער האָלענדישער װעסט־אינדיאַ קאָמפּאַניע האָבן אָנגענומען נאָך מיט ניין און אַ האַלב מאָנאַטן צוריק, אַז עס זאָל דערלױבט װערן יידן צו פֿאָרן קיין פֿאָרט אָרענדזש (איצטיקע אָלבאַני) און פֿירן דאָרט האַנדל, װי אױך אין אַנדערע האַנדלס־פּונקטן.

מיט אַנדערע װערטער: יידן האָבן דעמאָלט געמוזט זיך ראַנגלען נישט בלױז אַז זייערע שױן באַװיליקטע רעכט זאָלן אױסגעברייט װערן, נאָר אױך אַז די דאָזיקע באַגרעניצטע רעכט, װאָס זיי האָבן געקראָגן צו האַנדלען, זאָלן אַמװייניקסטנס זיי געגעבן װערן אין דער פּראַקטיק. שטעלן זיך און קעמפֿן פֿאַר יעדער קלייניקייט, האָט פֿאַקטיש געמיינט אַ באַזע פֿאַר װייטערדיקע רעכט. און אונדזערע יידן־פּיאָנערן, דאָ אין לאַנד, מיט אשר לעװי בראש, האָבן אַזעלכע קאַמפֿן געמוזט כסדר פֿירן.

אפֿילו פֿאַר אַזאַ עלעמענטאַרע רעכט פֿון האָבן אַן אייגענע הױז, האָט דעמאָלט דער סאַמע רייכסטער ייד פֿון ניי־אַמסטערדאַם געדאַרפֿט פֿירן אַ

לאנגן קאמף. דאָס איז געווען דער פאַל מיט דעם אויבן־דערמאָנטן סאַלוואַדאָר דאַנדראַדאַ, אַ געבאָרענער מאַראַן אין מאַדריד, וואָס איז נאָך לאַנגע גלגולים שפּעטער געקומען קיין ניי־אַמסטערדאַם.

דאָס איז געווען אַ פאַל פון נישט בלויז טרעטן אויף די רעכט פון אַ יידן צו קויפן אַ הויז, נאָר אויך אויף די רעכטן פון אַ נישט־יידן צו פאַרקויפן. דער נישט־ייד איז געווען דער האָלענדער טוינים קרעי. ער האָט אויך אָנגעוויזן, אַז צוליב דער שטעלונג פון דער יידן־פיינטלעכער אדמי־ניסטראַציע קומט אים אויס צו פאַרלירן געלט, ווייל קיינער וויל אים נישט געבן אַזאַ פּרייז — 1680 גילדערס (אַרום 740 דאָלאַר) ווי עס גיט אים דאַנדראַדאַ. אָבער אַפילו זיינע פּעטיציעס זיינען צוריקגעוויזן געוואָרן. דער האָלענדער האָט געקראָגן אומגעקערט פון דער אדמיניסטראַציע בלויז אַ העלפט פון זיין היזק, ביים מוזן עס פאַרקויפן צו אַ נישט־יידן.

אשר לעווי איז אויך געווען פון די ערשטע יידן, וואָס איז באַשטאַנען אין האָבן דאָס רעכט צו פירן אַן איינצל־האַנדל און קויפן זיך לאַנד אָדער אַ הויז. ערשט נאָך זיין פּעטיציע האָט נאָכגעפאָלגט אַ פּעטיציע פון רעכט. נאָך לאַנגע ראַנגלענישן און קלאַגעס קעגן דער אדמיניסטראַציע, האָט מען זיך דעראָבערט די דערמאָנטע מינימום־רעכט אין סוף פרילינג פון 1657. אשר לעווי איז מעגלעך געווען דער ערשטער צו געווינען בירגער־רעכט.

אשר לעווי האָט זיך אויך דערנאָך שנעל אַרויפגעאַרבעט. ער איז אַליין געוואָרן דער אייגנטימער פון אַ פליישׁ־געשעפט, שפּעטער אויך פון אַן אכסניה. ער איז געווען צווישן די פינף באַפולמעכטיקטע פליישׁ־הענדלער אין שטאָט. ער האָט זיך אויך דערוואָרבן מיט דער צייט היפּשן אומבאַ־וועגלעכן אייגנטום אין לאַנד און הייזער.

אָבער אינטערעסאַנט איז, וואָס אין די שפּעטערע זיבעציקער יאָרן האָט ער אויפגעבויט אַ גרויסע שלאַכטהויז אין שותפות מיט דעם נישט־יידן גאַרעט דזשאַנסאָן. דאָס איז שוין אָבער געווען אונטער דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע, אינעם יאָר 1678. דאָס איז געווען די ערשטע שותפות, וואָס אונדז איז באַקאַנט פון אַ יידן און אַ נישט־יידן אין אַמעריקע. נאָך מערקווירדיקער איז דער פאַקט, וואָס אשר לעווי איז געווען אַ טראַדיציאָ־נעלער ייד און פונדעסטוועגן ברייט און גענוג צו האָבן אַזאַ שותפות־געשעפט, וואו אַלע אין דער קאָלאָניע פלעגן קומען דאָרט שלאַכטן.

דער דאָזיקער יידישער פּיאָנערישער קעמפער פאַר רעכט האָט אויך כסדר אָנגעפירט זיין קאַמף אונטער דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע, זינט זי האָט איבערגענומען די מאַכט אין 1664. אויך אונטער די ענגלענדער איז די יידישע לאַגע נישט געוואָרן בעסער. פאַרקערט: פיל רעכט האָבן געדאַרפט אויפסניי אויסגעקעמפט ווערן. אשר לעווי איז כסדר געווען אויפן קאַמף־פּלאַץ.

ער איז געשטאָרבן אין 1681 און איז געווען געאַכטעט און געשעצט נישט בלויז צווישן די יידן.

ביטערע יידן־רדיפות

דאָ שטיי נישט, דאָ גיי נישט!
דאָ וואוין נישט, דאָ בוי נישט!
דאָ וויין נישט, דאָ לאַך נישט!
דאָ קויף נישט, דאָ מאַך נישט!
דאָ בעט נישט, דאָ אַרב נישט!
דאָ לעב נישט, דאָ שטאַרב נישט!

לויט דער קליינער צאָל פון די יידן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק און די יונגע ישובים פון די צפון־אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, האָבן זיי פאַרנומען אַ צו־גרויסן פּלאַץ אין די געריכטן פון יענער צייט. אַשר לעווי, דער יידישער קצב, וואָס איז געווען אַזאַ אַפּטע פיגור אין די געריכטן פון ניי־אַמסטערדאַם, איז נישט געווען דער איינציקער ייד, וואָס איז געשטאַנען ביים גרינעם טיש.

אַ צווייטער יידישער קעמפער איז געווען אַן אַנדער האַרעפּאַשניק, אַ בעקער, יעקב קאַהען הענדריקוס. ער האָט געפאָדערט „דערלויבעניש צו באַקן און פאַרקויפן ברויט אין שטאָט, ווי אַנדערע בעקער, נאָר מיט פאַרמאַכטע טירן..." די בקשה איז פאַרהאַנדלט געוואָרן, אָבער סוף כל סוף האָט מען זי צוריקגעוויזן. אָבער די דאָזיקע יידן האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן. ווען מ'האָט זיי נישט דערלויבט צו באַשעפטיקן זיך מיטן איינצל־האַנדל, האָבן זיי פאַרקניפּט קאָמערציעלע באַציאונגען מיט די וועסט־אינדיעס, מיט אייראָפּע און מיט פילע אַנדערע פּונקטן אין אַמעריקע. מ'האָט זיי נישט געלאָזט האַנדלען לענג־אויס דעם דעלאַוואַר ריווער, און אין פאָרט אָרענדזש, אַ זייער אַקטיווער האַנדלס־צענטער אין יענער צייט. זיי האָבן אָבער זייער קאַמף נישט אויפגעגעבן. און נאָך איידער דער האָלענדער גאַרווערנאַר האָט זיך געדאַרפט אַרויספּעקלען פון ניי־אַמסטערדאַם, האָבן די יידן שוין דערוואָרבן זיך געוויס רעכט, אַז זייער נייע היים זאָל ווערן ליב און טייער.

אגב זיינען די יידן נישט געווען די איינציקע קעגן וועמען עס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין די ערשטע צייטן באַגרעניצונגען אין זייער האַנדל. אין שטאָט האָט מען זיך אויך שטאַרק באַקלאָגט קעגן די שאָטלענדער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט „די בעסטע האַנדלס־פּלעצער, און אַרויסגענומען דעם ביסן פון דעם מויל פון די בירגער און לענגערע תושבים."*

מיר קענען זיך פאָרשטעלן פיל יידן אין געריכט פאַר אַזעלכע „חטאים", ווי פירן אַן איינצל־האַנדל, ווי האַנדלען אום זונטיק און יום־טובים. יעקב קאָהען, ווערט טאַקע שפּעטער אָנגעקלאָגט פאַר געבן אַ פאַלשע וואָג, כאָטש עס שטעלט זיך דערנאָך אַרויס, אַז דער אינספּעקטאָר האָט ביי אים געפונען אַן ערלעכע וואָג. און אָט שפּעטער ווערט דער סוחר מאָזעס לעווי

* „פּאַבליקיישאָנס", באַנד 3, זייט 62.

באשטראפט מיט פופצן פונט פאר אפזאגן זיך צו דינען אלס קאנסטאבל.

אן ערנסטערער פראצעס איז נאך אין 1658 פארגעקומען אין מעריר־לאנד, וואס ווייזט ווי צוזאמענגעקנאטן עס איז געווען די ענגלישע קירכע מיט דער מלוכה אפילו נאכדעם, ווי ענגלאנד האט שוין זיך אנגעהויבן צו באפרייען ביסלעכווייז פון די פעאדאלע קייטן — דער לאמבראזא פראצעס.

דער יידישער דאקטאר יעקב לאמבראזא איז געווארן באשולדיקט דעם 19טן און 21טן פעברואר, 1658, אז ער האט געלעסטערט יעזוס קריסטוסן, ווען ער האט געזאגט, אז „וואונדער" קען מען אויך ווייזן דורך קונצן און אז ער האט געלייקנט אין די „דריי איינהייט".

אט־די אלע באשולדיקונגען זיינען געווען געגנוג לויט דעם ענגלישן גע־זעץ, וואס איז אנגענומען געווארן אין 1649, אונטער דעם ליבעראלן נאמען (גאר ווי אין אונדזערע איצטיקע מעקארטי צייטן) „דהי טאלעריישאן אקט". און נישט נאר די אלע באשולדיקונגען. אין באשולדיקונג אליין, די לייקע־נונג אין דער דריי־איינהייט, איז גענוג געווען כדי צו פארדינען זיך טויט־שטראף. דער דאזיקער אקט איז געווען געצילט נישט בלויז קעגן יידן, נאר אויך קעגן קוועיקערס און אוניטאריער (זע מ. שאפעס'עס „דאקומענטערי היסטארי אוו דהי דזשוס" אין דהי יונאיטעד סטעיטס").

צום גליק איז גראד פלוצלונג דער גאנצער משפט קעגן אים בטל גע־ווארן, מסתמא צוליב דעם מאניפעסט (אמנעסטיע), וואס דער נייער לארד פראטעקטאר ריטשארד קראמוועל (דער זון פון אליווער קראמוועל) האט ארויסגעלאזט דעם צווייטן מערץ, 1658. עס איז מערקווירדיק אבער, וואס ביזן היינטיקן טאג ווערט מען באשטראפט פאר אזעלכע עבירות ווי די, וואס זיינען ארויסגעשטעלט געווארן קעגן לאמבראזא'ן אינעם מיטן פון 17טן יארהונדערט אין מערילאנד.

יעקב לאמבראזא איז געבוירן געווארן אין פארטוגאל, און זיכער גע־טויפט געווארן לויט אלע דינים פון דער קאטאלישער קירכע. אנדערש האט דאך עס אין יענער צייט נישט געקענט זיין. מיר ווייסן נישט, ווען לאמבראזא האט זיך פון דארט ארויסגעריסן און וואו ער האט שטודירט מעדיצין. אין מערילאנד איז ער קענטיק אנגעקומען פארן יאר 1656. ער איז געווען דארט אן אנגעזעענער דאקטאר, סוחר, און אין די שפעטערדיקע יארן אויך א פראצענטניק. עס איז מעגלעך, אז ער האט אלץ מורא געהאט, אז מען זאל קענען אים נישט באנייען די באשולדיקונג אין לעסטערונג, ווייל מיר זעען ווי ער האט חתונה געהאט אינעם יאר 1662 מיט א קריסטלעכער פרוי.

אז ער איז שפעטער געווארן לוזער אין זיינע מאראלע פרינציפן, קען מען זען פון דעם, וואס דעם 10טן סעפטעמבער, 1663, שווערט ער זיך, לויטן נוסח פון דער קריסטלעכער שבועה, ביים ארויסנעמען דעניזאציע (באגרענעצטע בירגער־) פאפירן, כדי צו קריגן פריי 200 אקער לאנד. אבער אין דער באשולדיקונג קעגן אים ווערט ער אנגערופן „ייד־דאקטאר".

די אָפּוועזנדיקייט פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם ביי יידן איז געווען נישט קיין זעלטענע דערשיינונג שוין אין 17טן יאָרהונדערט. אַזוי זעען מיר ווי דעם 4טן אויגוסט, 1677, האָט די פּוריטאַנישע אַדמיניסטראַציע פון באָס־טאָן אַרעסטירט דעם יידן ראָבערט לעוו, און געשמיסן אים פּאָר באַזוכן אַ פאַרזאַמלונג פון די „קוועיקערס". פאַלן פון שמד זיינען אויך געווען נישט קיין זעלטנהייטן. עס איז מעגלעך, אַז די אָפטע שותפות'ן פון יידישע און קריסטלעכע סוחרים, וואָס מיר באַגעגענען שוין אין די ערשטע יאָרן פונעם יידישן ישוב, אפילו אינעם פאַל פון אשר לעווי, מיט זיין שלאַכטהויז, ביז אין דעם 18טן און 19טן יאָרהונדערט אריין, זיינען געווען טיילווייז אַ מין „שמירה קעגן מזיקים", אַ פּראָטעקציע קעגן די אָפטע אָנקלאַגעס קעגן יידן, און פאַר קענען זיך פריי דערוועגן, ווי אין דעם דערמאָנטן לאָמבראָזאָ־פאַל, גרויסע שטרעקעס לאַנד, אָדער פירן איינצל־געשעפטן.

אָט זעען מיר נאָך, ווי קנאַפּע דרייסיק יאָר נאָך דעם אָנהויב פונעם יידישן ישוב אין ניו יאָרק, האַלטן נאָך אַלץ יידישע סוחרים אין איין שרייבן פּעטיציעס צום גאָווערנאָר וועגן דערלויבן זיי צו עפענען איינצל־געשעפטן. עס איז קלאָר, אַז פיל פון די רעכט, וואָס יידן האָבן זיך שוין געהאַט דער־וואָרבן מיט אַזוי פיל מי און קאַמף אונטער דער האָלענדישער הערשאַפט, האָבן אויפסניי געמוזט אויסגעקעמפט ווערן אונטער דער ענגלישער הער־שאַפט. בכלל איז אונטער אומדעמאָקראַטישער פאַרוואַלטונג יעדע רעכט געלעגן אין די הענט פון די הערשנדיקע באַאַמטע, וואָס האָבן געהאַנדלט, ווי זיי האָבן געפונען פאַר נויטיק.

אַזוי זאָגט אָפּ דער גאָווערנאָר דעם יידישן סוחר סאָול בראַון אין זיין בקשה צו עפענען אַן איינצל־געשעפט אַזוי שפּעט ווי דעם 12טן סעפּטעמבער, 1685. און אין צוויי טעג שפּעטער, זאָגט דער ניו־יאָרקער שטאָט־ראַט אָפּ די יידישע פּעטיציע צו דערלויבן צו פּראַקטיצירן גאָטעס־דינסט. „איר קענט עס טאָן אויף אַ פּריוואַטן אופן", איז געווען דער ענטפער.

ווי ברוטאַל די געזעצן זיינען בכלל דעמאָלט געווען, קען מען אויך זען פון אַ שפּעטערדיקן פּראָצעס קעגן אַ יידן אין ניו יאָרק מיטן נאָמען משה זוסמאַן. דער געריכט איז פאָרגעקומען אין סופּרים־קאָורט דעם 12טן און 13טן יוני אינעם יאָר 1727, און אין דעם קורצן רעקאָרד רעדט זיך וועגן זיין פאַרברעכן. משה זוסמאַן האָט גע'גנב'עט אַ זעקעלע גאָלדענע און זיל־בערנע מטבעות, „פינגערלעך און אַנדערע זאַכן". גע'גנב'עט האָט ער עס פון אַ צווייטן משה, פונעם סוחר מאָזעס ליוואַי (לוי). דער אורטייל, לויטן ענגלישן געזעץ איז „הענגען ביים נאַקן". פון דעם דאָזיקן געזעץ זעען מיר אויך, אַז דער באַשולדיקטער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין ענגליש און דורך אַן איבערזעצער האָט ער געענטפערט, אַז ער איז „נישט שולדיק".

פון צוויי אַנדערע רעקאָרדס זעען מיר, ווי עס פאַראָרדנט דאָס געריכט אויסצוצאָלן אַכט פונט די זעקס וועכטער, וואָס האָבן געהיט דעם אַרעס־

טאנט אין משך פון צוויי חדשים און אז צוויי פונט זאָל אויסגעצאָלט ווערן צו ריטשארד נאָבל פאר אויפבויען די תליה (טליע).

אז דער דאָזיקער משה זוסמאן איז געווען אן אָרעמאן און אז ער האָט נאָך זיך נישט געלאָזן „נישט קיין סחורות (זאכן), נישט קיין פּי, נישט קיין באָדן און נישט קיין וואוינונגען", זעט מען פונעם צווייטן רעקאָרד.

אָבער מערקווירדיק איז, וואָס זיין אָנקלאָגער, מאָזעס ליוואי (לוי), איז נישט געווען סתם א ייד, נאָר, לויט די סאמע בעסטע השערות, דער פּרעזידענט פון דער ערשטער יידישער קהילה „שארית ישראל", אָדער זיין זון מיטן זעלבן נאָמען. ווי אזוי אזא יידישער פאָרשטייער האָט עס געקאָנט פאַרפלעקן דאָס פּנים פון דער ערשטער יידישער אָפיציעלער קהילה — צו לאָזן הענגען א צווייטן יידן פאר א גנבה, דערקלערט זיך בלויז מיט דעם קלאסן־כאראקטער און גאווה, מיט וועלכער די גבירים פון צווישן די שפּאַ־נישע יידן האָבן געקוקט אויף די דייטשע און פּוילישע יידן. אינעם רעקאָרד איז נישטאָ קיין וואָרט וועגן די באווייזן, צי ער האָט עס טאַקע גע'גנב'עט.

עס איז קלאָר, אז משה זוסמאן איז געווען א דייטשער אָדער פּוילישער ייד. מאָזעס, צי זיין פאָטער מיטן זעלבן נאָמען, ליוואי, איז געבאָרן געוואָרן אין שפּאניע, ארום 1665. ער איז אנטרונען קיין לאָנדאָן, געוואָרן דאָרט א סוחר און א שיף־אייגנטימער, און „פארנומען זיך אינעם האנדל מיט צפון־אפריקע". אין ניו יאָרק איז ער אָנגעקומען אין יאָר 1705. אלס שפּאנישער ייד האָט ער, ווי פיל אנדערע „ספרדים" אין יענער צייט, געקוקט אויף די „אשכנזים" מיט גרינגשעצונג.

אָבער נישט דאָס אליין. ווי מיר זעען פונעם צווייטן רעקאָרד וועגן דעם זוסמאן־משפּט, איז צווישן די אכט, וואָס ווערן דערמאָנט אין פאר־בינדונג מיט דעם משפּט, און וואָס האָבן בייגעטראָגן צו פאר'משפּט'ן משה זוסמאנען צום טויט, איז געווען דער סאמע ערשטער נעיטן ליוואי, א ברוּ־דער פון מאָזעס ליוואי, אָדער זיין זון. מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי „אומ־באאיינפלוסט" אזא משפּט האָט געקאָנט זיין און ווי זי האָט געקאָנט געבן אן עלנטן מענטשן א שאנס צו באווייזן זיין אומשולד.

מיר זאָגן דאָ „אן עלנטן מענטשן", ווייל עס איז קלאָר, אז ער איז געווען איינער אליין, און מעגלעך אפילו דער איינציקער, אָדער גאָר דער ערשטער דייטשער ייד, צי גאָר פּוילישער, וואָס איז אהער אריינגעפאלן. אָט אזוי זעען מיר א „צווייטע זייט פון דער מטבע", וואָס שייך די שפּאנישע יידן. פון איין זייט האָבן מיר געזען די אויסגעהאלטענע מארטירער, פון דער צווייטער זייט — די „געלט־זעק".

מיר זיינען אָבער דערווייל צו ווייט פארלאָפן דעם וועג. מיר מוזן זיך צוריק אומקערן קיין ניי־אמסטערדאם און צו די ערשטע יידישע גרופּעס אינעם אנטשטאנענעם ניו יאָרק.

ערשטע יידן אין ניו־יאָרק

פון נײ־אַמסטערדאַם ביז ניו־יאָרק
אַ מהלך פון בלויז צען יאָר.
האָט עס פריער ווער געוואוסט,
אַז סטאַיוועסאַנטס איינציקער פוס
וועט שוין אַליין מוזן גיין
בעת יידן וועלן באַשטיין?

פעטער סטאַיוועסאַנט איז געווען אַזוי „באַליבט" ביי די בירגער פון ניו יאָרק, אַז אַזוי שנעל ווי דער ענג־לישער קאָמאַנדיר, ריטשאַרד ניקאָלס, איז צוגעקומען מיט אַן עקספּעדיציע איבערצונעמען די שטאָט פאַר ענג־לאַנד, האָבן זיך די בירגער פון נײ־אַמסטערדאַם, צווישן זיי אויך דער בירגערמייסטער אַליין, אָפּגעטרייסלט פון סטאַיוועסאַנטס הערשאַפט און די שטאָט, ווי אויך די גאַנצע געגנט, איינגעשלאָסן, אויך די איצטיקע ניו־דזשערזי איז אַריבער אונטער דער ענגלישער פאָן. דער „אומקאָמפּראָמיס־לעכער" גאָווערנאָר האָט זיך פאָרמעל אונטערגעגעבן דעם 8טן סעפּטעמבער, 1664. די שטאָט האָט באַקומען דעם נאָמען „ניו יאָרק", לכבוד דעם פירשט דזשיימס יאָרק, דער ברודער פון ענגלישן קעניג טשאַרלס דעם 2טן.

מיט דער אויסנאַם פון דער ענדערונג אין דער שטימונג, וואָס עס האָט זיך געשאַפן מיט סטאַיוועסאַנטס מפּלה, איז דער סטאַטוס פון די יידן קנאַפּ־וואָס געענדערט געוואָרן אונטער דער ענגלישער הערשאַפט. אויב די יידן האָבן געמאַכט וועלכן עס איז פּראָגרעס אין דערווערבן זיך נאָך עטלעכע געציילטע רעכטן, איז עס פאָרגעקומען אויף אַ זייער פּאַמעלעכן אופן. אפילו דאָס רעכט צו בויען אַ שול, איז נישט אָנגעקומען צו דער־שלאָגן זיך אַזוי גרינג.

ווען די יידן האָבן אָנגעגעבן אַ פּעטיציע צום גאָווערנאָר דאָנגאַן, אין 1686, ווענן דערלויבן זיי צו קענען עפנטלעך אָנגיין מיט זייער רעליגיעזן לעבן אין אַ שול, האָט מען זיי טאַקע אָפּגעזאָגט און ערשט שפּעטער האָט דזשיימס דער צווייטער (1633־1701), אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, „צו דערלויבן אַלע פּערזאָנען פון וועלכע עס איז רעליגיע צו וואוינען רואיק אונטער דער רעגירונג, און נישט באַאומרואיקן זיי אָדער שטערן זיי אויף וועלכן עס איז אופן צוליב זייער אונטערשייד אין ענינים פון רעליגיע".

דער דאָזיקער ליבעראַלער דעקרעט האָט געווים דערמוטיקט, נישט בלויז יידן, נאָר אויך אַלע אַנדערע, וואָס זיינען פריער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון רעליגיעזער פרייהייט. זיכער איז, אַז אין 1695 האָט שוין די יידן אין ניו־יאָרק געהאַט זייער שול. די ערשטע שול אויפן צפון־אַמעריקאַנישן קאָנטי־נענט האָט זיך געפונען אויף דער דרום־זייט פון דער איצטיקער ביוועך סטריט, צווישן בראָדוויי און בראָד סטריט.

אינעם יאָר 1728 איז שוין די יידישע געמיינדע היפּשלעך אויסגע־וואַקסן. איייניקע יידן האָבן זיך שוין דערוואָרבן גרויסע פאַרמעגנס. זיי האָבן

זיך שוין געקענט פאַרגינען, און מסתמא שוין אויך געגוויטיקט, אין אַ גרע־סערער און שענערער געביידע. עס איז דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרן די יידישע קהילה, אונטערן נאָמען „שארית ישראל", וואָס האָט אויסגעבויט אַ שול אויף מיל סטריט (איצט אומגעפער סאוט וויליאַם סטריט).

די דאָזיקע שול איז געווען אַן איין־שטאָקיקע, געבויט פון שטיין און האָט געהאַט אַרום זיך אַ הילצערנעם פּאַרקאַן. עס האָט זיך דעמאָלט קיי־נעם נישט גע'חלום'ט, אַז אין וועלכע קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר שפּעטער וועלן אַרום און אַרום זיך אויפהויבן אין דעם געגנט ריזיקע וואָלקן־קראַצער, וואָס וועלן זיין „נעענטער צום הימל", ווי די דאָזיקע שול; וואָלקן־קראַצער, וואָס וועלן אָנשטאָט געזאַנגען צום רבונו של עולם, קלינגען איבער דער גאַנצער וועלט מיט זייער ריזיקע, אָנגערויבטע קאַפּיטאַלן. דאָרט געפינען זיך איצט די גרעסטע באַנקן פון דער וועלט. דער ערשטער חזן איז געווען אַ געשעפטסמאַן מיטן נאָמען שאול בראון, וועלכער האָט געקראָגן די רעכט פון אַ בירגער נאָך אין 1685.

די הויפּט לעגיסלאַטור פון דער קאָלאָניע האָט אין 1727 אָנגענומען אַן אַקט, אַז ווען עס פאָדערט זיך פון אַ יידן די שבועה אין פאַרבינדונג מיט דער לאָיאַליטעט צו גרויס־בריטאַניע, קענען אויסגעלאָזט ווערן די ווערטער „אויף דעם אמת'ן גלויבן פון אַ קריסט". דאָס האָט געגעבן די יידן אַ מעגלעכקייט צו נאַטוראַליזירן זיך און אין אַ גרעסערער מאָס באַ־פרייען רעליגיע פון רעגירונגס־קאָנטראָל.

אָבער דאָס האָט אַלץ בשום אופן נישט געגעבן די יידן אין די קאָלאָ־ניעס די פולשטענדיקע גלייכע רעכט, וואָס זיי געניסן היינט צו טאָג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. יידן האָבן נאָך אַלץ נישט געקענט פאַרנעמען קיין שום אַמט אין דער קאָלאָניע. יידן האָבן נאָך נישט געקענט שטימען פאַר מיטגלידער אין דער גענעראַל־אַסעמבלי, און אָפטמאָל אפילו נישט אָנגענו־מען געוואָרן אַלס עדות אין די געריכטן.

אין אָנהויב 18טן יאָרהונדערט האָבן שוין אַ ריי יידישע סוחרים איינגעשטעלט אַ לעבהאַפטן האַנדל צווישן ניו יאָרק און די וועסט אינדיעס. אַ קורצע צייט האָבן זיי אויך עקספּאָרטירט אַ מאַסע ווייץ אין איראָפּע, ספּעציעל אין פּאָרטוגאַל, צוליב דעם יקרות וואָס עס האָט פאַראורזאַכט די פראַנצויזישע מלחמה. די צוויי יידישע סוחרים אברהם דע לוסענא און לואיס מאָזעס גאָמעז זיינען געווען די הויפּט־אָנפירער מיטן פּאָרטוגעזישן האַנדל. זיי זיינען געוואָרן זייער רייך און זייערע שיפן, וואָס האָבן דורכגע־שניטן דעם אָקעאַן הין און צוריק, פלעגן גאַנץ אָפט אויך ברענגען פון פּאָר־טוגאַל נייע מאַראַנען אימיגראַנטן. די צאָל פון די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן האָט זיך דעריבער אויף אַזויפיל פאַרגרעסערט, אַז זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט, אין אַ קורצער צייט אַרום, דעם הויפּט־קערן פון דעם יידישן ישוב אין ניו יאָרק.

דער יידישער ישוב אין ניו יאָרק האָט אָבער אויך געהאַט אַ היפּשע צאָל

יידן פון אנדערע לענדער. דער גלה, דזשאן שארפ, דערציילט, אין פארבינדונג מיט זיין פארשלאג וועגן בויען אין ניו יארק, אין 1712, א שול־ביבליאטעק און א געבעט־הויז, אז „עס איז מעגלעך אויך צו לערנען דא העברעאיש פונקט אזוי ווי אין אייראפע, ווייל דא געפינט זיך א יידישע שול און פיל געלערנטע פון דער דאזיקער נאציע, וואס זיינען געקומען פון פוילן, אונגארן, דייטשלאנד א.א.וו.” קענטיק, אז די יידן אין ניו יארק האבן שוין דעמאלט געהאט א ברייטערן און א וויניקער פאנאטישן אויסבליק ווי זייערע ברידער אין איירעפע. ווען מ'האט, אין 1711, געקליבן אין שטאט א פאנד אויפצובויען דעם טורעם־שפיץ פון דער טריניטי־טשוירטש, וועלכע טיילט זיך נאך היינט צו טאג אויס צווישן די אינטערעסאנטע געביידעס פון ניו יארקער דאונטאון, האבן זיך אויך אייניקע יידן באטייליקט אין שאפן די נויטיקע סומע.

ביסלעכוויין, ביסלעכוויז, וואקסן אויס נייע יידן, געבארענע אמעריקאנער, און אין דער זעלבער צייט ווערן פיל יידישע אימיגראנטן נאטוראליזירט. אין 1723 איז דורכגעפירט געווארן אן אקט, דורך וועלכן עס זיינען נאטוראליזירט געווארן, צווישן אנדערע, ניין יידן.

עס האט שוין אויסגעקוקט, אז מ'האט אינגאנצן פארגעסן דעם אלגעמיינעם אקט פון 1683, וואס האט באגרעניצט די רעכט אויף נאטוראליזירונג בלויז מיט גלויביקע קריסטן. אבער מיט 10 יאר שפעטער, אין 1737, האט מען די יידן נאך אמאל דערמאנט, אז זיי וועלן נאך א היפש ביסלווארטן ביז עס וועט קומען זייער פולשטענדיקע עמאנציפאציע. פאסירט האט עס אין פארבינדונג מיט דער קאנדידאטור פון קוירנל פרעדריק פיליפס, וועלכער איז „געלאפן” פון וועסטשעסטער קאונטי אלס פארטרעטער צו דער גענעראל־אסעמבלי. ער איז דערוויילט געווארן, אבער די וואל איז געווען קאנטעסטירט. פיליפס האט ארויסגערופן אייניקע יידן אלס עדות, אבער עס זיינען ארויסגעבראכט געווארן איינווענדונגען אין געריכט קעגן צולאזן זיי.

בכלל אבער זיינען די אלגעמיינע באדינגונגען פון די יידן אין ניו יארק געווען צופרידנשטעלנדיקע ארום דעם מיטן פון דעם 18טן יארהונדערט. דער בארימטער שוועדישער רייזנדער און וויסנשאפטסמאן, פעטער קאלם, וועלכער האט אין סוף פון די 40ער יארן פארבראכט אין צפון־אמעריקע, שרייבט וועגן די יידן:

„אין ניו יארק וואוינען פיל יידן, וועלכע באזיצן גרויסע פריווילעגיעס. זיי האבן א שול און הייזער, גרויסע דאטשעס, וואס עס געהערן זיי, און זיי זיינען דערלויבט צו האלטן אפן אין שטאט קראמען. זיי האבן אויך אייניקע שיפן, וואס זיי לאדן אן און שיקן ארויס מיט זייערע סחורות; שליסלעך, די יידן געניסן אלע פריווילעגיעס געמיינשאפטלעך מיט די אנדערע איינוואוינער פון דער דאזיקער שטאט און פראווינץ”.

דער פארשטייער פון דער יידישער געמיינדע איז, אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יארהונדערט, געווען דער שוין־דערמאנטער לואיס מאזעס

גאָמעז, געבאָרן אין מאַדריד — 1654; געשטאָרבן אין ניו יאָרק — 1740. ער אַליין איז געווען אַ מאַראַן, וואָס האָט אין ניו יאָרק עפנטלעך זיך אָפּגעזאָגט פון קריסטנטום און געוואָרן דער פירער פון די יידן. פון זיינע פינף זין, האָט איינער פון זיי זיך באַטייליקט שפּעטער אַלס אַ סאָלדאַט אין דער רעוואָלוציע, ווען ער איז שוין געווען אַ זקן. ער האָט געזאָגט: „איך קאָן נאָך אָפּשטעלן אַ קויל פּונקט אַזוי ווי אַ יונגער מאַן”.

אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט איז דער באַקאַנטסטער יידישער פּאַרטרעטער געווען דער סוחר היימאַן ליוואַי (לעווי). ער האָט געהאַנדלט מיט די אינדיאַנער, געקויפט פון זיי פעלכלעך, פאַר שטאָטישע פּראָדוקטן. אגב איז היימאַן ליוואַי געווען דער ערשטער באַלעבאָס פון דעם שפּעטער בארימטן מיליאָנער דזשאָן דזשייקאָב אסטאָר. אסטאָר האָט געאַרבעט ביי דעם יידישן פעלץ־סוחר פאַר איין דאָלאַר אַ טאָג שכירות. ער פלעגט אויסקלאַפּן די פעלכלעך. ליוואַי איז געווען דער גרעסטער פעלץ־סוחר אין די קאָלאָניעס. ער איז געווען באַרימט צווישן די אינדיאַנער פאַר זיין ערלעכקייט און גוטמוטיקייט.

מ'דאַרף זיך אָבער נישט פאָרשטעלן, אַז אַלע יידישע סוחרים זיינען געווען פון דעם זעלבן טיפּ ווי היימאַן ליוואַי. פּונקט ווי צווישן סוחרים פון אנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אַזוי זיינען אויך צווישן די יידישע סוחרים געווען געננוג, וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַ „טרפ'ן” פאַרדינסטל. אנדערע פון זיי זיינען געווען אמת'ע אַוואַנטוריסטן, און אַריינגעלאָזט זיך אין פאַרשיידענע אומלעגאַלע אונטערנעמונגען, ווי שמוגלעריי, און אפילו אין ים־רויבערייען. צווישן די פּיראַטן פון דעם באַרימטן הויפּט־פּיראַט, קאַפּיטאַן וויליאַם קיד, האָט זיך אויך געפונען דער ייד, בנימין פראַנקס, אַ מיטגליד פון דער זייער באַוואוסטער פראַנקס פאַמיליע אין די קאָלאָניאַלע צייטן. זיי פלעגן אַרומפאָרן רויבן אויף דעם גאַלעאָן „אַדווענטשור”.*

די יידישע באַפעלקערונג אין ניו יאָרק איז אין משך פון דעם 18טן יאָרהונדערט געוואַקסן גאַנץ פּאַמעלעך אין פאַרגלייך מיט דעם שנעלן וואוקס פון דער שטאָט. אין אָנהויב פון דעם 18טן יאָרהונדערט איז ניט די באַפעלקערונג אין ניו יאָרק געווען ווייניקער ווי 5000. אָבער אינעם מיטן פון דעם 18טן יאָרהונדערט, זיינען שוין געווען אַרום 9,000 און צו דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין 1776 — שוין אַרום 23,000. די פאַרמערונג פון די יידן איז פאָרגעקומען אַזוי פּאַמעלעך, נישט בלויז, דערפאַר, ווייל די אימיגראַציע איז געווען אַ קליינע. פון די וואָס זיינען אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, מערסטנס פון ענגלאַנד, זיינען בלויז איינציקע געבליבן אין שטאָט. דער גרעסטער טייל פון זיי פלעגט זיך צעפאָרן קיין ניופאָרט, טשאַרלסטאָן און פילאַדעלפיע. וועגן די דאָזיקע יידישע ישובים וועגן מיר רעדן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

---

* „פּאַבליקיישאָנס”, באַנד 31, ז. 229.

יידן אין מאַסאַטשוזעטס און ראָוד־איילענד

יידן אין מאַס. צאָלט נאָר אָפּ מס,
האָט איר רעכט אין מיטן גאַס,
יונג און אַלט, אָרעם און רייך
מיט אַלע בירגער גלייך!
עסן בפרהסיא טריפות,
און ברענגען, בראָטן מכשפות.

די פּילגרים פּאַטערס, וועלכע זיינען אַליין געווען פאַרפאָלגטע אין זייער אַלטער היים, האָבן זיך גאָר שנעל אין זייערע ישובים אין דער נייער וועלט, פאַרוואַנדלט אין פאַרפאָלגער און אומטאָלעראַנטע פאַנאַטיקער. אַלע פאַרזוכן, וואָס איינציקע יידן האָבן געמאַכט ביזן מיטן פונעם 17טן יאָרהונדערט, צו באַזעצן זיך אין די קאָלאָניעס פון מאַסאַטשוזעטס, זיינען געווען אַ דורכפאַל. די פּוריטאַנער, וועלכע האָבן זיך אַזוי פיל געגרויסט מיט דער ביבל, געגעבן זיך ביבלישע נעמען, האָבן בשום אופן נישט געוואָלט דערלויבן צו באַזעצן זיך צווישן זיי, אפילו איינציקע איינוואַנדערער פונעם ביבל־פאָלק.

מיר ווייסן פון איין יידן, סאָלאָמאָן פראַנקאָ, וועלכער האָט געפּרואווט זיך באַזעצן אין מאַסאַטשוזעטס, אין פרילינג פון 1649. ער איז געווען אַ האָלענדער ייד, אָבער דער געריכט האָט אים פאַראורטיילט צו פאָרן צוריק פון וואַנען ער איז געקומען. מ'וואָלט אים מסתמא גלייך אַרויסגעשיקט, אויב ער וואָלט נאָר געהאַט גענוג געלט אויף הוצאות. ס'איז נאָך געווען אַ גרויסמוט פון דעם געריכט צו אַסיגנירן פאַר אים, פאַר 10 וואָכן, צו זעקס שילינג אַ וואָך, ביז ער וועט קענען צוריק אַוועקפאָרן קיין האָלאַנד.*

און נישט נאָר צו יידן זיינען די קאָלאָניסטן אין ניו ענגלאַנד געווען אומטאָלעראַנט. מאַסאַטשוזעטס אין דעם 17טן יאָרהונדערט האָט געהאַט איר אייגענע קליינע אינקוויזיציע. די פּוריטאַנער האָבן נישט בלויז געברענט מכשפות, נאָר אויך מענער און קינדער, וועלכע זיי האָבן חושד געווען אין „כישוף". זיי האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן פון יעדן איינעם וואָס איז געווען טאָלעראַנט אין רעליגיעזע ענינים.

אַזוי האָבן די קאָלאָניסטן פון מאַסאַטשוזעטס אַרויסגעטריבן פון צווישן זיך דעם רעליגיעזן אָפּאָזיציאָנער, ראָדזשער וויליאַמס, נאָך דעם ווי ער האָט געוואוינט מיט זיי 5 יאָר, דערפאַר, וואָס זיינע טאָלעראַנטע אידייען אין רעליגיעזע ענינים איז פון זיי באַטראַכט געוואָרן ווי אפּיקורסות. זיי האָבן אים אַרויסגעטריבן אין אַ געדיכטן וואַלד, אומצוקומען פון אַ הונגער־טויט און פון קעלט.

אָבער אַט דער דאָזיקער וויליאַם ראָדזשערס האָט אין 1636 געגרינדעט

---

* אַלעקסאַנדער קאָהוט, „די דזשוס אָוו ניו ענגלאַנד", „פּאָבליקיישאָנס", באַנד 11, ז. 78.

די ערשטע קאָלאָניע אין אַמעריקע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט רעליגיעזע פרייהייט און פרייהייט פון געדאַנק אין פולן זינען פון וואָרט. דאָס איז געווען די קאָלאָניע פון ראָוד אײלאַנד. פּראָווידענס און ניופּאָרט זײַנען גלײַך געוואָרן זאַמל־פּונקטן פון אַלע קירכלעכע אָפּאָזיציאָנערן, וואָס האָבן נישט געקענט פאַרלײַדן דעם פאַנאַטיזם פון די פּוריטאַנער. אַהין האָבן זיך געצויגן פון די פאַרשײדענע אַנדערע קאָלאָניעס קוויקערס און קאַטאָליקן. אינגיכן האָבן זיך אַהין אויך אָנגעהויבן צו ציען ייִדישער אריבערוואַנדערער.

ניופּאָרט האָט געגומען וואַקסן זייער שנעל און איז אין אַ קורצע צײַט געוואָרן אײנע פון די סאַמע וויכטיקסטע שטעט אין די קאָלאָניעס, און אַלס האַנדלס־צענטער וויכטיקער אפילו ווי ניו יאָרק ביז נאָך דער רעוואָלוציע. אין 1658 זײַנען אָנגעקומען פון האָלאַנד 15 ייִדישע פאַמיליע און אָרגאַניזירט די ערשטע קהילה „ישועת ישראל" און אין 1677 געקויפט אַ גרויסן בית־עולם (פריער האָבן זיי געהאַט אַ צײַטווײַליקן בית עולם). דער דאָזיקער בית עולם איז פאַראײביקט געוואָרן דורך די סענטימענטאַלע אָבער קרעפטיקע פּאָעמען פון הענרי וו. לאָנגפעלאָו און עמאַ לאַזאַרוס. דאָס איז דער עלטסטער ייִדישער בית עולם, וואָס עקזיסטירט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג אין אַמעריקע.

די ייִדן האָבן נישט בלויז פאַרבונדן ניופּאָרט מיט אַ רײַ האַנדלס־צענטערס אין די וועסט אינדיעס און אין אײראָפּע, נאָר האָבן שוין אויך גענומען צו שאַפן דאָרט וויכטיקע אינדוסטריעס אַזוי פרי ווי אין דעם אָנהויב פון 18טן יאָרהונדערט. אין 1705 האָבן די ייִדן אין ניופּאָרט אײַנגעשטעלט די זײַף אינדוסטריע. יעקב ריווערא האָט אײַנגעשטעלט די וואַלפיש אויל אינדוסטריע. אַרום 1760 האָט שוין ניופּאָרט געהאַט 17 ליכט־פאַבריקן און ראַפינעריעס פון וואַל־פיש אויל. מ'שרײַבט אויך צו די ייִדן אין יענער צײַט 22 שנאַפּס־ברויזן, 4 צוקער ראַפינעריעס, פינף „שטריק־שעפּער" און אַ רײַ גרויסע מעבל פאַבריקן, וואָס האָבן געאַרבעט נישט בלויז פאַרן היימישן מאַרק, נאָר אויך פאַר עקספּאָרט.

מערסטנטײל ייִדן אין ניופּאָרט אין יענער צײַט האָבן געהאַט ספרד'ישע נעמען. דאָס מײנט נישט, אַז אַלע זײַנען דירעקט געקומען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. אייניקע פון זיי זײַנען געקומען פון האָלאַנד און אייניקע פון די וועסט אינדיעס. די סאַמע אָנגעזעענסטע פאַמיליע, די לאָפּעז פאַמיליע, איז געקומען פון פּאָרטוגאַל, אַרום דעם מיטן פונעם 18טן יאָרהונדערט. זיי זײַנען געווען מאַראַנען און אַנטלאָפן פון דער אינקוויזיציע. דאָס זעלבע איז געווען דער פאַל מיט דער ריווערא פאַמיליע, אויך אַ מאַראַנען־פאַמיליע, אַן אַנטלאָפענע פון שפּאַניע. אויך ריווערא איז געווען באַרימט נישט בלויז אין ראָוד אײלאַנד, נאָר אין גאַנץ ניו ענגלאַנד. צוליב זײַן וואַל־פיש אויל אינדוסטריע האָט זיך שטאַרק אויסגעברייטערט אין ניו ענגלאַנד די וואַל־פיש אינדוסטריע בכלל. אַ גאַנצע גענץ פישער־ישובים האָט זיך צעלײגט בײַ

די ים־ברעגן, און אין משך פון הונדערט יאָר לאַנג איז די דאָזיקע וואַל־פיש אינדוסטריע געווען איינע פון די סאַמע גרעסטע אינדוסטריעס אין ניו ענגלאַנד.

די יידישע סוחרים אין ניופאָרט זיינען געווען זייער אָנגעזעענע מענטשן. פונדעסטוועגן האָט עס זיי נישט געשטערט צו פאַרנעמען זיך מיט דעם טרפה'נעם „דריי־ווינקל" האַנדל. דער האַנדל איז באַשטאַנען פון אימפּאָר־טירן צוקער סיראָפּ (מאַלעסעס) אין ניופּאָרט. דאָרט האָט מען פון אים פּראָדוצירט שנאַפּס, געשיקט עס קיין אַפריקע, אונטערגעקויפט מיט דעם שנאַפּס די נעגערשע הויפּטלינגען, און אומגעקערט זיך מיט שיפן, אָנגע־לאָדענע מיט שקלאַפן, צו די וועסט אינדיעס און שפּעטער צו די דרום־קאָלאָניעס, וואו מ'האָט קולטיווירט באַוול און טאַבאַק. דער דריי־ווינקל האַנדל באַשטייט פון „סיראָפּ — שנאַפּס — שקלאַפן". אַפילו די לאָפּעז ברידער, און ספּעציעל דער סוחר מייער פּאָלאַק, קענטיק טאַקע אַז ער איז געקומען פון פּוילן, האָבן זיך אויך באַשעפטיקט מיט דעם דאָזיקן האַנדל.

די יידישע געמיינדע אין ניופּאָרט איז געוואַלטיק אויסגעוואַקסן נאָך דער ערד־ציטערניש אין ליסאַבאָן, אינעם יאָר 1755. אַ גרויסע מאַסע מאַ־ראַנען האָבן זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און אַרויסגעכאַפּט זיך פון די נעגל פון דער אינקוויזיציע. איין עמיגראַנטן־שיף איז געפאָרן קיין ווירדזשיניע. זי איז אָבער, אין אַ שטורעם, אַריינגעטריבן געוואָרן אין נאַראַגאַנסעט בעי, און אירע מאַראַנען־פּאַסאַזשירן האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט אין ניופּאָרט. פיל פון זיי זיינען דירעקט געקומען קיין ניופּאָרט, אָבער אַ געוויסער טייל איז פריער פאַרפאָרן קיין דזשאַמייקאַ, און אין עטלעכע יאָר אַרום זיינען זיי פון דאָרט געקומען קיין ניופּאָרט. אַזוי איז אויך געקומען קיין ניופּאָרט, דורך דזשאַמייקאַ, דער בארימטער רב, יצחק טוראָ, אין 1760.

מיטן קומען פון יצחק טוראָ האָט מען באַשלאָסן צו בויען אַ שול. אַנשטאָט די מנינים, וואָס מ'פלעגט אָפּהאַלטן אין פּריוואַטע הייזער. די דאָ־זיקע געביידע, וואָס מ'קען נאָך זען היינטיקן טאָג, איז געעפנט געוואָרן אין 1763.

אָט אַזוי איז זיך געוואַקסן די יידישע געמיינדע אין ראָוד איילאַנד. עס פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע יידן זיינען דאָרט געווען גרויסע סוחרים און רייכע לייט. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך באַשעפטיקט מיט קליין־האַנדל און מיט פאַרשיידענע מלאכות, ווי בעקער, קצבים, וועבער, שיף־בויער, שמידן, סטאָליאַרעס, א. א. וו. קיינער האָט זיי דאָרט נישט געשטערט אין זייערע רעליגיעזע אָנשויאונגען. אָבער קיין בירגער־רעכט האָבן זיי אַלץ נישט באַקומען, נישט קוקנדיק אויף דעם בריטישן אַקט פון 1740, וואָס האָט דערלויבט צו נאַטוראַליזירן יידן. עס האָט ערשט געדאַרפט קומען די רעוואָלוציע, וואָס האָט מיט איר מעכטיקן בעזים אָראָפּגעקערט די רעשט־לעך פון אומטאָלעראַנץ פון דער אַלטער אָרדענונג.

יהודה מאַניס און זיין שמד

יודאַס קריאַט האָט פאַר זיין פאַרראַט
געקריגן פולע דרייסיק שקלים,
נאָר יהודה מאַניס זיך געשמדט האָט
לויט אייגענע געוואויגענע
גראַמאַטיש-מאַטעמאַטישע כללים.

מיר האָבן אין אָנהויב פון פריערדיקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, אַז אין מאַסאַטשוזעטס האָבן יידישע איינוואַנדערער אַ לאַנגע צייט זיך נישט געטאָרט באַזעצן. דאָ און דאָרט זיינען אָבער געמאַכט געוואָרן אויסנאַמען מיט איינצלנע רייכע אָדער געבילדעטע יידן. ס'רוב פלעגן אַזעלכע איינצלנע מיט דער צייט באַקערן זיך צום קריסטנטום. אויף איינעם פון אַזעלכע יידן איז זיך כדאי אַביסל אָפּצושטעלן, ווייל ער איז געווען דער פּראָפעסאָר פון דער ערשטער העברייאישער גראַמאַטיק אין אַמעריקע.

יהודה מאַניס, געבאָרן אין אַלדזשיר ארום 1680, האָט אין זיינע יונגע יאָרן געלערנט אין די אוניווערזיטעטן פון אַמסטערדאַם און לעגהאָרן. ער איז געקומען אין אַמעריקע ארום 1718 אָדער 1719. אין 1720 גראַדואירט ער אין קעמברידזש דעם האַרוואַרד אוניווערזיטעט. אויף וויפל עס איז באַוואוסט, איז ער געווען דער ערשטער ייד אין צפון אַמעריקע, וואָס האָט באַקומען אַן אוניווערזיטעט דיפּלאָם. אינגיכן איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר פון דער העברעאישער שפּראַך אין האַרוואַרד.

דער ווידערשפּרוך, וואָס מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל באַמערקט אין ניו ענגלאַנד צווישן זייער גייסטיקע קרובה'שאַפט מיט דער ביבל און פיינטלעכקייט צו יידן אַלס אַזעלכע, ווערט נאָך מער בולט דורך דעם, וואָס אין די ערשטע אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן איז דער לימוד פון העברעאיש געווען אָבליגאַטאָריש. מערסטע סטודענטן פלעגן זיך גרייטן צו ווערן גלחים און פּריידיקער. פאַר זיי איז דאָס לייענען די ביבל אין אָריגינאַל געווען אַ חוב. אפילו די, וועלכע האָבן שטודירט יוריספּרודענץ, האָבן זיך אויך דעמאָלט געניטיקט אין קענען די ביבל אויסנווייניק. עס איז נישט געווען קיין נאָווינע, אַז אַן אַדוואָקאַט זאָל אין געריכט ציטירן די ביבל. אַ געלונגענע ציטאַטע האָט געקענט אַמאָל געווינען אַ פאַרשפּילטן פּראָצעס.

די „מצוה" צו שמד'ן מאַניס'ן האָט געהאַט דער באַוואוסטער גלח אין יענער צייט, אינקריעס מאַטער. מאַניס איז טאַקע געוואָרן אַ „פרומער" קריסט. ער האָט אפילו אָנגעשריבן עטלעכע מיסיאָנערישע פּאַמפלעטן. אין 1735 האָט דער אוניווערזיטעט פון האַרוואַרד אַרויסגעגעבן מאַניס'עס העברעאישע גראַמאַטיק. פאַר דעם צוועק האָבן זיי אימפּאָרטירט יידישע בליי־

שריפט פון אייראָפּע.

פון די פאַקטן וואָס מיר וויסן וועגן מאָניס'ן* זעען מיר, אַז ער איז בכלל געווען אַ קליין מענטשעלע, שטענדיק זיך געדונגען פאַר קליינלעכע פּריווילעגיעס, און אויסער זיין פּראָפעסור אין העברעאיש האָט ער זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט.

אין באָסטאָן געפינען מיר נאָך לאַנג צוריק, ווי אין 1648, אַ יידן, יצחק אייבראַהאַמס, וועלכער איז דערשינען „פאַר דעם באַוואוסטן באָסטאָנער נאָטאַריוס, אַספּינוואַל, אַז ער זאָל זיין אַן עדות צום פאַרקויף פון זיין שיף, „ברייד אָוו ענטשוועזן", וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן צו ראָבערט סקאָט און דזשאָן קוק".

אין דער ערשטער באָסטאָנער שטייער ליסטע, אין 1674, באַגעגענען מיר דעם נאָמען פון ראָלאַנד גערעאָן, „דער ייד", וואָס איז באַשטייערט געוואָרן מיט 18 שילינג. ער האָט געמוזט זיין זייער אַ רייכער מענטש. מיר זעען, אַז ער האָט אַרויסבאַקומען אין 1679 פון דער ענגלישער רעגירונג ספּעציעלע פּריווילעגיעס, וואָס דערלויבט אים צו וואוינען אין די ענגלישע קאָלאָניעס.

דעם 4טן אויגוסט, 1677. האָט די פּוריטאַנישע אַדמיניסטראַציע פון באָסטאָן אַרעסטירט דעם יידן, ראָבערט ליוואַי (לעווי) און געשמיסן אים פאַר באַזוכן אַ פאַרזאַמלונג פון די „קוויקערס".

מיר געפינען אויך אין דער „ליסט פון איינוואוינער אין באָסטאָן אין 1695" צוויי יידן, מיט די נעמען רפאל אבאנדאנא און שמואל דער ייד. אין מערץ, 1715, איז אָנגעקומען פון סורינאַם, אויף דער שיף „נעפּטון", בת-שבע הארט, אַן אלמנה, און אין פיר מאָנאַטן אַרום חתונה געהאַט מיט וויליאַם פּאָסטער פון ענגלאַנד. צווישן די יאָרן 1716-1728 באַגעגענען מיר אויך די פאָלגנדיקע יידן אין באָסטאָן: יצחק לאָפּעז, אברהם גאָטאַטוס, שמואל בראַזילאַ, מיכאל אשער, יצחק סאָלאָמאָן. די לעצטע צוויי האָבן פעברואַר 22, 1733, געקויפט פון דזשאָזעף ברעדפאָרד אַ שטיק לאַנד, אויף וועלכן זיי האָבן אויפגעבויט אַ קראָם און אויסגעטיילט אַ געוויסן פּלאַץ פאַר אַ בית-עולם פאַר „דער יידישער נאַציע".

אגב האָט דער באַוואוסטער גלח, קאַטאָן מאַטער (אַ זון פון דעם אויבנ־דערמאָנטן אינקריעס מאַטער), אַ היפּשע צייט געאַרבעט אויף יוסף פראַזאָן, צו „ראַטעווען זיין נשמה", דורכן קריסטנטום. עס האָט שוין געהאַלטן זייער נאָענט דערביי, אָבער פראַזאָן האָט געכאַפּט דעם געערטן גלח ביי אַ פאַלשער ציטאַטע און דאָס איז געווען גענוג, אַז ער זאָל זיך אָפּקערן פון אים און אָפּשניידן מיט אים אַלע פאַרבינדונגען.* עס האָט זיך אָבער יאָ

---

* זע ל. מ. פרידמאַן, „פּאָבליקיישאָנס", באַנד 23, זייטן 90—79, „די ערשטע איינוואוינער אין מאַס.".

* זע לעאָן היהנער, „פּאָבליקיישאָנס", באַנד 11, „די יידן פון ניו ענגלאַנד", ז. 99—75.

איינגעגעבן דעם דאָזיקן גלח איבערצוריידן דעם יידן סיימאָן, אין יאָר 1702, זיך צו שמד'ן און אָננעמען דעם נאָמען דעם סיימאָן בארנס.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז בלויז איינציקע רייכע יידן האָבן אין דעם 17טן און 18טן יאָרהונדערט ביז דער רעוואָלוציע געקענט וואוינען אין באָסטאָן. די דאָזיקע פּראַקטיק האָט זיך באַזירט אין אָנהויב אויף דעם באַגריף אין ניו ענגלאַנד, אַז דאָס רעכט פון באַזעצן זיך אין אַ שטאָט איז אַ פּריווילעגיע, וואָס מ'קען בלויז באַקומען מיט דער צושטימונג פון דער לאָקאַלער רעגירונג. דאָס רעכט פון וואוינען אין שטאָט האָט מיט זיך איינגעשלאָסן דאָס רעכט אויף שטיצע פון דער שטאָט, אויב דער איינוואוינער האָט אָנגעוואָרן זיינע לעבנס מיטלען. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן אריינצולאָזן איינוואַנדערער מיט דעם תנאי, אַז זיי האָבן גענוג מיטלען צו קויפן באָדן. די דאָזיקע רעכט איז זייער שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן און אַלע אומגעווינטשטע ניי־געקומענע פלעגן גלייך „געוואָרנט ווערן", — באַפוילן ווערן צו פאַרלאָזן, אָדער דערלויבט צייטווייליק צו פאַרבלייבן, בלויז אויב זיי האָבן געקענט איינלייגן אַ גרעסערע סומע אלס משכון, אַז זיי וועלן נישט פאַלן צו לאַסט אויף דער שטאָט.

אויב בנוגע צו איינגעוואַנדערטע פּוריטאַנער איז דער דאָזיקער געזעץ זעלטן אָנגעווענדט געוואָרן, איז אָבער צו יידן אָנגעווענדט געוואָרן אין דער פולסטער שטרענגקייט. מיר זעען, ווי אין 1680 אין באָסטאָן, לייגט איינער, דזשאָן פּאָסטער, 40 פונט אלס משכון פאַר יוסף בענא, אַז ער וועט נישט פאַלן צו לאַסט אויף דער שטאָט. אין 24טן אַפּריל, 1756, ווערט דער ייד, פיליפּ סעמועל, פון ניו יאָרק, געוואָרנט פון די „אויסגעווײלטע" אין באָסטאָן צו פאַרלאָזן גלייך די שטאָט, און ווען ער האָט נישט דורכגעפירט דעם באַפעל, איז דער זעלבער פּראָצעס פון וואָרענונג איבערגע'חזר'ט געוואָרן דעם פאָלגנדיקן סעפּטעמבער. דוד קאַמפּאַנעל, „אַ ייד פון ראָוד איילאַנד", איז ארויסגעוואָרנט געוואָרן פון באָסטאָן דעם 15טן יוני, 1726.

אין 1762 איז דער שפּעטער באַוואוסטער רעוואָלוציאָנערער פּאַטריאָט, יצחק מאָזעס, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער ניו יאָרקער „טשיימבער אָוו קאָמערס", איז „ארויסגעוואָרנט געוואָרן" פון באָסטאָן. מ'האָט אים בלויז געגעבן 14 טעג צייט איינצולייגן אַ פאַרזיכערונג סומע. דאָס איז דער זעלבער יצחק מאָזעס, וועלכער האָט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, ווען די ענגלענדער האָבן באַלאַגערט באָסטאָן, געליען געלט דער רעגירונג פאַר אַ שיף־טראַנספּאָרט מיט קאָרן, וואָס דזשאָן הענקאָק און סעמיועל עדעמס האָבן איינגעקויפט פון ווירדזשיניא צו פאַרלייכטערן דעם הונגער אין באָסטאָן. דאָס איז איינער פון די איראָניעס פון דער געשיכטע.

יידן אין קאַנעטיקוט

יידן, אין קאַנעטיקוט, האָבן אויך געפילט דעם קנוט און זיך געשטעלט אין קאַמף מיט מוט.

יידישע ישובים אין קאַנעטיקוט האָבן זיך ערשט גענומען איינשטעלן אינמיטן פון 18טן יאָרהונדערט, כאָטש מיר ווייסן פון איינציקע דער־לויבענישן פאַר יידן צו וואוינען אין האַרטפאָרד, וואָס זיינען נאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די יאָרן 1659 און אין 1661. די פינטאָ פאַ־מיליע, וואָס האָט זיך שפּעטער אויס־געצייכנט אין דער רעוואָלוציע, האָט זיך באַזעצט אין ניו־הייווען, אין 1759.

אגב באַקלאָגט זיך דער שוין דערמאָנטער גלח סטיילס, וואָס האָט שוין דעמאָלט געוואוינט אין ניו־הייווען, אויף די פינטאָ ברידער. אין זיין טאָג־בוך פון 1772 פאַרשרייבט ער: „דעם פאַרגאַנגענעם זומער האָט זיך דאָ באַזעצט אַ יידישע פאַמיליע, די ערשטע אמת'ע יידן (מיט דער אויסנאַם פון די צוויי יידן, די פינטאָ ברידער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון יידישקייט און פון יעדער רעליגיע) אין ניו־הייווען. זיי זיינען געקומען פון ווענעדיג... דאָס איז די ערשטע יידישע גאַטעסדינסט אין ניו־הייווען".

דער ערב רעוואָלוציע האָט זיך שוין געלאָזט פילן. דער גייסט פון אַ נייער צייט איז שוין געווען אין דער לופט. די פינטאָ ברידער זיינען געווען פאַרגעשריטענע סוחרים. מעגלעך אויך, אַז זיי האָבן אָפּגעשטאַמט פון יענעם פינטאָ, וועלכער האָט איינער אַליין פאַרטיידיקט מיט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר פריער דעם פאָרט לאָס אַפּראַגאַדעס אין בראַזיל.

יעדנפאַלס איז קאַנעטיקוט, ווי קליין, פאַרהעלטנישמעסיק דער שטאַט זאָל ניט זיין, געוואָרן איינער פון צווישן די סאַמע באַפעלקערטסטע יידישע ישובים. יידן זיינען דאָרט פאַרטראָטן הויפּטשלעך אין דער בוי־אינדוסטריע, אין שפּייז־קראָמען, קליידער און גאַלאַנטעריי־געשעפטן, אויסער אין די באַ־זונדערע אינדוסטריעס פון די גרויסע שטעט. גרויסע יידישע צענטערס געפינען זיך אין האַרטפאָרד, ניו־הייווען, ברידזשפּאָרט און סטעמפאָרד, נאָר־וואָק און ניו־לאָנדאָן.

אין קאַנעטיקוט, ווי אין ניו־דזשוירזי געפינען זיך אפילו אַ ריי יידישע פאַרם־קאָלאָניעס. אינעם לעצטן שטאַט געפינען זיך גאָר גרויסע יידישע צענטערס, וואָס ווערן אָבער פאַרטונקלט צוליב זייער נאָענטקייט צו ניו־יאָרק. אַזעלכע יידישע צענטערס, ווי אין נואַרק, פּעטערסאָן, עליזאַבעט, טרענטאָן, ניו־בראַנזוויק, אַטלאַנטיק סיטי, עזבורי פּאַרק און לייקוואוד, האָבן איצט באַפעלקערונגען, וואָס שטייגן איבער די גרויסע יידישע צענטערס אין פּוילן.

יידן אין פּענסילווייניע און מערילאַנד

דאָרט וואו אייזן און קוילן
אין שכנות מיט טייכן פון אוילן
זיינען געלעגן פאַרהוילן,
באַדעקטע מיט ביימער, וואָס פוילן.

מיט אַ פערטל יאָרהונדערט פריער, איידער דער קוויקער־פירער וויליאַם פּען איז אַראָפּגעקומען פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע (אין 17טן יאָרהונדערט), צו גרינדן די שטאָט פילאַדעלפיע, האָבן שוין פּיאָנערן, צווישן זיי אויך יידן, באַטראָטן דעם באָדן פון דער „סאַוט־ריווער" געגנט, די שפּעטערדיקע פּענסילוואַניע. מער נישט — איצט רופן מיר דעם דאָזיקן בארימטן טייך „דעלאַווער ריווער".

די „קוויקערס", אָדער ריכטיקער „די געזעלשאַפט פון פריינט", ווי זיי רופן זיך אליין, האָבן זיך אין זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען אויסגעצייכנט צווישן די אַנדערע קריסטלעכע רעליגיעזע גרופּירונגען מיט זייער טאָלעראַנץ און אומקאָמפּראָמיסלעכער קעגנערשאַפט צו מלחמות און הע־צעס. נישט בלויז זיינען זיי קעגן אַן עטאַבלירטער קירכע מיט אַ היעראַרכיע פון גלחים און פריידיקער. זיי זיינען אויך פאַר פרויען־גלייכהייט אין אַלע הינזיכטן, אויך אין רעליגיעזע.

זייער גרינדער, דזשאָרדזש פאָקס, איז געווען אַ זון פון אַ וועבער, און די ערשטע אָנהענגער זיינען געווען מערסטנס ענגלישע וועבער. ביזן „אַקט פון טאָלעראַנץ", אינעם יאָר 1689, האָט מען זיי אין ענגלאַנד גע'רודפ'ט נישט ווייניקער ווי די יידן אין שפּאַניע מיט יאָרן פריער. עס איז געגאַנגען קעגן זיי אַ סדרה פון שחיטות, פּאָגראָמען און אין בעסטן פאַל — טור־מע. אפילו שוין דאָ, אין אַמעריקע, האָט מען זיי כמעט אין אַלע קאָלאָניעס, מיטן אויסנאַם פון ראָוד איילאַנד, נישט זעלטן געמאָרדעט, געשענדעט און געשמיסן.

די פּענסילוואַניע קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן פון די קוויקערס גופא און דער ווינקלשטיין פון דער קאָלאָניע איז געווען טאָלעראַנץ און פריינטשאַפט. פאַרן יידן איז עס געוואָרן אַ צווייטער אידעאַלער ישוב נאָך ראָוד איילאַנד. און אַזאַ איז ער טאַקע געוואָרן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פּענ'ס נאָכפאָלגער האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט צו די פּאָזיציעס פון די ענגלישע טאָרים, מיט אַ ריי באַגרעניצונגען פאַר יידן צו פאַרנעמען עפנט־לעכע אַמטן.

נאָר די געשיכטע טוט אָפטמאָל צו להכעיס די, וואָס שטעלן זיך אין

וועג פון איר פראגרעס. אזוי זעען מיר, ווי אין נארטהומבערלאנד קאונטי איז פאראן א שטאט מיטן נאמען אראנסבורג. די שטאט האט מיט דעם באערט איר פראמינענטן בירגער אהרן לוי (ליוואי). דאס איז, אגב, די איינציקע שטאט אין אמעריקע, וואס טראגט דעם נאמען פון א יידן און דערצו נאך פון כמעט א גרינעם יידן. אהרן ליוואי איז ערשט אנגעקומען קיין אמעריקע פון אמסטערדאם אין 1760.

אהרן ליוואי האט אבער כשר פארדינט דעם כבוד. אין דער צייט פון דער רעוואלוציע קעגן ענגלאנד האט ער דערנאך געשפילט א גרויסע ראל אינעם קאמף פון די קאלאניסטן צו באפרייען זיך פון דער ענגלישער פירער־שאפט. אינעם זשורנאל פונעם קאנטינענטאלן קאנגרעס, דאטירט דעם 29טן מערץ, 1781, געפינט זיך א באריכט פון דער פינאנס־באארד וועגן היפשע הלוואות, וואס אהרן ליוואי האט געמאכט דעם קאנטינענטאלן (רעוואלוציא־נערן) קאנגרעס. שפעטער איז ער אפילו געווארן א שותף פונעם בארימטן פינאנץ־מיניסטער ראבערט מארים (נישט קיין ייד) אין פארשיידענע גרוי־סע אונטערנעמונגען.

יידן האבן אויך א גרויסן חלק אין דעם אויפבוי פון דער שטאט לאנ־קאסטער. זיי זיינען שוין דארט געווען נאך איידער עס איז ארגאניזירט גע־ווארן די שטאט, אין יאר 1730. דער באקאנטסטער צווישן זיי, יוסף סימאן, איז אנגעקומען אהין אין 1730, און עטאבלירט זיך מיט א גרוים געשעפט. ער האט געפירט א מסחר מיט די אינדיאנער און די קאלאניסטן. סימאן האט געליטן גרויסע שאדנס, ווען אינדיאנער רעבעלן זיינען איבערגעפאלן די שטאט, אין 1763, ביי „בלאדי ראן". די רעגירונג האט אים שפעטער אומגעקערט זיינע היזקות דורך אויסטיילן פאר אים א ריזיקן שטח לאנד פונעם אינדיאנער באדן אין דער מיטל מערב געגנט, וואס איז דערנאך גע־ווארן וועסט ווירדזשיניע און אילינאי — א טעריטאריע, וואס איז גרעסער ווי פיל אייראפעאישע מלוכות. אבער צוליבן אויסברוך פון דער רעוואלו־ציע איז די „מלוכה" געבליבן אויפן פאפיר, אין דער געשיכטע... אגב איז יוסף סימאן געווען דער גרינדער פון דער יידישער קהילה אין לאנקאסטער און פון יידישן בית עולם, אין 1747.

אין 1750 איז געגרינדעט געווארן די שטאט איסטאן, פענסילווועניע. צווישן די עלף גרינדער געפינט זיך אויך דער נאמען פון מאיר הארט. ער איז געווען דער ערשטער צווישן די מנדבים פאר דער שול־געביידע. ער איז געווארן א בירגער אין 1764, און אין יאר 1780 ווערט ער פאררעכנט פארן רייכסטן מאן אין שטאט. ער און זיין זון מיכאל זיינען געווען די גרעסטע שטייערן־צאלער אין דער גאנצער קאונטי. פון לאנקאסטער קומט אויך דער ערשטער ייד, וואס איז אין אמעריקע געווארן א ריכטער — יצחק מיראנדא. ער איז אבער געווען א גע'שמד'טער ייד — דער פרייז פארן אמט.

אוודאי איז פילאדעלפיע געווען די ערשטע שטאט אין פענסילווועניע,

וואו יידן האָבן זיך גענומען באַזעצן, אַ סברה, אַז איינציקע שוין צום סוף פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, אָבער זיכער שוין אַרום 1726. דאָ באַגעגענען מיר שוין אין אַ גלייכער מאָס ספרד׳ישע און אשכנז׳ישע (דייטשע) יידן. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע איז פילאַדעלפיע געוואָרן איינער פון די אַנטרינונגס־פּלעצער פון ניו־ענגלענדער און ניו יאָרקער יידן, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט, אָדער באַטייליקט זיך דירעקט אין דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה. דאָרט זעען מיר שוין די גראַץ פאַמיליע, די פראַנקס פאַמיליע, שפּע־טער אויך די פאַמיליעס פון בנימין נאָנעס און פון חיים סאַלאָמאָן, פון די נאָא׳ס, א. אַ. וו. זייער ערשטער פירער איז געווען בערנאַרד גראַץ, אַ ברו־דער פון דעם שפּעטער באַוואוסטן מיכאל גראַץ.

אגב איז דער איינפלוסרייכסטער פון די פראַנקס פאַמיליע, וואָס איז געקומען קיין פילאַדעלפיע פון ענגלאַנד, פריער געווען דוד פראַנקס, אַ גרוי־סער גביר און קאָנסערוואַטאָר, אַנגעוויזן אויף די פעטע פאַרדינסטן פון זיין איינער פון די פּאָדריאַטשיקעס (קאָמיסאַרים) פאַרן ענגלישן מיליטער. ער איז געווען פאַרהייראַט צו אַ נישט־יידישער פרוי, אָבער געבליבן אַ שול־מיטגליד. זיין טאָכטער רעבעקאַ, אַ גרויסע שיינהייט, האָט געגלאַנצט מיט בילדונג און הכמה, און פלעגט זיין איינע פון די צוויי „קעניגנס", וואָס די ענגלישע מיליטער־טרופּן פלעגן קרוינען אויפן יערלעכן באַל. זי האָט גע־הייראַט דעם ענגלישן גענעראַל סער הערי רזשאַנסאָן.

נישט צוזאַמענמישן די רעבעקאַ מיט דער צווייטער רעבעקאַ, אויך פון פילאַדעלפיע, די שיינע, טאַלאַנטפולע טאָכטער פון מיכאל גראַץ, וועגן וועל־כער שפּעטער אַ באַזונדער קאַפּיטל.

יידן אין די דרום־קאָלאָניעס

וואו לעבנסמיטל זיינען ביליק און נאָך מער ביליק נעגער-לעבנס.

אַן אויסנאַם צווישן די ערשטע קאָלאָניעס אין צפון־אַמעריקע איז געווען מערילאַנד. זי איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם קאַטאָליק לאָרד באַלטימאָר, אינעם יאָר 1634. און כאָטש די באַזע פון דער קאָלאָניע איז געווען רעליגיע פרייהייט, האָבן אָבער פון דעם גענאָסן בלויז קריסטן. לויט אירע סטאַטוטן האָט געקומט טויט־שטראָף פאַר לייקענען אין דער דריי־איינִיקייט, אָבער עס זיינען נישטאָ קיין שום פאַקטן, אַז דאָס זאָל האָבן ווען עס איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן. דער פאַל מיט דעם יידישן דאָקטאָר יעקב לאָמבראָזאָ, דערציילט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישער. מעגלעך, אַז דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער לאַנד־באַזיצער און נויטיק ווי אַ דאָקטאָר אינעם געגנט, האָט ער גוט אָפּגעשניטן. דעם 10טן סעפּטעמבער, 1663, האָט ער נאָך אפילו באַקומען ספּעציעלע פּריווילעגיעס פון אַ נאַטוראַליזירטן בירגער.

געוויס האָבן זיך פון צייט צו צייט, אין מערילאַנד, דורכגעוואָרפן אַנדערע יידן, אָבער זיי האָבן זיך מסתמא געמוזט באַהאַלטן מיט זייער יידישקייט. מערילאַנד איז נישט געוואָרן קיין היים פאַר יידן ביז נאָך דער רעוואָלוציע, ווען די שטאָט באַלטימאָר האָט אָנגעהויבן אויסצואוואַקסן ווי אַ גרויסע פּאָרט־שטאָט. אַ לאַנגע צייט נאָך דער רעוואָלוציע, ווען מערילאַנד איז שוין געוואָרן אַ טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זיינען נאָך אַלץ געבליבן די אויסנאַמס־געזעצן קעגן די יידן. זי איז געווען די לעצטע פון אַלע שטאַטן אָפּצושאַפן זיי. אַזוי זיינען נאָך איצט פאַראַן, אין דער פּראַקטיק, שוידערלעכע דיסקרימינאַציעס קעגן די נעגער.

אָבער די באַלעבאַטים אַליין, די קאַטאָליקן, וואָס האָבן דאָ געוואָלט האָבן פרייע הענט, האָבן זיך אויך אָפּגענאַרט אין חשבון. די צאָל פון די איינגעוואַנדערטע נישט־קאַטאָליקן האָט זיך אין עטלעכע צענדליק יאָר אויף אַזוי פיל פאַרגרעסערט, אַז זיי זיינען געוואָרן שוין אין דער מערהייט און גענומען זיך פירן קעגן די קאַטאָליקן, ווי זיי האָבן עס געטאָן אין די ניו־ענגלאַנד קאָלאָניעס.

יידן אין קאַראָליינאַ און דזשאָרדזשיאַ

דער ערשטער קאָלאָניאַלער ישוב מיט טאַבאַק-פלאַנצן האָט געכישופט. וואו יידן האָבן אָנגעהויבן קולטיווירן זייד און טרויבן

די סאַמע עלטסטע קאָלאָניע אין צפון־אַמעריקע איז ווירדזשיניע. אין 1607 האָט שוין דאָרט געלאַנדעט די ערשטע גרופּע פּוריטאַנער פון ענגלאַנד. אָבער אינעם יאָר 1621 באַגעגענען מיר שוין דאָרט אויך אַ יידן מיטן נאָמען עליאַס לעגאָרדאָ. אייניקע היסטאָריקער האַלטן, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין צפון־אַמעריקע.

אַ היפּש ביסל ווייסן מיר וועגן דעם צווייטן יידן, וואָס איז געקומען קיין ווירדזשיניע, וועמעס נאָמען מיר באַגעגענען אין פאַרבינדונג מיטן זיין דער ערשטער ייד אין אַלבערמאַרל קאונטי — מיכאל איזראַעל. פון די אַלטע קאָונטי רעקאָרדס פונעם יאָר 1757 דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט זיך דערוואָרבן און פאַררעקאָרדירט אַכציק אַקער לאַנד. פון דעם דאָזיקן קוואַל ווייסן מיר אויך, אַז ער האָט זיך, אַלס מיטגליד פון דער מיליציע און פון דער גרעניץ־וואַך, באַטייליקט אין פאַרטיידיקן די גרעניץ קעגן די אינדיאַנער. די קאָלאָניע האָט אים דערפאַר אויסגעצאָלט אַ פאַרגיטיקונג פון פיר פונט. איזראַעל ווערט אויך דערמאָנט אין די וויטערדיקע קאָונטי רעקאָרדס, אַזוי שפּעט ווי 1779, אינעם רעכטן מיטן פון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה קעגן דער ענגלישער הערשאַפט. אַזוי אומזיכער איז ער קענטיק געווען אינעם זיג פון דער רעוואָלוציע, אַז ער האָט דעמאָלט פאַרקויפט דריי הונדערט אַקער לאַנד.

אין דער גרעסטער שטאָט פון ווירדזשיניע, אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט, ריטשמאָנד, געפינען מיר דעם נאָמען פון משה סיימאָן, אַלס איינער פון די דאָרטיקע גבירים און אָנגעזעענע סוחרים. ער איז געווען דער גרינדער פון דער הומאַניטאַרער געזעלשאַפט „אַמיקעיבל סאָסייעטי" (פריינטלעכע געזעלשאַפט). איר ציל איז געווען צו העלפן פרעמדע און דורכפאָרער, וואָס געפינען זיך אין נויט. די אָנגעזעענסטע בירגער פון דער שטאָט זיינען געווען צווישן די מיטגרינדער און עס געפינען זיך אינעם רעקאָרד די נעמען פון נאָך פינף דאָרטיקע יידן — יוסף דאַרמשטאַט, שמואל מייערס, יוסף מאַרקס, מ. דזשעיקאָבס און ב. בראַנד. אינטערעסאַנט איז, וואָס די דאָזיקע נעמען זיינען שוין בלויז דייטשישע.

אָבער נישט אַלע רעקאָרד־שרייבער גיבן אָן נעמען. אָט נעמען מיר די דריטע קאָלאָניע, וואו עס איז גאַנץ פרי, אין 18טן יאָרהונדערט, אַנטשטאַ־

נען א יידישע קהילה — קאראָליינאַ. האָט דער גאָווערנאָר פון דאָרט, דזשאָן אַרטשדעיל, פאַרשריבן אין זיין בוך, וואָס איז אַרויסגעקומען אין יאָר 1707, ווי אַזוי ער האָט געפאַנגען עטלעכע אינדיאַנער נאָך אין יאָר 1695. די אינ־דיאַנער האָבן געדעדט א ביסל שפּאַניש, האָט ער זיי אויסגעפרעגט דורך אַ יידישן איבערזעצער. אַ שאָד, וואָס דער נאָמען פון דעם יידן איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן. עס איז דאָך אַזוי אינטערעסאַנט! — אַ ייד אַלס פאַר־מיטלער, אין שפּאַניש, צווישן אַן ענגלישן גאָווערנאָר און געפאַנגענע אינ־דיאַנער, מיט אַזאַ צייט צוריק אין טשאַרלסטאָן.

אַז אין קאראָלאַינאַ זיינען דעמאָלט שוין געווען מער ווי איין ייד, ווייסן מיר פון אַ נאַטוראַליזיר־רעקאָרד פון 1697 פון אַ סוחר שמעון וואַ־לענטין און נאָך פיר יידן. די קאָלאָניע האָט געהאַט איינע פון די ליבעראַ־לערע קאָנסטיטוציעס. זי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פונעם באַרימטן ענגלישן פילאָזאָף דזשאָן לאָקע. עס איז דאָרט בפירוש אַריינגעשריבן גע־וואָרן, אַז „יידן, געצנדינער און „קוויקערס" זאָלן טאָלערירט ווערן". אָבער אפילו דער פילאָזאָף איז נאָך געווען פאַרזונקען אין פיל פּרטים אין דעם פעאָדאַלן מאָך...

אַ גרויסע יידישע פערזענליכקייט האָט געלעבט אינעם ערשטן העלפט פון 18טן יאָרהונדערט אין דזשאָרדזשיאַ.

די קאָלאָניע דזשאָרדזשיאַ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1732, לכבוד דעם ענגלישן קעניג דזשאָרדזש דעם צווייטן, פונעם ענגלישן הומאַ־ניטאַריער און רעפאָרמער דזשאָן אָגלטאָרפ. ער האָט זיך פאַרמאָסטן, דורך קאָלאָניזאַציע, צו לייזן די אַרבעטסלאָזיקייט־פּראָבלעם אין ענגלאַנד. די צווייטע שיף, וואָס איז אָנגעקומען אין דער נייער קאָלאָניע נאָך אים, האָט געבראַכט 40 יידן פון לאָנדאָן. זיי זיינען באַשטאַנען פון שפּאַנישע און פאָרטוגעזישע פאַרמעגלעכע מאַראַנען און פון אָרעמע, וואַנדערנדיקע דייטשע יידן.

איין יידישער אײַנוואַנדערער איז דאָרט געווען, וואָס האָט מיט זיין גרויסער פערזענלעכקייט אַריבערגעשטיגן די קלאַסן־ליניע און זיך באַליבט געמאַכט צווישן אַלערליי יידן און נישט־יידן. דאָס איז געווען דער דאָקטאָר שמואל נוניעז ריבעירא.

וואָס שייך די אײַנוואַנדערונגען פון די ערשטע יידן אין די שפּעטער געגרינדעטע מיטל־שטאַטן פון אָהאַיאָ און מישיגען, אילינאָי, אינדיאַנאַ, אייאָווא, די דאַקאָטאַס, מינעסאָטאַ און מיזורי, און די דרום־מערב שטאַטן, אַזוי גוט ווי טעקסאַס, אַריזאָנאַ, קאַליפאָרניע און וואַשינגטאָן — אין דעם קומענדיקן באַנד פערזענלעכקייטן.

דר. שמואל נוניעז ריבעיראַ

דער דאָקטאָר, וואָס האָט טאָג
און נאַכט
ביי קראַנקן-בעטן שטיל געוואַכט.

דער דאָזיקער דאָקטאָר איז אויך געקומען פון לאָנדאָן קיין אַמעריקע. אָבער זיין ביאָגראַפיע איז צו דראַמאַטיש-פאַרכאַפנדיק, אַז מיר זאָלן איר נישט שענקען קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. אין איר האָבן מיר ווידער אַ מוסטער פון דעם בעסערן מאַטעריאַל, וואָס פיל מאַראַנען אין שפּאַניע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט (אַנטנומען פון אייזאַק גאָלדבערגס בוך „מעידזשאָר נאָאַ״, אַרויסגעגעבן פון דער יידישער אַמעריקאַנער היסטאָרישער געזעלשאַפט, 1936).

שמואל נוניעז איז געבאָרן געוואָרן אין סוף פונעם 17טן יאָרהונדערט אין ליסאַבאָן, פּאָרטוגאַל, אין אַ מאַראַנען-פאַמיליע. ער איז געווען אַ גענִיאַלער מענטש, און אויסשטודירט מעדיצין מיט אַזעלכע אויסערגעווייגלעכע אויסצייכענונגען, אַז ער איז אינגיכן געוואָרן דער הויפּט-דאָקטאָר פונעם קעניגלעכן הויף. ער איז געווען זייער דערפאָלגרייך מיט זיינע מעדיצינישע מיטלען.

האָט איינמאָל פּאַסירט, אַרום 1730, אַז ער איז פּלוצלונג אין קרייז פון זיין פאַמיליע באַפאַלן געוואָרן שבת פון די אינקוויזיטאָרן. מען האָט דאָרט געפונען... סידורים. נאָר זיין נוצלעכקייט אינעם קעניגלעכן הויף איז געווען פון אַזאַ מדרגה, אַז די אינקוויזיטאָרן האָבן געמוזט, לויט אַ קעניגלעכן באַפעל „אַרויסלאָזן די דאָזיקע אַרעסטירטע פאַמיליע פון זייערע קאַזעמאַטן״. איין זאַך נאָר האָט די אינקוויזיציע אויסגעפירט: אין נוניעז הויז האָבן זיך געמוזט איינקוואַרטירן צוויי אויפזעער פון דער אינקוויזיציע, „אויפצופּאַסן אויף די דאָזיקע פאַרפירטע מענטשן״, אַז זיי זאָלן שוין מער נישט קענען זינדיקן.

די נוניעז-פאַמיליע האָט קיין גרויס פאַרגעניגן נישט געהאַט פון דער אַרויפגעצוואונגענער הייליקער קאָמפּאַניע... זייער איינציקע האָפענונג איז געבליבן — אַנטלויפן!

עס איז נישט געווען פון די גרינגע אויפגאַבעס. יעדערער קער און ריר זייערער איז געמאָסטן געוואָרן פון שפּיציקע שפּיאָנען-אויגן. עס האָט זיך געפאָדערט מער דערפינדערישקייט און תחבולה, ווי מוט. ביידע זאַכן האָבן זיך מיט דער צייט אָפּגעזוכט. עס האָט אויך נישט געפעלט דער דריטער נויטיקער עלעמענט — געלט.

די נוניעז-פאַמיליע האָט געפירט אַ רייכן שטאַט. די העכסטע אַריסטאָ-

קראַטיע פלעגט קומען צו זייערע באַנקעטן און בעלער. נו, איז געווען נאָך א באַנקעט און נאָך א באַל. די אינקוויזיטאָרן־היטער האָבן זיך ביסלעכווייז אויך גענומען געניסן פון עולם הזה, פון די טייערע ווײַנען און שנאַפּסן. נישט איינמאָל האָבן זיי שוין געזען ווי די ווענט טאַנצן מיט זיי. אַלטע ווײַנען האָבן זיי יונג געמאַכט...

די ווילא, אין וועלכער די נוניעז־פאַמיליע האָט געוואוינט, איז געלעגן אויסגעשפּרייט לענגאויס די ברעגן פון דעם באַרימטן בלאַלעכן טאַגוס־טײַך. אין די פענצטער האָבן זיך אָפּטמאָל אָפּגעשפּיגלט זײַנע בלאָע שטראָמען. די צלמים אויף די ברוסטן פון די אינקוויזיטאָרישע היטער האָבן געשוויגן, ווען אן ענגלישע שיפל האָט זיך באַוויזן אַנטקעגן דער ווילא. עס האָבן אויך גאָרנישט פאַרדעכטיקט זייערע טרעגער, ווען מ'האָט פאַרבעטן דעם ענגלישן קאַפּיטאַן אינעווייניק אַריין: זאָל ער אויך פאַרזוכן א גוטע גלאָז פּאָרטוגעזישן ווײַן!

עס איז אויך געווען אין דער ליניע פון העפלעכקייט, אז דער באַרימטער דאָקטאָר זאָל דערנאָך פאַרבעטן ווערן פונעם קאַפּיטאַן אויף דעם דעק פון זײַן שיף, און פאַרוואָס שוין נישט די גאַנצע פאַמיליע, און טאַקע אויך די „נאָענטע פריינט" פון דער פאַמיליע, די הייליקע פאַטערס גופא? —

אַלץ איז אָבער געווען פון פריער צוגעגרייט. אזוי שנעל ווי דער „באַנקעט איז איבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער שיף, זײַנען שוין די זעגלען געווען אָנגעצויגענע. דער אַנקער האָט זיך אויפגעהויבן, ווי ער וואָלט געווען א פלעדערוויש און די שיף האָט זיך אַרויסגעיאָגט ווייטער און ווייטער. געהייסן האָט עס: דער ענגלישער קאַפּיטאַן איז גאָר א פּיראַט און האָט אַלעמען געפאַנגען פאַר אויסלייז־געלט.

ווען דאָס שיפל איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן, איז שוין געווען צו קורץ די האַנט פון דער אינקוויזיציע צו פאַרהאַלטן זייערע קרבנות. די נוניעזעס האָבן אפילו באַוויזן צוצוגרייטן זיך און מיטצונעמען זייער געלט און צירונג און אויף דעם געלעבט אין לאָנדאָן, ביז זיי זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער גרופּע יידן, וואָס איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דזשאָרדזשיא.

דער גאָווערנאָר אָגלטאָרפּ האָט פאַרשטאַנען דעם ווערט פון א דאָקטאָר מיט אזא ברייטער מעדיציינישער קענטשאַפט. אינגיכן איז דר. נוניעז געוואָרן דאָרט איינער פון די סאַמע באַרימטסטע מענטשן. די ערשטע פּאַרטיע קאָלאָניסטן איז אויסגעשטאַנען פיל צרות פון די פאַרשיידענע קראַנקייטן. דער ניי־געקומענער דאָקטאָר האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער אויפגאַבע צו היילן די קראַנקע. עס איז ביי אים נישט געווען קיין פראַגע פון טאָג אָדער נאַכט, פון ווייט אָדער נאָענט. ער האָט זיך געטראָגן פון איין קראַנקן־הויז צום צווייטן און געבראַכט האָפענונג און היילונג.

די רירנדיקע, הומאַניטאַרע טעטיקייט פון דר. נוניעז האָט אויף דעם גאָווערנאָר געמאַכט א טיפן איינדרוק, און האָט אויך פיל געווירקט אויף צו צעשטערן די פאַרשווערונג פון יידן־פיינטלעכע עלעמענטן „צוריק־

צושיקן די אָנגעקומענע יידן פון וואַנען זיי זיינען געקומען״.

חוץ דעם דאָקטאָר שמואל נוניעז, האָט זיך אין דזשאָרדזשיא אויך אַרויסגערוקט משה נוניעז, מסתמא דעם דאָקטאָר׳ס אַ קרוב. מיר זעען ווי אין 1768 איז ער געוואָרן דער טאַריף־באַאַמטער פונעם סאַוואַנאַ פּאָרט. ער האָט אויך געהאַלטן דעם אַמט פון אָפיציעלן איבערזעצער און פּאַרמיטלער מיט די אינדיאַנער, און אַן אויטאָריטעט אויף דעם געביט.

אַ פיל וויכטיקערע פּערזענלעכקייט פאַר דעם דאָזיקן רעגירונגס־מענטש איז געווען אין דזשאָרדזשיא דער ייד יוסף אָטאָלענגי. מען האָט אים ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט פון לאָנדאָן אין יאָר 1751, אַלס דעם גרעסטן עקספּערט אין דער זייד־אינדוסטריע. אַלס הויפּט־אויפזעער איבער דער דאָזיקער וויכטיקער אינדוסטריע, האָט ער זיך אויסגעצייכנט נישט בלויז אין דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק, נאָר אויך אין דער פּאָליטיק פון דער קאָלאָניע. ער איז געווען איינער פון די חשוב׳סטע ראַטגעבער פונעם גאָווערנאָר און פון דער אַסעמבלי. אין 1761 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין דער גענעראַל־אַסעמבלי און איז שוין דערנאָך כסדר דערוויילט געוואָרן ביז 1765.

דער ייד אברהם דע־ליאָן איז באַרימט געוואָרן אין דער קאָלאָניאַלער דזשאָרדזשיא צוליב זיין אויטאָריטעט אויפן געביט פון דער וויין־פּראָדוקציע. ער האָט איבערגעפּלאַנצט פאַרשיידענע טייערע מינים אייראָפּעאישע טרויבן און זיי אַקלימאַטיזירט אויפן נייעם באָדן. דזשאָרדזשיא איז מיט זיין הילף געוואָרן אויף אַ לאַנגער צייט אַ וויכטיקער צענטער פון דער וויין־און טרויבן־אינדוסטריע.

עס וועט נישט זיין קיין עוולה צוצורעכענען צום צעטל באַרימטע יידן אין דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער דזשאָרדזשיא אויך יצחק מינים. אמת — אַ קנאַפּע פּערזענלעכקייט — אינגאַנצן איז ער געווען אַ מינוט אַלט, ווען ער איז באַרימט געוואָרן אַלס דער ערשטער נאַטירלעכער בירגער פון דזשאָרדזשיא. ער איז דאָס ערשטע ניט־אינדיאַנער קינד, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין דער נייער קאָלאָניע, אין דער פאַמיליע פון אברהם מינים.

די יידישע באַפעלקערונג אין דזשאָרדזשיא האָט זיך שנעל פאַרגרעסערט דורך צוגעקומענע נייע אימיגראַנטן. אָבער די אַגריקולטורעלע פּלענער, וואָס האָבן פון וויַיטן אַזוי געמאַניעט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער שווער צו פאַרווירקלעכן, ווען זיי האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון אמת׳ע פּיאָנערן־אַרבעט אָפּצוריַיניקן דעם באָדן. די היץ, די קראַנקייטן, די טיף־איינגעוואָרצלטע ביימער, וואָס מ׳האָט געדאַרפט אויסקאָרטשען — דאָס אַלץ האָט בייגעטראָגן, אַז אַלע קאָלאָניסטן, נישט בלויז די יידישע, זאָלן זיך אָנהויבן צו באַקלאָגן אַז די אַרבעט איז פאַר זיי צו שווער.

דער געשריי צווישן פיל קאָלאָניסטן איז געוואָרן: פאַר אַזאַ קאַטאָרזשנער אַרבעט, אין אַזאַ הייסן קלימאַט, מוזן מיר האָבן נעגער־שקלאַפן. אַלע אַרומיקע קאָלאָניעס האָבן געבליט און די קאָלאָניסטן האָבן זיך אין זיי

גוט איינגעאָרדנט צוליב דער פּראַצע פון די נעגער־שקלאַפן, וואָס האָבן אָפּגעטאָן די שווערסטע אַרבעט. די פּראָגרעסיווע טראַסטים האָבן אָבער אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט וועגן דעם אַפילו הערן, כאָטש די גלחים אין דער קאָלאָניע האָבן אַקטיוו אונטערשטיצט דעם פאַרלאַנג פון די רעאַקציאָנערע קאָלאָניסטן אין דער הינזיכט.*

די יידן האָבן שוין אין 1741 מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין דער קאָלאָניע. די פראַגע אָבער וועגן שקלאַפן האָט זייער פאַרשאַרפט די לאַגע. דערצו נאָך איז זייער פריינט און באַשיצער, דער גאָווערנאָר אָגלטאָרפּ, אָפּגעפאָרן פון דער קאָלאָניע. די יידן־פיינטלעכע עלעמענטן האָבן זיך גענומען איזדזשעקעווען איבער די יידן, און אַ גרויסע צאָל האָט אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע און באַזעצט זיך אין טשאַרלסטאָון, סאַוט קאַראָלאַינאַ. אגב זיינען יידן געווען נישט די איינציקע, וואָס האָבן דעמאָלט פאַרלאָזט דזשאָרדזשיאַ. קריסטן האָבן עס געטאָן נאָך אין אַ גרעסערער צאָל.

די יידישע געמיינדע אין סאַוואַנאַ איז דורך דער צייט כמעט צעפאַלן געוואָרן. אָבער אין צען יאָר שפּעטער, נאָכן אַריינפיר פון שקלאַפן, האָבן זיך פיל יידן אָנגעהויבן אומצוקערן קיין דזשאָרדזשיאַ און שלום מאַכן מיטן געדאַנק וועגן דער העסלעכקייט פון שקלאַפעריי. עס זיינען אויך אָנגעקומען מיט זיי נייע פאַמיליעס.

אין 1774 איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן די יידישע געמיינדע אין סאַוואַ־

קאָ., באָסטאָן, 1924.

נא, הויפּטזעכלעך דורך דער איניציאַטיווע פון מרדכי שעפטאַל. זי איז די פערטע אין פּרט פון עלטער אין די צפון־אַמעריקאַנער שטאַטן. דער זעלבער שעפטאַל האָט אויך געשאָנקען אַ שטיק באָדן דער געמיינדע פאַר אַ בית עולם. ער און זיין ברודער לוי ווערן אָפט דערמאָנט אין דער כראָניק פון דער „יוניאָן סאָסייעטי", אַ פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע, וואו זיי האָבן זיך באַטייליקט מיט פאַרשידענע בייטראָגן.

אָן שום ספק האָבן די יידישע פּיאָנערן אין דזשאָרדזשיאַ געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער ביבליאָטעק, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך אַזוי פרי ווי אין 1751. מיר קענען דאָס זען פון דער פאַרצייכענונג פון די ביכער גופא אין דער ביבליאָטעק, וועגן וועלכע דע בראַם שרייבט, אַז זי אַנטהאַלט „אַ היפּשע סומע ביכער, געשריבן אין כאַלדייאיש, העבּרעאיש, האָלענדיש און שפּאַניש". נישט קיין וואונדער וואָס דער סאַמע אָנגעזעענסטער היסטאָריקער פון דזשאָרדזשיאַ האָט פאַרצייכנט: „אין דעם רעקאָרד פון די יידן אין דער דזשאָרדזשער קאָלאָניע איז נישטאָ קיין שום פלעק". פאַרשטייט זיך, אַז ביי אים איז שקלאַפעריי נישט געווען קיין פלעק.

---

* „די דזשוס אין קאָלאָניאַל טיימס", פון לעאָן הינער, „פּאַבליקיישאָנס", באַנד 10.

* „דהי דזשוס אין דהי מייקינג אָוו אַמעריקאַ", פון דזשאָרדזש קאָהען, סטראַטפאָרד,

די פראַנצויזיש־אינדיאַנער מלחמה

דער קאָלאָניאַלער יונגער באַדן הערט די שאַלן פון מלחמה.

די מלחמות וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך אין אייראָפּע, האָבן אינעם 17טן און 18טן יאָרהונדערט מיטגעבראַכט מיט זיך צוזאַמענשטויסן צווישן די צוויי מלוכות אויך אין אַמעריקע. דער סוף פון דער מלחמה איז געווען, אַז די פראַנצויזן האָבן געמוזט אָפּטרעטן דורך דעם שלום־אָפּמאַך פון אוטרעכט—נאָווא סקאָשיא, ניופאונדלאַנד און די געגנט פון האָדסאָן־בעי, צו ענגלאַנד. אויך אין דער מלחמה, וואָס איז באַוואוסט ווי דעם „קעניג דזשאָרדזש׳ס מלחמה" (1744-1748), זיינען די אינדיאַנער אָנגערייצט געוואָרן אָנצופאַלן אויף דער צפון׳דיקער גרעניץ.

די דאָזיקע אַלע מלחמות האָבן פון איין זייט באַוואויזן די קאָלאָניסטן אָנצוהויבן צו קלערן וועגן אַ מין פאַראייניקונג צווישן אַלע ענגלישע קאָלאָניעס, כדי געמיינשאַפטלעך אָפּצושלאָגן די אָנפאַלן פון די אינדיאַנער; פון דער צווייטער זייט, האָט דאָס אויך באַוואויזן די ענגלישע רעגירונג צוצוהערן זיך צו די דאָזיקע פאָדערונגען פון די קאָלאָניסטן, כדי צו האָבן אַ באַרעכטיקונג אַרויפצולייגן דעם יאָך פון די דאָזיקע אַלע קריגס־קאַמפּאַניעס אויף די קאָלאָניסטן גופא. אַ לאַנגע צייט זיינען פאָרגעקומען אַמפּעריִען צווישן די קאָלאָניסטן און דער ענגלישער רעגירונג. די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן שוין אין זייערע קאָלאָניעס געהאַט אַ געוויסע מאָס פון אויטאָנאָמיע, האָבן די דאָזיקע אויטאָנאָמיע געוואָלט אויסברייטערן אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב און אָנפילן זי מיט אַ ברייטערן אינהאַלט. די ענגלישע רעגירונג האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די פאַראייניקונג צווישן די קאָלאָניסטן זאָל פירן צו אַ ברייטע אויטאָנאָמיע.

ביי די קאָלאָניסטן אַליין איז אויך נישט געווען אינגאַנצן צוגעגרייט דער באַדן פאַר אַ נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון אַלע קאָלאָניסטן: 1) צוליב די איזאָלירונג פון די קאָלאָניעס איינע פון די אַנדערע און די שלעכטע מיטלען פון טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע; 2) צוליב דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער באַפעלקערונג; 3) צוליב די הערשנדיקע לאָקאַלע אינטערעסן און קליינלעכער קנאה, וואָס האָט געשאַפן גלייכגילטיקייט צו די נויטן פון אַ צווייטער קאָלאָניע און אַ סך מאָל אפילו צו קאָנפליקטן צווישן די קאָלאָניעס.

אָבער אינעם מיטן פונעם 18טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצופלאַקערן די לעצטע אַנטשיידנדיקע מלחמה צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך פאַר באַהערשן פאַרשיידענע וועלט־טיילן, איינגעשלאָסן אויך אַמע־ריקע. די פראַנצויזן, אַנטוויקלענדיק זייער פעל־האַנדל, האָבן אויסגעבויט אַ גאַנצע ריי פאָרטן צו באַשיצן זייערע פונקטן פון פעל־האַנדל לענגאויס די טייכן פון מיסיסיפּי, אָהייאָ און סט. לאָרענס. זיי זיינען כסדר געקומען אין צוזאַמענשטויסן מיט די ענגלישע לאַנד־ספּעקולאַנטן און פעל־הענדלער, וועל־כע האָבן אַנטוויקלט זייערע טעטיקייטן אין דעם אָהייאָ־טאָל.

אינעם יאָר 1754 זיינען אויסגעבראָכן אַ גאַנצע ריי שלאַכטן אַרום די דאָזיקע פאָרטן, וואָס האָבן זיך דערנאָך פאַרשפּרייט איבער אַלע גרענעצן, וואו די פראַנצויזן, צוזאַמען מיט יענע אינדיאַנער שבטים, וואָס האָבן גע־האַט קריוודעס קעגן די ענגלישע קאָלאָניסטן, האָבן זיך קעגנגעשטעלט קעגן די עקספּעדיציעס פון דעם ענגלישן גענעראַל בראַדאָק און דעם יונגן קריגס־פירער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אַ ווירדזשיניער פעלד־מעסטער.

די דאָזיקע קליינע מלחמה האָט זיך אין 1756 צוזאַמענגעגאָסן מיט דער באַוואוסטער זיבן־יעריקער מלחמה, וואָס איז פאַקטיש געווען די ערשטע וועלט־מלחמה. די גרופּירונג פון כוחות איז געווען: פון איין זייט — די קאָאַליציע פון עסטרייך, פראַנקרייך, שפּאַניע, רוסלאַנד, שוועדן און זאַקסן; פון דער צווייטער זייט — פּרייסן און ענגלאַנד.

אָבער ווי קליין די דאָזיקע מלחמה האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַמערי־קע, האָט זיך דאָך געפאָדערט די גאַנצע אָנשטרענגונג פון די קאָלאָניסטן, אַז זייערע קאָלאָניעס זאָלן נישט אָפּגעווישט ווערן אין דעם דאָזיקן געראַנגל. די קאָלאָניסטן האָבן פון זיך אויסגעטיילט אַן אַרמיי פון 25 טויזנט מאַן, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען פּראָפּאָרציאָנעל פאַרטראָטן די צוויי טויזנט יידן, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געוואוינט אין די קאָלאָניעס.

צווישן די יידן האָט דער פעל־האַנדל געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. זיי איז אויסגעקומען פיל צו ליידן נאָך פריער פון דער פראַנצויזישער קאָנ־קורענץ ביים פעל־האַנדל מיט די אינדיאַנער; איצט איז זיי נאָך שווערער געוואָרן אָנצופירן דעם דאָזיקן האַנדל. און אַזוי ווי דער האַנדל בכלל איז אין יענע צייטן געפירט געוואָרן דורך די ים־ און וואַסער־וועגן, האָבן אים די פראַנצויזישע קריגסשיפן געשטעלט אין כסדר'דיקע סכנות.

יצחק אייזעקס, פון קאָנעטיקוט, איז געווען קאַפּיטאַן־לייטענאַנט אין דער עקספּעדיציע קעגן קראַון־פּאָינט, אין 1756, און אין 2 יאָר שפּעטער זעען מיר אים שוין ווי אַ קאַפּיטאַן אין דער אַטאַקע אויף טיקאָנדעראָגאַ.*

מיר האָבן נישט קיין רעקאָרדס וועגן די נעמען פון די יידן, וואָס האָבן זיך דירעקט באַטייליקט אין די קאַמפּן פון יעדער קאָלאָניע. די אַרמיי פון

---

* ל. הינער, „פּאָבליקיישאָן", באַנד 10.

די קאָלאָניסטן איז גיכער געווען אַ פּאַרטיזאַנען־אַרמיי, ווי אַ רעגולערע און דיסציפּלינירטע, שטייענדיקע אַרמיי, וואָס האָט פּינקטלעכע אַרמיי־רעקאָרדס. מיר האָבן בלויז פאַר זיך אַ ליסטע פון די פאַרשיידענע גרופּן פון דעם ווירדזשיניער רעגימענט אונטער קאָל. (קוירנעל) וואַשינגטאָן, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן איין טאָג נאָך דעם זיג, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער די פראַנצויזן, אין יולי, ביי דעם צוזאַמענשטוים לעבן „גרעיט מעדאָוס". דאָרט ווערן דערמאָנט אויך די יידן מיכאל פראַנקס פון וואַן בראַאַמ'ס קאָמפּאַניע, און יעקב מייער פון דעם קאַפּיטאַן מערסער'ס קאָמפּאַניע. זיי ווערן כסדר דערמאָנט אין די קאָונטי רעקאָרדס.* דער שוין־דערמאָנטער מיכאל איזראַעל איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער מיליציע, וואָס האָט פאַרטיידיקט די גרעניץ־ליניע.

אין דער זעלבער צייט האָט יצחק מאַיערס, אַ יידישער בירגער פון ניו יאָרק, גערופן אַ שטאָט־פאַרזאַמלונג אין דער קרעטשמע „ראַיזינג סאָן" און האָט אָרגאַניזירט אַ ראָטע פון שיפלעך־רודערער אויפן האָדסאָן אָפּצושלאָגן די אינדיאַנער אָנפאַלן. ער אַליין איז געוואָרן זייער קאַפּיטאַן (זע פ. ווירנעיק, זייט 88).

ווען דער אינדיאַנער הויפּטלינג, פּאָנטיאַק, האָט באַלאַגערט דעטראָיט, אין 1763, געפינען מיר דאָרט פיר יידן, „טריידערס" (סחורה־טוישער), וואָס באַטייליקן זיך אין צוזאַמענשטויסן מיט די אָנגרייפנדיקע אינדיאַנער און וואָס זיינען סוף כל סוף אַריינגעפאַלן צו זיי אַלס געפאַנגענע — דזשייקאָבס, וועלכער איז שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן, נתן טשאַפּמאַן, איינער אַ ליוואי און נאָך איינער.*

אָבער פיל וויכטיקער איז געווען דער בייטראָג פון די יידן אין דער דאָזיקער מלחמה אין צושטעלן די נויטיקע זאַפּאַסן פאַר דער ענגלישער אַרמיי, ווי אויך פאַר די קאָלאָניסטישע מיליציע־טיילן. נישט בלויז איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן צוצושטעלן פּראָוויאַנט אין אַזאַ מלחמה, וואו פון הינטער יעדן בוים איז אָנגעצילט אַ פייל און בויגן, און וואו די וועגן זיינען כסדר שלעכטע און אומזיכערע. עס איז אויך געווען אַ פראַגע פון קענען אויסהאַלטן אין משך פון ניין יאָר צייט צו געבן די זאַפּאַסן אויף קרעדיט און נישט זייענדיק זיכער צי זיי וועלן בכלל קריגן ווען עס איז באַצאָלט. מערסטנטייל האָט די ענגלישע רעגירונג, אָנשטאָט געלט, פּאַטענטירט פאַר זיי לאַנד־שטרעקעס וויט אין דעם הינטערלאַנד; שטרעקעס, וואָס זיינען אָפּטמאָל געלעגן אין די הענט פון אינדיאַנער שבטים און וואו קיין ווייסע מענטשן האָבן זיך נאָך דאָרט איינגאַנצן נישט געפונען.

---

* ווירדזשיניא קאָונטי רעקאָרדס", באַנד 2, זז. 113, 114, 119. ציטירט לויט לעאָן היגער, „פּאָבליקיישאָנס", באַנד 20, זז. 105—85.

* „פּאָבליקיישאָנס", באַנד 23, זז. 35—31, אין אַן אַרטיקל פון דוד ע. הייגעמאַן.

איינער פון די פאמע וויכטיקסטע פאדראטשיקעס פאר וואשינגטאנ׳ס ווירדזשיניער עקספעדיציע, איז געװען דוד פראנקס פון פילאדעלפיע. נאך דער מפלה פון דעם ענגלישן גענעראל בראדאק, איז די גאנצע אנפירונג פונעם וויטערדיקן קאמף איבערגעגעבן געוואָרן צום יונגן וואשינגטאן. מיר זעען אויך פון די „בריוו צו וואשינגטאָנען",* ווי דוד׳ס נאך רייכערער קרוב, משה פראנקס, האט צוגעשטעלט אין יענער מלחמה די זאפאסן פארן ענגלישן מיליטער, וואס האט באטראפן ריזיגע סומען. יוסף סיימאן, לוי אנדרו ליוואי, בארנארד גראץ און מיכאל גראץ זיינען געווען די הויפט ייִדישע שותפים פון דער פראנקס פאמיליע אין די דאזיקע אונטערנעמונגען.

נאך באדייטנדיקער איז אָבער געווען דער ביישטײַער, וואס די יידן האבן צוגעטראָגן אין דער דאזיקער מלחמה אין די קאמפן אויפן ים קעגן די פראנצויזישע באוואפנטע שיפן און זאפאס־שיפן. די יידישע סוחרים, ווי אהרן לאפעז פון ניופארט, ראוד איילאנד, האבן פארוואנדלט זייערע שיפן אין „פריוואטיערס", — באוואפנטע שיפן, וואס פאלן אן אויף די טראנספארטן פונעם שונא, נעמען צו אלע זאפאסן, געווער און געלט, וואס זיי געפינען נאר, און אפטמאל אפילו די שיף גופא. די „פריוואטיערס" פלעגן באוואפנט ווערן אויף א פריוואטן אופן, אָבער זיי האבן געוויינלעך באקומען פון דער רעגירונג א באפולמעכטיקונג צו פארנעמען זיך מיט אטאקירן דעם שונא אויפן ים. א טייל פון דעם דאזיקן איינקונפט האט באקומען די רעגירונג.

ווי עס ווייזט אויס איז ניופארט, דער גרעסטער יידישער צענטער אין יענער צייט, געווען דער הויפט־פלאץ, וואו די דאזיקע שיפן פלעגן אויסגעשטאט ווערן. אינעם יאר 1758 געפינען מיר ווי די שיף „גענעראל וועב" איז אויסגעריכט געוואָרן פון דעם רייכן יידן יצחק הארט פון ניופארט, ווי אויך די שיף „לארד האו". די „דאלפין", א גוט־באוואוסטע שיף, איז אויסגעשטאט געוואָרן פון נפתלי הארט און צוויי נישט־יידן.

אינעם יאר 1762 דערשיינט די „דאלפין" ווידער אויף דער סצענע. זי איז באנייט געוואָרן פון דעם זעלבן נפתלי הארט, גידעאן סיסאן און פרענסיס האנימאן. עס לאזט זיך אויך ארויס אויפן ים די שיף „דאימאנד", וואס באלאנגט בשותפות צו נפתלי הארט און דזשאזעף וואנטאן (דער יונגער). דער זעלבער וואנטאן, א גראדואירטער פון הארווארד, איז אין 7 יאר שפעטער געוואָרן דער גאווערנאר פון ראוד איילאנד. ער האט אנגעהאלטן דעם גאווערנאר אמט ביז דער רעוואלוציע, אין וועלכער ער איז געשטאנען אויף דער זייט פון דער ענגלישער רעגירונג.

---

* „דוד׳ס לעטערס טו וואשינגטאן", רעדאגירט פון ס. מ. העמילטאן ; ארויסגעגעבן פון די „קאלאניאל דעימס אוו אמעריקע", ניו יארק, 1899, באנד 2, ז. 32.

יידן אין דער רעוואָלוציע

ערשטע סוחרים־רעזאָלוציע
און די טיי־אָפּער ביי באָסטאָן
פירט צו גרויסער רעוואָלוציע
יעדן איינעם אויף זיין פּאָסטן.
אין איר, יידן האָבן אויך אַ חלק:
אונדזער בלוט האָט אויך געזאָטן,
און פּונקט ווי די, וואָס זיינען
הייליק
האָבן מיר אויך פון זיי דעם שאָטן.

פראַנקרייך איז געווען געצוואונגען צום סוף פון דער מלחמה אָפּצוגעבן קאַנאַדע און די געגנט צו מזרח פון מיסיסיפּי צו די ענגלענדער. לויט דעם אָפּמאַך האָט אויך שפּאַניע איבערגעגעבן פלאָרידע די ענגלענדער אַלס אויסטויש פאַר קובאַ, וואָס די ענגלענדער האָבן פאַרכאַפּט אין פאַרלויף מלחמה.

בכלל איז ענגלאַנד אַרויסגעגאַנגען פון דער דאָזיקער מלחמה מיט אַזעלכע ריזיקע דערפאָלגן, וואָס האָבן איר געמאַכט פאַר דער גרעסטער אימפּעריע אין דער וועלט. אויסער אַ ריזיקע אימפּעריע אין אַמעריקע, האָט זי אויך דעראָבערט אינדיע פונעם פראַנצויזישן גריף.

אָבער די ענגלישע קאָלאָניסטן האָבן אויך היפּשלעך געוואונען. די פראַנצויזן האָבן שוין מער נישט געקאָנט צאַמען זייערע באַוועגונגען צו צפון און צו מערב־צו. די מאַכט פון די אינדיאַנער איז געבראָכן געוואָרן און דער פאַקט, וואָס זייער אייגענער פעלדמעסטער, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, האָט געראַטעוועט די סיטואַציע, האָט זיי געגעבן מוט אָנצונעמען אַ פעסטערע שטעלונג קעגן דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע און רעגירונג אין לאָנדאָן. זיי האָבן געלערנט די לעקציע וועגן דער וויכטיקייט פון פאַראייניקונג.

פון דער צווייטער זייט האָט די ענגלישע רעגירונג דערזען פאַר זיך די נויטווענדיקייט פון קאָנסאָלידירן איר ריזיק־אויסגעוואַקסענער אימפּעריע אין אַ מאָנאָליטער איינהייט. זי האָט גענומען אויסאיבן אַ גרעסערן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאָנטראָל איבער אירע קאָלאָניעס. כדי צו צופרידנשטעלן די אינדיאַנער, אַז עס זאָל זיך נאָך אַמאָל נישט איבער׳חזר׳ן אַזאַ אויפשטאַנד ווי אונטער פּאָנטיאַק׳ן, האָט די ענגלישע רעגירונג אַרויסגעגעבן די פּראָקלאַמאַציע פון 1763, דורך וועלכע די אינדיאַנער האָבן באַקומען דעם אויסשליסלעכן קאָנטראָל איבער די לענדערייען צו מערב פון די אַלעגהענים. די גרויסע מלחמה־חובות, און די פאַרגרעסערונגען אין דער פאַרטיידיקונג פון דער אימפּעריע, האָט די ענגלישע רעגירונג געפּרואווט אַרויפלייגן אויף די פּלייצעס פון די קאָלאָניסטן.

דאָס אַלץ האָט געמוזט דערפירן צו אָפּטערע און שאַרפערע צוזאַמענשטויסן פון די קאָלאָניסטן מיט דער ענגלישער אימפּעריע. די קאָלאָניסטן זיינען שוין נישט געווען אַזוי הילפלאָז און אָנגעוויזן אויף ענגלאַנד אין היגזיכט פון נויטיקע סחורות און פאַרטיידיקונג. פאַרקערט: די קאָלאָניסטן

האָבן שוין אַנטוויקלט אייגענע אינדוסטריעס. זיי האָבן געוואָלט די דאָזיקע סחורות פאַרקויפן אין די קאָלאָניעס גופא און אויך אַרויספירן זיי אין אַנדערע קאָלאָניעס.

ענגלאַנד איז געווען באַהערשט אין דעם 17טן און 18טן יאָרהונדערט פון סוחרים־קאַפּיטאַליסטן. זייערע קלאַסן־אינטערעסן האָבן זיך אויסגעדריקט אין דער טעאָריע פון מערקאַנטאַליזם. די טעאָריע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער וואוילזיין פון דער ענגלישער אימפּעריע דאַרף זיך באַזירן אויף האָבן אַ גרעסערן צופלוס פון גאָלד און זילבער ווי אַן אָפּפלוס. ענגלאַנד דאַרף עקספּאָרטירן גרעסערע ווערטן פון סחורות איידער פון די וואָס זי אימפּאָרטירט. כדי צו האָבן אַ גינסטיקן האַנדלס־באַלאַנס, איז די גאַנצע מאַכט פון דעם שטאַט באַנוצט געוואָרן אויף צווינגען די קאָלאָניסטן צו קויפן ענגלישע סחורות; צו פירן די דאָזיקע סחורות אין ענגלישע שיפן; נישט צו דערלאָזן אַז אין די קאָלאָניעס זאָלן זיך אַנטוויקלען אייגענע אינדוסטריעס; מאָנאָפּאָליזירן די רוי־מאַטעריאַלן פון די קאָלאָניעס, אַז זיי זאָלן בלויז באַנוצט ווערן פון די ענגלישע אינדוסטריאַליסטן און נישט פאַר קיין אַנדערע.

די קאָלאָניסטן האָבן זיך געריסן צו עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט. נישט בלויז צו פּראָדוצירן אַליין אויסגעאַרבעטע סחורות, נאָר אויך צו האָבן אייגענע שיפן, וואָס זאָלן פירן די סחורות. זיי האָבן געוואָלט האָבן דאָס רעכט צו קענען דינגען וועלכע שיפן זיי ווילן, צו האַנדלען מיט וועלכער מלוכה זיי ווילן. זיי האָבן נישט געוואָלט זיין קיין אָביעקט פון עקספּלואַטאַציע. זיי האָבן געוואָלט אַליין עקספּלואַטירן זייערע נאַטור־רייכטימער און רוי־מאַטעריאַלן און פיל פון זיי, אין דרום, זייערע שקלאַפן.

די נאַוויגאַציע־אַקטן פון דער ענגלישער רעגירונג אין 1651, אין 1660, 1663 און 1696, האָבן אויסגעשלאָסן אויסלענדישע שיפן פון קאָלאָניאַלע פּאָרטן. זיי האָבן געפאָדערט, אַז שיפמאַנשאַפטן וואָס רירן אָן קאָלאָניאַלע פּאָרטן מוזן הויפּטזעכלעך באַשטיין פון ענגלישע בירגער. זיי האָבן געפאָדערט, אַז אייראָפּעאישע סחורות, וואָס זיינען נויטיק פאַר די קאָלאָניעס, מוזן פריער געבראַכט ווערן קיין ענגלאַנד און פון דאָרט ערשט קען מען אָפּגעשיקט ווערן אין די קאָלאָניעס. זיי האָבן געפאָדערט, אַז געוויסע „אויסגערעכנטע אַרטיקלען" זאָלן עקספּאָרטירט ווערן בלויז קיין ענגלאַנד, אָדער אין אַנדערע ענגלישע קאָלאָניעס. אין 1733 איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ רייע שווערע טאַריפן אויף סירופּ, צוקער און שנאַפּס, וואָס ווערן געשיקט אין די קאָלאָניעס פון אַנדערע לענדער אויסער ענגלאַנד, — געזעצן וואָס באַשרענקען קאָלאָניאַלע אינדוסטריעס.

די רעגירונג פון דזשאָרדזש דעם 3טן האָט געפּרואווט אַרויפצווינגען אויף די אַמעריקאַנער איין דעספּאָטישן אַקט נאָך אַן אַנדערן. עס זיינען אַריינגעשיקט געוואָרן אין לאַנד אַרמייען, פון פרעמדע געדונגענע סאָלדאַטן,

מערסטנס פון העסען (דייטשן), און די קאָלאָניסטן זיינען געצוואונגען געוואָרן זיי אויסצוהאַלטן. ווען די קאָלאָניאַלע געזעצגעבנדיקע הייזער האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער טיראַניי, האָט זיי די ענגלישע רעגירונג אויפגעלייזט. ווען בירגער האָבן פּראָטעסטירט קעגן די פרעמדע סאָלדאַטן אין לאַנד, האָט מען אויף זיי געשאָסן, ווי עס איז געווען דער פאַל אין באָסטאָן אין 1770. פינף מענטשן זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן, צווישן זיי דער נעגער קריספּוס אַטוקס. ווען די באָסטאָנער בירגער האָבן אין 1773 פּראָטעסטירט קעגן דעם שטייער אויף טיי און האָבן אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין אַ טראַנספּאָרט פון ענגלישן טיי, האָט די רעגירונג געשלאָסן דעם באָסטאָנער פּאָרט. די ביטערקייט איז געוואַקסן. פּלוצעם האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. די קאָלאָניעס זיינען ענדלעך אַרויסגעטראָטן אין קאַמף, וואָס האָט זיי סוף־כל־סוף דערפירט צו גרינדן אַן אייגענע רעפּובליק.

אויב די בירגערלעכע נישט־יידן אין די קאָלאָניעס האָבן געפּילט אַזויפיל קריוודעס און אונטערדריקונגען מצד דער ענגלישער הערשאַפט, איז דער שיקזאַל פונעם יידישן סוחר געווען פיל שווערער, און די דאָליע פון די האַרעפּאַשניקעס בכלל, און פון די יידישע בפרט, איז זיכער געווען נישט מקנא צו זיין. אָבער גראַד פון די לעצטע הערן מיר אַזוי ווייניק. זעלטן־ווען רוקט זיך אַרויס אַ נאָמען פון אַ יידישן אַרבעטער אין וועלכן עס אַזי דאָקומענט, אויף וועלכן אַ געשיכטע־שרייבער קען זיך פאַרלאָזן. די געשיכטע ווייס געוויינלעך די נעמען פון די פּרעהס, וואָס האָבן געלאָזט בויען פאַר זייער אָנדענק פּיראַמידן. זי ווייס אָבער נישט קיין איינציקן נאָמען פון די צענדליקער טויזנטער, וואָס האָבן זיי געבויט מיט שווייס און בלוט.

בלויז די יידישע און נישט־יידישע סוחרים, וואָס זיינען געווען דירעקט פאַרבונדן מיט ענגלאַנד און מיט אירע געשעפטן, פּאַדריאַדן, אַלס אַגענטן און פאַרמיטלער, האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט די טאָרים. זיי זיינען געווען אַ קלענטיקע מינאָריטעט.

שוין אין דער אַגיטאַציע פון 1765 וועגן „נישט־אימפּאָרטירן", האָבן ניין יידישע סוחרים זיך מוטיק אונטערגעשריבן אויף אַזאַ רעזאָלוציע אָן וואַקלענישן. אינעם קאַרפּענטער האָל, אין פילאַדעלפיע, געפינט זיך נאָך דער אָריגינעלער דאָקומענט. דאָס איז איינער פון די ערשטע פּאַטריאָטיש־רעוואָלוציאָנערע דאָקומענטן, און מיר לייענען צווישן די אונטערשריפטן אַזעלכע נעמען, ווי בנימין ליוואַי, שמעון ליוואַי, יוסף דזשייקאָבס, היימאַן ליוואַי, דער יינגערער, דוד פראַנקס, מאַטיאַס בוש, מיכאל גראַץ, בערנאַרד גראַץ און משה מאָרדעקאַי.

דאָס איז פּאָרגעקומען צען יאָר פאַר דער רעוואָלוציע. מען האָט נישט באַדאַרפט האָבן דעם מוט פון רעוואָלוציאָנערן צו חתמ׳ענען זיך אויף אַזאַ אַרויסרופנדיקן דאָקומענט קעגן דער מעכטיקסטער מאַכט אין דער וועלט! עס האָט געדויערט צען יאָר ביז די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען פון איין זייט

האָבן דורכגעדרונגען די ברייטע מאַסן, און ביז די ענגלישע הערשער זיינען דורך זייערע מעשים אַזוי דיסקרעדיטירט געוואָרן, אַז די רעוואָלוציאָנערע פּאַמפלעטן פון סעם עדעמס, פּאַטריק הענרי און טאָמאַס פּעין זיינען צווישן עולם שנעל איינגעזאַפּט געוואָרן ווי רעגן אין אַן אויסגעטרוקנטער זומער־דיקער ערד.

יידישע סוחרים, וואָס זיינען אַרומגעפאָרן מיט זייערע סחורות פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף און פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע, זיי־נען געווען נאַטירלעכע פאַרשפּרייטער פון די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, וואָס זיי אַליין האָבן געגלייבט, געהערט, געזען אַקציעס און, אין געוויסע פאַלן, זיך אַליין באַטייליקט אין זיי.

דער יידישער בורזשואַזער היסטאָריקער סיימאָן וואָלף האָט אָנגעקליבן אַ היפּשן מאַטעריאַל פון בירגערלעכע יידן, וואָס האָבן געדינט, און אַנדערע פון זיי זיך אויסגעצייכנט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון די אומאָפּהענגיקע צפון אַמעריקאַנער פאַר־אייניקטע שטאַטן. אין זיין בוך „דזשו עז פּעטריאָט, סאָל־דזשער ענד סיטיזען”, פילאַדעלפיע, 1895, גיט ער אַן איבער פּערציק נע־מען פון יידן, וואָס האָבן געדינט אין די קאָנטינענטאַלע רעוואָלוציאָנערע אַרמייען.

דאָס איז בלויז אַ טייל פון די יידן, וואָס האָבן זיך דירעקט באַטיי־ליקט אין די שלאַכטן. די אַרמיי רעקאָרדס זיינען געווען פון די ערשטע דאָ־קומענטן, וואָס פלעגן פאַרניכטעט ווערן, בעת עס איז אויסגעקומען צו מאַכן האַסטיקע צוריקציִאונגען. מען קען אָננעמען, אַז פיל פּשוט׳ע יידן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אַ פרייער רעפּובליק און וועמענס רעקאָרדס עס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, וועלן שוין בלייבן אויף אייביק „אומבאַוואוסטע סאָל־דאַטן”.

בלויז צופעליק דערוויסן מיר זיך אָפט, אַז נעמען פון אַזעלכע פּשוט׳ע יידן זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. אַזוי האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין טשאַרלסטאָון, סאַוט קאַראָליינא, האָט זיך דעמאָלט געהאַט פאָרמירט אַ מי־ליטערישע קאָמפּאַניע, אין וועלכער עס זיינען אויך געווען יידן.

באַזונדערס ווערט דערמאָנט דער נאָמען פון יעקב י. קאָהען, געקומען פון דייטשלאַנד אין 1773. ער האָט געקעמפט אונטער די גענעראַלן מאָול־טרי און לינקאָלן. אָבער ער האָט אויך געמוזט זיין פון רייכן קלאַס, וואָס זיין נאָמען איז צו אונדז דערגאַנגען. קאָהען האָט זיך דערנאָך באַזעצט אין ריטשמאָנד, אין 1782, און געוואָרן דאָרט אַ ריכטער און אַ מיטגליד פון שטאָט־ראַט. קיין אַרבעטער אָדער בעל־מלאָכה וואָלט נישט געקענט האַלטן אַזעלכע אַמטן.

פון דער איין אַלטער, אַטעאיסטישער פּינטאָ־פאַמיליע אין קאָנעטיקוט, זיינען פיר געווען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. אַברהם פּינטאָ איז גע־

ווען א סאָלדאַט אין דער קאָמפּאַניע עקס פון 7טן רעגימענט אין קאָנעטי־קוט, אין 1775. וויליאַם פּינטאָ, מעגלעך א ברודער פונעם ערשטן, געפינט זיך אויף דער וואָלונטיר־ליסט פון די יאָרן 1779 און 1781. יעקב פּינטאָ, אַן אַלטער איינוואוינער פון ניו הייווען, איז געווען אַ מיטגליד פונעם שטאָטישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אין 1775, און אויף אַ פּעטיציע צום קאָמיטעט פון זיכערקייט צו באַזייטיקן געוויסע טאָרים, דערשיינט אויך זיין נאָמען.

נאָך איינער פון דער זעלבער פאַמיליע, שלמה פּינטאָ, האָט זיך אין משך פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער מלחמה אויסגעצייכנט אַלס אָפיצער אין דער אַרמיי פון קאָנעטיקוט. צוזאַמען מיט זיין שוין דערמאָנטן ברודער אברהם, איז ער, אין 1779, דעם 5טן און 6טן יולי, פאַרוואונדעט געוואָרן ביי דער שלאַכט פון ניו הייווען. פון 1777 ביז 1778 האָט ער געדינט אונטער קאַפּיטאַן באַלדווין פונעם 2טן רעגימענט. ער האָט פאַרגעזעצט זיין אַרמיי־דינסט ביז יוני, 1783. לויטן קאָנגרעס־אַקט פון 1818, איז ער ביז זיין טויט פּענסיאָנירט געוואָרן פון דער רעגירונג.

פון דער יידישער בוש־פאַמיליע אין פילאַדעלפיע, איז שלמה בוש שוין געווען אַ געבאָרענער אַ פילאַדעלפיער. צען יאָר צייט האָט ער געדינט אין מיליציע פון פּענסילוועניע. אין 1777 איז ער באַשטימט געוואָרן פונעם אַלערהעכסטן ראַט פון פּענסילוועניע פאַרן דעפּיוטי גענעראַל־אַדיוטאַנט פון דער שטאַט־מיליציע. אָבער אין איינער פון די סעפּטעמבער־שלאַכטן אין זעלבן יאָר, איז ער געפערלעך פאַרוואונדעט געוואָרן און מ'האָט אים צוריקגעבראַכט קיין פילאַדעלפיע. ווען די ענגלענדער האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט, אין דעצעמבער, האָבן זיי אים גענומען אין געפאַנגענשאַפט. זיי האָבן אים אָבער סוף־כל־סוף באַפרייט אויף פּאַראָל. אין 1779 אַז ער אַריבער אינעם ראַנג פון ליטענאַנט־קאָלאָנעל (קוירנעל). אָבער זינט 1785 איז ער שוין געבליבן אויף אַ שטענדיקער רעגירונגס־פּענסיע.

די פראַנקס פאַמיליע און די רעוואָלוציע

אונדז איז אין פריערדיקע קאַפּיטלען שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען די אַלטע יידישע פראַנקס פאַמיליע. די פראַנקסעס זיינען געווען באַרימטע סוחרים און איינפלוסרייכע מענטשן. אָבער צוויי פון זיי האָבן געלאָזן טיפערע שפּורן אין דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה. פון די צוויי איז די גרעסערע פּערזענלעכקייט געווען דוד סאַליסבורי פראַנקס, אַ מענטש פון אַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער, מיט אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט.

ער איז געווען אַ וואַרעמער ייד, אַ רעוואָלוציאָנערער און אַ פּאַרטרויאונגסוווערטער מלוכה־מענטש. אַ סענסיטיווער ביז גאָר ווען עס איז געקומען צו באַשולדיקונגען, און אַ פּעאיקער אינטערנאַציאָנאַלער געשעפטס־מענטש.

דוד סאַליסבורי פראַנקס — נישט צוזאַמענמישן אים מיט זיין קרוב דוד פראַנקס, דעם טאָרי און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער — איז געבאָרן געוואָרן אין אַן אַלטער יידישער פאַמיליע. ער האָט פאַרלאָזן ענגלאַנד אין 1774 און באַזעצט זיך אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, וואָס איז אָקאָרשט איבערגעגאַנגען פון פראַנצויזישער הערשאַפט צו דער ענגלישער. אַ געשעפטסמאַן פונעם דערפאָלגרייכן שניט, איז ער גלייכצייטיק שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די ענינים פון דער יונגער יידישער געמיינדע. אַלס כלל־טוער פלעגט ער אָפט ארויסטרעטן אין דער עפנטלעכקייט און אויף איינעם פון די מיטינגען, אין גאַס, לעבן אַ קעניגס סטאַטוע, אין אַ טעמפּעראַמענט פון מאָמענט, ארויסגעקומען מיט לשון קעגן מאָנאַרכיע בכלל און קעגן ענגלישן קעניג בפרט.

דעם דריטן מאַי, 1775, איז ער אַרעסטירט געוואָרן פאַר מאַיעסטעטבאַליידיקונג.

עס איז נישט גענוי באַוואוסט, צי דער יונגער טעמפּעראַמענטפולער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ גוטן אַדוואָקאַט, אָדער אַ גוטן צד אין די הויכע פענצטער. יעדנפאַלס איז ער אַרויסגעגאַנגען אין זיין רעדע פון אַן אַמעריקאַנישן פּאַטריאָטישן שטאַנדפּונקט. מיר ווייסן יאָ אַז ער איז אין זעקס טעג אַרום באַפרייט געוואָרן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די באַפרייאונג האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם פאַקט, וואָס אַן אַמעריקאַנער אַרמיי־אָפּטייל האָט זיך געהאַלטן אין דערנעענטערן און פאַרנעמען מאָנטרעאַל.

מיר זעען טאַקע, אַז ווען די אַמעריקאַנער מיליטערישע אָפּטיילונגען

דרינגען אריין אין מאנטרעאל, ווערט פראנקס אנגעשטעלט פון גענעראל וואוסטער אלס צאלמייסטער פונעם אמעריקאנער גארניזאן. פראנקס האלט אן דעם אמט ביז די אמעריקאנער האבן גענומען אפציען פון מאנטרעאל, אונטערן דרוק פון א שטארקערן ענגליש־העסישן ארמיי־אפטייל.

דוד ס. פראנקס פארלאזט דאן קאנאדע און שליסט זיך אן אין אן אמעריקאנער רעגימענט פון מאסאטשוזעטס. פון דעמאלט אן האט ער שוין נישט קיין אנדערע געשעפטן, ווי צו דינען דער אמעריקאנער רעוואלוציע. אים קומט שוין אויס צו דינען זיין ניי־אדאפטירט לאנד אין פארשיידענע געביטן. פראנקס צייכנט זיך אויס מיט זיין גאנצקייט און פינקט־לעכקייט. אין יאר 1778 דינט ער אונטער גראף ד'עסטענג, דער הויפט־קאמאנדיר פון די אמעריקאנער פאטריאטישע ים־כוחות. קוים איז די ים־עקס־פעדיציע דורכגעפאלן, שליסט ער זיך צוריק אן אין דער ארמיי. ער ווערט אין פילאדעלפיע א מיטגליד אין דעם שטאב פונעם גענעראל בענעדיקט אר־נאלד.

דער דאזיקער גענעראל בענעדיקט ארנאלד, וואס האט זיך געהאט גע־מאכט אין אנהויב פון דער מלחמה א גרויסן נאמען דורך זיינע באדייטנ־דיקע נצחונות איבער די ענגלענדער, איז מיט דער צייט אונטערגעקויפט געווארן פון דעם שונא. ווען ער וואלט נישט באצייטנס אויפגעדעקט גע־ווארן, וואלט דער זיג פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע אפגעלייגט געווארן ווער ווייס אויף וויפל יארן און וויפל קרבנות דאס וואלט אפגעקאסט. אבער ווען דער פאררעטער איז געכאפט געווארן ביי דער האנט, איז דוד ס. פראנקס נישט געווען אויף זיין שטאב. אין 1779 זעען מיר אים שוין אין טשארלס־טאון אלס געהילף פון גענעראל לינקאלן.

ווען עס עפנט זיך דער ערשטער פראצעס קעגן דעם גענעראל בענע־דיקט ארנאלד, ווערט פראנקס צוריקגערופן קיין פילאדעלפיע אלס עדות אין דעם פראצעס. נאר דאס איז נאך נישט געווען דער פראצעס וועגן פאררעט, נאר וועגן אומפאסנדיקע אויפפירונגען פונעם גענעראל אין פילאדעלפיע, בעת ער איז געווען דער הויפט־קאמאנדיר איבער דעם דארטיקן גארניזאן. אין דער אנטוויקלונג פונעם פראצעס ווערט פראנקס גופא אין אים אריינ־געצויגן.

צו זיין אומגליק איז פראנקס אויך אריינגעצויגן געווארן אינעם צווייטן ארנאלד פראצעס, דארט וואו מ'האט אים גע'משפט פאר גרויס־פאררעט. עס האט אזוי פאסירט, אז בעת ארנאלד האט זיך געקליבן דורכפירן זיין שרעק־לעכן פאררעט, אין סעפטעמבער, 1780, איז פראנקס געווען זיין געהילף. דעם 2טן אקטאבער האט מען אויך ארעסטירט פראנקס'ן, באשולדיקט אינעם פאררעט. וואס פאר א שרעקלעכער קלאפ דאס האט געמוזט זיין פאר אים!

אבער דאס איז געווען בלויז א מינוטיקער דונער. גלייך אויף מארגן, ביים משפט, האט זיך ארויסגעוויזן קלאר זיין אומשולד און איז אויפן ארט

באפרייט געוואָרן. אזוי ווי דאָס איז געווען א פעלד־געריכט, האָט אָבער דער בראַווער, סענסיטיווער יונגערמאַן נישט צופרידנגעשטעלט זיך מיט אזא שנעלן משפּט און מיט אזא באפרייאונג. ער האָט אוועקגעשריבן דזשאָרדזש וואשינגטאָנען א בריוו און פארלאַנגט צוזאַמענצורופן א ספּעציעלן געריכט. וואשינגטאָן האָט זיין בקשה גלייך אויסגעפילט. דער געריכט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 2טן נאָוועמבער 1780, און האָט פולשטענדיק ריינגעוואַשן דעם יונגן יידישן מאַיאָר.

אזוי גרויס איז געווען דער צוטרוי פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגי־רונג צו דוד ס. פראַנקס, אַז ער פלעגט דערנאָך פּאַרטרויט ווערן מיט זייער פיל וויכטיקע געהיימע מיסיעס. ווען ער קערט זיך אום צוריק ווערט דוד ס. פראַנקס צוריק אָנגעשטעלט אין דער אַרמיי מיטן ראַנג פון מאַיאָר.

שפּעטער, ווען דער שלום מיט ענגלאַנד איז שוין געשלאָסן געוואָרן און די נייע פרידלעכע רעפּובליק האָט גענומען שטעלן אירע טריט, ווערט ווידער דוד ס. פראַנקס, דעם 13טן יאַנואַר, 1784, געשיקט מיט א וויכטי־קער מיסיע קיין אייראָפּע, דאָסמאָל דירעקט פונעם קאָנגרעס פון די פאַראיי־ניקטע שטאַטן.

אין א יאָר שפּעטער, נאָכן צוריקקומען פון אייראָפּע, ווערט ער באַ־שטימט אַלס וויצע־קאָנסול אין מאַרסעי, פראַנקרייך. אין 1786 ווערט ער ווידער געשיקט מיט א וויכטיקער שליחות אויף יענער זייט ים — דאָס מאָל קיין אַפריקע אין מאַראָקאָ. אין 1787 ברענגט ער צוריק מיט זיך קיין ניו יאָרק א נייעם גינסטיקן האַנדל־אָפּמאַך.

פאַר זיין איבערגעגעבנקייט און טרייהייט אין דער צייט פון דער רע־וואָלוציאָנערער מלחמה, באַקומט ער, דעם 28טן יאַנואַר, 1789, א מתנה פון 400 אַקער לאַנד.

זיין קרוב יצחק פראַנקס איז געבאָרן געוואָרן אין ניו יאָרק, אין 1759. ווען די רעוואָלוציע האָט געהאַלטן שוין אין צווייטן יאָר, האָט ער זיך אָנ־געשלאָסן אָן קוירנעל לעשער׳ס רעגימענט פון די ניו יאָרקער פרייוויליקע. ער איז דעמאָלט אַלט געווען בלויז 17 יאָר, ווען ער האָט זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט פון לאָנג איילאַנד. דעם 15טן סעפּטעמבער, 1776, ווען די ענגלענדער האָבן גענומען ניו יאָרק, איז דער יונגינקער יצחק פראַנקס אריינ־געכאַפּט געוואָרן אין פּלען. ווי א יונגער לייב האָט זיך דער געפאַנגענער געריסן צו ווייטערדיקע קאַמפן, ביז אים איז געלונגען צו אַנטלויפן נאָך דריי חדשים אין געפאַנגענשאַפט.

דער יונגער 18־יאָריקער בחור׳ל ווערט דאַן באַשטימט, אין 1777, אין דעם פּראָוויאַנט דעפּאַרטמענט פון דער אַרמיי, און אין יאַנואַר 1778, אין עלטער פון נאָך נישט קיין גאַנצע 19 יאָר, ווערט ער דערהויבן צו ווערן אַליין דער פוראַזשמייסטער אין וועסט־פּאָינט. דעם 22טן פעברואַר, 1781, באַשטימט אים דער קאָנגרעס אַלס אונטעראָפיצער אינעם 77טן מאַסאַטשו־

זעטסער רעגימענט. אָבער שוין אין אַזעלכע יונגע יאָרן ווערט יצחק פראנקס אַ צעבראָכענע כלי. זיין געזונט־צושטאַנד ווערט אַלץ ווייניקער צופרידנ־שטעלנדיק, ביז ער איז ענדלעך געצוואונגען צו רעזיגנירן פון דער אַרמיי אין יולי, 1782. ער באַזעצט זיך דעמאָלט אין פילאַדעלפיע.

דער יונגער רעוואָלוציאָנערער העלד פאַרנעמט דערנאָך אַ ריי ציווילע שטעלעס. ענדלעך באַשטימט אים גאָווערנאָר מיפלין פון פענסילוועניע, אין 1794, פאַר לייטענאַנט־קאָלאָנעל פונעם צווייטן רעגימענט פון דער פילאַ־דעלפיער קאַונטי בריגאַדע, אַן אָפּטייל פון דער שטאַטס־מיליציע.

אין 1793 איז יצחק פראַנקס'ן צוגעטיילט געוואָרן אַ גרויסער כבוד. אין יענער צייט איז די פעדעראַלע רעגירונג איבערגעטראָגן געוואָרן צייט־ווייליק קיין פילאַדעלפיע, בעת דער מגפה פון געלן פיבער. דער לייטענאַנט־קאָלאָנעל האָט דאַן געוואוינט אין דזשערמענטאַון — איצט איז עס נומער 5442 מעין סטריט — און פרעזידענט וואַשינגטאָן האָט דאָרט איינגעשטעלט זיין קוואַרטיר. ווער האָט עס דעמאָלט נישט מקנא געווען דעם יידן פון ניו יאָרק מיט דעם דאָזיקן כבוד! פראַנקס האָט בכלל געמוזט זיין אפילו אין אויסקוק אַ חשוב'ע פּערזענלעכקייט, ווי מ'זעט עס פון זיין גוט־באַקאַנטן אויל־בילד, וואָס גילבערט סטואַרט, דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּאָרטרע־טיסט האָט פון אים געמאָלן.

צווישן די פּאַטריאָטישע רעוואָלוציאָנערע זעלנער פון ווירדזשיניע גע־פינען מיר דעם קאַפּיטאַן יעקב קאָהען. ער האָט אָרגאַניזירט אַ סקאַדראָן קאַוואַלעריע אין קומבערלאַנד קאַונטי, געדינט אין דער ווירדזשיניער מיליץ און זיך געפונען אין אָנהויב פון די קאַמפן, אין 1776, אונטער דער קאָ־מאַנדע פון קווירנעל סמיט.

אַלס קאַפּיטאַן האָט זיך יעקב קאָהען (עס זעט אויס, אַז דאָס איז נישט דער יעקב י. קאָהען, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד אין 1773 און שפּעטער געוואָרן אַ ריכטער אין ריטשמאָנד) באַטייליקט אין דער וויכטיקער שלאַכט פון מערץ, 1781, באַוואוסט ווי די „גילפאָרד קאָורט האַוז שלאַכט". אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום שליסט זיך יעקב קאָהען אָן, מיט זיין קאַוואַלע־ריע, אָן די אַרמייען פון די גענעראַלן לאַפאַיעט און וועין. ער באַטייליקט זיך אויך אין דער שלאַכט פונעם 16טן יולי, 1781, אין דזשעימסטאַון.

חיים סאלאַמאָן — דער פּאָפּולערער פּאַטריאָט

חיים סאָלאָמאָן, דער ערשטער באַ־וואוסטער פּוילישער ייד אין אַמעריקע, פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער רע־וואָלוציע. וועגן אים איז שוין פאַראַן אַ היפּשע ליטעראַטור.

דער דאָזיקער פאַרדינסטפולער יידי־שער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט איז גע־באָרן געוואָרן אַרום דעם יאָר 1740, אין ליסאַ, פּוילן. ער האָט געמוזט זיין פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע, וואָס האָט אים דערלויבט אין די יונגע יאָרן צו רייזן אין פאַרשיידענע לענדער. ער האָט אויף אַזאַ אופן צוגעע־איינגנט זיך אַ ריי פרעמדע שפּראַכן, צווישן זיי אויך דייטש, איטאַליעניש און פראַנצויזיש, און אַוודאי די סלאַווישע שפּראַכן.

אין ניו יאָרק איז ער געקומען, לויט אייניקע חשבונות, צווישן 1764 און 1772. ער איז געווען אַ פּעאיקער געשעפטסמאַן און וואַרשיינלעך גע־האָט אַביסל דערפאַרונג אין באַנקאָווע פינאַנץ־ענינים. דעם 12טן יוני, 1776, ווערט ער רעקאָמענדירט פונעם באַוואוסטן סוחר לעאָנאַרד גענסוואָורט צום גענעראַל־מאַיאָר פיליפּ סקאַילער, וואָס איז געווען אין קאָמאַנדע פונעם צפון־דעפּאַרטמענט אין ניו יאָרק. סאלאָמאָן האָט געהאַט אַ חשק אויסצו־ברייטערן זיין האַנדל אַזוי ווייט אינעם צפון פון סטעיט, ווי עס איז דער אָנהויב פון לעיק דזשאָרדזש.

די באַפעלקערונג אין די אַדיראָנדאַקס בערג איז מסתמא, אין יענער צייט, נאָך געווען זייער אַ שיטערע. ער האָט אינעם געגנט פון לעיק דזשאָרדזש בלויז געקענט פאַרקויפן אַביסל סחורה צו די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, וואָס מען האָט דאָרט געהאַט איינגעקוואַרטירט, און קיין גרויסע געשעפטן מיט זיי האָט ער קענטיק נישט געמאַכט. דעם 15טן סעפּטעמבער זעען מיר אים שוין צוריק אין ניו יאָרק. אָבער דעמאָלט איז שוין ניו יאָרק געווען פאַר־נומען דורכן ענגלישן מיליטער. איידער וואָס־וועגן האָט מען אים אַרעסטירט, אונטערן חשד אַז ער איז אַ שפּיאָן. מ'האָט אים אַריינגעזעצט אין אַן אַל־טער טורמע אויפן באַפעל פונעם גענעראַל ראָבערטסאָן.

לויט דעם מעמאָראַנדום, וואָס חיים סאלאָמאָן האָט צוגעשטעלט דעם קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס אין צוויי יאָר שפּעטער, האָט זיך נאָך זיין אַרעסט

פּאַר אים איינגעשטעלט דער העסישער גענעראַל־לייטענאַנט לעאָפּאָלד פ. פאָן־האַיסטער, וואָס איז ערשט דעם 12טן אויגוסט אָנגעקומען קיין ניו יאָרק מיט אַ פלאָט פון 107 שיפן און געהאָלפן פאַרכאַפּן ניו יאָרק. דער דייטשער גענעראַל האָט זיך גראָד שטאַרק גענויטיקט אין אַ טיכטיקן איבער־זעצער אין דער דייטשער, פראַנצויזישער און סלאַווישע שפּראַכן. האַיסטער האָט אים באַפרייט פון געפאַנגענשאַפט און אים איבערגעגעבן דעם אַמט פון איבערזעצער.

סאלאָמאָן גיט ווייטער איבער אין זיין מעמאָראַנדום, אַז ער האָט זיך גוט באַנוצט מיט זיין אַמט אַלס איבערזעצער און אויף וויפל ער האָט גע־קענט באַווייזן האָט ער געהאָלפן פיל פון די געפאַנגענע צו אַנטלויפן. ער האָט אפילו זיך באַנוצט מיט זיינע אייגענע געלט־קוואַלן פאַר דעם צוועק. ער גיט אויך דאָרט אָנצוהערן, אַז דורך זיין ברידערן זיך מיט געוויסע הע־סישע אָפיצערן האָט ער זיי באַוואויגן צו רעזיגנירן.

דורך דער דאָזיקער צייט איז סאלאָמאָן, אויסער זיין אַרבעט אַלס איבערזעצער, אויך געווען אַן אויפקויפער פאַר דער דייטש־ענגלישער אַרמיי און געפירט גלייכצייטיק געשעפטן פאַר זיך. אין משך פון דער צייט האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונעם רייכן סוחר משה פראַנקס, וואָס איז געווען, קענטיק, מער צוגעבונדן צו זיינע געשעפטן אין ניו יאָרק ווי צו דער זאַך פון דער רעוואָלוציע. זייער חתונה איז פאָרגעקומען דעם 6טן יולי, 1777 (לויט מאָרים שאַפּעס׳עס פאָרשונגען און נישט ווי פיל היסטאָ־ריקער האָבן פריער געהאַלטן, אַז זי איז ערשט פאָרגעקומען דעם 2טן יאַנואַר).

לויט זיין מעמאָראַנדום איז סאלאָמאָן אַנטלאָפן פון ניו יאָרק דעם 11טן אויגוסט, 1778, ווען די גוואַרדיסטן האָבן זיך פאַרמאָסטן צו אַרעסטירן אים אַ צווייטן מאָל. ער איז אַנטלאָפן קיין פילאַדעלפיע און איבערגעלאָזט זיין פרוי און אַ קינד אין עלטער פון איין חודש, מסתמא אין הויז פון זיין רייכן שווער.

סאלאָמאָן גיט־אָן אין דעם דערמאָנטן מעמאָראַנדום, אַז דורך זיין אַנט־לויפן האָט ער פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַרמעגן און זאַכן אין באַטרעף פון אַרום פינף ביז זעקס טויזנט פונט און בעט דעם קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס צו פאַרגיטיקן אים דעם שאָדן דורך גיבן אים אַ באַשעפטיקונג, אין וועל־כער ער זאָל קענען צוריק אויפריכטן דעם עקאָנאָמישן באָדן פון זיין פאַ־מיליע און צו דערמעגלעכן אַראָפּצוברענגען זיין פרוי און קינד קיין פילאַ־דעלפיע.

פאַרוואָס האָט אים דעמאָלט דער קאָנגרעס נישט באַוויליקט זיין בקשה איז נישט קלאָר. מיר ווייסן בלויז, אַז סוף כל סוף האָט ער זיך אין פילאַ־דעלפיע צוריק דערשלאָגן צו אַקטיוויזירן זיך אין פינאַנציעלע אונטערנע־מונגען. אין דריי יאָר שפּעטער, אינעם יאָר 1781, זעען מיר אים שוין ווי

ער פירט געשעפטן מיט דעם רעוואָלוציאָנערן רעגירונגס־אָפיס פון פינאַנץ. דעמאָלט איז ער שוין געווען באַוואוסט אַלס דער פּאַרמיטלער (בראָוקער) פונעם פראַנצויזישן גענעראַל־קאָנסול, און אַלס דער קאַסירער פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, וואָס איז געקומען העלפן די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד. ער ווערט דעמאָלט אויך אַ פאַרמיטלער אין דורכפירן פאָלקס־הלוואות פאַר דער יונגער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג.

די דאָזיקע אַרבעט טאָר נישט מינימיזירט ווערן. דער קרעדיט פון דער יונגער רעגירונג איז געווען אַ געפאַלענער. דער קאָנטינענטאַלער דאָלאַר איז געווען באַלד ווערטלאָז. יעדע טויזנט־פונטיקע הלוואה איז געווען פאַר דער וואַקלענדיקער, פינאַנציעל־פאַראַליזירטער רעגירונג אַן איינשפּריצונג, אַז זי זאָל נישט אויסגיין.

אין משך פון די ערגסטע יאָרן, 1781 און 1782, האָט סאַלאָמאָן אַליין פאַרקויפט רעגירונגס־פּאַפּירן אין ווערט פון צוויי הונדערט טויזנט פונט — אַ גוואַלטיקע סומע פאַר יענער צייט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט געווען קיין הלוואה פון זיין קעשענע. דאָס האָט ער געדאַרפט אָנפירן מיטן פאַרקויף פון די ווערט־פּאַפּירן און האָט זיי געמוזט אינדאָרסירן מיט זיין אייגענער אונטערשריפט.

אָבער חיים סאַלאָמאָן, וועלכער איז קענטיק געוואָרן פאַרמעגלעך פון די דאָזיקע פינאַנציעלע טראַנסאַקציעס, האָט געטאָן מער ווי דאָס, וואָס עס וואָלט געטאָן יעדער אונטערנעמערישער פינאַנסיסט מיט אַביסל גלויבן אין דער רעוואָלוציע און אין איר זיג. ער האָט אויסגעליען זיין פאַרדינט געלט צו די מיטגלידער פון דער רעגירונג, וואָס האָבן נישט געקריגן קיין שכירות און פיל פון זיי זיינען געווען אין גרויס נויט. אין פיל פאַלן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען פּראָצענט פאַר די הלוואות.

אַזוי ווייסן מיר, אַז עדמאָנד ראַנדאָלף, איינער פון די פירנדיקע גייסטער פונעם קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס און אַזאַ ווי דזשעימס מעדיסאָן, דער שפּעטערדיקער פערטער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן עפּנטלעך אָנערקענט, אַז ווען נישט די העלפנדיקע האַנט פון חיים סאַלאָמאָן, ווער ווייס וואָס וואָלט מיט זיי געוואָרן.

מיר קענען קריגן אַ שטיקל באַגריף וועגן די ריזיקע סומעס, וואָס זיינען דעמאָלט דורכגעגאַנגען דורך זיינע הענט, דורך די פאָלגנדיקע פאַקטן: דער גרעסטער דעפּאָזיטאָר אין דער „באַנק פון נאָרט אַמעריקע", וואָס ראָבערט מאָריס האָט געגרינדעט, איז געווען חיים סאַלאָמאָן. דער גרעסטער טייל פון די פינאַנסן, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג פון לודוויג דעם 16טן האָט בייגעטראָגן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה קעגן איר שונא — ענגלאַנד, איז דורכגעגאַנגען דורך חיים סאַלאָמאָנ'ס הענט. אַלע הלוואות פאַר דער אַמעריקאַנער קאָנטינענטאַלער רעגירונג, וואָס זיינען אָנגעקומען פון האָלאַנד, זיינען אויך אָנגעקומען דורך סאַלאָמאָנ'ען.

סאלאָמאָנ׳ס אדוואָקאַט גופא, דזשעימס ווילסאָן, אויך אַ באַרימטער דעלעגאַט צום קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס, דערציילט, אַז אָן סאלאָמאָנ׳ס הילף, „וואָס ווערט געגעבן מיט פּונקט אַזויפיל ברייטקייט ווי דעליקאַטקייט", וואָלט ער זיך געדאַרפט צוריקציען פון דער מלוכה־דינסט.

אָבער אויסער אַ פינאַנסיסט און קלוגער געשעפטסמאַן, איז סאלאָמאָן אויך געווען אַ וואַרעמער ייד, און אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע ענינים זיינען אים געווען אייגן. ער איז געווען אַקטיוו אין דער פילאַדעלפיער יידישער געמיינדע, איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער קהילה „מקוה ישראל" און, אין 1784 — דער קאַסירער פון דער יידישער אַלגעמיינער צדקה־אָרגאַניזאַציע אין פילאַדעלפיע.

אַז ער איז געוואָרן באַרימט ווי אַ פילאַנטראָפּ, קען מען אויך זען פונעם בריוו צו אים פון לאָנדאָנער רב, ר׳ דוד טעוועלע שיף, וואָס געפינט זיך איצט אין באַזיץ פונעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר פון ניו יאָרק.

חיים סאלאָמאָן איז געשטאָרבן פּלוצלונג אינעם יאָר 1785, אינעם עלטער פון 45 יאָר. ער האָט איבערגעלאָזן אַן אלמנה און צוויי קליינע יינגלעך. איין זון האָט מיט יאָרן שפּעטער געפאָדערט פון דער רעגירונג אַ סומע פון איבער 353 טויזנט דאָלאַר — אַ רעגירונגס־חוב, וואָס ער האָט באַהויפּטעט, איז געבליבן אַן אומבאַצאָלטער אויף די ביכער. די קאָמיסיעס, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויסצופאָרשן די פאָדערונג, האָבן נישט געפונען קיין שום באַשטעטיקנדיקע פאַקטן.

וואָס זיי האָבן יאָ אויסגעפונען און אויסגעדריקט עס אין דער פאָרם פון אָנערקענונג, איז די דערקלערונג פון איין קאָמיסיע:

„...פון די באַווייזן, וואָס דער קאָמיטעט האָט אין זיין באַזיץ (קען מען זען), אַז די פּאַטריאָטישע איבערגעבנקייט פון חיים סאלאָמאָן צו דער זאַך פון דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט קען נישט געשטעלט ווערן אונטער אַ פראַגע־צייכן".

אין אַ שפּעטערדיקן באַריכט פון אַ צווייטער קאָנגרעס־קאָמיסיע אין 1850, זאָגט זיך:

„דורך די באַווייזן, וואָס דער קאָמיטעט האָט פאַר זיך, ווערט ער באַוואוינגן צו באַטראַכטן חיים סאלאָמאָנ׳ען אַלס איינעם פון די געטרייסטע און סאַמע טיכטיקסטע פריינט פונעם לאַנד אין אַ זייער קריטישן פּעריאָד פון זיין געשיכטע".

ווען חיים סאלאָמאָן וואָלט געלעבט און וואָלט געזען די אויסגעטראַכטע זאַכן וועגן אים און די איבערטרייבונגען, וואָס זיין זון חיים האָט באַוויזן איינצופלאַנצן אין פיל ערלעכע מענטשן, וואָלט ער צוריקגעוויזן זיי מיט דער זעלבער עקשנות, וואָס ער האָט צוריקגעוויזן די ענגלישע גענעראַלן די פּראָבעס צו מאַכן פון אים אַ פאַררעטער צו זיין לאַנד.

ווען ער וואָלט געלעבט וואָלט ער אָפּגעלייקנט:

1. אַז ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן האָט מען אים פאַר'משפּט צום טויט.
2. אַז מ'האָט אים געפּייניקט מיט שווערע יסורים צו פאַרראַטן זיין נייַ־אַדאָפּטירט לאַנד.
3. אַז ער אַליין האָט אויסגעליען דער רעגירונג גרויסע סומעס פון זיין אייגן געלט און אַזוי אַרום פינאַנסירט די רעוואָלוציע.
4. אַז ער האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די פּוילישע גענעראַלן קאָסציושקאָ און פּולאַסקי.
5. אַז ער האָט זיך באַטייליקט אינעם פּוילישן אויפשטאַנד אין 1770.
6. אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פון די „ליבערטי באָיס" אין ניו יאָרק.

אָט־די אַלע באַהויפּטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן הויפּטזעכלעך פון זיין דערמאָנטן זון, און יידישע היסטאָריקער האָבן אים געגלויבט אויפן וואָרט און אַריינגעשריבן עס אין די געשיכטעס. און נישט נאָר יידישע היס־טאָריקער. נישט־יידישע האָבן זיך געפּלייסט אַריבערצושטייגן אָפטמאָל די יידישע. די אַלע איבערטרייבונגען קען מען געפינען אויך ביי מעקאַל'ן, ביי פּעטער מעדיסאָן און נאָך מער ביים געוועזענעם סאָציאַליסטישן שרייבער טשאַרלס עדוואַרד ראָסל און ביי אַנדערע.

די טעות'ן און איבערטרייבונגען זיינען אַריינגעדרונגען אויך אין דעם „דיקשיאָנערי אָוו דהי אַמעריקען ביאָגראַפער" און אין דער „אוניווערסאַלער יידישער ענציקלאָפּעדיע" (אין ענגליש). זיי זיינען אויפגעדעקט געוואָרן פון די יידישע געשיכטע־שרייבער מאַקס קאָהלער, און פריער פאַר אים פון דעם היסטאָרישן פאַרשער סעמועל אָפּענהיים און זיינע חברים.

לעצטנס האָט אויך אונדזער אייגענער מאָרים שאַפּעס אונטערזוכט אַלע וויכטיקע דאָקומענטן אין פאַרבינדונג מיט חיים סאַלאָמאָן און אויסגעפונען, אַז אָפּענהיים און קאָהלער זיינען פולשטענדיק געווען גערעכט אין זייערע אָנווייזונגען אויף די ליגנס און איבערטרייבונגען, און ווייזט אָן וועגן דעם אין זיין דאָקומענטאַרער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע.

אגב, אין דעם דערמאָנטן מעמאָראַנדום, וואָס חיים סאַלאָמאָן האָט אַריינגעשיקט צום קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס, איז דאָרט קיין וואָרט נישטאָ, וואָס זאָל באַרעכטיקן די אַלע פאַנטאַסטישע גוזמאות.

פראַנסיס סאַלוואַדאָר

א גרינער אַנטרינער
פון חובות און זאָרגן
ווערט שנעל אַ באַזאָרגער
פון אַ העלערן מאָרגן.
פון הויכער מאָראַל און מדות
אַ העלד, וואָס טרעט נישט אָפּ —
אַ מאָדערנער פידיפידעס —
באַצאָלט ער מיט זיין קאָפּ!

אין דער אַלטער יידישער יציאת מצרים לעגענדע איז די סאַמע דראַמאַטישע פיגור דער נאַציאָנאַלער פירער משה. אים ווערט צוגעשריבן די גרעסטע וואונדער, אָבער אויך די טיפסטע וואונד — נשמה־פּיין.

ער, דער יידישער לעגענדאַרער דערלייזער פון שקלאַפעריי און שפלות, וואָס פירט די שקלאַפן צו ווערן פרייע מענטשן אין אַן אייגן לאַנד; ער, וואָס שטייט זיך אוים פון זיי אַלערליי בלבולים און בונטן, פירנדיק זיי פערציק יאָר אויפן וועג צו דעם דאָזיקן לאַנד — דערגייט נישט. ער קומט צום גרעניץ־טייך, דעם ירדן, און ווייטער ניט קיין טראָט. ער זעט דאָס לאַנד מיט זיינע אייגענע אויגן בלויז פון יענער זייט טייך, ער ווערט אָבער פאַר'משפט אַליין נישט אריינצוקומען אהין. ער שטאַרבט ביים ברעג.

אין דער געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע, אין פאַרבינדונג מיט דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה, האָבן מיר אויך געהאַט אַ דראַמאַטישע פיגור, מיט אַן ענלעכן טראַגישן שיקזאַל, פראַנסיס סאַלוואַדאָר. שוין אין סאַמע אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, ווען פאַר פיל אויפגעשטאַנענע איז עס בלויז געווען אַ פראַגע וועגן ארויספרעסן פון דער ענגלישער קרוין הנחות און פון באַגרעניצן די מאַכט פונעם קעניג און זיינע גובערנאַטאָרן, איז ער, ווי די וויכטיקסטע פירער, שוין געווען פאַרן ראַדיקאַלן פרייהייט־מיטל אינגאַנצן צו ווערן זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק פון וועלכן עס איז קעניג און פון וועלכן עס איז אַנדער לאַנד.

פאַר דעם האָט ער געקעמפט, צוזאַמען מיט די גרויסע, פירנדיקע גייסטער פון דער רעוואָלוציע אין מאַסאַטשוזעטס און אין ווירדזשיניע, אין דער צייט ,ווען פיל פון די קאָלאָניסטן האָבן זיך נאָך אָפּגעטרייסלט פון אַזאַ געוואַגטן פאַרמעסט, אָבער ער אַליין איז געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד, ווען צו זיינע אויערן זיינען נאָך נישט דערגאַנגען די זיסע טענער, וואָס האָבן זיך צעטראָגן פונעם גרויסן גלאָק אין פילאַדעלפיע — די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט".

דער דאָזיקער קעמפער פראַנסיס סאַלוואַדאָר, אַ „גרינער" יידישער אימיגראַנט פון ענגלאַנד, איז לכתחילה גאָר געקומען קיין אַמעריקע „צו מאַכן געלט" און אויפריכטן די מערכה פון זיינע עלטערן. זיי זיינען פריער געווען זייער פאַרמעגלעכע און פון דער יידיש־שפּאַנישער אריסטאָקראַטיע

און זיינען אין א קריזיס פולשטענדיק רואינירט געבליבן.

אָבער דער יונגער, פעאיקער און אימפּעטיקער פראנסיס, מיט אומדער־שעפּלעכער אונטערנעמערישער קראַפט, האָט אין סאָוט קאראָלײנא געפּו־נען א גינסטיקן באָדן, נישט בלויז „צו מאכן א פארמעגן" און אומקערן זיך צוריק קיין ענגלאַנד, נאָר טאַקע דאָ צו פארבלייבן און זיך פארבירגערן.

דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט געמוזט האָבן אין זיך מער ווי די מעלה פון פעאיקייט און אונטערנעמערישקייט. ער האָט געמוזט האָבן פיל געניאַלע איינגנשאַפטן און א באַצויבערנדיקע פערזענלעכקייט. ווייל, דאָס וואָס ער האָט דאָ דערוויזן צו דערגרייכן אין איין יאָר, האָבן עס אנדערע פעאיקע און געבילדעטע יידן נישט דערגרייכט אין צענדליקער יאָרן, אריינגערעכנט אפילו אַמעריקאַנער געבאָרענע.

נישט בלויז איז פראנסיס סאַלוואַדאָר גלייך אינעם ערשטן יאָר צוגע־לאָזן געוואָרן דאָ צו בירגערשאַפט, נאָר ער איז אין די וואַלן אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער אַסעמבלי. ער איז דאָרט גלייך געוואָרן איי־נער פון די פירנדיקע מיטגלידער. אין אָנהויב 1775, ווען די רעוואָלוציאָ־נערע שטימונג האָט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון עפנטלעכע רעוואָלו־ציאָנערע אַרויסטריטן, זעען מיר אים שוין אין דער קאָמפּאַניע פון די רע־וואָלוציאָנערע פירער אין דער קאָלאָניע פון סאָוט קאראָלײנא, אַזעלכע ווי ראַטלעדזש, פינקני און דרעיטאָן.

דעם 11טן יאַנואַר פון יענעם יאָר איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דער פּראָווינציעלער קאָנגרעס. זיינע דעלעגאַטן זיינען דערוויילט געוואָרן פון אַלע בירגער אין דער קאָלאָניע. צווישן די דאָזיקע פאַרטרעטער, אין טשאַרלסטאָן, איז אויך געווען דער יונגער יידישער אימיגראַנט פראנסיס סאַלוואַדאָר. ער איז געווען א דעלעגאַט פונעם 96טן דיסטריקט. צווישן די איבעריקע דע־לעגאַטן זיינען געווען אַזעלכע פערזענלעכקייטן אין דער אַמעריקאַנער גע־שיכטע, ווי לע ראָי האַמאַנד, פּאַטריק קאַלהון, ערדוואַרד ראַטלעדזש. פראַנ־סיס סאַלוואַדאָר האָט זיך אויך אָנגעזען אין דער דאָזיקער קאָמפּאַניע פון אָנגעזעענע לייט.

מען דאַרף געדענקען, אַז די קאָלאָניע בכלל איז נישט געווען קיין רע־וואָלוציאָנערע. אין סאָוט קאראָלײנא זיינען געווען מער טאָריס, פארביסענע מאָנאַרכיסטן און אנדערע רעאַקציאָנערן, וואָס צוליב זיי האָט מען געזאָגט, אַז סאָוט־קאראָלײנא איז נישט געווען קיין פירנדיקע אין דער רעוואָלוציע, נאָר האָט זי בלויז טיילוויז נאָכגעפאָלגט (זע דזשאָן דרעיטאָנס „מעמוארס אָוו דהי אַמעריקען רעוואָלושאָן", טשאַרלסטאָן, 1821, באַנד 2, זייט 89). פונדעסטוועגן האָט דער דאָזיקער קאָנגרעס גערעדט רעוואָלוציאָנערע דיבורים.

דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם „ביל אָוו ראַיטס", וואָס א גרויסער טייל פון אים איז שפּעטער געוואָרן א טייל פון דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין אים זיינען אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן די „רעכט

אויף לעבן, פרייהייט און אייגנטום". גלייכצייטיק האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט געלויבט די רעוואָלוציאָנערן אין מאַסאַטשוזעטס און זייערע אַרויסטרעטונגען. דער קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן דורכצופירן די באַשלוסן, האָט איינגעשלאָסן פראַנסיס סאַלוואַדאָר'ן, צוזאַמען מיט אַזעלכע ווי קאַלהון, האַמאָנד, מור און קווירקלענד.

סאַלוואַדאָר איז אויך געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן געענטפערט אויפן „רוף צו וואָפן" און פאַרנומען זיין פּלאַץ אין די ערשטע רייען פון קאַמף.

ווען עס איז דעמזעלבן יאָר, אין נאָוועמבער, צוזאַמענגערופן געוואָרן דער צווייטער קאָנגרעס אין טשאַרלסטאָן, איז סאַלוואַדאָר ווידער איינער פון די דעלעגאַטן. ער ווערט דאָרט אויך דערוויילט אין אַ וויכטיקן קאָמיטעט אויסצופאָרשן אַ געוויסע „קאָנינגהאַם אַפערע".

ביז דעמאָלט איז אין ערגעץ נישט געווען אַזאַ פאַל, אַז אַ ייד זאָל אויסגעקליבן ווערן כסדר אויף אַזעלכע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס און דערצו נאָך אַ „גרינער", וואָס איז ערשט אָנגעקומען אין 1773. אָבער נאָך איבערראַשנדיקער איז דער פאַקט, וואָס מען האָט סאַלוואַדאָר'ן אויסגעקליבן אינעם ענגן קאָמיטעט פון דריי אַרויסצוגעבן פּאַפּיר־געלט אין באַטרעף פון 120 טויזנט פונט צו באַצאָלן דער אַרמיי. דער אָפיציעלער באַשלוס פונעם קאָנגרעס איז געווען „אַזוי שנעל ווי מעגלעך צו שטאַמפּן, און די דריי פונעם קאָמיטעט זאָלן חתמ'ענען און נומערירן... און צושטעלן צו די קאָלאָניאַלע קאַסירער דאָס פּאַפּיר־געלט"... (זע „אַמעריקאַנער אַרכיוון, 4טע סעריעס, באַנד 4, זייט 55).

אין אָנהויב יולי, 1776, איז געלונגען דער ענגלישער מאַכט אויפצורעצן קעגן די קאָלאָניסטן די דאָרטיקע אינדיאַנער שבטים. זיי האָבן זיך אַרויפגעשליידערט אויף די ישובים פון דער קאָלאָניע און די סכנה צו ווערן אָפּגעווישט איז געווען זייער גרויס. אַזוי שנעל ווי סאַלוואַדאָר האָט געקראָגן די ערשטע ידיעה וועגן די איבערפאַלן, האָט ער מיט דער שנעלקייט פון פּאָול רעוויר, אָדער פונעם היסטאָרישן מאַראַטאָן־לויפער פידיפּידעס, גאַלאָפּירט אויף זיין פערד 28 מייל צום לאַגער פון מאַיאָר וויליאַמסאָן און אַלאַרמירט די פּאַרטייזאַנער.

טאַקע ביי דעם זעלבן מאַיאָר, אין זיין באַריכט וועגן דער שלאַכט ביי באַרטערס קריק, פונעם 22טן יולי, ווערט סאַלוואַדאָר דערמאָנט — „מר. סאַלוואַדאָר איז מיט מיר די גאַנצע צייט זינט איך בין אויפן שלאַכטפעלד; ער גרייט זיך צו מאַכן אַ קאַמפּאַניע פאַר דער נאַציע...". געמיינט האָט ער מסתמא מיט דעם, אַז דער דאָזיקער יונגער פּאַטריאָט קלייבט זיך צו רעוואָלוציאָנערער אַקציע אויף אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם.

אָבער נישט נאָר דאָס איז אים שוין נישט באַשערט געווען. ער האָט קענטיק אפילו נישט דערוויזן דערלעבן צו הערן די בשורה, אַז דער קאָנ־

גרעם אין פילאדעלפיע האט שוין פראקלאמירט די רעוואלוציאנערע דע־קלאראציע פון אומאפהענגיקייט (דהי דעקלערעישאן אוו אינדעפענדענס).

דער שוין־דערמאנטער וויליאם הענרי דרעיטאן, אין זיין בריוו צו סאל־וואדאר׳ן פונעם 24טן יולי, 1776, באקלאגט זיך נאך דעמאלט: „פון פי־לאדעלפיע איז נאך אלץ נישטא קיין נייעס. יעדער אויער איז אנגעשפיצט אהין און ווארט אויפן ווארט „אינדעפענדענס״. איך בעט: גאט, זע, אז זיי זאלן עס דארט וואס שנעלער אננעמען״. דו ענטפערסט — „אמן!״

צי סאלוואדאר׳ן איז נאך געווען באשערט צו הערן אט־דאס דאזיקע פייערדיקע ווארט אין די אויערן פון א רעוואלוציאנער, צי נישט — איז אבער זיכער איין זאך: ווען די אויפגעהעצטע און פארפירטע ריסאקי־אינ־דיאנער האבן שוין ביי דעם יונגן רעוואלוציאנער געהאקט דעם שארבן פון קאפ, האט נאך ביי סאלוואדאר׳ן אין ערגעץ אינעם לאבירינט פון זיין גע־הירן אפגעקלונגען דאס דאזיקע צויבער־ווארט.

דער דאזיקער ביטערער טויט האט אים באגעגנט אויף זיין לעצטער עקספעדיציע קעגן די אנפאלנדיקע, אויפגערייצטע אינדיאנער. אויפן וועג צו זיין לעצטער שלאכט האט ער נאך געהערט די נייעס, אז די יונגע אמערי־קאנער ים־כוחות האבן אפגעהאלטן א זיג איבערן פיל־מעכטיקערן ענגלישן פלאט. די טארים און אינדיאנער האבן געעפנט, לעבן עסענעקע, א העלישן פייער דעם 1טן אויגוסט פארטאג. א קויל האט סאלוואדאר׳ן אויסגעפונען און ער איז אריינגעפאלן אין א געדיכטן געוויילד. ער איז שפעטער געפונען געווארן אין א שרעקלעכן צושטאנד. די אינדיאנער האבן אים אפגעהאקט דעם שארבן. ווען זיי וואלטן געוואוסט וואס פאר א פיינעם מוח זיי האבן צוזאמען מיט זיין קאפ פארניכטעט!

אבער פראנסיס סאלוואדאר איז נישט געווען דער איינציקער יידישער קעמפער אין די רעוואלוציאנערע רייען פון סאוט קאראלאינא און אפילו נישט דער איינציקער קרבן. גראד איז דער ערשטער קרבן אין טשארלסטאן געווען דאס קינד פונעם יידן מאיר מאזעס. דאס קינד איז קענטיק אומגע־קומען, ווען די באמבעס פון דער ענגלישער ארטילעריע האבן געטראפן מאזעס׳עס הויז און זי איינגאנצן פארברענט.

עס איז אפילו א סברא, אז כמעט אלע יידן אין סאוט קאראלאינא האבן זיך, אויף דעם אדער יענעם אופן, באטייליקט אין דער רעוואלוציא־נערער מלחמה. ווי אייניקע שרייבער פון יענער צייט פארזיכערן, זיינען די פירנדיקע יידן אין דער קאלאניע געווען באוואוסטזיניק וועגן די רעכט, וואס די רעוואלוציע וועט זיי אויך קענען געבן אלס יידן. און דאס אין דער צייט, ווען גראד די קאלאניע האט געהאט אזויפיל טארים צווישן די נישט־יידן.

מרדכי שעפטאל און זיין זון

געסטראשעט מיט א תליה,
געדראָעט פון א קויל,
שעפטל, דער געפאַנגענער,
האָט פעסט פאַרמאַכט זיין מויל.
שעפטל קאָמיסאַר, שעפטל פאַטריאָט,
האָט דעם שונא פון זיין סוד
קיין וואָרט נישט אויסגעזאָגט.

כמעט פון דעם זעלבן טייג ווי פראַנקס, סאָלאָמאָן און סאַלוואַדאָר, פאַטריאָטן פון דער רעוואָלוציע און פון דעמאָקראַטישע אידייען, איז געוועזן געקנאָטן דער ענערגישער ייד מרדכי שעפטאַל פון דזשאָרדזשיא. א געבאָרענער אין דזשאָרדזשיא און דערצויגן אין דער סביבה פון אונטערנעמערישע, אויסגעהאַלטענע פיאָנערן, איז מרדכי שעפטאַל מיט זיינע פעאיקייטן און ווילנס־קראַפט אָנפאַרטרויט געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה מיט דער וויכטיקער אויפגאַבע צוצושטעלן דעם נויטיקן פראָוויאַנט און אַמוניציע די רעוואָלוציאָנערע אַרמייען פון דזשאָרדזשיא און שפּעטער אויך פונעם גאַנצן דרום־דיסטריקט.

גלייך ווי די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן, אין 1775, האָט זיך מרדכי שעפטאַל אָנגעשלאָסן אָן דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אין דזשאָרדזשיא. דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט נישט אויסגעמיטן צו דערזען דעם דאָזיקן סאָלדאַט אין אַן אַנדער ליכט, ווי ער האָט געזען די אַנדערע זעלנער פון זיין אַרמיי. זיין בראַווקייט, אַנטשלאָסנקייט און איניציאַטיווע האָט אים זייער שנעל געפירט צו דעם אַמט פון „דעפּיוטי" (שטעל־פאַרטרעטער) פונעם גענעראַל־קאָמיסאַריאַט.

מרדכי שעפטאַל איז געבאָרן געוואָרן אינעם יאָר 1735, אין דער שטאָט סאַוואַנאַ, צוויי יאָר נאָכדעם ווי די ערשטע יידישע פּיאָנערן האָבן זיך דאָרט באַזעצט. ער האָט זיך שוין אין זיינע יונגע יאָרן דערוואָרבן סוחר׳ישע פעאיקייטן, און גיך באַקאַנט געוואָרן ווי א ראַיעלער סוחר מיט אויסגעצייכנטע פאַרבינדונגען. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך זייער פרי שוין אָפּגעשאַצט די ראָלע, וואָס די ענגלישע הערשער שפּילן אין דער פאַריאָכונג פון די איינגעבאָרענע קאָלאָניסטן, אין דער שטערונג פון זייער האַנדל און אין די שווערע שטייערן. נאָך איידער די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, איז ער שוין געווען טעטיק אויפן פּראָפּאַגאַנדע־געביט.

אין פּראָצעס פון זיינע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן איז שעפטאַל אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצער פונעם געמיינדע־קאָמיטעט צו באַקעמפן די ענגלישע הערשאַפט. דאָס איז לאַנג נישט געבליבן קיין סוד פאַר די ענגלישע שפּיאָנען. די בריטישע הערשאַפט האָט שוין געהאַלטן אויף אים אַן אויג, פיגורירנדיק אויף דעם צעטל פון די רעבעלן.

ווי שוין געזאָגט פריער, האָט שעפטאַל גלייך ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע זיך אָנגעשלאָסן אָן דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אין דזשאָר־דזשיאַ, און אַלס באַשטימטער שטעלפאַרטרעטער פונעם גענעראַלן קאָמי־סאַריאַט, האָט ער אויך אין דער דערפילונג פון זיין אַמט אַריינגעצויגן זיין יונגן זון שעפטאַל שעפטאַל. ווען סאַוואַנאַ איז, סוף 1778, דורך אַ שנעלער מאַניעווערע גענומען געוואָרן פון די ענגלישע און העסישע טרופן, האָבן ביי־דע, פאָטער און זון, צוזאַמען מיט הונדערט און זעקס און אַכציק אָפיצערן און סאָלדאַטן, געפּראָוווט צו ראַטעווען זיך פון געפאַנגענשאַפט דורך אַרי־בערכאַפּן זיך איבערן טייכל „מוסגראַוו קריק", אָבער צום אומגליק איז דאָס וואַסער געווען צו־הויך און דער יונגער שעפטאַל האָט נישט געקענט שווי־מען. אַלס צוגאָב האָבן נאָך די בריטישע טרופן זיי גענומען פאַרלויפן דעם וועג און אַריינגעכאַפּט זיי אין אַ פּאַסטקע. עס איז פאַר זיי נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי צו אונטערגעבן זיך.

מרדכי שעפטאַל האָט געלאָזן אַן אויטאָביאָגראַפישע באַריכט וועגן זיין געפאַנגענשאַפט (זע מאַרים שאַפּעס'עס דאָקומענטאַרע געשיכטע, ז.ז. 55־58 און זיינע באַמערקונגען אויף ז.ז. 580־581) און מיר דערוויסן זיך די פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע איינצלהייטן פון זיין ווירדיקער רעוואָלוציאָנע־רער האַלטונג אויף די פאַרהערן פון די ענגלישע מיליטערישע באַאַמטע.

מיטן אויסנאַם פונעם מאַיאָר לאָו און די צוויי שעפטאַלס, זיינען אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע געפאַנגענע גלייך באַרויבט געוואָרן פון אַלץ, וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט. אָבער דערפאַר האָט מען שעפטאַל'ן דערנאָך אויס־געטיילט צו אַ ספּעציעלער אינקוויזיציע. ערשטנס, האָט דער ענגלישער קאָ־לאָנעל קעמפּבעל פאַראָרדנט, ווען מ'האָט אים גענומען אין וואַכהויז, אויפ־צופּאַסן אויף אים באַזונדערס שטרענג, ווייל ער איז „אַ גרויסער רעבעל". מ'האָט אים פאַראָרדערט צו היטן מיטן אַן „ארויסגעצויגענעם באַיאָנעט". צווייטנס, האָט מען אים איבערגעגעבן אין די הענט פונעם ענגלישן גענע־ראַל־קאָמיסאַר, אַז ער זאָל פון אים, שעפטאַל'ן, אַרויספּרעסן די ידיעות, וואו די רעוואָלוציאָנערע זאַפּאַסן געפינען זיך, אונטערן אויסרייד, אַז ער דאַרף שפּייזן די געפאַנגענע. ער האָט אויף אים אויסגעאיבט אַ דרוק איבער־צוגעבן וואו עס געפינען זיך די רעוואָלוציאָנערע סקלאַדן אין אַנדערע ער־טער אויסערן שטאָט.

דער יידישער געפאַנגענער האָט זיך אַנטשלאָסן אָפּגעזאָגט צו געבן אים וועלכע עס איז אינפאָרמאַציע און זיין אינקוויזיטאָר איז דערפון אַריין אין גרויס גרימצאָרן. מ'האָט שוין ביי אים אָפּגענומען אַלע זאַכן.

ער האָט אים גענומען אויספּרובירן אויף אַן אַנדער וועג — צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי האָט איין מפּלה נאָך דער צווייטער, אַז טשאַרלסטאָן איז שוין גענומען געוואָרן מיט צען טעג צוריק. אָבער שעפטאַל האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָס וויל מען ברעכן זיין מאָראַל

— און גלייך ארויסגעכאפט פון קעשענע א בריוו, וואס ער האט אין דער פרי באקומען טאקע פון טשארלסטאן. ווען ער האט אים געפרואווט איינ־שמועסן, אז די רעוואלוציאנערע פירער פארפירן די קאלאניסטן מיט פאל־שע ידיעות, האט אים גלייך שעפטאל באצאלט מיט דער זעלבער מטבע — „אייערע פירער טוען עס מיט אייך!"

פאר די דאזיקע עקשנות'דיקע שטעלונגען איז מרדכי שעפטאל שווער באשטראפט געווארן: מ'האט אים אריינגעווארפן אין א צעל „צוזאמען מיט שיכור'ע סאלדאטן און נעגער", באקלאגט ער זיך אין זיין אויטאביאגרא־פיע. מ'האט אים געסטראשעט, איזדיעקעוועט זיך איבער אים און נישט איינמאל פארמאסטן זיך אים צו דערשטעכן, ווען נישט א געוויסער סאר־דזשענט קעמפבעל, וואס האט אים געראטעוועט.

צוויי טעג האט מען אים געהאלטן אין אזא צושטאנד, אן עסן. שפע־טער האט מען אים ארויפגענומען אויף א קריגס־שיף און קיין האניק האט ער דארט אויך נישט געלעקט. אינטערעסאנט איז, וואס אין זיינע באשריי־בונגען, ווי אויך אין פיל באריכטן פון אנדערע קוואלן, האבן די העסישע אפיצערן בעסער דעמאלט באהאנדלט די געפאנגענע יידן־רעוואלוציאנערן, ווי דאס האבן געטאן די „ציוויליזאטארן", די בריטישע פאריאכער.

ערשט אין סעפטעמבער, 1780, זיינען זיי באפרייט געווארן פון גע־פאנגענשאפט. מרדכי שעפטאל איז געשטארבן אין עלטער פון 62 יאר און דערלעבט נאך צו זען ווי די יונגע רעפובליק, פאר וועלכער ער האט גע־קעמפט, האט זיך ביסלעכווייז איינגעפעסטיקט. זיין זון שעפטל, וואס איז געווען זיין געהילף, אין עלטער פון 16 יאר, ווען זיי זיינען געפאנגען גע־ווארן, האט דערלעבט צו אן עלטער פון 85 יאר. ער איז געשטארבן אין 1847, ווען די פאראייניקטע שטאטן האט שוין געהאט איר עלפטן פרעזי־דענט דזשעימס ק. פאוק (פאלק).

בנימין נאָנעס־סיימאָן

איך בין אַ ייד,
ענטפערט ער דעם שונא
פאַר זיין עזות:
און אַזוי איז געווען
אברהם, יצחק און משה
און אייער האַר יעזוס.

ווען די רעוואָלוציאָנערע מלחמה פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן איז אויסגעבראָכן, אין 1775, איז אין פראַנקרייך שוין אַ לענגערע צייט פריער אָנגעגאַנגען אַ געהיימע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. זי האָט ארומגענומען די פאָדערשטע טיילן פון דער בורזשואַזיע, פון דער שטאָטישער יוגנט און אינטעליגענץ, און פון די רעוואָלוציאָנערע אימיגראַנטישע עלעמענטן פון איטאַליע, פוילן, אירלאַנד און דייטשלאַנד. עס זיינען דאָ איינציקע סימנים, אַז צווישן דער דאָרטיקער קליינער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַ פאַרהעלטניסמעסיק־היפשער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט. עס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן זאָלן סימפּאַטיזירן מיט די אַמעריקאַנער אויפגעשטאַנענע קאָלאָניסטן קעגן די ענגלישע הערשער.

אָבער שוין דעמאָלט איז די קאָנקורענץ צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך געווען אַזוי גרויס, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דער פראַנצויזישער מאָנאַרכיסטישער רעגירונג, האָט זי זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערע קאָלאָניסטן.

אָט־די דאָזיקע פאַרשאַרפטע קאָנקורענץ צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך און די סימפּאַטיע פון די פאַריאָכטע פעלקער אין אירלאַנד, פוילן, דייטשלאַנד, איטאַליע און עסטרייך, מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער, דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנער באַוועגונג פון סוף 18טן יאָרהונדערט, האָט געהאָלפן די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן אין זייער שווערן קאַמף קעגן די ענגלישע און העסישע אַרמייען.

אָט צווישן די פריוויליקע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געקומען העלפן די יונגע, נאָך וואַקלענדיקע אַמעריקאַנער רעפּובליק, איז אויך געווען דער יונגער באַגייסטערטער ייד בנימין נאָנעס. אין עלטער פון בלויז 20 יאָר האָט ער געשטעלט זיין יונג לעבן אין קאָן פון דער רעוואָלוציע און באַטייליקט זיך אין פיל שלאַכטן.

בנימין נאָנעס איז געבאָרן געוואָרן אין באָרדאָ, פראַנקרייך, אין יאָר 1757. ער איז אָנגעקומען אין אַמעריקע אין רעכטן ברען פון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה, אין יאָר 1777. אַז ער איז נישט געווען קיין „אויסגעשפּיגענער" ייד און אַז די יידן אין באָרדאָ האָבן גענומען אַ טיפן און אַקטיוון אָנטייל אין דער הילף פאַר דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, קען מען זען פון דעם, וואָס טאַקע די יידן פון באָרדאָ האָבן צווישן זיך צוזאַמענגענומען אַ פאָנד צו קויפן אַ קריגס־שיף פאַרן אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערן

פּלאַט (זע — מאָרים שאַפּעסע׳ס „די דאָקומענטאַרע געשיכטע פון יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן" — ענגליש — אין דער צווייטער באַמערקונג צום דאָקומענט נומער 54, זייט 591).

נאָנעס איז אַריינגעטראָטן, גלייך נאָך זיין קומען, אין קאַזימיר פּו־לאַסקיס לעגיאָן, אַלס פּשוט׳ער סאָלדאַט, אונטער דעם פראַנצויזישן אַרמיי־קאַפּיטאַן ווערדיעי. אים איז אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין געפער־לעכע שלאַכטן, וואָס זיינען אין יענער צייט געווען אומגליקלעכע מפּלות פאַר די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן. פאַר זיין מוט און העלדישקייטן האָט ער געקראָגן אַ לויב־בריוו פון פּולאַסקי׳ן.

וועגן נאָנעס׳ן זיינען פאַראַן אין אייניקע געשיכטס־ביכער פיל מעשות, וואָס שרייבן אים צו אויסערגעוויינלעכע העלדישקייטן אין ראַנגען.

נאָנעס גופא האָט עס אין ערגעץ נישט דערמאָנט. פיל פון די לעגענ־דעס האָבן מענטשן, אין צענדליקער יאָרן אַרום, דערציילט זיין זון, און ער האָט אין זיי געגלויבט. גראָד האָט נאָנעס געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערמאָנען די גרויסע ראַנגען, ווען ער האָט צום אָנהויב פונעם 19טן יאָר־הונדערט אָפּגעענטפערט אַן אַנטיסעמיטישן רעאַקציאָנער אויף זיינע בילע־רייען, ווען נאָנעס איז געלאָפן אין די וואַלן פונעם יאָר 1800 פאַר אַ פּאָלי־טישן אַמט. ער האָט דעמאָלט נישט אָנגעוויזן אויף אַזאַ יחוס ווי אַן אַרמיי־קאַפּיטאַן אויפן שטאַב פון גענעראַל פּולאַסקי, צי פון גענעראַל לאַפאַיעט, אָדער פון וואַשינגטאָן, צי גאָר ווי אַ מאַיאָר.

אָנשטאָט דעם האָט ער אָנגעגעבן, אַז עס איז אמת די באַשולדיקונג פון די רעאַקציאָנערן, אַז ער איז אַ ייד, אַן אָרעמאַן און אַ רעפּובליקאַנער, וואָס האָט אין יענער צייט געקלונגען אַזוי „שרעקלעך" ווי איצט, אין דער מעקאַרטי־צייט, אַ קאָמוניסט.

די דערמאָנטע באַשולדיקונג איז געמאַכט געוואָרן קעגן נאָנעס׳ן דעם 5טן אויגוסט, 1800, אין דעם אָרגאַן פון די פעדעראַליסטן — „דהי גאַזעט אָוו די יונאַיטעד סטעיטס ענד דעילי אַדווערטאַיזער". זי איז געמאַכט גע־וואָרן אין פאָרם פון אַן אַנאָנימען בריוו, פול מיט גרינגשעצונג און באַליי־דיקונגען פאַר יידן, נעגער, אַרבעטער, מענטשן, וואָס האַלטן זיך אָן דעמאָ־קראַטישע אידייען, און בכלל אָרעמע לייט, אפילו נאָכגעמאַכט אַ צעקאַ־ליעטשטן ענגליש, ווי יידן וואָלטן כלומר׳שט אַזוי רעדן.

איבעריק צו זאָגן, אַז די צייטונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן נאָ־נעס׳עס ענטפער אויף דעם פּאַסקוויל און זיין ענטפער איז דערשינען אינעם רעפּובליקאַנישן אָרגאַן „דהי פילאַדעלפיאַ אָוראָראַ". דאָס איז געווען אַ טרעפלעכער און בכבוד׳יגער ענטפער. אָט זיינען קורצע אויסצוגן:

„...יאָ, איך בין אַ ייד, אמת. און אַזוי זיינען געווען אברהם, יצחק און משה און די נביאים, און אַזוי איז אויך געווען קריסטוס און זיינע אַפּאָס־טאָלן. איך פיל נישט קיין שום אומ׳כבוד אינעם ראַנג פון געפינען זיך אין

אַזאַ געזעלשאַפט..."

„...איך בין אַ רעפּובליקאַנער, גאָט צו דאַנקען. איך בין נישט געווען אַזוי טעמפּ און אַזוי אומוויסנדיק וועגן דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט און וואָס עס פּאַסירט איצט אין דער פּאָליטישער וועלט. איך בין נישט געווען אַזוי... פּאָראורטיילנדיק, אַז איך זאָל זיך אָפּטרייסלען פון דעם אידעאַל, פאַר וועלכן איך האָב געקעמפט אַלס אַן אַמעריקאַנער אין דער גאַנצער צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה..."

פּריוואַט אַריינשטעלן אָנשטאָט „רעפּובליקאַנער" — פּראָגרעסיווער, אָדער סאָציאַליסט, צי קאָמוניסט און אָנשטאָט דעם רעפּאָרטער פון מר. ווען (באַס פון דער דערמאָנטער רעאַקציאָנערער צייטונג) — דעם גרויסן „העלד פון וויסקאָנסין" — מעקאַרטי — און איר האָט אַ ווירדיקן ענטפער צו די אַלע בראַונעלס, מעקאַרטיס, נאָולענדס און ניקסאָנס, און ווי זיי זאָלן זיך נישט רופן.

פונעם ענטפער דערוויסן מיר זיך אויך, אַז בנימין נאָנעס איז געצוואונגען געווען צו באַנקראָטירן, ווייל פראַנקרייך האָט אין אירע רעוואָלוציע־יאָרן נישט געקענט צאָלן אירע חובות. קענטיק, אַז נאָנעס האָט מיט איר געטאָן גרויסע געשעפטן, ווען אַנדערע געשעפטסלייט האָבן נישט געוואָלט נעמען די ריזיקע, אָדער האָבן בכלל מורא געהאַט צו האָבן צו טאָן מיט די „קעניג־מערדער", ווי די רעאַקציאָנערן האָבן אָנגערופן די פראַנצויזישע יאַקאָבינער, אָבער נאָנעס האָט שפּעטער אָפּגעצאָלט יעדן חוב.

דער דאָזיקער בראַווער אַמעריקאַנער ייד האָט געלעבט ביז זיבעציק יאָר. ער האָט נאָך זיך געלאָזן אַ גרויסע פאַמיליע, אָבער נאָך אַ גרעסערן רעקאָרד פון טאַטן. דער אויבנדערמאָנטער בריוו איז געווען פאַרעפנטלעכט מיט איבער 60 יאָר צוריק פון טאַירוס אַדלער אין די „פּאָבליקיישאָנס", אין יאָר 1893, און איז נישט לאַנג צוריק ווידער דערשינען מיט געוויסע אויסבעסערונגען אין מאָריס שאַפּעסיעס „דאָקומענטאַרע געשיכטע", מיט ווערטפולע באַמערקונגען.

דער קאַמף צווישן די רעפּובליקאַנישע דעמאָקראַטן און די רעאַקציאָנערע פעדעראַליסטן האָט, אין די יונגע יאָרן פון אונדזער רעפּובליק, אָנגענומען שאַרפע פאָרמען. אויב עמיצער צווייפלט אין דעם אמת, אַז רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם זיינען נישט אָפּצוטיילן און אַז דעריבער דאַרף שוין ממילא יעדער ייד קעמפן קעגן רעאַקציע ווי קעגן אַ שונא ביזן טויט, זאָל ער, אָבער־אַמאָל און ווידער־אַמאָל, דורכשטודירן די געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע, די געשיכטע פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער אין די פאָרמאַטיווע יאָרן פון דעם נאָך־רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד.

אָט נעמען מיר דעם יידישן סוחר פון יענער צייט סאַלאָמאָן סימסאָן (אָדער סימפּסאָן). ער איז געבאָרן געוואָרן אינעם יאָר 1738, קענטיק אין ניו יאָרק (אָדער אפשר אין קאָנעטיקוט). ווען די רעוואָלוציע האָט אויס־

געבראָכן און די ענגלישע אַרמיי האָט פאַרנומען ניו יאָרק, איז דעמאָלט סאלאָמאָן סימסאָן געווען דער פּרעזידענט פון דער קהילה „שארית ישראל", און וועלכער דער גייסטיקער פירער איז געווען דער חזן און רב גרשום מענדעס סעישעס. ווען די ניו־יאָרקער רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן האָבן באַשלאָסן נישט צו קאָאָפּערירן מיט די ענגלענדער, אין וועלכער עס איז מאָס מיט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָקופּאַנטן, זיינען דער פּרעזידענט פון דער קהילה און דער גייסטיקער פירער, חזן און רב, געווען פון די ערשטע צו ווייזן אַ בייר־שפּיל פון אומקאָאָפּעראַציע און האָבן פאַרלאָזן ניו יאָרק און אַוועק אין גלות אין קאָנעטיקוט.

ווען סימסאָן האָט זיך נאָכן זיג פון דער רעוואָלוציע אומגעקערט קיין ניו־יאָרק, איז ער דאָרט געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע כוחות, און מיר זעען, ווי ער איז כסדר ווידער־דערוויילט געוואָרן און וואָס־ווייטער צו העכערע אַמטן. מיר וואָלטן נישט צוגעשריבן קיין באַדייטונג צו זיין פּערזענלעכקייט, ווען מיר זאָלן נישט האָבן געוואוסט פון דער שאַרפער אַטאַקע, וואָס די רעאַקציאָנערן האָבן אויף אים געמאַכט דורך זייער וואָרט־פירער דזשעימס ריווינגטאָן, דער הויפּט־פאַרלעגער פונעם ענגליש־מאָנאַר־כיסטישן לאַגער, וואָס האָט ביטער באַקעמפט די רעוואָלוציאָנערע באַוועג־גונג. זינט 1777 איז ריווינגטאָן געווען דעם „קעניגס דרוקער". אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע האָט ער „קיין האָניק נישט געלעקט". די רעוואָלוציאָנערע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן זיך אָנגערופן „סאָנס אָוו לי־בערטי", זיינען דעם 27טן נאָוועמבער, 1775, איבערגעפאַלן זיין דרוקעריי, וואו ער האָט געדרוקט זיין „ריווינגטאָנס ניו יאָרק גאַזעטיער".

דער אַלטער ריווינגטאָן (געבאָרן אין 1724, געשט. אין 1802) האָט די אַטאַקע אויף סימסאָנ׳ען געמאַכט אין אַ פאָררעדע צו אַ טענדענציעזן ראָ־מאַן מיטן נאָמען „דער דעמאָקראַט".

אין דעם דאָזיקן פאָרוואָרט גיט ער די עקלהאַפטע אָנצוהערענישן, אַז די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטן זיינען פראַנצויזישע אַגענטן (היינט וואָלט עס הייסן „רוסישע אַגענטן"), וואָס האָבן יידישע פירער. איר קענט עס זען גלייך פונעם ערשטן פּאַראַגראַף פון דער חנ׳עוודיקער הקדמה:

„אינעם פאָלגנדיקן ווערק באַקענט זיך דער עולם מיטן לעבן און די אַוואַנטורעס פון אַ דעמאָקראַטישן מיסיאָנער, וואָס איז געשיקט געוואָרן פונעם מעטראָפּאָלישן צענטער פון פאַרראַט און מאָרד אין פּאַריז, צו פּראָ־פּאַגאַנדירן זייערע פּרינציפּן אין אַ שכנ׳יש לאַנד..."

און אַזוי כסדר ביז ער פאַררעדט זיך און דעקט אויך אויף זיין אַנטי־סעמיטישן פּרצוף —

„...איר וועט דערקענען די דאָזיקע אַרומרייזנדיקע באַנדע ביי זייער פיזיאָנאָמיע, און געשטאַלט פון זייער וויים־פּרעזידענט פונעם שיילאָק־שבט..." — אַ פייל אינעם ליבעראַלן יידן סאָלאָמאָן סימסאָן.

גרשום מענדעס סעישעס

גייסטיקער פירער און חזן,
לעבט מיט זיין צייט אין פיל פאַזן.
לאָזט זיך פון טאָרים נישט פירן
און אַוודאי ניט קאָאָפּערירן.

אין דעם צעטל יידישע פּערזענלעכ־קייטן אין דער געשיכטע פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן פאַרנעמט א וויכטיקן אָרט גרשום מענדעס סעישעס. ער איז געווען אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער, און דערצו נאָך טאַקע אַ ניו יאָרקער. ער איז געווען חזן און רב, קענטיק אין איין און דערזעלבער צייט.

גרשום מ. סעישעס איז געבאָרן גע־וואָרן אינעם יאָר 1745, אין אַ ספרדישער פאַמיליע און געקראָגן אַ יידישע דערציאונג. אָנגעקומען, זעט אויס, איז ער אַלס חזן און בעל קריאה אין דער געמיינדע „שארית ישראל" אין עלטער פון 23 יאָר. ער האָט, קענטיק, פאָרגעזעצט זיין שטודיום, ביז ער איז אָנערקענט געוואָרן אַלס דער גייסטיקער יידישער פירער אין דער קהילה. פון זיינע שפּעטערדיקע האַנדלונגען קען מען אָננעמען, אַז ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע.

גרשום סעישעס איז געוואָרן נאָך פּאָפּולערער צווישן די פּאַטריאָטישע יידן פון ניו יאָרק, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קאָאָפּערירן מיט דעם ענגלישן קעניג און זיין הערשאַפט. ווען דאָס ענגלישע מיליטער האָט פאַר־נומען ניו יאָרק, אין 1776, האָט דער דאָזיקער רב אָנגעפירט אַ פּראָפּאַ־גאַנדע פאַר נישט קאָאָפּערירן מיט די אָקופּאַנטן. ער האָט אַליין פאַרלאָזן די שטאָט, מיטגענומען אפילו מיט זיך די ספר־תורה און, צוזאַמען מיטן פּרעזידענט פון דער געמיינדע, סאָלאָמאָן סימסאָן, זיך באַזעצט אין סטראַט־פאָרד, קאָנעטיקוט. מערסטע ניו יאָרקער יידן האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל און צעפאָרן זיך אַהין, וואו די ענגלענדער האָבן געהאַט ווייניקער שאַנסן אריינצורייסן זיך.

דער ניו יאָרקער רב האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין פילאַדעלפיע. דאָרט איז געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון פיל אַנטרונענע און פון די פירער פון דער רעוואָלוציע. איניגיכן האָבן זיך אין פילאַדעלפיע אָנגעזאַמלט גענוג יידן צו גרינדן אַ געמיינדע. גרשום סעישעס האָט דאָרט געהאַט צענדליקער פון זיין ניו יאָרקער געמיינדע און איניגיכן איז ער געוואָרן דער רב פון דער געמיינדע אין פילאַדעלפיע, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען „מקוה ישראל" — אַ נאָמען, וואָס האָט צוויי באַדייטונגען — „יידישע האָפענונג" און „יידישע צונויפזאַמלונג". דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1780.

ווען די ענגלישע הערשער האָבן שוין אָנערקענט זייער מפּלה, געשלאָסן

א וואָפן־שטילשטאַנד און זיך צוריקגעצויגן פון ניו יאָרק, אין 1784, האָט זיך, ווי אַ זיגער, אומגעקערט צוריק איר רב, צוזאַמען מיט אַ היפּשן טייל פון זיין פילאַדעלפיער קהילה, מערסטנס פריערדיקע ניו יאָרקער. די שטאָט ניו יאָרק". ראַבאַי סעישעס איז קאָאָפּטירט געוואָרן אַלס איינער פון זיינע מיינדע און עס אויסגעדריקט, ווען די רעוואָלוציע האָט גענומען אָפּווישן אַ ריי מאָנאַרכיסטישע שפּורן. איינע פון זיי איז געווען צו ענדערן דעם נאָמען פונעם „קינגס קאָלעדזש" אויף „אוניווערסיטי אָוו דהי סטעיט אָוו ניו יאָרק". ראַבאַי סעישעס איז קאָאָפּערירט געוואָרן אַלס איינער פון זיינע רעגענטן, פאַרטרעטנדיק דאָרט די יידישע געמיינדע. שפּעטער האָט מען אים אויך אויסגעקליבן אַלס נאָמן (אַ „טראָסטי") פון דעם קאָלאָמביאַ אוניווער־סיטעט. דאָרט האָט ער געדינט אַרום 25 יאָר ביז זיין רעזיגנאַציע אין 1815.

סעישעס האָט אויך דערלעבט צו זיין איינער פון די רעליגיעזע פירער, וואָס האָבן בייגעוואוינט די איינשווערונג פונעם ערשטן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. זיין איינפלוס און גוטער נאָ־מען איז כסדר געשטיגן.

מאָרים שאַפּעס' „דאָקומענטאַרע" געשיכטע" גיט איינע פון די דרשות, וואָס דער דאָזיקער ניו יאָרקער רב האָט געהאַלטן פאַר זיין גע־מיינדע, דעם 9טן מאַי, 1798. זי איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ צייט, וואָס די געפאַר פון אַ מלחמה מיט דער יונגער פראַנצויזישער רעפּובליק איז גע־וואָרן זייער גרויס.

דאָס איז געווען אונטער דעם צווייטן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דזשאָן עדעמס (נישט צוזאַמענמישן אים מיטן רעוואָלוציאָנערן פּאַטריאָטישן פירער סעמועל עדעמס און נישט מיטן זעקסטן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן דזשאָן קווינסי עדעמס). די רעאַקציע האָט דעמאָלט געקריגן די אויבערהאַנט אין לאַנד. די בורזשואַזיע האָט זיך גע־כאַפּט, אַז די רעוואָלוציע איז צו־ווייט אַוועק, אַז איר זאָל עס זיין ניחא. זי האָט געפּרואווט, ווי די איצטיקע מעקאַרטים טוען עס, צונישט צו מאַכן די פרייהייטן, וואָס זיינען אריינגעשריבן געוואָרן און אַמענדירט געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע. כדי דאָס צו טאָן איז נויטיק צו שאַפן אין לאַנד אַ מלחמה־אַטמאָספערע, אַ היסטעריע, אין וועלכער מען קען אָפּטאָן אַלער־ליי פאַרברעכנס קעגן דער קאָנסטיטוציע און קעגן די פאָלקס־מאַסן, און דערווייל מאַכן די גרויסע מלחמה־פּראָפיטן.

און די געשיכטע האָט צוגעשפּילט די דאָזיקע פעדעראַליסטן־רעאַקציאָ־נערן. זייער דעמאָלטדיקער אויסרייד איז אין געוויסע פּרטים ענלעך צו די איצטיקע רעאַקציאָנערע וואַקכאַנאַליעס און מלחמה־דראָאונגען. אין פראַנק־רייך איז דעמאָלט נאָך אָנגעגאַנגען דער פּראָצעס פון דער „גרויסער רעוואָ־לוציע". עס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז מיטן פאַל פון דער באַסטיל און מיט די קעפּונגען פונעם קעניגלעכן פּאָר זאָלן אויפציטערן אַלע טראָ־

נען אין דער וועלט. פון אלע זייטן האבן זיך גענומען טראגן ליגנס אויף ליגנס, און רכילות, אויף דער פראנצויזישער רעוואלוציע. מ׳האט געשאפן אלערליי מיליטערישע בונדן און אנפאלן אויף דער יונגער רעפובליק. ענגלאנד און עסטרייך, די דייטשע מלוכות, די צארישע אימפעריע — אלע רעאקציאנערן אין דער וועלט, האבן געשעדיקט מיט אלע כוחות די רעוואלוציע. עס איז נישט אויסגעשלאסן, אז פיל פון די אינעווייניקסטע שטרייטיקייטן צווישן די פליגלען פון דער רעוואלוציע זיינען אויפגעבורעט געווארן, אדער אנגעהאלטן געווארן פון די אויסלענדישע אגענטן, דורך אלערליי אונטערקויפונגען.

אויך די אמעריקאנער רעאקציאנערן האבן געזען אין דער פראנצויזישער רעוואלוציע זייער שונא. זיי האבן כלומר׳שט „פארלארן דעם זכרון", אז ווען נישט פראנקרייך מיט איר הילף פון פלאט און ארמייען, וואלטן די אמעריקאנער קאלאניעס נאך אלץ געשמאכט אונטערן ענגלישן יאך. מען האט זיך געמאכט גע׳פגר׳ט וועגן דער הילף, וואס איז אנגעקומען פון פיל אנדערע לענדער, אין דער צייט פון דעם ביטערן געראנגל מיט ענגלאנד, און מ׳איז אליין געווארן „רעד בעיטערס", און געפרואווט „פארמוליען די צייין", אז די געפאר פון מלחמה קומט פון דער רעפובליקאנער פראנקרייך.

פרעזידענט עדעמס האט דעמאלט דעמאגאגיש פראקלאמירט דעם 9טן מאי, 1798, פאר א נאציאנאלן פאסט־טאג, אין וועלכן אלע אמעריקאנער זאלן בעטן גאט, אז עס זאל נישט קומען צו קיין מלחמה מיט פראנקרייך...

ביי דער דאזיקער געלעגנהייט האט עס דער ראבאי גרשום מענדעס סעישעס געהאלטן זיין דרשה. אין איר געפינט איר נישט איבערגע׳חזר׳ט די „רעדבעיטינגס" פון דער רעאקציע. אבער די אפטע איבער׳חזר׳רונגען פון דער רעאקציאנערער פרעסע, האט אויך באווירקט דעם ערלעכן רב אנצונעמען, אז פראנקרייך וויל ארויפצווינגען מלחמה אויף די פאראייניקטע שטאטן. אבער כאטש ער האט מסתמא נישט געהאט די פולע מעגלעכקייט צו באקענען זיך מיט אלע פאקטן און צו פארשטיין, אז דאס איז גאר פונקט א פארקערטע לאגע, אז אלע מלוכות, פאקטיש, האבן געמאכט ידי־אחת און ווילן פארניכטן די יונגע פראנצויזישע רעפובליק, איז ער זייער איינגעהאלטן און ווארפט נישט די אנדערע באשולדיקונגען, וואס זיינען דעמאלט אנגעגאנגען, קעגן די רעוואלוציאנערע פראנצויזן.

יידן־שונאים

פאַררעטער, פאַררעטער,
פאַלשע רעטער, פאַלשע געטער,
יודאַסעס מיט נייע נעמען,
„דער טייוול זאָל זיי נעמען!"

ווי יעדער אַנדער פאָלקישער עלע־מענט אין די ענגליש־אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, אַזוי האָבן אויך די יידן, ערב דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה מיט ענגלאַנד, ניט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין איינהייטלעכע גאַנצקייט.

צעטיילט האָבן זיי די עקאָנאָמישע אינטערעסן. די קלענערע באַווירקנ־דיקע מאָטיוון זיינען אויך געווען — די טראַדיציאָנעלע לאָיאַליטעט פון גע־וויסע עלעמענטן צו מלכות, די מורא פאַר דער שטאַרקער מאַכט פון ענג־לאַנד און די רעאַקציאָנערע שטרעמונג, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָן דער וויסטער זעלבסט־דיסקרימינאַציע: „יידן דאַרפן זיך נישט מישן".

האָבן מיר טאַקע אויף אונדזער חלק, אויך אין אונדזער 300־יאָריקער געשיכטע אין אַמעריקע, געהאַט, און האָבן איצט, יידישע רעאַקציאָנערן. די ראַי קאָהנס און דעיוויד שאַינס זיינען אָבער איצט אַ מינדערהייט ביי אונדז, און זיי זיינען עס געווען אויך אין דער צייט, ווען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושטאַלטיקן אין קאַמף, און האָט אויך דעמאָלט געהאַט זיינע מעקאַרטיס און מעקאַרענס.

מיר קענען דעריבער די גרעסערע צאָל פון זיי בלויז אויסשפּרייטן אויפן שאַנד־צעטל פון אונדזער געשיכטע מיט זייערע נעמען, ווי זיי האָבן זיי אַליין געלאָזט מיט זייערע האַנטשריפטן און פוס־טריט. אויף דער לאָיאַ־ליטעט־דערקלערונג פון אונטערטעניקייט און חניפה צום גרויס־בריטאַנישן מאָנאַרך, און זיינע פאַרשטייער אין אַמעריקע, אַדמיראַל ריטשאַרד האַו און גענעראַל וויליאַם האַו, זיינען געווען אונטערגעשריבן ניין הונדערט און אַכט און פערציק נעמען פון ניו יאָרקער איינוואוינער — פון זיי זיינען זעכצן יידן. זייערע נעמען —

האַאַב אַראָן, אבא. דזש. אבראַמס (ע), אברהם גאָמעז, דער יינגערער משה גאָמעז, באַרראַק העיז, דוד העיז, אוריה הענדריקס, לוי איזראַעל, אַאַראָן קעיזער, דוד לעוויסאָן, הענרי מאַרקס, סעמועל מעירס, דוד נעיטען, סעם סעמועל, דזשאַרדזש סימסאָן און אייזעק סאָלאָמאָנס.

איין סוחר, דוד פרענקס (1720—1793), וואָס איז גראָד געווען גע־חתמ׳עט מיט 11 יאָר פריער, אין 1765, אויף דעם רעוואָלוציאָנערן אָפּמאַך נישט צו קאָאָפּערירן מיט ענגלאַנד אין אימפּאָרטאַציע, האָט „תשובה גע־טאָן" און געוואָרן אַ טאָרי. דוד פרענקס האָט געשטאַמט פון אַן ענגליש־

יידישער פאמיליע, וואס איז זייער געווען אנגעזען אין פילאדעלפיע. ער איז ביז דעמאלט געווען „דער קאפ" פון דער פאמיליע. ער און זיין ברודער משה פרענקס, אין ענגלאנד, זיינען געווען די פראוויאנט־צושטעלער פאר דער ענגלישער ארמיי און פלאט. זיי זיינען פון דעם געווארן זייער רייך.

דוד פרענקס איז געווען זייער איינפלוסרייך אינעם ענגלישן קעניגלעכן הויף און, צוזאמען מיט זיין שותף מיכאל גראץ, ארויסגעשלאגן די פירמע „בעינטאן, ווהארטאן און מארגאן" פון דער אילינאי־טעריטאריע און צוגע־נומען פון איר דעם דארטיקן האנדלס־קאנטראל. א געוויסע צייט האט פרענקס געהאנדלט, ווי א פארטרעטער פון דער ענגלישער רעגירונג ביים אויסטוישן זיך מיט געפאנגענע. צוויי מאל האט אים די רעוואלוציאנערע רעגירונג ארעסטירט אלס א שונא. ווען ער איז צום צווייטן מאל באפרייט געווארן, אין 1780, איז ער אוועק קיין ענגלאנד און דארט געבליבן ביז 1783. ער איז אבער צוריקגעקומען, נאכדעם ווי עס איז געשלאסן געווארן דער שלום. ער איז צוריקגעקומען קיין פילאדעלפיע און אויסגעלעבט זיינע לעצטע 10 יאר אונטער דער רעפובליק.

אין קאנעטיקוט האט א היפש ביסל צרות אנגעמאכט דער טארי און משומד ראלף אייזאקס פון נארוואק, הגם זיין פלימעניק בנימין אייזאקס איז געבליבן א ייד און אן אקטיווער רעוואלוציאנער. ער איז דערנאך גע־ווען פון די ערשטע פארטרעטער אין דער ניו יארקער אסעמבלי פון וועס־טשעסטער קאונטי.

אין ניו יארק איז געווען קענטיק אלס טארי לאיאן יאנאס. ער האט די שול ווידער געעפנט, נאכדעם ווי דער רב גרשום סעיקשעס האט זי פארלאזן. א סברא, אז די שול איז געווארן א זאמל־פלאץ פאר די טארים. (פיטער וויערניק, „היסטארי אוו דהי דזשוס אין אמעריקא", ז' 105).

א באזונדערע פאזיציע האט פארנומען דער טארי אברהם וואג. ער איז געבארן געווארן אין לאנדאן, אין אן ארייגעוואנדערטער פאמיליע פון דייטשלאנד. מיר הערן פון אים אין ניו יארק אלס שאקאלאד־פאבריקאנט און הורט (האלסעיל) סוחר מיט שפייז־ארטיקלען. ער האט זיך געקאכט אויף די בונטאוושטשיקעס, וואס שטעלן זיך קעגן „זיין" קעניג. כאטש ער האט געהאט א פרוי מיט צען קינדער, איז ער געווען „אויסגעהאלטן" און האט פארלאזט אמעריקע, אוועק צוריק קיין ענגלאנד. אלס א קענער פון דער סיטואציע אין אמעריקע, האט ער צוגעשטעלט צום ענגלישן פארלא־מענט אן אנאליז פון דער מיליטערישער לאגע, וואס האט זיך שפעטער פולשטענדיק באשטעטיקט.

דער גרעסטער יידישער ישוב ערב דער רעוואלוציע, ניופארט, ראוד איילאנד, האט אויך געהאט א קליינע צאל יידישע טארים. איינער פון זיי, יצחק הארט, האט שלעכט אפגעשניטן. ווען אים דערצייל מען... ער איז געווען א גרויסער סוחר און זייער לאיאל צום קעניג. ער איז געפאלן אין

שלאַכט, ווען אַן אָפּטייל פון דער קאָנטינענטאַלער אַרמיי האָט געשטורעמט דעם פאָרט. „ריווינגטאָנ׳ס גאַזעט" האָט באַדויערט זיין טויט און באַהויפּטעט, אַז „ער ווערט אומעטום באַדויערט פון יעדן איינציקן וואָס האָט ליב דאָס לאַנד". אַט די טאָרי־צייטונג האָט פאַרבראָקט די נייעס מיט אַ גאַנצע באָבע־מעשה וועגן די „שרעקלעכע מעשים" פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. פון אַן אַנדער קוואַל דערוויסן מיר זיך, אַז אין זיין, האַרט׳ס, הויז איז געהאַנגען אַ בילד פונעם צאַר פּיאָטר דעם ערשטן. („מאַגאַזין אָוו אַמעריקען היסטאָרי", באַנד 3, זייט 452).

אויסער די אונטערגעשריבענע אויף דער פריער דערמאָנטער לאָיאַלער פּעטיציע, זיינען אויף אַ צווייטער ענלעכער פּעטיציע אויך פאַראַן די נעמען פון פאָלגנדיקע טאָרים: הענרי סאַלאָמאָן, וויליאַם מייערס, אהרן קאָהן, לאַיאָן האַרט, סעמועל ליוואַי, מ. נאָאַ (נח), דער שוין דערמאָנטער אברהם וואַג, און אַלעקסאַנדער צונץ — אַ העסישער אָפיצער אין ענגלישער, מיליטערישער דינסט.

דאָ איז אפשר דער בעסטער פּלאַץ צו דערמאָנען (מיט עקל) אַן עטוואָס שפּעטערדיקן יידישן רעאַקציאָנער, וואָס איז אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט דערוויילט געוואָרן דריי מאָל אין קאָנגרעס אויף דער פּלאַטפאָרם פון די הונדערט פּראָצענטיקע „געבאָרענע אַמעריקאַנער". דאָס איז געווען לואיס טשאַרלס לעווין, אַ פאַרביסענער, דזשינגאָאיסטישער רעאַקציאָנער. דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט אַלס שרייבער, רעדנער, יוריסט און קאָנגרעסמאַן אָפּצושטעלן אינגאַנצן די אימיגראַציע קיין אַמעריקע.

לעווין איז געבאָרן געוואָרן אין טשאַרלסטאַון, סאַוט קאַראָלאַינאַ, אין 1808, און גראַדואירט פון דעם דאָרטיקן סאַוט־קאַראָלאַינער קאַלעדזש. אין 1828 זעען מיר אים אַלס לערער אין וואָודוויל, מיסיסיפּי. קענטיק, אַז ער איז שוין אין יענער צייט געווען אין דער „ריכטיקער קאָמפּאַניע". אין זיינע אַוואַנטורעס ווערט ער פאַרוואונדעט אין אַ דועל מיט אַן אָרטיקן און קען אָנווייזן אויף זיין יחוס, וואָס דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון דער דרום׳דיקער שקלאַפנהאַלטערישער פעדעראַציע, דזשעפערסאָן דעיוויס, איז געווען זיין סעקונדאַנט.

לעווין איז שפּעטער געוואָרן אַ לאָיער און פּראַקטיצירט יוריספּרודענץ אין מערילאַנד, לואיזיאַנאַ און קענטאָקי, וואו ער האָט געהייראַט זיין ערשטע פרוי און העיז. מיר זעען אים דערנאָך אין פילאַדעלפיע, אַלס לאָיער, אין 1838 און ער שטורעמט דעמאָלט קעגן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. אין די יאָרן 1842-3 איז ער דער רעדאַקטאָר פון דער פּעריאָדישער שריפט „דהי טעמפּעראַנס אַדוואָקעיט". ער פאַרענדיקט דעם יאָר 1843 מיט ווערן אַ פירער פון דער באַוועגונג נעיטיוו־אַמעריקענס (די דעמאָלטדיקע — „אַמעריקען פוירסטערס") אין פילאַדעלפיע און רעדאַקטאָר פון זייער אָרגאַן. די דאָזי־

סע שאָווינִיסטישע אַגיטאַציע האָט דערפירט צו די „פילאַדעלפיער ראַיאָטס", אין מאַי 1844. דער פּאָגראָם איז געווען אינעם אירישן קווארטאַל מיט זיבן גע׳הרג׳עטע און אַרום 50 פאַרוואונדעטע. אינעם פּאָגראָם האָבן די דאָזיקע „הי־געבאָרענע" פאַרברענט צוויי קאַטוילישע קירכעס, אַ קאַטוילישן פרויען סעמינאַר און אַרום דרייסיק הייזער.

ווען לעווין איז דערוויילט געוואָרן אַלס קאָנגרעסמאַן, האָט ער דאָרט געהאַלטן זיין שענדלעכן דעמאַגאָגישן פאָרטראַג פאַר אָפּשטעלן אויף שטענדיק די אימיגראַציע, ווייל „מיר שטייען שוין איצט אָט־אָט פאַר דער לאַגע, וואו מיר וועלן ווערן אָראָפּגעשליידערט פון דער אימפּעטיקער מאַכט פון די אַריינדרינגענדיקע פרעמדע..." (זע דאָקומענט 94 אין שאַפּעס „דאָקומענטאַרע געשיכטע").

אינעם בירגער־קריג, מיט 85 יאָר שפּעטער, איז שוין די צעטיילונג געווען אַ שאַרפערע, און עס זיינען געווען טויזנטער יידן אין די רייען פון די שקלאַפנהאַלטער פון דער סאַוט. דאָס זיינען געווען מערסטנס אַליין שקלאַפנהאַלטער, שקלאַפן־הענדלער, אָדער בכלל אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָרנען פון דער דאָזיקער סאָציאַלער סיסטעם, דירעקט אָדער אומדירעקט. אַרום צוועלף הונדערט יידן פון דער סאַוט האָבן געדינט אינעם מיליטער פון דער קאָנפעדעראַציע און געשלאָגן זיך פאַר אויפהאַלטן שקלאַפעריי. אוודאי האָבן זיי באַטראָפן בלויז אַ פינפט־חלק פון די זעקס טויזנט יידן אין די צפון־ און די מערב־שטאַטן, וואָס האָבן געדינט אין דער יוניאָן־אַרמיי. אָבער אויף וויפל עס איז נוגע דעם צוויפּלהאַפטן כבוד פון האָבן פאַרנומען הויכע פּאָזיציעס אין דער קאָנפעדעראַציע־רעגירונג, זיינען געווען בלויז דריי יידן, וואָס מיר וואָלטן זיי מוחל געווען זייער „גרויסקייט". געשיכטלעך און גערעכטלעך זיינען זיי פאַר׳משפּט׳ע פון דער נייער מענטשהייט. דאָס זיינען געווען: צוויי געוועזענע יונאַיטעד־סטעיטס סענאַטאָרן און איין גענעראַל־קאָנסיל, ווי אויך איין ציווילער — אַ רב פון ניו־יאָרק.

איינער איז געווען דער יו־עס סענאַטאָר פון פלאָרידע, דוד לעווי, אָדער ווי ער האָט דעם נאָמען שפּעטער געענדערט אויף דוד יולי. דאָס איז געווען אַ פאַרביסענער רעאַקציאָנער, נאָך איידער ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף דער אייניקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין די 16 יאָר, וואָס ער איז געווען אַ סענאַטאָר, פון 1845 ביז 1861, האָט ער אויך מער ווי פאַר די פּלוטאָקראַטן און סלעיוואָקראַטן נישט אויפגעהויבן זיין שטים. ער איז טאַקע געווען דער ערשטער ייד אויסגעוויילט צו ווערן פאַר אַזאַ הויכן אַמט, יונאַיטעד סטעיטס סענאַטאָר. אין 1861 האָט ער רעזיגנירט און זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם קאַמף אָנצוהאַלטן די באַזונדערע שקלאַפנהאַלטערישע רעגירונגס־אָרדענונג, פּונקט ווי יודע בענדזשאַמין.

דריי גרויסע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן און יידן־פריינט

בענדזשאַמין פרענקלין

(1790 — 1706)

איינער פון די גרויסע שטאַטסמע־נער און וויסנשאַפטסלייט, וואָס אַמע־ריקע האָט אַרויסגעגעבן אין 18טן יאָרהונדערט, און באַרימט אין דער גאַנצער וועלט, איז בענדזשאַמין פרענקלין. אַ מענטשן־פריינט, אַ חכם, אַן אונטערנעמער און אַ מענטשן־קע־נער, האָט ער אַרויסגעוויזן צו די יידן אין פילאַדעלפיע אַ באַזונדערע וואַ־רעמקייט.

געבאָרן געוואָרן איז בענדזשאַמין אין באָסטאָן, אינעם יאָר 1706 און מיר דערוויסן אים צו זיין 12טן יאָר, אַז ער איז פאַרדונגען צו זיין עלטערן ברודער אַלס לערן־יינגל אין זיין צייטונג „ניו ענגלאַנד קוראַנט". ער האָט אַריינגעשמוגלט אין דער צייטונג עטלעכע אַרטיקלען, וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן אונטער אַן אַנדער נאָמען און צו זיין צופרידנקייט געזען, אַז לייענער האָבן עס גוט אויפגענומען. בענדזשאַמין האָט זיך שוין דערפילט תקיף, זיך אויפגעהערט צו היטן, ביז דער ברודער האָט אויסגעפונען ווער עס איז דער נייער אים־אומבאַקאַנטער מיטאַרבעטער. דער ברודער האָט אים געזידלט און זייער רוי באַהאַנדלט און אים אַזוי „דערגאַנגען די יאָרן", אַז ער האָט אים פאַרלאָזן און איז אויף גאָטס באַראָט אַוועק קיין פילאַ־דעלפיע.

בענדזשאַמין איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 17 יאָר און אָנגעהויבן אין אַ דרוק־שאַפּ צו אַרבעטן און פאַרדינען. ער איז געווען שפּאָרזאַם, אָנ־געקליבן עטלעכע צענדליק דאָלאַר, געפאָרן קיין ענגלאַנד, געאַרבעט דאָרט אַרום אַנדערהאַלבן יאָר און אומגעקערט זיך צוריק קיין פילאַדעלפיע און ווידער זיך באַשעפטיקט אין אַ דרוק־שאַפּ. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער יונגער פרענקלין האָט אָפּגעקויפט די „פּענסילוועניע גאַזעט" און אין עטלעכע יאָר אַרום אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיין פּאָפּולערן „פּור רי־טשאַרדס אַלמאַנאַק" און מיט דער צייט געוואָרן פאַרמעגלעך און איינפלוס־רייך.

אין גיכן האָט פילאַדעלפיע געקראָגן דורך פראַנקלינ'ס אָנשטרענגונג א פאָלקס־ביבליאָטעק, אַן אויסגעבעסערטע מאָדערנערע בילדונגס־סיסטעם, א פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט און ווערט אין גיכן א מיטגליד אין דער פּראָ־ווינץ־אַסעמבלי. אין עלטער פון 40 יאָר אַנטדעקט ער, אַז דער בליץ איז אַן עלעקטרישער עפעקט און מיט דער צייט דערפונדן דעם בליץ־אָפּלייטער, וואָס האָט אין משך פון די לעצטע 200 יאָר געראַטעוועט איבער די גאַנצע וועלט הונדערטער טויזנטער מענטשן פון טויט דורך דונער־שלאַג.

מיט דער צייט ווערט ער א מין דיפּלאָמאַטיש קאָמערציעלער מיניס־טער, פריער פאַר פילאַדעלפיע, דערנאָך פאַרן געגנט אַרום, און שפּעטער פאַר א ריי קאָלאָניעס. ער איז געפאָרן הין־און־צוריק קיין ענגלאַנד און קאָנטראַקטירט נויטיקע מאַשינען און רוי־מאַטעריאַלן פאַר די אַמעריקאַנער אינדוסטריעס. זיין הויפּט־מעלה איז געווען, וואָס ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צוזאַמענצושמעלצן זיין אינטערעס צו קאָמערץ און אינדוסטריע, מיט שטאַטסמאַנשאַפט און פּאָליטיק און די ביידע צוזאַמען מיט זיין ליידנשאַפט צו וויסנשאַפט.

פראַנקלין איז אין גיכן באַשאָנקען געוואָרן פון די אוניווערסיטעטן אין אָקספאָרד און עדינבורג מיט די העכסטע אַקאַדעמישע טיטולן, געוואָרן א מיטגליד פון דער „קעניגלעכער געזעלשאַפט". אָבער דאָס שטערט אים נישט אין די זיבעציקער יאָרן אַרויסצוטרעטן קעגן די ענגלישע פאַריאָכנ־דיקע טעקסעס אויף די קאָלאָניעס און אין 1774 שטעלט ער צו דעם קעניג די פּעטיציע פונעם ערשטן אַמעריקאַנער קאָנגרעס. ווען ער קערט זיך אום צוריק אין די „קאָלאָניעס", ווערט ער דערוויילט אַלס מיטגליד צום קאָנ־גרעס און ווענדט אָן אַלע זיינע כוחות, אַז דער קאָנגרעס זאָל אָננעמען די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט".

ווען די רעוואָלוציאָנערע מלחמה צעפלאַקערט זיך, פאַלט עס ווידער אויף זיין חלק צו פאָרן קיין אייראָפּע און אַריינציען פראַנקרייך אויף דער זייט פון די אויפגעשטאַנענע קאָלאָניעס קעגן ענגלאַנד. ער איז געווען דער ערשטער צו שליסן א בונד פון דער יונגער רעפּובליק מיט פראַנקרייך, אין יאָר 1778, און ביים סוף פון דער מלחמה — איינער פון די הויפּט־פאַר־טרעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו פאַרהאַנדלען אַלע פּראָבלעמען און שליסן דעם שלום מיט ענגלאַנד.

פראַנקלין האָט נאָך דערנאָך אויף פאַרשיידענע אַנדערע אופנים גע־דינט זיין לאַנד, געווען גאָווערנאָר פון פּענסילווייניע, א דעלעגאַט צו דער פעדעראַלער קאָנווענשאָן, אויסצואַרבעטן די קאָנסטיטוציע אין 1787 און פאַרענדיקן זי אין 1788. ער האָט נאָך אַלץ געפונען גענוג צייט פאַר וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונגען און דערפינדונגען. אים האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די דערפינדונג פון ברילן מיט צוויי פאָקוסן, און דעם פראַנקלין־אויוון, וואָס האָט דערגרייכט א גרויסע עקאָנאָמיע אין פרעזערווירן היץ. ער האָט גע־

שריבן פֿיל אַרטיקלען אויף פֿאַרשיידענע געביטן און דער פֿאַקט, וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן זיין אויטאָביאָגראַפֿיע, איז אַ גרויסער בלויז פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יונגער אַמעריקע.

יידן האָבן אין דעם דאָזיקן גרויסן אַמעריקאַנער געהאַט אַן אמת'ן פֿריינט. נישט זייענדיק אַליין קיין רעליגיעזער קירכע־מענטש, האָט ער אָבער געהאָלפֿן זיינע יידישע מיטבירגער אין פֿילאַדעלפֿיע ווען זיי האָבן זיך גע־ווענדט צו נישט־יידן צו העלפֿן זיי אויסהאַלטן זייער שול. זי האָט זיך גע־פֿונען אין אַ קלעם צוליב דעם אַרויספֿאָר פֿון פֿיל יידן גלייך נאָכן סוף פֿון דער מלחמה. בענדזשאַמין פֿרענקלין האָט געענטפֿערט אויפֿן אַפּיל מיט דער גרעסטער סומע — פֿינף פֿונט.

אַנטיסעמיטן האָבן עטלעכע מאָל געפּרואווט צו פֿעלשן און צו מאַכן אַן איינדרוק, אַז אפילו דער הומאַניסט פֿרענקלין האָט אויך פֿיינט געהאַט יידן. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ געמיינער בלבול אויף איינעם פֿון די גרעסטע, וואָס אַמעריקע האָט אַרויסגעגעבן אין 18טן יאָרהונדערט. פֿרענקלין איז געשטאָרבן אין יאָר 1790, אין עלטער פֿון 84 יאָר.

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן

1732 — 1799



דזשאָן וואַשינגטאָן, אַן אָרעמער ענגלישער עמיגראַנט, וואָס איז געקו־מען צו די דרום'דיקע ברעגן פון אַמע־ריקע אין 1657, מיט דריי יאָר שפּע־טער ווי אונדזער אשר לעווי איז געקו־מען קיין ניו אַמסטערדאַם, האָט אפילו ניט גע'חלומ'ט, אַז זיינס אַן אור־איי־ניקל וועט זיין דער ערשטער פּרעזי־דענט פונעם לאַנד, אין וועלכן ער קומט אַלס פרעמדער, אויסגעוואָרצלטער, וואָס דאַרף ערשט אָנהויבן אַלץ פון דאָס ניי. דאָס האָט אפילו פון אַזאַ זאַך נישט גע'חלומ'ט זיין אייניקל, אויגוסטין, ווען זיין פרוי האָט אים אין יאָר 1732 געבאָרן אַ ייִנגעלע און מ'האָט אים אַ נאָמען געגעבן דזשאָרדזש. ווי קומט אַ פּאַרמער, אין אַזאַ העק, ווי עס איז דעמאָלט געווען וועסט־מאָרעלאַנד קאַונטי, אין ווירדזשיניע, צו האָבן גאָר אַזעלכע חשבונות!

אָבער גראָד חשבונות, מאַטעמאַטיק, איז געווען אין דעם פאַל איינער פון די רינגען אין דער קייט, וואָס האָבן אין אַ לענגערער אַנטוויקלונג צו־זאַמענגעשלאָסן דעם גורל פונעם יונגן דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. ווען ער האָט אַלס ייִנגל פאַרענדיקט זיין שולונג, איז עס געווען פונעם סאַמע על־מענטאַרן סאָרט: אין יענע צייטן זיינען פאַרמער, אפילו פאַרמעגלעכערע, געווען מער פאַראינטערעסירט אין ריין פּראַקטישע ענינים בנוגע זייער באַ־לעבאַטישקייט. דאָס העכערע פון דעם האָט בלויז געקענט זיין אַ מיליטע־רישע קאַריערע.

דער יונגער דזשאָרדזש האָט, צווישן זיין וואַכיקע חלומות, זיך געזען, ווי אַ מאַטראָס אינעם קריגס־פלאָט פון גרויס־בריטאַניע. אים האָט זיך גע־וואָלט רייזן אין אַלע עקן וועלט, „מעסטן די אָקעאַנען...״ אָבער נישט בלויז דאָס: ער האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקן חשק צו מעסטן ערד־שטחים. זיין ווילן איז געווען גענוג שטאַרק צו מעסטן אים מיט זיין חשק. איידער וואָס ווען האָט מען געזען דעם יונגן דזשאָרדזש פאַרטיפט אין ביכער... ניין, נישט אין ראָמאַנען, נאָר אין מאַטעמאַטיק. אָן אַ לערער, אָן אַן אָנווייזער, האָט ער אַליין געפּרואווט מעסטן אירע טיפעניש, אויף ווי ווייט אַזאַ בחור'ל האָט געקענט דערגרייכן. ער האָט געקראָגן אין דעם ענין היפּשע ידיעות און דאָס האָט אים שוין אויך געפירט צו סורוועיאינג (ערד־מעסטונג).

נאָכן טויט פון זיין פאָטער, ווען אים האָט ווידער אַ רוף געטאָן דער

אָקעאַן, האָט זיין מוטער שוין אויסגעפירט אירס — און ער האָט געמאַכט ערד מעסטעריי פאַר זיין פּראָפעסיע. ווי יונג ער איז נאָך אָבער נישט געווען, איז ער געוואָרן באַשטימט צו 19 יאָר פאַרן גענעראַל־אַדיוטאַנט פון דער ווירדזשיניער מיליציע. אין 1754 זעען מיר אים שוין אַקטיוו אין דער פראַנצויזיש־אינדיאַנער מלחמה, ווערט באַזיגט פון אַ שטאַרקערן שונאַ־אָפּטייל און פאַרלירט זיין „הויכן ראַנג". אָבער אין איין יאָר שפּעטער טרעפן מיר אים שוין ווי אַ פריוויליקן באַגלייטער פונעם ענגלישן גענעראַל ברעדאָק. אין איינער פון זיינע קאַמפּאַניעס בלייבט ער כמעט דער איינציקער אָפיצער, וואָס דרייט זיך אַרום פון אַ מפּלה. זיין גוטער נאָמען איז ווידער עטאַבלירט.

אין 1758 שפּילט ער שוין אַ הויפּטע ראָלע אין דער קאַמפּאַניע, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם פאָרט דוקוועסן, וואו עס געפינט זיך יעצט די שטאָט פּיטסבורג. אין משך פון דער צייט איז ער געוואָרן היפּשלעך פאַרמעגלעך. עס איז נישט בלויז געווען די ירושה פונעם פאָטער. ער האָט אויך פּלוצלונג צוגעקראָגן די ירושה פון אַ שטיף־ברודער — דאָס איז געווען אַ רייכער גוט און פּלאַנטאַציע לעבן מאַונט ווערנאָן, ווירדזשיניע. און נאָך תּקיפ'ער איז ער געוואָרן אין 1759, ווען ער האָט געהייראַט אַ יונגע רייכע אַלמנה, מרס. מאַרטהאַ קאַסטיס. דאָס האָט אים געמאַכט פאַר איינעם פון די רייכע לאַנד־אייגנטימער אין ווירדזשיניע און איז דערוויילט געוואָרן אויף אַ געוויסער צייט אין דער ווירדזשיניער אַסעמבלי.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציאָנערע מלחמה קעגן ענגלישער הערשאַפט, אין 1775, איז וואַשינגטאָן דערוויילט געוואָרן צו זיין דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די רעוואָלוציאָנערע אַרמייען. עס איז געווען אַ שווערער, לאַנגער, ביטערער קאַמף. ער האָט געהאַט אונטער זיך אָפּגעריסענע, אומדיסציפּלינירטע פאַרמער, וואָס זיינען איבערנאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן, אין געוויסע מאָמענטן, אין סאָלדאַטן, און אויפן זעלבן אופן — אין צייט פון פאַרזיי און פון שניט — צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרמער, דערנאָך ווידער קעמפער מיט אַ סך מוט, נאָר מיט ווייניק וואָפן און אַמוניציע.

נישט איינמאָל האָט וואַשינגטאָן געדאַרפט מאַכן ריקצוגן. נישט איינמאָל האָבן זיך בלייערנע הימלען פאַרצויגן איבער די קעפּ פון די אויפגעשטאַנענע. אָבער די צייט, די סימפּאַטיע און הילף פון פאַרשיידענע אָנגעקומענע פריינט — פון פּוילן, פון דייטשלאַנד, און פראַנקרייך — צוזאַמען מיטן פראַנצויזישן קריגס־פלאָט און אַרמיי, איז געווען אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערן און צום סוף האָט זיך די דעמאָלטיקע שטאַרקסטע גרויסמאַכט אין דער וועלט געמוזט אַרויסלאָזן איר קרבן פון אירע נעגל.

אַלס רעפּרעזענטאַנט פון ווירדזשיניע האָט ער זיך באַטייליקט אין 1887 אין דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע. ער איז געווען איר פאָרזיצער און איז צום סוף דערוויילט געוואָרן צוויי מאָל אַלס

דער ערשטער פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן.

ווי אלע גוטע בירגער פונעם לאנד, האבן אים באגריסט די דעמאלטיקע זעקס קליינע יידישע קהילות און אים געוואונטשן א גליקלעכע רעגירונג. אין דעם ענטפער, וואס ער האט צוגעשיקט צו דער ניופארטער קהילה, אין ראוד־איילאנד, האט ער אויסגעדריקט דעם גדאנק, אז אמעריקע גיט מיט איר קאנסטיטוציע ביישפילן דער גאנצער וועלט אין א גלייכער מאס די פרייהייט פון געוויסן און די אומבארירלעכקייט פון בירגערטום. מען דארף שוין איצט נישט ריידן וועגן טאלעראנץ, נאר וועגן נאטירלעכע רעכט, וואס זיינען איינגעבארן מיט יעדן...

„גליקלעכערווייז סאקציאנירט נישט די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן קיין שום פאנאטיזם, און גיט נישט קיין שום שטיצע צו די וואס פארפאלגן... עס ווערט נאר פארלאנגט פון די וואס וואוינען אונטער איר שוץ אויפצופירן זיך ווי גוטע בירגער אין געבן איר, אין אלע צייטן, זייער ווירקנדיקע אונטערשטיצונג. זאלן די קינדער פון אברהמ׳ס שטאם, וואס וואוינען דא אין לאנד, ווייטער פארדינען זיך און געניסן דעם גוטן ווילן פון די איבעריקע איינוואוינער, בעת יעדער איינער זאל זיצן אין זיכער־קייט אונטער זיין אייגענעם ווינשטאק און פייגנבוים, און עס זאל נישט זיין קיינער, וואס זאל זיי מאכן ציטערן.״

אין דעם זעלבן זין, כאטש מיט אנדערע רעטארישע אויסדרוקן, האט ער געשריבן זיין ענטפער צו די אנדערע קהילות. וואשינגטאן איז געבליבן פריינטלעך צו יידן ביז זיין לעצטן אטעם. אבער דאס מיינט נאך נישט, אז ער איז געווען דורכאויס אויסגעהאלטן אפילו פונעם ריינעם הומאניסטישן שטאנדפונקט. זייענדיק טאקע א גרויסער פאטריאט, איז ער אבער נישט געווען קיין גאנצער פאטריאט. ער האט זיין „דעמאקראטיזם״ אנגעווענדט בלויז אויף איין טייל פונעם פאלק און פארזען דעם צווייטן טייל — דעם סאמע הארעפאשנעם — דעם גאנצן נעגער־פאלק, וואס האט פאקטיש אויפ־געבויט דאס לאנד מיט זיין שווייס און בלוט.

וואשינגטאן איז געווען אן אייגנטימער פון א מאסע לענדערייען און ריזיקע פלאנטאציעס, וואס זיינען באארבעט געווארן פון שקלאפן. ער האט זיי אויסדריקלעך ארייננגענומען, ווי זיין אייגנטום. ער האט באטראכט דעם דאזיקן אייגנטום ווי „א פריווילעגיע און רעכט וואס איז עצמ׳דיק פארן גליק פון יעדער פרייער מלוכה...״

אבער אזא צייט איז עס געווען. וואשינגטאן איז נישט געווען דער איינציקער פירער פון דער רעוואלוציע, וואס האט פארמאגט שקלאפן אלס אייגנטום...

טאָמאַס דזשעפערסאָן

1743 — 1826

„וואָס גרעסער די מענטשן אַלץ גרעסער זיינען זייערע ליידנשאַפטן״, האָט מען שוין געוואוסט אין די אַלטע צייטן. עס ווענדט זיך אָבער אין וואָס עס באַשטייען די דאָזיקע ליידנשאַפטן. ביי דזשעפערסאָנען איז די גרעסטע ליידנשאַפט געווען שטאַטסמאַנשאַפט. ער האָט אַרויסגעטויכט פון אונטער די ווירדזשיניער פּלאַנטאַציעס צו פאַרוואַלטן און אַוועקצולייגן געזעצן ווי אַזוי צו פאַרוואַלטן אַ יונגע, וואַקסנדיקע מענטשן־פּלאַנטאַציע — די נייע פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

טאָמאַס דזשעפערסאָן איז טאַקע געבאָרן געוואָרן אויף אַ פּלאַנטאַציע — שאַדוועל, אין ווירדזשיניע. צו 17 יאָר שטודירט ער שוין אין דעם באַרימטן ענגלישן קאָלעדזש וויליאַם און מערי, אין וויליאַמסבורג, ווירדזשיניע. ער שטודירט יוריספּרודענץ און ווערט אַ דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַט אין 1767. דאָס לאַנד האָט שוין דעמאָלט דערפילט דעם ערב־שטורעם. דזשעפערסאָן איז שוין דעמאָלט געווען פון די וואָס האָבן אים גע־געהאָלפן צעוויגן. ער ווערט טעטיק, פריער אין דער פּאָליטיק פון ווירדזשיניע קאָלאָניע, אין 1769, ווען ער ווערט דערוויילט אין דעם הויז פון דער ווירדזשיניער בירגער־פּאַלאַטע (האַוז אָוו בוירדזשעסעס) און שפּרייזט שנעל צו נאַציאָנאַלער אָנערקענונג, ווען ער ווערט אין 1775 דערוויילט צום קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס, און דערנאָך פאַרזיצער פון דעם קאָמיטעט צוצוגרייטן די דעקלאַראַציע וועגן אומאָפּהענגיקייט.

זינט זיין אָנוואורף איז אָנגענומען געוואָרן אין דער פאָרם פון דער דעקלאַראַציע, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דעם 4טן יולי, 1776, האָט זיך שוין דזשעפערסאָן אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט פּאָליטיק. אַלס מיטגליד פון דעם „האַוז אָוו דעלעגעיטס״ אין ווירדזשיניע, אַרבעט ער צוויי יאָר אויף דער רעוויזיע פונעם ווירדזשיניער געזעץ־קאָדעקס. ער ווערט דערוויילט אין 1779 אַלס גאָווערנאָר פון ווירדזשיניע אויפן פּלאַץ פון פּאַטריק הענרי און דינט אָפּ צוויי טערמינען. אינעם צווייטן טערמין רייסן זיך שוין די ענגלענדער אַריין אין ווירדזשיניע. אין 1783 זעען מיר אים שוין אין קאָנגרעס, וואו ער אַרבעט פאַרן פּרינציפּ פון דעצימאַלס אין די נייע מטבעות.

שפּעטער ווערט ער, צוזאַמען מיט פראַנקלינען און אַדעמס׳ן, געשיקט,

אלס עמיסאַרן קיין איראָפּע, צו אַראַנזשירן קאָמערציעלע אָפּמאַכן. אין 1785 ווערט ער דער ערשטער יו״עס געזאַנדטער קיין פראַנקרייך. ווען ער קערט זיך אום צוריק אַהיים, אין 1789, ווערט ער באַשטימט פאַרן ערשטן מלוכה־סעקרעטאַר אונטער פּרעז. וואַשינגטאָן, האַלט אָן דעם אַמט ביז 1793. די אַמעריקאַנער שטאַטסלייט ווערן שאַרף צעטיילט אין דער פראַגע וויפיל דעמאָקראַטיע און וויפיל צענטראַליזירטע רעגירונג. דזשעפערסאָן פאַר־נעמט פונקט אַ פאַרקערטע פּאָזיציע ווי האַמילטאָן — ער האַלט, אַז די שטאַרקסטע מלוכה איז די ווייניקער צענטראַליזירטע. מען דאַרף לאָזן די הויפּט־מאַכט אין די הענט פונעם פאָלק אויף די ערטער, אין די שטאַטן. דעמאָלט איז דאָס נאָך געווען אַ וויכטיקער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ.

דזשעפערסאָן איז שפּעטער געוואָרן וויצע־פּרעזידענט אונטער דער אַד־מיניסטראַציע פונעם פּרעזידענט דזשאָן עדעמס — אַ פעדעראַליסטישער רע־אַקציאָנער — און כסדר געקעמפט מיט זיין פּאָליטיק. אין די וואַלן פון 1796 זיינען זיי געווען די איינציקע קאַנדידאַטן. דזשעפערסאָן האָט באַקו־מען מיט דריי שטימען ווייניקער. נאָך אינעם קאַמף קעגן דער רעאַקציע און „סעדישאָן־געזעצן" איז ערשט דזשעפערסאָן דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט אין יאָר 1800, און אַראָן באַיר אַלס וויצע־פּרעזידענט.

דאָס איז נישט דער פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע אויפטואונגען פון דעם דאָזיקן גרויסן פּרעזידענט. וועלן מיר דערמאָנען בלויז די סאַמע וויכטיקסטע — די אָפּשאַפונג פון די מכשפה־געזעצן — די „סעדישאָן־געזעצן", דער „לואיזיאַנאַ אויפקויף" אין 1803, וואָס האָט גוואַלטיק אויסגעברייט די גרעניצן פון די יונגע דרייצן שטאַטן און געשאַפן נייע, די באַגרעניצטע אָפּשאַפונג פונעם שקלאַפן־האַנדל, די רעפּובליקאַניזירונג פון דער רעגי־רונגס־מאַשין, און פונעם „ווייסן־הויז", די לואיס קלאַרק עקספּעדיציע אויס־צופאָרשן די צפון־מערב געגנטן, די אויסראָטונג פון פּיראַטן אינעם אָקעאַן־וועג פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אין מיטללענדישן ים, און די דער־מוטיקונג פון פולטאָנען צו פאַרענדיקן זיין דאַמפשיף.

אויסער דעם וואָס דאָס ביסל יידן האָט אויך געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם אונטער זיין אַדמיניסטראַציע, פירן יידן נאָך מיט דזשעפערסאָנען אַ חשבון, וואָס אַ ריי נישט־יידישע ווי אויך יידישע היסטאָריקער פאַרגעסן. דזשעפערסאָן איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט אַ פּאַטש צו טאָן אין פּנים די יידן־שונאים אין מערילאַנד, וואָס האָבן געקעמפט מיט „ציין און נעגל" קעגן באַוויליקן יידן אַלע פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט. דער פּאַטש איז געווען אַ הילכיקער: ער האָט באַשטימט דעם יידן ראובן עטטינג (1848—1762) פאַר יו״עס מאַרשאַל אין מערילאַנד, אין 1801. דאָס האָט שפּעטער געדינט אין די הענט פון די קעמפער פאַר יידן־רעכט צו באַווייזן די ווידערשפּרעכלעכקייט פון די ענגהאַרציקע פאַנאַטיקער, וואָס האָט גע־קענט קלינגען ווי די לעכערלעכקייט צו פאַרווערן אַ יידן צו זיין אַן ערשט־קלאַסיקער מאַטראָס אויף אַ שיף, בעת אַ ייד איז אַ קאָמאַנדאַר.

פון אינקוויזיציע צו רייכטום
צו אַ טראַגישן טויט

(וועגן אהרן לאָפּעז)

אהרן לאָפּעז, אַ גרויסער אונטערנע־מערישער סוחר, וועמען עזרא סטאַילס, דער פּרעזידענט פון יעילער אוניווער־זיטעט, רימט אַזוי פיל אין זיין טאָג־בוך, האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער יידישער סוחרים־פאַמיליע אין פּאָרטו־גאַל. איבער 250 יאָר האָט די דאָזיקע מאַראַנען־פאַמיליע געלעבט אָפיציעל אַלס קריסטן. ערשט אין יאָר 1750 איז דער דאָזיקער פאַמיליע געלונגען צו ליקווידירן ווי עס איז אירע גע־שעפטן און אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, און באַזעצט זיך אין ניו פּאָרט, ראָוד איילאַנד.

אין דער זעלבער צייט זיינען נאָך אַ ריי יידן אָנגעקומען קיין ניופּאָרט. איינער פון זיי, יעקב (ראָדריגעז) ריוועראַ, איז אַנטלאָפן פון שפּאַניע. זייער אונטערנעמונגס־גייסט און דורות־לאַנגע געשעפטס־פּיאיקייטן האָט זיי פיל אַרויסגעהאָלפן אין ניופּאָרט צו ווערן פון די רייכסטע מענטשן אין שטאָט. אהרן לאָפּעז איז אינגיכן געוואָרן ריוועראַס איידעם און די דאָזיקע צוויי מחותנישע פאַמיליעס זיינען אין אַ קורצער צייט געוואָרן די גרינדער פון נייע אינדוסטריעס אין שטאָט מיט ברייטע און ווייטע פאַרצווייגונגען.

אהרן לאָפּעז איז געבאָרן געוואָרן אינעם יאָר 1731. ווען ער איז אָנ־געקומען קיין אַמעריקע איז ער נאָך געווען אַ יונגער בחור, קוים 19 יאָר אַלט. ער האָט אָבער שנעל באַהערשט די ענגלישע שפּראַך און אין משך פון 11 יאָר זיך דערוואָרבן אַ היפּשן נאָמען און גרויס חשיבות אין האנדל, גענוג אַז ער זאָל קענען מאַכן אַן אַפּליקאַציע פאַר בירגערשאַפט. אָבער ווען זיין אַפּליקאַציע איז פאָרגעבראַכט געוואָרן אינעם העכסטן געריכט (סופּיריאָר קאָורט) פון ראָוד איילענד האָט אים דאָס געריכט, דעם 11טן מערץ, 1762, אָפּגעזאָגט אין זיין בקשה. דער תירוץ איז געווען, אַז „די קאָלאָניע איז שוין אַ פולע און אַז בלויז קריסטן קען מען נאָך נאַטוראַליזירן". צוזאַמען מיט אים איז אויך אָפּגעזאָגט געוואָרן פון נאַטוראַליזאַציע אַ צווייטער סוחר אייזאַק עליזער. אגב, איז אהרן לאָפּעזעס עלטערער ברודער, משה, אַ כעמי־קער, וואָס איז אָנגעקומען אין ניופּאָרט מיט עטלעכע יאָר פריער, אויך נישט געוואָרן קיין בירגער, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט דערפונדן אַן איינגאַרטיקן פּראָצעס פאַר פּראָדוצירן פּאָטאַש.

אָבער יאָ־בירגער, נישט־בירגער, די רייכע יידן אין ניופּאָרט האָבן ארויסגעקריגן בירגער־פּאַפּירן אין ניו־יאָרק און אין מאַסאַטשוזעטס, און געהאַט געגוג פּריווילעגיעס, ווען זיי האָבן דערגרייכט הויכע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. דער דערמאָנטער יעקב ריווערא, אהרן לאָפּעזעס שווער, איז גע־וואָרן באַרימט מיט זיין אויל־אינדוסטריע, וואָס ער האָט אַנטוויקלט פון וואַלפיש. אויך זיין איידעם אהרן לאָפּעז האָט זיך אויסגעצייכנט אויף דעם געביט. ווען אים האָט מען געשריבן, אַז „ער האָט אויסגעברייטערט די געשעפטן פון וואַל־פישעריי אַזוי ווייט ווי די פאַלקלאַנד אינזלען".

אין זיין דערמאָנטן טאָגבוך שרייבט עזרא סטאַילס וועגן אהרן לאָפּעז, אַז „אין ערנהאַפטיקייט און סוחרישער ברייטקייט איז צו אים קיין גלייכן נישט געווען אין גאַנץ אַמעריקע".

שוין אַרום יאָר 1760 האָט ניופּאָרט געהאַט זיבעצן ליכט־פאַבריקן און אייל־ראַפינעריעס פון וואַל־פיש. זיי האָבן אויך געהאַט 22 שנאַפּס־ברויזן, פיר צוקער־ראַפינעריעס, פינף שטריק־שעפער און אַ ריי מעבל־פאַבריקן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן היימישן מאַרק, ווי אויך פאַרן עקספּאָרט. עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די שנאַפּס־פאַבריקן קומט נישט די יידישע אינ־דוסטריאַליסטן קיין באַזונדערן „קניפּ אין בעקל". די שנאַפּס־פאַבריקאַציע און דער סיראָפּ־אימפּאָרט איז געווען פאַרבונדן מיטן שקלאַפן־האַנדל, אין וועלכן אהרן לאָפּעז האָט געהאַט אַ היפּשן חלק.

ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן האָט אהרן לאָפּעז געהאַט, צווישן אַנדערע פאַרמעגנס, אַ פלאָט פון איבער דרייסיק שיפן. זיי זיינען אָבער צערויבט געוואָרן פון די ענגלישע און העסישע טרופּן. אַרום 480 הייזער — יידישע און נים־יידישע — זיינען דעמאָלט פאַרניכטעט געוואָרן. לאָפּעז האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן. זיין זכות איז געווען, וואָס ער האָט נישט אונ־טערגעשריבן דעם אָפּמאַך פון „נישט אימפּאָרטירן" פון ענגלאַנד. אָבער ער איז געווען אַן אָנהענגער פון דער רעוואָלוציע.

אהרן לאָפּעז איז מיט זיין שווער, ריווערא, און איידעם אברהם פּערעירא מענדעז, אוועק קיין לייסטער, מאַסאַטשוזעטס, וואו זיי זיינען געווען ביז עס איז געוואָרן אַ וואָפן־שטילשטאַנד. עס איז אים שוין אָבער נישט באַשערט געווען צו זען ווידער זיין וואוינשטאָט ניופּאָרט. אויפן וועג אַהיים איז ער פאַרקראָכן אין אַ זומפּ, וואו ער איז איינגעזונקען. ערשט, ווען מ'האָט אים שפּעטער געפונען, האָט מען אים געבראַכט צו קבורה אין ניופּאָרט.

אהרן לאָפּעז, וואָס איז געווען יאָרן־לאַנג אַ יידישער כלל־טוער און מעצענאַט פון אַלגעמיינער בילדונג — ער האָט געלאָזן אין זיין צוואה אַ היפּשע סומע צו גרינדן די אַקאַדעמיע אין לייסטער און פאַר אַ ביבליאָטעק — איז פונדעסטוועגן געשטאָרבן אין אַ באַנקראָטירטן צושטאַנד. ער האָט אין משך פון דער רעוואָלוציע געהעכערט די פּרייזן אויף זיינע סחורות פון פיר ביז זעקס מאָל. אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן.

די באַרימטע גראַץ־פאַמיליע

גבירים אדירים־ספעקולאַנטן
פון אַ נאָדל ביז ברילייאַנטן;
רפואה־פילן ביז טעקסטמילן,
פון די תבואות ביז די מילן.

די ראָל פונעם סוחרישן קלאַס אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז אין אָנהויב געווען אַ פּראָגרעסיווע. מיט די קליינע אויסנאַמען פון יענע סוחרים, וואָס זיינען געווען די „פּאַר־ריאַטשיקעס", די צושטעלער פון פּראָ־וויאַנט, און צומאָל אפילו שיפן און געווער צו דער ענגלישער הערשאַפט און די פאַרמיטלער מיט די קאָמער־ציעל־פינאַנציעלע קרייזן אין לאָנדאָן, זיינען זיי געווען פאַראינטערעסירט אין זעלבסטשטענדיקייט און אין אַ רעפּובליקאַנער רעגירונגס־פאָרם.

אין דעם פּרט איז דער קליינער, אָבער סאָלידער יידישער סוחרים־קלאַס אויך נישט געווען קיין אויסנאַם. פאַרקערט: ער איז נאָך מער געווען פאַר־אינטערעסירט, צוליב זיין רעכטלאָזיקייט, אַראָפּצוראַמען דעם פעאָדאַלן שימל און עטאַבלירן אַ רעגירונג פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

נישט איין מאָל האָבן מיר אָנגעוויזן אויף דער דירעקטער באַטייליקונג פון די אָדער יענע יידן אין דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה אויף די שלאַכט־פעלדער — אין לאָנג־איילאַנד און פּרינסטאָן, אין יאָרקטאַון און ביי טרענ־טאָן. אָבער נאָך אַ גרעסערע ראָלע האָבן די יידישע סוחרים געשפּילט אין דער רעוואָלוציע אויף אַן אומדירעקטן אופן. זיי זיינען געווען צווישן די אומדערשראָקענע בירגער, וואָס זיינען נאָך מיט צען יאָר פריער, פאַרן ערשטן שאָס, אַרויסגעטראָטן אין פּראָטעסט און רעוואָלט קעגן די שווערע שטייערן, וואָס די ענגלישע מאָנאַרכיע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט ביים פירן האַנדל; קעגן די האַנדלס־באַגרעניצונגען און צוואַנגען צו האַנדלען בלויז מיט ענגלאַנד׳ס סחורות און דורך אירע קאָמוניקאַציעס.

דער באַרימטער יידישער סוחר מיכאל גראַץ איז געווען איינער פון די ניין יידן, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם נישט־האַנדל־אָפּמאַך קעגן ענג־לאַנד נאָך אינעם יאָר 1765.

מיכאל גראַץ איז געווען דער עלטסטער פון דער גראַץ פאַמיליע. ער איז געבאָרן געוואָרן אינעם יאָר 1733, און מערסטנס געוואוינט אין פילאַ־דעלפיע. ער האָט חתונה געהאַט מיט מרים סאַימאָן, אַ טאָכטער פונעם רייכן פעל און פעלץ־סוחר יוסף סאַימאָן, פון לאַנקאַסטער, פענסילווייניע. זיין ברודער בערנאַרד איז געווען מיט פינף יאָר יינגער פון אים.

מיר הערן שוין פון די גרויסע גראַץ־אונטערנעמונגען אין די פאַר־רעוואָלוציע יאָרן. זיי האָבן שוין דעמאָלט פיל אויסלענדישע האַנדלס־פאַר־בינדונגען, און ווען די ענגלישע קרוין האָט אַלץ מער און מער גענומען

ענג מאכן די אמעריקאנער און באגרעניצן זייערע האנדלס־פארבינדונגען בלויז צו די ענגלישע און שאטלענדישע סוחרים און פאבריקאנטן, האבן זיי צוזאמען מיט פיל געטראפענע נישט־יידישע סוחרים פראטעסטירט.

אויף אזא אופן האבן זיי זיך אין 1765 באטייליקט אינעם אפמאך פון די אמעריקאנער סוחרים צו באיקאטירן די ענגלישע סחורות און שיפן, צו רעוואלטירן קעגן דעם סטעמפ־אקט (אז יעדער האנדלס־ארטיקל מוז באגלייט ווערן מיט א טעקס, דורך האבן אויף זיך דעם ענגלישן סטעמפ, די נערבאווע האנדלס־מארקע).

דער האנדל פון די גראצ'ס איז שוין אנגעגאנגען לענגאויס די ברעגן פונעם אטלאנטישן אקעאן פון קוויבעק, קאנאדע, ביז ניו ארלינס, אין דרום. אבער דאס אונטערשרייבן דעם נישט־האנדל־אפמאך קעגן ענגלאנד, האט גלייכצייטיק געמיינט קלענערע געשעפטן אויפן געביט פון אינטערנאציאנאלן האנדל. די גראץ־סוחרים האבן זיך דאן מער גענומען צושלאגן צו די לאנדספעקולאציעס אין דער וועסט, אין דער אזוי־גערופענער „אילינאי־טעריטאריע".

די דאזיקע לאנד־ספעקולאציעס זיינען אויך געווען פארבאטן פון דער ענגלישער קרוין. זי האט נישט דערלויבט די קאלאניסטן צו רוקן זיך ווייטער אינעם הינטערלאנד פון די מערב־געגנטן. צווישן אירע נייע שטרענגערע באגרעניצונגען איז אויך געווען די באוואוסטע פראקלאמאציע פון 1763, וואס האט פארבאטן וועלכע עס איז קאלאניאלע ישובים אויף יענער זייט פון די אלעגהעיני בערג, דערפאר, ווייל אזעלכע ישובים וועלן זיין מחוץ דעם גרעניץ פון דער ענגלישער מאכט. דארט האבן נאך רעגירט די פראנצויזן און שפאניער.

אבער גראד דאס האט אנגערעגט אונטערנעמערישע ספעקולאנטן אריינצודרינגען וואס טיפער אין אזעלכע וייטע מקומות — צו גרינדן וואס מער אזעלכע ישובים און פארוואנדלען זייערע לאנד־שטרעקעס, וואס זיי האבן געקויפט פאר צענדליקער פונטן, אין רייכע קוואלן פון א פראפיט־פעטן באדן־האנדל.

פון די בריוו צווישן די צוויי ברידער — פון מיכאל'ן צו בערנארד'ן (בערנארד גראץ איז געבארן געווארן אין 1738 און געשטארבן אין 1881), וואס זיינען פארעפנטלעכט אין מאריס שאפעסי „דאקומענטארי היסטארי אוו דהי דזשוס אין דהי יו־עס", זעען מיר, אז זיי זיינען שוין געקומען, אין זייערע לאנד־אויפקויפונגען, צו א צוזאמענשטויס, צוזאמען מיט זייער שותף דוד פראנקס, מיט דער ריזיקער, מאנאפאליזירטער באדן־פירמע פון דער „אילינאי קאנטרי". די גראצ'ס זיינען געווען זיגרייך. דוד פראנקס, וואס איז געווען א טארי, האט געהאט אין לאנדאן א היפשן איינפלוס אין קעניגלעכן הויף, אזוי אז די מאנאפאל־פירמע פון „בעינטאן, ווהארטאן און מארגאן" איז אויסגעמאנעווירט געווארן. דאס איז נאך געווען אין יאר 1770.

די גראַצ׳ס האָבן אין פרילינג פון 1779 דורכגעפירט אַ צוזאַמענגוס פון פריערדיקע צוויי קאָמפּאַניס און געשאַפן די נייע „אילינאָי און וואַבאַש קאָמפּאַני״. בערנאַרד גראַץ איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַני. צווישן די שותפים געפינען מיר דעם באַרימטן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט און שטאַטסמאַן ראָבערט מאָריס, דעם פּאַריזער באַנקיר פערדינאַנד גראַנד און קאָנראַד זשעראַרד, דער פראַנצויזישער גזאַנדטער. מעגלעך, אַז גרויסע טיילן פון דעם לאַנד, אויף וועלכן די קאָמפּאַני האָט אָפּערירט, האָט באַלאַנגט צו פראַנקרייך.

די גראַצ׳ס האָבן אַפילו געהאַט אַ דערפאָלג אין אַ געריכט־פּראָצעס קעגן אַ נישט־יידן, אין אַ פאַל, וואו מען וואָלט עס קוים דערוואַרט. דאָס איז געווען דער משפּט מיט אַ וועסטפאַל. מיכאל גראַץ האָט געמאַכט מיט אים אַ קאָנטראַקט צו טראַנספּאָרטירן פאַר אים די קאָנאָפּליעס (העמפּ־) גערעטעניש פון העמפּשאַיר קאַונטי, ווירדזשיניע, און ער, מיכאל גראַץ, זאָל צושטעלן דאָס געלט. אָבער ווען די קאָלאָניסטן פון דער קאַונטי האָבן רעוואָלטירט קעגן די הויכע קריגס־שטייערן, האָט וועסטפאַל וואָלונטירט אין דער מיליציע, וואָס האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד. נאָר די פאַרמער האָבן זיך דערנאָך אָפּגעזאָגט צו האָבן צו טאָן מיט דעם דאָזיקן וועסט־פאַלן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים איבערצוגעבן זייערע גערעטענישן.

גראַץ האָט אָנגעקלאָגט וועסטפאַל׳ן אין געריכט פאַר ברעכן דעם קאָנ־טראַקט. וועסטפאַל האָט זיך גענומען צו הילף די פאָן פון פּאַטריאָטיזם. „עס איז געווען מיין פליכט אַלס לאָיאַלער בירגער צו ברעכן דעם רעוואָלט פון די קאָלאָניסטן — יאָ קאָנאָפּליעס, נישט קאָנאָפּליעס״. אָבער די מערכה פון די גראַצ׳ס איז געווען אַזוי הויך, אַז דאָס געריכט האָט גוט־געהייסן גראַצ׳ס מאָנונגען פאַר זיין שאָדן.

די „אילינאָי און וואַבאַש קאָמפּאַני״ פון די גראַצ׳ס און זייערע שותפים איז אָנגעגאַנגען פינף יאָר מיט אירע ריזיקע לאַנד־געשעפטן. איין שטיק לאַנד אליין האָט פאַרנומען ניין טויזנט און פופציק אַקער. ווי מיכאל גראַץ דערמאָנט אין אַ בריוו, איז „דאָס לאַנד נאָענט צו אַ שטאָט און האָט אַ גרויסן ווערט״.

עס הויבט אָן צו שווינדלען אין די אויגן, ווען איר לייענט איינעם פון די בריוו, וואָס מיכאל גראַץ שרייבט צו זיין ברודער און דערמאָנט אַ ריי נעמען פון מענטשן, מיט וועלכע עס גייען אָן געוויסע קאָנפליקטן, פּראָ־צעסן, תביעות און תרעומות. פון אַן אַנדער בריוו זעט איר בכלל מיט וויפל אונטערנעמונגען ס׳האָט דער דאָזיקער פערטל־גראַמאָטנער מענטש זיך אַרומגעטראָגן!

אָט זעט איר עס רעדט זיך דאָרט וועגן טעקסטיל־סחורות, לייוונטן, קאָלדרעס, קאַוויאָרן (טאַפּעטן); אין אַן אַנדער פּלאַץ האַנדלט זיך עס וועגן „מאָנטגאָמערי און אָהאיאָ לענדערייען״, אין אַ צווייטן פּלאַץ וועגן אַן

„איינצל געשעפט אין וויליאַמסבורג". מיר האָבן שוין פריער געזען, אַז די גראַצ'ס האָבן אָפּגעקויפט פון אַ קאָונטי די גאַנצע קאָנאָפּליעס גערעטעניש.

צו דעם אַלעם וויסן מיר, אַז די גראַצ'ס זיינען, אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה מיט ענגלאַנד, געווען אויך אין די „פּריוואַטיר"-געשעפטן. אַמעריקאַנער סוחרים פלעגן מיט באַוואָפנטע שיפן אָנפאַלן אויף ענגלישע האַנדלס-שיפן, צונעמען פאַר זיך אַלץ, וואָס אויף זיי האָט זיך געפונען און נאָך פאַרהאַלטן די פאַרכאַפּטע מאַנשאַפטן אַלס קריגס-געפאַנגענע. די רעגירונג איז אין אָנהויב געווען אַ שטיקל שותף צו די דאָזיקע איבערפאַלן, אָבער שפּעטער איז עס געווען אויסשליסלעך אַ גוט-געשעפט פאַר פּריוואַטן איינקונפט. די רעגירונג פלעגט אפילו צאָלן, פאַר יעדן פאַרכאַפּטן מאַטראָס פונעם שונא, צוואַנציק דאָלאַר. אָבער דאָס האָט געהאָלפן געווינען דעם קאַמף קעגן ענגלאַנד.

צווישן די דאָקומענטן אין דער ניו יאָרקער „פּאָבליק לאַיברערי" געפינט זיך אין מאַנוסקריפּט אַ חשבון צווישן מיכאל גראַץ און קאַרטער בראַקסטאָן, אַ חשוב'ער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אַ גע'חתמ'עטער אויף דער היסטאָרישער „דעקלאַרעישאָן אָוו אינדעפּענדענס" אין נאָמען פוןווירדזשיניע. דער חשבון איז דאַטירט 1777 און ווייזט, אַז עס קומט אַרויס גראַצ'ן אַרום טויזנט און 270 פונט פון די פּריוואַטיר-שיפן.

מיכאל גראַץ האָט אויך אין מלחמה-צייט זיך באַשעפטיקט מיט צושטעלן פּראָוויאַנט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. אינעם „דזשורנאַל אָוו די קאָמיטי אָוו סעיפטי אָוו ווירדזשיניא", דאַטירט וויליאַמסבורג, מערץ 26, 1776, געפינט זיך אַן אָרדער אויסצוצאָלן מיכאל גראַצ'ן פון פילאַדעלפיע אַכט און צוואַנציק הונדערט פונט פאַר פאַרשיידענע סחורות. דער זעלבער קאָמיטעט האָט, אין יוני, 1776, אַרויסגעגעבן אַן אָרדער אויסצוצאָלן 708 פונט און 78 דאָלאַר פאַר פאַרשידענע טעקסטיל-סחורות.

פאַר דער גרעסטער צאָל צושטעלער פון מלחמה-פּראָוויאַנט האָט דער קאָנגרעס באַצאָלט נאָך דער מלחמה מיט לענדערייען. קענטיק, אַז אויך די גראַצ'ס האָבן דורך די רעגירונגס-לענדערייען געקראָגן אָפּגעצאָלט פאַר פריערדיקע פּראָוויאַנט-צושטעלונגען.

אָבער ווען די שפּעטערדיקע ספּעקולאַציעס, פון די לאַנד-ספּעקולאַנטן, זיינען געקומען אין קאָנפליקט מיט די לאַנד שטחים, וואָס די רעגירונג האָט זיך פאַרפליכטעט צו געבן די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן, איז שוין די ראָלע פון די גראַצ'ס אין ווידערשטעלן זיך קעגן די אָרעמע אויסגעדינטע סאָלדאַטן געווען נישט אַזאַ, וואָס קען זיי געבן געשיכטלעכן כבוד. ווי אַלע ספּעקולאַנטן האָבן זיי זיך באַנוצט מיט די אומזויבערסטע מיטלען אָנצוהאַלטן זייערע פאַרמעגנס.

אין יידישע ענינים האָבן זיך די גראַצ'ס אויך דאָ און דאָרטן געלאָזט הערן. אָבער אַ וויכטיקערן פּלאַץ האָט גראַץ געלאָזן פאַר זיין טאָכטער.

משה יודא — קעמפער קעגן שקלאַפעריי

מיטן יושר פון אַ בודהאַ
האָט געלעבט דאָן משה יודא,
פיינט פון האַרן, פריינט פון
שקלאַפן
און אַ פרייען מענטש באַשאַפן.

דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז אין די זיבעציקער יאָרן פונעם 18טן יאָרהונדערט קעגן דער טיראַנישער הערשאַפט פונעם ענגלישן אימפעריאַ־ליזם, האָט באַדייטנדיק גערייניקט די אַטמאָספערע פון מכשפה־ברענענישן און היפאָקריטישקייט און בּיסלעכוויז געשאַפן אַ באָדן פון אַ קלאָרערן באַ־גריף וועגן פרייהייט.

אינעם זעלבן יאָר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציאָנערע מלחמה קעגן ענגלאַנד, — אין 1775, — איז אין פענסילוועניע געגרינדעט געוואָרן די ערשטע געזעלשאַפט פאַר דער אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי. איין יאָר פאַר דער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט" איז שוין געווען אַ גרו־פּע מענטשן, וועמען עס איז געווען דערווידער דער סדר־העולם פון שקלאַ־פעריי און וועלכע האָבן דערקלערט איר קריג.

מיר ווייסן נישט צי עס זיינען שוין דעמאָלט געווען יידן, וואָס האָבן אויף אַן אָרגאַניזירטן און סיסטעמאַטישן אופן זיך באַטייליקט וואו עס איז אין אַזעלכע טעטיקייטן. די צאָל פון די ערשטע אַבאָליציאָניסטן איז געווען בכלל זייער קליין. עס האָט געדויערט צען יאָר ביז אין ניו יאָרק האָט זיך אויך אָרגאַניזירט אַזאַ געזעלשאַפט. איר גרינדונג איז פאָרגעקומען דעם 25טן יאַנואַר, 1785. זי איז אַרויסגערופן געוואָרן צו פּראַקטישער אַרבעט, נאָכדעם ווי עס זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צוריק אָנצוטאָן קייטן אויף באַפרייטע נעגער און זיי ווידער צו פאַרשקלאַפן און פאַרקויפן.

דאָס איז שוין נישט געווען אַ יאַגד אויף מענטשן ערגעץ אין די האַלב־ווילדערנישן פון אַפריקע, וואו מ'כאַפּט זיי און מ'בינדט זיי און מ'פאַר־שלעפּט זיי אויף טויזנטער מײַלן ווייט פון זייער געבורטסלאַנד, אונטער פּרעמדע הימלען, פּירונגען, שפּראַכן און פאַריאַכונגען. דאָס איז פאָרגעקור־מען אין ניו־יאָרק. מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעשקלאַפט ווער ווייסט ווי לאַנג, און זיינען גליקלעכערוויז שוין באַפרייט געוואָרן, באַזאָרגט מיט דאָ־קומענטן און גרייט צו אַרבעטן ווי פרייע מענטשן, זיינען ווידער אַריינגע־פאַלן אין דער נעץ פון כאַפער און שקלאַפנהענדלער. די דאָזיקע באַפרייטע נעגער זיינען געווען עלנט ווי שטיינער. זייערע נאָענטסטע זיינען געווען פון זיי ווייט און אַליין הילפלאָז, אַליין שקלאַפן און אַליין געקויפטע און פאַר־קויפטע.

דער ציל פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט איז דעריבער געווען, לויט ווי עס זאָגט זיך אין דעם פאָרוואָרט צו דער קאָנסטיטוציע צו העלפן די נעגער, „וואָס זיינען עלנט, אָן פריינט און אָן וויסן; וואָס ראַנגלען זיך מיט אָרעמקייט; און, צוגעוואוינט שוין צו אונטערטעניקייט זיינען זיי אין אַ אומגינסטיקער לאַגע צו באַשטיין אויף זייערע רעכט".

מיר ווייסן ווידער נישט צי וועלכע עס איז יידן האָבן זיך דעמאָלט אַנגעשלאָסן אָן דער דאָזיקער געזעלשאַפט. אָבער פון די פּראָטאָקאָלן פון דער דערמאָנטער ניו יאָרקער געזעלשאַפט, וואָס טיילן פון זיי האָט פאַר־עפנטלעכט מאַריס יו. שאַפּעס אין זיין „דאָקומענטאַרע געשיכטע פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן" געפינען מיר דעם יידן משה (מאָזעס) יודא (דזשודא), ווי אַן אַקטיוון מיטגליד אין דער דערמאָנטער געזעלשאַפט. איפּ צוזאַמען מיט נאָך איינעם אָדער צוויי מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט זיינען איבערגעגעבן געוואָרן ניין פאַלן פון די דערמאָנטע פאַרכאַפּונגען — צו ראַטעווען זיי פון די פאַרשקלאַפּערישע לאַפּעס.

לאָמיר געדענקען, אַז אין דער צייט, וואָס אין דער אַלטער ביבלישער געזעצגעבונג הויבט זיך אַרויס פון דער סאַמע מיטן פון דער שקלאַפן־געזעלשאַפט, אַזאַ הומאַנער פאַרבאָט, ווי „לא תסגיר עבד אל אדוניו" (דו זאָלסט נישט אַרויסגעבן קיין [אַנטלאָפענעם] קנעכט צו זיין האַר"), האָט נאָך אַ „סופרים קאָורט" אין רעכטן מיטן פונעם 19טן יאָרהונדערט אין אונדזער לאַנד אַרויסגעטראָגן זיין אַנטריסטנדיקן אורטייל אין דעם „דרעד־סקאַט" משפט, וואָס איז געווען, אין זיין גאַנצן גייסט, אין קעגנזאַץ צום ביבלישן הומאַניטאַרן פאַרבאָט. אין אַ צייט, ווען די פאָטערס פון דער קאָנסטיטוציע און די מערסטע פירער פון דער רעוואָלוציע קעגן דער ענג־לישער פאַריאָכונג, זיינען אַליין געווען שקלאַפנהאַלטער, אין דער אָדער יענער פאָרם, האָט מען געדאַרפט האָבן פיל מוט און פּרינציפּן־אויסגע־האַלטנקייט, נישט בלויז צו גרינדן, אָדער זיין מיטגלידער אין אַזאַ געזעל־שאַפט, נאָר אויך דורכצופירן אין דער פּראַקטיק אירע באַשלוסן, נישט קוקנ־דיק אויף געפאַר און קאָסט.

וואו און ווען משה יודא איז געבאָרן געוואָרן איז נאָך ביז איצט נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. אַזאַ ייד אינטערעסירט אונדז גראָד צו וויסן זיין אָפּשטאַם און הינטערגרונט. שאַפּעס דערציילט אין זיינע נאָטיצן וועגן דעם ענין, אַז משה יודא איז אַלס יונגער מאַן, צווישן די יאָרן 1796 און 1800, געווען אַ שותף אין דער פירמע פון „דאַנלעפּ ענד דזשודא", אַ „גע־שעפט פון שפּיגלען און אייזנוואַרג".

שאַפּעס ווייס אויך צו דערציילן נאָך אייניקע איינצלהייטן וועגן דעם דאָזיקן ערשטן יידישן קעמפער קעגן נעגער־שקלאַפעריי, אויפן גרונט פון אַ ריי אונטערזוכטע דאָקומענטן, אַז צווישן די יאָרן 1804 און 1815 האָט משה יודא געהאַט אַ געשעפט אויף 253 און שפּעטער 263 פּוירל סטריט.

דאָס איז געווען אויך זיין אַדרעס, ווען ער איז געווען אין דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט.

קענטיק, אַז משה יודא איז געבליבן אַ מיטגליד אין דער געזעלשאַפט אפילו נאָך 1809, ווייל מ׳געפינט נישט אין די פּראָטאָקאָלן פון דער געזעל־שאַפט, אַז ער זאָל האָבן רעזיגנירט, ווי דאָס איז דער פאַל מיט אַנדערע מיטגלידער. אין דער צייט, וואָס ער איז געווען אַקטיוו האָט ער טאַקע גע־האָלפן אין אַ ריי פאַלן צו ראַטעווען הילפלאָזע באַפרייטע נעגער פון ווייַ־טערדיקער פאַרשקלאַפונג. דער אַקציאָנס־קאָמיטעט, אין וועלכן ער איז גע־ווען, האָט אין די פיר יאָר באַפרייט פופציק נעגער.

די געזעלשאַפט איז קענטיק געווען אַ הויך־דיסציפּלינירטע קערפּער־שאַפט און נישט יעדן איינעם האָט מען גלייך אַריינגענומען — (אפשר צו־ליב מורא פאַר פּראָוואָקאַטאָרן און שפּיאָנען). אַזוי זעען מיר, אַז משה יודא איז נאָמינירט געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון דער דערמאָנטער געזעל־שאַפט פון ווילעם סימען, דעם 21טן מאַי, 1799. ער איז געווען אַ קאַנדי־דאַט פאַר דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט (סטענדיג קאָמיטע) דעם 30טן נאָוועמ־בער, 1803 און דערוויילט געוואָרן ערשט דעם 11טן נאָוועמבער, 1806.

אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָט אויך באַלאַנגט שפּעטער מרדכי מייערס. עס איז אַ חרפּה, וואָס צווישן די רירנדיקע פאַלן פון נעגערשע ווידערפאַרשקלאַפונגען נאָך דעם זיין אַ שטיקל צייט באַפרייט, זיינען אויך געווען פאַלן פון זעקס יידישע ווידער־פאַרכאַפּער, אין משך פון די יאָרן 1812 ביז 1831 — צווישן זיי אויך אַ געוויסע מרס. דזשודא... (זע דאָקו־מענט 60 און ז. 597, אין שאַפּעס׳ דאָקומענטאַרע יידישע געשיכטע).

אַלטער שטייגער־לעבן

זעט פאַרוואָס מ'האָט געקעמפט,
זעט פאַרוואָס מ'האָט דערוואָרגן;
אָט אַזוי האָט מען געלעבט,
אָט אַזוי איז מען געשטאָרבן.

אין זייער פיל פּרטים איז דאָס ייִדי־שע לעבן, אין דער קאָלאָניאַלער און נאָך־קאָלאָניאַלער עפּאָכע, געווען אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם קאָלאָניאַלן לעבן: קליינע, צעוואָרפענע ישובים, וועגן — בלאָטיקע, אומזי־כערע; לעבנס־סטאַנדאַרד בכלל און קולטורעלע ניוואָ — הינטערשטעליק. אַפילו מגפות פון פאַרשיידענע היץ־קראַנקייטן, ווי מאַלאַריע, געלער פי־בער, און אַנדערע, האָבן געקאָסט רעכטס און לינקס.

דאָס קהל'שע לעבן האָט זיך מערסטנס אויסגעדריקט אַרום די שטעטל־שע פאַרזאַמלונגען (טאַון מיטינגס). דאָ האָט מען פאַרהאַנדלט די פאַרשיי־דענע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, געשמועסט וועגן פּאָליטיק, אויסגעקליבן פאַר־טרעטער. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז געווען בלויז אַן ענין פאַר די פאַרמעגלעכערע. די אָרעמערע האָבן נישט געהאַט קיין שטים־רעכט און קיין דעה.

די פאַרמעגלעכערע האָבן זיך באַנוצט מיט שקלאַפן־אַרבעט אין די דרום־קאָלאָניעס און מיט שקלאַפן־דינער אויך אין ניי־ענגלאַנד. זיי פלעגן פאָרן אין בריטשקעס, אָדער רייטן אויף פערד פון איין קאָלאָניע צו דער צווייטער. אָבער קיין צופיל געמיינשאַפטלעכקייט און פריינטשאַפטלעכער פאַרקער צווישן די קאָלאָניעס איז נישט געווען. עס זיינען שטענדיק געווען אָנגעווייטיקטע פונקטן, איבער וועלכע מ'פלעגט זיך קריגן. אָפטמאָל פלעגן קריגעריייען אָנהאַלטן גאַנצן דורות, אַז מ'האָט שוין אַפילו נישט געוואוסט דעם אורשפּרונג פון דער קריגעריי, אָדער פיינטשאַפט.

אַ היפּש ביסל האָט געשטערט דעם פאַרקער די פאַרשיידן־שפּראַכיקייט פון די פאַרשיידענע קאָלאָניעס. ענגליש איז נאָך נישט אומעטום געווען די לאַנדסשפּראַך. געווען ערטער, וואו האָלענדיש איז נאָך געווען די אומגאַנגס־שפּראַך, צי דייטש, צי פראַנצויזיש, צי גאָר שפּאַניש אָדער פּאָרטוגעזיש.

אַלס כלל אָבער האָבן זיך ייִדן זייער שנעל אויסגעלערנט ענגליש. די אָפטע ייִדישע וואַנדערונגען און גירושים האָט פאַר זיי מעגלעך געמאַכט צו קאָנען „בייגן די צונג" און „איינברעכן זיך" אין נייע שפּראַכן.

דאָך זעען מיר, ווי נאָך אינעם 18טן יאָרהונדערט, ווען דער גרעסטער טייל אַריבערגעוואַנדערטע ייִדן זיינען נאָך פון ספרד'ישן אָפּשטאַם, איז שוין ייִדיש נישט קיין עקזאָטישע פלאַנץ אין אַמעריקע. ייִדן, געקומענע פון האָלאַנד, עלזאַס, פון פאַרשיידענע דייטשע מלוכות, פון אונגאַרן, פּוילן

— כאָטש נאָך א מינדערהייט צווישן די ספרד׳ישע יידן — רעדן יידיש און שרייבן זיך דורך, סיי געשעפטסמעסיק און סיי צוליב פריינטשאַפטלעכע אָדער פאַמיליע־באַציאונגען.

געשעפטן ווערן נאָך מערסטנס געפירט אָן ביכער און חשבונות. מ׳געדענקט אויפן קאָפּ. אפילו שותפים פון גרויסע געשעפטן פירן א מסחר צוזאַמען צענדליקער יאָרן „אָן ביכער־שמיבער".

גבירים זיינען שוין דעמאָלט געווען גרויסע חזירים. יהודה העיז, א יידישער ניו יאָרקער סוחר און שיף־אייגנטימער, פירט גרויסע מסחרים מיט חזיר־פלייש, מיט ביר און ראָם און מיט שקלאַפן פון באַרבאַדאָס און רעכנט אראָפּ 8 שילינג פאַר צעבראָכענע געפעס פון די שכירות פון זיין דינסט מעריאַן מעיהאָן (מ׳שטיינס געזאָגט: וויפל האָט עס געקאָנט באַטרעפן די גאַנצע שכירות).

זייער אָפט האָבן יידן און נישט־יידן געפירט בשותפות׳דיקע מסחרים. רייכע קריסטלעכע קינדער אַרבעטן אַלס אָנגעשטעלטע אומזיסט אין יידישע, געשעפטלעכע אונטערנעמונגען, כדי אויסצולערנען זיך יידישע ביזנעס־מעטאָדן.

אסימילאַציע און געמישטע הייראַטן זיינען אין יענע יאָרן פאָרגעקומען פיל מער ווי פאַרהעלטניסמעסיק איצט. עס פלעגט טרעפן, אַז אין איין פאַמיליע פלעגן זיין יידישע און קריסטלעכע קינדער, ווי דער פאַל פון בערנאַרד הארט. זיין ערשטע פרוי איז געווען א קריסטין און האָט דערצויגן די קינדער אַלס קריסטן, בעת די צווייטע פרוי זיינע, א יידישע, האָט דערצויגן אירע קינדער פון אים ווי יידן. זיין קריסטלעכער זון — הענרי הארט — איז דער פאָטער פון דעם אמעריקאַנער שרייבער ברעט הארט.

די פאַמיליעס זיינען געווען גרויסע. נישט קיין זעלטענע דערשיינונג פלעגט זיין א פאַמיליע פון איבער צען קינדער. יאָנאַס פיליפּס, דער באַקאַנטער יידישער פאַטריאָט־רעוואָלוציאָנער פון פילאַדעלפיע, האָט געהאַט 21 קינדער. אין אַזעלכע פאַמיליעס האָבן שוין די פרויען נישט געהאַט קיין צייט צו גיין צו א „מאַטינע", אָדער כאַפּן א שמועס וועגן פּאָליטיק.

פרויען, אין יענע צייטן, האָבן נישט בלויז געהאַט אויף זיך די הויזבאַלעבאַטישקייט, ווי מיר פאַרשטייען עס היינטיקע צייטן. זיי האָבן געדאַרפט אויך באַקן ברויט, נייען זיך קליידער, שפּינען וואָל אָדער פלאַקס, שטריקן זאָקן, פאַרריכטן וועש און אליין נייען נייע וועש, וואַשן גרעט, פרעסן און אכטונג געבן אויף די קינדער.

דערפאַר זיינען די מאַלצייטן געווען זייער באַשיידענע, אפילו אין באַלעבאַטישע הייזער. אויף פרישטיק איז געווען געגנג ברויט מיט קאַווע. מען האָט נישט געגעסן יעדן טאָג קיין פלייש, אָדער פיש. אָן עוף האָט מען זיך פאַרגונען בלויז אויף א יום־טוב אָדער אויף א שמחה.

די פרויען האָבן זיך נישט געמישט פיל אין געשעפטן און טאַקע גאָרנישט אין קהל׳שע זאַכן. אין קיין טעאַטער איז קיין באַלעבאַטישע פרוי

נישט נעגאַנגען. בכלל האָט מען אויפֿן טעאַטער געקוקט ווי אויף אַ טיר צום גיהנום, אויף די אַקטיאָרן — ווי אויף אַ כת־ליצנים. מ'האָט געדאַרפֿט זיין שוין אַ „מאָדערנער ראַדיקאַל", כדי צו לאָזן אַ באַלעבאַטישע פֿרוי גיין אין טעאַטער.

אַכט אַזייגער אין אָוונט איז שוין פֿאַר פֿרויען געווען אַ שפּעטע שעה. אָן באַגלייטונג האָט מען שוין קיין פֿרוי דעמאָלט נישט אַרויסגעלאָזט אויפֿן גאַס.

די פֿרויען־קליידער זיינען שוין אָבער געווען מאָדערנע, און קאָנסער־וואַטיווע שרייבער פֿון יענע צייטן באַקלאָגן זיך, וואָס די פֿרויען קרעמפּע־ווען זיך אַזוי אייַן אין קאָרסעטן. פֿאַרקערט: פּריוואָלע שרייבער באַקלאָגן זיך אויף די קרינאָלינעס מיט פֿישביין, אָדער דראָט, וואָס די פֿרויען טראָגן, אַז „מ'קאָן זיך צו זיי נישט צורירן".

ווען מאַנצבילן ריידן וועגן פֿרויען באַגעגענען מיר, אַז ביי די דייטשע יידן איז אַ פּוילישע דינסט־מיידל געווען אַ סטאַנדאַרד פֿון שיינקייט.

פֿון קיין פֿרויען־דאָקטאָרינס האָט מען נישט געוואוסט. מאַרגאַרעט דזשאָונס, די ערשטע פֿרוי־דאָקטאָר אין אַמעריקע, איז פֿאַראורטיילט גע־וואָרן אַלס מכשפה און איז אויפֿגעהאַנגען געוואָרן אויף דער תליה.

אַגב איז די „צניעות" געווען אַזוי גרויס, אַז אַ ריכטער האָט פֿאַר־אורטיילט אין מאַסאַטשוזעטס אַ מאַן, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פֿון אַ רייזע מעבר לים, פֿאַר צעקושן זיך מיט זיין פֿרוי אויף דעם שוועל פֿון זיין הויז אום זונטיק. דער ריכטער האָט עס אָנגערופֿן „אַ שענדלעכע טאַט".

ביי יידן אין אַמעריקע קומען אויך פֿאָר מחלוקת אין די שולן וועגן קהל'שע ענינים און וועגן ריטועלע כיבודים. יאָנאַס פֿיליפּס, וועלכער איז געווען איינער פֿון די הויפּט־גרינדער פֿון דער פֿילאַדעלפֿיער שול „מקוה ישראל", האָט זיך אויף אַזויפֿיל צעקריגט מיט די איבעריקע שול־פּירער, אַז ער האָט זיך צוריקגעצויגן פֿון זיין מיטגלידערשאַפֿט און אָנגעזאָגט זיי־נע קינדער אין דער צוואה, אַז אונטער קיין שום אומשטענדן זאָלן זיי אים נישט מקבר זיין אויף דעם בית עולם פֿון דער שול.

אין 18טן יאָרהונדערט זיינען, חוץ די יידישע סוחרים און קליינהענד־לער, אויך געווען יידישע בעלי־מלאכות, וואָס זיינען געווען קינסטלער אין זייער פֿאַך. ספּעציעל האָבן געהאַט אַ שם יידישע שניצער און באַגילדער, זייגערמאַכער, מעבל־טאַפּעצירער, פֿאַרבער, פּוטער־מאַכער, כאָטש ווייניק־וואָס שניידער און שוסטער. אין דער לער ביי די יידישע מלאכות פֿלעגט מען אָפּזיין ביז 21 יאָר און דער באַלעבאָס האָט געהאַט אַ רעכט אָנצו־ווענדן קלעפּ, ווען זיין לערן־ייִנגל האָט זיך נישט גוט אויפֿגעפֿירט.

די יידישע קינדער האָבן בלויז אין איינציקע ערטער באַקומען איין טאָג, אָדער צוויי טעג אין דער וואָך, אַ יידישע דערציאונג. און דאָס האָט אויך בלויז אָנגעהאַלטן ביז דער רבי אָדער לערער האָט באַקומען אַן אַנדער באַ־שעפֿטיקונג.

ראַבינסאָן — און זיין לאַנד פאַר יידן

ראַבינסאָן,
איז נישט קיין רבס זון,
אפילו קיין ייד נישט אינגאַנצן —
רופט ער באַזעצן יידן אויף לאַנד,
סעדער און גערטנער פאַרפלאַנצן.

א רוף צו אַלע יידן אין אייראָפּע צו קומען און באַזעצן זיך אין אַ פרישן, נאָך קנאַפּ־וואָס באַרירטן געגנט, אין די מערב־טעריטאָריעס פון צפון־אַמעריקע, איז דערשינען אין לאָנדאָן דעם 20טן אָקטאָבער, 1819.

דער רוף איז געווען פון אַ נישט־יידן, וואָס האָט קענטיק געפאָרשט די יידישע פּראָבלעם אין די אייראָפּייאישע לענדער און זי גאַנץ גוט פאַרשטאַנען.

דאָס איז געווען דער רוף פון וויליאַם דעיוויס ראָבינסאָן, אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין לאָנדאָן.

דער רוף איז דערשינען כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען מרדכי עמנואל נח (נויעך, נאָאַ) איז אין ניו יאָרק אַרויסגעקומען מיט זיין פּלאַן פון אַ יידישער מדינה אין גרענד־איילאַנד, ניו יאָרק. ביידע פּלענער זיינען אַרויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון אַ באַנייטער אַנטי־יידישער כוואַליע אין די אייראָפּעאישע לענדער, וואָס האָט גענומען שלאָגן גלייך נאָך נאַפּאָלעאָנ׳ס מפּלה. די פאַראייניקטע רעאַקציע פון צאַרישן רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן, מיט ענגלאַנד אין הינטערגרונט, האָט צוריק געבראַכט די פעאָדאַל־מאָנאַרכישע אַלטע געזעצן, איינגעשלאָסן אויך די דיסקרימינאַציעס קעגן די יידן. דאָס מעטעאָרישע ליכט, וואָס האָט פאַר זיי אַ בליץ געטאָן אין די זיגמאַרשן פון די נאַפּאָלעאָנישע אַרמייען, איז פאַרשוואונדן און די יידן־פראַגע — עקאָנאָמישע, רעכטלעכע און קולטורעלע, איז ווידער אַרויף אויף דער טאָג־אָרדענונג.

פון דעם רוף צו די יידן אין אייראָפּע איז נישט אַרויסגעקומען קיין בעסערער רעזולטאַט ווי פון נח׳ס. די יידן האָבן זיך דעמאָלט נישט אָפּגערופן, פונקט ווי זיי האָבן זיך נישט אָפּגערופן שפּעטער אויף אַנדערע אַזעלכע פּראָיעקטן. אָבער די דערשיינונג גופא פון דעם וויליאַם דעיווויס ראָבינסאָן, איז אַן אינטערעסאַנטע. און אויב פון זיין רוף איז בלויז געבליבן אַן אָפּגעדרוקטער פּאַמפלעט, איז ער אָבער, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, אינגאַנצן נישט געגאַנגען לאיבוד.

ווער איז ער געווען דער דאָזיקער אַמעריקאַנער בירגער אין לאָנדאָן, וואָס האָט אַרויסגעלאָזן אַזאַ רוף? וואָס האָט אים באַוואויגן זיך שטעלן אין דער זייער שיטערער ריי פון קעמפער פאַר יידישע אָרעמע מאַסן?

לײדער ווייסן מיר זייער ווייניק וועגן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן מענטשן, וואָס האָט קענטיק אַריינגעדרונגען אין דער יידישער פּראָבלעם פון יענער

צייט. די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דעם רוף ווי אויך, אין אַ באַ־גרעניצטער מאָס, מיט זיין פּערזענלעכקייט, קריגן מיר פון מאָריס שאַפּעס'עס „דאָקומענטאַרע געשיכטע פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן", אינעם דאָקומענט נומער 68. (זע דאָרט, ז"ז 141—147 און ז. 602).

וויליאַם ד. ראָבינסאָן איז געבאָרן געוואָרן אין פילאַדעלפיע, דעם 15טן אָקטאָבער, 1774, אין אַ פּרעסביטעריאַנישער פאַמיליע. וועגן זיין יוגנט און דערציאונג ווייסן מיר גאָרנישט. מיר באַקענען זיך ערשט מיט אים ווען ער איז שוין אַ מאַן פון איבער פערציק יאָר. ער איז דעמאָלט אַ סוחר, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן דרום־אַמעריקאַנער האַנדל און שטייט אין פאַר־בינדונגען מיט פירמעס אין באַלטימאָר און אין לאָנדאָן.

ער איז אָבער, ווי מיר וועלן באַלד זען, מער ווי אַ סוחר. זיין מוח אַרבעט אויף פּלענער ווי אַזוי צו באַפרייען אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפּ־טע. אין יאַנואַר, 1815, ווען עס איז נאָך אָנגעגאַנגען די מלחמה פון 1812, דערשיינט זיינס אַ פּאַמפלעט אין דזשאָרדזשטאַון, ד. ק. „אַן אייליקער בליק איבער שפּאַנישער אַמעריקע". ער שלאָגט דאָרט פאָר אַ פּלאַן ווי אַזוי אַ 15 ביז 20 טויזנט פרייוויליקע פון קענטאַקי און טענעסי, וואָלטן געקאָנט העלפן באַפרייען מעקסיקאָ פון דער שפּאַנישער פאַריאָכונג און גלייכצייטיק צונישט מאַכן די ענגלישע פּלענער צו פאַרכאַפּן דעם קאָנטראָל איבער דרום־אַמעריקע.

דאָס ווייזט אונדז שוין, אַז ראָבינסאָן האָט געהאַט אַ ברייטן בליק אויף דער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק פון יענער צייט, אויף אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלן מאַסשטאַב. ער האָט זיך גוט אָריענטירט אין דער פרייהייטס־באַ־וועגונג אין דרום־אַמעריקע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון סימאָן באָלי־וואַר און געפאָדערט, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן שטיצן זיין רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג. צווישן זיינע פּלענער איז שוין אויך געווען דער פּלאַן פונעם פּאַנאַמאַ קאַנאַל, וואָס איז ערשט פאַרווירקלעכט געוואָרן מיט הונדערט יאָר שפּעטער.

קענטיק, אַז ראָבינסאָן איז געווען אַ מענטש נישט בלויז פון פּלענער, נאָר אויך פון אַקציע. אין 1816 דרינגט ער אַריין פון ניו אָרלינס קיין מעק־סיקאָ אַלס אַ באַפולמעכטיקטער פון אַ ניו יאָרקער פירמע צו פאַרקויפן די מעקסיקאַנער רעוואָלוציאָנערן צען טויזנט ביקסן. די שפּאַנישע דעמאָלטיקע „עף־בי־אַי" — די געהיים־פּאָליציי האָט געהיט זיינע טריט און סוף כל סוף אים אַרעסטירט.

איבער איין יאָר איז ראָבינסאָן געזעסן אויף שפּאַנישע קעסט אין אַ טורמע. ענדלעך האָט מען אים געשיקט קיין קאַדיז (קאַדיקס). מיר זעען אים צוריק אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַרום אַפּריל, 1819. ער האָט קענ־טיק געהאַט פעסטע פאַרבינדונגען מיט די מעקסיקאַנער רעוואָלוציאָנערן און זיך אינטערעסירט מער ווי אַ געוויינלעכער סוחר אין דעם גאַנג פון דער

דאָרטיקער רעוואָלוציע. אויף דעם זאָגט עדות זיין ווערק „מעמוארס אָוו דהי מעקסיקען רעוואָלושאָן", וואָס איז דערשינען אין 1820. אַז דאָס איז געווען אַ קאָמפּעטענטע אַרבעט קען מען זען פון דעם, וואָס זי איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין לאָנדאָן אין 1821, אין האָלענדיש, אין האַארלעם, אין 1823, און אין שפּאַניש, אין לאָנדאָן, אין 1824.

אַלס כּלל איז ראָבינסאָנ׳ס רוף צו די יידן היפּשלעך ווייניקער פּרעטענציעז ווי עס איז געווען מרדכי עמנואל נח׳ס. נישט ער דערווײַלט זיך פאַר וועלכן עס איז גרויסן אַמט, נישט ער טיילט אויס אַמטן צו אַנדערע. ער איז פּראַקטישער און ממילא זאַכלעכער און ווייניקער באָמבאַסטיש וואָס שייך דעם פּלאַן גופא. אָבער ווי עס איז נאָר געקומען צו דערציילן דער וועלט וועגן די „אַמעריקאַנער גליקן", האָט אויך זיין פּען געכאַפּט אַ היפּשן פלי אין דער לופטן.

גראָד איז דער דאָזיקער פּאַמפלעט נישט געבליבן קיין סוד אין אַמעריקע, כאָטש ער איז דערשינען אין לאָנדאָן. אָבער די אומשטענדן, אין וועלכע מיר הערן פון אים, זיינען גראָד אַזעלכע, וואָס רייבן אָפּ אַ טייל פונעם גלאַנץ, וואָס ראָבינסאָן האָט צוגעגעבן דער נאָך יונגער, אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. ראָבינסאָנ׳ס מעמואר איז ציטירט געוואָרן טאַקע אין קאַמף פאַר יידישע רעכט אין מערילאַנד. גראָד איז דאָרט אויך דער קאַמף געפירט געוואָרן זייער פעאיק פון אַ נישט־יידן — פון דעם פּרעסביטעריאַנישן שאָטלענדער (סקאָטש) טאָמאַס קענעדי, וואָס האָט ראָבינסאָנ׳ס אַרגומענטן און פּלאַן געפונען צו זיין גוטע, פאַרלעסלעכע וואָפנס.

ראָבינסאָן הויבט אָן זיין ערשטן טעזיס, אַז עס איז גאָר „שווער אויסצומאָלן דעם גינסטיקן איינפלוס פונעם גייסט, וואָס שוועבט איבערן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָדעקס מיט אוניווערסאַלער טאָלעראַנץ. כדי מען זאָל עס ריכטיק אָפּשאַצן, מוז מען עס אַליין זען. אָבער דורך זיין ווירקונג שטייט די פאַראייניקטע שטאַטן ווי אַ שטאָלצער און דויערנדיקער מאָנומענט. די תּלמידים פון יעזוס קריסטוס, פון משה׳ן און פון מחמד׳ן קענען זיך צוזאַמענקומען אין נאָענטן באַריר, אין וועלכן עס איז טייל פון די אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן, אָן סימנים פון כעס און אייפערזוכט. דאָס איז דערפאַר, וואָס יעדערער פילט זיך אומאָפּהענגיק איינער פונעם צווייטן, און אַלע זיינען אויף אַ גלייכן אופן זיכער מיט דער באַשיצונג פון די געזעצן און פון די, וואָס פירן זיי דורך. אונטער די אומשטענדן, ווערן רעליגיעזע פאַנאַטיקער אין די פאַראייניקטע שטאַטן אינגאַנצן אומשעדלעך, און זייער איינפלוס פילט זיך אין אַ זייער באַגרעניצן קרייז..."

מיר קענען פאַרגעבן דעם דאָזיקן באַגייסטערטן מענטשן, וואָס קוקנדיק דורך זיינע ראָזעווע ברילן האָט ער פאַרפעלט צו זען די אמת׳ע קאָלירן און גרייסן פון די „רעליגיעזע פאַנאַטיקער". מיטן אויסנאַם פון די שטאַטן ווירדזשיניע, ניו יאָרק און פּענסילוועניע, זיינען נאָך געווען פיל אומגלייכ־

קייטן אין די געזעצן וועגן בירגערלעכע רעכט פאר יידן. שטארקע קאמפן וועגן דעם זיינען אנגעגאנגען אין נארט קאראלאינא, מערילאנד און אין אייר־ניקע שטאטן פון ניי־ענגלאנד. ניו העמשאיר האט ערשט דערלויבט יידן צו האלטן א רעגירונגס־אמט אין 1877 — הונדערט יאר נאך דער רעוואָ־לוציע!

אין זיין גערענקען־גאנג ווייזט ער אן דערנאך ווי קליין עס איז די יידישע אימיגראציע אין אמעריקע אין פארגלייך מיט אנדערע פעלקער־שאפטן. אבער גלייכצייטיק זעט ער אויך די אורזאכן: די יידן זיינען צו־געוואוינט אין איראפע צו די גרויס־שטעט, וואו מ׳קען האנדלען. זייער ווייניק פון זיי זיינען רייך. אבער אפילו די רייכע באגרענעצן זיך מערסטנס מיטן געלט־האנדל, באנקען און געלט־טוישער. די וואס זיינען געקומען קיין אמעריקע, זיינען אויך נישט קיין מעכאניקער, נישט קיין ארבעטער, בעלי־מלאכות, אדער וואס פארנעמען זיך מיט אגריקולטור. אויך זייערע קינדער זיינען עס נישט. די גרויסע מאסע ארעמע יידן אין איראפע, וואס נעמען זיך צו די סאמע קליינלעכע און שווערע באשעפטיקונגען, כדי צו קענען עקזיסטירן, זיינען אלץ אבער צווישן זיי נישטא קיין ערד־ארבעטער.

ראבינסאן דערקלערט גלייך, אז דאס איז נישט צוליב דעם, וואס יידן האבן מורא פאר שווערער ארבעט, וואס זיי האבן נישט קיין פעאיקייט אדער ענערגיע, נאר דערפאר, וואס זיי זיינען מסתמא נישט זיכער מיט זייער סאציאלער און פאליטישער עקזיסטענץ... אין דעם זיינען אויך, האלט ער, שולדיק די געוואוינהייטן, אין וועלכע זיי זיינען דערצויגן געווארן.

ער ווייזט אבער אן אויך אייניקע טרעפלעכע מניעות פארוואס יידן איז אזוי שווער אפצוגעבן זיך מיט אגריקולטור. אויב דער ייד ציט זיך שוין צוריק פון דער שטאט אינעם הינטערלאנד, פילט ער זיך איינגאנצן ווי אן איזאלירטער ווען ער איז אפילו ארומגערינגלט מיט שכנים... צוליב דעם וואס עס האלטן נאך אלץ אן די באוואוסטע פאראורטיילן קעגן אים, בלייבט דער ייד ווי ער וואלט געווען אפגעשניטן פון די ארומיקע... אלע ארום אים האבן אויף אים רחמנות, אדער זיי שפאטן פון אים, ווייל ער גלויבט נישט אין זייער רעליגיע... נישט ער האט דארט זיין סינאגאגע, וואו ער זאל קענען דינען זיין גאט, ווי מ׳האט אים געלערנט פון קינדוווייז אן. דעריבער ציט עס אים אין שטאט אריין, דארט, וואו ער האט זיינע מיט־גלויבער און זיין טעמפל.

ער האלט אבער, אז דורך זיין פלאן אריבערצופירן די ארעמע יידן אויף דער מאמע־ערד אין גרעסערע צאלן, אין די נאך נישט־באזיצטע טעריטאריעס, וועט קיין ייד נישט ליידן פון אזא איזאלאציע. ער וועט קומען „צו א רייכן ערד־באדן, צו א שמייכלענדיק לאנד און צו א פריינטלעכן קלימאט, וואו יעדע זאך אטעמט מיט צופרידנקייט און שפע, און וואו זיי קענען עסן פון די פרוכטן־ביימער, וואס זיי האבן אליין פארפלאנצט מיט

זייערע אייגענע הענט און די גאַנצע סצענע וועט זיין אַן אַנדערע". ער האַלט, אַז די יידן וועלן דאָ ווערן גאָר אַנדערע מענטשן און זיי וועלן גיך סטימולירט ווערן צו אינדיווידועלע אָנשטרענגונגען.
סטימולירט ווערן צו אינדיווידועלע אָנשטרענגונגען. זיין פּלאַן:

1. עס זאָל געשאַפן ווערן אַ געזעלשאַפט פון רייכע יידן, וואָס זאָלן שאַפן די פאָנדן פאַר אויפקויפן דאָס נויטיקע שטיק לאַנד.

2. אַז דאָס לאַנד זאָל געקויפט ווערן אינעם העכסטן טייל (צו צפון־צו) פונעם מיסיסיפּי־טייך און פון דער מיזורי־טעריטאָריע. דאָרט איז פאַראַן אַזאַ קלימאַט ווי אין אייראָפּע און וואו עס געפינט זיך דער בעסטער באָדן אין זין פון דער בעסטער פּרוכטבאַרקייט, וואָס מ'קען נאָר געפינען אין צפון אַמעריקע. גראָד זיינען דאָרט איצט פאַראַן צו קויפן עטלעכע גרויסע לאַנד־שטיקער פון עטלעכע מיליאָן־ אַקער־לאַנד, נאָענט צו די טייכן פון מיסיסיפּי און מיזורי — „צוויי פון די סאַמע וויכטיקע שיפבאַרע שטראָמען . . . וואָס וועלן מיט דער צייט זיכער ווערן די פּולמעכטיקסטע און שפּע'דיקסטע געגנט פון דער נייער וועלט".

3. ווען דאָס נויטיקע לאַנד וועט שוין זיין געקויפט, זאָל מען באַקאַנט מאַכן דורך די הויפּט־צייטונגען אין אייראָפּע די גינסטיקע באַדינגונגען, וואָס עס דערוואַרטן דאָרט די יידן אין זינען פון גענוג לאַנד, קרעדיטן, אַגריקולטור־מכשירים, וואָס וועלן ביסלעכווייז אויסגעצאָלט ווערן. זיי וועלן קריגן פרייע רייזע־הוצאות פאַר זיך און די פאַמיליעס.

4. די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז גענייגט צו געבן יעדע מעגלעכע הילף פאַר זייער פּראָספּעריטעט, ווייל דאָס וועט אויך זיין אין די אינטערעסן פונעם לאַנד בכלל און, אין דער זעלבער צייט, האָבן דעם געפיל, אַז עס ווערט געגעבן „אַן אַנטרינונגס־פּלאַץ פאַר אַן אומגליקלעכן און אונטערדריקטן טייל פון דער מענטשלעכער ראַסע..."

5. פאַר דער קאָמפּאַניע, וואָס וועט קויפן דאָס לאַנד, וועט דאָס זיין נישט בלויז אַ קרן (קערן) פון קריגן די דאַנקבאַרקייט פון די עמיגראַנטן און איבערבאַזעצטע, נאָר עס וועט זיך אויך לוינען פונעם אינוועסטיר־שטאַנדפּונקט, מער פון וועלכן עס איז אַנדערן קאַפּיטאַל אינוועסטמענט.

6. ענדלעך ווענדט ער זיך מיט זיין פּלאַן נישט בלויז צו די רייכע יידן, נאָר צו יעדן „ליבעראַלן און גוטהאַרציקן מענטשן".

„...ווען די יידן ווערן אָנגערעגט פון נויטווענדיקייט, אָדער באַגייסטערט מיט אַ האָפענונג, זיינען זיי אָן קיין שום ספק אימשטאַנד צו מאַכן די סאַמע גרויסע אָנשטרענגונגען, וואָס די מענטשהייט בכלל קען מאַכן. וואו זיינען די יידישע עלטערן, וואָס וועלן זיך נישט פילן גליקלעך, ווען זיי וועלן זען זייערע קינדער פאַרנעמען זיך מיט דער ערלעכער און נוצלעכער מי פון אַגריקולטור, איידער די צרה'דיקע, קליינלעכע באַשעפטיקונגען, מיט וועלכע זיי פאַרנעמען זיך אַממערסטן איצט".

יהודה טוראָ, ערשטער גרויסער פילאַנטראָפּ

פון צווישן די „ערשטע" יידן אין אַמעריקע אויפן געביט פון פילאַנ־טראָפּיע, איז אָן שום ספק יהודה טוראָ.

דאָס איז איינער פון יענעם מין יידן, וואָס האָט געלאָזן נאָך זיך פיל היסטאָרישע שפּורן פון נאָבלקייט און מענטשלעכקייט, וואָס מען קאָן נאָך זען ביים היינטיקן טאָג. אין 1954 איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט ער איז געשטאָרבן.

יהודה טוראָ איז געבאָרן געוואָרן אין דעם יאָר 1775 אין ניופּאָרט, ראָוד איילאַנד, אין דער פאַמיליע פון יצחק טוראָ, דער רב פון ניופּאָרט.

יצחק טוראָ אַליין האָט איינגעוואַנדערט קיין ניופּאָרט פון דזשאַמעיקא אין יאָר 1760. אָבער ווען דער ענגלישער פלאָט האָט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע פאַרנומען ניופּאָרט, האָט ער זיך אומגעקערט קיין דזשאַ־מעיקא, נישט וועלנדיק קאָאָפּערירן מיט די אָקופּאַנטן. דער קליינער יהודה־לע, און זיין עלטערער ברודער אברהם, זיינען קענטיק אַריבערגעפירט גע־וואָרן צו זייער פעטער משה מיכל העיז, אַ גרויסער סוחר אין באָסטאָן. יהודה האָט זיך טאַקע אויסגעהאָדעוועט אין דער העיז פאַמיליע, אין באָס־טאָן. עס איז נישט געגנוי באַוואוסט דער כאַראַקטער פון דער בילדונג, וואָס ער האָט באַקומען. אָבער מיר ווייסן, אַז ער איז געווען אין די יונגע יאָרן אָנגעשטעלט אין זיין פעטערס געשעפטס־קאַנטאָר.

נאָר דאָ הויבט זיך אָן דער ראָמאַנטישער טייל פון יהודה'ס לעבן, אַרום וועלכע עס וועבן זיך אייניקע ווידערשפּרעכלעכע לעגענדעס. זיי האָבן זייער וואָרצל אין דעם פאַקט, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהייראַט, בעת ער האָט געהאַט אַלע מיטלען צו פירן אַ שיינעם פאַמיליע־לעבן. עס ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין זיין פעטערס טאָכטער, קעטערין, וואָס איז געווען איין יאָר יינגער פאַר אים און איז געשטאָרבן אין דעם זעלבן יאָר, וואָס ער אַליין איז געשטאָרבן, אין 1854. אַ צווייטע ווערסיע איז, אַז ער איז געווען פאַרליבט אין איר שוועסטער רעבעקאַ, וואָס איז געווען עלטער פאַר יהודה'ן מיט זעקס יאָר. אָבער ווער דאָס זאָל נישט האָבן געווען, די עלטערע שוועסטער צי די יינגערע, איז עס פאַר אים גע־ווען אַ טראַגישע, קיינמאָל נישט דערפילטע ליבע.

זיין פעטער האָט זיך געשטעלט קעגן דעם שידוך מיט זיין איינפלוס און כוחות. רעבעקאַ איז געשטאָרבן אין עלטער פון 33 יאָר. עס איז מעג־

לעך, אז איר פּאַטער'ס האַרטע שטעלונג האָט געהאַט היפּשלעך צו טאָן מיט איר טויט. נאָר דער פֿאַקט, וואָס איר שוועסטער קעטערין, וואָס האָט שוין געלעבט אַ לאַנגן לעבן פֿון 78 יאָר און האָט אויך נישט חתונה גע־האַט, און איר שוועסטער סאַלי ווידער דאָס זעלבע, קאָן פֿירן צו דער מעג־לעכקייט, אַז ער זאָל האָבן פֿריער געווען פֿאַרליבט אין איינער, נאָכדעם אין דער אַנדערער, נאָר זיין פֿעטער העיז האָט אים קענטיק באַטראַכט, פֿון געשעפֿטלעכן שטאַנדפּונקט, ווי אַ שלימזל.

די געשיכטע אָבער האָט אים אָפּגעטאָן: בעת משה מיכל העיז פֿאַר־נעמט בלויז עטלעכע שורות אין דער געשיכטע פֿון יידן אין אַמעריקע, פֿאַר־נעמט זיין פּלימעניק, יהודה טורא, היפּשע בלעטער פֿון רום און גלאַנץ.

יהודה טורא האָט באַקומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ, נישט בלויז אין דער יידישער געשיכטע אין אַמעריקע, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער אַמע־ריקאַנער. די סאַמע לעצטע פֿאַלן פֿון אָנערקענונג מצד דער נאַציאָנאַלער רעגירונג האָט ער באַקומען דורך דעם, וואָס אין דעצעמבער, 1943, איז אַ „ליבערטי טאַנקער" געבויט געוואָרן אויף זיין נאָמען „יהודה טורא", אין ניו אָרלינס. אַ צווייטע אָנערקענונג האָט ער באַקומען, אין אונדזערע יאָרן, דורכדעם וואָס די טורא־שול אין ניופּאָרט איז דעם 31טן אויגוסט, 1947, דערקלערט געוואָרן אַלס אַן אַמעריקאַנער הייליקטום.

צי יהודה טורא האָט באַוואוסטזיניק גענומען זיך איבערשטייגן זיין פֿעטער אויך אין געשעפֿטס־ענינים, צי עס האָט זיך צופֿעליק אַזוי געמאַכט, אַז ער זאָל ווערן אַ זייער דערפֿאָלגרייכער געשעפֿטסמאַן, איז נישט קיין חילוק. דער פֿאַקט איז אַז ער איז עס געוואָרן. ער איז אַוועק קיין ניו אָר־לינס, געעפֿנט אַ קליינעם געשעפֿט, און זיך אים אינגאַנצן איבערגעגעבן, ווי דאָס וואָלט געווען דער ציל פֿון זיין לעבן. ער האָט אין אָנהויב אַליין געאַרבעט, אָן קיין שום הילף; אַליין געעפֿנט דאָס געשעפֿט און אַליין פֿאַר־מאַכט אים. זיין ראַיעלקייט, ערלעכקייט און פּינקטלעכקייט האָט אים אויס־געצייכנט פֿון פֿאַרשיידענע אַנדערע דאָרטיקע געשעפֿטסלייט, מיט זייערע איבערטרייבונגען און אומפּינקטלעכקייטן, שוין נישט רײדנדיק וועגן ליגנס און פֿאַלשע וואָגן און מאָסן. ווען ער איז אָנגעקומען אין 1802 קיין ניו אָרלינס, איז ער אַלט געווען 27 יאָר. אין דעם זעלבן יאָר איז זיין קוזינע רעבעקאַ העיז געשטאָרבן. זאָל דאָס האָבן געהאַט אַן ענגע שייכות?

ניו אָרלינס האָט נאָך דעמאָלט באַלאַנגט אין דער פֿראַנצויזישער אימ־פּעריע. זיין געשעפֿטל, וואָס ער האָט דעמאָלט דאָרט געעפֿנט, און וואו ער האָט אויך טיילווייז געוואוינט, האָט ער אָנגעהאַלטן איבער 50 יאָר. זיין פּינקטלעכע עפֿענען און פֿאַרמאַכן דאָס געשעפֿט האָט דאָרט געדינט ווי אַ שטאָט־זייגער, לויט וועלכן פֿיל שטאָטישע מענטשן האָבן אָנגעשטעלט זייע־רע זייגערס.

עס ווערט דערציילט וועגן אים, אַז זיינע פּרייזן זיינען געווען די סאַמע

נידעריקסטע אין שטאט. זיינע פראפיטן זיינען געווען די מינימאלסטע. זיי־נע ראיעלע סחורות האט ער אימפארטירט פון זיינע קרובים אין ניו ענג־לאנד. ער איז אבער געווען א קליינער אויסברענגער, קליין אין וואוקס, באַ־שיידן און פשוט אנגעטאן. מען האט אים אפילו געקאנט אננעמען פאר אן ארעמאן. זיינע קליינע פראפיטן פלעגט ער אבער פארזיכטיק אינוועסטירן אין גרונט־באדן, ביסלעכווייז זיך איינגעהאנדלט שטיקלעך לאנד און קליינע הייזער. שפעטער האט ער אויך געהאנדלט מיט שיפן. אויף אזא אופן איז זיין פארמעגן געוואקסן פאמעלעך אבער זיכער. אין די ערשטע צוויי צענ־דליק יאר איז ער שוין באַרימט אלס רייכער מאן און נאך מער אלס גרוי־סער פילאנטראפ.

אבער איידער ער איז נאך געווארן דער גרויסער פילאנטראפ און באַ־ליבט צווישן טויזנטער מענטשן, איז ער שוין געווען א העלדישער פאט־ריאט. אין דער מלחמה פון 1812 קעגן ענגלאנד האט ער זיך, נישט קוקנדיק אויף זיין קליינגעוויקסיקייט און איידעלן קערפער, פריווויליק אנגעשלאסן אין דער מיליציע. ער איז שוין אלט געווען פערציק יאר, ווען ענגלישע קריגס־שיפן האבן אין 1815 אטאקירט ניו ארלינס. ער האט דעמאלט גע־דינט אונטערן גענעראל אנדרו דזשעקסאן, שפעטער דער באַרימטער דעמאָ־קראטישער פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן. טורא׳ס אויפגאבע איז געווען צוצופירן אמוניציע, אונטערן פייער פון ענגלישער ארטילעריע צו די אמעריקאנער פראנט־ליניעס. ער האט עס אזוי לאנג געטאן ביז א 12־פונטיקע ענגלישע קויל האט אים געטראפן אין א היפט, ארויסגעריסן א שטיק פלייש, צעפאלמעסט ארום און ארום נאך א גרעסערן שטח און א לענגערע צייט געבלוטיקט אויפן שלאכטפעלד. ווען מען האט אים געפונען און דער דאקטאר דייוויד קער האט אים פארבאנדאזשירט, האט ער ערנסט געשאקלט מיטן קאפ און אים אזוי גוט ווי אויפגעגעבן. טורא איז אזוי שוין געבליבן ליגן אויפן שלאכטפעלד און וואלט מסתמא אויסגעגאנגען, ווען נישט דער צופאל, וואס זיין נישט־יידישער פריינט ר. ד. שעפערד איז פאר־בייגעגאנגען, זיך איבערגעבויגן איבער אים און אים דערקענט. שעפערד האט זיך גלייך פארשאפט א וועגעלע, ארויפגעלייגט דעם שווער־פארוואונ־דעטן און אפגעפירט אים אין א שפיטאל, וואו מען האט אים ביסלעכווייז צוריקגעבראכט צום לעבן און געזונט.

טורא און שעפערד זיינען שוין אזוי געבליבן נאענטע און לעבנסלאנגע פריינט. אין די קומענדיקע צענדליקער יארן האט טורא שוין געוואוינט צו־זאמען מיט דער שעפערד פאמיליע, אזוי, אז ווען עס איז אים פארן טויט אויסגעקומען צו מאכן א צוואה, איז שעפערד געווען איינער פון אירע פיר אויספירער, און אין דערזועלבער צייט איינער, וואס האט באקומען דעם גרעסטן חלק פון זיין ירושה, ארום דריי פערטל מיליאן דאלאר, און צו טאן מיט דער סומע, וואס ער וועט געפינען פאר נויטיק.

ווען דער דאַזיקער צוואה וועט אונדז באַלד אויסקומען עפּעס צו זאָגן. זי איז געווען דער קלימאַקס פון אַ גאַנצער ריי פילאַנטראָפּישע אַקציעס, וואָס טורא האָט געמאַכט אין משך פון זיין 79 יאָריקן לעבן.

מיר באַטראַכטן נישט די בורזשואַזע פילאַנטראָפּיע ווי אַ הויכע טוגנט און גרויסן אויפטו, ווי דאָס טוען די ליבעראַלן. נאָך אַלעמען איז די דורכשניטלעכע פילאַנטראָפּיע, אין בעסטן פאַל, בלויז אַ באַלזאַם אויף די פאַרהאַרטעוועטע הערצער פון די עקספּלואַטאַטאָרן און ספּעקולאַנטן.

מיר ווייסן אויך, אַז די פילאַנטראָפּיע איז אַ גוטער אויסגעפּרואוווטער מיטל צו געווינען פּאַרצונגען אויף צוויי פראָנטן — פון אָרונטערשניידן די איינקונפט־שטייער צאָלונגען דורך אַראָפּשטופּן דעם שטייער־גראַד אויף אַ נידעריקער מדרגה. פאַר דער צווייטער זייט איז עס „גוד פאַר ביזנעס". עס דעקלאַמירט דעם „פילאַנטראָפּ" אויף טיש און אויף בענק. דערצו איז נאָך די דורכשניטלעכע פילאַנטראָפּיע אַ פייגנבלאַט, וואָס מען פּרואווט מיט איר פאַרדעקן די מיאוס'ע בלאָטערן און וואונדן פון קאַפּיטאַליזם. זי שאַפט די אילוזיע, אַז דורך פילאַנטראָפּיע קענען מיר אָפּווישן דעם תהום צווישן אָרעם און רייך.

זאָל דאָ ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז יהודה טורא איז לויט זיין גאַנצער מהות נישט געווען צווישן אַזעלכע „באַרעכנטע" מנדבים. אויף אים קען מען זאָגן: „ער האָט געגעבן אויגן צו בלינדע און פיס צו לאָמע", אַז ער איז געווען בלויז דער אויסטיילער פון די גרויסע קאַפּיטאַלן, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט. דער דאַזיקער בליק איז געווען זיין ריכטשנור אין משך פון זיין גאַנצן לעבן. ער האָט באַטראַכט ווי אַ חוב אויף יעדן אַמעריקאַנער מענטשן צו באַטייליקן זיך אינעם קאַמף פאַר פרייהייט, אַזוי גוט ווי קעגן אָרעמקייט און נויט. לאָמיר אויך געדענקען, אַז דעמאָלט האָבן נאָך אינ־גאַנצן געפעלט אַפילו די איצטיקע נעבעכדיקע סאָציאַלע רעליף־אַגענטורן, און ערלעכע פילאַנטראָפּיע האָט בפועל ממש געלינדערט מענטשלעכעליידן און נויט.

ווען עס איז אָנגעגאַנגען די באַוועגונג אויפצובויען אַ מאָנומענט אויף באַנקער היל, אויף צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די געפאַלענע פאַר דער זאַך פון דער רעוואָלוציע, האָט טורא געשפּילט אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פּראָיעקט אַ גרויסע ראָלע. דרייצן יאָר נאָכאַנאַנד האָבן זיך גע־שלעפּט ווי פון פעך זאַמלונגען פאַר דעם דאַזיקן מאָנומענט. די אַמערי־קאַנער בורזשואַזיע איז געווען פאַרנומען מיט בויען זיך ווילאַס און לוקס־סוסרייכע קאַרעטעס און יאַכט־שיפן. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין חשק צו פאַראייביקן רעוואָלוציאָנערע מעשים. ביז דער באָסטאָנער עמוס (עימאָס) לאָורענס האָט פאָרגעשלאָגן זיינע צען טויזנט דאָלאַר און טורא פון ניו אָרלינס האָט אָנגעבאָטן אויך אַזאַ סומע, מיטן תנאי עס זאָל געשאַפן ווערן נאָך 30 טויזנט דאָלאַר. די דאַזיקע צוויי אָנבאָטן האָבן געוויזן אַ ביישפּיל

פון אמת'ן, רעוואָלוציאָנערן פּאַטריאָטיזם, און די סומע פון 50 טויזנט דאָלאַר איז געשאָפן געוואָרן. ווען דער מאָנומענט איז אויפגעדעקט געוואָרן, אין 1843, האָט דעניעל וועבסטער, דער בארימטער אָראַטאָר, געהאַלטן די פעסט־רעדע. ער האָט דעמאָלט דערמאָנט די דאָזיקע צוויי הערלעכע מנדבים און פאַרגעלייענט דעם פאָלגנדיקן זעקס שורה'דיקן פערז:

עמוס און יהודה — וואָס פאַר אַ הערלעכע נעמען!
פּאַטריאַרך און פּראָפעט — ביידע נישט פאַרשעמען.
ווי גוטמוטיקע קריגספערד לויפן פוס צו פוס
און וואַרפן צו איינער דעם צווייטן אַ גרוס.
קריסט און ייד — ביידע ווערט צו בענטשן —
באַזונדערע אמונות, דאָך וואונדערבאַרע מענטשן!
(פריי איבערזעצט פון י. ב. ב.)

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז גאָר גרויסע סומעס האָט טוראָ צע־טיילט אויף אַ געהיימען אופן — „מתן בסתר". לעבנדיק מערסטנטיילס צוזאַמען מיט נישט־יידן, האָט ער פונדעסטוועגן געגרינדעט די יידישע קהילה אין ניו אָרלינס און געגעבן פאַר דער שול 40 טויזנט דאָלאַר. עס איז כמעט נישט געווען קיין אייגאַייגציקע יידישע אינסטיטוציע אין יענער צייט, אין וועלכן עס איז יידישן ישוב, וואָס טוראָ זאָל נישט האָבן אונטער־שטיצט. אָבער כמעט דאָס זעלבע האָט ער אויך געטאָן פאַר נישט־יידישע אינסטיטוציעס — שפּיטאָלן, ביבליאָטעקן, קינדער־שולן, געבעט־הייזער, גע־דענק־פּלעצער, צדקה־פּונקטן, יתומים־אַנשטאַלטן. ער האָט אפילו געגעבן 50 טויזנט דאָלאַר פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט העלפן די נויטבאַדערפטיקע יידן אין ירושלים דורך סער מאָזעס מאָנטעפיאָרע.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס אפילו בנוגע מתנות צו פּריוואַטע פּער־זאָנען, ווי פריינט, גייסטלעכע און פאַרדינסטפולע מענטשן, האָט ער אויך נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן ייד און נישט־ייד. אין די עטלעכע און זעכציק ספּעציפיצירטע ירושה־פּונקטן (די גאַנצע צוואה געפינט זיך אין מאָרים שאָפּעס' „דאָקומענטאַר־געשיכטע") גייען אויך אַריין געשאַנקען פאַר די נעגער־באַדינער אין שעפּערדס הויז. ער האָט איבערגעלאָזן פאַר זיי סומעס אויסצוקויפן זיך פון שקלאַפעריי און גענוג מיטלען צו קענען אויס־לעבן זייערע יאָרן אין פרייהייט. ער האָט אויך באַפרייט זיין איינציקן פּער־זענלעכן שקלאַף און אים פאַרזאָרגט מיט אַ סומע אויפן גאַנצן לעבן. נישט ווייניקער אינטערעסאַנט איז, וואָס אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ער נישט פאַרגעסן זיין קוזינע קעטערין העיז. אין זיין צוואה לאָזט ער איר איבער 5 טויזנט דאָלאַר. ער האָט נישט געוואוסט, אַז בעת ער האָט גע־שריבן זיין צוואה (דעם 6טן יאַנואַר, 1854), איז זי שוין געווען פיר טעג טויט.

אין דער דאָזיקער צוואה איז פאַרטיילט געוואָרן 387 טויזנט דאָלאַר

צו איבער זעקס צענדליק יידישע און נישט־יידישע אינסטיטוציעס, 38 טויזנט דאָלאַר צו פּערזענלעכע פריינט, 30 טויזנט דאָלאַר צו די אויספּי־רער פון זיין צוואה און דאָס איבעריקע, אַרום 750 טויזנט דאָלאַר, צו זיין נאָענטסטן פריינט און רעטער פון טויט, רצין (רעזין) שעפּערד. קענטיק, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין פאַרבינדונגען מיט נעגער־אינסטיטוציעס, ווייל מיר זעען נישט קיין שום אַסיגנירטע סומעס פאַר זיי. זאָל עס זיין, אַז ער האָט פאַר זיי איבערגעלאָזן געהיימערהייט געוויסע סומעס, אָדער צי איז עס נישט אַמאָל געווען די שקלאַפנהאַלטערישע אַטמאָספערע אין ניו אָר־לינס. וואָס האָט דעם דאָזיקן מענטשנפריינט געמאַכט אומפילבאַר צו די דאָזיקע טונקל־הויטיקע ברידער אונדזערע. סיי־ווי איז די צאָל פון נעגער־אינסטיטוציעס פון יענער צייט נאָך אַ זייער באַגרעניצטע.

געמיינט האָט ער קענטיק גוט. עס איז כמעט נישטאָ קיין איין אַלטע שטאָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער זאָל נישט האָבן עפּעס געלאָזן פאַר זיינע מיטמענטשן ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען. צי עס איז געווען הילף פאַר קרבנות פון דעם געלן פיבער אין דער עפּידעמיע, אין ניו אָר־לינס, צי עס איז געווען הילף פאַר די אָפּגעברענטע אין מאָביל, אַלאַבאַמאַ, צי דאָס איז געווען פאַר אַ נאַציאָנאַלן פּאַרק אין ניופּאָרט, אָדער פאַר יתומים־הייזער און שפּיטאָלן, פאַר מאַטראָסן אָדער פּיערלייט אָרגאַניזאַ־ציעס, ביבליאָטעקן, שולן. קירכעס — זיין האַרץ האָט געקלאַפּט טרעוואָגע פאַר אַלע אין אומגליק און נויט.

מרדכי מייערס לאַנג לעבן

קאַפּיטאַן — אין קריג,
אַ כבוד פאַר זיין פאָלק —
אַ לעבן-לאַנג דערפּאָלג.

מרדכי מייערס, איינער פון די אינ־טערעסאַנטע יידישע פּערזענלעכ־קייטן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטאַל־טיקט אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון נאָך דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, איז געווען איינער פון די וויניקע אַמעריקאַנער בכלל און יידן בפרט, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך אַ קנאַפּן יאָרהונדערט פון לעבן און טעטיקייט. ער האָט זיך שוין אַרויסגערוקט צום סוף פונעם 18טן יאָרהונדערט אַלס אַקטיווער פּאָליטישער, פּראָגרעסיווער טוער. ער האָט פאַרנומען בכבוד׳יקע פּלעצער אין יידישן לעבן, אין דער מלחמה פון 1812, און דורכגעלעבט די צייטן פון דער מעקסיקאַנער מלחמה און שפּעטער אין משך פון בירגער־קריג, און איז ערשט געשטאָרבן אין 1871, ווען די קאָמונאַרן האָבן אין פּאַריז געשטורעמט הימל און ערד.

מען קען זאָגן, אַז ער האָט געלעבט פון איין גרויסער רעוואָלוציע צו דער צווייטער — פון דער אַמעריקאַנער בירגערלעכער רעוואָלוציע קעגן דער הערשאַפט פון ענגלישן קאָמערציעלן אימפּעריאַליזם, צו דער צווייטער גרויסער רעוואָלוציע; צום אויפשטאַנד פונעם רעוואָלוציאָנערן פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט און קליינבירגערטום, קעגן דער הערשאַפט פון דער גייציקער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, אונטער דער פאָן פון דער פּאַריזער קאָמונע. כאָטש מיר ווייסן נישט צי מרדכי מייערס איז נאָך דעמאָלט, אין אַזאַ הויכער עלטער, געווען ביי זיין פולן שכל. ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען פינף און ניינציק יאָר.

מרדכי מייערס איז געבאָרן געוואָרן אינעם יאָר 1776, אין רעכטן מיטן פונעם קאַמף פונעם אויפגעשטאַנענעם אַמעריקאַנער בירגערטום פאַר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. ער איז געווען דער זון פון אַן אונגאַריש־יידישן פאָטער און פון אַן עסטרייכיש־יידישער מוטער, וואָס האָבן אימיגרירט קיין ניו יאָרק נאָך אינעם יאָר 1750. מרדכי איז געבאָרן געוואָרן מיט 26 יאָר שפּעטער, אין ניופאָרט. און אין די 90ער געפינען מיר אים דינען אין מיליטער אין ריטשמאָנס אונטערן קאָלאָנעל (קוירנעל) דזשאָן מאַרשאַל.

אַז דער יונגער מרדכי איז נישט געווען אָפּגעריסן פונעם יידישן לעבן, קען מען זען פון דעם, וואָס ער איז געווען דער גרינדער פון דער יידישער קהילה „בית שלום״ — אַ נאָמען, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף אַ פרידלעכן, אַ בטבע נישט־מיליטערישן מענטשן. אָבער אין גיכן זעען מיר אים

שוין צוריק אין ניו יאָרק און ווידער אַקטיוו אין ענינים פון דער יידישער קהילה. דאָס מאָל איז עס אין „שארית ישראל".

דער יונגערמאַן ווערט אָבער אין גיכן אויך אריינגעצויגן אין אַלגע־מיינער פּאָליטיק. איינע פון די מער דעמאָקראַטישע, פּראָגרעסיווע געזעל־שאַפטן, אין יענער צייט, איז געווען די שפּעטער אַזוי פאַרהאַסטע און קאָ־רופּטירטע „טעמעני געזעלשאַפט". ווער האָט עס דעמאָלט געקענט וויסן וואָס פאַר „אַ טייך" עס וועט זיך אויסלאָזן פון איר! דעמאָלט האָבן דאָרט גראָד באַלאַנגט אַזעלכע בירגער, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דיסקרימינאַציע און רעאַקציע, קעגן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע מעשים פון די פעדעראַליסטן און דער דזשאָן עדעמס רעגירונג, וואָס האָט זיך געלאָזט פירן פון זיי.

די קאַמפן צווישן די פעדעראַליסטן און די רעפּובליקאַנער־דעמאָקראַטן זיינען, צום סוף פונעם 18טן יאָרהונדערט, שטאַרק פאַרשאַרפט געוואָרן. אָנגעהויבן זיך האָבן זיי נאָך אין דער צייט, ווען די יונגע, ערשט־זיך־אַרויס־פּיקנדיקע רעפּובליק פון דער איי אַרויס, האָט געהאַלטן אין אויפבויען די קאָנסטיטוציע. אָבער די הויפּט־קאָנפליקטן האָבן זיך ערשט אַנטוויקלט אין דער פּראַקטיק פון דעם פאַרפעסטיקונג־פּראָצעס פון די ערשטע פאַראייניק־טע דרייצן שטאַטן.

די פעדעראַליסטן האָבן פאַרטראָטן די אינטערעסן פון די קאָמערציע־לע, פינאַנציעלע און אינטעלעקטועלע גרופּעס. זיי זיינען אָנגעפירט געוואָרן פונעם בורזשוא־רעאַקציאָנערן פירער אַלעקסאַנדער האַמילטאָן און פון דזשאָן עדעמס. זיי האָבן געוואָלט האָבן די פולע מלוכה־מאַכט אין זייערע הענט. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן פון פאַרמער, בעלי־מלאכות און קליינע געשעפטסלייט. זיי זיינען געווען פאַר אַ שטאַרקער צענ־טראַליזירטער מאַכט און פאַר אַ כסדר'דיקער אויסטייטשונג פון דער קאָנ־סטיטוציע אין די אינטערעסן פון די רייכע קלאַסן.

אַזוי גיך ווי דזשאָן עדעמס איז דערוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט, אין 1796, האָבן די פעדעראַליסטן דורכגעפירט דריי רעאַקציאָנערע געזעצן אָפּצושטעלן די רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען פון די מער פּראָגרעסיווע פאָלקס־מאַסן, פאַרצאַמען דעם אַריינפלוס פון רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון אויסלאַנד; די מעגלעכקייט פאַר אימיגראַנטן צו ווערן בירגער איז באַגרעניצט געוואָרן פון פינף יאָר זיין אין לאַנד אויף פערצן יאָר; דער פּרעזידענט האָט, דורך דעם „עיליען אַקט", באַקומען די מאַכט צו דע־פּאָרטירן „אומגעווינטשטע" אימיגראַנטן, צו באַשטראָפן מיט טורמע און שווערע געלט־סומעס פאַר „באַליידיקן דעם קאָנגרעס אָדער דעם פּרעזידענט". מיט איין וואָרט — מען האָט אַרויפגעלייגט אַ שלאָס אויפן מויל פון יעדן זעלבסטשטענדיק דענקענדיקן מענטש, אָדער באַוועגונג.

מיר, וואָס לעבן איצט, זיינען גוט באַקאַנט מיט די מעשים, וואָס עס טוט אָפּ אַ רעאַקציאָנערע רעגירונג. ס'איז דעריבער פאַר אונדז וויכטיק צו וויסן ווי אַזוי דאָס פאָלק האָט, אין די וואַלן פון 1800, צוריק אַרויסגעריסן

די מאכט פון יענע הענט און איבערגעגעבן די פּרעזידענטשאַפט צו טאָמאַס דזשעפערסאָן, דעם גרויסן דעמאָקראַטישן פירער פון יענער צייט.

אין איינעם פון זיינע אויטאָביאָגראַפישע זכרונות, גיט מרדכי מייערס איבער אין איינצלהייטן, ווי אַזוי די דעמאָלטיקע רעפּובליקאַנישע דעמאָקראַטן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין דער קאַמפּאַניע, דורך צעטיילן די שטאָט ניו יאָרק, וואָס איז שוין געווען אויפן וועג צו שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין פּאָליטישע וואַלן, אויף פּאָליטישע דיסטריקטן, מיט רעדנער און מאַסן־מיטינגען אין יעדן איינעם פון זיי, ווי אַזוי זיי האָבן נאָמינירט זייערע קאַנדידאַטן און פאַר זיי געאַרבעט. ער אַליין, מרדכי מייערס, איז געווען צווישן די רעדנער און טוער. יענע וואַלן האָבן פאַרניכטעט, אין מרדכי מייערס אייגענע ווערטער „די מאַנסטער שלאַנג — דעם פעדעראַליזם״. (זע דעם דאָזיקן דאָקומענט אין מאָריס שאַפּעס׳ „דאָקומענטאַרע געשיכטע פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן״, דאָקומענט 55, ז״ז 96—99.)

דזשאָן האַמילטאָן, דער מעקאַרטי פון יענער צייט, האָט שוין, נאָך די פאַרשפּילטע וואַלן אין ניו יאָרק, געפּרואווט צונישט מאַכן די וואַלן דורך אַ מאַניעווורע, אַז דער גאָווערנאָר זאָל צונעמען דאָס רעכט פון דער שטאַטס־לעגיסלאַטור אויסצוקלייבן נאַציאָנאַלע עלעקטאָרס, כדי „נישט צו דערלאָזן, אַז אַן אַטעאיסט אין רעליגיע און אַ פאַנאַטיקער אין פּאָליטיק, זאָל ווערן דער ראש פון דער רעפּובליק״. (דאָרט.)

מרדכי מייערס איז, לויט דעם שוין פיל מאָל דערמאָנטן סיימאָן וואָלפ׳ס בוך וועגן יידישע פּאַטריאָטן, געווען איינער פון דרייצן יידישע אָפיצערן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער מלחמה פון 1812—1814 קעגן ענגלאַנד. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גוטער אָריענטאַציע, פּינקטלעכקייט און קאַלטבלוטיקייט אין זייער ערנסטע מאָמענטן. ער האָט זיך אויסגעטיילט אין די אַקציעס ביי סאַקעט האַרבאָר.

די עקספּעדיציע, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן אונטערגענומען אין אַפּריל און מאַי, 1813, אין קאַנאַדע און זייער אַטאַקע אויף יאָרק (די איצטיקע טאָראָנטאָ), איז געווען אַן אומגליקלעכע. די אַמעריקאַנער האָבן זיך געמוזט צוריקציען צו זייער באַזע אין סאַקעט האַרבאָר, וואָס איז געווען באַלאַגערט פון די ענגלענדער. עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז ווען גענעראַל ווילקינסאָן האָט געגעבן אַן אָרדער דער אַמעריקאַנער אַרמיי צו פאַרלאָזן דעם האַפן אין שיפן און אַטאַקירן אויפן וואַסער, האָט זיך פאַרטאָג צעשפּילט אַ שרעקלעכער שטורעם אויפן אָנטאַריאָ לעיק.

אָט ווי עס באַשרייבט דעם דאָזיקן מאָמענט בענסאָן י. לאָסינג, אין זיין ווערק „פּיקטאָריעל פּילד בוך אָוו דהי וואָר אָוו 1812״ —

„...דער קאַפּיטאַן מרדכי מייערס איז געווען זייער אַקטיוו אין ראַטעווען לעבנס און זאַפּאַסן אין דעם דאָזיקן שטורמישן וועטער... אַרום 200 קראַנקע האָט מען געמוזט אַרויפזעצן אויף שיפן מיט שפּיטאָל־זאַפּאַסן און

אומקערן זיי צוריק צום האפן. דער שטורעם האט צעבראכן די שיפן און קאפיטאן מייערס איז געשיקט געווארן, אויף זיין פרייען אנבאט, פון גע־נעראל באיד, מיט צוויי גרויסע שיפן, צו ראטעווען מאנשאפט און פאסא־זשירן. ער האט געפונען די שיפן ליגן אויף זייערע זייטן, די זעגלען קנאקנ־דיק אן דעם וואסער און די כוואליעס קראכנדיק איבער זיי. פיל זיינען שוין געווען דערטרונקענע און די גרעסטע צאל פון די לעבעדיקע זיינען שוין געווען שיכור. די קלאפ־טירן זיינען געווען אויפגעריסענע און די שיפן — האלב־אנגעפילטע מיט וואסער. דורך גרויסע אנשטרענגונגען און פער־זענלעכער ריזיקע איז מייערס'ן געלונגען צו ברענגען צום ברעג כמעט אלע פון די צוויי הונדערט, וואס מ'האט ארויפגעזעצט אויף די צוויי שיפן. צווישן פערציק און פופציק זיינען שוין געווען טויט". (ז. 646.)

מייערס איז אין דער שלאכט ארום קרייזלער'ס פארם שטארק פאר־וואונדעט געווארן אין אקסל, בעת ער האט דעם 11טן נאוועמבער, 1813, געפירט זיין ראטע אין אן אטאקע אויף די ענגלענדער, לעבן וויליאמסבורג, קאנאדע. פון זיינע 89 סאלדאטן זיינען 23 דעמאלט גע'הרג'עט געווארן. פיר חדשים איז דעמאלט מייערס געווען אין שפיטאל. ווען ער איז צו זיך געקומען, האט ער באגעגנט שארלאט בעילי, א טאכטער פונעם ריכטער וויליאם בעילי פון פלאטסבורג. זייער חתונה איז פארגעקומען אין 1814. זיין פרוי איז געבליבן א קריסטין און אויף א געוויסער צייט איז ער אפ־געפרעמדט געווארן פון זיין קהילה. עס איז אויך אמת, אז זיינע קינדער זיינען דערצויגן געווארן אלס קריסטן. אבער מייערס האט זיין גאנץ לעבן אנגעהאלטן קאנטאקטן און בייגעשטייערט רעגולער פאר יידישע, דערציערי־שע און פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, אויסגעשריבן יידישע זשורנאלן („דזשואיש מעסענדזשער", „איזראעליט"). ווען ער איז געווען מעיאר אין סקענעקטעדי, האט ער זיך אפילו באטייליקט אין א באוועגונג, אז די 25 ביז 30 יידישע געשעפטן זאלן דארט זיין געשלאסן אום שבת.

מייערס איז געבליבן אקטיוו אין פאליטיק נאך לאנגע יארן. אין 1829 איז ער געווען צווישן די ענערגישע אקטיוויסטן, וואס האבן סוף־כל־סוף ווידער דורכגעווארפן די רעאקציע און דערוויילט דעם פאלקס־פריינט אנדריו דזשעקסאן פאר פרעזידענט. ער איז פון 1831 ביז 1834 געווען אן אויס־דערוויילטער אסעמבלי־מאן פון ניו יארק. ער איז אבער דורכגעפאלן ווען ער האט זיך פארמאסטן אויפן נאציאנאלן אמט פון קאמיסאר־גענעראל, אין 1841, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואס ער איז געווען א פריינט פון מאיאר זאקאריא טעילאר, וואס איז אין 1848 אויסגעוויילט געווארן פאר פרעזידענט. מייערס'ן איז אפילו אויסגעקומען נאך אין 1813 צו זיין צו־זאמען מיט אים אין קאנאדע א סעקונדאנט פאר זייער געמיינשאפטלעכן פריינט מאיאר סטאנארד אויף זיין דועל מיט דר. דזשעימס בראנאו.

מייערס איז געשטארבן אין הארבסט, 1871.

דער שאַטלענדישער קעמפער
טאָמאַס קענעדי

פּאַרעקשנט געפירט געפעכט נאָך
געפעכט
ביז פאַר יידן געוואונען די רעכט

נישט אין אַלע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע איז די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג געוואָרן אַ פאַקט פון לעבן, נאָך דעם ווי ס'איז אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און אפילו שוין נאָך די „אַמענדרעמענטס וועגן מענטשלעכע רעכט". אין יעדן איינציקן שטאַט איז זיין אייגענע קאָנסטיטוציע געווען דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר אין אויס־טיילן רעכט צו די פאַרשיידענע רעלי־גיעזע און נאַציאָנאַלע גרופּירונגען. אַט נעמען מיר, למשל, מערילאַנד, דעם שטאַט, וואָס קאַטאָליקן האָבן לכתחילה געגרינדעט, כדי זיי זאָלן נישט ווערן אויסגעטיילט צו דיסקרימינאַציעס מצד די הערשנדיקע פּראָטעסטאַנטישע סעקטעס.

אָבער אין פאַרבינדונג מיט דעם קאַמף פאַר פולע בירגערלעכע רעכט פון די יידן אין מערילאַנד, טאָר נישט אויסגעלאָזט ווערן אַ שאָטלענדישער (סקאָטש) פּרעסביטעריאַנער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם דאָזיקן קאַמף מער ווי וועלכע עס איז אַנדער פּערזענלעכקייט, אפילו צווישן די יידן גופא. דאָס איז געווען טאָמאַס קענעדי.

אין דער מערילענדער קאָנסטיטוציע פון 1776, פאָדערט זיך פאַר יעדן באַאמטן, פון וועלכן עס איז סאָרט אין דעם שטאַט, אַ דעקלאַראַציע, אַז ער גלויבט אין דער קריסטלעכער רעליגיע. דאָס האָט שוין אויסגעשלאָסן יידן פון לויפן פאַר וועלכן עס איז אמט. יידן האָבן, לויט אָט דעם פאַר־שריפט, נישט געקענט זיין אפילו קיין אַדוואָקאַטן אָדער קאָונסילאָרס (ראַט־געבער). אַלע באַמיאונגען פון די סאַמע פּראָמינענטע יידן אין באַלטימאָר צו באַזייטיקן די דאָזיקע פאָדערונג האָבן זיך נישט איינגעגעבן. אַ באַזונ־דערע אָנשטרענגונג איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1797 פון אַזעלכע אָנגע־זעענע באַלטימאָרער יידן ווי סאַלאָמאָן עטינג, בערנאַרד גראַץ און אַנדערע.

קלאָר, אַז דאָ איז געווען בלויז אַ קאַמף פאַר יידישע רעכט, כאָטש פון דעם האָבן זיכער אויך געליטן פריידענקער און מאַכמעדאַנער. אָבער קיין אַנדערע קריסטלעכע סעקטע האָט דערפון נישט געליטן. איין פּע־טיציע נאָך דער צווייטער, איין ביל נאָכן צווייטן איז אַריינגעטראָגן געוואָרן יעדן יאָר אין דער לעגיסלאַטיווער פאַרזאַמלונג. נאָר יעדעס מאָל זיינען

נישט געווען גענוג שטימען, אַז די דיסקרימינאַציע זאָל באַזייטיקט ווערן.

אָבער אין יאָר 1817 האָט זיך באַוויזן אין דער לעגיסלאַטור אַ נייַ־דערוויילטער קאַנדידאַט פון וואַשינגטאָן קאַונטי, גראָד אַ הינטערלענדישע געגנט. דאָס איז געווען דער דערמאָנטער טאָמאַס קענעדי, — אַ פייערדיקער, דזשעפערסאָנישער דעמאָקראַט, און געשעענישן האָבן אָנגעהויבן אָנצונעמען אַן אַנדער ווענדונג. פעדערן האָבן אָנגעהויבן צו פליען אין דער לופטן ארום דעם „יידן ביל". עס האָט זיך אָנגעהויבן צו ציען אַן עקשנות'דיקער קאַמף אויף יאָרן לאַנג. דאָס דעלעגאַטן־הויז האָט זיך צעטיילט אויף צוויי נישט־גלייכע טיילן — אַ קליינע מינאָריטעט, וואָס איז פאַר דעם יידן ביל אָפּצושאַפן די דיסקרימינאַציעס און אַ היפּשע מאַיאָריטעט קעגן אים. אין צענטער פון דער קליינער קעמפערישער גרופּע איז געשטאַנען, ווי אַן אָנגעגורטער גלאַדיאַטאָר, טאָמאַס קענעדי.

טאָמאַס קענעדי איז געבאָרן געוואָרן אין שאָטלאַנד, אין יאָר 1776, אין אַ פּרעסביטעריאַנישער פאַמיליע. ער האָט אימיגרירט קיין אַמעריקע אין דעם עלטער פון 19 יאָר. דאָס איז געווען די צייט, ווען די נייע רעפּובליק האָט זיך נאָך געהאַלטן אין אויספורעמען. עס איז געווען וואַשינגטאָנ'ס אַדמיניסטראַציע. מיר ווייסן ווייניק וועגן קענעדי'ס לעבן אין יענע יאָרן, וועגן זיין בילדונג און בעשעפטיקונגען. מיר ווייסן בלויז, אַז אין יאָר 1811 האָט ער זיך באַזעצט אין מערילאַנד. ווי ער אַליין האָט פאַרזיכערט, האָט ער נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט קיין יידן, נישט אין זיין אַלטער היים, און נישט אין זיין נייער היים אין אַמעריקע. אָבער ווי נאָר ער איז אין 1817 אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט אין מערילאַנדער לעגיסלאַטור, און דערזען ווי אַזוי מען שטיקט זיך און מען ווערגט זיך בסדר מיט דעם „יידן ביל", האָט אין אים זיך אָנגעצונדן דזשעפערסאָנ'ס דעמאָקראַטישער גייסט און זיך צעפּעבערט אין אַ פלאַם. קענעדי האָט זיך געשטעלט קעמפן פאַר דעם דאָזיקן ביל מיט אַזאַ קראַפט און איבערצייגונג, וואָס איז נאָך ביז דעמאָלט נישט געזען געוואָרן אין דעם דעלעגאַטן־הויז (די געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפט פון מערילאַנד).

זיין ערשטער זיג האָט זיך באַוויזן אין 1822. קענעדי'ס הויפּט־אַרגומענט, אַז מערילאַנד אַלס שטאַט, ליידט זייער פיל פון דער דאָזיקער דיסקרימינאַציע קעגן יידן, האָט געקראָגן אַ גרעסער געוויכט צווישן פיל ווייטזעענדיקערע דעלעגאַטן. אָבער די רעאַקציאָנערן און יידן־שונאים האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן נאָך זייער ערשטער מפּלה.

לויט דער קאָנסטיטוציע פון מערילאַנד, האָט געמוזט אַן אַמענדמענט דורכגיין צוויי מאָל. די צווייטע סעסיע האָט אויך געדאַרפט גוטהייסן אַ נייעם איינמאָל אָנגענומענעם אַמענדמענט. דאָס האָט די יידן־פיינט געגעבן אַ מעגלעכקייט אין זייער קאַמפּאַניע פאַר אַ קריסטלעכן וואַל־צעטל צונויפצוזאַמלען אַלע זייערע ווילסטע כוחות און, אין די וואַלן פון 1823, דורכצו־

ווארפן קענעדי'ן, דעם „יידן פארליבטן" און 16 פון די, וואס האבן גע־שטימט פארן „יידן־ביל". נאר דער דאזיקער אומדערשראקענער קעמפער האט נישט חרטה געהאט אויף זיין קאמף און זיך ערשט גענומען מיט באַ־נייטע כוחות אנצופירן דעם געראנגל.

אין 1824 איז קענעדי ווידער נאך א לאנגן קאמף דערווײלט געווארן און זיך ווידער גענומען פאר דער „יידישער אישו" מיט באנייטער קראפט.

עס איז געווען א מורא'דיקער קאמף. עס איז געגאנגען די רעאקציאָ־נערן אין לעבן נישט דורכצולאזן דעם דאזיקן ביל. אבער נאך די געוואל־טיקסטע אנשטרענגונגען איז דער ביל דורכגעגאנגען מיט א מערהייט פון איינעם. א דריטל דעלעגאטן זיינען אינגאנצן געווען אפוועזנדיק. בלויז 51 דעלעגאטן זיינען געווען אין דעם געראנגל. דער זיג פון די 26 קעגן די 25 האט שוין געגעבן מער מוט די וואקלענדיקע דעלעגאטן אין דער אסעמבלי צו דער זיצונג פון דעם 5טן יאנואר, 1826, ווען דער ביל האט געדארפט באשטעטיקט ווערן א צווייטן מאל. דאסמאל איז שוין דער יידן־ביל דורכ־געגאנגען מיט א מערהייט פון 45 קעגן 32.

לויטן נייעם ביל האבן יידן געדארפט געבן א ספעציעלע שבועה אויף א חומש, אז זיי גלויבן אין א צוקונפטיקן שכר ועונש — אין גאט'ס באַ־לוינונג און שטראף. דאס האט נאך אלץ אויסגעשלאסן אלע פריידענקערישע עלעמענטן. אבער די ביטערקייט, וואס דער דאזיקער קאמף פאר יידן־רעכט האט ארויסגערופן, איז געווען דער סם פון רעאקציע בכלל, וואס איז לויט איר עצם פארצווייפלטע, אויב נישט צוזאמענגעמישט מיט האס צו יידן, נע־גער און אנדערע מינאריטעטן, וואס דינען איר שטענדיק ווי א שעיר לעזאזל.

נישט אומזיסט האט קענעדי, אין זיין באריכט פון 18טן דעצעמבער, 1822, אנגעוויזן, אז „דער ענין איז פון פיל גרעסערער וויכטיקייט ווי מ'קען זיך פארשטעלן פונעם ערשטן בליק; עס איז אן ענין, אין וועלכן דער כבוד, דער כאראקטער, דער אינטערעס און די צוקונפטיקע פראספע־ריטעט פון דעם שטאט, עס זיינען אלע טיף פאראינטערעסירט". (זע דאקו־מענט נומער 72, אין שאפעס' „דאקומענטארע געשיכטע").

עס איז אמת, אז קענעדי האט הויפטזעכלעך געפירט דעם דאזיקן קאמף אינעם נאמען פון „רעליגיעזער פרייהייט", אבער געמיינט האט ער בכלל די פרייהייט פונעם געוויסן, אז קיינער טאר נישט דיסקרימינירט אדער באַ־גרעניצט ווערן אין זיינע בירגערלעכע רעכט צוליב דעם, וואס ער האט אן אנדער אנשוי אדער פרינציפן. און ווען מיר נעמען בכלל קענעדי'ס ארגו־מענטן לטובת דעם „יידן־ביל", זעען מיר ווי זיי זיינען אנווענדבאר אפילו אין דער איצטיקער צייט (זומער 1955) צו דער גאנצער אומגליקלעכער מעקארטי פאליטיק פון דער איצטיקער וואשינגטאנער רעגירונג.

אין זיין קענגשטעלן די פרייהייט, וואס די קאנסטיטוציע פון די פאר־איייניקטן שטאטן גיט פאר אלע בירגער, ווייזט ער אן:

„...דער איינציקער שטאַט, וואָס באַגרעניצט אין וועלכן עס איז גראַד ענלעך צו מערילאַנד איז בלויז מאַסאַטשוזעטס... און אפילו דאָרט איז עס נאָר אָנווענדבאַר צו אייניקע אַמטן. דער שטאַט מעין... האָט אַריינגעבראַכט אַ פּונקט אין זיין קאָנסטיטוציע, אַז מען טאָר נישט פֿאָדערן קיין שום רע־ליגיעזן טעסט, ווי אַ קוואַליפֿיקאַציע פֿאַר אַן אַמט... דעלאַווער איז געווען די ערשטע נאָכצופֿאָלגן וואַשינגטאָנ׳ס פּוסטריט אין דעם הינזיכט און נוצט אין איר קאָנסטיטוציע די זעלבע ווערטער, ווי די קאָנסטיטוציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. טענעסי, אָהאַיאָ, אילינאָי און אַלאַבאַמאַ האָבן אַלע אינקאָרפּאָרירט די זעלבע דעקלאַראַציעס אין זייערע; און אַלע אַנדערע שטאַטן האָבן אָנערקענט פֿרייהייט ווי אַ „נאַטירלעכע ליבלעכע רעכט", ווי אַן „אומשאַצבאַרע פּריווילעגיע" (ניו דזשוירזי), ווי אַ „רעכט צו געניסן" אָן דיסקרימינאַציע אָדער פּרעפֿערענץ (ניו יאָרק און סאַוט קאַראָלאַינאַ), „נישט צו פֿאַראורזאַכן קיין באַגרעניצונג אין ציווילע רעכט" (ווערמאָנט), אַז „קיין שום מענטשלעכע אויטאָריטעט, אונטער קיין שום אומשטענדן זאָלן קאָנטראָלירן אָדער שטערן אין דעם רעכט פֿון געוויסן" (פּענסילוועני־ניע)... (רעכנט אויס נאָך שטאַטן)... מערילאַנד, דעריבער, בלייבט איינע אַליין אין דעם הינזיכט. און... עס פֿרעגט זיך: פֿאַרוואָס זאָל זיך מערי־לאַנד נאָך אַלץ האַלטן ביי אַזאַ שטריך אין איר קאָנסטיטוציע, בעת עס איז שוין פֿאַקטיש אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דורך דער קאָנסטיטוציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, און איז אין דער זעלבער צייט נישט אין איינקלאַנג מיט די געבאָטן פֿונעם פֿאַרשטאַנד און פֿונעם שכל הישר, און עס ווערט נישט סאַנקציאָנירט פֿון קיין מענטשלעכער אָדער געטלעכער אויטאָריטעט.

פֿרואווט פֿאַרבייטן די דאָזיקע רעליגיע אויסדרוקן אויף „גלויבן", „געוויסן", „געדאַנקען" און איר זעט ווי קענעדי שטייט איצט אויף פֿון זיין קבר, קומט קיין וואַשינגטאָן, און דונערט.

ווי האָט איר זיך גענומען דאָס רעכט אויסצוטיילן די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע פֿון אַלע גרויסע ציוויליזירטע מלוכות אויף דער וועלט, און באַרויבן פֿון מענטשן דאָס רעכט צו דענקען ווי זיי פֿאַרשטייען, אין דער צייט ווען איר שטעלט זיך נאָך פֿאַר אומעטום ווי די וועלט־וועכ־טער פֿון פֿרייהייט און יושר?... ווי קענט איר פֿאַר׳משפּט׳ן אַן אידייע, אַן וועלכער עס האַלטן זיך איצט הונדערטער מיליאָנען מענטשן? ווי קענט איר צונעמען די רעכט און שטעלן אויסערן געזעץ אַ פּאַרטיי, וואָס רעגירט איצט אין די גרעסטע לענדער פֿון דער וועלט?

מאיר מאָזעס — דער אָראַטאָר

„עס בלייבט איין ברירה:
אָדער באַזיגן די בורבאָנען,
אָדער זיי וועלן זויגן און זויגן
דאָס פאָלק דורך דור־דורות"

אויף ווי ווייט עס איז פּראָגרעסיווע יידן אָנגעגאַנגען דער גורל פון דעמאָקראַטיע אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט, הויפּטזעכלעך פון אייראָפּע, אינעם ערשטן האַלבן 19טן יאָרהונדערט, קען מען זען פון דער ראָלע וואָס זיי האָבן געשפּילט אין דער גרויסער פייערונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו יאָרק, דעם 25טן נאָוועמבער, 1830, לכבוד דעם זיג פון דער יולי־רעוואָלוציע אין פּאַריז. די רעגירונג פון שאַרל (טשאַרלס) דעם צענטן איז געפאַלן אונטער די קלעפּ פון דער אַרבעטנדיקער פּאַריז און פון דער סטודענטישער יוגנט, און זייער עכאָ האָט אָפּגעקלונגען אין אַנדערע לענדער.

די פאַריאָכטע פּוילן, אונטער די צעטיילטע הערשאַפטן פון דעם צאַרישן רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן, האָט זיך אַ הייב געטאָן אין רעוואָלט. בעלגיע האָט זיך מיט איין קלאַפּ באַפרייט פון האָלאַנד. אין אירלאַנד האָבן זיך דערטראָגן די וויבראַציעס פון פראַנקרייך. האָפענונגען האָבן זיך גענומען הייבן ביי די אונטערדריקטע גריכן. אויך יידן אין אייראָפּע האָבן מיט קלאַפּעדיקע הערצער נאָכגעפאָלגט די נייעס, וואָס האָט געהאַלטן אין אָנקומען פון פּאַריז. ווי זיי האָבן עס געגאַרט, אַז אויך ביי זיי זאָל אַ קריי טאָן ווידער דער רויטער האָן און אָנזאָגן אַז עס קומט אָן אַ נייער טאָג! פאַקטיש איז דער זיג פון די אַליאירטע רעגירונגען, איבער פראַנקרייך, פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר אַלע אונטערדריקטע פעלקער אין דער וועלט אין אַ שרעקלעכער מפּלה.

די יולי־רעוואָלוציע אין פראַנקרייך פון 1830, וואָס איז דערנאָך פאַרראַטן געוואָרן פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, האָט אין איר אָנהויב אַרויסגערופן אַ גרויסן ענטוזיאַזם און פיל העלע דערוואַרטונגען אין דעם פּראָגרעסיוון לאַגער פון דער גאַנצער וועלט. עס האָט זיך געדוכט, אַז די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך די נאַפּאָלעאָנישע אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס, איז צוריק אַרויף אויף איר ריכטיקן רעלס אין דער געשיכטע, וואָס זי האָט גענומען אין סוף פונעם 18טן יאָרהונדערט. די אַרבעטנדיקע עלעמענטן, די ברייטע דעמאָקראַטישע מאַסן און די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנער־עמיגראַנטישע גרופּעס, וואָס די רעאַקציע האָט צעיאָגט און צעפּלוּדערט, האָבן מיט אויפגעלויכטענע הער־

צער באַגריסט אומעטום דעם נייעם צוריקקום פון דער רעוואָלוציע. די עט־לעכע טויזנט יידן אין אַמעריקע האָבן ווידער געגומען זען אין דער דאָזי־קער רעוואָלוציע אַן אָנזאָג, אַז זייער גלייכבאַרעכטיקונג אין אַלע הינזיכטן ווערט ווידער געשטעלט אויף דער טאָג־אָרדענונג.

עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס אין אַמעריקע האָט דער דעמאָקראַטיש פּראָגרעסיווער לאַגער געהאַט אַ טאָפּלטע שמחה. פון איין זייט איז דער דאָזיקער לאַגער געווען נאָך פאַר׳שיכור׳ט פון דעם זיג אין די נאַציאָנאַלע וואַלן, ווען עס איז געלונגען צו דערוויילן אַנדרו דזשעקסאָן פאַרן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. פון דער צווייטער זייט — די רעוואָלוציע אין פּאַריז. די דעמאָקראַטיש־דזשעקסאָנישע פּרעסע איז אַרויסגעקומען מיט גרויסע קעפּ וועגן די היסטאָרישע געשעענישן אין פראַנקרייך. דער באַריכט פון דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז איז געווען, אַז ער האָט בייגעוואוינט „איינע פון די וואונדערבאַרסטע רע־וואָלוציעס, וואָס עס האָט ווען עס איז פּאַסירט אין דער גאַנצער וועלט געשיכטע". דאָס איז נאַטירלעך געווען אַ גוזמא. אין דער צייט, וואָס מען האָט אַזוי געיובלט וועגן דער יולי־רעוואָלוציע אין אַמעריקע, אין די מאָ־נאַטן סעפּטעמבער, אָקטאָבער און נאָוועמבער, האָט שוין די בורזשואַז־מאָ־נאַרכיסטישע רעאַקציע ביי דער צייט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן דעם בור־באָן לואי פיליפּ, ווידער אָפּגענאַרט די אַרבעטער און עס האָט געגומען קנאַפּע 18 יאָר ביז די אַרבעטער זיינען ווידער אַרויס אויף די באַריקאַדן אין דער נייער רעוואָלוציע פון 1848.

אָבער אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך שטאַרק גערודערט. דער מלוכה־סעקרעטאַר (סעקרעטערי אָוו סטעיט) וואַן ביורען האָט זיך אויסגע־דריקט אין זיינע אינסטרוקציעס צום אַמבאַסאַדאָר — „אונדזער פאָלק איז אוניווערסאַל און ענטוזיאַסטיש צו־גונסטן דער ענדערונג". אין אַלע גרויסע שטעט זיינען פאָרגעקומען גרויסע דעמאָנסטראַציעס, אָבער די דעמאָנסטראַ־ציע אין ניו יאָרק האָט איבערגעשטיגן אַלע ענלעכע אַרויסטרעטונגען וואָס זיינען ווען עס איז פאָרגעקומען איבערן גאַנצן לאַנד. בלויז פון די אַרומי־קע שטעט זיינען 30 טויזנט מענטשן געקומען זען און באַטייליקן זיך.

דער חלק פון די יידן אין די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס און זייער אָר־גאַניזירונג איז אַ היפּשער. צווישן די 256 נעמען פון דעם ברייטערן אָר־גאַניזיר־קאָמיטעט, געפינען זיך אַזעלכע יידישע נעמען, ווי: מרדכי עמנואל נח (נאָאַ), דזשאָזעף דרייפוס, מרדכי מייערס, דניאל דזשעקסאָן, דר. דניאל ל. מ. פיקסאָטאַ, דער לייטענאַנט אוריה פּ. ליוואי פון דעם קריגס־פלאָט און — מאיר מאָזעס. צווישן די באַאַמטע פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט איז אויך געווען דער עקס־פּרעזידענט מאָנראָו. כמעט די אַלע דערמאָנטע יידן האָבן פאַרנומען וויכטיקע אַמטן אין דעם קאָמיטעט. באַזונדערס זיינען נאָאַ און דניאל דזשעקסאָן באַשטימט געוואָרן אַלס מאַרשאַלן. דעם אָריינפיר צו דער

דעמאָנסטראַציע האָט געמאַכט מאיר מאָזעס. זיין רעדע איז געווען, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, א הויך־פּונקט אין דער אָפּשאַצונג פון די געשעענישן.

מאיר מאָזעס איז געבאָרן געוואָרן אין דעם יאָר 1779, אין טשאַרלס־טאָן, סאַוט קאראָליינא. מיר ווייסן וועגן אים, אַז צו דרייסיק יאָר איז ער געווען אַ מיטגליד אין דער „סאַוט קאראָליינא געזעלשאַפט צו פאַר־שפּרייטן די היימישע קונסטן און פאַבריקאַטן". אין 1810 איז ער דערוויילט געוואָרן אין דער שטאַט־לעגיסלאַטור. אין אַ יאָר שפּעטער זעען מיר אים שוין ווי ער איז דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון פרייע קינדער שולן. אין דעם זעלבן יאָר זעען מיר אים ווי אַ דירעקטאָר אין אַן אָרטיקער באַנק. ער באַ־טייליקט זיך אויך אין דער מלחמה פון 1812, ווי אַ מאַיאָר פון די שטאַטס־טרופּן. אין 1823 זעען מיר אים ווי דעם הויפּט פון די טשאַרלסטאָנער פּאָבליק סקולס. אָבער דורך דער גאַנצער צייט איז ער געווען אַ סוחר. קענ־טיק, אַז אַלס סוחר איז ער נישט געווען קיין גרויסער אויסקלייבער און זיין ליבעראַלער געוויסן האָט אים אפילו נישט געפּלאָגט ווען ער האָט גע־האַנדלט אויך מיט שקלאַפן. (זע מאָרים שאַפּעס „דאָקומענטאַרע יידישע גע־שיכטע אין אַמעריקע", אין זיינע באַמערקונגען צום דאָקומענט 78, זייט 612). שאַפּעס ווייזט אָן, אַז אפילו די ליבעראַל־דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין דער סאַוט זיינען נישט געווען געגנער סענסיטיוו וועגן דער שרייענדיקער עוולה פון שקלאַפעריי. זיי האָבן עס אָנגענומען ווי אַן אַלט־עטאַבלירטע אינ־סטיטוציע, וואָס דאַרף שוין אַזוי אויף אייביק פאַרבלייבן. זיי האָבן אין דעם נישט באַמערקט קיין שום ווידערשפּרוך מיט זייערע דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען. די אידעאַלן פון גלייכהייט, האָבן זיי געהאַלטן, משמעות, זיינען אָנגעווענדבאַר בלויז צו פרייע ווייסע מענטשן. די שרייענדיקע ווידער־שפּרוכן צווישן דעמאָקראַטיע, וואָס האַלט זיך אויף אַ שקלאַפן־אָרדענונג, האָבן בלויז געזען די קעגנער פון שקלאַפעריי און די אַבאָליציאָניסטן. „אין טשאַרלסטאָן, למשל", שרייבט מאָרים שאַפּעס אין זיינע באַמערקונגען צום דאָקומענט נומער 78, „איז מייער מאָזעס געווען איינער פון די דעמאָ־קראַטישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע פירער, פונדעסטוועגן איז ער גע־ווען אַ הענדלער מיט שקלאַפן. ווי אַ באַווייז ברענגט ער אַ גרויסע רעקלאַ־מע, „מאָזעסעס", וואָס איז דערשינען דעם 14טן אויגוסט, 1815, אינעם „סאָוטהערן פּעיטריאָט" פון טשאַרלסטאָן. אין דער רעקלאַמע באָט מ' אָן פאַר פאַרקויף אַ היפּשע פאַרם מיט געביידעס און אַ פאַמיליע פון אַכט שקלאַפן. אים אַרט אפילו נישט אויב אימיצער וועט אָפּקויפן אַלע צוזאַ־מען, אָדער בלויז איינעם אָדער עטלעכע. זיי קענען פאַרקויפט ווערן אויך „באַזונדער".

איז עס טאַקע זייער נישט אויסגעהאַלטן פון איינעם, וואָס האָט גע־האַלטן אַזאַ רעוואָלוציאָנערן אַריינפיר אין די דערמאָנטע פייערלעכקייטן אין ניו יאָרק, מיט אַזאַ פרייהייטלעכן בליק אויף דער וועלט, אַז ער זאָל

נאָך דעמאָלט אַלע האָבן געוועזן אַ שקלאַפן־הענדלער. פון די עטלעכע אויס־צוגן, וואָס מיר קענען זיך דאָ דערלויבן צו געבן, וועלן מיר זען דעם ברייטן רעוואָלוציאָנערן האָריזאָנט, וואָס מאיר מאַזעס האָט געהאַט דריי יאָר פאַר זיין טויט. (ער איז געשטאָרבן אין 1833):

„...די קאַמפן און ליידן פון די גריכן פאַר זייער באַפרייאונג האָט גע־וואונען אונדזער וואַרעמסטע סימפּאַטיע. זייער באַפרייאונג פון דער טער־קישער שקלאַפעריי האָבן מיר באַגריסט מיטן פולן ענטוזיאַזם, וואָס קען ווערן בלויז געמאָסטן מיט דער נאָכפאָלגנדיקער אַנטוישונג, — די פאַר־ניכטונג פון די האָפענונגען, וואָס האָבן זיך ביי אונדז דערוועקט, ווען עס איז איינגעשטעלט געוואָרן פרייהייט אויף די חורבות פון דעספּאָטיזם, אין דעם לאַנד, וואו עס האָט אַמאָל אַזוי גלאָררייך געבליט אַ רעפּובליק. די געקרוינטע דעספּאָטן, וואָס האָבן זיך אַריינגערוקט צווישן די העראָאישע גריכן און זייערע מאַכמעדאַנישע אונטערדריקער, אונטער דער מאַסקע פון מענטשלעכקייט, האָבן דערגרייכט וואָס זיי האָבן געוואָלט, און די יורשים פון ליקורגוס און פון אַריסטידיס, פון קסענאָפאָן און פעריקלס, האָבן גע־לייענט זייער שיקזאַל אין די קייטן, וואָס זיי זיינען פאַראורטיילט צו טראָגן...

„די לעצטע גלאָררייכע און אומפאַרגלייכלעכע רעוואָלוציע אין פראַנק־רייך, וואָס די וועלט נעמט אויף מיט דערשטוינונג און באַטראַכט זיי מיט באַוואונדערונג, גיט אונדז שוין אַ בילד פון אַ פריילעכערן אינהאַלט. מיר זעען פאַר זיך אַ גרויסע נאַציע, ווי זי נעמט ווידער איבער מאַיעסטעטיש אירע רעכט, און אין איין רגע צערייסט זי די קייטן, וואָס אַ בייזער דעספּאָ־טיזם האָט געפּרוווט אויף איר אָנטאָן. טיראַניי, ווידערשטאַנד און זיג האָט נאָכגעפאָלגט איינע די אַנדערע אין אַזאַ קורצער צייט, אַז עס קוקט אויס ווי אַ נס. די רעוואָלוציע איז דורכגעפירט געוואָרן: אירע רעזולטאַטן וועלן פילן אַלע פעלקער און וועט זיך אויסברייטערן צו צוקונפטיקע דורות.

מאַזעס גיט איבער מיט ביטערע ווערטער, וואָס די בורבאָנישע קעניג־לעכע דינאַסטיע האָט אָפּגעטאָן דעם פראַנצויזישן פאָלק דורך די קורצע 15 יאָר פון איר הערשאַפט. זייערע רעכט וואָס זי האָט צעטראָטן, זייער נאָמען וואָס זי האָט פאַרפלעקט. פאַרן פאָלק איז געבליבן די ברירה: אָדער די בורבאָנען זאָלן פאַרשקלאַפן פראַנקרייך אויף אייביק, אָדער „...אַז פראַנק־רייך זאָל דורך אַ מוטיקן און אַנטשלאָסענעם קלאַפּ פאַרטיליקן די בורבאָ־נען פון דעם לאַנד, וואָס זיי האָבן פאַרשוועכט. אָט די גרויסע פראַגע איז אַנטשיידעט געוואָרן: אָננעמענדיק די גוטמוטיקייט פאַר שוואַכקייט, זיין געדולד פאַר שרעק, האָבן די אונטערדריקער אָנגעהויפּט איין שלעכטס אויפן צווייטן ביז דער כוס איז איבערפילט געוואָרן. דער פייער האָט זיך אָנגע־צונדן: ...און אין די דריי טעג פון זייער בריליאַנטענער אילומינאַציע האָט ער זיך גלייך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ווידערגעבאָרענער פראַנקרייך... פראַנקרייך, די שיינע פראַנקרייך, וואָס איז איצט גליקלעך און פריי, אי־

לוסטרירט די מאכט וואָס עס ליגט אין דער מאַיעסטעטישקייט פון פאָלק.

„עס איז נישט שווער פאָראויסצוזאָגן די רעזולטאַטן וואָס מוזן קומען פון דער דאָזיקער גלאָררייכער געשעעניש. אַ רעוואָלוציע אין פראַנקרייך איז אַ רעוואָלוציע אין אייראָפּע — איר פּאָזיציע שטעלט מיט זיך פאָר אַ צענטער פון באַוועגלעכקייט, און די מינדסטע אויפרעגונג... פאַר אורזאַכט אַ וויבראַציע... אין דער גאַנצער וועלט. בעלגיע האָט עס שוין באַוויזן... דער געשריי פון פרייהייט הערט זיך שוין פון עטלעכע שטימען אין די איצט נאָך פינצטערע געגנטן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל... פּרייסן וועט דערפילן די עפעקטן אין פּוילן און אין אירע אייגענע לענדערייען. עסטרייך ציטערט פאַר די פּאָלגן אין איטאַליע און אין דייטשלאַנד. און אפילו אין ענגלאַנד... רוסלאַנד, אַזוי ווייט ווי זי איז מיט איר ריזיקע טעריטאָריע, איר מיליאָנען באַפעלקערונג, אירע ליב־אייגענע, אירע פּריצים און איר אַבסאָלוטיסטישע רעגירונג, באַטריבן מיט דעספּאָטישער מאַכט, האָט פונדעסטוועגן צעשפּריצט אין אירע לענדערייען גופא די פונקען פון דעם גרויסן פייער, וואָס איז גע־וואָרן צעבלאָזן פון דער רעוואָלוציאָנערער פראַנקרייך: זיי וועלן נישט ווערן אויסגעלאָשן — אַ געוויסע פּאַטריאָטישע האַנט וועט שוין אָנהאַלטן זייער לעבן...״

מאָזעס גייט דערנאָך אַריבער אין זיין אַריינפיר צו דעם שטראָם פון ענטוזיאַזם, וואָס די יולי־רעוואָלוציע רופט אַרויס אין אַמעריקע און ער פאַרענדיקט מיט גוטע וואונטשן פאַר זייער דערפאָלג:

„...פאַר זייער גליק און פּראָספּעריטעט... אונדזערע האָפענונגען און אונדזערע פאַרלאַנגען...״

מאָזעס' נבואות זיינען מער, פיל מער, ווי מקוים געוואָרן. די אַמאָליקע צאַרן־רוסלאַנד איז היינט שוין דער מעכטיקער, ריזיקער פאַרבאַנד פון סאָ־ציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן, פון וועלכע מאָזעס האָט אפילו נישט גע׳חלומ׳ט.

דער קאַליפֿאָרנער סעמועל נאָאַ

גראָיסער העלד, צי קאַריעריסט?
קנאַפּער ייד און ניט קיין קריסט.
ר'זעט נישט אויס קיין פּאָעט —
זיכער אַן אַוואַנטוריסט!

עס איז פֿאַראַן אַ פֿאָלקס־ווערטל אין פּוילישן ייִדיש: „ווער עס זוכט אַוואַנטורעס, דעם פֿעלט נישט קיין צרות". און דאָס איז טאַקע געווען דער פֿאַל מיט סעמועל נאָאַ (שמואל נח), אַ קוזין פֿון דעם באַקאַנטן ייִדישן טרוימער און שטאַטסמאַן, זשורנאַ־ליסט און דראַמאַטורג, אַוואַנטוריסט און קאָנסערוואַטיווער ריכטער מרדכי עמנואל נח.

אין מער ווי אין איין פּרט זײַנען זיי געווען ענלעך: הויפּטזעכלעך אין זייער רייסן זיך צו אָנזעעודיקייט, און אין נישט צוריקציען זיך פֿון אַלער־לײַ אַוואַנטוריסטישע פּלענער, אַבי אַרויסצושײַנען פֿון צווישן זייערע מיט־מענטשן. אָבער אין דער צײַט, ווען מרדכיין איז יאָ געלונגען אַרויפֿצוכאַפּן זיך אויפֿן פֿערד און דאָ און דאָרט רײַטן אויף אים, ווי מיר וועלן עס זען אין אַן אַנדער קאַפּיטל, איז עס שמואלין נישט געגאַנגען. אַלע זײַנע אײַנ־שטעלענישן און וואַגונגען האָבן פֿאַר אים עפּעס נישט אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג צו זײַן געזוכטן „פּלאַץ אויפֿן שפּיץ באַרג".

סעמועל נאָאַ איז געבאָרן געוואָרן אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, אין אַ ייִדי־שער פֿאַמיליע, דעם 19טן יולי, 1779. וועגן זײַנע יונגע יאָרן, דערציאונג און געשעענישן אין ענגלאַנד ווייסן מיר גאָרנישט. ווען נישט אַ ווערק פֿון גענעראַל דזשאָרדזש וו. קולאָם, ביאָגראַפֿיקל סקעטשעס אָוו דיזיזד גראַדיו־עטס אָוו דהי יו־עס מיליטערי אַקאַדעמי", וואָלטן מיר קוים געוואוסט וועגן די וואַגנדיקע דינסטן און לייסטונגען פֿון אָט־דעם דאָזיקן ייִדישן קעמפֿער און אַוואַנטוריסט.

פֿון דעם דאָזיקן ווערק דערוויסן מיר זיך, אַז סעמועל נאָאַ איז געקו־מען אין יאָר 1799 קיין ניו יאָרק, אין עלטער פֿון צוואַנציק יאָר, און גע־פּרוווט אָנצוהייבן אַ קאַריערע אינעם קריגס־פֿלאָט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. קענטיק, אַז עס האָבן אים שוין פֿריער געמאָניעט די ווייטע לענ־דער און ימ'ען, און אַז ער האָט שוין אַלס יונגער בחור געהאַט זײַן דער־פֿאַרונג אינעם ענגלישן קריגס־פֿלאָט. אַ לענגערע צײַט האָט ער געקלאַפּט אין די טירן פֿון דער אַדמיראַליטעט מיט זײַן אַפּליקאַציע צו זײַן אַ „מיד־שיפּמאַן" (אַ ייִנגערער אָפֿיצער אינעם קריגס־פֿלאָט). אָבער אַלע זײַנע אָנ־שטרענגונגען האָבן אים דעם דאָזיקן אַמט נישט געגעבן. נאָך זעקס יאָר פֿון „קלאַפּן אין טירן" האָט ער קוים געקראָגן דעם ראַנג פֿון קאַדעט אינעם

ערשטן רעגימענט פון דער ארטילעריע.

פעאיקייטן האָט סעמועל נאָך געהאַט אויך אַלערליי געביטן. דערצו האָט ער געהאַט אַ שיינע, קלאָרע האַנטשריפט — האָט ער זייער אָפט גע־קראָגן די געלעגנהייט צו דינען אַלס סעקרעטאַר פונעם אויפזעער איבער דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, און האָט אָפט פאַרנומען דעם פּלאַץ פונעם „דזשאַדזש עדוואָקעיט", אַן אָפיצער, מיט וועלכן מען באראַט זיך אין פאַל פון קריגס־געריכטן, אָדער רעקאָרדער אין וועסט־פּאָינט (מיליטער־שולע).

סעמועל האָט גראַדואירט דעם 9טן דעצעמבער, 1807, און אויסקלייבנדיק פאַר זיך די אינפאַנטעריע־דינסט, האָט ער זיך גיך דערשלאָגן צום ראַנג פון אַ צווייטן לייטענאַנט (ענסין) אינעם צווייטן רעגימענט. אמת, זיין אמט־פּלאַץ איז געווען נישט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. ער האָט זיך לאַנגע וואָכן געשלעפּט צו זיין באַשטימונגס־פּלאַץ אינעם קאַנטאָנמענט (אַ מיליטערישער פּונקט) פון קאַלאָמביאַ־ספּרינגס, אינעם טייל פון פאָרט עדעמס, אין מיסיסיפּי. דאָס איז געווען אַ „העק". אפילו אין דער איצטיקער צייט איז עס נישט פון די וואַזשנע פּונקטן, וואו אַן אוואַנטוריסטישע נאַטור קען באַפרידיקן זיינע דראַנגען. אַזאַ פּונקט, הונדערטער מיילן ווייט פון וועלכן עס איז צענטראַל־פּונקט, איז פאַר אַזאַ איינעם פּאַקטיש אַ פאַרשיקונגס־פּלאַץ, עפּעס ווי אַ מין שטראָף.

גראַד זיינען יענע יאָרן געווען שטורעמדיקע. אין אייראָפּע האָט נאַפּאָלעאָן דער ערשטער איבערגעשריבן מאַפּעס, איבערגערוקט גרעניצן, אַראָפּגענומען פון קעפּ קרוינען און אַרויפגעזעצט זיי אויף קעפּ פון זיינע קרובים און ליבלינגען. די שלאַכט־קאַמפּאַניעס, וואָס ער האָט אַזוי זיגרייך געפירט איינע נאָך די אַנדערע, האָבן צונישט געמאַכט די אַקסיאָמעס (דורכקאָנטראָלירטע אמת'ן) פון אַלע מיליטערישע טעקסט־ביכער איבער טאַקטיק און סטראַטעגיע. נאָך האָט זיך אַרויפגעוואָרפן מיט זיין גאַנצער ליידנשאַפט אויף שטודירן די דאָזיקע רעוואָלוציאָניזירנדיקע נאַפּאָלעאָן־קאַמפּאַניעס. עס איז אים אָבער אפילו דאָס נישט באַשערט געווען צו מאַכן זיין לעבן אינטערעסאַנטער און לעבעדיקער, אַ לעבן, וואָס זאָל האַרמאָנירן מיטן הייסן בלוט אין זיינע אָדערן. ער איז באַשטימט געוואָרן צום גרעניץ־פּראָנט פון פלאָרידאַ אויפצופּאַסן אויף דעם אומגעזעצלעכן האַנדל און שמוגלעריי.

פלאָרידאַ איז דעמאָלט, מיט קנאַפּע 150 יאָר צוריק, נאָך נישט געווען דער רעזאָרט־פּלאַץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן. עס איז גיכער געווען אַ שטיק ווילדערניש, אָנגעזעצט מיט אַלערליי ווילדע חיות, אינזעקטן און מיאַזמען, מיט גען פיבער און פאַרשיידענע אַנדערע אָנשיקענישן. נאָך'ס גליק איז נאָך געווען, וואָס ער איז געשיקט געוואָרן פון איין קעמפּ צום אַנדערן, לענגאויס די גאַלף־שטאַטן פון פלאָרידאַ, אַלאַבאַמאַ, מיסיסיפּי און לואיזיאַנאַ. אין משך פון די דאָזיקע שליחות'ן האָט ער זיך באַקאַנט מיט פיל אָפיצערן און העכערע מיליטערישע באַאַמטע און דערוואָרבן זיך וועגן

זיי א מאַסע אַנעקדאָטן, וואָס האָבן אים געשאַפן שפּעטער אין לעבן פּיל אויערן.

דאָס איז אָבער פאַר אים נישט געווען קיין עסק. אים האָט געפּייניקט צוצוזען, ווי פּיל אַנדערע אין דינסט, מיט ווייניקער פעאיקייטן, מיט קנאַפּער מיליטערישער טעאָריע און פּראַקטיק, זיינען כסדר געהויבן געוואָרן אין זייער ראַנג, און אים האָט מען געלאָזן פון הינטן. דאָס אַלץ וואָס ער האָט דערגרייכט, איז געווען דער ראַנג פון ערשטן לייטענאַנט. האָט סעמועל נאָא עס צוגעשריבן צו זיין יידישקייט? וואָס פאַר א ייד איז ער געווען, אַז ער האָט נישט מיטגעלעבט מיטן יידישן לעבן, אין ערגעץ נישט געווען צוגעשריבן, נישט צו קיין קהילה, אָדער צו וועלכער עס איז יידישער אינ־סטיטוציע? ! גענעראַה קולאָם דערמאָנט בלויז איינמאָל, אַז ער איז געווען פון יידישן אָפּשטאַם און גיט נישט אָן אין קיין איין פּלאַץ די אורזאַך פאַר־וואָס איז פּאָרט נאָא געבליבן ביי דעם קליינעם אמט, אין דער צייט וואָס פּיל קאָלעגן זיינע, ווייניקער פאַרדינסטפולע און געלערנטע, האָבן שוין אָנ־געשלאָגן הויכע אמטן.

נאָא האָט ענדלעך רעזיגנירט פון זיין מיליטערישן אמט אין מערץ, 1811. מיר ווייסן גאָרנישט וועגן זיינע פּלענער, וואָס ער האָט געהאַט אויף ווייטער. אָבער אין גיכן האָט זיינער אַן אַקאַדעמישער חבר, אויך אַן ערשטער לייטענאַנט, מאַני, געקראָגן א געלעגנהייט דורך דעם מעקסיקאַנישן גענעראַל בערנאַדאָ גיטעראַס און קאַפּיטאַן מאַנסקאַק, צו קריגן דעם ראַנג קאָלאָנעל (קוירנעל) אין א רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך געשלאָגן קעגן די שפּאַנישע ראַיאַליסטן. מאַני, פון זיין זייט, האָט אַריינגעצויגן אונדזער נאָא'ן אַלס ערשטן לייטענאַנט. נאָא האָט אָפּגעלעבט.

אמת, דער דאָזיקער מיליטערישער אָפּטייל, וואָס איז באַשטאַנען פון מעקסיקאַנער און אַמעריקאַנער, איז געווען א קנאַפּ־דיסציפּלינירטער אַפּאַ־ראַט. אין אָנהויב איז זייער מאַרש אויף די שפּאַנישע באַפעסטיקונגען גע־ווען א „לייכטער שפּאַציר". זיי האָבן זיך געהאַלטן לענגאויס דעם טייך בראַזאָס און מאַרשירט אויף דעם פּאָרט באַהיא. זיי האָבן אים פאַרנומען דעם 14טן נאָוועמבער, 1812. דאָס איז אָבער געוואָרן פאַר זיי א פּאַסטקע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א באַלאַגערונג מיט א כסדר'דיקער באָמבאַרדע פון שווערער אַרטילעריע. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישן מעקסיקאַנער אָפּטייל, דער אַמעריקאַנער קאָלאָנעל מאַני, איז אינעם פּראָצעס פונעם קאַמף שטאַרק קראַנק געוואָרן און אויסגעגאַנגען. דעם שונא'ס א זעקס־פונטיקע קאַנאָנען־קויל איז געשליידערט געוואָרן לעבן דעם קבר, וואו מ'האָט אים באַגראָבן.

די דאָזיקע קאַמפּן אין מקעסיקאָ, ווי כמעט אין דער גאַנצער שפּאַני־שער אימפּעריע אין צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע, האָבן זיך אָנגעהויבן אין 1810 און אָנגעהאַלטן אַרום פופצן יאָר, ביז די דאָזיקע אימפּעריע איז

צעטיילט געוואָרן אויף די צוויי צענדליק רעפּובליקן אין 1825. סעמועל נאָא'ן איז באַשערט געווען דערנאָך צו זיין דער קאָמאַנדיר פונעם ריער־גאַרד (הינטערוואַך) פון דעם דערמאָנטן אַפּטייל מיט די פאַרשטאַרקונגען, וואָס ער האָט באַקומען, נאָכדעם ווי די באַלאַגערער האָבן זיך געמוזט אָפּ־טראָגן. דער דאָזיקער קאַמפּספּלאַץ איז געווען אויף דער טעריטאָריע, וואָס איז איצט דער גרעסטער אַמעריקאַנער שטאַט אין שטח — טעקסאַס. נאָא האָט געשפּילט אַ היפּשע ראָלע אין יענע קאַמפּן.

אָט־דער קאַמף האָט אָנגענומען אַ דריי־ווינקלדיקן כאַראַקטער. אין די פּופּצן שטורמישע יאָרן אין מעקסיקאָ קעגן דער שפּאַנישער הערשאַפט, האָט זיך גלייכצייטיק געבילדעט אַ רעפּובליקאַנישע שטרעמונג און אַ ראָיאַ־ליסטישע. (דער אָנפירער פון די לעצטע, איטורבידע, וואָס האָט פיל גע־האָלפן אין פאַרטרייבן די שפּאַניער, איז אַ שטיקל צייט אַליין געוואָרן קע־ניג, אָבער ער איז געצוואונגען געוואָרן אין גיכן צו אַנטלויפן און די מעק־סיקאַנישע רעפּובליק איז עטאַבלירט געוואָרן אין 1823. ווען איטורבידע איז צוריקגעקומען האָט מען אים געכאַפּט און הינגעריכטעט). אָבער וואָס שייך טעקסאַס האָבן אויך פיל אַמעריקאַנער באַטייליקט זיך אין די שלאַכטן קעגן די שפּאַניער און די אַנדערע ראָיאַליסטן. נאָא האָט, ווי מיר זעען, אויך געהאַט אין אים אַ חלק.

אין יענער צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות אין אייראָפּע, איז די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אויך אַריין אין דער מלחמה קעגן ענגלאַנד. ווען נאָא האָט אין 1813 דערהערט די נייעס, האָט ער גלייך אויפ־געגעבן זיין קאָמאַנדע אין טעקסאַס, כדי צו באַטייליקן זיך אין דער מלחמה קעגן ענגלאַנד (זיין געבורטסלאַנד).

צוצוקומען אין יענער צייט פון די טיפענישן פון טעקסאַס קיין וואַ־שינגטאָן, אַ יאָר איידער דער לאָקאָמאָטיוו איז נאָך אפילו דערפונדן גע־וואָרן, כדי אַריינצוטרעטן פּריוואַליק אין דער מלחמה, כאַראַקטעריזירט מער ווי אַלץ נאָא'ס אַוואַנטוריסטישן גייסט, וואָס איז געווען טיילווייז אויך פאַרבונדן מיט אַרויסווייזן זיין פּאַטריאָטיזם צו זיין אַדאָפּטירט לאַנד. ער איז געלאָפן הענדום־פּענדום, ווי דער גאַנצער אויסגאַנג פון דער מלחמה וואָלט זיך געווענדט אָן אים אַליין. עס האָבן אים נישט אָפּגעהאַלטן די ווּיסטע געגנטן, די פאַרפּלייצונגען, די רוּיבער־באַנדעס אויף די ווייניק גע־נוצטע וועגן, די לאַנגע וואָכן גאַלאָפּירן מיט פערד, אָפט איבער בערג און טאָלן, אין, און דורך, דשזאָנגלס, ביז ער האָט ענדלעך דערגרייכט וואַשינגטאָן.

אָבער אים האָט דערוואַרט אַ שרעקלעכע אַנטוישונג. קענטיק, אַז זיין „יידישקייט״ איז אים ווידער געשטאַנען אין וועג ביי די, וואָס האָבן גע־האַט די דעה אינעם קריגס־דעפּאַרטמענט. מען האָט אים צוריקגעוויזן זיין אַפּליקאַציע פאַר אַ קאָמאַנדע אפילו פון אַן ערשטן ליטענאַנט, און בכלל פאַר וועלכער עס איז קאָמיסיע אין דער אַרמיי. אָפיציעל, הייסט עס, איז

ער צוריקגעוויזן געוואָרן פונעם פּרעזידענט מעדיסאָן, כאָטש עס גלויבט זיך נישט, אַז מעדיסאָן זאָל אויך האָבן געווען אַן אַנטיסעמיט.

אָבער נאָאַ'ס אַמביציעס זיינען פון אַזעלכע פּאַלן בלויז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. ער האָט פאַרלאָזן וואַשינגטאָן און אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, וואו עס האָבן זיך דעמאָלט פאַרמירט פּאַטריאָטישע מיליץ־אָפּטיילן צו פאַרטיידיקן ברוקלין פונעם ענגלישן קריגס־פּלאַט. נאָאַ האָט זיך גלייך אָנגעשלאָסן אַלס פּשוט'ער סאָלדאַט אָן דער ראָטע (קאָמפּאַני) פון קאַפּיטאַן בענדזשאַמין דאָנינג, אונטער דער הויפּט־קאָמאַנדע פונעם גענעראַל דזשאָזעף דזש. סווימט, וואָס האָט דעמאָלט פאַרטיפיצירט די ברוקלינער ברעגן קעגן דעם צוג פון די ענגלענדער אויף לאָנג־איילאַנד ביי סאַג האַרבאָר.

דזשענעראַל קולאָם האָט אין זיין דערמאָנטן בוך פון ביאָגראַפיעס געשריבן וועגן סעמועל נאָאַ'ס פאַרדינסטן:

„...זיינע לייסטונגען דאָ (אין ברוקלין) און ביי האַרלעם האַיטס, ביז צום סוף פון דער מלחמה, אין דער הילף וואָס ער האָט געגעבן דעם מיליץ־אָפּטייל, זיינען געווען די סאַמע איבערגעגעבנסטע און אומדערמידלעכסטע. זיין מילטערישע בילדונג, זיין פּראַקטישער וויסן און שנעלע אָריענטירונג, האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אים אַ מעכטיקע הילף אין זיין פּאַטריאָטישער איבערגעגעבנקייט צו זיין פליכט". (ציטירט לויט סיימאָן וואָלף'ס בוך „דהי אַמעריקען דזשו עז פּעיטריאָט, סאָלדזשער ענד סיטיזען").

אָבער דאָס איז געווען דער סוף פון ס. נאָאַ'ס מיליטערישער קאַריערע. ער איז געוואָרן אַ לערער, ביז 1820, לעבן גאָשען, ניו יאָרק, שפּעטער צוויי יאָר אין ענגלאַנד, און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז ער געווען איבער צוויי צענדליק יאָר אַ לערער אין ווירדזשיניע אין פאַרשיידענע לערן־אַנשטאַלטן. ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון טעטיקייט אין 1848. ער איז שוין דעמאָלט געווען 69 יאָר אַלט. אַן אַלטער גוטער פריינט האָט אים אַ לענגערע צייט געהאַלטן מיט זיך אין מאָונט פּולאַסקי, אילינאָי. ער האָט אָבער איבערגעלעבט זיין פריינט. דער דערמאָנטער גענעראַל קולאָם פאַרענדיקט זיין ביאָגראַפישע סקיצע:

„...דער ראָמאַנטישער רעקאָרד פון סעמועל נאָאַ'ס יוגנטלעכן לעבן איז פול מיט ווילדער אַוואַנטורע און רירנדיקע אינצידענטן; זיין נאָך־געשיכטע, אָבער, איז געווען אַ קוריאָזער געמיש, כמעט פונקט פאַרקערט פון די אַלערליי דורכלעבענישן... און זיינע באַרג־אַראָפּ־יאָרן זיינען געווען אַן עלטער פון אָרעמקייט..."

סעמועל נאָאַ איז געשטאָרבן אינעם יאָר 1871, אין טיפן עלטער פון 92 יאָר.

הענרי סאָלאָמאָן דזשעקסאָן

רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „דהי דזשו" און הייראַט די טאָכטער פון אַ גלח.

דער ייד, וועגן וועמען עס דערציילט זיך דאָ, סאָלאָמאָן הענרי דזשעקסאָן, האָט נישט געביטן זיין יידישן פאַמיליע־נאָמען אין געריכט, ווייל ער האָט זיך געשעמט מיט זיין אמתן יידישן נאָמען. ער האָט אויך נישט אָנגענומען דעם דאָזיקן נישט־יידישן נאָמען לכבוד דעם דעמאָקראַטישן קעמפערישן פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַנדריו דזשעקסאָן, כאָטש ער האָט געלעבט אין זיין צייט און איז געווען אַן אָנהענגער זיינער און אַ גוטער דעמאָקראַט. ניין, גראָד האָט ער דעם דאָזיקן נאָמען גע׳ירשנ׳ט פון זיין אייגענעם פאָטער דניאל דזשעקסאָן, אויך אַ יידישער כלל־טוער, און דער שווער פונעם באַרימטן יידישער־אַמעריקאַנער פאָליטיקער מרדכי עמנואל נח (נאָאַ).

אין יענער צייט, סוף דעם 18טן און אָנהויב דעם 19טן יאָרהונדערט, זיינען געקומען פון ענגלאַנד עטלעכע יידישע פאַמיליעס מיט דעם דאָזיקן נישט־יידישן נאָמען. אָבער סאָלאָמאָן הענרי דזשעקסאָן האָט געשפּילט אינעם יידישן לעבן פון אַמעריקע אַ צו־מערקווירדיקע ראָלע, אַז מען זאָל אים נישט אויסטיילן באַזונדער פון די איבעריקע יידישע דזשעקסאָנס.

ווי מיר וועלן באַלד זען, האָט סאָלאָמאָן הענרי דזשעקסאָן זיך געפונען אין די רייען פון די „ערשטע" אין פיל הינזיכטן. צום אַלעם ערשטן איז ער געווען דער ערשטער יידישער דרוקער אין ניו יאָרק, וואָס האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט דרוקן יידישע באַשטעלונגען פון די יידישע קהילות: אויפרופן, מודעות און תקנות (ביי־לאָס) פון יידישע אינסטיטוציעס. ער האָט דאָ דער ערשטער איבערזעצט און אַרויסגעגעבן אין 1826 אַ סידור, אין ענגליש און העברייאיש. ער האָט אויך דער ערשטער אַרויסגעגעבן אין ענגלישער איבערזעצונג אַ „הגדה של פסח" און זי אויך איבערגעזעצט אין ענגליש. אָבער סאָלאָמאָן הענרי דזשעקסאָן איז דאָ אויך געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון אַ פּעריאָדישער צייטשריפט — „דהי דזשו".

אָבער פריער לאָמיר אויסשטעלן אין אָרדענונג די עטלעכע מאָגערע פאַקטן, וואָס מיר האָבן פאַר זיך וועגן זיין לעבן. מיר האָבן נישט די דאַטע פון זיין געבורט. מיר האָבן שוין געזען, אַז זיין פאָטער איז געווען דניאל דזשעקסאָן, אַ ניו יאָרקער סוחר, אַן איינגעוואַנדערטער פון ענגלאַנד. ער איז געווען אין 1822 דער גרינדער און ערשטער פרעזידענט פון דער וואויל־

טעטיקער געזעלשאַפט „היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי". ער איז אויך גע־וועזן פון די גרינדער פון דער ניו יאָרקער קהילה „בני ישורון", וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן אין 1825 פון דער אַלטער ניו יאָרקער קהילה „שארית ישראל". (נישט צוזאַמענמישן אים מיט דזשאָן ד. דזשעקסאָן, וואָס איז גע־וועזן אויך אַ גרינדער און באַאַמטער פון די „בני ישורון".

סאָלאָמאָן העניר דזשעקסאָן האָט זיך אין אַנהויב באַזעצט אין פּאַיק קאַונטי, פּענסילוועניע. דאָרט האָט ער געהייראַט העלען מילער, אַ טאָכטער פון אַ פּרעסביטעריאַנישן גלח און מיט איר געהאַט פינף קינדער. עס איז נישט באַקאַנט, צי מרס. העלען דזשעקסאָן האָט זיך מגייר (מעגאַיער) געווען, צי נישט, אָבער די קינדער זיינען אַלע דערצויגן געוואָרן אַלס יידן. מיטן אויסנאַם פון זייער טאָכטער עליזא, האָבן אויך אַלע געהייראַט אין יידישע פאַמיליעס. עליזא אַליין האָט געהייראַט דעם אירלענדיש־אַמעריקאַנער דאָק־טאָר פּיטער דאַנאָוואַן. ער האָט זיך מגייר געווען. (מיר האָבן אַ גרונט צו גלויבן, אַז ט. וו. דאַנאָוואַן, דער אָנגעשטעלטער פון דער קהילה „אנשי חסד" און דער סעקרעטאַר פון דער יידישער קאָלאָניזיר־אָרגאַניזאַציע „צעירי הצאן" (צעאירויי האַצוין, די יונגע שעפעלעך), איז געווען דעם דאָקטאָר'ס אַ קרוב, — אַ זון אָדער אַ ברודער).

אין די באַדינגונגען פון יענער צייט, ווען דאָס ביסל יידן איז געווען צעזייט און צעשפּרייט, זיינען אָפט פאָרגעקומען געמישטע הייראַטן.

צום טייל האָט דער דאָזיקער צושטאַנד דערמוטיקט אין אַ גרויסער מאָס די פאַרשיידענע מיסיאָנערישע געזעלשאַפטן צו פאַרשטאַרקן זייער טע־טיקייט אין „אויסלייזן יידישע נשמות". פון דער צווייטער זייט האָט די בורזשואַזיע זיך שוין אָנגעהויבן אויסצוניכטערן פון אירע ראַדיקאַלע שטי־מונגען און עס איז, פאַר אַ גרויסן טייל בירגערלעכע יידן, געוואָרן וויכטיק, סיי רעליגיע אַלס אַזעלכע, סיי אַ מער אָדער ווייניקער „גלייכשאַלטונג" אין רעליגיעזע ענינים, וואָס האָט געקענט העלפן אין שאַפן אַ מער איינהייט־לעכע צוזאַמענגעשמידטע אַמעריקאַנער נאַציע.

די דאָזיקע שטרעבונג האָט זיך אויך געפילט אין ענגלאַנד, וואו מי־סיאָנערן האָבן „געאַרבעט" געשמאַק אין די קאָלאָניאַלע לענדער צווישן די איינגעבאָרענע, און אויך אין לענדער וואו זיי האָבן געהאַט שוין אויסגע־לייגט אַ וועג אַריינצודרינגען. ממילא איז די אַרבעט צווישן יידישע איינגע־וואַנדערטע אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן. פאַרשיידענע מיסיאָנערישע אָרגאַני־זאַציעס און אינסטיטוציעס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין ענגלאַנד נאָך מיט אַ צייט פריער.

גאָר אַ היפּשע שמד־מגפה איז פאָרגעקומען צווישן די דייטשישע ביר־גערלעכע יידן. איבערהויפּט, ווען די „האַניק־יאָרן" פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן זיך אויסגעלאָזט און די מאָנאַרכאָ־פעאָדאַלע רעאַקציע אין איירָאָפּע האָט ווידער געקראָגן פרייע הענט צו באַרויבן דאָס פאָלק בכלל

און די יידן בפרט, פון דעם ביסל רעכט וואָס זיי האָבן געקראָגן. פיל פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס האָבן זיך געהאַט אַרויפגעאַרבעט, אויף שטעלעס, אויף געשעפטן און פאַבריקן, האָבן אויסגעקליבן נישט דעם שווערן וועג פון קאַמף קעגן דעם אומרעכט, נאָר דעם לייכטערן וועג פון טויף־וואַסער. אַזוי איז אויך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער פאָרגעקומען אין רוסלאַנד און פּוילן. אין אַמעריקע, אין אַ מער פרייהייטלעכער אַטמאָס־פערע, האָבן די מיסיאָנערן ניט געהאַט אַזאַ פּראָספּעריטעט ווי אין דייטש־לאַנד, עסטרייך און אונגאַרן. אָבער ווען די מיסיאָנערישע טעטיקייט איז שטאַרקער געוואָרן, האָבן אייניקע מוטיקע יידן געמאַכט פּרוּוון אויף קעגן־אַטאַקעס.

איבערהויפּט איז ביי פיל רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישע יידן אָנגעוואַקסן די געפאַר צו ווערן פּאַרטיליקט אין רעליגיעזן זינען, ווען איין מיסיאָנערישע געזעלשאַפט האָט זיך געגעבן אַ זייער אומשולדיקן נאָמען — „דהי אַמעריקען סאָסייעטי פאַר אַמעליאָרעיטינג דהי קאָנדישאָן אָוו דהי דזשוס" — אַזאַ נאָמען פון אַ געזעלשאַפט, וואָס „זוכט צו פאַרלייכטערן די באַדינגונ־גען אין וועלכע עס לעבן די יידן", האָט טאַקע אָנגעהויבן צוציען צו זיך מער אויפמערקזאַמקייט מצד געדריקטע אימיגראַנטן, וואָס זוכן אַן אָנהאַלט.

דער זשורנאַל „דהי דזשו" איז געווען דער ענטפער, וואָס אַ גרופּע אָר־טאָדאָקסישע יידן האָט גענומען געבן די מיסיאָנערן און זייערע פּרוּוּוכן. איבערהויפּט איז דאָס געווען אַן ענטפער דעם אָרגאַן פון די מיסיאָנערן מיט דעם צוציענדיקן נאָמען „איזראַעל'ס אַדוואָקעיט". „דהי דזשו", וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן פון סאָלאָמאָן הענרי דזשעקסאָן, האָט אָנגעהויבן פון מערץ 1823 צו דערשיינען מאָנאַטלעך. דער ערשטער סעקרעטאַר פון דעם דאָזיקן יידישן ערשטן אָרגאַן אין אַמעריקע, איז געווען דער רב משה חיים מאפורגא, וואָס זאָל האָבן געקומען פון סורינאַם און אָנגעשטעלט געוואָרן פון דער ניו יאָרקער קהילה „שארית ישראל".

דזשעקסאָן, דער רעדאַקטאָר אַליין, האָט זיך באַזעצט אין ניו יאָרק אַרום די ערשטע 20ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט און געגרינדעט, ווי שוין דערמאָנט, די ערשטע יידישע דרוקעריי אין שטאָט. מיר האָבן דאָ פאַר זיך דעם אַריינפיר, וואָס דזשעקסאָן האָט געשריבן פאַרן ערשטן נומער „דהי דזשו". ער איז נאַטירלעך אין אַן אָרטאָדאָקסישן גייסט, אָבער אין אַ דורכ־אויס מוטיקן און קעמפערישן. מיר קענען נאָך אפילו היינטיקן טאָג פון אים עפּעס לערנען.

שוין דער אָנהויב קלינגט וויַרדיק:

„דאָס רעכט פון פאַרטיידיקן זיך, ווען מ'ווערט אָנגעגריפן, ווערט באַ־טראַכט ווי דער ערשטער געזעץ אין דער נאַטור. עס איז איינגעבאָרן נישט בלויז אינעם מענטשן, נאָר עס עקזיסטירט אויך, אין פּונקט אַזאַ קראַפט, אין דעם אינזעקט און אין דער שלאַנג. פון דעם נעמט זיך דאָס ווערטל

„טרעט אָן אויף א וואָרעם און ער וועט זיך געבן א וואָרף". ישראל איז שוין לאַנג געווען א „וואָרעם און נישט קיין מענטש"...

...מיר קענען שוין איצט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. מיר האָבן שוין א זיכערן לעבן. אונדזער לעבן הענגט שוין מער נישט אויף א האָר (אין צווייפל) און מיר קענען שוין איצט, ברוך השם, געפינען פאַרלייכטערונג און רו פאַר אונדזערע פּיס. עס איז שוין דעריבער נישטאָ מער קיין וויטערדיקע נויט־ווענדיקייט פאַר א ציטערדיק הארץ, זינט מיר זיינען, ווי אַלע אַנדערע מענטשן, אויך זיכער מיטן לעבן און אייגנטום. בקיצור, אין גלייכע רעכט, צווישן וועלכע עס ווערט אויך צוגעגעבן דאָס רעכט אויף געוויסן, — און, פּונקט ווי אַנדערע מענטשן, ווען אונדזערע אייגנטימלעכע רעליגיעזע פּרינציפּן, און אונדזער כאַראַקטער אַלס א פאָלק, ווערן אַטאַקירט, האָבן מיר דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן זיך, און צו האָבן די שוץ פון די געזעצן, גלייך מיט אַנדערע".

נאָכדעם ווי ער שלאָגט אָפּ די טענה פון די מיסיאָנערן, אַז זייער רעליגיע איז אָנגענומען ביי אַזויפיל צענדליקער מיליאָנען און דעריבער דאַרף מען פאַר איר האָבן מער דרך־ארץ, שלאָגט דערנאָך דזשעקסאָן צוריק —

„...דאָס רעכט פון רעספּעקט באַלאַנגט צו יעדן צד, צי ער באַשטייט פון א גרויסער קערפּערשאַפט פון מענטשן, אָדער פון א קלענערער צאָל. צאָלן מעגן אין דער ווירקלעכקייט מיט זיך פאָרשטעלן מאַכט, אָבער נישט קיין רעכט..."

אין דער פראַגע וועגן דער געפאַר פאַרן יידישן פאָלק וויטער אָנצוגיין אַזוי צווישן אַזוי פיל פאַרשיידענע אַנדערע פעלקער, וואָס די מיסיאָנערן רוקן אַרויס, גיט זיך דזשעקסאָן ווידער מוטיק א דריי אויס —

„...איך וויל, אַז איר זאָלט א טראַכט טאָן, אַז מענטשן אַזוי קלוג ווי וועלכע עס איז פון אונדזערע פאָרזיכטיקע לערער האָבן געהאַלטן פאַרקערט און זיי האָבן זיגרייך פאַרטיידיקט דעם יידנטום קעגן זיינע קעגנער... ווי, למשל, דער מאַרטירער יצחק אַראַביא, וועמעס קרוין פון מאַרטירערטום באַווייזט זיין זיג..."

דזשעקסאָן רעכנט אויס נאָך פיר דרייסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון דער לעצטער צייט —

„...צוויי פון זיי האָבן געשריבן אין העברעאיש און צוויי אין ענגליש, אין ענגלאַנד. אָן קיין שום שאָדן אָדער געפאַר פאַר זיך, אָדער פאַר אונדזער קהילה. עס איז א נישטיקער קאָמפּלימענט פאַר אַמעריקאַנער צו האַלטן זיי פאַר ווייניקער אויפגעקלערטע ווי די ענגלענדער — און צו אַזעלכע וויל איך זאָגן „די לאַנגע גסיסה איז שוין פאַריבער!" פאָרזיכט מיינט אין דעם איצטיקן מאָמענט שרעק (אונטערגעשטראָכן פון מיר — י. ב. ב.) און אָנשטאָט עס זאָל זיין א מעלה, איז עס אין דער אמת'ן א שוואַכקייט...

דער לייענער ווערט אָפּגעשיקט צו מאָרים שאַפּעס' בוך „דאָקומענטאַ־

רע געשיכטן פון די יידן אין די פאראייניקטע שטאטן") צו לייענען אין פול דעם דאזיקן קרעפטיקן פארוואָרט. עס איז בלויז נויטיק איבערצובייטן דאָ און דאָרט אַ וואָרט און מיר ציען פון דער דאָזיקער רעדע ארויס אַ היפשע לעקציע וועגן יידן און מורא... (דער דאָזיקער דאָקומענט, נומער 73, געפינט זיך דאָרט אויף די זייטן 164 ביז 167).

מיר געפינען סאָלאָמאָן ה. דזשעקסאָן אין זיינע שפּעטערדיקע טעטי־קייטן אויך פאראינטערעסירט אין יידישע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, איבער־הויפּט מיט די נייע יידישע אימיגראנטן פון דייטשלאַנד. דזשעקסאָן האָט זיך געהאָלפן אָרגאַניזירן אין דער אָרגאַניזאַציע פון „צעירי הצאן", פון וועלכער ער איז געווען פּרעזידענט און ט. וו. דאַנאַוואַן — דער סעקרעטאַר. זייער ציל איז געווען צו אָפּווענדן דעם כסדר'דיקן דראַנג פון די יידישע אימיגראַנטן צו די גרויסע שטעט, וואו זיי האָבן זיך געדאַרפט שטיקן און פּלאָגן ביז זיי האָבן זיך צו עפּעס דערשלאָגן; אָפּווענדן זיי אין דער ריכ־טונג פון די גרויסע שטרעקעס אין די מערב־טעריטאָריעס, וואו זיי קענען קריגן אומזיסט פון דער רעגירונג היפשע שטרעקעס לאַנד פון גוטן פרעירי־באָדן.

די דאָזיקע באַוועגונג איז אַנטשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן שווערן קריזיס פון 1837, וואָס האָט געמאַכט די לאַגע פון די יידישע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד אַ פאַרצווייפלטע אין די פרעמדע פאַר זיי אַמעריקאַנער שטעט. (דאָרט, דאָקומענט נומער 81, ז"ז 195—198). אין דעם אַפּילו, וואָס דזשעקסאָן מאַכט דאָרט פאַר העלפן דער דאָזיקער באַוועגונג, ברענגט ער אויך אַריין דעם רעליגיעזן מאָמענט, אַז אַזאַ באַוועגונג איז אויך נויטיק, כדי צו האַלטן די אימיגראַנטן צוזאַמען און זיי זאָלן נישט צעשטויבט ווערן אַלס רעליגיעזע גרופּע, ווען זיי וועלן צעשפּרייט ווערן איבער פאַרשיידענע אַמעריקאַנער ישובים. ער פאַרגעסט אַפילו נישט באַזאָרגן זיי מיט אַ ספר תורה און אַ... שופר אויפן אַגריקולטורעלן ישוב און אַז מ'זאָל זען, אַז צווישן זיי זאָל זיך געפינען אַ שוחט און אַ... מוהל.

אין 1839 געפינען מיר נאָך דזשעקסאָנ'ען ווי ער באַטייליקט זיך אין דער אָרגאַניזירונג פון דער קהילה „שערי צדק". כאָטש זיין זשורנאַל „דהי דזשו" איז בלויז דערשינען אין משך פון צוויי יאָר, איז אָבער סאָלאָמאָן הענרי דזשעקסאָן פאַרבליבן אַ טעטיקער ייד ביז אין זיין טיפן עלטער. ער איז געשטאָרבן אין 1847.

יעקב העניי, דער אָראַטאָר

זיין מייסטער־רעדע איז אַריין אין דער זאַמלונג „דהי אַמע־ריקען אָראַטאָר" און אין אַ ריי לערן־ביכער.

עס איז שוין געהאַט אַריבער מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט, ווי די לעצ־טע ענגלישע און העסישע סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָזן, באַזיגטע, זייערע פריי־ערדיקע אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס, און די באַהויפּטונג פון דער היסטאָרישער אַמעריקאַנער דעקלאַראַציע, אַז „אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן גלייך״, האָט שוין געדאַרפט אַריין אינעם פלייש און בלוט פון יעדן אַמעריקאַ־נער. אָבער פאַקטיש האָט דער קאַמף פאַר גלייכע רעכט ערשט געדאַרפט אויפסניי אויסגעקעמפט ווערן.

דער ערשטער שטאַט פון די דרייצן שטאַטן, וואָס האָט עטאַבלירט רע־ליגיעזע פרייהייט און גלייכהייט פאַרן געזעץ איז געווען ווירדזשיניע, דער שטאַט, וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן די גרעסטע אַמעריקאַנער שטאַטס־מענער, מיט טאָמאַס דזשעפערסאָן בראָש. ווירדזשיניער פירער, ווי דזשאָרדזש מעיסאָן און דזשעימס מעדיסאָן, האָבן געקעמפט נאָך אין 1776 און אין 1785 פאַר רעליגיעזער פרייהייט און אָנגענומען עס מיט צוויי יאָר פריער נאָך, פאַר דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע. דער געזעץ אין ווירדזשיניע איז אָבער נישט געוואָרן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע שטאַטן. ניו יאָרק בלויז האָט עס אָנגענומען אין 1777 און אין די איבעריקע שטאַטן האָט עס זיך פאַר־צויגן ביז אויף אַ יאָרהונדערט. ניו־העמפשאַיר — ערשט אין 1877.

דאָס האָט געמיינט אַ קאַמף אין יעדן שטאַט באַזונדער. אין נאָרט קאַ־ראָלאַינאַ איז עס „באַשערט" געווען, אַז דזשעיקאָב העניי זאָל ווערן דער פאָן־טרעגער אין דער דאָזיקער מלחמה.

פּאַסירט האָט עס אָט־ווי: נאָרט קאַראָלאַינאַ האָט אין איר קאָנסטיטו־ציע פון 1776 אַריינגענומען דעם פּונקט וועגן רעליגיעזער פרייהייט, אָבער, אין דער זעלבער צייט, פאַרבאָטן צו האַלטן מלוכה־אַמטן יעדן איינציקן, וואָס „וועט לייקענען אין גאָט, אָדער אין דעם אמת פון דער פּראָטעסטאַנ־טישער אמונה, אָדער אין דער געטלעכער אויטאָריטעט, פונעם אַלטן אָדער פונעם נייעם טעסטאַמענט, אָדער פאַר איינעם, ביי וועמען זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען וועלן זיין קעגן דער פרייהייט און זיכערקייט פון דער מלוכה".

געווויס איז דאָס צום סאַמע ערשטן געווען געצילט קעגן אַטעאיסטן און קאַטאָליקן, אָבער דאָס האָט אויך איינגעשלאָסן יידן, קוויקערס און אַנדערע ליבעראַלע, קריסטלעכע סעקטעס. עס האָט אָבער אויסגעקוקט, אַז

דער גאנצער ענין בלייבט בלויז אויפן פאפיר. אין דער ווירקלעכקייט האט דער שטאט אויסגעקליבן אין 1781 א קאטאליק פאר א גאווערנאר און, אין 1808, איז דער ייד יעקב (דזשעיקאב) הענרי דערוויילט געווארן, און געדינט אין דער שטאטס־לעגיסלאטור. אבער שפעטער, ווען ער איז שוין דערוויילט געווארן א צווייטן מאל, האט אן אנטיסעמיטישער לעגיסלאטאר אין איין שיינעם טאג אויפגעהויבן די פראגע וועגן הענרי'ס אומגעזעצלעכער דערוויילונג, אויפן גרונט, וואס ער איז נישט קיין פראטעסטאנט. הענרי האט אויף מארגן געגעבן אן ענטפער — אזא, וואס האט אים מיט איינמאל ארויסגעשטעלט פאר איינעם פון די גרויסע אראטארן פון יענער צייט, און אן אמעריקאנער שטאט־לעגיסלאטור.

יעקב הענרי'ס ארגומענטן זיינען נישט געווען אינגאנצן קיין נייע, אבער עס איז געווען א שטארקע, לאגישע, פעסט־געבויטע רעדע, וואו די ווערטער זיינען אויסמושטירט אין מעכטיקע שלאג־פעאיקע רייען.

הענרי'ס רעדע האט אזוי אנגעריסן, אז א היסטאריקער פון נארט קאראלאינא, דזשאן ה. ווהילער, איז זיך משער, אז די רעדע איז פארפאסט געווארן פון דזשאן לואיס טעילאר, א קאטאליק, וואס איז דעמאלט געווען דער אטוירני דזשענעראל פון נארט קאראלאינא, און מ'האט אים אויף דעם סמך פון דער קאנסטיטוציע אויך געקענט פסל'ען. קיין פאקטן דערפאר ווערן נישט געבראכט און עס איז מעגלעך, אז דאס האט מען נישט פארגונען א יידן א פראכטפולע פארלאמענטארישע רעדע. עס קען אמאל גראד זיין, אז די רעדע איז אויסגעמאכט געווארן בשותפות מיט טעילאר'ן, ווייל זיי זיינען גלייך געווען פאראינטערעסירט אין דעם דאזיקן קאמף. מיר זעען טאקע, ווי אין דער דעבאטע איז ארויסגעטראטן דער דערמאנטער טעילאר, ווי אויך דער לעגיסלאטאר וויליאם גאסטאן, אויך א קאטאליק, וואס איז שפעטער געווארן דער טשיף־דזשאסטיס פון דעם סטעיט סופרים קאורט.ביידע האבן זיי זיך געשטעלט אויף הענרי'ס שטאנדפונקט, אבער קיינער פון זיי האט נישט געהאלטן אזא רעדע.

יו. סי. מילס, הענרי'ס אנגרייפער, האט נישט אויסגעפירט צו באזייטיקן הענרי'ן פון זיין דערוויילטן אמט. אבער עס האט זיך אים יא איינגעגעבן איינצושטעלן דעם פרינציפ, אויף א לענגערער צייט, אז יידן זאלן נישט טארן פארנעמען קיין רעגירונגס־עקזעקוטיווע אמטן. אבער סיי ווי האט הענרי'ס רעדע געמאכט געשיכטע. אין פיל קאמפן אין אנדערע שטאטן ארום דער פראגע, איז הענרי'ס רעדע ציטירט געווארן מיט גרויס דערפאלג. זי איז איבערגעדרוקט געווארן פיל מאל. זי איז אויך אריין ווי א מוסטער־רעדע אין דער זאמלונג „דהי אמעריקען אראטאר". (זע לעווינדזשער'ס „היסטארי אוו דהי דזשוס אין דהי יו־עס", זייט 135).

אין זיין רעדע ווייזט יעקב הענרי אן, אז כאטש די קאנסטיטוציע פון נארט קאראלאינא פאדערט טאקע, אז בלויז פראטעסטאנטן זאלן קענען

ווערן אויסגעוויילט אין דער לעגיסלאַטור, איז אָבער דער „ביל אָוו ראַיטס", וואָס איז אָנגענומען געוואָרן שפּעטער, אינגאַנצן קעגן אַזאַ פאַרשריפט.
„דער פאַרשריפט פון דער קאָנסטיטוציע מוז אינגאַנצן ווערן אומגילטיק, ווייל דער פשוט'ער לשון פונעם ביל אָוו ראַיטס איז, אַז אַלע מענטשן האָבן אַ נאַטירלעכן און אומאָפּנעמבאַרן רעכט צו פאַרגעטערן דעם אַלמעכטיקן גאָט לויט ווי עס דיקטירט זייער אייגענער געוויסן..."

הענרי האָט אָנגעוויזן ווי פרעמד און פיינטלעך אַזאַ שטעלונג איז ביים פאָלק — אַ קוק טוענדיק בלויז אויף די פאַרשיידנאַרטיקע רעליגיעזע איינשטעלונגען וואָס עס האָבן די, וואָס פילן אוים די פאַרשיידענע אַמטן פונעם שטאַט — „איר האָט דאָרט פּרעסביטעריאַנער, לוטעראַנער, קאַלוויניסטן, מענאָניסטן, באַפּטיסטן, טריניטאַריאַנער און יוניטאַריער...

„...זעט איר, אויב איינער זאָל האָבן אַזעלכע רעליגיעזע פּרינציפּן, וואָס זיינען נישט אין איינקלאַנג מיט דער פרייהייט און זיכערקייט פונעם שטאַט, וואָלט איך זיך אויף אַ האָר נישט אָפּגעהאַלטן צו דערקלערן, אַז אַזאַ איינער זאָל אויסגעשלאָסן ווערן פון אַזעלכע עפנטלעכע אַמטן... איך וואָלט אָבער אויף קיין פאַל נישט געקענט געפינען וועלכע עס איז רעליגיעזע פּרינציפּן, וואָס וואָלטן געווען אַזוי געפערלעך...

„...אומטאָלעראַנץ און אמונה־ענינים זיינען פון די עלטסטע צייטן אָן געווען די שווערסטע יסורים, וואָס די מענטשהייט האָט געליטן; און אַז רעגירונגען האָבן בלויז געקענט זיין פאַראינטערעסירט אין די האַנדלונגען און אויפפירונגען פונעם מענטשן, אָבער נישט מיט זיינע געדאַנקען...

„צי זאָל דאָס דאָזיקע פריי לאַנד אונדזערס ווערן אַ ביישפּיל פון פאַרפאָלגונגען, וואָס אפילו די פאַרשקלאַפטע אייראָפּע, וואָס האַלט איצט ביים צוריקקומען צום שכל, וויל זיך איר נישט אונטערגעבן? ווילט איר שמידן דעם געוויסן אין קייטן און אַרויפצווינגען איבערצייגונגען אויפן מוח, נישט קוקנדיק אויף די שלוסן צו וועלכע עס קומט דער שכל?... זענט איר גרייט אַ שפּרונג צו טאָן מיט איינמאָל פון די העכסטע הייכן פון מאָראַלער געזעצגעבונג אין די טונקעלע און חושכ'דיקע היילן פון אָבערגלויבן?

„...איר ווייסט דאָך אַלע, אַז פאַרפאָלגונגען אין אַלע פאַסאָנען און מאָדיפיקאַציעס, זיינען קעגן דעם גייסט פון אונדזער רעגירונג און דעם גייסט פון אונדזערע געזעצן, און אַז דאָס קען נישט ברענגען צו קיין אַנדער עפעקט, ווי צו פאַרוואַנדלען מענטשן אין היפּאָקריטן, אָדער מאַרטירער..."

פּראָפעטישע ווערטער! ווער האָט זיך עס געריכט, מיט אַ 150 יאָר צוריק, אַז אַזוינס וועט ווערן אַמעריקאַנער רעגירונגס־פּאָליטיק, אין דער צייט ווען די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט ציט מיט די פּלייצעס און וואונדערט זיך: איז דאָס אַמעריקע?!

רעבעקאַ גראַץ —
אַ פּערזאָניפיקאַציע פון גראַציע

אריסטאָטל האָט נאָך געזאָגט: „פּערזענלעכע שיינקייט איז אַ בעסערע רעקאָמענדאַציע, ווי וועלכע עס איז פאַרשטעלונג". ווער ווייס צי דאָס איז אמת אין אַלע פאַלן? אָבער אין פּרט פון דער פילאַדעלפיער מאַגנעטישער גראַציע פון רעבעקאַ גראַץ, זעט עס אויס ווי אַ באַשטעטיקונג. זי איז געווען שיין און קלוג, וואויל־דערצויגן און פול מיט פּערזענלעכקייט, אומקינסטלעך — עכט, מיט אַ היפּשן חוש פאַר יושר און רעכט.

זי האָט געהאַט פיל געלעגנהייטן און גרונטן צו ווערן פאַרדאָרבן, צו לעבן אין די פּוסטקייטן פון ווילדן רייכטום און פון רייכן פּאַראַזיטיזם, צו פּאַראַדירן מיט אירע בריליאַנטן אויף בעלער און מיט אירע אויגן, ווי קאָנקורענטן צו זייערע בליצן, אָבער זי האָט גראָד געפונען אַ שענערן אופן פון גלאַנץ, אַ שימער, וואָס האָט נאָך איצט נישט פאַרלאָרן זיין צויבער — אַן עגאָאיזם פון אַ העכערן סאָרט — צו פּרואוון זיין ריינער פונעם אַרום, צו פּרואוון זיין שענער, אויך טיפער פון דער הויט, אינעווייניק.

רעבעקאַ גראַץ, אַ טאָכטער פונעם שטיינרייכן מיכאל גראַץ, אפשר פון דער רייכסטער יידישער פאַמיליע אין דער יונגער רעפּובליק, איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1781, נאָך אין דער צייט, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די רעוואָלוציאָנערע מלחמה, און אַריינגעלעבט ביזן יאָר 1867, פיר יאָר נאָך דער פאַרענדיקונג פון בירגער־קריג. און אין די טעטיקע יאָרן וואָס זי האָט געלעבט, האָט זי, אמת, נישט איבערגעקערט קיין וועלטן, אָבער אין איר געגעבענער סביבה, און אין איר באַגרעניצטן האָריזאָנט, האָט זי, ווי דער גוטער דאָקטאָר אין פאַל פון אַ שווערער, ווייטיקדיקער קראַנקייט, געפּרואווט לינדערן דעם גורל פונעם יתום, באַלזאַמירן די וואונד פונעם קויל־געטראָפענעם און פאַרלייכטערן די אויסוועגלאָזיקייט פון פיל שוואַכע און פאַרוואָרלאָזטע, קראַנקע און געשעדיקטע.

יאָ, פילאַנטראָפּיע. מיר האָבן, און מיט רעכט, אַ ווידער־טעם אין מויל, ווען די געדונגענע און אומגעדונגענע לויב־זינגער, צערייסן זיך מיט זייערע אָדעם צו די „גרויסע הערצער" פון די „פילאַנטראָפּן", וואָס נויטיקן זיך אין אַ ביסל זאַפּראַן צו פאַרשטומען זייער צומאָל־רעוואָלטירנדיקן געוויסן.

וואַרפֿן זיי צו אַ ביינדל און נישט זעלטן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ ביינדל, צו די „וויניקער פּריווילעגירטע ברידער". מיר גלויבן, אַז אינעם פֿאַל פֿון רעבעקאַ גראַץ, און ענלעכע געציילטע פֿילאַנטראָפּישע פֿאַרגייער, איז עס גיכער געווען אַ געוויסע שטופּ פֿון מיטגעפֿיל, פֿון דערהויבונג, פֿון אַ ראַפֿינירטער נשמה. אויב אין דעם איז אויך פֿאַראַן אַ געוויסער מין עגאָאיזם, איז ער אָבער פֿון אַ שענערער און העלערער פּראָבע.

איר שיינקייט איז דעריבער געווען אַ טאָפּלטע. צו איבערפֿראַזירן בייראָניען פֿון זיינע „היברו מעלאָדיס" —

„זי שפּאַצירט אין שיינקייט ווי די נאַכט,
אָן איין וואָלקן איבער איר פֿאַרצויגן;
און אַלץ, וואָס שיינט מיט חן און פּראַכט
שפּיגלען צוזאַמען זיך אין אירע אויגן".

צו דעם איז זי געווען, פֿון איין זייט, פֿיל ליבעראַלער אין אירע אָנשויאונגען ווי אַנדערע פֿרויען אין איר סביבה. פֿון דער צווייטער זייט האָט זי געהאַט אַ געוויסע פּרינציפּן־פֿעסטקייט, ווי זי האָט עס פֿאַרשטאַנען, בנוגע רעליגיע. איר ליבעראַליזם און אַלגעמיינע דערציאונג האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז די זעלבע האַרץ קלאַפּט אין טאַקט ביים ייִד און ביים קריסט, ביים געצנדינער און ביי דעם אַטעאיסט. צווישן אירע גוטע פֿריינט זיינען געווען ייִדן און נישט־ייִדן. אירע רעליגיעזע בליקן זיינען בכלל געווען מער מיט עטיק־דורכגעדרונגענע ווי מיט דאָגמע.

אירע אָנשויאונגען און טעטיקייטן האָבן זיך איינגעבירגערט ביי רעבעקאַ'ן פֿרי אין איר לעבן. אירע אָרגאַניזיר־פֿעאיקייטן און גרייטקייט פֿון אַקציע האָבן זיי גלייך נאָכגעפֿאָלגט. ווי בכלל ביי אויסגעצייכנטע מענטשן, איז ביי איר אויך נישט געווען קיין אָפּגרונט צווישן מיינונג און האַנדלונג. אין עלטער פֿון צוואַנציק יאָר איז זי שוין דער סעקרעטאַר פֿון אַ „פֿרויען געזעלשאַפֿט צו לינדערן די נויטן פֿון פֿרויען און קינדער אין רעדוצירטע אומשטענדן". אין איר בלי פֿון יוגנט ווערט זי נאָך פֿריער אַ מוטער צו אַ פֿאַמיליע פֿון יתומים, ווען זייער מוטער איז יונג געשטאָרבן.

נישט בלויז האָט זי אַ וואַכערן געוויסן, נאָר אויך אַ געוויסע איניציאַטיווע, וואָס איז געווען אַזוי פּראָמינענט אַנטוויקלט ביי איר פֿאָטער און זיינע ברידער. מער נישט — ביי זיי איז עס געווען אָנגעווענדט דורכאויס אין געשעפֿטלעכע אונטערנעמונגען צו מאַכן געלט, נאָך געלט, מער געלט. ביי איר איז עס מערסטנס געווען צו דערשיינען דאָרט, וואו עס איז נויטיק אַ מיטפֿילנדיק האַרץ, אַ העלפֿנדיקע האַנט. אָן אַן אונטערשייד — ייִדן, קריסטן, אומגלויביקע. די דאָזיקע ברייטהאַרציקע יונג־פֿרוי זוכט נישט ביי קיינעם זיין רעליגיעזן דערקען־צייכן, נאָר דעם ריין־מענטשלעכן.

פֿרי האָט זי אויך דערוועקט צו זיך גרויס אַכטונג און רעספּעקט. איר הויז אין פֿילאַדעלפֿיע איז געוואָרן אַ מין קולטור־סאַלאָן, אַ זאַמל־פּונקט

פאר דער געבילדעטער יונגער געזעלשאפט. אין איר קרייז זיינען געווען אזעלכע שרייבער, ווי וואשינגטאן אירווינג און דזשעימס קוירק פאלדינג (1779—1860). מאטילדא האפמאן, די געליבטע פון וואשינגטאן אירווינג, וואס איז אויף א טראגישן אופן שטערבלעך קראנק געווארן, איינע פון רעבעקא'ס נאענטע פריינדינס, האט אירע פארזיסטע עטלעכע מאנאטן פארן טויט געהאט צו פארדאנקען דער גוטער פלעגע און וואכזאמקייט, וואס די דאזיקע פריינדין אירע האט מיט אזא אפערוויליקייט איר געגעבן. רעבעקא גראץ איז געווען א פארקערפערונג פונעם לעגענדארן מלאך מיט די הייליקע ווייסע פליגלען. וואס האט עס איר געמאכט, אז זי זאל ווערן אן אינסטרומענט פון הייליקייט און היילונג, פון גוטן אינטערנאציאנאלן ווילן און פון שלום?

איבער א האלבער יארהונדערט נאך פאר איר טויט, האט זיך גענומען פארשפרייטן וועגן איר א געשיכטע, וואס איז פול מיט רירנדיקער דראמע. דער וואונדער איז געווען גרויס: אזא שיינע יונג־פרוי, וואס קען איינטיילן מאגנעטיזם און צויבער צו א האלבן טוץ אנדערע פרויען, ווייניקער באשאנקענע ווי זי, אזא קלוגע און פעאיקע, אזא איניציאטאר און אדמיניסטראטאר, און אזא געבילדעטע און רייכע זאל נאך אלץ בלייבן א „פארזעסענע"?! מענטשן האבן זיך געוואונדערט, געפרעגט קשיות. אלערליי לעגענדעס ווערן אויסגעדיכטעט געוויינלעך אין אזעלכע אומשטענדן. אבער דאס, וואס איז דערנאך פארשפרייט געווארן צווישן עולם, האט געהאט אין זיך נישט ווייניקער שפאנונג, ווי עטלעכע לעגענדעס צוזאמענגענומען.

עס האט זיך ארויסגעוויקלט די געשיכטע, אז זי האט זיך שטארק פארליבט אין א יונגן נישט־יידישן יונגנמאן, און ער אין איר. אבער זי זאל האבן דערפילט, אז איר פאטער וועט אין דעם זין האנדלען נישט אנדערש, ווי איר אלטער זיידע, איר מוטער מרים'ס פאטער, יוסף סיימאן. אין איר זיידנ'ס הויז איז אויך פארגעקומען די זעלבע טראגעדיע פאר דעם עלטערן דור. זיין טאכטער, שיינע (צי שאינא) סיימאן, האט זיך פארליבט אינעם נישט־יידישן דאקטאר ניקאלאס סקאילער. דער אלטער האט געשטורעמט, אבער די יונגע שאינא האט געהאנדלט ווי איר הארץ האט איר דיקטירט. זי האט חתונה געהאט מיטן דאקטאר.

יוסף סיימאן האט זיין טאכטער ארויסגעריסן פון זיין הארצן און געהאלטן זי פון זיך פארשטויסן אין משך פון צענדליקער יארן. דער שטרענג־ארטאדאקסישער פאטער האט איר בשום אופן נישט געוואלט פארגעבן. ער האט שוין דערגרייכט ניינציק יאר, אן עלטער, ביי וועלכן פיל מענטשן ווערן מילדער, ווייכער און חרטה'דיקער. אבער נישט ער. ער האט איר אלץ נישט געוואלט פארגעבן. מענטשן פון דער פאמיליע, ווירדיקע, מיט פיל איינפלוס, האבן נישט איינמאל דעם אלטן סיימאן גע'מוסר'ט, געווארנט,

געבעטן, און געפֿאָדערט, אַז ער זאָל זיך איבערבעטן מיט זיין טאָכטער, אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפֿן.

עס האָט גענומען די קלוגע, די צוביבערהאַפטע, די איינפֿלוסרייכע, שיי־נע רעבעקאַ, זיין וואונדערבארן אייניקל, אויסצופֿירן דאָס, וואָס קיינער האָט נישט געקענט באַווייזן. אין 1804, אין זיין 92טן יאָר, ווען ער איז געלעגן אויפֿן טויטן־בעט, האָט אים ערשט רעבעקאַ באַזיגט. דאָס איז פֿאָר־געקומען ווי די גרעסטע איבערראַשונג אין דער פֿאַמיליע. שיינע איז נאָך אָנגעקומען פֿון טראָי (דער דאָקטאָר סקאַילער האָט דאָרט פּראַקטיצירט) דעם 23טן יאַנואַר, איין טאָג פֿאַרן פֿאָטער׳ס לעצטער מינוט. זיין צאָרן, וואָס האָט אויף איר אָנגעהאַלטן אַזויפֿיל יאָרן, האָט זיך ביי זייער באַגע־געניש פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּלוצלונג אויפֿגעשפּרודלטן קוואַל פֿון ליבשאַפֿט. ער האָט זי געבענטשט, מורמלענדיק כסדר ברכות פֿאַר איר, און איז אויף מאָרגן אויסגעגאַנגען אין אירע אָרעמס.

די דאָזיקע טראַגעדיע פֿון איר זיידן און איר מומען האָט רעבעקאַ׳ן געמאַכט פֿאַר אַ צווייטער יפֿתח׳ס טאָכטער. זי האָט אונטערגעשטראָכן איר אומגעענדערטע ליבשאַפֿט צו איר געליבטן, מיט דעם פֿעסטן באַשלוס קיינ־מאָל אין לעבן מיט קיין אַנדערן נישט חתונה צו האָבן. זי האָט באַוויזן, לויט איר אויפֿפֿאַסונג, ביידע זאַכן — די שטאַרקייט פֿון איר ליבע און די נישט מינדערע שטאַרקייט צו אירע פּרינציפּן נישט צו פֿאַראורזאַכן איר פֿאָטער און איר גאַנצע פֿאַמיליע אַזעלכע האַרץ־דרייסעניש, ווי עס האָט פֿאַראורזאַכט איר מומע שיינע, וואָס זי האָט אויך זייער ליב געהאַט און אָנגעהאַלטן מיט איר די בעסטע באַציאונגען.

מיט דעם אָבער פֿאַרענדיקט זיך נאָך נישט די אינטערעסאַנטע מעשה, וואָס קלינגט ווי אַ לעגענדע. וואַשינגטאָן אירווינג איז געווען אַן אָפֿטער אריינגייער צו די גראַצ׳ס און די האָפּמאַנ׳ס (צום ריכטער דזשאָסיאַ אָגדען האָפּמאַן און זיי פֿרוי מאַריאַ פֿענאַ (לויט דאָקומענט נומער 66 אין מאָ־רים שאַפּפּעס׳ „דאָקומענטאַרע יידישע געשיכטע אין אַמעריקע״). ער האָט זיכער זייער גוט געוואוסט וועגן דער רעבעקאַ־טראַגעדיע און איר ליבע. ער האָט אויך באַוואונדערט די פֿיל אַנדערע מערקווירדיקע שטריכן אין דער שיינער יונגפֿרוי, ווי זי איז געווען אין אַנהויב פֿונעם יאָרהונדערט, און נישט ווייניק די גינציקייט און טריַיהייט, מיט וועלכער רעבעקאַ האָט אַרומ־גערינגלט זיין מאַטילדאַ׳ן אין דער גאַנצער צייט, ווען זי האָט געקעמפֿט מיטן ביטערן טויט.

ווען וואַשינגטאָן אירווינג האָט באַזוכט וואַלטער סקאָט׳ן, אין איי־ראָפּע, אין 1817, און געפֿירט מיט אים געשפּרעכן וועגן אויסערגעוויינלעכע כאַראַקטער־טיפּן, וואָס בעטן זיך אַרויסגעבראַכט צו ווערן, האָט ער מסתמא אים געגעבן אַלע כאַראַקטער־שטריכן פֿון אונדזער רעבעקאַ׳ן. ווען מיר לייענען סקאָט׳ס „איוואַנהאָ״ און באַקענען זיך מיט זיין רעבעקאַ׳ן און

אירע האנדלונגען, זעען מיר, אז זיין רעבעקא איז רעבעקא גראַץ, געשילדערט ווי נאָר איינער פונעם וואָלטער סקאט ראנג קען עס טאָן. אזוי, אז אונדזער העלדין פון פילאַדעלפיע איז פאַקטיש געוואָרן אַ וועלט־העלדין, פאַרקערפּערט אין איינעם פון די גרויסע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אין אַקציע איז רעבעקא גראַץ ערשט ברייט זיך צעוואַקסן מיט די יאָרן. זי איז די ערשטע גרינדערין פון דער פילאַדעלפיער יידישער פרויען־געזעלשאַפט („פימעיל־סאָסייעטי"). אין 1815 העלפט זי גרינדן די פילאַדעלפיער יתומים־געזעלשאַפט. זי דינט דאָרט אַלס פרייוויליקער סעקרעטאַר פון 1819 ביזן יאָר 1859 — פערציק יאָר! אין 1838 גרינדעט זי די ערשטע יידישע „זונטיק־שול־געזעלשאַפט" (סאַנדעי סקול סאָסייעטי) און דאָרט איז זי סעקרעטאַר ביז 1864, ווען איר עלטער איז שוין געווען 83 יאָר.

נישט האָבנדיק קיין ענגלישע טעקסטן פאַר יידישע קינדער־שולן, האָט זי אַ לענגערע צייט אַליין געשאַפן די טעקסטן און זיי באַנוצט אין איר שולע. זי האָט זיי אויך צוגעשיקט קיין טשאַרלסטאָן, סאַוט קאַראָלאַינאַ, ווען דאָרט האָט זיך געגרינדעט אַזאַ שולע און אויך באַוואויגן די יידיש־אַמעריקאַנער דיכטערין פנינה מאָיסעי צו העלפן שאַפן נייע טעקסטן.

די דאָזיקע טעטיקייטן שטרייכן נאָך מער אונטער די שטילע באַשיירנקייט פון דער דאָזיקער יידישער אַריסטאָקראַטקע. אַלץ וואָס זי האָט געטאָן איז געווען אין „גוטן אַריסטאָקראַטישן טאָן, אָן גערודער און אָן עפנטלעכקייט". קיין קעמפערין איז זי נישט געווען. זי האָט געקענט בלויז פירן אַן אינערלעכן קאַמף, מיט זיך גופא, אָבער נישט מיט אַנדערע. די אייביקע קללה פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע.

מיט צוויי יאָר צוריק האָט די סינסינעטער פערטל־יאָר שריפט „אַמעריקען דזשואיש אַרקאַיווס" (אַמעריקאַנער יידישע אַרכיוון, יוני 1953), פאַרעפנטלעכט אַ בריוו, וואָס רעבעקא גראַץ האָט געשריבן נאָך די קאַטויליש־פּראָטעסטאַנטישע ראַיאָטן, אין יאָר 1844, אין פילאַדעלפיע, בעת צענדליקער מענטשן זיינען געטויט און פאַרוואונדעט געוואָרן. דער בריוו איז געשריבן צו איר ברודער בענדזשאַמין גראַץ און דאַטירט דעם 12טן יולי, 1844. זי דריקט אין אים אויס אַנטריסטונג קעגן די העצעס און ראַיאָטן, וואָס צעטיילן, אַנשטאָט צעמענטירן, דאָס אַמעריקאַנער פאָלק. זי שרייבט:

„די איצטיקע אויסברוכן זיינען אַן אַטאַקע אויף דער קאַטוילישער קירך, אָבער עס הערשט אַזאַ שנאה צווישן דער דאָזיקער סעקטע און די פּראָטעסטאַנטן, אַז עס ווערט געפערלעך. בלויז דער שטאַרקער אָרעם צו באַשיצן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס גיט דאָס רעכט און די פּריווילעגיע יעדן בירגער צו דענקען און גלויבן לויט זיין געוויסנהאַפטער איבערצייגונג, קען אָפּהאַלטן די העצע פון זיך אויסשפּרייטן אויף די יידן. אויב עס זאָל אַזוי אָנהאַלטן, וועט אַמעריקע מער נישט זיין דער גליקלעכער מקום־מקלט (אַנטרינונגס־פּלאַץ) פאַר די אונטערדריקטע. עס

הערשט דאָ צופיל אומטאָלעראַנץ און אין דעם זײַנען נישט ווייניק שולדיק די אָפיציעלע פירער פון רעליגיעזע און אַלגעמיינע אינסטיטוציעס.*

אָבער אַט די דאָזיקע באַגרעניצטע ליבעראַלע געדאַנקען שרייבט זי אין אַ בריוו. זי האָט מורא געהאַט מיט זיי אַרויסצוקומען אין דער עפנט־לעכקייט. אין דעם איז שולדיק געווען איר סביבה און די צייט, ווען די בור־זשואַזיע האָט שוין פאַרוואָרפן איר פריערדיקע קאַמפּס־פּאַן.

די באַגרעניצטקייט פון פילאַנטראָפּיע און אירע שווערע פליגל אויפ־צוהויבן זיך העכער פון די שמאָלע צדקה־צילן און צומאָל אייגננוציקע אינטערעסן, רייסט זיך דורך דאָ און דאָרטן אפילו ביי דער דאָזיקער גייס־טיק־שיינער פרוי, אפילו אין די צוויי בריוו אירע צו פרוי מאַריאַ פענא האָפּמאַן (וואָס מאָרים שאַפּעס גיט אין זיין „דאָקומענטאַרי"), ווען זי שרייבט וועגן דער נויטיקייט פון די פאַרפאָלגטע יידן אין אייראָפּע צו אי־מיגרירן קיין אַמעריקע — „...אויב זיי וואָלטן זיך נאָר געקענט שפּייזן און קליידן..." (שאַפּעס, דאָקומענט 69).

נאָך מער לאָזט זיך חושד זיין אַן אומדירעקטער, און אפשר נאָך אומ־באַוואוסטזיניקער אייגננוץ, ווען זי איז שוין באַזאָרגט וועגן דעם פּלאַץ, וואו צו באַזעצן די אימיגראַנטן, אַז זיי זאָלן זיין „אַלץ טיפער אין לאַנד (אונטערגעשטראָכן פון מיר — י. ב. ב.)... פאַר זייער אייגענער זיכערקייט און פאַר דער זיכערקייט פון אונדזערע גרעניצן..."

עס וואָלט זיך וועלן פאַרגעסן וועגן די גרויסע לאַנד־שטרעקעס, וואָס די גראַץ'ס האָבן פאַרמאָגט אין דער טיפעניש פון לאַנד, ווען גרויסע טיילן פון זיי האָבן נאָך אין יענער צייט געפּוסטעוועט...

עס וואָלט זיך וועלן געדענקען זי מיט דער זעלבער וואַרעמקייט ווי מיר געדענקען די פיל ,פיל נעענטערע צו אונדז — עמאַ לאַזאַרוס.

---

* ציטירט לויט אברהם ביק, מ. פ., דעצעמבער 5, 1953.

מרדכי עמנואל נח —
ענטוזיאסט צי אוואנטוריסט?

א פאליטיקער און פאליטיקאן (פאליטישן), א דראמאטיסט און אקטיאר, א שעריף און א ריכטער, א גראנד סאכעם (גרענד סעיטשעם) פון טעמעני און א „שופט (שויפעט, ריכטער) פון ישראל", א רעאליסט און א טרוימער, א ראש־הקהל פון זיין שול און א דועליסט, א רעדאקטאר און א זשורנאליסט, א „ריעל עסטעיט בורמער" און א מין משיח, וואס שיקט א פראקלאמאציע „צו אלע יידן אין דער וועלט" — דאס איז בקיצור א סך־הכל פון די כאראקטער־שטריכן אין מרדכי עמנואל נח, דעם זון פון עמנואל נח, א סאלדאט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע.

מרדכי עמנואל נח איז געבארן געווארן אין דעם יאר 1785, אין פילאדעלפיע, אין אן אנגעזעענער יידישער פאמיליע. זיין זיידע פון דער מוטערס צד, יאנאס פיליפס, איז געווען אין זיין צייט אויסגעבונדן מיטן גענעראל דזשארדזש וואשינגטאן, שפעטער דער ערשטער פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן. וואשינגטאן זאל האבן געווען א גאסט אויף דער חתונה פון פיליפס' טאכטער, די שפעטערדיקע מוטער פון מרדכי'ן.

אין עלטער פון פיר יאר איז מרדכי געבליבן א לעבעדיקער יתום. אין איין שיינעם טאג איז דער פאטער פארשוואונדן און עס איז פון אים קיין שפור נישט געבליבן. דאס יינגל איז שוין דערצויגן געווארן פון זיין זיידן פיליפס — אפשר פון אים האט עס מרדכי עמנואל נח איבערגענומען זיין עקשנות און קפדנות, א ביסל אוואנטוריזם און איינבילדונג, אויטאריטעט און אויטאקראטיע.

דער יונגער מרדכי, וואס האט זיך געלערנט א באשעפטיקונג, האט געפונען מער אינטערעס אין ביכער ווי אין מלאכה, און אין טעאטער מער ווי אין ביכער. זיינע פארדינסטן זיינען מערסטנס אוועק אויף די צוויי זאכן. ער האט זיך איינגעבילדעט, אז ער מוז ווערן א שרייבער און א דראמאטיסט. ער האט ארויסגעוויזן פעאיקייטן און, הויפטזעכלעך, א גרייטקייט צו טאן, צו ארבעטן אויף זיך, צו אונטערנעמען זאכן, וואס אנדערע באטראכטן פאר אוממעגלעך.

צו 15 יאָר ווערט ער אַ ציַיטונגס־רעפּאָרטער און מאַכט אויס גוט. ער האָט ליב גליַיכציַיטיק דאָס טעאַטער־וועזן. ער קלעפּט זיך צו צו אַ יונגער טרופּע פון טעאַטער־ליבהאָבער און שריַיבט איבער פאַר זיי אַלטע פּיעסן. פון דעם כאַפּט ער דעם שניט פון דראַמאַטישער אַקציע און בינע־מעגלעכ־קייטן. ביסלעכוויַיז באַאַרבעט ער פּיעסן. אַלטע טעמעס ווערן ביַי אים אַרומ־געשייערט און בלישטשען ווי נייע. ער באַרגט זיך סוזשעטן און שריַיבט אַליין אויך שפּאָגל־נייע. זיי זיַינען אין אָנהויב נישט די גרויסע דערפאָלגן וואָס ער דערוואַרט. אָבער נישט ער געהערט צו די, וואָס אַנטוישן זיך און גיבן אויף. ער קען ביידע זאַכן נישט ליַידן. אַרבעט ער וויַיטער אויף זיך. ער באַזעצט זיך אין ניו יאָרק.

מער דערפאָלג האָט ער אַלס זשורנאַליסט. זיַין פּען איז שאַרף. ער קען פּאַרטיַידיקן אַ שטאַנדפּונקט, שפּרינגט ער אַריַין אין יעדער פּאָליטישער מלחמה. ער שטייט מיט טעמעני אויף איין פּאָליטישער ליניע. טעמעני האָט נאָך אַלץ דעמאָלט נישט געשפּילט די ראָלע פונעם טיגער. נישט אַלע מאָל איז מרדכי עמנואל נח געשטאַנען אויף דער פּראָגרעסיווער זיַיט. אָבער זיַין וואָרט איז געווען געווענדט צום פּשוט׳ן מענטשן און ער האָט זיך זייער גיך דערוואָרבן ביידע זאַכן — אַ מאַסע פריַינט און נישט וויניקער שונאים.

און אָט איז ער שוין רעדאַקטאָר. ער קריגט די גרויסע דעה אין פּאָ־ליטיק. ער איז שוין אויך אַ נאַציאָנאַלער פּאָליטיקער. קאַנדידאַטן פאַר קאָנגרעס, פאַרן סענאַט און אפילו פאַר פּרעזידענטשאַפט מוזן צו אים אָנ־קומען. אין שטאָט איז ער שוין אַ גאַנצער באַלעבאָס, בפרט נאָך, ווען ער ווערט דער גראַנד־סאַכעם (גרענד סעיטשעם) פון טעמעני.

דאָס מאַכט אים שוין נאָך אָנגעזעענער. זיַינע פּיעסן ווערן שוין גע־שפּילט פאַר געפּאַקטע הייזער. איינע גייט בעסער פון דער אַנדערער. דער־פאָלג קומט מיט דערפאָלג. „מר. נאָאַ״, ווי ער ווערט שוין גערופן, איז זייער פּאָפּולער צווישן געזעלשאַפטלעכע טוער, צווישן פּאָליטיקער, שריַיבער, קינסטלער, טעאַטער־מענטשן. ער איז שוין אַ קנעפּל מיט יעדן, וואָס זיַין נאָמען גייט פאָראויס.

אינעם בוך וועגן אים, „מעידזשאָר נאָאַ״, פון אייזאַק גאָלדבערג, ווערן געבראַכט פיל אויסצוגן פון נח׳ס אַרטיקלען, פּיעסן און רעדעס. פיל פון זיי זיַינען נאָך איצט נישט קיין אויסגעוועפּטע. זיי זיַינען קרעפּטיק און ציל־שלאָגנדיק, אינטערעסאַנט און אָפּטמאָל פון בעסטן סאָרט. אַ רעדנער איז ער געווען נאָך אַ בעסערער. זיַין טעמפּעראַמענט האָט אים נישט דערלויבט צו לאָזן צוהערער גליַיכגילטיק. זיַין ענערגיע האָט אים שטענדיק געטריבן צו אַלץ גרעסערע דעראָבערונגען. דער פּאָליטיקאַן אין אים האָט נישט איינ־מאָל באַזיגט דעם זעענדיקן פּאָליטיקער.

דאָס האָט אים געמאַכט צו לויפן אַלס קאַנדידאַט צו פאַרשיידענע גע־וויילטע און באַשטימטע אַמטן. ער איז אין פאַרשיידענע ציַיטן געווען שע־

ריף פון ניו יאָרק קאָונטי, ריכטער פונעם „ניו יאָרקער קאָורט אָוו סעשאָנס". עס ווערט דערציילט, אַז אַן אַנטיסעמיטישער קעגנער־קאַנדידאַט פאַרן אַמט פון שעריף, האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן — „צו וואָס מיר האָבן דערלעבט, אַז אַ ייד וועט קענען הענגען אַ קריסט!" האָט אים נח ווי געגעבן גלייך מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ: „וואָס פאַר אַ קריסט איז עס, וואָס מ'דאַרף אים הענגען?"...

נח איז אויך געווען אַ געוויסע צייט דער סורוועיער פון פּאָרט ניו יאָרק, אַ מאַיאָר אין דער ניו יאָרקער שטאַט־מיליציע, אַ באַאַמטער פון דער יידישער קהילה, אַ טוער אין דעם מאַסאָניק לאָדזש און דער פּרעזי־דענט פון דער יידישער צדקה־אָרגאַניזאַציע.

זיינע אַמביציעס האָבן זיך מיט די אַלע אַמטן נישט באַפרידיקט. ער האָט געשטרעבט צו די גאָר הויכע אַמטן. זיין יידישקייט איז אים אָבער געשטאַנען פיל אין וועג. ער האָט די גאָר הויכע אַמטן נישט דערגרייכט, אפילו נישט צוגעקומען נאָענט צו זיי. מעגלעך, אַז דאָס האָט, פון דער צווייטער זייט, ביי אים געוועקט זיין יידישן באַוואוסטזיין. די דיסקרימינאַ־ציע קעגן יידן, האָט ער באַטראַכט, איז זיין שטיין אין וועג. דאָס איינציקע וואָס ער האָט דערגרייכט, איז געווען ניט קיין אַמבאַסאַדאָר אַמט אין איינס פון די וויכטיקע לענדער, נאָר אַ קאָנסול־אַמט אין ריגע. ער האָט זיך אין צאָרן אָפּגעזאָגט פון דעם. ער האָט דערנאָך אָבער אָנגענומען די קאָנסול־שטעל אין... טוניס.

אָבער אפילו דאָס האָבן אים די אַנטיסעמיטישע פּאָליטישנס נישט פאַר־גונען! אין זיין אַמט איז אים אויסגעקומען אויסצולייזן אַמעריקאַנער גע־פאַנגענע פון פּיראַטן. אָבער פּלוצלונג האָט מען אים צוריקגערופן פון זיין אַמט, ווייל ער באַצאָלט פאַר זיי מער וויפיל די סומע, וואָס איז פאַר דעם אַסיגנירט געוואָרן. אַ „נייעס" אין דער אַמעריקאַנער פּראַקטיק צו מאַכן דעפּיציטן אין געוויסע מיסיעס! איבערהויפּט נאָך ווען דאָ איז נישט קיין פראַגע וועגן קויפן עפּעס ביי אַ ביליקערן אָנבאָטער.

גראָד איז נח נישט געווען דער מענטש צו מאַכן זיך אַ פאַרדינסט פון אַזאַ עסק. ער האָט געהאַט אַ ברייטהאַרציקייט פונעם אַרטיסטישן פאַרנעם. ער האָט נישט באַוויזן אָנצוקלייבן קיין פאַרמעגנס פון זיינע פילפאַכע פאַר־דינסטן. זיין אָפענע האַנט האָט זיך אומעטום געפילט — דאָ אין אוועק־געבן די אַלמנה פונעם געוועזענעם שעריף זיין גאַנצן געהאַלט פאַרן אַמט, און דאָ האָט ער געקענט אָפּגעבן זיין האָנאָראַר פון אַ פּיעסע פאַר די אַק־טיאָרן, ווען דאָס טעאַטער האָט אָפּגעברענט. עס האָט אים גענומען אַ יאָר צייט צו באַווייזן מיט פאַקטן, אַז אַנדערש וואָלט ער די געפאַנגענע נישט אַרויסגעקראָגן.

אַרום 1818 איז ביי מרדכי עמנואל נח געבאָרן געוואָרן אַ געדאַנק, אַז עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז יידן, וואָס ווערן פאַרפאָלגט, זאָלן

זיך איינאָרדענען אַ היים אין פּאַלעסטינע, וואו זיי זאָלן האָבן זייער אייגענע מלוכה־שאַפט.

די צייט איז געוואָרן ווידער אַ ביטערע פאַר יידן, נאָכדעם ווי זיי האָבן עטלעכע יאָר, דורך נאַפּאָלעאָנ׳ס מאַרשן, דערפילט אין מערב־אייראָפּע אַ שטיקל טעם פון בירגערלעכע רעכט. נאַפּאָלעאָנ׳ס מפלה האָט גלייכצייטיק אָנגעזאָגט אַ רעאַקציע איבער דער וועלט, פון וועלכער די יידן, ווי שטענדיק, זיינען פון צווישן די ערשטע צו דערפילן עס. נח האָט גערעדט וועגן דעם ביי דער עפענונג פון אַ נייער סינאַגאָגע ביי דער קהילה „שארית ישראל". אָבער דעם געדאַנק וועגן פּאַלעסטינע האָט ער, אין אַ קורצער צייט אַרום, אוועקגעלייגט אָן אַ זייט און זיך מיטאַמאָל גענומען צו אַ מער „רעאַליסטישן" פּלאַן — צו באַזעצן פאַרפאָלגטע יידן נישט ווייט פונעם דעמאָלטיקן ישוב פון באָפאַלאָ, אויפן „גרענד איילאַנד" אינעם ניאַגאַראַ־טייך.

וואָס פאַר אַ פּלאַן איז דאָס געווען? וויפל יידן וואָלט מען, אין בעסטן פאַל, דאָרט געקענט באַזעצן? צי איז עס אַמאָל ווידער נישט געווען אַ פאַנטאַסטישער חלום פון אַ ספּעקולאַטאָר אין „ריל־עסטעיט", וואָס גייט בויען אַ שטאָט, כדי אַרונטערצוברענגען אַהין אייגוואוינער פון אַלע עקן וועלט, און אַראָפּלאָזן אַן אויסגעטרוימטע, היפּשע מטבע אין קעשענע אַריין? אָדער איז עס געווען אָן אַזאַ מאַטעריאַליסטישער כוונה, און מיטן געדאַנק פון איין זייט צו העלפן פאַרפאָלגטע יידן צו קריגן אַ פּלאַץ, און פון דער צווייטער — צו קריגן אַ גרופּע, גרויס גענוג אויף צו באַפרידיקן זיין אַמביציע פון גרויס־פּאָליטיק, פון אויבערהערשאַפט?

מיר זעען, אַז נאָך איידער וואָס־ווען האָט שוין נח געקראָגן דעם נאָמען פאַר דער באַשטימטער שטאָט — אררט (אַראַראַט), דער לעגענדאַרער באַרג, אויף וועלכן עס זאָל האָבן זיך אָפּגעשטעלט נח׳ס תיבה, נאָכן מבול. און נאָך איידער עס איז געווען איין אימיגראַנט צו זיין דער ערשטער פּיאָנער פון דער דאָזיקער יידישער „מדינה", האָט ער זיך שוין באַשטימט פאַרן ערשטן מושל און שופט איבער ישראל. נאָך איידער וואָס־ווען איז ער שוין געקומען אין 1825 קיין באָפאַלאָ, דעמאָלט נאָך אַ שטעטל פון אַרום 25 הונדערט נפשות, צו פראַווען דאָרט די „חנוכת המדינה", דעם פייערלעכן אַקט פון פּראָקלאַמירן זי. און כדי צו מאַכן עס אַזוי טעאַטראַליש ווי נאָר מעגלעך, האָט ער אָרגאַניזירט אַ פייערלעכע פּראָצעסיע אין באָפאַלאָ, אָן איין יידן אין די רייען — ער, דער איינציקער ייד אין פראָנט, אַלס פירער, און הינטער אים — די מיליציע, דאָס ביסל פּאָליטישנס און מיטגלידער פונעם מאַסאָניק אָרדן און אַלע איינוואוינער פונעם שטעטל.

ער, דער „גובערנאַטאָר", איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיינע ריכטערלעכע בגדי־מלכות, און געפירט די פּראָצעסיע ביזן טייך. דאָ וואָלט זיך געפּאַסט דער „נס" (נעס) פון יהושע׳ן, ווען ער האָט די יידן אַריבערגע־

פירט איבערן ירדן, ווייל קיין גענוג שיפן האט נח נישט צוגעגרייט אריבער־צופירן זיין פראצעסיע אויפן אינדזל. אבער עס איז אפילו א סברא, אז נח אליין איז קיינמאל אויפן אינדזל גופא נישט געווען.

האט מען געפונען א „בעסערן פלאץ", וואו אוועקצולייגן דעם ווינקל־שטיין פאר דער יידישער נייער מדינה — אין דער עפיסקאפאלער קירכע. דארטן זיינען פארגעקומען די פייערלעכקייטן. דארט האט דער מושל און שופט מרדכי עמנואל נח געהאלטן זיין דערלייזונג־רעדע, אין וועלכער ער האט גערופן אלע יידן פון אלע לענדער אויפן ערד־קיילעך, ווי אויך די „עשרת השבטים", וואס ער האט אנגענומען, אז דאס זיינען די אינדיאנער־שבטים, צו קומען באזעצן זיך אויף זייער לאנד, אין זייער אייגענער מלוכה.

אין זיינע אייגענע ווערטער:

„...אין „זיין" (גאט'ס) נאמען לעב איך אויף, באני און גרינד ווי־דער די רעגירונג פון דער יידישער מלוכה, אונטער דער לייטונג און שוץ פון דער קאנסטיטוציע און פון די געזעצן פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע... און מיט דעם פאדער איך אויף אלע אונדזערע רעכטפאר־טיקע און געאכפערטע רבנים, אונדזערע פרעזידענטן און גבאים פון די שולן, די ראש ישיבות און אלע יידישע ווארט־זאגער איבער דער גאנצער וועלט, ברייט צו פארשפרייטן די דאזיקע בשורה, אז זי זאל ווערן פאר־ווירקלעכט".

נישט אויפן הימל און נישט אויף דער ערד איז דערהערט געווארן דער דאזיקער קול שופר. קיין איין ייד איז אויף דעם רוף נישט געקומען; קיין איין אינדיאנער. קיין איין הויז איז דארט נישט געבויט געווארן. דער אינדזל איז געבליבן ביי זיין נאמען „גרענד איילאנד". נח איז געבליבן מיט זיין פראקלאמאציע און געלאזט זי פאראייביקן דורך די צייטונגען אין ניו יארק.

איז דאס געווען ביי דעם טעאטראלן מרדכי עמנואל נח נאך א רועל פון אן אנדער מין? (אייזאק גאלדבערג דערציילט וועגן זיין רועל מיט א דרום'דיקן אריסטאקראט אין סאוט קאראלאינא). האט ער בלויז געוואלט פארצייכנט ווערן אין דער יידישער געשיכטע ווי א מין „משיח", א באַ־פרייער, וואס ווארט אויף א גינסטיקער געלעגנהייט צוריק צו עטאבלירן די בארויבטע פעלקער אויף זייערע לענדער?

איז אבער נח, אמווייניקסטנס צו איין שוידערלעך־דיסקרימינירטן פאלק — צו די נעגער, געבליבן גלייכגילטיק צו זייערע לײדן, און אפילו געווען דורכאויס קעגן זייער באפרייאונג אין אמעריקע, און איז דערפאר שטארק באקעמפט געווארן פון די אבאליציאניסטן. (זע 5טע באמערקונג צו דאקו־מענט נומער 93, אין מאָרים יו. שאפעס' „דאקומענטארי היסטארי אוו דהי דזשוס אין דהי יונאיטעד סטעיטס, ז. 629.)

מיר זעען ווי אין צוואנציק יאר שפעטער, נאכן טעאטראלן ספעקטאקל

אין באַפֿאַלאָ, קערט זיך נח אום צו זיין אָריגינעלן פּראָיעקט פֿון ווידער גרינדן אַ יידישע מלוכה אין סיריע (פּאַלעסטינע). אינעם טאַבערנאַקל אויף בראָדוועי, ניו יאָרק, האָט נח געהאַלטן אַ ריי פּאָרטראַגן פֿאַר גרויסע פֿאַרזאַמלונגען פֿון פּראָמינענטע מענטשן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען פֿיל קריסטלעכע גייסטלעכע. אין די דאָזיקע פּאָרטראַגן האָט ער נאָך אַ צימלעך־פּעאיקן פּאָליטישן אַנאַליז פֿון די קאָנפֿליקטן צווישן די גרויסע איראָפּעאישע מלוכות, מיט זייערע אימפּעריאַליסטישע אויספּרייטונגען, באַוויזן, ווי די יידן וועלן בענעפֿיטירן, ווען די קריסטלעכע מלוכות וועלן באַזיגן די מאַכמעדאַנישע און אַזישע.

אין זיין הויך־מליצה שטעלט אין אָנהויב נח אַ ריי פֿראַגעס:

...וואו, פֿרעג איך, קענען מיר אָנהויבן די דאָזיקע גרויסע אַרבעט פֿון ווידערגעבורט מיט אַ בעסערן אויסזיכט אויף דערפֿאָלג אויב נישט אין אַ פֿריי לאַנד מיט אַ ליבעראַלער רעגירונג? וואו קענען מיר זיך איינשטעלן פֿאַר דער אומאָפּהענגיקייט פֿאַר די קינדער פֿון ישראל, מיט אַ גרעסערן צוטרוי ווי אינעם ווינקל פֿון דער אַמעריקאַנער פֿרייהייט? וואו נאָך קענען מיר בעטן טאָלעראַנץ און גוטסקייט פֿאַר די זרע אברהם (אברהמ׳ס זאָמען), אויב מיר געפֿינען עס נישט צווישן די קינדס־קינדער פֿון די פּילגרימס?

ער פֿאַרענדיקט זיין לאַנגע אָפּהאַנדלונג מיטן געדאַנק, אַז די אַנטדעקונג פֿון דאַמף־קראַפֿט וועט העלפֿן דעם שיפֿן־פֿאַרקער צווישן ענגלאַנד און אַלעקסאַנדריע (עגיפּטן) און אַז — אונדזער (אַמעריקאַנער) אייגענער האַנדל מיט די לענדער פֿונעם מיטללענדישן ים און דעם נאָענטן מזרח, וואָס איז ביז איצט פֿאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, וועט ווידער אויפֿגעלעבט ווערן, דורך די מעגלעכקייטן צו דערגרייכן פּאַלעסטינע דירעקט פֿון אונדזער לאַנד".

נח איז געשטאָרבן אויף זיין 66טן יאָר אין 1851. נאָך אַ קנאַפּן יאָרהונדערט וואָלט ער געדאַרפֿט לעבן, כדי צו זען ווי זיין חלום איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט, אָבער נישט פֿון די כוחות וואָס ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט.

יצחק האַרבי

קעמפּעריזשער רעפאָרמער
און הייסער דעמאָקראַט.
געווען פון הויכן אָפּשטאַם —
אַן אַריסטאָקראַט.

איינער פון די אינטערעסאַנטע פי־גורן צווישן די פירנדיקע יידן אין אַמעריקע, אין דעם ערשטן פערטל פונעם 19טן יאָרהונדערט, איז געווען יצחק האַרבי.

א פּובליציסט און דראַמאַטורג פון נעם בעסערן סאָרט, האָט ער זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט צו ווערן אויך א רעפאָרמער אין דעם אַמעריקאַנער לעבן און באַזונדערס אין דער יידישער פאַרעלטערטער, רעליגיעזער טראַדיציע. לויט זיין ביאָגראַף ל. ס. מאָיסע, איז האַרבי'ס אָפּשטאַם גראָד נישט קיין יידישער. ער קומט אַרויס פון אַן אַלטער קריסטלעכער, ריטער־לעכער פאַמיליע אין ענגלאַנד. זיין עלטער־עלטער־זיידע פון 17טן יאָרהונ־דערט, קלעמענט האַרבי, האָט זיך פאַרליבט אין א יידיש מיידל, בעת ער איז געווען אַן ענגלישער קאָנסול אין מאַרעא, און זיך מגייר געווען. דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין מאַראָקאָ. מיט דער צייט איז דאָרט קלעמענט האַרבי געוואָרן דעם מאַראָקאַנער קעניגס סעקרעטאַר אויף דעם פּאָסטן, וואָס מען רופט אין ענגליש „ראָיאַל לאַפּידוארי". זיין זון, יצחק האַרבי, דער זיידע פון דעם יצחק האַרבי, וועגן וועלכן עס דערציילט זיך דאָ, איז שוין געווען א „פּאָלנער ייד", א סוחר פון גאָלד און בריליאַנטן. די פאַמיליע איז אין אָנהויב פונעם 18טן יאָרהונדערט געווען פון צווישן די רייכסטע יידישע פאַמיליעס אין מאַראָקאָ און אין ענגלאַנד.

אונדזער איצטיקער יצחק האַרבי'ס פאָטער איז געווען א זון פון סאָ־לאָמאָן האַרבי, וועמענס פאַרמעגן עס איז קאָנפיסקירט געוואָרן צוזאַמען מיט די קאָנפיסקאַציעס פון די הוגענאָטן. סאָלאָמאָן האַרבי האָט זיך גע־מוזט אָוועקלאָזן צו דער נייער וועלט — פריער קיין דזשאַמעיקא און פון דאָרט קיין טשאַרלסטאָן, סאַוט קאַראָליינא. אין אָנהויב פון די אכציקער יאָרן האָט ער דאָרט חתונה געהאַט מיט רבקה'ן, א טאָכטער פון מאיר מאָזעס. אונדזער יצחק האַרבי איז געווען זייער ערשטער זון, געבאָרן דעם 9טן נאָוועמבער, 1788.

שוין אין זיין יוגנט האָט זיך יצחק האַרבי אויסגעצייכנט אין אַלע שטופעם פון זיין בילדונג. ווי דער בעסטער תלמיד פון דר. בעסט, איז ער מיט דער צייט געוואָרן זיין אַסיסטענט און צוגעקנעלט מיט די איבעריקע תלמידים. צו 14 יאָר האָט ער זיך שוין באַטייליקט אין א קאָנטעסט פאַר דער בעסטער איבערזעצונג פון א טייל האָמער'ס „איליאַד".

צו זעכצן יאָר איז יצחק האַרבי שוין אַן אינסטרוקטאָר אין טשאַרלס־

טאָן קאָלעדזש און מאַכט אַן איינדרוק מיט זיינע אַרטיקלען אין דער לאָקאַלער פּרעסע. ער בלייבט אָבער אַן אומדערמידלעכער סטודענט, אַ לייענער פון די בעסטע ביכער אויך אין פראַנצויזישע, לאַטיינישע און גריכישע אָריגינאַלן, און אוודאי פון דער ענגלישער ליטעראַטור. אין זיין ליידנשאַפטלעכער דורשט נאָך וויסן בלייבט ער אָבער ווייט פון פּעדאַנטיזם און פאַרלאָזט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויף זיינע אייגענע פעאיקייטן.

צו 17 יאָר, אין 1805, נעמט ער זיך צו יוריספּרודענץ, גיט עס אָבער שנעל אויף צוליב זיין ליידנשאַפט צו זשורנאַליזם און צו לערעריי. זיין פאָטערס טויט מאַכט אים פאַרן פּרנסה־געבער פון דער פאַמיליע. אין גיכן עפנט ער אַ שולע, וואָס ווערט זייער פּאָפּולער און אין דער זעלבער צייט ווערט ער טעטיק אין אַלערליי ליטעראַרישע אונטערנעמונגען אַלס קריטיקער, דראַמאַטורג און פּובליציסט. אגב איז ער אויך אַ מיטגליד פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, איבערהויפּט פון דער פילאַמאַטעאַן געזעלשאַפט.

ווען ער האָט חתונה אין 1810 מיט רבקה'ן, אַ טאָכטער פון שמואל מאָרדעקיי (מרדכי) פון סאַוואַנאַ, איז ער שוין אויפן וועג פון דערפאָלג אויפן ציטונגס־געביט. ער שטייט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון ריינעם אויסגעהאַלטענעם זשורנאַליזם. מיר זעען אים אין זיין אָרגאַן „די סאַוטערן פעיטריאָט" (דער דרומדיקער פּאַטריאָט), ווי ער שטיצט די פּראָגרעסיווערע פּאָליטיק פון פּרעזידענט מעדיסאָן. אין איין יאָר צייט פאַרפילפאַכט ער די צאָל פון זיינע לייענער. מיר זעען אים ווידער אין 1822, ווי רעדאַקטאָר פון דער „סיטי גאַזעט", שרייבט אויך עדיטאָריעלס פאַר דעם זשורנאַל „מערקיורי" און פאַרבייט אָפט דעם רעדאַקטאָר.

לויט זיין ביאָגראַף ל. ס. מאָיסע, איז הארבי אויך אין פּאָליטישן לעבן געווען אַן אומדערשראָקענער וועקער און פאָדערער פון רעפאָרמען. נישט קוקנדיק אויף דער רעוואָלוציע פון 1776, זיינען נאָך אַלץ פאַרבליבן אין סאַוט קאַראָלאַינאַ ברוטאַלע מיטלאַלטערלעכע געזעצן. אָט זיינען אייניקע ביישפּילן: אַ נעגערשער אָדער אינדיאַנער שקלאַף פלעגט באַשטראָפט ווערן פאַר אַ קלאַפּ געבן אַ ווייסן, דעם ערשטן מאָל מיט זייער שטאַרקע שמיץ, פאַרן צווייטן מאָל — מיט שפּאַלטן זיין נאָז אַלס צוגאָב, אָדער מאַכן אַ בראַנדוואונד אויפן פּנים; פאַרן דריטן מאָל האָט אַ געריכט, אין באַשטאַנד פון צוויי ריכטער און דריי פריהאָלדערס, געהאַט דאָס רעכט צו פאַראורטיילן אים צו די סאַמע פאַנטאַסטישע שטראָפן, — אפילו צום טויט.

פאַר גנב'ענען האָט מען אין פיל פאַלן באַצאָלט מיטן לעבן.

לויטן אַקט פון 1712 האָט מען באַשטראָפט מיט פערציק שמיץ די שקלאַפן, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל זונטיק אָדער יום־טוב זיך צעהוליעט דורך טרינקען, קריגעריי, געשלעגן, אָדער שילטן. פאַרן צווייטן מאָל — אַ שטראָף פון אויסברענען דעם בוכשטאַב „אַר" אויף דער רעכטער באַק. פאַרן דריטן מאָל — שמיץ און אָפּשניידן אַן אויער. פאַרן פערטן מאָל — קאַסטרירן. פאַרן פינפטן מאָל — איבערשניידן דעם שטייפן שנור פון פוס

איבערן אָפּצאַס, אָדער טויט־שטראָף.

אויב די שטראָפן זיינען נישט דורכגעפירט געוואָרן, זיינען די אייגנ־טימער אַליין באַשטראָפט געוואָרן מיט די זעלבע שטראָפן פאַרן ארויסווייזן רחמנות צו „שלעכטע שקלאַפן".

פאַרן ארומשניידן אָדער אָפּשאָבן גאָלדענע מטבעות — 12 חדשים טורמע און שטיין צוויי מאָל ביים שאַנדקלאָץ (1785). פאַר פאַלש־מינצעריי — טויט־שטראָף אָן בענעפיט פון ווידוי (1786). פאַר אַ פאַלשער וואָג, צום ערשטן מאָל — אַ געלט־שטראָף און טורמע און פאַר אַ צווייטן מאָל — נישט ווייניקער ווי פינף שמיץ אויפן הוילן רוקן און נישט מער ווי צוואַנציק שמיץ (1822).

קעגן אָט־די אַלע ברוטאַלע געזעצן האָט הארבי אָנגעפירט אַ כסדר'דיקן אויסגעהאַלטענעם קאַמף דורך לעקציעס, רעדעס און שריפטן. ער איז גע־ווען אַן אויסגעהאַלטענער אָנהענגער פון אַ פרייער רעפובליק, אָבער גע־געבן גלייכצייטיק נאָפּאָלעאָנ'ען פיל קרעדיט פאַר אָפּשאַפן אין מערב־איי־ראָפּע דיסקרימינאַציעס קעגן יידן.

יצחק הארבי האָט אויך אַ גרויסן חלק אין רעפאָרמירן די צוויי טויזנט־יאָריקע טראַדיציעס פון יידישן גאָטעס־דינסט. אזעלכע זאַכן ווי דער גלות־לאַנגער דאַווענען, די תפילות אין אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, פאַרן גרעסטן טייל, דער יאַריד מיט אויסטיילן די אויפרופן צו דער תורה דורך ליציטאַציעס אין שפּאַניש. איבערהויפּט איז אים אָנגעגאַנגען די דערנידע־רונג פון די יידן, וואָס באַנוצן זיך נאָך אַלץ מיט אַ שפּראַך פון אַ מדינה, וואָס האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן זיך באַנוצט מיט די שרעקלעכסטע אינקוויזיציעס, געברענט זיי און גענבראַטן.

הארבי איז אין דעם פּרט געווען דער וואָרטפירער און רעפּרעזענטאַנט פון דער נייער וואַקסנדיקער יידישער בורזשואַזיע (זע שאַפּעס' „דאָקומענ־טאַרע יידישע געשיכטע", די באַמערקונגען צו דאָקומענט 75). די שטרע־בונג פון דעם דאָזיקן נייעם קלאַס איז געוואָרן וואָס מער אָפּצואווישן די אונטערשיידן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג; וואָס מער צו מאַכן די יידישע גאָטעס־דינסט ענלעכער צו דער נישט־יידישער. ער האָט געזען אין די קירכלעכע פירונגען מער שטאַט און ערפורכט ווי אין די יידישע שולן, וואָס שלעפּן נאָך מיט זיך דעם פּעאָדאַלן מיטלאַלטער. הארבי איז אויך געווען אַן איינפלוסרייכער אָראַטאָר. די פעאיקייט האָט ער נאָך ארויסגע־וויזן אין די יונגע יאָרן. ער האָט זי אויך אויסגענוצט אויף אַ פולן אופן אין דער קאַמפּאַניע צו רעפאָרמירן די שול.

אין טשאַרלסטאָן איז טאַקע געווען איינע פון די ערשטע רעפאָרמירטע שולן אין אַמעריקע. וואָס שייך אַנדערע קהילה־ענינים איז הארבי כסדר גע־ווען אין סאַמע פראָנט. מען האָט אים ארויסגעשטעלט אַלס הויפּט־רעדנער צו פייערלעכקייטן און וויכטיקע פּאַסירונגען. אזוי האָט מען אים, אין על־

טער פון 25 יאָר, אַרויסגעשטעלט צו זיין איינער פון די הויפּט־רעדנער צום יאָרטאָג פון דער יידישער יתומים־געזעלשאַפט. דער באַריכט וועגן דעם האָט דערציילט, אַז „עס האָט נאָך קיינער נישט געמאַכט קיין טיפערן איינדרוק ביי אַזאַ געלעגנהייט". ער האָט אַרויסגערופן טרערן ביי דעם עולם.

האַרבי'ס ליטעראַרישע טעטיקייט איז אין אָנהויב נישט אָנערקענט געוואָרן. די ערשטע קאָמעדיע „אַלעקסאַנדער סעוועראָס", געשריבן אין על־טער פון 17 יאָר, האָט אים אַ טעאַטער־דירעקטאָר אומגעקערט צוליבן שלעכטן ענגליש און פאַר זיין וועלן שרייבן ווי שעקספּיר... אויך זיין צווייטע פּיעסע „גאַרדיען נאַט" איז נישט געשפּילט געוואָרן, ווייל דער טעאַטער־דירעקטאָר האָט זי געוואָלט צופיל אַרומשניידן. אָבער אַ דראַמאַטישער קריטיקער האָט וועגן אים געשריבן: „...אַ דערפרישנדיקער אַוועקגאַנג פון די געוויינלעכע פריערדיקע ליבהאָבער... ער ברענגט אַרוים מענטשן, וואָס זיינען נעענטער צום רעאַלן לעבן.

ערשט אין 1819 דערשיינט זיין בעסטע פּיעסע „אַלבערטי", באַזירט אויף אַלפיערי'ס שילדערונג פון דער מעדיצי פאַמיליע. זי איז געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. וועגן איר האָט מען געשריבן, אַז זי האָט „שיינקייט און עלעגאַנץ", כאָטש זי האָט נישט — „קיין דונער און בליץ, קיין באַנדיטן און מאָרד, קיין שלאַכט־סצענעס און אַ ליד וואָס זאָל נעמען". אין דער דאָזיקער פּיעסע זאָגט דער העלד וועגן טיראַניי:

„...איך שווער ביי גאָט, מיין טייערער... וויפיל איך זאָל נישט ליב האָבן דעם באָדן, אויף וועלכן איך לעב, אויב דאָ וואָלט זיך איינגעגאַדיעט טיראַניי, וואָלט איך זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער אומבאַפלעקטער כוואַליע פונעם אַטלאַנטיק, צו געפינען ערגעץ אַ גרין אומבאַטראָטן שטיקל באָדן, וועלכן עס איז אומבאַקאַנטן ווינקל, כדי צו האָבן מיין זעלבסטשטענדיקייט". ווי שוין דערמאָנט — אַ בורזשואַזער ראַדיקאַלער רעפאָרמער...

אַלס קריטיקער האָט האַרבי אין זיין קורצן פּרעציק־יאָריקן לעבן פאַר־נומען אַ היפּשן פּלאַץ. שרייבט אָסקאַר וועגעלין, אַ וויכטיקער געלערנטער פון 19טן יאָרהונדערט, אין זיין בוך „אוירלי אַמעריקען פּלעיז": ווי מ'זאָגט, איז האַרבי געווען אין זיין צייט „דער פיינסטער דראַמאַטישער קריטיקער אין אַמעריקע". אויך אין אייראָפּע האָט מען פון אים געהאַלטן.

האַרבי אַליין האָט שטאַרק קריטיקירט שעקספּיר'ס „שיילאָק". „עס איז נישט מעגלעך", זאָגט ער, „אַז אַ ייד פון ווענעדיג, וואו עס זיינען געווען זייער אונטערדריקנדיקע געזעצן און פאַראורטיילן... זאָל קומען אין געריכט מיט אַ מעסער אין האַנט און פאָדערן דעם פונט פלייש... אויב ער איז גע־ווען אַזוי גייציק, וואָלט ער זיכער נישט ריזיקירט זיין אייגן לעבן צוליב דעם פאַרמעסט אויפן לעבן פון אַ מעכטיקן בירגער פון ווענעדיג... ...דער גרויסער דראַמאַטורג האָט דערלויבט זיין מעכטיקן שכל מיטגעריסן צו ווערן מיט ליידנשאַפט און פאַלשן געשמאַק פון אַ צייט, וואָס ער איז באַרופן געוואָרן צו באַלערנען און מאַכן זי אומשטערבלעך".

דר. יעקב דע לאַ מאָטאַ

פּאַטריאָט,
רעוואָלוציאָנערער זעלאָט,
דאָקטאָר און אָראַטאָר.

דער פּאַרציייטיקער גריכישער חכם עזאָפּ האָט נאָך געזאָגט: „דאַנקבאַרקייט איז אַ סימן פון אַ העכערן מענטשן". אָבער פרעדעריק דאָגלאַס, דער באַרימטער נעגער־אַבאָליציאָניסט פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, האָט עס אָוועקגעשטעלט אויף אַ נאָך העכערער מדרגה. ער האָט אָנגעוויזן, אַז „דאַנקבאַרקייט איז אַ פליכט צו אונדז אַליין, אַזוי גוט ווי צו די, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן".

דר. יעקב דע לאַ מאָטאַ האָט מעגלעך געדענקט עזאָפּ'ס פאַבלען, אָבער עס איז בלויז אַ צופאַל, וואָס ער האָט באַטראַכט דאָס ביסל גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס יידן האָבן שוין אין אָנהויב פונעם 19טן יאָרהונדערט זיך דערוואָרבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אינעם זעלבן ליכט ווי דער נעגערשער פרייהייטס־קעמפער פרעדעריק דאָגלאַס.

זיכער איז עס ביי אונדזער דאָקטאָר און זיין קענטיקע געלערנטקייט אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור געווען אַן אַלטע אַקסיאָמאַטישע (אמת־קלאָרע) טוגנט — ליב צו האָבן די וואָס האָבן דיך ליב — „אני אוהבי אהב" (משלי ח'). דאָס איז קענטיק געווען דער קערן־מאָטיוו אין זיין פאָרטראָג, געהאַלטן דעם 21טן יולי, 1820, צו דעם יובילייט פון דער סינאַגאָגע „מקוה ישראל" (די צונויפזאַמלונג פון די יידן, אָדער „די האָפענונג"). דער דאָזיקער פאָרטראָג האָט אויסגעדריקט אַ טיפן באַוואוסטזיין פון דער באַדייטונג, וואָס די רעוואָלוציע האָט בייגעטראָגן אויך צו דער יידישער פרייהייט פון געוויסן און בירגערעכט.

דר. יעקב דע לאַ מאָטאַ איז געבאָרן געוואָרן אין סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיאַ, אין 1789. ער איז געווען אַ דערפאָלגרייכער דאָקטאָר אין פילאַדעלפיע און ניו יאָרק, אין סאַוואַנאַ און אין טשאַרלסטאָן. שוין אין עלטער פון 21 יאָר האָט ער אַרויסגעוויזן אַ הויכע מאָס פון געלערנזאַמקייט און זעלבסטשטענדיקן דענקען. ער האָט אין 1810 פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע אַרבעט איבער לינעאוס'עס טעאָריעס וועגן ירושה־אייגנשאַפטן, וואָס זיינען נאָך עד־היום אַן ענין פון הייסע דיסקוסיעס.

דאָס איז דער פאַמפלעט וועגן דער פיזיק פון די אינדיאַנער — אַן אַרבעט, וואָס ווייזט בכלל דר. דע לאַ מאָטאַ'ס אינטערעס מיט דעם וועזן פון די באַרויבטע און עקספּלואַטירטע אינדיאַנער שבטים און מיט זייערע אייגנשאַפטן. עס איז דעריבער אויך נישט קיין וואונדער, וואָס עס האָט

גענומען אויך אַזאַ טיפן אינטערעס אין דער געשיכטע פונעם יידישן ישוב אין אַמעריקע, וואָס איז אינגאַנצן, אין 1820, באַשטאַנען פון אַרום זעקס טויזנט נפשות, ווי מיר וועלן שפּעטער זען פון עטלעכע אויסצוגן פון זיין פּאָרטראַג.

אַלס אַמעריקאַנער פּאַטריאָט האָט ער זיך באַטייליקט אין דער מלחמה פון 1812 און געדינט אין דער „צווייטער אַרטילעריע פון סאַוט קאַראָלאַינאַ" אַלס דער אַרמיי־כירורג, פונעם 1טן מאַי, 1812, ביזן ערשטן יוני, 1814. אַז ער איז שוין אין זיינע יונגע יאָרן געווען באַרימט אויך מיט זיין רעדנער־קראַפט און אויטאָריטעט, קען מען זען פון דעם, וואָס אין 1816 ווערט ער אויסגעקליבן צו האַלטן די עלעגישע (הספד) רעדע איבערן טויט פונעם ניו יאָרקער באַוואוסטן רב גרשום מענדעס סעישעס. די דאָזיקע היסטאָרישע לוויה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 2טן יולי. דעם דאָקטאָר׳ס רעדע איז שפּעטער אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פּאַמפלעט פאָרם.

אין 1818 זעען מיר אים שוין צוריק אַלס כירורג אין דער אַרמיי. ער דינט אין דער דריטער בריגאַדע פון דער ניו יאָרקער סטעיט אינפאַנטעריע, אין דעם 51טן רעגימענט. זאָל דאָ בלויז דערמאָנט ווערן, אַז די ראָלע פון אַ דאָקטאָר מיט אַ 150 יאָר צוריק איז געווען אין פיל הינזיכטן שווערער ווי זי איז אין אונדזער צייט פון וואונדער־מעדיצינען און מאָדערנע אויסגעשטאַטע שפּיטאָלן. די היגיענישע באַדינגונגען זיינען בכלל געווען אַזעלכע, אַז די אָפּטע און צאָלרייכע היץ־קראַנקייטן האָבן פּראָדוצירט אַ זייער הויכן גראַד פון שטערבלעכקייט.

קענטיק, אַז דע לאַ מאָטאַ׳ן איז אויסגעקומען אַלס דאָקטאָר צו זען נאָך מער הילפלאָזיקייט און נויט און אַלערליי קראַנקייטן צווישן דער אימיגראַנטישער באַפעלקערונג. מיר זעען אים אין דזשאָרדזשיאַ, אין 1820, ווי ער האַלט דעם 1טן יאַנואַר אַ פּאָרטראַג פאַר די דאָקטוירים פון דער דזשאָרדזשיאַ מעדיצינישער געזעלשאַפט, אויף דער טעמע: „די אורזאַכן פון דער שטערבלעכקייט צווישן פרעמדע אין משך פונעם לעצטן זומער און האַרבסט". דר. דע לאַ מאָטאַ האָט קענטיק געשפּילט אַ היפּשע ראָלע צווישן די דאָקטוירים פון יענער צייט און איז געווען באַוואוסט ווי איינער, וואָס גיט אָפּ אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט די „פרעמד־געבאָרענע".

דעם דערמאָנטן פּאָרטראַג האָט אונדזער דאָקטאָר געהאַלטן צו דער געלעגנהייט פונעם יערלעכן צוזאַמענפאָר פון די דאָקטוירים אינעם שטאַט, בלויז קנאַפּע זיבן חדשים פאַר דעם פּאָרטראַג אין דער סאַוואַנער סינאַגאָגע. אויך דער פּאָרטראַג איז דערנאָך דערשינען אין אַ פּאַמפלעט־פאָרם. מיר שטעלן זיך פאָר, אַז צו דער געלעגנהייט פון דעם 300 יאָריקן יובילייִ פונעם יידישן ישוב אין אַמעריקע, וואָלטן די איבערדרוקן פון אַלע זיינע פּאַמפלעטן באַרייכערט די יידישע געשיכטע.

אויב אָבער מיר האָבן פאַר זיך נישט די אַלע פּאַמפלעטן, האָבן מיר

אבער, א דאנק מארים שאפּס׳עס „דאקומענטארע געשיכטע״, א מעגלעכ־קייט צו באקענען זיך מיט זיין פּאָרטראַג ביים פייערן דעם יובילײ פון דער סינאגאגע אין סאוואנא, צו וועלכן מיר שיקן אפּ דעם פאראינטערעסירטן לייענער (דאקומענט 70). דא וועלן מיר בלויז געבן עטלעכע קורצע אויס־צוגן, וואס כאראקטעריזירן דר. דע לא מאטא אלס אראטאר און פאראינטע־רעסירטן אין יידישער געשיכטע.

דאס איז א געפליגלטער פּאָרטראַג. צווישן אנדערעס האט ער אנגעוויזן:

„...די צילן, וואס זיינען אייגנטימלעך אין דער איצטיקער פייערונג, זיינען פון דער העכסטער וויכטיקייט און באדייטונג צו ליבעראלקייט און רעליגיעזער טאלעראנץ — איר פועל יוצא איז לטובת דער מענטשהייט. זי דעקט אויף פאר די אויפגעקלערטע די איבערגעגעבנקייט פון א פאלק, באפרייט פון דעם בית־עבדים (הויז פון קנעכטשאפט)... א פאלק! באַ־קרעפטיקט פון די וואונדערשיינע שטראלן פון זיין גלויבן, וואלט אפילו זיין וויליק אונטערגעווארפן צו ווערן שווערערע נסיונות, איידער אויפצוגעבן זיין אמונה. א פאלק! וואס וואוינט איצט אין א לאנד, וואס „רינט מיט מילך און האניק״, און קען אפן דערקלערן מיט דעם פייערדיקסטן אויס־דרוק די ברכות, וואס ער געניסט. א סעקטע! דערהויבן אין די פּריווילעגיעס, וואס עס גאראנטירט די באשיצנדיקע פרייהייטס־געטין, צו דינען גאט, לויט די טראדיציעס פון זייערע אור־עלטערן. א נאציע! וואס בעת זי שאצט אפּ די בענעפיטן פון א פּלעקלאזער קאנסטיטוציע, ווארפט אן אויג צו אירע (זייערע) ברידער אין אויסלאנד, וואס קארטשען זיך אונטער די קייטן פון העסלעכער פארפאלגונג און ווילדן פאנאטיזם, מיט דער ליכטיקסטער האפע־נונג, אז דער כוס פון זייערע ליידן וועט באלד פול ווערן; אז דער חושך פון בלינדן פאנאטיזם וועט פארביטן ווערן דורך דעם ליכט פונעם שכל; און אז א צעזייט און צעשפּרייט פאלק (ראסע) זאל קענען געניסן פון די פּריווילעגיעס און אימוניטעטן, וואס גאטס רצון איז, אז אלע זאלן האבן פון דעם א חלק. א נאציע! וואס האט געליטן פאר אירע זינד, אבער וואס וועט קיינמאל נישט ווערן פארלאזן פון איר (גאט), וואס האט זיך אנט־פּלעקט און געפירט דעם וועג דורך „א וואלקן בייטאג און א פייערזייל ביי־נאכט״.

אמת, אין אונדזערע אויערן פונעם מיטן צוואנציקסטן יארהונדערט קענען אפשר גרילצן די לאנגע צוגעקליבענע ווידערהאלונגען און די לאקריץ־מליצה פון יענער צייט און נאך מער איבערטרייבעריש קלינגען אזעלכע אדיעקטיוון ווי „וואונדערשיינע שטראלן פון גלויבן״, אדער ווען ער רעדט וועגן דער „פּלעקלאזער קאנסטיטוציע״ און וועגן „לאנד פון מילך און הא־ניק״. מיר דארפן אבער נעמען אין אכט, אז דאס איז פארגעקומען אין דער צייט, ווען דער „הייליקער אליאנץ״, דער בונד פון די רעאקציאנערע מלוכות, האט אין מערב־אייראפּע ווידער צעטראטן דאס ביסל פרייהייט און רעכט,

וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט איבערגעלאָזט פון דער צעגראַמירטער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, און צוריק אַריינגעפירט דעם מיטלאַלטער דורך טיר און טויער. אין קאָנטראַסט צו דעם איז די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע געווען פּלעקלאַז און איר לעבנס־סטאַנדאַרד אַ „לאַנד פון מילך און האָניק".

מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז אין יענעם יאָרצענדליק, אין וועלכן דר. יעקב דע לאַ מאָטאַ האָט געהאַלטן די רעדע, זיינען שוין געווען זייער טעטיק די מיסיאָנערן, אונטער דער בלענדנדיקער שילד פון „אַמעריקען סאָסייעטי פאַר אַמעליאָרעיטינג דהי קאָנדישאָן אָוו דהי דזשוס" און „געפאַנגען אַזוי אַרום יידישע נשמות". מיט צוויי יאָר פריער, אין 1818, האָט שוין מרדכי עמנואל נח (נאָאַ), דעם 18טן אַפּריל, ביי אַן אויפבוי פון דער נייער סינאַגאָגע „שארית ישראל", שאַרף אַטאַקירט די דאָזיקע טעטי־קייט. אין דעם זעלבן יאָר 1820, ווען דר. דע לאַ מאָטאַ האָט געהאַלטן די רעדע, איז אַרויס אַ שריפט „איזראַעלווינדיקעיטעד", וואָס איז נאָך שאַר־פער אַרויסגעטראָטן קעגן דער דערמאָנטער מיסיאָנערישער טעטיקייט. דע לאַ מאָטאַ'ס אויבנדערמאָנטע פראַזע — „אַ פאָלק! באַקרעפטיקט פון די וואונ־דערשיינע שטראַלן פון זיין גלויבן, וואָלט אפילו זיין ווויליק אונטערגעוואָרפן צו ווערן שווערערע נסיונות, איידער אויפצוגעבן זיין אמונה", איז באַשיינ־פּערלעך געווען געצילט אין די דאָזיקע מיסיאָנערישע פאַרשטאַרקטע טעטי־קייטן.

דר. יעקב דע לאַ מאָטאַ פרואווט דערנאָך געבן אַ קורצע געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע און באַזונדערס וועגן יינגערן ישוב אין דזשאָרדזשיאַ. ער ווייזט אָן, אַז פיל נישט־יידן, וואָס האָבן אימיגרירט אַהער, זיינען געקר־מען „על חשבון המלך", אויפן חשבון פונעם קעניג'ס קאַסע. מען האָט זיי צוגעצויגן צו קומען מיט אַלערליי פריווילעגיעס — מיט גרויסע באָדן־באַ־זיצן, מיט אַ גרויסן מאַרק פאַר זייערע פראָדוקטן. אָבער די יידן האָבן די אַלע זאַכן נישט געקראָגן... ווען זיי האָבן זיך באַזעצט אין געוויסע פלעצער זיינען זיי נישט אַלעמאָל דאָרט פאַרבליבן. זיי האָבן געהאַט פיל שוועריקייטן און שטיינער אין וועג, ביז די רעוואָלוציע איז געווען אין גאַנג.

„...דער פרימאָרגן פון דער רעוואָלוציע האָט געעפנט פאַר זייערע אויגן נייע סצענעס און זיי האָבן אויפגעוועקט אין זייער זכרון די באַדינגונגען פון זייערע עלטער־עלטערן, וואָס האָבן געפּראַצעוועט און געליטן אונטערן יאָך פון קנעכטשאַפט אין משך פון פרעה'ס הערשאַפט. זיי האָבן פאָראויס געזען וואָס עס וועט מסתמא זיין זייער גורל. זיי האָבן געלעכצט נאָך פריי־הייט און נאָך אַ געניס פון גלייכע רעכט, וואָס די „נאַטור און די נאַטורס גאָט" האָט זיי באַוויליקט גלייך מיט די אַנדערע. באַשליסנדיק אָפּצושיידן זיך פונעם טיראַנישן סטאַנדאַרד, האָבן זיי זיך פאַראייניקט מיט פרייע מענטשן פאַר טובת הכלל; זיי האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דער אומאָפּ־הענגיקייט פון די שטאַטן, און קיינער איז נישט געווען איבערגעגעבענער,

אקטיווער, בראווער און געדולדיקער פאר זיי...״

זיין היפּשער פּאָרטראַג פאַרצייכנט מיט שטאָלץ די גרויסע געווינסן, וואָס די יידן האָבן געוואונען פון דער רעוואָלוציע און פרעגט: „אויף וואָס פאַר אַ פּלאַץ אין דעם באַוואוינטן ערד־קײַלעך האָט אַ ייד מער ברכות, מער פּריווילעגיעס... מער העכערע פּאָזיציעס? האָבן מיר נישט איבערגענוג אורזאַכן צו עקזאַלטירן?...״

און אַזוי שטייגט ער אין פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם און ברענגט ארויס דעם געדאַנק, אַז אין דער סינאַגאָגע ווערט דערמוטיקט און ארויסגעבראַכט דער גייסט פון אייניקייט און חבר׳שאַפט.

דעם דאָזיקן פּאָרטראַג האָט דערנאָך דר. יעקב דע לאַ מאָטאַ ארויס־געשיקט צו די צוויי גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין יענער צייט אינעם אַמע־ריקאַנער לעבן — צו די עקס־פּרעזידענטן דזשעימס מעדיסאָן און טאָמאַס דזשעפערסאָן.

מעדיסאָן האָט דעם דאָקטאָר פערזענלעך געענטפערט און צווישן אַנ־דערעס געשריבן: ...די געשיכטע פון די יידן מוז אויף אייביק זיין אינטע־רעסאַנט. דער מאָדערנער טייל אירער איז אָבער אין דער זעלבער צייט בכלל זייער ווייניק באַקאַנט, אַזוי אַז יעדער ליכט־שטראַל אויף דעם ענין האָט זיין ווערט... דזשעפערסאָן איז שוין געווען צו־אַלט אליין צו ענט־פערן. ער האָט עס געטאָן דורך זיין סעקרעטאַר. צווישן אַנדערעס זאָגט ער, אַז ער איז נתפעל פון דעם געדאַנק, וואָס זיין לאַנד איז געווען דאָס ערשטע צו באַווייזן פאַר דער וועלט צוויי אמת׳ן, די סאַמע דערפרייענדיקסטע פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אַז דער מענטש קען זיך אליין רעגירן און אַז רעליגיעזע פרייהייט איז דער סאַמע ווירקזאַמסטער קעגנמיטל צו רעלי־גיעזע צוויסטיקייטן.

דר. יעקב דע לאַ מאָטאַ איז געבליבן נאָך אַ לאַנגע צייט אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. צוליב זיין הומאַניטעט איז ער דערוויילט געוואָרן אין 1831 פאַרן קאָמישאָנער פונעם אָרעם־הויז. שפּעטער, אין 1837, האָט ער פאַרטראָטן די שטעלע פונעם געהילף צום געזונט־קאָמישאָנער אין טשאַרלסטאָן. געשטאָרבן איז ער אין 1845, אין עלטער פון 56 יאָר, אין טשאַרלסטאָן.

דער אַמעריקאַנער דרייפוס אוריה פ. ליוואַי

איינער פון די גרעסטע העלדן אין דער געשיכטע פונעם אַמעריקאַנער קריגס־פלאָט, איז אָן ספק געווען אוריה פיליפס ליוואַי. אין זיין כבוד האָט די פרענקלין ד. רוזוועלט־רעגירונג, אין רעכטן מיטן פון דער ביטערער מלחמה קעגן די נאַציס, אַ נאָמען גע־געבן אַ פאַרניכטער־שיף (דעסטראָיער) אויף זיין נאָמען. משמעות, אַז ער האָט עס מער ווי פאַרדינט. אין זיין לאַנגן קעמפעריש לעבן האָט ער אַרויסגע־וויזן מוט און גרויסמוט, העלדנקראַפט און אויסדויער־קראַפט, און פונדעסטוועגן איז זיין לעבנסוועג נישט געווען אויסגעשפּרייט מיט רויזן.

ווי נישט אין איין פאַל אין דער געשיכטע, איז אויך אוריה פיליפס ליוואַי אויסגעוויילט געוואָרן פון ביטערע רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן צו זיין דער ציל־ברעט פון זייערע אַטאַקעס. נישט אומזיסט האָט אַ שרייבער, אין דעם פעריאָד פונעם דרייפוס־פּראָצעס, אים אָנגערופן דרייפוס׳עס אַמע־ריקאַנער פאַרלויפער. מער נישט — אין זיין פאַרטיידיקונג, אין זיין לעצטן פּראָצעס, קלינגט פיל מעכטיקער דער שטאָלצער ייד וואָס ער איז געווען, אין פאַרגלייך מיט דרייפוס׳עס, וואָס איז געווען אינגאַנצן פאַרפרעמדט פון יידישן לעבן.

אוריה פיליפס ליוואַי איז געבאָרן געוואָרן אין פילאַדעלפיע, דעם 22טן אַפּריל, 1792, אין אַן אָרעמער פאַמיליע. מיר ווייסן נישט קיין איינצלהייטן וועגן זיינע עלטערן. מיר קענען זיך בלויז פאָרשטעלן, אַז אויב ער וואָלט האָבן דאָרטן געהאַט אַ וואַרעמע, זאַטע היים און אַ גוטע דערציאונג, וואָלט ער מעגלעך פון איר נישט אַוועקגעלאָפן אין עלטער פון צען יאָר.

ער איז געוואָרן אַ שיק־ייִנגל אויף אַ שיף און זיך געטוליעט גיכער צו די ים־כוואַליעס איידער צו די כוואַליעס פון צרות און אָרעמען לעבן אויף דער יבשה. אין 1806 איז ער געוואָרן אָנגעשטעלט אַלס לערן־ייִנגל אויף דער שיף. אין פיר יאָר שפּעטער, אין עלטער פון 18 יאָר, איז ער געוואָרן אַ צווייט־ראַנגיקער מאַטראָס אויף אַ קליינער שיף, און אַביסל שפּע־טער — אַ מאַטראָס פון ערשטן קלאַס אויף אַ צווייטער שיף. דער בחור איז געווען פּינקטלעך און באַרעכנט. מיר שטעלן זיך פאָר, אַז אין זיינע ערשטע יאָרן אויף דער שיף, צווישן די רויע, האַרטע מאַטראָסן און שטרענ־גער דיסציפּלין פון יענער צייט, האָט ער אַריינגעכאַפּט גענוג קלעפּ, דער־

נידערונגען און אנדערע צרות. נישט אומזיסט האט ער געקעמפט אין די שפעטערדיקע יארן פון זיין העכערן ראנג פאר רעפארמען אינעם פלאט אזוי לאנג, ביז ער האט זיך דערשלאגן צו דער אפשאפונג פון ברוטאליטעט און קערפערלעכע שטראפן אין דעם קריגס־פלאט פון די פאראייניקטע שטאטן.

אין עלטער פון 20 יאר האט ער שוין אפגעשפארט גענוג געלט צו קויפן, מיט נאך צוויי שותפים, די שיף (סקונער) „דזשארדזש וואשינגטאן".

דערוייל איז אנגעלאפן דאס יאר 1812 און אין דער בארימטער מלחמה מיט ענגלאנד האט ער זיך אנגעשלאסן אלס פרייוויליקער אין דעם קריגס־פלאט. אוריה איז באשטימט געווארן אלס מייסטער אויף דער אמעריקאנער קריגשיף „אלערט". קענטיק, אז דער קאמאנדיר איז מיט אים געווען מער ווי צופרידן, ווייל ער איז גלייך דערנאך באשטימט געווארן צו זיין מייסטער אויף דער שיף „ארגאס". דאס איז א בארימטע קריגסשיף אין דער אמעריקאנער געשיכטע, וואס האט זיך דערווארבן איר נאמען אין איר מעכטיקן צוזאמענשטויס מיט דער ענגלישער קריגסשיף „פעליקאן". אין דער דאזיקער שלאכט האט זיך ליוואי, אמת, נישט באטייליקט, ווייל אויפן וועג קיין פראנקרייך האט די „ארגאס" געפאנגען עטלעכע ענגלישע שיפן אלס קריגס־פרייזן, און ליוואי איז באשטימט געווארן אויף איינער פון זיי אלס מייסטער. צו זיין אומגליק אבער, איז די דאזיקע פרייז־שיף צוריק פארכאפט געווארן פון די ענגלענדער און ליוואי איז צוגענומען געווארן אין געפאנגענשאפט. אים איז אויסגעקומען דערנאך צו פוילן איבער זעכצן מאנאטן אין דער טרויעריק־בארימטער תפיסה אין דארמוט, ענגלאנד.

נאך דער מלחמה, אין 1816, איז ער שוין ווידער אויף דינסט אין דעם קריגספלאט. ער ווערט באשטימט אלס מייסטער אויף דער קריגסשיף „פרענקלין", א באוואפנטע מיט 74 קאנאנען. אין 1817 קריגט ער דעם ראנג פון לייטענאנט און די דאזיקע באשטימונג ווערט דערנאך באשטעטיקט פון דעם סענאט פון די פאראייניקטע שטאטן, נאך לענגערע אינטריגעס און אויסזעצונגען, מסירות און בלבולים. אבער ער האט די צופרידנשטעלונג פונעם פלאטן־מענטש צו זען אלע ווינקעלעך פון דער וועלט.

זייענדיק אין פאריז איז אים אויסגעקומען צו הערן ווי א פראנצויזישער אפיצער און פריוואטער בירגער האבן אויסגעפייפט דעם נאמען פון פרעזידענט דזשעקסאן. האט זיי גלייך דער דאזיקער אמעריקאנער פאטריאט און דעמאקראט ארויסגערופן אויף א דועל און געקראגן א באפרידיקונג. אין בראזיל ווידער האט אים דער אימפעראטאר אנגעבאטן א הויכע פלאטן־שטעלע, אבער ליוואי האט געענטפערט — די קלענסטע שטעלע אין מיין לאנד איז מיר ליבער ווי די גרעסטע אין א פרעמד לאנד.

ליוואי איז געווען א גרויסער אנהענגער פון טאמאס דזשעפערסאן, פון זיינע פאליטישע און הומאניסטישע אידייען. כדי אויסצודריקן זיין פאר־הערלעכונג און באגייסטערונג צום פירער פון דער אמעריקאנער דעמאקרא־

טיע, באַשטעלט ליוואַי אַ בראָנדז סטאַטוע ביי דעם פראַנצויזישן גרעסטן סקולפּטאָר פּיער זשאַן דאַוויד, און אין 1834 גיט ער די דאָזיקע סטאַטוע איבער דער רעגירונג. זי געפינט זיך אינעם „סטאַטועריר האָום" אין וואַשינג־טאָן. אין 1836 קויפט ליוואַי אָפּ דזשעפערסאָנ'ס מאָנטיסעלאָ־היים פאַר צוויי טויזנט זיבן הונדערט דאָלאַר. די דאָזיקע היים געפינט זיך נאָך עד־היום אין די הענט פון ליוואַיס יורשים, ווי אַ נאַציאָנאַלער מאָנומענט.

אין 1834 דריקט דער „קאָמאָן קאָונסיל" פון ניו יאָרק אויס זיין אָנערקענונג צו ליוואַי'ס כאַראַקטער, הומאַניזם און פּאַטריאָטיזם דורך געבן אים די פרייהייט פון דער שטאָט. קענטיק, אַז ליוואַי האָט כסדר אָנגעהאַלטן זיין פּערזענלעכע איינגעהאַלטנקייט, טראָץ זיין פרייגעביקייט אין אַלגעמיינע ענינים. אַלס אומפאַרהייראַטער אין משך פון לאַנגע יאָרן, האָט ליוואַי אָנ־געקליבן אַ היפּשן פאַרמעגן, אַזוי אַז ער האָט צו זיינע געהאַלטן אויך צו־געהאַנדלט מיט ניו יאָרקער ריעל עסטעיטס. אין די סוף פערציקער יאָרן שאַצט מען אים אין אַרום אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר.

אינעם יאָר 1838—1839 זעען מיר אים אַלס קאָמאַנדיר פון דער שיף „וואַנדאַליאַ", און אין 1844 קריגט ער דעם ראַנג פון קאַפּיטאַן דורך דער איינשטעלונג פון פּרעזידענט דזשאַן טאַילער. נישט אַזוי גרינג האָט דער סענאַט באַשטעטיקט דעם פּרעזידענטס רעקאָמענדאַציע. דורך זיין גאַנצער קאַריערע אינעם פלאָט האָט דער פשוט'ער ייד, וואָס האָט זיך אַליין אויפ־געהויבן פון אַ שיף־און־לערן־יינגל אויף אַ פשוט'ער שיף צו די הויכע פּאָסטנס, באַשטימטע פאַר די אַריסטאָקראַטישע זינדלעך, האָבן די אַריס־טאָקראַטישע אַנטיסעמיטן כסדר געשיפּעט און געזאָגט. ס'טייטש, אַ ייד, וואָס קומט נאָך דערצו אַרויס פון אָרעמען שטאַנד, זאָל האָבן דאָס רעכט צו קאָמאַנדעווען איבער קריסטלעכע מאַטראָסן.

אַלס שיק־און־לערן־יינגל האָט ער זיך שוין פריער געגוג אָנגעליטן קלעפּ און זלזולים, באַליידיקונגען און דערנידערונגען. אַן אָרעם יינגל אַליין איז אַ צילברעט פאַר יעדן שיכור'ן מאַטראָס, אַ פּאַטיעכע פאַר די אָפיצערן, בפרט נאָך אַ יידיש אָרעם יינגל. אין יענע יונגע יאָרן האָט ער זיך געגוג אָנגעזען און אָנגעהערט וועגן דעם גורל פון מאַטראָסן און געזען מיט זיינע אויגן די קערפּערלעכע שטראָפן, וואָס זיינען איבער זיי אויסגעאיבט געוואָרן. ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעהויבן אַ ביסל העכער אויפן לייטער פון די פלאָט־טשינען, האָט ליוואַי גענומען קעמפן קעגן אַלע מינים ברוטאַלע שטראָפן פאַר די מינדסטע פאַרלעצונגען פון פלאָט־דיסציפּלין. די אַריסטאָ־קראַטישע אָפיצערן האָבן נישט געקענט פאַרגעבן דעם יידן, וואָס קומט זיי לערנען הומאַניזם און עטיק. האָט מען אָנגערייצט אויף אים סיי די מאַט־ראָסן אונטער אים, סיי די אָפיצערן איבער אים.

דער יידישער שיפסמייסטער האָט עס גוט פאַרשטאַנען, געוואוסט, אַז הינטער זיי ליגט אַן אַלטע וועלט פון פאַראורטיילן און פאַנאַטיזם. האָט ער

געשלונגען עוולות מיט אָדער אָן טרערן. אָבער ווען עס איז געקומען צו באַליידיקונגען און דערנידערונגען, האָט אין אים זיך אָפּגערופן אַ מאַקאַ־בייער־אָדער און איז פלינק געוואָרן ארויסצורופן די שענדער און באַליידי־קער אויף איין דועל נאָכן צווייטן. אין איינעם פון אַזעלכע דועלן איז דער פאַרלוימדער אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ וועלט, וואו ייד און קריסט, אַריס־טאָקראַט און פאָלקס־מענטש ווערן אויסגעגליכט...

אָט אין פאַרבינדונג מיט אַזעלכע שאַרפע ענטפערס, וואָס אוריה פ. ליוואַי האָט געגעבן אויף געמיינע באַליידיקונגען, האָט מען אים געמסרט, אַז ער איז נישט געטריי דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אַז ער איז אַ דעספּאָט איבער קריסטלעכע מאַטראָסן; אַז ער איז אַ בעל־גאווה און אַ גייציקער מענטש און נישט פּאַסנדיק פאַרן קריגס־פלאָט.

נאָך אין 1818, דערציילט ליוואַי אַליין, אין זיין פאַרטיידיקונגס־רעדע פאַרן קריגס־געריכט פון יאָר 1857, האָט מען זיך פאַרשוואָרן קעגן אים און געמאַכט אים פאַר אַ קרבן פון בלבולים. מיט פערציק יאָר פריער, ווען מ'האָט אים איבערגעפירט פון דער „פרענקלין־74" צו דער יו־עס פריגאַטע, אונטער דער קאָמאַנדע פונעם קאַפּיטאַן קרעין, האָט מען זיך פאַרשוואָרן קעגן אים. אין זיינע אייגענע ווערטער:

„...אונטער דעם איינפלוס פון דעם טאָפּלטן פאַראורטייל, צו וועלכן איך האָב זיך שוין באַצויגן, האָט זיך געשאַפן אַ פאַרשווערונג צווישן גע־וויסע אָפיצערן פון דער דאָזיקער פריגאַטע, נישט צו דערלאָזן מיך אריינ־געגומען צו ווערן..." ליוואַי באַקרעפטיקט זיינע ווערטער מיט אַזאַ עדות, ווי קאָמאָדאָר ט. א. סי. דזשאָונס, ווי מ'איז געקומען אים זאָגן, אַז די אָפיצערן פאַרטעסטירן קעגן ברענגען צווישן זיי אַזאַ איינעם ווי ליוואַי, און אַז ער זאָל פאָרברענגען זייער שטימונג צום קאַפּיטאַן קרעין. דזשאָונס דערציילט דערנאָך:

...פאַרוואונדערט פון אַזאַ פאָרשלאָג האָב איך געוואָלט וויסן די אור־זאַך, און דער ענטפער איז געווען — דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד, און נישט קיין מענטש מיט וועלכן מ'קען אויסקומען, און זיי ווילן נישט קומען אין באַריר מיט אים... אין דער אָנגענעמער און האַרמאָנירנדיקער אַטמאָס־פערע פונעם עס־צימער, וואו עס עסן אָדער ניין פּערזאָן... אַז ער שטופּט זיך מיט זיינע עלנבויגנס, אריינקומענדיק אינעם פלאַט אַלס מיס־טער אין שאָדן פון די לאַנג־דינענדיקע יונגע אָפיצערן...

דעמאָלט, דערקלערט וויטער ליוואַי, איז דעם 1טן לייטענאַנט דזשאָונס געלונגען סוף כל סוף אויף אַ געוויסער צייט איינצושטילן די פאַרשווערונג. אָבער אַזוי שנעל ווי ער איז פון דער שיף טראַנספערירט געוואָרן, איז די פאַרשווערונג קעגן אים ווידער געוואָרן אַ ווירקנדיקע. (זע דאָקומענט נומער 120 פון מאָרים שאַפּעס' „דאָקומענטאַרע געשיכטע").

דאָס איז בלויז איינער פון די ביישפּילן, וואָס אוריה פ. ליוואַי האָט

געהאַט אויסצושטיין אין די צענדליקער יאָרן פון זיין דינסט. אַזוי האָט אויך פּאַסירט אין 1824, אויף דער קריגסשיף „נאָרט קאַראָלאַינא", און שפּעטער נאָך אַפילו, שוין אין די שפּעטערע פופציקער יאָרן, איז ער איינער פון 200 פלאָט־אָפיצערן, וואָס ווערן אָפּגעזאָגט פון דינסט „כדי צו פאַרבעסערן די טיכטיקייט פונעם קריגס־פלאָט".

אויף אַזאַ ווייט איז אונדזער אוריה פ. ליוואַי אַ פאַרגייער פון דרייפוס'ן, אַז די אַלע זעקס קריגס־געריכטן, וואָס האָבן אים גע'משפט אויף די „באַווייזן" פון כלומר'שט־באַגלויבטע עדות, האָבן אים געפונען שולדיק. און עס איז בלויז געווען ליוואַי'ס געפיל פון גערעכטן שטאָלץ און פון שטאָלצער גערעכטיקייט, וואָס יעדן מאָל איז ער צוריקגעקומען מיט גענוג עדות און באַווייזן צו צעשמעטערן אַלע רכילות און בלבולים קעגן אים.

דער ערשטער דרייפוס אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אויך געהאַט זיין „זאָלאַ". אינעם פאַל פון אוריה פ. ליוואַי איז עס געווען דער באַרימטער געזעץ־קענער בענדזשאַמין פ. באַטלער, זיין הויפּט־אַדוואָקאַט אין זיין לעצטן געריכט־גענפּעכט. אין פּרעזידענט דזשעקסאָנ'ס קאַבינעט האָט ער געדינט אַלס אַטוירני־דזשענעראַל און שפּעטער אַלס פּראָפעסאָר פון יורים־פּרודענץ אין ניו יאָרקער אוניווערסיטעט, וואו ער האָט בכלל אָרגאַניזירט דעם גאַנצן געזעץ־דעפּאַרטמענט. באַטלער האָט געוואונען פאַר זיין קליענט נישט בלויז אַ ריינוואַשונג און אַ רעעטאַבלירונג אין דעם קריגס־פלאָט, נאָר ליוואַי איז אויך סוף כל סוף באַלוינט געוואָרן פאַר אַלע דערנידערונגען און ליידן. באַטלער'ס זון האָט שפּעטער באַטראַכט דעם זיג ווי „איינע פון די מערקווירדיקע דערגרייכונגען אין זיין פאָטערס קאַריערע".

נאָך זיין רעהאַביליטאַציע האָט ליוואַי חתונה געהאַט מיט דער יונגער ווירדזשיניע, די טאָכטער פון אברהם לאָפּעז פון דזשאַמעיקאַ. דאָס איז פאָרגעקומען אין 1848, ווען ליוואַי איז געווען אַ מאַן פון 66 יאָר. אין דעם דאָזיקן עלטער איז ער, נאָך אַ 15 יעריקער אונטערברעכונג, ווידער געוואָרן אַ קאָמאַנדיר פון דער גרויסער קריגסשיף „מאַקעדאָניען". ער איז מיט איר אַרויסגעשוואומען אין דעם מיטללענדישן ים. דעם 21טן פעברואַר, 1860, איז אוריה פ. ליוואַי געוואָרן דער קאָמאַנדיר פונעם גאַנצן אַמעריקאַנער עסקאַדראָן אינעם מיטללענדישן ים. דאָס האָט געמיינט אַן אָפיציעלע אָנערקענונג פונעם גרויסן פלאָטן־פירער — אַ קאָמאָדאָר!

צום אויסברוך פונעם בירגער־קריג האָט אוריה פ. ליוואַי אָנגעבאָטן דער לינקאָלן־רעגירונג זיין גאַנץ פאַרמעגן. פאַר זיין טויט, אין 1862, האָט ליוואַי געבעטן אין זיין צוואה, אַז אויף זיין מצבה זאָל ווערן פאַרצייכנט, אַז ער איז געווען דער פאָטער פונעם געזעץ אָפּצושאַפן די ברוטאַלע קערפּערלעכע שטראָפן אין דעם קריגס־פלאָט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אוריה פ. ליוואַי איז געווען דער טשאַרטער מיטגליד פון דער וואַשינגטאָנער יידישער קהילה, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1852.

פנינה מאָיסעי

די דיכטערין, וואָס איז
בלינד, נאָר נישט מיד געוואָרן
צו דיקטירן הימנען און לידער.

עס איז שווער צו זאָגן, צי אין די ערשטע הונדערט און פופציק יאָר פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, אין די פעריאָדן פון די ערשטע איינוואָרצלונגען און צופּאַסונגען, האָט זיך צווישן די אַמעריקאַנער דיכטער זיך אויך אויסגעטיילט וועלכער עס איז יידישער לירישער קול. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז קיין באַדייטנדיקער יידישער דיכטער האָט זיך נישט באַוויזן, ביז די געפּילפּולע פנינה מאָיסעי האָט אָנגעזאָגט אַז זי איז דאָ — די ערשטע פון אַ קומענדיקער סטאַיע זינגפויגל אין די קומענדיקע יאָרן.

פנינה מאָיסעי איז געבאָרן געוואָרן אין טשאַרלסטאָן, סאַוט קאַראָלאַינאַ, דעם 23טן אַפּריל, 1797, אין דער פאַמיליע פון פראַנצויזישע יידן אין עלזאַס, פון וואַנען זיי האָבן אימיגרירט אין די וועסט אינדיעס. אברהם מאָיסעי האָט דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל פון סט. יוסטים. אין משך פון דער צייט האָט ער דאָרטן אָנגעקליבן אַ היפּשן פאַרמעגן. צום אומגליק פון דער פאַמיליע האָבן זיך גענומען אָנטראָגן שטורמישע צייטן אויף די דאָזיקע אינדזלען. דער עבֿא פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָט זיך אַהין זייער הילביק דערקייקלט. עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער שקלאַפן־אויפשטאַנד, וואָס האָט געוואָרפן אַ שרעק אויף די פּלאַנטאַטאָרן און סוחרים. אברהם מאָיסעי האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין פרוי שרה און זיינע פיר זין, אהרן, בנימין, שערי און חיים, און זיך באַגעבן קיין סאַוט קאַראָלאַינאַ. דאָס איז געווען אין יאָר 1791. אין טשאַרלסטאָן, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט, זיינען געבאָרן געוואָרן נאָך דריי זין און צוויי טעכטער. די ערשטע פון זיי איז געווען פנינה.

פאַר פנינה׳ן איז געווען אָנגעגרייט אַ הערלעכע קאַריערע פון שפּע און קולטור. אירע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן זיינען געווען באַגלייט מיט פיינעם טאַלאַנט. אָבער אין רעכטן מיטן פון איר אַנטוויקלונג, האָט זיך צעקראַכט אַ דונער איבער די קעפּ פון דער מאָיסעי פאַמיליע — אברהם מאָיסעי איז געשטאָרבן. הינטער אים זיינען געבליבן, אויסער די פיר עלטערע זין, נאָך פינף קליינע קינדער. פנינה איז אפנים געווען די עלטסטע פון זיי, אָבער זי איז אינגאַנצן אַלט געווען 12 יאָר. פון גיין ווייטער אין שולע איז שוין קיין רייד נישט געווען. אַלס די עלטסטע מיידל אין הויז, און צוליב דער קראַנקהייט פון איר מוטער, איז שוין אויף איר געפאַלן דער גאַנצער יאָך פון פירן די הויז און אַכטונג געבן אויף אירע קלענערע ברידערלעך און שוועסטערלעך. וואָס זי האָט דערנאָך געלערנט איז עס געווען אויפן חשבון פון נישט דערשלאָפן און פון אָפּטאָן שטענדיק אַרבעט אין

גרוים איילעניש און טרייבקראַפט.

אָבער געלערנט האָט זי. זי האָט אַריינגעזויגן אין זיך דאָס בעסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור. נאָר פון לייענען גאַנצע נעכט איז איר בלויז ליכ־טיק געוואָרן אין מוח, אָבער דאָס ליכט אין אירע אויגן האָט זיך דורך די יאָרן אַלץ מער געגומען לעשן. וואָס ווייניקער זי האָט געקאָנט לייענען, אַלץ מער האָט זי גענומען געפינען אויסדרוק אין אַליין שרייבן. און דער געזאַנג וואָס איז געווען אין איר האַרצן און דער ריטם וואָס האָט וויברירט אין איר בלוט, האָט אַרויסגעבראַכט לידער, איין ליד נאָכן צווייטן. אין אָנהויב איז זי נאָך אַלץ געווען נישט זיכער — אפשר איז דאָס בלויז דער אָפּקלאַנג פון איר אייגענעם האַרצן, און וועט ביי אַ צווייטן מענטשן קיין אָפּרוף נישט געפינען? אָבער, ווי אַ נייער שיין וואָלט אַ בליץ געטאָן פאַר איר גאַנצן וועזן, ווען פון מויל צו מויל האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין די ידיעה — אונדזער פנינה וואַקסט אַ דיכטערין, אַן אמת'ע דיכטערין.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איר נאָמען האָט גענומען ווי אַ העל ליכטל אַרויספּלעמלען זיך אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן אין טשאַרלסטאָן און, שפּעטער, איבערן לאַנד. אין יאָר 1833 פאַרעפנטלעכט זי איר ערשטע לידער זאַמלונג אונטערן נאָמען „פּענסי סקעטשבוק". דער דאָזיקער ערשטלינג איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן. פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרן אַ שטענדיקע מיטאַרבעטערין אין די צייטונגען און זשור־נאַלן פון יענער צייט. די יידישע ענציקלאָפּעדיע (אין ענגליש) רעכנט אויס ניין צייטשריפטן אין וועלכע זי האָט געשריבן:

די „וואַשינגטאָן יוניאָן", „דהי דזשורנאַל אָוו ניו יאָרק", „דהי באָס־טאָן דעילי טאַימס", „העריאַט'ס מעגעזין", „דהי ניו אָרלינס קאָמוירשעל טאַימס", „גאָדי'ס לעדיס בוק", „דהי אָקסידענט" און „דהי טשאַרלסטאָן קוריער". זי האָט אויך ביייגעטראָגן עטלעכע אַרטיקלען צו דעם ערשטן נו־מער פון „טשאַרלסטאָן בוך", וואָס האָט געהאַט אין יענער צייט אַ היפּשן אָנזען.

זי איז אָבער נישט בלויז געווען אַ דיכטערין. זי האָט אויך געהאַט אין זיך אַ מאָסע הומאָר און אַ שאַרפן געהער, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אירע ביישטראָגן צו דער טעגלעכער פּרעסע אויף פאַרבייגייענדיקע טע־מעס. איר באַרימטקייט אָבער איז אַרויסגעוואַקסן פון אירע לידער. עס איז קוים געווען וועלכע עס איז פייערלעכקייט אין טשאַרלסטאָן, אַז זי זאָל נישט ווערן איינגעלאַדן און לאָזן הערן איר ניי ליד.

פנינה מאָיסעי איז געווען אַ באַוואוסטזיניקע יידישע טאָכטער. אירע מערסטע טעמעס זיינען געווען איבער פראַגן, וואָס האָבן צו טאָן מיטן יידישן לעבן. זי האָט גענומען אַ טיפן אינטערעס אין די ענינים פון דער יידישער קהילה און יאָרן לאַנג איז זי געווען דער סופּעראינטענדענט פון דער שבת שול אין דער טשאַרלסטאָנער סינאַגאָגע. אין משך פון דער צייט

האָט זי אויך געשריבן אַ ריי לידער פון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער — הימנעס און תפילות. איר בוך „רעליגיעזע הימנעס" איז ברייט גענוצט געוואָרן אין דער טשאַרלסטאָנער קהילה „בית אלוהים" און אין אַנדערע קהילות אין די דרום־שטאַטן.

אין משך פונעם גרעסטן טייל פון איר לעבן האָט נאָך פנינה געדאַרפט אַרומגיין און באַדינען איר פּאַראַליזירטע מוטער און, אין דער זעלבער צייט, זיך נאָך ראַנגלען מיט נויט. זי האָט מסתמא געפילט זיך צו שטאָלץ צו בעטן הילף ביי איר עלטערן ברודער אהרן, וואָס איז געווען קאַסירער אין דער „באַנק אָוו די סטעיט אָוו סאַוט קאַראָלאַינאַ". מעגלעך אפשר אויך דערפאַר, וואָס ער האָט אַליין געהאַט זיינע ניין קינדער.

פנינה איז געווען אַ זייער באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין די ליטעראַרישע קרייזן אין טשאַרלסטאָן. די שטאָט האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַן אַלטע קולטור־טראַדיציע. עס זיינען געווען געוויסע צייטן ווען איר הויז האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ ליטעראַרישן סאַלאָן, לויטן מוסטער פון די אייראָפּעאישע ליטעראַרישע פונקטן.

אַ לענגערע צייט איז פנינה מאַיסעי געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג דורך קאָרעספּאָנדענץ מיט דער וואויל באַקאַנטער רעבעקאַ גראַץ פון פילאַדעלפיע. רעבעקאַ אַליין האָט גענוצט פיל פון פנינה׳ס לידער און הימנעס אין אירע שבת און זונטיק שולן. דערפאַר פלעגט זי קריגן פון דער פריילין גראַץ פּראָגראַמען און קוריקולומס פאַר פנינה׳ס דערמאָנטער שולע, וואָס זי האָט אָנגעפירט צוזאַמען מיט איר שוועסטער רחל.

אין 1854 האָט אויסגעבראָכן אין טשאַרלסטאָן אַן עפּידעמיע פון געלן פיבער. פנינה האָט זיך דעמאָלט אַריינגעוואָרפן מיט אַלע אירע כוחות צו ראַטעווען לעבנס, צו העלפן, צו לינדערן די צרות און נויטן פון דער באַפעלקערונג. זי האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשיידן צווישן יידן און קריסטן. די עפּידעמיע האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשיידן, פאַרוואָס זאָל זי עס מאַכן? זי איז דעמאָלט באַוואוסט געוואָרן ווי דער „שוועבנדיקער מלאך", וואָס רוט נישט און פליט אַרום מיט זיינע העלפנדיקע פליגל.

אין די לעצטע 25 יאָר פון איר לעבן האָבן אירע שוין פון פריער שוואַכע אויגן גענומען ווערן בלינד און בלינדער. זי האָט אָבער נישט אויפגעגעבן איר אַרבעט פאַר די קליינע קינדער און האָט נישט אויפגעהאַנגען איר לירע אויפן וואַנט. זי האָט געדיכטעט פון אויסווייניק און דיקטירט אירע לידער און אַרטיקלען. זי האָט אפילו נישט אויפגעגעבן אירע לעקציעס אין דער שולע. איר זכרון האָט איר נאָך געדינט און זי האָט געלייענט אירע לעקציעס אויף אויסווייניק. אין דער זעלבער צייט האָבן די קינדער פאַר איר פאַרגעלייענט פון די ביכער, וואָס זי האָט אַמאָל געלייענט און ליב געהאַט.

ווען דער בירגער־קריג האָט אויסגעבראָכן, האָט זי געמוזט פאַרלאָזן

טשארלסטאָן. זי האָט מסתמא נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען דעם ווילדן פּאַ־נאַטיזם, מיט וועלכן די שקלאַפנהאַלטערישע סאַוט האָט געקעמפט פאַר אָנ־האַלטן די שענדלעכע אינסטיטוציע. אַזאַ פיינע געפּילפּולע הארץ האָט אפשר אויך געקלאַפּט אין טאַקט מיט די אַמעריקאַנער זין און טעכטער, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אַראָפּצונעמען פון אַמעריקע דעם דאָזיקן שאַנד־צייכן. ערשט צום סוף פון דער מלחמה האָט זי זיך אומגעקערט אין טשאַרלסטאָן צוזאַמען מיט איר שוועסטער.

אָבער עס איז נישט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן, אַז פּונקט ווי אַנדערע בכלל ליבעראַלע מענטשן, געבאָרענע אין דער סאַוט, האָט זי זיך איינגע־לעבט מיט דער שקלאַפן־אינסטיטוציע, באַטראַכטנדיק עס ווי אַ דערשיינונג וואָס איז „שטענדיק אַזוי געווען און וועט שוין אַזוי זיין" האָט זי אויך נישט געפילט דעם גוואַלטיקן ווידערשפּרוך צווישן די הומאַניטאַרע אידייען, וואָס האָבן זי באַהערשט און די פאַרשקלאַפונג פון מענטשן מיט אַ טונקע־לער הויט. דאָס איז דאָך געווען אויך דער פאַל מיט אַ ריי פירער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, וואָס האָבן נישט בלויז גערעדט וועגן פרייהייט, נאָר אויך געקעמפט פאַר איר און דאָך האָבן זיי געהאַלטן אָדער אפילו גע־האַנדלט מיט שקלאַפן.

ענדלעך איז זי אינגאַנצן בלינד געוואָרן, אַז מען האָט זי געמוזט אַרומ־פירן. אַזוי ווי דאָס וואָלט נאָך ווייניק געווען, האָט זיך נאָך אויף איר אַראָפּגעלאָזט אַ מבול פון אַנדערע צרות און ליידן. זי איז געשטאָרבן אין עלטער פון 83 יאָר, דעם 13טן סעפּטעמבער, 1880. אירע לידער זיינען שוין פאַרן היינטיקן דור צו־אַלט, אָבער איר אַקטיווער לעבן, אונטער שווערע אומשטענדן, דינט נאָך היינטיקן טאָג, ווי פון אַ שיינער יידיש־אַמעריקאַ־נער פערזענלעכקייט.

ערשטע יידישע דאָקטוירים

דאָקטוירים פאַרמוטשעטע,
דאָקטוירים פאַרברענטע,
דאָקטוירים אַנערקענטע.

מעדיצין איז איינע פון די עלטסטע פּראָפעסיעס ביי יידן, וואָס האָט שוין הינטער זיך אַ געשיכטע פון עטלעכע טויזנט יאָר. אינעם מיטלאַלטער זיינען געווען אַ ריי באַרימטע יידישע דאָקטוירים אין אייראָפּע, קליין־אַזיע און אין צפון־אַפריקע. אויך אין אַמעריקע האָבן מיר שוין געזען, ווי נאָך אין אָנהויב פון 17טן יאָרהונדערט זיינען, אין פּערו און אין בראַזיל, געווען מאַראַנען דאָקטוירים, וואָס האָבן אפילו פאַרשריבן אַ חזיר־דיעטע, כדי זיי נישט צו פאַרדעכטיקן, אַז זיי זיינען באַהאַלטענע יידן.

מיר האָבן שוין אין איינעם פון די ערשטע קאַפּיטלען געזען, ווי דער ערשטער יידישער דיכטער אין דער נייער וועלט, פראַנציסקאָ מאַלדאָנאַדאָ דע סילוואַ, איז גלייכצייטיק געווען אין פּערו אַ באַרימטער דאָקטאָר, וואָס איז 12 יאָר צייט געפּייניקט געוואָרן פון דער אינקוויזיציע און דערנאָך פאַרברענט געוואָרן אין לימאַ, אין 1639.

דר. יעקב דע אנדראַדע וועלאָסינאַ איז געבאָרן געוואָרן אין פּערנאַמ־בוקאַ, בראַזיל, אין 1639, אונטערן האָלענדער רעזשים. אָבער ווען די מאַכט איז צוריק אַריבער צו פּאָרטוגאַל, האָט ער זיך באַזעצט אין האָלאַנד און דאָרט פּראַקטיצירט מעדיצין ביז זיין טויט, אין 1712.

פון די יידישע דאָקטוירים אויפן צפון־אַמעריקאַנער קאָנטינענט דער־מאָנען מיר דאָ נאָכאַמאָל דר. יעקב לאָמבראָזאָ, וועלכער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן פּראַקטיצירט מעדיצין אין מערילאַנד. ער האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסע פּראַקטיק אין טשאַרלס קאַונטי, אָבער צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ ייד, איז אויך איבער אים געהאַנגען אַ געוויסע צייט די געפאַר פון טויט־שטראָף פאַר „גאָט׳ס לעסטערונג". ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן אויפבוי פונעם שטאַט און איז גע־שטאָרבן אין מאַי, 1666.

מיר האָבן שוין אויך אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל דערמאָנט דר. שמואל נונעז ריבעראָ, וועלכער איז אַנטלאָפן פון פּאָרטוגאַל קיין דזשאָרדזשיאַ, אין 1733. ער האָט זיך גלייך באַליבט געמאַכט אין זיין נייער היים, אין סאַוואַ־נאַ, דורך ראַטעווען פיל מענטשן פון די נישט־לאַנג צוריק אַריבערגעקומענע פּיאָנערן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט איינלעבן מיטן נייעם קלימאַט.

אין דער ערשטער העלפט פון דעם 18טן יאָרהונדערט איז געווען אין ווירדזשיניע דער באַרימטער דר. סיקאַרי, וועגן וועלכן מ׳האָט גערעדט, אַז ער איז אַ פּאָרטוגעזישער ייד. טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט געזאָגט, אַז מיר זיינען אים שולדיק אַ חוב פאַרן אַריינפירן די וואונדערלעכע גאָרטן־פלאַנץ,

די טאָמאַטאָ (טאָמעיטאָ), אין דער אַמעריקאַנער דיעטע. ביז אים איז די טאָמאַטאָ בלויז פּאַרפּלאַנצט געוואָרן ווי אַ גאָרטן־דעקאָראַציע און מ׳האָט זי גערופן דער „עפּל פון ליבע". מ׳האָט עס אָבער באַטראַכט ווי אַ גיפטיקע פּלאַנץ. דר. סיקארי האָט אויפגעוויזן, אַז דאָס איז זייער אַ נוצלעכע פּלאַנץ און האָט רעקאָמענדירט צו האָבן זי ביי יעדן מאָלצייט. ער האָט פאַרזיכערט יענע, וואָס וועלן עסן טאָמאַטאָס, אַז זיי וועלן לאַנג לעבן.

צוויי דאָקטוירים, דר. עליאַס וואולין און דר. נונעז, געפינען זיך אין דער מיטגלידער־ליסט פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער קהילה אין ניו יאָרק, אינעם יאָר 1742. דר. לעווי (ליוואי) געפינט זיך דאָרטן אויף דער ליסט פון 1750. דר. יעקב אייזאַקס איז אָנגעקומען פון דייטשלאַנד אין 1752 קיין ניו יאָרק און האָט זיך רעקלאַמירט אין פאַרשיידענע צייטונגס־אַנאָנסן, אַז ער האָט „וואונדערלעכע רפואות פאַר פאַרשיידענע קראַנקייטן". אין ניו יאָרק איז אויך געווען באַוואוסט אין יאָר 1761 דר. אַנדרו יודא, וועלכער איז דערנאָך אַוועק קיין סאַוט קאַראָלאַינאַ און זיך אָנגעגעבן פאַר אַ האָ־לענדישן דאָקטאָר. אין סאַוט קאַראָלאַינאַ איז אין 1772 אויך געווען טעטיק אין מעדיצין דער דר. נתן לעווי.

אין לאַנקאַסטער, פּענסילוועיניע, האָט זיך באַרימט געמאַכט דר. יצחק קאָהען, וועלכער איז געקומען פון האַמבורג, נאָך אין 1744. ער איז געווען באַוואוסט צווישן די אָרעמע מאַסן אָרום און אַרום פאַר היילן זיי אומזיסט. גלייך ווי ער איז געקומען האָט ער אַנאָנסירט, אַז „אָרעמע לייט וועט ער היילן אָן געלט אויב זיי וועלן מיט זיך מיטברענגען אַ בריוו פון אַ גייסט־לעכן, אַז זיי זיינען באמת אָרעם. ער דערוואַרט, אַז אַלע בריוו וואָס מ׳וועט אים שיקן, זאָלן זיין מיט מאַרקעס, און די וועלכע וואוינען ווייטלעך און ווילן אים האָבן, זאָלן אַזוי גוט זיין און צושיקן אים אַ פערד".

דר. יצחק ליוואי האָט פּראַקטיצירט מעדיצין אין ווירדזשיניע, אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה און איז גלייכצייטיק געווען אויך אַ סוחר און אַ פינאַנסיר. אין 1781 האָט דער ווירדזשיניער שטאַט פאַר־האַנדלט זיינע אַ פּעטיציע, אין וועלכער ער באַקלאָגט זיך, אַז דאָס געלט, וואָס ער געקראָגן פונעם שטאַט פאַר שפּייזן און הויזן די סאָלדאַטן אין דער צייט פון דער מלחמה, איז ווערטלאָז. שפּעטער, צווישן די יאָרן 1779־1786 פּראַקטיצירט ער אין דער טעריטאָריע פון אילינאָי.

אין דער ערשטער ניו יאָרקער דירעקטאָרי, וואָס איז דערשינען אינעם יאָר 1786, געפינען מיר דעם נאָמען פון דר. באַרנעט קאָוען און דר. שאול (סאָול) איזראַעל, ווי אַ ספּעציאַליסט פאַר „קראַנקע פון טויבקייט". אין 1795 געפינט זיך אין דער ליסטע פון דער ניו יאָרקער קהילה דר. היימאַן יצחק לאַנג, אַ געבאָרענער אין דזשאַמעיקאַ. אין דער זעלבער ליסטע ווערט אויך דערמאָנט דר. לעאָ וואָלף.

אויפן אַלטן יידישן בית־עולם אין ניו יאָרק געפינט זיך אַ מצבה אויפן

קבר פון דר. וואַלטער י. יודא. וואַלטער איז געשטאָרבן אין 1798, בעת ער האָט געהיילט די קראַנקע אין דער גרויסער עפּידעמיע פון געלן פיבער. דער אויפשריפט אויף דער מצבה לייענט זיך (אין ענגליש):

מיט ליב און לעבן איז ער געווען איבערגעגעבן
צו זיין אַרבעט, די אַרבעט פון היילן.
ער איז געווען שטאַרק ווי אַ לייב און שנעל ווי אַ הירש
צו ברענגען רפואות צו יעדן;
צו יעדן באַוואוינער פון אונדזער שטאָט,
באַהאַנדלענדיק זיי מיט גוטסקייט און ליבע,
ווען ס'איז באַפאַלן די מגפה פון געלן פיבער.
פון זיין אייגענער קעשענע האָט ער געלט געגעבן
צו קויפן פאַר זיי נויטיקע רפואות.
אָבער דאָס גוטס וואָס ער האָט געטאָן,
איז געווען די סיבה פון זיין טויט".

אין דער ליסטע פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער קהילה אין ניו יאָרק געפינט זיך דער דאָקטאָר יצחק אייבראַהאַמס, וועלכער איז געווען דער ערשטער יידישער גראַדואַנט פון קאָלאָמביער מעדיצין שולן.

אביסל שפּעטער, אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט, איז אין ניו יאָרק געווען באַרימט דר. יואל האַרט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ניו יאָרק „קאַונטי מעדיקאַל סאָסייעטי". שפּעטער איז ער געווען דער אַמעריקאַנער קאָנסול אין לעיטה, שאָטלאַנד, פון 1832—1817.

אין סאַוט קאַראָלאַינאַ זיינען צום סוף פונעם 18טן יאָרהונדערט געווען טעטיק אין מעדיצינישער פּראַקטיק די פאָלגנדיקע יידישע דאָקטוירים: דר. דוד סאַרזעדאַס, האָט פּראַקטיצירט אין טשאַרלסטאָן אין 1795; דר. לוי (ליוואַי) מייערס, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען אַ מיטגליד פון דער שטאַטס־לעגיסלאַטור אין 1796, איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן אַלס דער גענעראַל־אַפּטייקער פונעם שטאַט און האָט אָנגעהאַלטן דעם דאָזיקן אמט פון 1799 ביז זיין טויט אין 1822.

דר. אברהם דע לעאָן, אין אָנהויב פונעם 19טן יאָרהונדערט, געדינט אין דעם שפּיטאָל־דעפּאַרטמענט פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי און איז געווען אַן אָנגעזעענער דאָקטאָר אין קאַמדען, סאַוט קאַראָלאַינאַ.

אין דזשאָרדזשיאַ איז באַרימט געווען דר. יעקב דע לאַ מאָטאַ, אַ זון פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַפּיטאַן עמנואל דע לאַ מאָטאַ. אין 1810 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אָריגינעלע מעדיצינישע אַרבעט „אינוועסטיגעישאָן אָוו די פּראָפּערטיס ענד עפעקטס אָוו דהי ספּיירעא טריפאָליאַטאַ אָוו לינעאוס ענד אינדיאַן פיזיק". וועגן אים האָבן מיר דאָ שוין געלייענט.

דער אויגנדאָקטאָר יצחק העיז

וועז גאַלילעאָ און מילטאָן
וואָלטן צו זיין לעבן דערצויגן
וואָלט ער אפשר אומגעקערט
דאָס ליכט אין זייערע אויגן.

איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס ביי מענטשן איז בלינדקייט.

ווען גאַלילעאָ איז אין יאָר 1638 בלינד געוואָרן, אין זיינע עלטערע יאָרן, האָט ער אין אַ בריוו צו זיין פריינט דיאָדאַטי געשריבן — ...שוין אַ מאָנאַט ווי איך בין אינגאַנצן בלינד, אַזוי, אַז אָט דער הימל, די ערד, דער אוניווערז, וואָס איך האָב דורך מיינע וואונדערבאַרע אַנטדעקונגען און קלאָרע באַווייזן פאַרגרעסערט אויף הונדערטער טויזנטער מאָל... זיינען שוין פון איצט אָן פאַר מיר איינגעשרומפּן געוואָרן אין אַזאַ קליינטשיקן שטח, וואָס עס פאַרנעמט בלויז מיין קערפּערלעכער באַריר...

און וואָס איז געוואָרן די וועלט פאַרן בלינדן דיכטער־זינגער האָמער? און וואָס איז זי מיט אַ 25 יאָרהונדערטער שפּעטער געווען פאַרן בלינדן דיכטער מילטאָן?

הונדערטער און טויזנטער מענטשן, וואָס לעבן איצט, גייען אַרום איבער די גאַסן, געניסן פון בלויע הימלען און וואונדערבאַרע זון־אויפגאַנגען און אונטערגאַנגען, פון בליטן און בלומען, פון בליאונגען און קוויטן, פון די פּרעכטיקייטן פון לאַנדשאַפטן און וואַסערשאַפטן, האָבן פיל צו פאַרדאַנקען זייער גליקלעכן צושטאַנד אַ יידישן דאָקטאָר אין אַמעריקע, וואָס האָט געלעבט מיט אַ 150 יאָר צוריק און זיך אָפּגעגעבן מיט אַזאַ „קליניקייט" ווי די מענטשלעכע זע־קראַפט. דאָס איז געווען דר. יצחק העיז פון פילאַדעלפיע, אַ פּלימעניק פון דער באַרימטער רעבעקאַ גראַץ.

וואָס מער מיר גייען צוריק צו די פריערדיקע צייטן, אַלץ אָנזעעוודיקער איז געווען די אָנשיקעניש פון בלינדקייט אויף מענטשן בכלל און אויף עלטערע מענטשן בפרט. עס איז נישט בלויז די אָנשטעקנדיקע קראַנקהייט פון טראַכאָמאַ, וואָס וואַרפט אַזאַ אימה — און ענלעכע אינפעקציעס. אויגן־קראַנקייטן און בלינדקייט קומען מערסטנס אַלס רעזולטאַט פון אַנדערע אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן און פון סקלעראָזיס און עלטער. זייער פיל עלטערע מענטשן, וואָס זיינען נאָך ווי עס איז אַרומגעגאַנגען, געגעסן, געטרונקען, האָבן אָבער שוין געהאַט אויסגעלאָשענע אויגן, נישט געזען מער די וועלט אַרום זיך. דאָס איז מערסטנטיילס פאַראורזאַכט געוואָרן פון די הייטלעך, וואָס זיינען ביסלעכווייז אויסגעוואָקסן אויף דער „רעטינאַ" און ס'איז געווען אוממעגלעך אָראָפּצוציען דעם דאָזיקן פאַרבלענד און צוריק אָנטבלויזן

די וועלט פאר די אויגן. דאס האט שפעטער אויפגעטאן אט דער דאזיקער געבארענער אמעריקאנער און ייד, דר. יצחק העיז.

נישט ווייניקער האט ער אויפגעטאן פאר די, וועלכע ליידן פון אסטיג־מאטיזם, פון דעם אויגנפעלער, אין וועלכן די ליכט־שטראלן קענען זיך נישט האלטן אנגעסטראיעט אויף אן איינציקן פונקט. טאקע אין פארבינ־דונג מיט אט דער אומנארמאלקייט איז ער געווען דער ערשטער ערנסטער פארשער אין אמעריקע און דער ערשטער, וואס האט באשריבן די קאליר־בלינדקייט, וואס גיט זיך נישט איבער בירושה.

דר. יצחק העיז איז אויך געווען דער רעדאקטאר פון דעם אמעריקאנער זשורנאל פון די מעדיצינישע וויסנשאפטן, וואס איז געווען באוואוסט אלס „דהי העיז דזשורנאל". דאס איז געווען דער פירנדיקסטער מעדיצינישער זשורנאל אין משך פון א האלבן יארהונדערט. ער האט אויך געגרינדעט דעם זשורנאל „מעדיקל ניוס" און דעם מאנאטלעכן זשורנאל „דהי מאנטהלי אבסטראקט אוו מעדיקל סייענס".

דר. העיז איז אויך געווען א דערפינדער. אין דעם איז באשטאנען די גרויסע הילף, וואס ער האט געבראכט פאר די ליידנדיקע אויף קאטאראקס. די דערפינדונג באשטייט פון א נאדל־מעסער, מיט וועלכן צו אפערירן דעם קאטאראקס. ער איז אויך געווען דער גרינדער פון דעם „פרענקלין אינסטי־טוט" און פון דער צאלרייכער „אמעריקען מעדיקעל אסאסיעישאן".

העיז איז אויך געווען א מענטשע מיט הויכע, מאראלע און עטישע פרינציפן. שוין דעמאלט האבן זיך ווארשיינלעך ארויסגערוקט צווישן דאק־טוירים דא און דארטן „קוועקס", מענטשן, וואס האבן זיך אומגעוויסנהאפט באצויגן צו זייערע פאציענטן און אפטמאל צוגעזאגט גאלדענע גליקן אין פאלן פון אומהיילבארע קראנקייטן. אויף דעם מעדיצינישן צוזאמענפאר אין פילאדעלפיע, אין 1847, האט דר. העיז פארגעשלאגן א ריי עטישע פרינציפן, א „קאוד אוו עטיקס", וואס זיינען אנגענומען כמעט אומעטום.

העיז איז אויך געווען דער ערשטער קאסירער פון דער „אמעריקען מעדיקל אסאסיאיישאן" און דער ערשטער פרעזידענט פון דער אפטהאל־מאלאגישער געזעלשאפט פון פילאדעלפיע. אין זיין היפש לאנגן עלטער פון 83 יאר, האט ער נאך דערלעבט צו טרעפן זיך אויג אויף אויג מיט פיל פון זיינע האלב־בלינדע פאציענטן, וואס ער האט זעענדיק געמאכט. ער איז געשטארבן אין ניו יארק דעם 12טן אפריל, 1879. אויף אים קען מען זאגן, אז ער אליין איז געווען „דאס אויג פון די בלינדע".

דר. העיז איז קענטיק אויך געווען א באוואוסטזיניקער ייד. מיר געפי־נען זיין נאמען אויף א פעטיציע צו דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן צו פאדערן פאר יידן, וואס פארן ארוים פון אמעריקע אויף א געוויסער צייט אין אנדערע לענדער, די זעלבע רעכט, וואס בירגער פון יענע לענדער געניסן אין די פאראייניקטע שטאטן.

אינעווייניקסטע רעליגיעזע קאַמפן

רעליגיע האָט געזאָלט דערעיקר
פאַראייניקן די מענטשהייט —
האָט זי זי צעריסן
אויף נאָך מער שטיקער.

די מיטל־יאָרצענדליקער פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט זיינען דאָ געווען שאַרפע קאָמפּסיאָרן צווישן די פאַרשיידענע יידישע רעליגיעזע גרופּירונגען. אויסער די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסיע, וואָס איז אַליין שוין געווען אין משך פון איבער אַ יאָרהונדערט אַ צעטיילטע צווישן חסידים און מתנגדים, זיינען געווען אייניקע טיפּן פון מעסיקע אָרטאָדאָקסן. עס זיינען געווען די קאָנסערוואַטיווע יידישע קהילות מיט זייערע טיילונגען אויף מעסיקע קאָנסערוואַטאָרן, און אויף שטייפערע, אין צענטער־שטייענדיקע, און גאָר־עקסטרעמע (האַלב־רעפאָרמער). עס איז געווען די יונגע רעפאָרם־באַוועגונג, וואָס איז אַליין געווען אַ געשפּאָלטענע אויף מעסיקע רעפאָרמער און אויף עקסטרעמיסטן.

יעדע גרופּירונג האָט געהאַט אירע גייסטיקע פירער מיט זייערע אָרגאַנען. אייניקע פון זיי זיינען געווען זייער קריגעריש. די מערסטע פון זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורכן פייער פון אינערלעכע קאַמפן, ביז זיי האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט אין איינגעשטעלטע פאָרמען.

צווישן די אַלע פירער פון פאַרשיידענע קהילות האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אַלגעמיינער קאַמף איבערן לאַנד צווישן רעאַקציע און פּראָגרעס, צווישן דעם שקלאַפנהאַלטערישן קלאַס און צווישן די קעמפער קעגן שקלאַפעריי. נישט אַלע אָרטאָדאָקסן זיינען דעמאָלט געווען פאַר רעאַקציע; נישט יעדער רעפאָרמער איז געווען אַקטיוו אין קאַמף פאַר פּראָגרעס.

ווען מיר גיבן אַביסל אַ הייב אויף דעם פאָרהאַנג איבערן הינטערגרונט פון דעם דאָזיקן קאַמף, מוז מען זיין בלינד נישט צו זען אין זיי די דיפערענציאַציע פון די עקאָנאָמישע שיכטן צווישן די דאָזיקע קעמפנדיקע צווישן זיך קהילות, ווי אַ טייל פון דער קלאַסן־דיפערענציאַציע איבערן גאַנצן לאַנד פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אויב עס זיינען אין די אייראָפּעאישע באַדינגונגען שוין געווען אַנזעעוודיק די תקיפות פונעם גביר׳אָקראַט איבערן פּשוט׳ן יידישן קליין־מענטשעלע, אַרבעטער, טרעגער, קרעמערל און „משרת” אָדער „מענטש”, איז דער קאָנטראַסט דאָ, געוואָרן שרייענדיקער. די נייע יידישע בורזשואַזיע, וואָס איז אַנטשטאַנען דאָ אויף דעם נייעם באָדן, איז געוואָרן רייף פאַר אַ וויטגייענדיקן שנעלן פּראָצעס פון אַסימילאַציע; אַ פּראָצעס, וואָס זאָל פון איין זייט, זי וואָס מער דערווייטערן אין מהות פון דער אָרעמער, אָדער „פּראָסטער” מאַסע און, פון דער צווייטער זייט, ווערן איר העגעמאָן,

נוצן דעם מאָסן־רעזערוו ווי אַ כוח, וואָס זאָל איר דינען, אַמווייניקסטנס זיין איר אונטערטעניק.

אין די קומענדיקע קאַפּיטלען וועלן ווערן אַרויסגעפירט די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען געווען זייערע קריגס־פירער און סטראַטעגן. מיר וועלן געבן די בכורה צו די אָרטאָדאָקסן און קאָנסערוואַטאָרן און אָנהייבן מיט אייניקע פון זייערע רעפּרעזענטאַנטן, וואָס זיינען געווען פון די ערשטע אין דעם קאַמף.

אוודאי זיינען אין די דאָזיקע דיפערענציאַציעס און קאַמפן אויך געווען איינגעגלידערט פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות — די פרייערע גערדאַנקענגאַנגען פון דער יונגער פּראָגרעסיווערער בורזשואַזיע, קעגן די אַבסקוראַנטישע, פאַנאַטיש־בלינדע מאָנאַרכאָ־פעאָדאַלע באַגריפן פון די אָרטאָדאָקסישע יידן. אין עצם האָבן נאָך די לעצטע געלבט טיילווייז אין בבל און אין פּערסיע מיט די מלאכים און שדים, און טיילווייז מיטן לאָקאַלן יהוה (יאַווע)־גאָט פונעם מדבר, אָדער פונעם פּאַטריאַרכאַלן פּאַסטוך־פּעריאָד.

עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז געלערנטע מענטשן פונעם קאַליבער, ווי עס איז געווען דר. דוד איינהאָרן, אָדער עמיל הירש, אָדער אפילו מעסיקערע רעפאָרמער ווי ליליענטאַל און וואַיז, האָבן נישט געקענט אָנגיין מיט תפילות וועגן אומקערן דעם בית־המקדש און זיין צערעמאָניאַל מיט קרבנות און אַלערליי אַנדערע זאַבאַבאָנעס... האָבן זיי געמוזט אַרויסטרייבערן פון די סידורים די דאָזיקע איבערבלייבענישן, וואָס דער רעפאָרמדיכטער ישעיה, דער צווייטער, האָט שוין אַזוי סאַרקאַסטיש אויסגעלאַכט מיט אַ 25 הונדערט יאָר צוריק.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַזעלכע פראַגעס ווי, למשל, שבת און זונטיק. די פרייערע, מער מאָדערנע גייסטיקע פירער, האָבן געזען אין דעם טראַדיציאָנעל־יידישן שבת אַן אָפּזונדערונג פונעם גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק, וואָס שטרייכט אונטער די אַנדערשקייט און די פרעמדקייט. דאָס גיט מער אַמוניציע די אַנטיסעמיטן פון איין זייט און די יידישע גאָט׳ס סטראַפּטשעס פון דער צווייטער זייט. די קאָנסערוואַטיווע און צען מאָל אוודאי, די אָרטאָדאָקסישע יידן האָבן געזוכט אינעם שבת פונקט דאָס פאַרקערטע: נישט, אַז דער רו־טאָג זאָל פאַראייניקן דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק און זאָל זיין זונטיק, נאָר אַז דער שבת זאָל פאַראייניקן אַלע יידן און אידענטיפיצירן זיי נאָר אַלס יידן.

צום לעצטן האָבן זיך אפילו געניינגט אַזעלכע מעסיקע רעפאָרמער ווי סזאָלד און יאַסטראָוו, בעת אין אַנדערע פראַגע זיינען זיי געווען גאַנץ מאָדערן לויטן בירגערלעכן סטאַנדאַרד.

אַרום אַכט סידורים האָבן קאָנקורירט צווישן זיך. עס איז געווען „מנהג אַמעריקע" און „מנהג אשכנז", „מנהג יאַסטראָוו" און „מנהג ספרד", „נוסח פּוילן". עס איז געווען דר. לעאָ מערצבאַכער׳ס סידור אין ענגליש — „אָר־

דער פּאָר פּרעיער אָוו דיוואַין סוירוויס" און די געבעט־ביכער אויף דייטש; דער סידור „עולת תמיד" פון דר. דוד איינהאָרן, פון וואַנען עס איז אַרויס־געשניטן געוואָרן אַלע געבעטן וועגן ציון און ירושלים, וועגן משיח'ן און „תחית המתים", און עס איז געווען יצחק ליסער'ס קאָנסערוואַטיווער סידור „שפתי צדיקים", „סזאָלד'ס „עבודת ישראל...", וואָיז'ס „סדר התפילה", א. אַ. וו.

די שאַטירונגען צווישן די רעפאָרמער זיינען געווען נישט ווייניקער, ווי ביי די קאָנסערוואַטאָרן און אָרטאָדאָקסן. אַזוי האָט דער עקסטרעמער רע־פאָרם־ראַבאַי שמואל הירש פון פילאַדעלפיע פאָרגעשלאָגן צו פאַרבייטן סוכות אויף „טהענקסגיווינג־דעי". איינהאָרן, מערצבאַכער, און אפילו איי־זיק מאיר וואָיז, זיינען אין זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג צוגעקומען צום געדאַנק, אַז די אוניווערסאַלע פרייהייטלעכע אידייען פון די יידן קענען ווערן די אידייען פון דער גאַנצער מענטשהייט. זיי האָבן געזען אין דער אַמעריקאַנער בירגערלעכער פרייהייט דעם אָנהייב פון דער „געטלעכער קע־ניגרייך" פון אמת און יושר.

די רעפאָרמער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון מאַכן די סינאַגאָגע פאַר אַ מאַרק, וואו מ'פאַרקויפט עליות, פון אַ רעליגיע, וואָס איז אויסשליסלעך פאַר יידן, פון דעם גייסט פון „אתה בחרתנו". אין די טעמפּלען האָט מען איינגעפירט קאַנטאָרן מיטן פּנים צום עולם, פאַרקירצט די איבעריקע תפילות, וואָס מ'האָט איבערגעלאָזט, רעדוצירט דאָס לייענען אַ פרשה אַ וואָך, צו אַ פרשה אין דריי וואָכן, אַריינגענומען מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און אויך אָרגלען, אָפּגעשאַפט די ווייבער־שול...

די, און ענלעכע פראַגעס, האָבן צעשטורעמט די יידישע קהילות, פּונקט ווי אָן די לייזונגען וואָלט זיך געווענדט די אויסלייזונג פון דער גאַנצער מענטשהייט פון די אַלע צרות, פּלאָגן, נויטן און מלחמות. ערשט אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן, ווען גרויסע מאַסן אימיגרירנדיקע אַרבעטנ־דיקע און פּראָלעטאַריזירטע יידן פון די מזרח־לענדער האָבן גענומען מיט זיך בילדן נייע יידישע צענטערס, האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן וואַגנדיקע שטימען, וואָס האָבן גענומען שטעלן אונטער פראַגע־צייכנס די גאַנצע עובדה פון רעליגיע, אויב נישט פאַראורטיילן זי ווי עפּעס, וואָס דערלאָזט נישט די גרויסע מאַסן עפענען זייערע אויגן און נעמען זיך לייזן די רעאַליסטישע פראַגעס פון זייער לעבן.

נישט וואָס מיר וועלן דאָ דיסקוטירן די אַלע פראַגעס. דאָס איז נישט קיין געשיכטע־בוך, נאָר אַ בוך וועגן רעפּרעזענטאַטיווע פּערזענלעכקייטן, וואָס די געשיכטע האָט אַרויסגערוקט צוזאַמען מיט די עקאָנאָמישע איבער־שיכטונגען. אוודאי זיינען נישט אַלע פון זיי פּאָזיטיווע כוחות אין אונדזער געשיכטע, פּונקט ווי נישט אַלע טעג אין מאַי חודש זיינען וואַרעמע און גינסטיקע.

יצחק ליסער — קאָנסערוואַטיוו־אָרטאָדאָקסישער פירער

אמעריקאַנער טראַדיציאָנעלע יידן האָבן געקראָגן אַ ענערגישן, אומדערמידלעכן פירער אין דער פּערזאָן פון יצחק ליסער, אַן אריבערגעקומענער פון דייטשלאַנד. ער האָט אויסגעאיבט אַ היפּשע ווירקונג אויף דער אויסקריסטאַליזירונג פון די פאַרשיידענע נייע טענדענצן און שאַטירונגען צווישן די רעליגיעזע יידישע מאַסן.

זיינע אָנהענגער ווייזן אָן אַ היפּש ביסל פּאָזיטיווע אויפטואונגען, וואָס ליסער האָט דאָ געלאָזן. ער האָט דאָ אויפגעהויבן דער יידישן רעליגיעזן באוואוסטזיין, געמאַכט פאַרשטענדלעך די פריערדיקע מעכאַניש־געזאָגטע תפילות, מיט זיין איבערזעצן זיי אין ענגליש, געגרינדעט א ריי יידישע אינסטיטוציעס, רעדאַגירט עטלעכע צענדליק יאָר אַ קעמפערישן יידישן זשורנאַל אין ענגליש, און דער עיקר ווייזן זיי אָן אויף זיין אויסגעהאַלטענעם קאַמף קעגן די רעפאָרמער.

מיר ווייסן, אַז פונעם פּראָגרעסיוון יידישן שטאַנדפּונקט איז ער אין פיל פּרטים געווען נישט אויסגעהאַלטן, נישט פּראָגרעסיוו און צומאָל אפילו רעאַקציאָנער.

יצחק ליסער איז געבאָרן געוואָרן דעם 12טן דעצעמבער, 1806, אין נויענקירכען, וועסטפאַליע, דייטשלאַנד, אין אַ קליינבירגערלעכער, ווייניק־קולטורעלער פאַמיליע. ביזן 8טן יאָר האָט ער נאָך גאָרנישט געלערנט, נישט געקענט שרייבן און לייענען. ערשט אַז זיין מוטער איז אים געשטאָרבן און די פאַמיליע האָט זיך אריבערגעקליבן אין דולמאַן, לעבן מינסטער, און יצחקל איז איבערגעגעבן געוואָרן אויף האָדעוואַניע צו זיין באָבע גיטל, האָט ער גענומען פאַרזוכן די בילדונג פון חדר. זיין ערשטער מלמד איז קענטיק געווען אַ געראָטענער און אַ גוטער מענטש. יצחק האָט ביי אים ארויסגעוויזן חשק און פעאיקייטן. ער האָט געהאַט אין דינסט אַן אויסערגעוויינלעכן גוטן זכרון, אַן אויער צו שפּראַכן און אַ גוטע תפיסה. זיצנדיק נאָך מיט דער ערשטער כיתה, האָט ער אויפגעכאַפּט און פאַרדייעט, וואָס די עלטערע קינדער האָבן געלערנט אין דער העכערער כיתה, און פלעגט זיי נאָך אונטערזאָגן ביים פאַרהערן. דער רבי האָט פאַרזיכערט זיין באָבען, אַז פון איר אייניקל וואַקסט אַ גרויסער רב.

זעקס יאָר נאָך זיין מוטערס טויט איז אים זיין פאָטער אויך געשטאָרבן.

יצחק איז שוין געווען 14 יאָר און דער מינסטערער רב האָט אים גענומען אונטער זיין השגחה און אַליין געלערנט מיט אים. דאָס איז געווען אברהם זוטרא, וואָס האָט אין זיין צייט געפירט אַ שטאַרקן קאַמף קעגן דער יידי־שער רעפאָרם־באַוועגונג. אין זיין ספר „מלחמת ד׳" (גאָט׳ס מלחמה) האָט ער געלייגט אַ שטאַרקן באָדן פאַר יצחק ליסער׳ן אָנצופירן דערנאָך זיין מלחמה קעגן רעפאָרם אין אַמעריקע.

יצחק איז גלייכצייטיק געגאַנגען אין גימנאַזיע, באַמייסטערט די דייטשע שפּראַך און ליטעראַטור און זיך גוט איינגעלעבט מיט זיינע קריסטלעכע חברים. גראָד האָט אין דער אינסטיטוציע געשוועבט אַ ליבעראַלערער גייסט און דער אַלגעמיינער אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד האָט דאָרט נישט גע־האַט קיין שליטה. אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן, אַלס רעליגיעזער פירער, האָט ער אויך אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט אַ ריי קריסטלעכע רעליגיעזע פירער.

אין עלטער פון 18 יאָר האָט אים זיין אַמעריקאַנער אָנקל, זלמן רעהי־נעי, אַריבערגעבראַכט צו זיך קיין ריטשמאָנד, ווירדזשיניע. אין ערשטן יאָר האָט ער זיך גלייך גענומען צו אַ שטיקל מסחר, גלייכצייטיק אויך געוואָרן אַ געהילף־לערער צו יצחק ב. סעיקסעס, ביי דער שול „בית־אהבה". זייער שנעל האָט זיך יצחק דערוואָרבן אַ גוטן ענגליש און געקראָגן אַ היפּשע ידיעה אין דער ענגלישער ליטעראַטור. ער האָט עס אין גיכן באַוויזן.

אין יאָר 1825 איז גראָד אין לאָנדאָן דערשינען אַן ענגלישער פּערטל־יערלעכער זשורנאַל, מיט אַ שאַרפן אַנטיסעמיטישן אָנגריף, וואָס האָט אָנ־געמאַכט אַ גערודער. ליסער האָט געלייענט און זיין בלוט האָט געקאָכט. אָבער זיין היים בלוט האָט זיך גיך פאַרוואַנדלט אין דעם קאַלטן טינט, מיט וועלכן ער האָט אָנגעשריבן אין דעם זשורנאַל „ריטשמאָנד וואיג" צוויי שאַרפע ענטפערס.

אויף די צוויי אַרטיקלען האָט מען זיך אַרומגעקוקט. זיי זיינען גע־ווען דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן פאַנאַטיזם. זיי זיינען שפּעטער איינ־געשלאָסן געוואָרן אין זיין ספר „היהודים ותורת משה". מען קען זאָגן, אַז דאָרט האָט ער געגעבן דעם טאָן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, און אַן וועלכן ער האָט זיך אָנגעהאַלטן זיין גאַנצן לעבן.

אין אַ יאָר אַרום האָט מען אים אַרויסגערופן קיין פילאַדעלפיע צו ווערן חזן אין דער קהילה „מקוה ישראל". דאָס איז געווען דער אָנהויב פון זיין קאַריערע. אַ זעלטענע דערשיינונג אָנצושטעלן אַזאַ יונגן מענטשן פאַר אַזאַ חשוב׳ער שטעלע. אין יענע צייטן איז דער חזן שוין אפילו גע־ווען אַ מין רב, צו וועלכן מען האָט זיך געווענדט מיט שאלות. איינגיכן האָט מען שוין אים אָנגעהויבן צו אַדרעסירן מיטן טיטל „רבי", אָבער ליסער פלעגט זיך יעדן מאָל בעטן ביי זיי — „איך בין נישט קיין רב". מער ווי דעם טיטל „רעווערענד" האָט ער זיך נישט דערלויבט.

דאָרט, אין פילאַדעלפיע, האָט ער עס ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסצו־

איבן זיין גייסטיקן איינפלוס, וואָס האָט אים דערנאָך געמאַכט אַזוי באַ־
רימט צווישן די טראַדיציאָנעלע יידן. נישט בלויז האָט ער אריינגעטראָגן
אַ נייעם גייסט אין דעם שול־צערעמאָניאַל, נאָר ער האָט זיך אויך אָנגע־
הויבן זאָרגן וועגן די עקאָנאָמישע אומשטענדן פון יענע געמיינדע־מיטגלי־
דער, וואָס זיינען פאַראָרעמט געוואָרן. ער האָט ענערגיש זיך גענומען בויען
אַזעלכע אינסטיטוציעס ווי ליי־קאַסעס, אַ יתומים־הויז, אַ שפּיטאָל און,
הויפּטזעכלעך, זיך אָפּגעגעבן מיט דערציען דעם יונגן דור, לויט ווי ער
האָט פאַרשטאַנען — אין רעליגיעזן זין. דעמאָלט האָט ער עס אָנגעהויבן
זיינע איבערזעצונגען און צוגעטראָגן די מיטגלידער פון דער קהילה סידורים
(געבעט־ביכער), וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען, ביבלישע שריפטן, צו וועלכע
זיי האָבן נישט געדאַרפט אָנקומען צו קיין אַנדערע פאַרטייטשער און קאָ־
מענטאַטאָרן. ער האָט איבערזעצט אויך פאַר זיי אַ געאָגראַפיע און צוזאַמענ־
געשטעלט אַ ריי לערן־ביכער. אין דער זעלבער צייט אויך געשריבן אַרטיק־
לען וועגן צייט־פראַגן, נאַטירלעך, נישט אינעם ראַדיקאַלן גייסט.

ליסער איז געווען דער ערשטער איינצופירן אין שול דרשות (רעדעס)
אין ענגליש. ער האָט זיי כסדר געהאַלטן אין משך פון די 21 יאָר, וואָס
ער האָט פאַרנומען די שטעלע אין „מקוה־ישראל". די טעמע איז שטענדיק
געווען אַרום אַ צייטלעכער לעבנס־פראַגע. די פירער פון דער קהילה האָבן
איינגיכן באַמערקט, אַז די דרשות ציען צו נייע מיטגלידער און אַז פיל פון
דער קהילה זיינען געוואָרן שטאַרקע ליסער־אָנהענגער, האָבן זיי אָפיציעל
אריינגענומען די דאָזיקע שבת־דרשות אינעם צערעמאָניאַל פון די שבת און
יום־טוב פעסטלעכקייטן, כדי צוצוציען אַ גרעסערן עולם.*

ליסער האָט זיך אין זיינע רעדעס געוואָרפן פון איין געגנשטאַנד צו
אַ צווייטן און איז כמעט שטענדיק „פאַרקראָכן אין בויבעריק", אָבער ווי
זיינע מיטצייטלער און אָנהענגער פאַרזיכערן, איז „בויבעריק" גופא ביי
אים געוואָרן אינטערעסאַנט.

אין 1843 האָט ליסער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם יידיש־ענגלישן
חודש־זשורנאַל „דהי אָקסידענט" (דער מערב). אין אָנהויב איז דער זשור־
נאַל געווען אָפן פאַר אַלעמען — יידן, קריסטן, אָרטאָדאָקסן, רעפאָרמער
און פון אַנדערע ריכטונגען. ליסער איז אין דעם זשורנאַל געווען אַלץ —
דער אַרויסגעבער און דער רעדאַקטאָר, דער שרייבער און דער זעצער, דער
קאָרעקטאָר און דער געשעפטס־פאַרוואַלטער, בוכהאַלטער און פאַרקויפער.
אָבער וואָס ווייטער האָט ליסער גענומען איינציען זיין ליבעראַליזם, ביז
דער זשורנאַל איז געוואָרן אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישער, וואָס פלעגט פירן
מלחמות קעגן אַלערליי טיפּן יידן, וואָס זיינען פרייער ווי ער אַליין. זיין
פריערדיקער בליק, אַז דער זשורנאַל זאָל פאַראייניקן אַלע יידן און אַרויס־

* זע „יהדות אמריקה בהתפתחותה", פון משה דייוויס, ניו יאָרק, 1941.

רוקן די פּראָבלעמען, אין וועלכע אַלע זיינען איינשטימיק, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין שטיק פאַרפראָרענעם פאַנאַטיזם, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן כמעט זיין גאַנצע צענטער־פּאָזיציע צו דער אָרטאָדאָקסישער גרענעץ־ליניע.

אַ הייב געטאָן האָט זיך ליסער קעגנטיקער און איינפלוסרייכער אין 1858, ווען עס האָט אַרויסגעפּלאַצט דער סקאַנדאַל פון דער אינקוויזיציע אין דעם מאָרטאַראַ־אומגליק. די געשיכטע האָט זיך פאַרלאָפן אין באָלאָניא, איטאַליע, אין דער פאַמיליע פונעם ספרד׳ישן יידן זשיראַלאַמאָ מאָרטאַראַ לעווי און זיין פרוי, מאַריאַנאַ פּאַדאָוואַני לעווי. זייער 7־יעריקער יינגעלע עדגאַר איז צוגענומען געוואָרן פון זיי דורך דער אינקוויזיציע. עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. די אינקוויזיציע האָט גע׳טענה׳ט, אַז עדגאַר איז אַ קריסטלעך יינגל, נישט קוקנדיק אויף זיינע עלטערנס יידישקייט.

דאָס איז פאָרגעקומען דעם 23טן יוני, 1858. מיט זעקס יאָר פאַר דעם, ווען עדגאַר איז אַלט געווען בלויז איין יאָר, איז ער פּלוצלונג קראַנק גע־וואָרן אויף איינע פון די מילדע קינדערשע איבערגאַנגען און די קריסט־לעכע 19־יעריקע אַם האָט זיך זייער דערשראָקן פאַר זיין לעבן. זי האָט זיך אָנגעפרעגט ווענן עדגאַר׳ס קראַנקייט ביים אַפּטייקער פון אַ שכנ׳ישן הויז און ער האָט אויסגעדריקט רחמנות אויפן קינד, וואָס ער וועט שטאַרבן אָן פאַרגעבונג פון זינד. ער האָט זי געראָטן אָפּצוטופן דאָס קינד ביים גלח, און אַזוי האָט טאַקע אַנאַ מאַריסי, די פרומע קאַטוילישע אַם, געטאָן. אָבער ווענן דעם האָט קיינער נישט געוואוסט. זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן סוד. אָבער מיט 7 יאָר שפּעטער איז זי געקומען צום ערץ־בישאָף פון באָלאָניא, מישעל וויאַלע פּרעלאַ, און דערציילט אים וועגן עדגאַר׳ן, אַז זי האָט אים אָפּגעטויפט ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר.

בישאָף פּרעלאַ איז געווען באַוואוסט מיט זיין אויסערגעוויינלעכן פאַ־נאַטיזם. ער האָט גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל דער „הייליקער אינקוויזי־ציע״ און זייערער אַ באַאַמטער איז אַוועק מיט אַ גרופּע זשאַנדאַרן צו דער יידישע מאָרטאַראַ פאַמיליע, אַרויסגעריסן עדגאַרן מיט געוואַלט און אים אַוועקגעפירט אין רוים אין אַן אינסטיטוציע פאַר שמד.

ווען די פאַקטן זיינען אַרויסגעקומען, איז עס געוואָרן אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלער סקאַנדאַל. דער אויפברויז איז געווען גרויס אין איירָאָפּע און אויך דערגרייכט די פאַראייניקטע שטאַטן. דער ענין איז באַוואוסט געוואָרן אין איירָאָפּע דורך די ערשטע פּראָטעסטן און דעם אַפּיל פון 21 יידישע קהילות אין סאַרדיניע, וואָס זיי האָבן צוגעשיקט צו דער „באָאַרד אָוו דזשו־איש דעפּיוטיס״ אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, און צו דער קאָנסיסטאָריע פון פראַנצויזישע יידן אין פּאַריז און דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן.

די יידישע קהילות דאָ אין לאַנד זיינען אָנהויב באַוועגט געוואָרן צו אַקציעס פון דר. מאַקס ליליענטאַל און פון משה מאָנטעפיאָר׳ס רוף פון ענגלאַנד. פּראָטעסט מיטינגען האָבן זיך געטראָגן פון איין עק לאַנד

צו דעם צווייטן, פון ניו יאָרק ביז סאַן פראַנסיסקאָ. אין די צוויי שטעט זיינען פאָרגעקומען די גרעסטע מיטינגען; אין ניו יאָרק אַ צוויי טויזנט קעפּיקער עולם און אין סאַן פראַנסיסקאָ — אַ גאַנצע דריי טויזנט. פיל פון די מיטינגען זיינען פאָרגעקומען פּאַראייניקטע — פון יידן און פּראָ־טעסטאַנטן פון אַלערליי מינים.

אַלע יידישע אָרגאַנען אין לאַנד זיינען עטלעכע מאָנאַטן לאַנג געווען פול מיט באַריכטן און אַרטיקלען וועגן דער מאָרטאַראַ רציחה. דעם 25טן נאָוועמבער, 1858, איז ליסער אַרויסגעקומען מיט אַ גרויסן שאַרפן פּראָ־טעסט־אַרטיקל אין דער איינפלוסרייכער צייטונג „פילאַדעלפיא פּאַבליק לעדזשער". גראָד האָט דער אַרטיקל געהאַט געוויסע פּראָגרעסיווע איינשטע־לונגען. ער האָט געמאַכט מיט אים אַ טיפן איינדרוק. דער דאָזיקער אַרטיקל געפינט זיך אין שאַפּעס' דאָקומענטאַרער געשיכטע, אונטערן נומער 121. אָנגעהאַלטן כסדר'דיקע פּראָטעסטן האָבן ליסער'ס שוין־דערמאָנטער „אָקסי־דענט", וואָס'עס „איזראַעליט", „דזשוואיש מעסענדזשער" און „סינאַי". די ענגלישע נישט־קאַטוילישע פּרעסע האָט אויך אָנגעהאַלטן דעם אינטע־רעס פון די מיטגלידער צוליב דעם דאָזיקן סקאַנדאַל און מערסטנטייל גע־ווען קריטיש צו דעם גאַנצן גרויזאַמען פּאַל. (גענויער וועגן דעם זע מיין אַרטיקל אין דער מ. פ. פון 31טן יולי, 1955.)

דעם 10טן יאַנואַר, 1859, האָט יצחק ליסער געפירט אַ דעלעגאַציע פון פילאַדעלפיער יידן צום פּרעזידענט ביוקענען און צום מלוכה־סעקרע־טאַר לואיס קעס, וואָס האָבן שוין אַרויסגעגעבן זייער אורטייל, אַז די אַמע־ריקאַנער רעגירונג קען זיך אינגאַנצן נישט מישן אין דער זאַך. דער תירוץ איז געווען, אַז מיר ווילן נישט, אַז אַנדערע זאָלן זיך אַריינמישן אין אונ־דזערע געשעפטן, און אַז מיר זיינען צופרידן מיט אונדזער שטעלונג, ווייל דאָס וועט זיין דער בעסטער ענטפער צו די וואָס וועלן פּרואוון זיך אַריינ־מישן און אָפּפרעגן אונדזערע האַנדלונגען דאָ אין לאַנד.

ליסער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין דעם „אָקסידענט" זיין פייער אין דעם דאָזיקן ענין. אַ צווייטער קאָנסער־וואַטיווער יידישער פירער, סאַבאַטאָ מאָרעים, דער פירער פון דער קהילה „מקוה ישראל" אין פילאַדעלפיע, האָט אויפגעהערט זאָגן די תפילה פאַר דעם וואוילזיין פון דער רעגירונג, אין נאָוועמבער, 1858, אין פּראָטעסט קעגן ביוקענען'ס פּאָליטיק. אויסגעהאַלטן איז אויך געווען דר. דוד איינ־האָרן אין זיין פּראָטעסט קעגן דער רעגירונג, וואָס וויל זיך נישט אַריינ־מישן אין דער זאַך. ער איז געווען סיי פאַר דעם חוב פון דער פעדעראַלער רעגירונג אַריינצומישן זיך אין דער שקלאַפן־פראַגע, סיי אַריינצומישן זיך אין אַזעלכע סקאַנדאַליעזע פּאַסירונגען ווי אין דעם מאָרטאַראַ־פּאַל און די אַנטי־יידישע געזעצן אין דער שווייץ.

אייזיק מאיר וואיז איז נישט געווען אַזוי אויסגעהאַלטן. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן רוים און געהאַלטן, אַז די רעגירונג פון די פּאַראייניקטע

שטאָטן האָט געדאַרפט לאָזן הערן איר שטים, אָבער זייענדיק פאַר די פאַר־מאַליסטישע רעכט פון „סטעיט־רייטס”, איז ביי אים געווען רעכט, אַז די שטאָטן אין אַמעריקע קענען אָנהאַלטן שקלאַפעריי אויב זיי ווילן און די פעדעראַלע רעגירונג דאַרף נישט ענטפערן פאַר זייערע געזעצן און טאָטן.

אַזוי איז אויך יצחק ליסער נישט געווען אויסגעהאַלטן, ווען ער האָט אין דער שקלאַפן־פראַגע זיך געפונען אויף דער זעלבער פלאַך מיט זיין קעגנער, אייזיק מאיר וואיז.

קיין גליקן האָט ליסער פון זיינע אויסגאַבן און פון זיין „געהויבענע שטעלע” נישט געמאַכט. פאַרקערט: דאָס וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין חזנות — אַכט הונדערט דאָלאַר א יאָר — האָט ער אריינגעפּאַקט אינעם זשורנאַל און אין זיינע אַנדערע אויסגאַבן. איז ער געבליבן אַן אָרעמאַן, אַן איינזאַמער מענטש (קיינמאָל נישט געהייראַט), א פאַרביטערטער, ווען ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין חזן־שטעל, א צעוויטיקטער, וואָס זיינע קעגנער, די רעפאָרמער, מאַכן גרויסע דערפאָלגן.

א מערכה, וואָס יהודה טורא, דער פילאַנטראָפּ פון ניו אָרלינס, האָט אים געדענקט אין זיין צוואה און אים געלאָזן דריי טויזנט דאָלאַר, דורך וועלכע ער האָט נאָך געקענט אויסהאַלטן די אַלע יאָרן אָן דער אַלטער חזן־שטעל. ליסער האָט נישט געוואָלט אָנהאַלטן די שטעל אויפן חשבון פון פאַרלירן זיין חשיבות און נאָכטאַנצן נאָכן פייפל פון די קהילה־פירער. צווישן זיי איז קיין גוט־לעבן קיינמאָל נישט געווען. זיי האָבן אים נישט גע־האַלטן פאַרן גייסטיקן פירער פון דער אָרטאָדאָקסיע, בלויז פאַרן חזן, וואָס „דאַרף בלויז האָבן די דעה ווען ער שטייט פאַרן עמוד”.

אין דער זעלבער צייט אָבער האָבן די קאָנסערוואַטיווע, און פיל פון די אָרטאָדאָקסישע יידן איבערן גאַנצן לאַנד, אָנערקענט ליסער'ן פאַרן איינ־ציקן פירער זייערן. מען האָט זיך צו אים געווענדט פון אַלע עקן לאַנד. דאָס האָט ליסערן נאָך מער פאַרביטערט קעגן די רעדל־פירער פון זיין קהילה. זעקס יאָר איז שוין ליסער'ס פּוס מער נישט געווען אין זיין שול „מקוה ישראל”. דריי יאָר פאַר זיין טויט האָבן פאַר אים זיינע שטאַרקע אָנהענגער אָרגאַניזירט א צווייטע ספרד'ישע שול אין פילאַדעלפיע — „בית אל־אמת”, וואו ער האָט ווידער געלאָזט הערן זיין שטים, פאַרן עמוד און אויף דער בימה.

אין זיינע לעצטע יאָרן איז פאָרגעקומען דער בירגער־קריג. אָנשטאָט דעם, וואָס ער זאָל ווערן מיטגעריסן מיטן גרויסן קאַמף פאַר דער באַפריי־אונג פון די שקלאַפן, ווי דאָס האָבן געטאָן אַנדערע מער הומאַניטאַרע רבנים, איז זיין פּאָזיציע געווען גיכער אין איינקלאַנג מיט משה ראַפאַלס, וואָס האָט „געפונען אין דער תורה גוטהייסונגען” צו נעגער שקלאַפעריי. דאָס ווייזט ווי שמאָל עס איז געווען זיין גאַנצער וועלט־בליק און ווי וויי־ניק אַזעלכע ווי ליסער האָבן געהאַט אמת־מאָראַלישע רעכט צו זיין יידישע פירער אין דער נייער וועלט.

שמואל מאיר אייזיקס

ווי מיט אַ הייסן אייזן, האָט ער
געברענט די הענדלער פון שקלאַפן
און אַליין געגליט מיט
ליבשאַפט פון אַ פאָטער
צו אַלע די, וואָס פראַצעווען און
שאַפן.

נישט אַזוי האָט געהאַנדלט אַ צווייטער יידישער פירער פון יענער צייט. דער אמת׳ער גרויסער פירער, איז פריער פון אַלץ באַזעלט פון אַ גרויסן אמת און פון אַ ווייטן בליק. אין דער צייט, וואָס די גאַנצע וועלט האָט געקוקט אויפן אַמעריקאַנער בירגער־קריג פון דער ווייטנס, און בלויז געקענט זיין סימפּאַטיזירער, פאַר אָדער קעגן, מיט דעם צד, צי מיט יענעם צד, האָבן אַמעריקאַנער בירגער אין פיל ערטער, געמוזט זיך שטעלן אַנטשיידן אויף דעם צד, אָדער אויף יענעם צד, מיט מעשים. שמואל מאיר אייזיקס האָט נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ניו־יאָרק איז פאַרפּעסטעט מיט די גיפטיקע „קאָפּערהעדס", וואָס האָבן געשטערט די מלחמה קעגן די שקלאַפנהאַלטערס אויף טריט און שריט און איז אַרוים מיט זיין גאַנצער אַמוניציע פאַר דער גאַנצקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אונטער פּרעזידענט לינקאָלן.

אין זיין זשורנאַל „דהי דזשואיש מעסענדזשער" איז גלייך נאָכן איבערפאַל פון די שקלאַפנהאַלטער אויפן פאָרט סאָמטער דערשינען אַן עדיטאָריעל, וואָס האָט גערופן די אַמעריקאַנער יוגנט צו שטעלן זיך אונטער דער פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קעמפן פאַר דער צוזאַמענהאַלטונג פון דער יוניאָן און פאַר וואָס זי שטייט.

דאָס זעלבע האָט אייזיקס געטאָן אַלס איינפלוסרייכער אָראַטאָר און פּריידיקער אין דער ניו יאָרקער קהילה „בני־ישורון", וואו ער איז געווען, זינט 1839, חזן און פּריידיקער. די שקלאַפנהאַלטערישע יידן פון דער סאַוט האָבן אייזיקס׳ן שווער באַשטראָפט פאַרוואָס „ער מישט זיך אין פרעמדע ענינים". זיי האָבן אים געלעסטערט און געשאָלטן, און דער עיקר — צוגענומען פון זיין זשורנאַל פיל לייענער, אַזוי, אַז ער האָט געמוזט פירן אַ שווערן קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ. אָבער אייזיקס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. „איך וויל בעסער פאַרלירן מיינע אַבאָנענטן איידער מיין געוויסן", זאָל ער האָבן געזאָגט.

שמואל מאיר אייזיקס איז געבאָרן געוואָרן אין אַ פאַרמעגלעכער יידישער פאַמיליע, אין לייוואָרדען, האָלאַנד, דעם פערטן יאַנואַר, 1804. אין די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות איז די פאַמיליע געצוואונגען געוואָרן אין 1814 צו באַזעצן זיך אין ענגלאַנד. ער איז געקומען אין ניו־יאָרק אין 1839.

דער יונגער אייזיקס האָט קיינמאָל נישט באַזוכט קיין רעגולערן חדר,

אָדער וועלכע עס איז אַלגעמיינע שולע. ער האָט זיך אַליין דערצויגן.

זיינע רעדעס, אָדער דרשות, זיינען געווען גוט־צוגעגרייטע און געצויגן אַ גרויסן עולם. עס איז נאָך פריער קיינמאָל נישט געווען אַזוי אָנגעפּאַקט די שול. אַכט יאָר האָט ער אָנגעהאַלטן דעם אַמט אין די „בני ישורון" און צום סוף אַרויס פון דאָרט צוליב אַן אינעווייניקסטע שפּאַלטונג. זיינע אָנ־הענגער האָבן געגרינדעט די נייע אשכנז'ישע קהילה „שערי תפילה", וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ באַוואוסטער ניו יאָרקער טעמפּל.

דערווייל האָט אייזיקס דערגרייכט אַ היפּשן נאָמען ווי אַן ענגלישער לעקטאָר. ער האָט גערעדט אויף צענדליקער פּלאַטפאָרמעס און שטענדיק מיט גרויס דערפאָלג. ער איז אפילו אויפגעפאָדערט געוואָרן פונעם יעיל אוני־ווערסיטעט צו האַלטן דאָרט אַ פּאָרטראַג. ווען ער האָט געהאַלטן אַ לעקציע אין שיקאַגאָ ביי דער דערעפענונג פון אַ נייער שול־געמיינדע „אנשי־מערב", האָט אַ צייטונגס־רעפּאָרטער דערנאָך געשריבן — „...זיין פּאָרטראַג האָט מיך באַצויבערט מיט זיין גרויסן גלויבן און אמת'ן רעליגיעזן געפיל. עס איז שווער צו גלויבן, אַז אַ קינד פון די יידן, וואָס האָבן געליטן פון פאַר־פאָלגונגען און דערנידערונגען, זאָלן קענען געפינען אַ זכות און ליבשאַפט צו אַנדערש־גלויביקע" (ציטירט לויט משה דעיווויס, דאָרט).

אין שאַפעס' „דאָקומענטערי", געפינט זיך דער דערמאָנטער לייט־אַר־טיקל אינעם „דזשואיש מעסענדזשער", פונעם 26טן אַפּריל, אונטערן דאָ־קומענט נומער 129, זייט 436. דאָס איז געווען די איינציקע יידישע צייט־שריפט, וואָס האָט געקעמפט פאַר נעגער־באַפרייאונג.

פריער נאָך האָט זיך אייזיקס געהאַט באַטייליקט אַלס מיטאַרבעטער אין פאַרשיידענע שריפטן און, הויפּטזעכלעך, אין דעם „אַסמאָנעאַן" און אין דעם שוין דערמאָנטן ליסער'ס „אָקסידענט". שפּעטער, אין 1857, האָט ער, מיט זיינע תלמידים און פיר זין, אָנגעהויבן אַליין אַרויסצוגעבן דעם „דזשואיש מעסענדשזער" און אָנגעהאַלטן שוין אים אין משך פון זיין גאַנץ לעבן און פאַרגעזעצט געוואָרן פון זיינע זין נאָך זיין טויט.

אייזיקס האָט נאָך ליסער'ס טויט פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט פאַר דער „מכללת הרמבם" (ראַמבאַם אַקאַדעמיע). ער האָט אויך אָנגעהאַלטן זיין קאַמף קעגן די עקסטרעמע רעפאָרמער און געהאַט אַ האַנט אינעם אויפבוי פונעם שפּעטערדיקן רבנים־סעמינאַר, נאָכדעם ווי דער מכללת הרמבם איז אונטערגעגאַנגען. אָבער אפילו ער האָט נישט געהאַט דעם מוט אָפּצודרוקן מיכאַל הייל פּרינ'ס שאַרפן ענטפער דעם ניו יאָרקער ראַבאַי דר. משה ראַפאַל.

געשטאָרבן איז אייזיקס אין 1878 און מיט אים איינער פון די וועי־ניקע רעליגיעזע פירער, מיט מוט צו זיין אָפענע אַבאָליציאָניסטן.

טשאַרלז קאַהען, דער פריידענקער

באַלויכטן מיט שיין פון פּאַרטאָגן
האָט ער שוין קיין חושך
נישט געקענט מער פאַרטראָגן.
געפאַלן אין מיטן אַ גרויסער
אַנטפּלעקונג
אָן אויפריים האָט צעריסן
אים מיט זיין אַנטדעקונג.

שבת, דעם 16טן פעברואַר, 1834, איז אין אַ היימישער כעמישער לאַבאָראַטאָריע פאָרגעקומען אַן אויפריים. אין איין אויגנבליק איז דער כעמיקער, וואָס האָט געהאַלטן אין עקספּערימענטירן מיט קוועקזילבער, גע׳הרג׳עט געוואָרן. פונעם קערפּער האָט געפעלט איין אָרעם. ער איז אין ערגעץ פאַרפלויגן און איז קיינמאָל נישט געפונען געוואָרן.

דער גע׳הרג׳עטער איז געווען: טשאַרלס קלונימוס קלמן קאָהען.

אכט טעג שפּעטער, זונטיק, דעם 23טן פעברואַר, איז אין דעם ראַדיקאַלן אָרגאַן, „דהי פרי ענקוואַירער", דערשינען אַ לענגערער עלעגישער אַרטיקל וועגן דעם דער׳הרג׳עטן און עלעמענטאַרע ידיעות וועגן זיין לעבן. (פון דעם אַרטיקל, ווי אויך פון אַ צווייטן נעקראָלאָג, וואָס איז דערשינען איז מרדכי עמנואל נח׳ס צייטונג „ניו יאָרק איווינינג סטאַר" און איבערגעדרוקט אינעם „פרי ענקוואַירער", וואָס מאָרים יו. שאַפּעס האָט איינגעשלאָסן אין זיין דאָקומענטאַרע געשיכטע פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן מיר די מעגלעכקייט אַריינצופירן די דאָזיקע אינטערעסאַנטע פיגור אין דער ריי פון די „פּערזענלעכקייטן אין דער אַמעריקאַנער יידישער געשיכטע".)

אפילו פון דעם ביסל מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן וועגן דעם דאָזיקן מאַרטירער, טויכט שוין אויף פאַר אונדז די געשטאַלט פון אַ יונגן, באַוואוסטזיניקן געלערנטן און פאָרשער, פון אַ מוטיקן גייסט און זוכער פון אמת, ווי ער האָט אים באַגריפן.

טשאַרלס ק. ק. קאָהען איז געבאָרן געוואָרן אינעם יאָר 1807, אין אַ ביישטעטל פון לאָנדאָן, אין אַ חשוב׳ער, פאַרמעגלעכער יידישער פאַמיליע. זיין פּלוצלונגדיקער שרעקלעכער טויט האָט אויף שנעל פאַר׳סך־הכל׳ט אַ קורצן 27־יעריקן לעבנסשפּאַן. אָבער אין די 27 יאָר איז אָט דער כהן דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע „עבודה" און פיל עובדות. איידער וואָס ווען האָט שוין די נאַטור אויסגעוועבט אַרום אים איר קאָנספּיראַציע...

נאָך אַלס זויג־קינד איז אים די מוטער געשטאָרבן. איז ער שוין דעמאָלט געווען אַ „זינדיקער" מענטש? נאָך נישט באַוויזן צו שטעלן פעסטע טריט אין לעבן, איז זיין פאָטער, פון גרוים עגמת־נפש, וואָס ער האָט פאַרלאָרן זיין געליבטע יונגע פרוי, אַראָפּ פון זינען, און נאָך אַ ריי באַווילדערטע, פאַרוואָלקנטע יאָרן איז ער געשטאָרבן אַרום 1824-5. אויף אַזאַ

אופן איז דער קליינער טשאַרלי געווען אַן אָפּגעריסענער פון זיין נאַטיר־לעכן בוים, נאָך איידער ער האָט געקומען בליען.

אים מיט אַן עלטערן ברודערל האָט מען אָפּגעגעבן אויף דערציאונג אין אַ ישיבה, ביי האיגעיט. זי איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם גרינדער פון דער יונגנט־ישיבה, הײמאַן הורוויץ, אַ פּוילישער ייד, וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן אַ פּראָפעסאָר פון העברעאיש אין דעם לאָנדאָנער אוניווערסיטעט־קאָלעדזש. די ישיבה האָט זיך גערופן „דהי האיגעיט אקאַ־דעמי, אַ סעמינאַר פאַר דער יידישער יוגנט". טשאַרלי האָט געמאַכט אַ דער־שטוינלעכן דערפאָלג אין זיינע לימודים, איבערהויפּט אין די מאַטעמאַטי־שע, אָבער, ווי עס פאַרזיכערט דער שרייבער פונעם דערמאָנטן אַרטיקל, האָט „די סיסטעם פון די לימודים אויסגעשלאָסן וועלכע עס איז העכערע צווייגן פון די מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן".

צום אומגליק איז ער נאָך אַלס קינד היפּשלעך געשטערט געוואָרן אין זיין אַנטוויקלונג. זיינע אַפּוטראָפּסים (אַפּיקונעס) זיינען געווען דעם פאָטערס צוויי שוועסטער, וואָס האָבן זיך „אויסגעצייכנט" נישט בלויז מיט אומ־וויסנהייט", נאָר אויך מיט רשעות. זיי האָבן דעם וואונדערקינד צעקריפּלט מיט זייער דעגראַדירטער מאָראַל און צוריקגעשטאַנענעם שכל. זיינע פליגל האָבן זיך געשטרעקט פאָראויס, אָבער זיי האָבן זיי נישט געלאָזט פאַנאַנ־דערשפּרייטן. אין די רעליגיעזע פאַרמאַליטעטן פון די ישיבה־ווענט און אין דער טוכלער אַטמאָספערע פון די „מוטערס", איז געווען ענג פאַר וועלכע עס איז פרישער, נאַרמאַלער אַנטוויקלונג פון וועלכער עס איז לעבעדיקער זאַך.

די מומעס האָבן, קענטיק, אַליין געוואָלט פון אים שנעל פּטור ווערן, ווייל זיין גייסט האָט געקומען רעוואָלטירן. צו 14 יאָר האָבן זיי אים אָפּ־געגעבן אַלס לערן־יינגל צו אַן אַפּטייקער און איינגעצאָלט 800 דאָלאַר פאַר דער לערע. אָבער דער אַפּטייקער האָט נישט געדאַרפט איינגעמען קיין פּילן, כדי ער זאָל אין איין שיינעם פרימאָרגן אויסגערונען ווערן צוזאַמען מיט זיין אַפּטייק. דער יתום איז געבליבן ווידער טיילווייז אָפּהענגיק אָן די צוויי מומע־מומיעס. זיי זיינען געווען די באַלעבאַטים איבער זיינע אויסקומעניש.

עס איז אוממעגלעך צו וויסן דעם פאַרנעם פון דער ירושה, וואָס איז געבליבן פאַר אים פון זיין פאָטער, ווען ער איז אַראָפּ פון זינען. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך אין דעם זינען האָבן אים די מומעס באַ־עוול׳ט (באַאוולט), ווייל, ווי עס ווערט פאַרזיכערט, האָט ער קוים געקענט עפּענען אַן אַפּטייקל, ווען ער איז געוואָרן פּוליאַריס, מיטן געלט, וואָס די מומעס האָבן אים געקענט געבן פון זיין גאַנצער ירושה.

טשאַרלי האָט אָבער געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דראַנג צו לערנען און צו וויסן. ער האָט געשלונגען די בעסטע ווערק פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט פון יענער צייט. אויסער דעם האָט ער זיך געקענט דערלויבן

צו הערן די לעקציעס אין כעמיע פון אזעלכע אויטאָריטעטן ווי מאַיקל פאַ־ראַדעי (1791—1867) און וויליאַם טאָמאַס בראַנדע, אינעם קעניגלעכן אינ־סטיטוט אין לאָנדאָן און סאָבעי. פון זיי האָט ער געקראָגן די פונדאַמענ־טאַלע ידיעות אין כעמיע. דער דאָזיקער שטודיום האָט אים פאַרכאַפּט. ער האָט אַליין ווייטער געלערנט און געפאָרשט.

אָבער דאָס איז נישט געווען פאַר פּראַקטישע צוועקן. ווען ער האָט חתונה געהאַט צו 22 יאָר און געעפנט אַ געשעפט, איז אים זיין טעאָ־רעטיש וויסן נישט בייגעשטאַנען. ער האָט שנעל געמוזט אויפגעבן עס און, מיט אַ הונדערטער אין זיין קעשענע, איז ער אין 1829 אָנגעקומען קיין ניו יאָרק.

ווידער די לײַדן פון בלאָנדזשען אין דער פינצטער, פון פּרוואוון פאַ־נאַנדערקלייבן זיך אין דעם אַרום. עס האָט טשאַרלס קאָהען'ען געדויערט אַ יאָר צייט ביז ער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צו אַ שטיקל געשעפט אויף זיין געביט פון כעמישע פּראָדוקטן, אָראָפּגעבראַכט זיין פרוי און גע־נומען זיך איינלעבן אינעם נייעם לאַנד. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין איין צימער, וואָס האָט געדינט צוויי צוועקן — אַ היים און אַ לאַבאָראַטאָריע.

וואָס, וואָס — כעמיע איז ביי אים נישט געווען „אַ האַק מיט וואָס צו האַקן". די דאָזיקע וויסנשאַפט האָט אים ערשט פאַנאַנדערגעבערענט זיין דורשט צו דערלערנען אירע ברייטערע אימפּליקאַציעס, צו דערגרונטעווען אירע טיפן און צו דערשלאָגן זיך צו נייע הויכן. ביי אים איז זי געוואָרן אַ מין שליסל צו פאַרשטיין בעסער די וועלט, איר נאַקעטע מאַטעריע, אירע פאַרבאָרגענע סודות.

שוין יאָרן, אַז די רעליגיעזע דערקלערונג וועגן דעם מהות פון דער וועלט האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געפרעגט קשיות (קאַשעס) און נישט געקראָגן קיין צופרידנשטעלנדיקן ענטפער. אין זיינע צענער יאָרן האָבן אים שוין אַזעלכע פרייע ווערק, ווי די פון האָלבאַך, יום און וואָל־טעיר אַריינגעפירט אין דער ריי פון די צווייפלער, פון די אַגנאָסטיקער (וואָס וויסן נישט). אָבער זיי האָבן אים אויך נאָך נישט באַפרידיקט. ער האָט זיך אומעטום געוואָרפן כדי צו דערפילן אונטער זיך אַ פעסטערן באָדן פון באַגרייפן די וועלט, זיך אפילו געקוויקט אַ געוויסע צייט מיט די ספּעקולאַ־טיווע לעקציעס פון ספּורצהיים (1776—1832), וואָס האָט געפּרואווט צו־זאַמענפּאָרן די פּסעוודאָ־וויסנשאַפט פרענאָלאָגיע (חכמת הפרצוף) מיט די איינגעשאַפטן פונעם מוח, לויט די באַגרינדונגען פון פראַנץ יאָזעף גאַל.

אינעם דערמאָנטן עלעגישן אַרטיקל פונעם „פרי ענקוואירער", ווערט טשאַרלס קאָהען'ס אַפּיקורסות אויסגעדריקט קורץ —

„פונעם אונטערזוכן די אָרגאַניזאַציע פונעם מוח, פון זיינע אינטעּ־לעקטועלע קאַלאַניעס, פון די באַדינגונגען פונעם מענטשן אונטער פאַרשיי־דענע אינסטיטוציעס און רעגירונגען, און פונעם געבוי און אינסטינקטן פון די חיות, האָט ער אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק פון אַן אוממאַטעריעלן שכל

און די עקזיסטענץ פון אַ נשמה, וואָס איז אָפּגעזונדערט פון די געזעצן און באַווירקונגען פון מאַטעריע". (שאַפּעס „דאָקומענטערי", זייט 189). אין אַנדערע ווערטער — אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ פון אַ גאָט, וואָס זאָל האָבן באַשאַפן די מאַטעריעלע וועלט פון גאָרנישט.

אָבער עס איז נישט קיין פראַגע פון אַן אַפּיקורסישן געדאַנק. פרײַדענקער, וואָס האָבן געפּראָוווט אויסקומען אָן דער השערה וועגן אַ גאָט, זײַנען זיכער געווען שוין מיט לאַנגע, פריערדיקע יאָרהונדערטער צוריק. אינעם אָנהויב פונעם 19טן יאָרהונדערט איז שוין געווען אַ פראַגע פון אַן אַקטיווער אויפקלערונגס־אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרשפּרייט צווישן ברייטערן עולם ראַציאָנאַליסטישע, אַנטי־דאָגמאַטישע אידייען דורך שריפטן און לעקציעס. טשאַרלס קאָהען האָט שוין באַלאַנגט צו אַזאַ געזעלשאַפט.

נישט בלויז האָט ער מיטגעאַרבעט אין דעם פרײַדענקערישן זשורנאַל „פרי ענקוואַירי" און באַלאַנגט צו דער ערשטער געזעלשאַפט פון די „פרי ענקוואַירערס". נאָר ער איז געווען אויך אַזוי פיל אויסגעהאַלטן, אַז ער האָט אַטאַקירט דעם באַוואוסטן ראַציאָנאַליסט אַבנר נילענד. דער דאָזיקער נילענד (קנילענד), אַן אוניווערסאַליסטישער גלח, האָט אין 1829 פאַרלאָזן די „אוניווערסאַלע חבר'שאַפט", אַוועק קיין באָסטאָן און דאָרט געגרינדעט די ערשטע געזעלשאַפט פון די פרייע פאָרשער „פרי ענקוואַירערס", און אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „באָסטאָן אינוועסטיגיטאָר". דאָס איז געווען דער ערשטער ראַציאָנאַליסטישער זשורנאַל דאָ אין לאַנד.

אין איינעם פון זײַנע אַרטיקלען, סוף דעצעמבער, 1833, האָט נילענד דערקלערט, אַז די אוניווערסאַליסטן גלויבן אין אַ גאָט, וואָס איז נישט מער ווי אַ פאַנטאַסטישער באַגריף פון זייער אייגענער פאַרשטעלונג. נילענד איז דערפאַר, אין יאַנואַר, 1834, אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר גאָטסלעסטערונג. ער איז געפונען געוואָרן שולדיק. אָבער ער האָט אַפּעלירט צו אַ העכערן געריכט. אין דעם אַפּיל האָט נילענד אָנגעוויזן, אַז ער באַגרעניצט נישט גאָט צום הימל, ווײַל ער געפינט זיך אין יעדער זאַך, און דעריבער האָט ער געזאָגט „בין איך נישט קיין אַטעאיסט, נאָר אַ פּאַנטעאיסט; דאָס מיינט — אָנשטאָט צו גלויבן אַז עס איז נישטאָ אײן גאָט, גלויב איך אַבסטראַקט, אַז אַלץ איז גאָט".

קאָהען איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט אויף אַזאַ נישט־אויסגעהאַלטנקייט פון פאַרבײַטן דעם טערמין נאַטור אויף „גאָט" און האָט נילענד'ן אַטאַקירט אין דעם „פרי ענקוואַירער". דער אַרטיקל איז דערשינען אינעם נומער פון שבת, דעם 16טן פעברואַר, 1834, אינעם זעלבן טאָג ווען קאָהען האָט עקספּערימענטירט מיטן קוועקזילבער און די גאַנצע זיבן פונט פון דעם עקספּלאָדירנדיקן עלעמענט האָט אויפגעריסן און אים דער'הרג'עט.

אין אַ רײ פריערדיקע לעקציעס און אַרטיקלען איז שוין קאָהען, אין משך פון עטלעכע יאָר, אַרויסגעקומען, ווי אַן אויסגעהאַלטענער אַטעאיסט, פאַר וועמען אפילו פּאַנטעאיזם איז אַ פּוסטע און אַ פאַרפירערישע אידייע.

צום סוף פון זיין זייער שארפן ארטיקל, זאגט ער:

„...איך שרייב מיין נאמען דא אונטער, ווי א ביישפיל פאר אנדערע... כדי אנצורעגן מיינע מיטמענטשן צו זיין אומדערשראקן אין אויסדריקן קלאר און געגוי דאס, וואס יעדערער האלט פאר אמת, און נישט באהאלטן זיין געדאנק אויף אזא אופן, אז דער ציל זאל ווערן מיספארשטאנען..."

און ער לייגט דערנאך צו — „אויב מר. נילענד שעמט זיך צו זיין אן אומגלויביקער, זאל ער מער נישט רעדאגירן א צייטונג, וואס פאדערט אן אומדערשראקענע אויספארשונג, נישט קוקנדיק אויף די נאכפאלגונגען..."

עס איז דא נישט אזוי וויכטיק די פילאזאפישע ארגומענטן, וואס קאפּען רוקט ארויס אין דער דאזיקער פאלעמיק. מיר גיבן זיי דא נישט, ווייל מיר פארנעמען זיך דא נישט מיט קיין פראפאגאנדע פון דעם מין. וואס איז יא אינטערעסאנט, איז דער אפרוף אויף דעם שרעקלעכן אומגליק מיט קאהענ׳ען מצד מרדכי עמנואל נח אין זיין צייטונג „ניו יארק איווונינג סטאר".

שוין דער „קאפּ" אליין אויפן ארטיקל „דיוואין פראווידענס" (געטלעכע השגחה), זאגט אונדז שוין אן, אז דער דאזיקער יידישער „משיח", אדער „שופט", וואס האט געפראוועט א „יידישע גאולה" אין באפאלא, מיט א פרומער קריסטלעכער פראצעסיע, גיט אנצוהערן אין דעם ארטיקל, אז אין דעם טויט פונעם יונגן כעמישן פארשער איז צו זען גאט׳ס שטראפנדיקן פינגער. דער אומגליק, הייסט עס, איז פארגעקומען, ווייל ער האט געארבעט אום שבת, און ווייל אין דער זעלבער צייט האט זיך געדרוקט זיין ארטיקל פון אן אפיקורסיש־אטעאיסטישן כאראקטער.

מיר ווייסן, אז אויסער דעם וואס דער מאיאר נח איז געווען א פאליטיקער, א זשורנאליסט, א פאנטאסט און א „וויטזעער", איז ער אויך געווען א פאליטיקאן, א „פאליטישן", צו מאכן עס קלארער. אבער עס איז שווער אים מוחל צו זיין אזא היפאקריטישקייט, ווי מיר געפינען אין זיין פאלגנדיקער פרומער שפילעוודיקייט:

„...זיין קאפ, דערוויסן מיר זיך... האט מען אפגעגעבן דער געזעלשאפט פאר פרענאלאגישע שטודיומס; זיין ארעם, וואס איז פארפלויגן אינעם אויפרייס... האט מען נאך אלץ נישט געפונען. אויף אזא אופן איז זיין קערפער אוועק אין איין זייט, זיין קאפ אין א צווייטער זייט, און זיין אבר אין אן אנדער זייט — צעשליידערט, וואלטן מיר זאגן — צו די ווינטן... יא, פילאזאפן מעגן זיך שמייכלען, פריידענקער מעגן זיך לאכן, און אטעאיסטן מעגן פרואוון מאכן לעכערלעך דעם געדאנק פון געטלעכער ארייגמישונג, אדער פון געטלעכער נקמה — אלע האבן א רעכט צו מאכן א פירוש".

אבער זיין, נח׳ס פירוש, איז קלאר. ווי די צעבויטעטע ניאגארא, אינעם טייך, וואו ער האט פלאנירט אויפצושטעלן די יידישע מלוכה — וואס איז דארט קיינמאל נישט געקומען צום לעבן, און בכלל געווען דארט, אין זין פון מענלעכקייטן, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

משה ראַפאַל

דער בעסט-באַצאָלטער
רב אין שטאָט
האָט זיך צו דינסט
פון שקלאַפעריי געשטעלט
געניטשטערט אין דער ביבל
„גאָטס געבאָט"
און אַ היתר געפונען
פאַר דער שקלאַפן-וועלט.

די קהילה „בני ישורון" פון ניו יאָרק, איינע פון די פאַרמעגלעכסטע איבערן לאַנד, פלעגט אַראָפּברענגען אירע גייסטיקע פירער פון ענגלאַנד. דאָרט זיינען מערסטנס געווען אַלט־געזעסענע, ענגליש־רעדנדיקע יידן, און „געגויטיקט זיך" אין פריידיקער, וואָס געברויכן אַ הויך־פּאָעטישע שפּראַך. ווען צו די קהילה־פירער איז דערגאַנגען דער רום פונעם רב־פריידיקער אין ענגלאַנד, דר. מאָזעס ראַפאַל, האָבן זיי באַשלאָסן: זאָל זיי קאָסטן וואָס עס איז און זיי מוזן אים אַהער אַראָפּברענגען.

דער דאָזיקער רב און פריידיקער, ראַפאַל, וואָס האָט זיך אויך באַרימט געמאַכט מיט זיין גרויסער שפּראַכן־קענטשאַפט און אַלגעמיינער הויכער בילדונג, האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, ווען ער האָט געהערט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ געהאַלט פון צוויי טויזנט דאָלאַר אַ יאָר פאַר בלויז פריידיקן און השגחה אויף דער שולע ביי דער שול. דאָס איז געווען דאָס גרעסטע געהאַלט, וואָס מ'האָט ביז יענער צייט געצאָלט פאַר אַזאַ אַמט.

משה ראַפאַל איז גאָר אַליין נישט געווען קיין ענגלענדער. ער איז געבאָרן געוואָרן אין דער פאַמיליע פונעם קעניגלעכן באַנקיר אין שטאָקהאָלם, שוועדן, אינעם יאָר 1798. זיין פאָטער האָט אים געשיקט לערנען אין קאָפּענהאַגען, דענמאַרק, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס סטודענט. שפּעטער האָט ער געלערנט אינעם אוניווערסיטעט פון גיסען און דערנאָך אין ערלאַנגען. דאָרט האָט ער געקראָגן דעם טיטל דאָקטאָר. ערשט דעמאָלט האָט די ראַפאַל פאַמיליע אָנגעהויבן רעכט אַרומצואוואַנדערן: בעלגיע, ענגלאַנד, פראַנקרייך און ווידער דייטשלאַנד. פון אַזעלכע לאַנגע, אָבער לאַנגזאַמע רייזעס, האָט זיך עס דר. ראַפאַל דערוואָרבן די גרויסע שפּראַכן־קענטשאַפט. אין 1825 באַזעצט ער זיך אין ענגלאַנד, הייראַט און ווערט פאָטער פון זעקס זין, פון וועלכע צוויי זיינען יונגערהייט געשטאָרבן.

אינטערעסאַנט, אַז זיינע טעטיקייטן אַלס לעקטאָר און פריידיקער האָט ער אָנגעהויבן צווישן קריסטן, כאָטש זיינע טעמעס זיינען געווען פון אַלט־יידישער געשיכטע און העברעאישער ליטעראַטור. זיי האָבן געמאַכט אַ היפּשן איינדרוק, אַזוי, אַז מער יידן האָבן ערשט אָנגעהויבן צו באַזוכן זיינע פאָרטראַגן. ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט אין ענגליש, דאָס ערשטע אין דער געשיכטע, מיטן נאָמען „גלעד" (גילאָד). דער דאָזיקער זשורנאַל איז מערסטנס באַשטאַנען פון זיינע איי־

נענע אַרטיקלען און איבערזעצונגען פון דער אַלטער תּלמוד'ישער ליטעראַ־טור און פון דער מיטלאַלטערלעכער, איינגעשלאָסן אויסצוגן פונעם רמב"ם, יוסף אַלבו און שפּעטערדיקע אויטאָריטעטן.

ווען דאָס וואָכנבלאַט האָט זיך געזעגנט מיט די לייענער נאָך אַ „באַ־קאַנטשאַפט" פון 78 וואָכן, האָט ער פאָרגעזעצט, אין באַזונדערע אויסגאַ־בעס, זיינע איבערזעצונגען פון דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור און געשיכטע. ער איז גלייכצייטיק געוואָרן דער הויפּט־סעקרעטאַר פון רב ר' הערשל, דער רב הכולל פון אַלע יידישע אשכנז'ישע געמיינדעס אין ענגלאַנד.

אינעם יאָר 1840, ווען עס איז אויפגעטרייסלט געוואָרן די יידישע וועלט פונעם בלוט־בלבול אויף יידן אין דמשק, איז ער ארויס אין דער עפנטלעכקייט מיט אַן איבערצייגונג־רוף, אין פיר שפּראַכן, בטל צו מאַכן דעם בלבול. דער רוף איז געווען גע'חתמ'עט פון ר' הערשל, און אונטער זיין אייגענעם נאָמען האָט ער געשריבן אַן ענלעכע שריפט אין דער „לאָנדאָן־טאַימס".

אין 1841 זעען מיר אים שוין, ראַפאַל'ן, ווי אַ רב, פּריידיקער און שול־פירער אין דער יידישער געמיינדע אין בוירמינגהעם (ענגלאַנד), וואו ער האָט געדינט אַכט יאָר. ער איז אַליין געווען אַ שטיקל „רעפאָרמער". ער האָט אַראָפּגעבראַכט די באַרימטע זינגערין דזשעני לינד אויף אַן אונ־טערנעמונג פאַר דער נאַציאָנאַלער יידישער שולע. זיין פּאָפּולאַריטעט אַלס פּריידיקער איז געוואָקסן אויך צווישן קריסטן, און די „אוניטאַריאַנער" (אַ קריסטלעכע סעקטע) האָבן אָפּגעדרוקט איינעם פון זיינע פאָרטראָגן.

אין זיינע אַרויסטרעטונגען קעגן דיסקרימינאַציעס אין פּאָליטישע ביר־גערלעכע רעכט, האָט ער זיך דערדינט באַטראַכט צו ווערן ווי דער פאָר־טרעטער פון די ענגלישע יידן. נישט קיין וואונדער פאַרוואָס די ניו יאָרקער רייכסטע קהילה „בני ישורון" האָט זיך אַזוי געקוואָפּעט אים צו קריגן. אין ענגלאַנד האָט מען באַדויערט זיין אַוועקפאָרן. אפילו גלחים, מיט וועלכע ער האָט זיך גע'חבר'ט, האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרערונג צו אים דורך אַ מתנה פון אַ פינגערל, מיט אויסגעקריצטע העברעאישע אותיות פון „שמע" (שמע ישראל).

אין ניו יאָרק האָט זיין נייע געמיינדע געפייערט מיט פּאַראַד זיין קו־מען אום פּסח, 1850. די רייכע פירער האָבן זיך מיט אים נישט גענאַרט. ער האָט געוואוסט ווי צו האַרמאָנירן מיט זיי. ער האָט אויפגעלייזט אויף אַ צופרידנשטעלנדיקן אופן אַ שטאַרקע מחלוקת, וואָס איז אַנטשטאַנען צווישן די פירער אין דער פראַגע וועגן אריבערפירן מתים פון איין בית־עולם צו אַ צווייטן. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיינע אָראַטאָרי־שע פעאיקייטן אין אַלע געלט־קאַמפּאַניעס פאַר דער געמיינדע.

עס האָט נישט ווייניק אימפּאָנירט די אויפגעקומענע רייכע יידן זייער רב'ס נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט משה מאָנטעפיאָר, מיט וועלכן ער האָט קאָרעספּאָנדירט וועגן העלפן די אונטערדריקטע יידן אין מאַראָקאָ, די

אביונים אין ירושלים און טאַקע די אָרעמע אימיגראַנטן אין אַמעריקע גופא. ער האָט געקראַגן אַ גרויסן איינפלוס אין שטאָט און געפּראוווט פאַראייניקן אַלע יידישע קהילות אינעם ענין פון מצות פאַר דער אָרעמקייט ערב פּסח, נאָר אָן דערפאָלג. עס האָט זיך געקאָנט אויסדרוקן, אַז ער איז אַ כוח צום גוטן.

ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ מיספאַרשטייעניש מיט זיינע הויפּט־באַלעבאַטים וועגן זיין אינדאָרסירן שריפטלעך אַ ריכטער פאַרן אַמט פון אַ רעקאָרדער און זיי האָבן אים פאַרגעוואָרפן, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ רב צו נעמען פּאַרטייאישע שטעלונגען, האָט ער אָנגענומען זייער גזר (גזאר) און „זיך שוין געהיט די ביינער".

אָבער ווען עס איז געקומען צו דער פּאַרטייאישער שטעלונג אין דער נעגער־שקלאַפעריי, האָט דער דאָזיקער כלומר'שטער ליבעראַל זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די שקלאַפנהאַלטער. פאַר אים איז קיין סוד געווים נישט געווען, אַז אין זיין קהילה שוויבלט און גריבלט מיט „קאָפּערהעדס" (רעאַקציאָנערן, אָנהענגער פון נעגער־שקלאַפעריי) און מיט אינוועסטירער אין די דרום'דיקע קאַטן־פּלאַנטאַציעס.

ער האָט פונדעסטוועגן געוואוסט, אַז ער געפינט זיך אין אַ שטאָט, וואָס זיינע אינטערעסן זיינען קעגן צעשפּאַלטן די פאַראייניקטע שטאַטן. האָט ער שוין דאָ געמוזט זיך אויפדעקן אַלס ביליקער אָפּאָרטוניסט: פון איין זייט איז ער ארויסגעקומען מיט זיינע „ראיות" (ראיעס) פון תורת משה, אַז עס איז נאָרמאַל און דערלויבט צו האָבן קנעכט, דערצו נאָך, אַז די „נעגער זאָלן האָבן פאַרשאָלטן געוואָרן", אַז זיי זאָלן דינען ווי שקלאַפן אַלע אַנדערע פעלקער. דאָס איז ער ארויסגעקומען מיט אַזאַ „טעאָריע" נישט סתם אין דער וועלט אריין, נאָר ווען דאָס לאַנד איז געשטאַנען אויפן סאַמע ראַנד פון אַ בלוטיקן ברידער־קריג, און זיינע כלומר'שטע ראיות האָבן פאַרשטאַרקט די מאָראַלע פּאָזיציעס פון די שקלאַפנהאַלטער. פון דער צווייטער זייט, נישט צו פאַרזינדיקן זיך פאַר דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער זיך ארויסגעזאָגט קעגן אָפּרייסן זיך פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

געוויסע אָפּאָרטוניסטישע היסטאָריקער זעען אין אים די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייט פון יענער צייט. זיי ווייזן אָן אויף דעם וואוקס פון זיין קהילה, אויף די גרויסע מאַסן יידן און קריסטן, וואָס פלעגן קומען הערן זיינע פּאַרטראַגן. זיינע ווערק, אין יידישער געשיכטע, זיין קורצן געבעט־בוך „פאַר יידישע טעכטער" און, הויפּטזעכלעך, אויף זיין רעדנער־קראַפט און אָנגענעם קול. אין נדן גיט מען אויך אָן, וואָס ער איז איינגעלאַדן געוואָרן, צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע אין אַמעריקע, צו עפענען מיט אַ תפילה די קאָנגרעס זיצונגען אין 1860.

אין זיינע ריכטיקע קאָלירן האָט אים אוועקגעשטעלט, ווי מיר וועלן זען, דער אמת גרויסער געלערנטער ייד, מיכאל היילפּערן, ווי אַ פעלשער, פאַרקריפּלער און וויסטער רעאַקציאָנער. ער איז געשטאָרבן אין 1868.

אייבּרעהעם לינקאָלן — דער באַפרייער



אייבּרעהעם לינקאָלן — דער הערלעכסטער נאָמען אין דער געשיכטע פון אַמעריקע. אַ נאָמען, וואָס שטראַלט וואָס ווייטער מיט אַלץ אַ העלערן שיין. אַ נאָמען, וואָס איז געשטעמפּלט מיטן חותם פון אומשטערבלעכקייט. אַ נאָמען — אַ שטערן, וואָס ווען ער איז אויסגעלאָשן געוואָרן מיט נײַנציק יאָר צוריק, האָט די וועלט אײַנגעהאַלטן איר אָטעם און זיך אָפּגעשטעלט אין אַ ווערגנדיקער שטילקייט.

ער איז געבּאָרן געוואָרן אין אַ העס, דאָס איז געווען אַן אָרעמער פאַרם־ישוב אין קענטאָקי, מיטן נאָמען „ראָק ספּרינג פאַרם". דער געבּאָרענער האָט געקראָגן דעם נאָמען „אייבּרעהעם". דער פאָטער פונעם געבּאָרענעם — אַ שלימ׳מזל׳דיקער פאַרמער, טאָמאַס לינקאָלן. זײַן מוטער נענסי האַנקס — אַן „אומגעזוצלעך" קינד. די פאַרם איז אפשר נאָך נישט געווען באַרעכטיקט צו דעם באַרוף — אַ קלאָץ־קאַבינע און אַ שטיקל שטאַלכל. ערשט נישט לאַנג געהאַט אַריבערגעקליבן זיך אַהין פון עליזאַבעטאַון, וואו טאָמאַס איז געווען אַ שטיקל קאַרפּענטער (אַ סטאָליער).

דאָס, ווייסן מיר איצט, איז פאָרגעקומען דעם 12טן פעבּרואַר, 1809. ווער האָט עס דעמאָלט געקענט וויסן, אַז דאָס וועט ווערן אַ היסטאָרישע דאַטע און אַ יום־טוב טאָג פאַר צענדליקער מיליאָנען!

טאָמאַס לינקאָלן, וואָס האָט נישט געקענט איבערלייענען אַ וואָרט, אָדער אָנשרייבּן אַן אות (אָס), ביז ער האָט שוין חתונה געהאַט, האָט נאָך צו אַלע גליקן נישט געקאָנט אײַנזיצן אויף אַן אָרט. עס איז כמעט געווען דערנאָך אַ כסדר׳דיקער אויסוואַרצל און אײַנוואָרצל אין אַ שטח פון דריי־פיר שטאַטן — קענטאָקי, אינדיאַנאַ, אילינאָי און אָהאַיאָ. אין עלטער פון ניין יאָר איז דער געוויקסיקער אייבּרעהעם געוואָרן אַ יתום. זײַן מוטער איז אים געשטאָרבּן אין 1818.

סוף 1819 האָט טאָמאַס ווידער געהייראַט. דאָס איז געווען מיט אַן אַלטער באַקאַנטער זײַנע — סאַראַ דזשאָנסטאָן. זי איז געווען זייער אַ פּעאיקע פרוי. איר איז געלונגען אין אַ קורצער צײַט אויפצוהויבּן די מערכה פון דער אָרעמער פאַמיליע. זי האָט שוין אַכטונג געגעבּן אויפן שטיפקינד.

דאָס איבערציען זיך אַלץ מער אין נײַע ערטער, און אַלע זײַנען זיי געווען אָן רעגולערע שולעס, איז געווען אַ גרויסער שטער אין די שטרע־

בונגען פונעם אויפוואַקסנדיקן יינגל צו קענען אַליין לייענען אַ בוך.

פינף שולעס האָט דאָס יונג, הויך בחורל באַזוכט — אָבער אין אַלע צוזאַמען האָט זיך נישט אָנגעקליבן אפילו קיין איין יאָר שולונג. מער נישט זיין ברענענדיקער חשק האָט נישט געהאַט קיין גרעניץ. ער האָט ווייט איבערגעשטיגן זיין הויך. איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער איז געוואָרן אין יענע מקומות אַ זעלטן-גוטער אויסלייגער (ספּעלער) און זיך פּאַרפּול־קאָמט אַ האַנטשריפט, אַ קלאָרע און אַ שיינע. עס איז בלויז געבליבן די פראַגע: וואָס אַזוינס וועט ער עס שרייבן?

אָן קיין שום סיסטעם האָט ער שוין אַלס יינגל געקאָנט כמעט אויף אויסווייניק די ביבל, די פאַבלען פון עזאָפּ'ן און די געשיכטע פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן. ראָבינסאָן קרוזאָ האָט זיך ביי אים „פּאַמיעשטשעט" אין קאָפּ צוזאַמען מיט שעקספּיר'ן, ווימס'עס „וואַשינגטאָנ'ס ביאָגראַפיע", מיט ראָבערט בורנס'עס לידער.

ער האָט אַליין אַ פּרואוו געטאָן זיינע כוחות צו שרייבן עפּעס אייגנס. אָבער זיינע לידער זיינען אַרויסגעקומען צו אומגעהובלט, זיינע סאַטירעס — צו רוי, זיינע מעשות — ווילדע און קראַפּיוועדיקע ווי די געגנט אַרום. האָט ער גאָר שוין גענומען שרייבן וועגן אַזעלכע ענינים, ווי „ניכטערקייט און שיכרות", „אַמעריקאַנער רעגירונגס-פאָרמען", און דאָס האָט אין אים געשאַפן שוין דערנאָך אַ שטאַרקן חשק צו לייענען אַזויפיל ווי מעגלעך די ליטעראַטור וועגן געזעץ-ווייסנשאַפט.

און אַזוי איז ער געוואַקסן — צעשויבערט און צעוואָרפן אויף קער־פּערלעך. אין עלטער פון 17 יאָר האָט ער שוין דערגרייכט די זעלטענע הויך פון זעקס פוס און פיר אינטשעס.

און אַזוי איז ער געוואָרן „פון זיין פּליצע און העבער-צו", דער וואָס האָט געדאַרפט כסדר אַראָפּקוקן. ער האָט פיינט געהאַט גאווה און דאָך איז ער שנעל באַוואוסט געוואָרן אין זיין אַרום, ווי איינער פון די בעסטע שנעל-לויפערס, ווי אַ פּעאיקער ראַנגלער, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָרן.

די ערשטע שטעלע, אַלס שווערער אַרבעטער, האָט ער געקראָגן אויף אַ פלאַכער פּראַכט-שיף, וואָס גייט מיט דעם מיסיסיפּי-טייך קיין ניו אָר־לינס (אָרלעאַנס). דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע שטאָט, אויף וועלכער ער האָט שוין געדאַרפט אַרויפקוקן. צום ערשטן מאָל האָט ער דאָרט געזען דעם שקלאַפן-מאַרק, ווי מענטשן-קינדער ווערן פאַרקויפט און געקויפט, ווי אָקסן און פערד. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דאָרט ערשט געקענט זען ווי עס זעט אויס אַ ייד. דעם ערלעכן, גרויסמוטיקן אייב האָט געקערט אַ בליץ טאָן אַ וואונדער: אַזאַ איינער קוקט דאָך אויס ווי מיר אַלע!?

און ווידער האָט זיין פאָטער זיך איבערגעקליבן אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין אילינאָי, און פון דאָרט ווידער אין אַן אַנדער פּלאַץ. אייב איז שוין

געוואָרן פּאָליטיק — מיט 21 יאָר אויף זיינע הויכע פּלייצעס, און מיט א שטעלע ביי א פּילפּאַכן סוחר פון סאַנגאַמאָן קאָונטי.

צום גליק האָט אים מיט א יאָר שפּעטער זיין באַלעבאָס איבערגעגעבן די פּולע אויפזיכט אויף זיין קראָם אין דעם קליינעם ישוב ניו־סעילעם. קיין סך געשעפטן זיינען דאָרט נישט געווען, האָט ער זיך פאַרשאַפט א גראַמאַטיק און פאַרשיידענע אַנדערע ביכער.

אין א קורצער צייט איז ער געוואָרן אַזוי פּערפעקט אין זיין ענגליש און אין די פּרינציפּן פון זיין יוריספּרודענץ (געזעצוויסנשאַפט), אַז מ׳האָט גענומען רעדן וועגן אים אין יענע מקומות ווי וועגן א „גרויסן קענער״. און אַזוי ווי זיין באַלעבאָס איז געגאַנגען באַנקראָט, האָט מען אים צו־גערעדט צו לויפן אַלס קאַנדידאַט פאַר דער אילינאָי׳ער לעגיסלאַטור.

דאָס איז געווען אין מערץ, 1832. ער איז דעמאָלט ערשט געווען 23 יאָר אַלט. ער האָט אָנגעשריבן א וואַל־פּלאַטפאָרם און אַן אויפרוף „צו דער באַפעלקערונג פון סאַנגאַמאָן קאָונטי״, וואָס האָט פיל מענטשן איבער־ראַשט מיט זיין געבילדעטן לשון און פיינע געדאַנקען. דערווייל איז אין אַפּריל אויסגעבראָכן דער איבערפאַל פון די „בלעק־האָק״־אינדיאַנער. לינ־קאָלן האָט זיך אָנגעשלאָסן אין א קאָמפּאַני וואָלונטירן פון דער קאָונטי און גלייך דערוויילט געוואָרן אַלס קאַפּיטאַן. קיין גרויסע נסים אַלס קאַפּי־טאַן האָט ער אָבער נישט באַוויזן.

אין זיין ערשטער קאַמפּאַניע פאַר אַסעמבלימאַן איז ער דורכגעפאַלן. האָט ער צוזאַמען מיט א פריינט זיינעם וויליאַם בערי געעפנט א סטאָר. דאָס זיינען טאַקע געווען די „ריכטיקע געשעפטסלייט״. בערי איז געווען א שיכור און לינקאָלן האָט ליב געהאַט צו דערציילן מעשות. איז אַז איי־נער איז געקומען עפּעס קויפן, איז ער אַרויס פון סטאָר מיט עטלעכע אַנעקדאָטן אַנשטאָט פּראָדוקטן.



דזשאָן בראַון
מאַרטירער אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגערן

לינקאָלן אַלס קאָנגרעסמאַן

„אַלע אַרמייען פון איוראָפּע,
אַזיע און אַפריקע...
וואָלטן נישט געקענט נעמען
מיט געוואַלט קיין איין טרונק
פונעם אָהאַיאָ ריווער״.

אין מאַי 1833 איז איבערהעם לינ־קאָלן באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָסט־מאַסטער פון ניו סעילעם, אילינאָי. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער געקראָגן אַ צוגאָב־שטעלע פון אַ „דע־פּיוטי סורוועיאָר״, אויפזיכט איבער די גרעניצן פון די פעלדער און גיטער. פון דיביידע שטעלעס צוזאַמען האָט ער קוים געקענט ווי עס איז אויסקו־מען. אָבער ער האָט ווידער געהאַט געלעגנהייטן און צייט צו לערנען. דערפאַר איז ער שוין אין די וואַלן פון 1834 דערוויילט געוואָרן צו דער לעגיסלאַטיווער אַסעמבלי פון אילינאָי און אַזוי שוין כסדר געשטיגן.

אגב האָט אים נאָך זיין פריינט און פּאָליטישער קאָלעגע טאָד סטו־אַרט, צוגערעדט זיך נעמען צוגרייטן צו נעמען עקזאַמענס אין יוריספּרו־דענץ. לינקאָלן האָט מיט זיינע גרויסע פעאיקייטן און התמדה, אין סעפּ־טעמבער, 1836, אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און צוגעלאָזן געוואָרן צו דער „באַר״, צו דער פּראַקטיק פון אַדוואָקאַטור.

אין אַפּריל, 1837, האָט ער פאַרלאָזן ניו סעילעם און זיך שוין באַ־זעצט אין ספּרינגפילד, וואָס איז דערנאָך באַלד געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון אילינאָי. נאָך פאַרשיידענע לאָ־פאַרבינדונגען איז ער פון 1843 אָן געווען אין שותפות מיטן לאָיער וויליאַם הענרי הערנדאָן, און זי האָט שוין אָנגעהאַלטן אין משך פון זיין גאַנצן לעבן.

אין 1842 האָט לינקאָלן געפּרוווט „לויפן״ פאַר קאָנגרעסמאַן. ער האָט ווידער צום ערשטן פּרוואו באַגעגנט אַ דורכפאַל און ערשט געוואָרן דערפאָלגרייך אין די קאָנגרעס־וואַלן פון 1846. ער איז דעמאָלט דערוויילט געוואָרן מיט אַ קליינער מערהייט.

אַ יאָר שפּעטער האָט ער שוין געמאַכט אַ רושם איבערן גאַנצן לאַנד מיט זיין היסטאָרישער „ספּאָט״־רעזאָלוציע. דער צוקונפטיקער גרויסער לינ־קאָלן האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסצושיילן.

דאָס איז געווען אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרשווערונג פון די גרויסע ספּעקולאַנטן און פּראָפיטירער פון מיליטערישע פּאָדריאַדן, צוזאַמען מיט די גענעראַלן און דעם פּרעזידענט, אַרויפצוצווינגען אַ מלחמה אויף מעק־סיקאָ. אין זיינע מעסעדזשעס צום קאָנגרעס, אין 1846, האָט פּרעזידענט פּאָלק דערקלערט, אַז מעקסיקאָ איז איבערגעפאַלן די פאַראייניקטע שטאַטן

און דעריבער מוזן מיר אָנפירן די מלחמה קעגן מעקסיקאָ. האָט זיך לינקאָלן אוועקגעשטעלט מיט זיינע פאָרשלאָגן, אַז דער פּרעזידענט זאָל קאָנקרעט אָנווייזן, אָנרופן די שטעט, דערפער און געגנטן, וואו מעקסיקאַנער ארמייען האָבן זיך אַריינגעריסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

לינקאָלן האָט שוין געזען פאַר זיך דעם אמת'ן פּרצוף פון אַזעלכע מינים פּאַטריאָטן, נאָך מיט צען יאָר פריער, איידער ער האָט גע'חלומ'ט צו זיין אַ קאָנגרעסמאַן.

אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין „יאָנג מענס ליסעאום", אין ספּרינגפילד, איליניאָי, ווען דער אַלאַרם, וואָס איז געקומען מצד די דע־מאָלטיקע עקאָנאָמישע ראַיאַליסטן וועגן דער נויטווענדיקייט צו האָבן אַ שטאַרקע אַרמיי און אַ מעכטיקן פלאָט, האָט זיי שוין דעמאָלט לינקאָלן גע־שטעלט דרינגענדיקע פראַגעס:

„...פאַר וועמען אייגנטלעך דאַרפן מיר עס אַזוי מורא האָבן?... אפשר פאַר עפּעס אַ מיליטערישן ריז, וואָס וועט אַריבערשפּאַנען דעם אָקעאַן און אונטערדריקן אונדז מיט איין קלאַפּ? עס הויבט זיך נישט אָן! אַלע אַר־מייען פון אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע צוזאַמענגענומען, מיט אַלע אוצרות פון דער ערד (מיט דער אויסנאַם פון אונדזערע אייגענע), אין זייער מילי־טערישער קאַסע, מיט אַ באָנאַפּאַרט (אַ נאַפּאָלעאָן — י. ב. ב.) אַלס קאָ־מאַנדיר, וואָלטן נישט געקענט מיט גוואַלט נעמען קיין איין טרונק פון דעם אָהאיאָ ריווער, אָדער עפענען זיך אַ וועג אויפן „בלורידזש" אין משך פון אַ טויזנט־יאָריקער קאַמפּאַניע.

„איז וואו, אייגנטלעך, ביי וועלכן פונקט קענען מיר דערוואַרטן אַ געפאַר פאַר אונדז? מיין ענטפער איז, אויב אַזאַ געפאַר וועט אונדז דער־גרייכן, וועט זי קומען פון צווישן אונדז, דאָ אין אַמעריקע.

עס איז קלאָר וועמען לינקאָלן האָט געמיינט אין 1837. אין 1847 און אין 1848 איז ער שוין געווען נישט בלויז קיין „מיינער", נאָר אויך אַ פּאָ־זיטיווער זאָגער. ער האָט אָפן געזאָגט, אַז די מעקסיקאַנער מלחמה איז „אומנייטיק און אומקאָנסטיטוציאָנעל אָנגעהויבן געוואָרן פונעם פּרעזי־דענט".

און אַזוי האָט זיך דעמאָלט שוין אָנגעהויבן דער אָפענער, ביטערער קאַמף צווישן די צוויי קעגנזעצלעכע אידעאָלאָגיעס — דער געראַנגל פון די לעצטע רעשטן פון דער אַלטער שקלאַפן־וועלט, וואָס קלאַמערן זיך נאָך אָן מיט אַלע כוחות צו האַלטן זיך מיט ציין און נעגל, און צווישן די נייע כוחות פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך געניטיקט אין נייע פאַרהעלטע־נישן פון אַרבעט, פּראָדוקציע און מערק און אין נייע אידעאָלאָגיעס, וואָס זאָלן האַרמאָנירן מיט די דאָזיקע פאַרהעלטענישן.

די געשיכטע האָט אַוועקגעשטעלט דעם פּשוט'ן פּאָלקישן זון פון אַ קאַרפּענטער און שיף־אַרבעטער, אַריינצופירן די שיף פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין נייע וואַסערן.

לינקאָלנס פעסטע טריט

„אַרבעט איז פאַר קאַפּיטאַל",
דערקלערט דער אַמאָליקער
העקער פון שפּאַלעס. —
איז ער באַרעכטיקט
צו „עפּעס מער",
ווי נויט און דלות . . .

מען האָט אָנגערופן לינקאָלן „דער גרויסער קרייץ־פאַרהערער", אָבער נאָך מער איז ער געווען דער, וואָס האָט מיט אַלע כוחות זיך איינגעשטעלט פאַר די, וואָס מ'האָט געוואָלט קרייציקן צוליב זייער געבורט. ער איז גראָד דערהויבן געוואָרן צו זיין שפּעטערדיקער הויכער שטעלע דורך דעם, וואָס ער האָט זיך שטענדיק געפונען אויף דער זייט פונעם באַרויבטן און גע'רודפ'טן. קאַרל מאַרקס האָט נאָכגעפאָלגט דעם דאָזיקן אויפגייענדיקן שטערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען. ווען ער איז אויסגעקליבן געוואָרן שפּעטער אַלס פּרעזידענט, האָט מאַרקס אָפּגעשאַצט די געשעעניש ווי אַ נייע עפּאָכע פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

היפּשלעך פרי האָט לינקאָלן פאַרשטאַנען, אַז דער כוח פון אַרבעטסמענטשן ליגט אין זייער איינִיקייט. ער האָט אין דעם געזען דעם העכסטן מענטשלעכסטן אויסדרוק. זיין קאַמף קעגן שקלאַפעריי איז נישט געווען קיין קאַפּריז פון צופאַל. ער האָט זיך נאָך פריער געהאַט אויסגעדריקט:

„דער שטאַרקסטער בונד פון מענטשלעכער סימפּאַטיע, חוץ דער קרובה'שאַפט פון פאַמיליע, דאַרף זיין דער, וואָס פאַראייניקט אַלע אַרבעטס־מענטשן, פון אַלע נאַציעס, פון אַלע שפּראַכן און פון אַלע שטאַמען".

נישט זייענדיק קיין מיטגליד פון קיין סאָציאַליסטישער גרופּירונג, האָט ער זיך אויסגעדריקט וועגן דעם באַלד נישט ווייניקער שאַרף ווי מאַרקס גופא. לינקאָלן האָט וועגן דעם דערקלערט:

„אַרבעט איז פריער און אומאָפּהענגיק פון קאַפּיטאַל. קאַפּיטאַל איז בלויז די פּרוכט פון אַרבעט און וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט אויף דער וועלט, אויב אַרבעט וואָלט אים פריער נישט געשאַפן. אַרבעט איז חשוביער פון קאַפּיטאַל און פאַרדינט פיל העכערע אָפּשאַצונג".

פון 1849 ביז 1854 איז לינקאָלן אינגאַנצן פאַרשוואונדן פונעם פּאָליטישן האָריזאָנט. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט יוריספּרודענץ און געוואָרן איינער פון די באַרימטסטע געזעץ־קענער אין אילינאָי.

סוף כל סוף האָט זיך אָבער לינקאָלן מער ווי פינף יאָר נישט געקענט איינהאַלטן פון שטיין אויסער פּאָליטיק. ווען דער קאַמף קעגן די אַפּעטיטן פון די שקלאַפנהאַלטער האָט זיך פאַרשאַרפט און עס האָט אויסגעקוקט, אַז עס מוז אינגיכן קומען צו אַ שווערן צוזאַמענשטויס, האָט זיך לינקאָלן אומ־

געקערט צו דער פּאָליטישער אַרענע. אויך זי האָט ער באַמייסטערט וואָס ווייטער אַלץ אויף אַ מער פּאָלקאָמענעם אופן, און זיין רעדנער־קראַפט האָט נישט איינמאָל צוריקגעשלאָגן די פּעאיקסטע, גלאַטצונגיקע אַדוואָקאַטן פאַר דער אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי.

אמת, לינקאָלן איז נישט געווען אין די רייען פון דער אַבאָליציאָניס־טישער באַוועגונג. ער איז געווען אָבער ביי איר זייט. ער איז אויך נישט נעגאַנגען אַזוי ווייט ווי די אַבאָליציאָניסטן. ער האָט געגלויבט, אַז די שטאַטן, וואָס זיינען באַזירט אויף שקלאַפן־אַרבעט, דאַרפן באַקעמפט ווערן בלויז דורך קאָנסטיטוציאָנעלע מיטלען. ער איז געווען דערפאַר, אַז יעדער שטאַט האָט דאָס רעכט אַרויסצוזאָגן זיך פאַר אָדער קעגן שקלאַפעריי, כאָטש ער אַליין האָט זי באַטראַכט ווי די שאַנדע פון דער מענטשהייט. ער האָט גע־האַלטן, אַז מען טאָר נישט צולאָזן שקלאַפעריי אין טעריטאָריעס, אויף וועלכע די נאַציאָנאַלע רעגירונג האָט די אויפזיכט און דעריבער שטאַרק באַקעמפט דעם קאָמפּראָמיס, וואָס מ׳האָט גערופן דעם „קענזאַס־נעבראַסקא אַקט”, און די אַנטשיידונג פונעם סופּרים־קאָורט (דרעד סקאָט), אַז נעגער זיינען נישט קיין בירגער און האָבן נישט קיין רעכט צו ווענדן זיך צום געריכט.

לינקאָלן האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם קאַמף מיט פרישע כוחות. קעגן אים, אין זיין שטאַט, אין אילינאָי, האָט זיך דאַך געפונען דער הויפּט־פירער און דער שטאַרקסטער אָראַטאָר אין יענער צייט פון דער דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי. עס איז נישט געווען אין שטאַט אילינאָי קיינער, וואָס זאָל זיך קענען מעסטן מיטן אַלטן דורכגעטריבענעם סענאַטאָר, סטיפען דאָוגלאַס, אין אַרגומענטאַציע און פּאָליטישע שמד־שטיק. לינקאָלן איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געוואַגט צו שטעלן זיך קעגן אים.

אומעטום וואו סטיפען דאָוגלאַס האָט געהאַלטן איינע פון זיינע לאַנגע און שטורעמדיקע רעדעס, איז אים לינקאָלן, לויט די אָנרעגונגען פון אַבאָ־ליציאָניסטן, נאָכגעקומען ווי אַ שאָטן, באַוואָפנט מיט פאַקטן, מיט לאָגיק, מיט הומאַניסטישע, מאָראַלע געדאַנקען און — מיט שטרענגע פּראַקטישע אָנווייזונגען.

ער איז ווידער דערוויילט געוואָרן אין דער שטאַט־לעגיסלאַטור פון אילינאָי, אָבער ער האָט באַלד רעזיגנירט, כדי צו מעסטן זיך מיט דאָוגלאַס׳ן אויף אַ ברייטערע אַרענע, פאַרן סענאַטאָר־אַמט אין אילינאָי. כאָטש ער איז דעמאָלט נישט דערוויילט געוואָרן, האָט ער אָבער געמאַכט אַ וואונדערבאַרע דערציערישע קאַמפּאַניע.

די נייע רעפּובליקאַנער פּאַרטיי (וואָס פאַר אַ מהלך זי איז געווען פון דער איצטיקער!), וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין וויסקאָנסין, אין 1854, האָט גענומען שלאָגן נענוג וואָרצלען אויך אין אילינאָי, וואו זי האָט אָנ־געהויבן צו פונקציאָנירן אין 1856. עס איז שוין געוואָרן קלאָר אויף דעם

דאָזיקן צוזאַמענפאָר, וואו עס האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט אַלע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען קעגן די מאַכינאַציעס פון די שקלאַפאָקראַטן, אַז איי־בערהעם לינקאָלן איז ווערט צו זיין איינער פון די באַנער־טרעגער פון דער פּאַרטיי, נישט בלויז אין אילינאָי, נאָר איבערן גאַנצן לאַנד. דעם 29טן מאַי איז לינקאָלן אויסגעקומען צו האַלטן די באַרימטע רעדע, וואָס איז איצט בלויז באַקאַנט אונטערן נאָמען „די פאַרלאָרענע רעדע”. זי האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם.

דערפאַר האָט שוין דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר פון אָט דער נייער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, אין 1856, נאָמינירט לינקאָלן מיט 110 שטימען פאַר איר קאַנדידאַט פאַר וויצע־פּרעזידענט, בעת פרימאָנט איז באַשטימט געוואָרן פאַרן פּרעזידענט־קאַנדידאַט אין די נאַציאָנאַלע וואַלן. לינקאָלן איז אויך דעם זעלבן יאָר געווען אויף דער ליסטע פון די עלעקטאָרס, וואָס קלייבן דערנאָך אויס דעם פּרעזידענט.

דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די אַלטע פּאַרטייען, סיי די טאָרים, סיי די דעמאָקראַטן און סיי די „ווהיגס”, זיינען שוין אינגאַנצן געווען דיסקרע־דיטירטע און רענעגאַטירטע. וויפיל מאָל זיי האָבן שוין פאַרראַטן און אַנ־טוישט! די רעזולטאַטן פון די 1856 וואַלן זיינען פאַר דער נייער פּאַרטיי שוין געווען דערפרייענדיקע. אַוודאי האָט נאָך די יונגע נייע רעפּובליקאַנער פּאַרטיי נישט דערוויילט אירע פּרעזידענט־קאַנדידאַטן, דערפאַר געוואונען פיל פּאָזיציעס איבער די שטאַטן. אין אילינאָי האָט דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט־קאַנדידאַט ביוקענען געוואונען אַלס פּרעזידענט־קאַנדידאַט. אָבער די רעפּובליקאַנער האָבן דערוויילט דעם גאָווערנאָר און די שטאַט־באַאַמטע.

אין 1858 האָט שוין סענאַטאָר סטיפן דאָוגלאַס געדאַרפט „לויפן” פאַר ווידער־דערוויילונג, האָט די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אייַנשטימיק נאָמי־נירט איבערהעם לינקאָלן פאַר איר סענאַטאָר־קאַנדידאַט קעגן דאָוגלאַס'ן. די דאָזיקע נאָמינאַציע, וואָס איז געקומען צום 39 יאָריקן לינקאָלן מיט אַזאַ איינשטימיקייט, איז געווען אַזוי גוט ווי אַ פאָראויסזאָג, אַז ער וועט שוין אויך זיין דער צוקונפטיקער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אויף יענער קאָנווענשאָן איז זיין רעדע באַטראַכט געוואָרן ווי אַ שליסל־רעדע צו די קומענדיקע נאַציאָנאַלע וואַלן אין 1860. די רעדע איז אַ מוסטער פון אַן ערשט־קלאַסיקער פּאָליטישער רייפקייט און פון קלאַסיש־פּאָעטישער נבואה:

„אַ הויז, וואָס איז צעטיילט קעגן זיך אַליין, קען זיך נישט צוזאַמענ־האַלטן. איך גלויב נישט, אַז די רעגירונג זאָל זיך שטענדיק קענען האַלטן אַ האַלבע אַ שקלאַפנהאַלטערישע און אַ האַלבע אַ פרייע. כ'דערוואַרט נישט, אַז די יוניאָן (פאַראייניקטע שטאַטן) זאָל זיך אויפלייזן — כ'דערוואַרט ניט, אַז די הויז וועט פאַלן — אָבער איך דערוואַרט יאָ, אַז זי זאָל אויפהערן צו זיין צעטיילט. זי וועט מוזן ווערן אינגאַנצן איינס אָדער אינגאַנצן דאָס אַנדערע...

יאָנאַס און לינקאָלן

צוויי אברהמס האָבן זיך געטראָפן
און ביידע מיט די זעלבע
שלאָגנדיקע וואָפן.
איינער אַ ריז, אַן עוג מלך הבשן,
דער צווייטער אַ קאַרליק,
אָבער וואָס פאַר אַ לשון!

לינקאָלנ׳ס הומאַניזם איז געווען אַ נאַטירלעכער שטריך ביי אים, צונויפגעוואַקסן מיט זיין גאַנצן מהות. אַזוי אויך זיין עכטער דעמאָקראַטיזם. ביי פּאָליטיקער פונעם ערלעכן סאָרט זיינען זיי שווער־דערוואָרבענע אייגנשאַפטן, בעת ביי דעם ס׳רוב פּאָליטיק־טרייבער, וואָס מיר רופן „פּאָליטישנס" זיינען זיי אַרויפגעצויגענע הויטן, צומאָל צוגעפּאַרבטע מאַסקעס. אַזעלכע קענען אין איין רגע איבערגעביטן ווערן אויף אַנדערע. מיטן „ערלעכן אייב׳ן" איז עס געווען אַן אוממעגלעכקייט.

לינקאָלנ׳ס שטעלונג צו דעמאָקראַטיע איז געווען אַזוי קלאָר ווי אַ טאָג אין באַרגיקן זונשיין. אָט זיינען זיינע אייגענע ווערטער:

„פּונקט אַזוי ווי איך וואָלט נישט וועלן זיין קיין שקלאַף, אַזוי וואָלט איך נישט וועלן זיין קיין הערשער. דאָס דריקט אויס מיין געדאַנק וועגן דעמאָקראַטיע. אויב אין ערגעץ ווערט עס אויסגעדריקט אויף אַן אַנדער אופן, איז אויף וויפיל דעמאָקראַטיע באַקומט זיך דערפון עפּעס אַנדערש — אויף אַזוי פיל איז עס נישט קיין דעמאָקראַטיע".

און דאָס זעלבע איז ביי אים דער באַגריף וועגן הומאַניזם. נישט געווען עפּעס אַזוינס, וואָס שליסט אימעצן אויס פון דער מענטשלעכער קאַטעגאָריע. איר געפינט אין ערגעץ נישט ווי לינקאָלן זאָל זיך האָבן ווען עס איז דערקלערט אין אַ באַזונדער ליבע צו יידן, ווי דאָס טוען פאַרשיידענע אַנדערע פּאָליטישנס. ביי אים איז גאָרנישט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז יידן זיינען אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע מענטשן, מיט פיל נעגאַטיווע שטריכן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די, וואָס צערייסן זיך אָפטמאָל מיט אַלערליי שבחים פאַרן יידישן פאָלק. און נישט זיי מיינען עס און נישט זיי זיינען אמת.

גראָד איז אים אין די יונגע יאָרן נישט אויסגעקומען צו זען יידן און אוודאי האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַ נאָענטער באַקאַנטשאַפט. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך באַקאַנט מיט איינעם, איז עס שוין געוואָרן אַ דויערנדיקער בונד פון פריינטשאַפט.

ווי נאָר ער איז אַריין אין דער פּאָליטישער אַטמאָספערע, האָט ער זיך אין אילינאָי שנעל באַפריינדעט מיט אַ צווייטן אברהם. דאָס איז געווען דער יידישער אַבאָליציאָניסט און אַדוואָקאַט אברהם יאָנאַס. ער, ווי לינקאָלן, האָט שוין אויך פאַרזוכט דעם טעם פון פּאָליטיק, בעת איבערהעם לינקאָלן

האָט אין 1838 געהאַט די דערפאַרונג פון צוויי יאָר דינסט אין דער אילי־נאָיער לעגיסלאַטור, האָט שוין יאָנאַס געהאַט אַ דערפאַרונג פון פיר יאָר דינסט אין דער קענטאַקיער לעגיסלאַטיווער אַסעמבלי. זיי האָבן ביידע גע־האַט געמיינשאַפטלעכע איבערצייגונגען.

לינקאָלן האָט דערקענט אין יאָנאַס'ן דעם פּעאיקן זשורנאַליסט. יאָנאַס האָט דערקענט אין דעם אויסערגעוויינלעך־הויכן לינקאָלן אַן אויפגייענדיקן שטערן. נישט נאָר האָבן זיי געהאַט אַ געוויסע גייסטיקע קרובה'שאַפט, נאָר אויך געגנזייטיקע אינטערעסן. ווען יאָנאַס איז געלאָפן פאַר אַסעמבלי־מאַן אין דער אילינאָיער לעגיסלאַטור פון זיין נייעם וואוינאָרט אין קווינסי, אילינאָי, איז ער דורכגעפאַלן אין די וואַלן פון 1838. אָבער ער האָט זיך געמאַכט אַן אוידיטאָריע דורך נעמען אַרויסגעבן אין קאָלאָמבוס, אילינאָי, אַ מיליטאַנטע צייטונג. דאָס איז געווען אין די יאָרן 1840 און 1841.

אין 1842 איז יאָנאַס ווידער געלאָפן פאַר אַסעמבלימאַן און ווידער דורכגעפאַלן. אָבער קעמפערישע נאַטורן ווייסן נישט פון קיין דורכפאַל. יעדער פאַל מיינט — אויפהויבן זיך מיט נאָך מער קראַפט און ענערגיע.

יאָנאַס איז געווען אַן ענגלישער ייד, וואָס איז אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקע צו זיין עלטערן ברודער דזשאָזעף, דער ערשטער ייד אין סינסי־נעטי. וועגן אָט דעם ברודער ווערט דערציילט, אַז אַ פרוי איז ספּעציעל אים געקומען אַנקוקן, ווען זי האָט געהערט, אַז אַ ייד איז געקומען זיך באַזעצן. זי האָט אים לאַנג באַקוקט פון אַלע זייטן און דערנאָך מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט: סטייטש, איר קוקט דאָך אויס ווי מיר אַלע?...

זיין יינגערער ברודער, אייבערהעם יאָנאַס איז אַהער געקומען אין 1819, מיט אַ היפּשער גרופּע ענגלישע יידן פון פּלימוט און פּאָרטסמוט. ער האָט דאָ געהייראַט די טאָכטער פונעם רעוואָלוציאָנערן ניו יאָרקער רב גרשום מענדעס סעישעס. ער האָט זיך באַזעצט אין דער שנעל־וואַקסנדיקער שטעטל פון קווין סיטי. אין זיין דאָרטיקן האַנדל איז יאָנאַס געווען דער־פאָלגרייך. אָבער ווען זיין פרוי איז אים פּלוצלונג געשטאָרבן, האָט ער זיך באַזעצט אין וויליאַמסטאַון, קענטאַקי, געעפנט אַ געשעפט און גלייכצייטיק אַ שמעק געטאָן דעם ריח פון פּאָליטיק.

יאָנאַס איז געווען גענוג פּעאיק אין אַזאַ פּיאָנעריש אָרט צו מאַכן זיך אַ וועג צו דער לעגיסלאַטור. אין אויסזען איז ער טאַקע געווען אַ קליין, דאַר יידעלע, אָבער דער, וואָס האָט דערהערט זיין שטים, זיין וואַרעם וואָרט, האָט אים פון דעם אַליין געקענט געדענקען. דערצו איז יאָנאַס געווען באַ־גאַבט מיט אָראַטאָרישער קראַפט. ער איז דערוויילט געוואָרן צוויי מאָל אין דער לעגיסלאַטור, און אין משך פון די יאָרן האָט ער שטודירט געזעצ־ביכער.

מיט דער צייט האָט זיך יאָנאַס באַזעצט אויף דער גרענעץ אינעם שטעטל קווינסי. ער האָט זיך דאָרט געטראָפן מיט לינקאָלן, זיך באַפריינדעט,

נעפּרואווט „לויפן" אַלס קאַנדידאַט אין דער אילינאָיער אַסעמבלי און צוויי מאָל דורכגעפאַלן, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט רעדאַגירט אַן אייגענע צייטונג „דהי קאָלאָמבוס אדוואָקעיט".

יאָנאַס'ן איז, אין 1843, געלונגען אַפּצוגעבן עקזאַמען אַלס לאָיער אין אילינאָי און צוגעלאָזן געוואָרן צום אדוואָקאַטן־שטאַנד. פאַר אַמביציעזע מענטשן איז דאָס געווען „די גאָלדענע טיר צו דערפאָלג". צוזאַמען מיט דעם נישט־יידן העגרי אסבורי האָט ער געגרינדעט די לאָ־פירמע „יאָנאַס און אסבורי", איבערגעבנדיק אַלע זיינע פריערדיקע געשעפטן צו זיינע ברידער אין קווינסי.

אַלס לאָיער איז שוין יאָנאַס'ן געווען לייכט דערוויילט צו ווערן ווי אַן אילינאָיער „וויהיג" אין דער לעגיסלאַטור, געוואָרן באַרימט, געפּרואווט שוין אפילו לויפן אַלס קאַנדידאַט אין אילינאָיער סענאַט. מיט אַ צייט פריער האָט ער פאַר זיינע פּאַרטיי־פאַרדינסטן געקראָגן דעם אַמט פון פּאָסטמאַס־טער אין קווינסי און זי אָנגעהאַלטן אונטער די פּרעזידענטן פּילמאָר און טעילאָר.

ווען לינקאָלן באַזוכט קווינסי צום ערשטן מאָל, אין 1854, איז יאָנאַס זיין נאָענטסטער פריינט אין שטאָט. לינקאָלן רופט זיך שטענדיק פּאָזיטיוו אָפּ אויף יאָנאַס'עס עצות, וואו עס איז פאַר אים נויטיק צו פאַרן און באַגעגענען שווערע קעגנער.

יעדן מאָל ווען לינקאָלן פלעגט קומען פון ספּרינגפילד קיין קווינסי, פלעגט אים יאָנאַס באַגעגענען ביי דער סטאַנציע (סטעידזש קאָוטש), אוועק־פירן אים אין האָטעל און בעראַטן זיך וועגן די פאַרשטייענדיקע קאַמפּאַ־ניעס. אַ שאָד וואָס דער גרעסטער טייל פון דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן די צוויי אברהמ'ס, האָט זיך ביז איצט נאָך נישט אָפּגעזוכט.

ווען די אַלטע „וויהיג" פּאַרטיי איז אָפּגעשטאָרבן, צוליב דער שאַרפער צעטיילונג אין דער שקלאַפערייפראַגע, האָבן זיך ביידע באַלד אָנגעשלאָסן אָן דער נייער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי מיט איר פּראָגרעסיווער אַנטי־שקלאַ־פערישער פּראָגראַם. ביידע זיינען זיי געווען פּרעזידענט־וואַלמענער (פּרעזי־דענט עלעקטאָרס) אין דער קאַמפּאַניע פון 1856, וואָס האָט געאַרבעט פאַרן קאַנדידאַט פון דער נייער פּאַרטיי, פרימאָנט.

פֿאָטער אברהם און זיינע קינדער

„איך האָב נישט קיין באַזונדערע
ליבע צו יידן,
אָדער צו וועלכן עס איז
אַנדערן פֿאָלק.
ביי מיר זיינען אַלע גלייך —
מענטשן-קינדער".

אין די יאָרן 1859 און 1860 האָט דער געזעלשאַפֿטלעכער געראַנגל אַרום דער פֿראַגע פֿון נעגער־שקלאַפֿעריי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זיך שוין געטראָגן מיט שטורעם הין־און־צוריק. די ספּעקטאַקולערסטע קאַמפֿן זיינען פֿאָרגעקומען צווישן די צענטראַלע שטאַטן.

ווידער זיינען אויף די טאָג־אָרדענונגען געשטאַנען די פֿראַגן וועגן דער באַציאונג פֿון די רעוואָלוציאָנערע פֿאָטערס פֿון דער קאָנסטיטוציע, אין סוף 18טן יאָרהונדערט צו שקלאַפֿעריי, וועגן דעם מיזורי־קאָמפּראָמיס, וועגן דעם קענזאַס־נעבראַסקאַ־קאָמפּראָמיס, וועגן דער אַנטשיידונג פֿונעם סופּרים קאָורט אין דער דרער סקאַט אַפֿערע.

מיר האָבן שוין געזען ווי אברהם יאָנאַס איז נישט איינמאָל געווען דער, וואָס האָט גערופֿן לינקאָלנ'ען צו קומען העלפֿן אין שווערע סיטואַציעס און לינקאָלן איז, ווי אַ גוטער סאָלדאַט, געקומען און דערפֿילט זיין פֿליכט. יאָנאַס אַליין איז אויך נישט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט. ער האָט געהאַלטן זיינע רעדעס אין זיין גאַנצער טעריטאָריע.

יאָנאַס איז געווען דער צווייטער נאָך אסבורי'ן (לינקאָלנ'ס אַ פֿריינט און זיין לאָ־שותּף, וואָס האָט ערנסט אָנגעהויבן צו אַרבעטן באַצייטנס, אַז לינקאָלן זאָל נאָמינירט ווערן פֿון דער נייער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אַלס קאַנדידאַט פֿאַר פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

מיר זעען אין יאָנאַסעס אַ בריוו פֿון דריטן פֿעברואַר, 1860, צו לינקאָלן, ווי ער בעט אים צוצושיקן דעם טעקסט פֿון זיין גרויסער דעבאַטע מיט דאָוגלאַס'ן און פֿאַרזיכערט אים דערנאָך —

„...מיט די געהעריקע אָנשטרענגונגען און גוט־דורכגעקלערטע אָפּקלייבונגען דעם קומענדיקן יוני אין שיקאַגאָ (אויף דער נאָמינאַציע קאָנווענשאָן), וועלן מיר זיין אימשטאַנד צו געווינען און פּראָקלאַמירן אין נאָוועמבער אונדזער זיג פֿאַר דער גאַנצער וועלט". (זע: קאָרן, „לינקאָלן און די יידן", ז"ז 189—216.)

יאָנאַס האָט אויך געהאַט אַ האַנט אין צונישטמאַכן דעם בלבול, וואָס די שקלאַפֿאָקראַטן האָבן פֿאַרשפּרייט אויף לינקאָלן, אַז ער זאָל פֿריער האָבן געווען אַ מיטגליד פֿון דער „נאָו נאַטהינג" גרופּירונג.

אין משך פֿון דער פּרעזידענט־קאַמפּאַניע, אין 1860, האָט יאָנאַס אָפּ־

געהאַלטן פיל גרויסע און שטורמישע מיטינגען פאַר לינקאָלנ׳ס דערוויילונג. איין מיטינג ביי סטאָונ׳ס פּרעירי האָט אָנגעצייל ט ארום צען טויזנט בירגער פון די אַרומיקע ישובים. דער סענאַטאָר אָרוויל פּיקמאַן בראַונינג האָט באַגלייט יאָנאַס׳ן צו דריי אַזעלכע ריזיקע מיטינגען און באַוואונדערט זיין רעדנער־קראַפט.

נאָך לינקאָלנ׳ס זיג אין די וואַלן האָט יאָנאַס דערהאַלטן אַ געהיימע ידיעה פון דער סאַוט (מעגלעך דורך מיטגלידער פון זיין פאַמיליע), אַז מען קלייבט זיך צו דערמאָרדן לינקאָלן אויף זיין וועג קיין וואַשינגטאָן. יאָנאַס האָט נאַטירלעך גלייך איבערגעשיקט די ידיעה צו לינקאָלן און אים געענטפערט: „אייער זיכערקייט און די נאַציאָנאַלע גאַנצקייט שטייט דאָ אין קאָן״. יאָנאַס האָט שפּעטער אַביסל געלייענט די נייעס, אַז עס איז דורך דער פּאָליציי צעשטערט געוואָרן אַן אַטענטאַט־פּלאַן אויף דעם דערוויילטן פּרעזידענט, ווען ער איז דורכגעפאָרן באַלטימאָר.

צווישן די פאַרשיידענע שטעלעס וואָס לינקאָלן האָט אויסגעטיילט אין די ערשטע טעג פון זיין אַדמיניסטראַציע, זעען מיר אויך די באַנייאונג פון דעם פּאָסטמאַסטער־אַמט פאַר יאָנאַס׳ן אין קווינסי.

אוודאי איז עס געווען אַ קענגזייטיקע פריינטשאַפט. אַזוי האָט זיך לינקאָלן , אין 1862, געוואונדערט צו יאָנאַס׳ן און זיין לאָ־שותף, אַז זייער פירמע זאָל אָננעמען די פאַרטיידיקונג פון אַ מיזורער יונגנמאַן, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר דיסלאָיאַליטעט.

אין מאַי, 1864, האָט די יאָנאַס פאַמיליע זיך געווענדט צום פּרעזידענט נאָך אַ טובה. דאָס איז געווען די לעצטע בקשה. פּונקט ווי פיל אַנדערע פאַמיליעס זיינען געווען צעטיילט צווישן דעם דרום און צפון אין זייערע אינטערעסן און שטרעבונגען, אַזוי איז עס אויך געווען אין דער יאָנאַס פאַמיליע. איין זון האָט געדינט אין דער יו־ען אַרמיי און פיר האָבן געקעמפט אַלס סאָלדאַטן אין דער אַרמיי פון דער קאָנפעדעראַציע. איינער פון זיי, טשאַרלס, איז געפאַנגען געוואָרן און געווען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. יאָנאַס גופא האָט קיין שום פאַרזוך נישט געמאַכט צו באַפרייען זיין זון. אָבער אָט איז ער אַליין געלעגן אַ געפאַנגענער פונעם מלאך המות, געלעגן אויפן טויטן־בעט און די פאַמיליע האָט דורך בראַונינג׳ן געבעטן רחמים, מ׳זאָל אים אַרויסלאָזן אויף פּאַראָל, כדי דער פאָטער זאָל אים נאָך זען איידער ער פאַרמאַכט זיינע אויגן.

פאַר לינקאָלן איז עס זיכער נישט געווען קיין גוטע נייעס צו הערן, אַז זיין פריינט שטאַרבט. ער האָט תיכף די בקשה באַוויליקט און באַפוילן אים אַרויסצולאָזן אויף אַ דריי־וואָכיקן פּאַראָל. טשאַרלס האָט נאָך באַוויזן צו קומען אין צייט. דער פאָטער האָט אים דערקענט און געדריקט זיין האַנט. טשאַרלס איז דערנאָך געוואָרן פול מיט דאַנקבאַרקייט צום פּרעזידענט פאַר דער דאָזיקער טובה.

לינקאָלנ'ס לעצטער אַקט אין פאַרבינדונג מיט זיין פאַרשטאָרבענעם פריינט יאָנאַס, איז געווען, וואָס ער האָט באַשטימט מאַדאַם יאָנאַס פאַר פּאָסטמאַסטער אויף איר מאַנ'ס פּלאַץ.

לינקאָלנ'ס הומאַניזם און זיין וויטקייט פון וועלכן עס איז פעלקער־האַס, האָט זיך מער ווי אין אַלץ אַרויסגעהויבן ווען יידן זיינען געוואָרן קרבנות פונעם גענעראַל גראַנט'ס אָרדער וועגן „האַנדלען מיטן שונא", באַוואוסט ווי דער אָרדער נומער עלף. אין דעם דאָזיקן אָרדער, וואָס האָט פאַרבאָטן די סוחרים מיטצוגיין מיט דער אַרמיי אין איר מאַרש צו דער טעריטאָריע פונעם שונא, זיינען די יידן באַזונדערס געוואָרן אויסגעטיילט. אַנשטאָט צו פאַרבאָטן אַלע סוחרים, האָט ער צו דעם צוגעלייגט „און אַלע יידן". מיר ווייסן ווי אַנטיסעמיטן האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו פאַר'מיאוס'ן די יידן אין די אויגן פון די ברייטע מאַסן. אין דער צייט פונעם בירגער־קריג האָט אַזאַ מין אָרדער אָפיציעל פעסטגעשטעלט, אַז אַלע יידן זיינען אומלאָיאַל, פאַרקויפן פאַר זייערע פּראָפיטן די רעפּובליק און אירע פּרינציפּן. יידן האָבן אָנגעהויבן צו קומען קיין וואַשינגטאָן און פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ אָפיציעלן אַנטיסעמיטישן אַקט.

אין דער ערשטער דעלעגאַציע איז געווען אַ יידישער יונגער סוחר פון פּאַדוקאַ, קענטאָקי, סיזער (צעזאַר) קאַסקעל. ער האָט געזאָגט דעם פּרעזי־דענט, אַז דער אָרדער מיינט אַן אומגליק פאַר דער גאַנצער יידישער גע־מיינדע פון זיין שטאָט.

לינקאָלן האָט גלייך צו זיך צוגעלאָזט די דעלעגאַציע, אויסגעהערט זי, און האַלב אין שפּאַס און גוטמוטיקייט באַמערקט:

„הייסט עס, אַז די קינדער פון ישראל זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער גליקלעך לאַנד כנען (קענאַאַן)?"

„דערפאַר זיינען מיר טאַקע געקומען צו אונדזער פאָטער אברהמ'ס בוזעם צו געפינען שוץ" — האָט קאַסקעל גלייך געענטפערט.

„אַזאַ שוץ זאָלט איר גלייך קריגן!" — האָט דער פּרעזידענט אַ זאָג געטאָן ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַ זעץ געטאָן זיך און אָנגעשריבן אַ באַפעל אָפּצושטעלן דעם דאָזיקן אָרדער.

ווען עס זיינען אין עטלעכע טעג אַרום געקומען נאָך דעלעגאַטן, צווישן זיי דר. אייזיק מ. וואַיז און דר. מאַקס ליליענטאַל, ביידע רעפאָרם רבנים, וועגן דעם זעלבן אָרדער און דאַנקען דעם פּרעזידענט פאַר זיין שנעלער האַנדלונג, האָט ער זיי אָפן דערקלערט, אַז ער איז נישט קיין באַזונדערער ליבהאָבער פון יידן אָדער פון וועלכן ער איז אַנדער פאָלק, נאָר אַז אַלע פעלקער און מענטשן זיינען ביי אים גלייך, נישט קוקנדיק אויף רעליגיע אָדער ראַסע.

פוס־דאָקטאָר ישכר זאַכאַריע

הינער־אויגן און מאַזאָליעס
זיינען זיינע פּרנסה־געבער,
און אַז מ׳דאַרף אויך קיבוץ־
גליות —
טובות יידן גאַנצע צעבער!
אַ היימישער אין ווייסן הויז,
קומט צום פּרעזידענט מיט עצות.
און אין דער „סאַוט״ אַ גאַנצער
טויז —
מ׳קלאַפּט זיך דאָרטן אין די
פּלייצעס.

אין די לעצטע דריי יאָר פון דער לינקאָלן־אַדמיניסטראַציע, האָט מען אין „ווייסן הויז״ אין וואַשינגטאָן גע־נומען וואָס אָפטער זען די אויסער־געוויינלעכע געשטאַלט און פּערזענ־לעכקייט פון ישכר (איסאַכער) זאַכאַ־ריע. דאָס איז געווען אַ ייד פון מיטעלן וואוקס, פעסט געבויט, מיט אַ זאַכ־לעכקייט פון אַ פּראָפעסאָר, וואָס איז דער גרעסטער אויף זיין געביט.

ווייניק האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז אַ פוס־דאָקטאָר, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געקומען פון ענגלאַנד. נאָך ווייניקער האָבן געוואוסט, אַז דער הויך־געוויקסיקער און לאַנג־פיסיקער פּרעזידענט האָט זוילן אונטער זיינע פיס, וואָס זיינען אויסגעבעטע מיט אַלערליי מאַזאָליעס און הינער־אויגן. דאָס האָט דער קריגס־מיניסטער סטענטאָן אַריינגעשיקט מיט זיין רעקאָמענדאַציע דר. זאַכאַריע׳ן צום פּרעזידענט, צו מאַכן אים גרינגער זיינע ווייטיקן, און האָבן אַמווייניקסטנס מיט עטלעכע ווייניקער צרות, ווי ער האָט.

אין געוויסע הויכע קרייזן איז שוין דער דאָזיקער יידישער פוס־דאָק־טאָר געווען באַוואוסט. ער האָט באַפרייט פון הינער־אויגן דעם גרויסן שטאַטסמאַן העגרי קלעי, דעם באַוואוסטן דיכטער וויליאַם קאָלען בראַיענט און אַנדערע. דער דאָזיקער איינדרוקספולער און גלאַט־צונגיקער דאָקטאָר איז געקומען צום קריגס־מיניסטער אויך מיט אַ מיליטערישן פּראָיעקט: צו שאַפן אַ קאָרפּוס פון פוס־דאָקטוירים אין דער אַרמיי, וואָס וועט אוועק־שטעלן די אינפאַנטעריע אויף אַ בעסערער „פוסונג״.

לינקאָלן אַליין האָט דר. זאַכאַריע׳ן געגעבן אַ הסכמה, אַז ער איז אַ וואונדערבאַרער היילער פון קראַנקע פיס, אַז ער האָט אים געראַטעוועט פון אומנויטיקע יסורים, און פילט צו אים אַ באַזונדערע פריינטשאַפט. אין די צייטשריפטן זיינען דעמאָלט אַרומגעגאַנגען פיל וויצן איבער לינקאָלנ׳ס ווייכקייט צו די ראַדיקאַלע אַבאָליציאָניסטן און פאַרוואָס ער האָט זיך נישט אוועקגעשטעלט קעגן זיי מיט ביידע פיס. „ווי האָט ער זיך געקענט אוועקשטעלן מיט ביידע פיס, ווען זיי זיינען געווען באַלייגט מיט אַלערליי „קאָרנס״ און מאַזאָליעס!...״ האָט איין צייטונג געשריבן: „...דר. זאַ־כאַריע האָט אונדז איצט ענדלעך געוויזן וואו דער שוך קוועטשט...״

אָבער לינקאָלן האָט מעגלעך אָנגעטרויט דעם דאָזיקן יידן מער ווי די מאַזאָליעס אויף זיינע פיס. עס איז באַוואוסט, אַז זאַכאַריע איז געפאָרן

עטלעכע מאָל הין־און־צוריק — צו דער סאַוט און צוריק קיין וואַשינגטאָן. עס איז באַוואוסט, אַז ער האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיטן יידישן מי־ניסטער פון דער סאַוט, יודא בענדזשאַמין, וועגן אָפּשטעלן די מלחמה. עס איז באַוואוסט, אַז נאָך אַזאַ רייזע איז ער איינמאָל צוריקגעקומען קיין וואַ־שינגטאָן און געווען פאַרשלאָסן מיטן פּרעזידענט גאַנצע צוויי שעה. עס זיינען באַוואוסט זיינע אָפּטע פאַרהאַנדלונגען מיטן גענעראַל בענקס פאַר זיינע באַזוכן אין ווייסן הויז.

אָבער עס איז אויך באַוואוסט, אַז פון די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט.

קענטיק, אַז זאַכאַריע איז נישט געווען איבערקלויבעריש וועגן געוויסע „טובות", וואָס ער האָט געטאָן מענטשן. עס זיינען אויך געווען פאַלן, ווען דאָס זיינען געווען געשעפטלעכע טובות. נישט אַלע פון זיי זיינען דעמאָלט באַפרידיקט געוואָרן אין וואַשינגטאָן. אָבער ישכר זאַכאַריע האָט דאָך פאַר־דינט מסתמא עפּעס אויך פאַר זיין כלל־אַרבעט. האָבן דאָך ניו יאָרקער יידן אים געמאַכט אַ גרויסן באַנקעט. דאָרט האָט מען די לויב פאַר אים פאַר־בונדן מיט „טאָוסטן" פאַרן פּרעזידענט לינקאָלן, פאַר משה מאָנטעפיאָרע, דעם יידיש־ענגלישן פילאַנטראָפּ און הומאַניסט, און פאַר אַנדערע באַוואוס־טע פערזענלעכקייטן.

עס איז באַוואוסט, אַז אין דער 1864 קאַמפּאַניע פאַר דער פּרעזידענט־נאָמינאַציע, האָט זאַכאַריע געשפּילט אַ צוויי פּנים'דיקע ראָלע. פון איין זייט האָט ער געאַרבעט פאַר דער ווידער־נאָמינירונג פון פּרעזידענט לינ־קאָלן. פון דער צווייטער זייט האָט ער שטילערהייט געאַרבעט פאַר דער נאָ־מינאַציע פון גענעראַל בענקס, לינקאָלנ'ס קעגנער.

די „ניו יאָרק וואָרלד" האָט זאַכאַריע'ן אָפן באַשולדיקט אין ספּעקו־לאַציע מיט „קאָטן" אין ניו אָרלינס און אַז ער פלעגט קריגן גוט באַצאָלט פאַר די טובות, וואָס ער פלעגט פועל'ן אין וואַשינגטאָן.

און אָט ווי דער „ניו יאָרק העראַלד" באַשרייבט זאַכאַריע'ן:

„ער איז אימפּאָזאַנט מיט זיין אָנזעעוודיקער רוימישער נאָז, מיט זיינע קולטיווירטע וואָנצעס, מיט זיין גלאַטער אָראַטאָרישער שפּראַך, מיט זיין פינקלענדיקער דימענטענער שפּילקע אין זיין קראַוואַט, מיט זיין גרויסער פּאַכמאַנשאַפט... מיט זיינע קענען אויסגעצייכנט זיין געשעפט און מיט גרויסע רעסורסן פון מאָראַלישן קוראַזש."

לינקאָלן האָט זיך זיכער נישט געלאָזט נאַרן פון אים. ער האָט אַלע זיינע פּאָליטישע עצות צוריקגעוויזן, כאָטש ער האָט פאַר אים געשאַפן די מעגלעכקייטן אַרויסצולאָזן „שלום־טויבן". זיינע פאָרשלאָגן, וואָס ער פלעגט ברענגען פון דער סאַוט, האָבן קענטיק געדינט פאַר לינקאָלן ווי אַ „קלאַנגען־ברעט". מ'האָט גערעדט, אַז עס איז אפילו מעגלעך, אַז דער דאָ־זיקער בן בית ביי לינקאָלן זאָל האָבן געווען אַן ענגלישער שפּיאָן, וואָס

האָט דאָ געדינט אויף „צוויי פראָנטן". דער פאַקט איז, אַז ער איז דערנאָך צוריק אַוועק קיין ענגלאַנד און דאָרט נאָך געלעבט ביז 1897.

אין רעכטן מיטן פונעם בירגער־קריג, ווען די וואָגשאָלן פון זיג און דורכפאַל האָבן זיך נאָך געוויגט אַרויף און אַראָפּ, האָט דער קאַנאַדישער ייִדן־פריינט הענרי ווענטוואָירט מאָנק פאָרגעבראַכט פאַר לינקאָלנ'ען דעם געדאַנק פון שאַפן אין פּאַלעסטינע אַ ייִדישע מלוכה. דער זייער פריינטלע־כער פּרעזידענט האָט זיך אויפמערקזאַם און נייגעריק צוגעהערט צום פּלאַן. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז דער פּלאַן פאַרדינט גוט באַטראַכט צו ווערן. אָבער אין אַ צייט, ווען די פאַראייניקטע שטאַטן איז פאַרוויקלט אין אַזאַ ביטערער מלחמה, קען זי נישט זיין קיין וואָרט־פירערין אין אינטערנאַציאָ־נאַלע ענינים. ער האָט אָגב אָנגעוויזן:

„...איך אַליין האָב מיין באַציאונג צו ייִדן. מיין קיראָפּאָדיסט איז אַ ייִד און האָט מיר פיל מאָל געשטעלט אויף די פיס. איך וואָלט נישט האָבן קענען, אַז זיינע מיטברידער זאָלן האָבן אַן אייגענעם פּלאַץ וואו צו שטעלן אַ פוס..." (זע קאָרן, „די ייִדן און דער בירגער־קריג"). נאָך קלאָרער האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט וועגן זיין בלומר'שטער סימפּאַטיע צו דער „נאָו נאַטהינג" פּעלקער־פיינטלעכע באַוועגונג אין זיין בריוו צו דזשאָשואַ ספּיד —

„...איך בין נישט קיין „נאָו נאַטהינג". דאָס איז זיכער. ווי אַזוי קען איך עס זיין? ווי קען עס מעגלעך זיין פאַר איינעם, וואָס פילט שווידער־לעך וועגן דער אונטערדריקונג פון די נעגער, אַז ער זאָל זיין פאַר דער דעגראַדאַציע פאַר גאַנצע קלאַסן ווייסע?!

„אַלס מלוכה האָבן מיר אָנגעהויבן מיט דער דעקלאַראַציע, אַז אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן גלייך. איצט לייענען מיר דאָס פּאַקטיש „אַלע מענטשן זיינען געשאַפן געוואָרן גלייך אויסער די נעגער". ווען די „נאָו נאַטהינג" וואָלטן איצט זיין אין קאָנטראָל, וואָלטן מיר שוין לייענען דעם פסוק — „אַלע מענטשן זיינען געבוירן געוואָרן גלייך, אויסער נעגער, פרעמד־געבוירענע און קאַטאָליקן". ווען עס קומט צו דעם, וואָלט איך שוין גיכער וועלן אַוועקפאָרן אין אַ לאַנד, וואָס פּרעטענדירט נישט אויף „ליב האָבן פרייהייט". למשל, אין (צאַרישער) רוסלאַנד, וואו מ'קען זען דעם דעספּאָטיזם אַזוי ווי ער איז, אָן דעם צוזאַמענמיש מיט היפּאָקריטישקייט". (דער דאָזיקער לינקאָלן־בריוו צו ספּיד'ן געפינט זיך איצט אין דער ביבליאָ־טעק פון דער מאַסאַטשוזעטסער היסטאָרישער געזעלשאַפט.)

צווישן ייִדישע באַקאַנטע זיינען דער סוחר האַמערסלאַו, הענרי ריים און עס איז אים אויסגעקומען אין די 1860 וואָלן צו באַקע־נען זיך מיטן אילינאָיער אייפּערדיקן אַבאָליציאָניסט הענרי גרינבוים, מיט סיגיזמונד קויפמאַן און אַברהם דזש. דיטענהאָפער, די ניו יאָרקער פּרעזידענשל עלעקטאָרס. ער האָט זיך באַקענט מיטן סט. לואיס'ער ייִדישן אַבאָליציאָניסט און אַרויסגעבער מאָריץ פּינער; זיך פיל מאָל געטראָפן

מיטן יידישן בורזשואַזן שתדלן און לאָיער סיימאָן וואולף, מיט זיין דרוקער און פאָטאָגראַפיסט אַדאָלפוס ס. סאָלאָמאָן. עס איז אויך באַוואוסט זיין פריינטשאַפט מיטן יידישן ריטשמאָנדער לאָיער גוסטאַוואוס א. מעיערס און נאָך פיל אַנדערע יידן.

לינקאָלן האָט זיך אויך געטראָפן מיט אַ ריי רבנים, מיט וועלכע ער האָט זיך געזען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, מערסטנס ווי דעלעגירטע וועגן יידישע אינטערעסן. דאָס זיינען געווען: דר. יצחק מאיר וואיז, דר. מאַקס ליליענטאַל, דר. אַרנאָלד פישעל, דר. בנימין סזאָלד און דר. ראַפאַל.

וואָס פאַר אַ „בריהאַרציקער" און „ריין־גייסטיקער געלערנטער" דער דאָזיקער ראַפאַל איז געווען, קען מען זען פון זיין באַזוך אין ווייסן הויז און ווי לינקאָלן האָט אים אויפגענומען.

גראָד איז עס געווען דער טאָג, ווען לינקאָלן האָט באַשטימט פאַר אַ פאַסט־טאָג איבערן גאַנצן לאַנד, צו שטאַרקן דעם באַוואוסטזיין וועגן דער נויטווענדיקייט צו געווינען וואָס שנעלער אַ זיג. דער ניו יאָרקער ראַבאַי איז געקומען קיין וואַשינגטאָן בעטן דעם פּרעזידענט, אַז ער זאָל זיין זון העכערן דעם ראַנג פון צווייטן לייטענאַנט אויף אַן ערשטן. לינקאָלן האָט אים גלייך פאַרגעוואָרפן, וואָס „אין אַזאַ טאָג, ווען יעדער דאַרף שטיין אויפן פאָסטן, זיינט איר געקומען בעטן אַ העכערן ראַנג פאַר אייער זון? און אויף ועמען האָט איר איבערגעלאָזט אייער געמיינדע, וואָס איר דאַרפט אין אַזאַ צייט פירן?!"

ראַפאַל האָט געענטפערט, אַז זיין געהילף פאַרטרעט אים.

„אייער זון וועט קריגן דעם ראַנג וואָס איר פאַרלאַנגט און איר, דאָקטאָר, פאָרט גלייך אַהיים אויף אייער פאָסטן און זאָל אייך קיינער נישט פאַרטרעטן אין אַזאַ צייט!..."

דערפאַר האָט ער געהייסן אָפּשיקן אַ האַרציקן דאַנק דעם סיטי קלוירק פון שיקאַגאָ, אברהם קאַהן, פאַר זיין צושיקן אים נאָך זיין זיג אין די וואַלן, אַן אַמעריקאַנער פאָן, אויף וועלכן ער האָט פּראָמינענט אויסגעמאָלן די ביבלישע דערמוטיקונג פאַר יהושע׳ן — „זיי שטאַרק און פעסט. שרעק זיך נישט און וואַקל זיך נישט, ווייל דיין האַר גאָט איז מיט דיר, וואו נאָר דו גייסט".

די דאָזיקע ברכה איז ליידער נישט מקוים געוואָרן, ווען אַ מערדערלעכע קויל האָט אין פאָרד־טעאַטער געטראָפן דעם פּרעזידענט־באַפרייער, פרייטיק, דעם 14טן אַפּריל 1865, אין אָוונט, און אַריינגעוואָרפן אין טיפסטן אויפרודער נישט בלויז זיין אייגן לאַנד, נאָר די גאַנצע וועלט.

יידן אין קאַמף מיט שקלאַפעריי

פאָלקס-מענטשן און רבנים,
ריכטער און קבצנים,
פינף גענעראַלן,
זיבן מיט מעדאַלן
אויסער פיל פּאַבליוּט
און זעקס טויזנט שלאַכטלייט.

דער בירגער־קריג צווישן די דרום־שטאַטן און די צפון־שטאַטן צוליב דער פראַגע פון נעגער־שקלאַפעריי, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טיטאַנישן קאַמף צווישן פּראָגרעס און רעאַקציע, וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. אָבער מען טאָר נישט פאַרגעסן אָן די פּיאָנערן־קעמפּפער, וואָס זיינען אַרויס אינעם קאַמף אַפּצושאַפן דעם דאָזיקן שאַנדפלעק מיט צענדליקער יאָרן פריער פאַרן בירגער־קריג — דאָס איז געווען די אַבאָליציאָניסטישע באַוועגונג. אין איר, האָבן מיר שוין געזען, זיינען געווען אויך רבנים פון פילאַדעלפיע, סיי פון דער קאָנסערוואַטיווער און סיי פון דער רעפאָרם־באַוועגונג.

אין שיקאַגאָ זיינען געווען אַקטיוו די רבנים דר. ב. פעלזענטאַל און דר. ליבמאַן אַדלער. דער ערשטער האָט געפירט דעם קאַמף מיט זיין פען אין דער דייטשער „אילינאָי שטאַטס־צייטונג"; דער צווייטער האָט גע־האַלטן אַבאָליציאָניסטישע לעקציעס אין זיין שול, וואָס זיינען דערנאָך פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין אַ זאַמלונג אונטער דעם נאָמען „פינף רעדעס".

הויפּטזעכלעך אָבער, איז די אַבאָליציאָניסטישע באַוועגונג צווישן די יידן אָנגעפירט נישט פון רבנים, נאָר פון פאַרשיידענע אַנדערע שיכטן — שרייבער, יוריסטן, לערער, מלוכה־מענטשן, פּראָגרעסיווע סוחרים און, מערסטנס, פון איינפאַכע, אַרבעטנדיקע פאָלקס־מענטשן. נאָך אין די 40ער יאָרן פון דעם לעצטן יאָרהונדערט באַגעגענען מיר אַזאַ שטרענגן אַבאָלי־ציאָניסטישן ריכטער ווי פיליפּ י. יאָאַכימסאָן (דזשאָעיקימסאָן), פריער דער געהילף יו־עם דיסטריקט־אַטוירני פון דעם דרום־דיסטריקט אין ניו יאָרק, וואָס האָט אומ'ברחמנות'דיק פאַר'משפּט אַלע שקלאַפן־הענדלער. זיי האָבן פאַר אים געציטערט ווי פאַר פייער. אַ צווייטער יידישער ריכטער אין ניו יאָרק, ריטנהאָפער, איז אויך געווען באַקאַנט ווי אַן ענערגישער קעמפער קעגן שקלאַפעריי.

אין די פריע פופציקער יאָרן איז געווען זייער אַקטיוו, אין דער אַמע־ריקאַנער און דייטשער אַבאָליציאָניסטישער געזעלשאַפט, מר. לאַזאַר, אַ דייטשער ייד. ער האָט זיך ספּעציעל אויסגעטיילט אויף דעם אַנטי־שקלאַפן מיטינג אין ניו יאָרק, דעם 11טן מאַי, 1853.

אינעם זעלבן יאָר, 1853, פירט אָן אין שיקאַגאָ מיכאל גרינבוים אַ

מאַסן־אַקציע קעגן שקלאַפעריי. דער ערשטער מאַסן־מיטינג אין דער דייטשער שפּראַך, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ פאַר דער ניי־געגרינ־דעטער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און פאַר דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג, איז גערופן געוואָרן דורך דער „שטאַטס־צייטונג". אונטערן רוף זייַנען אונטערגעשריבן די נעמען פון נ. שניידער, אַדאָלף לאָוב, יוליוס ראָזענטאַל, לעאָפּאָלד מייער און האַנסען. בלויז דער לעצטער איז נישט קיין ייִד.

צווישן די נישט־דייטשע ייִדן זייַנען אין שיקאַגאָ געווען טעטיק די שטאַט־באַאַמטע, עדוואַרד סאַלאָמאָן, אין יענער צייט אַ מיטגליד פון שיקאַגער שטאָט־ראַט, און אברהם קאהן, סיטי־קלוירק פון שיקאַגאָ. בעת לינקאָלן איז געפאָרן קיין וואַשינגטאָן צו פאַרנעמען די שטעלע פון פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט אים דער זעלבער קאהן איבערגעגעבן אַ בילד, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעמאָלן די נאַציאָנאַלע פאָן.

אין קליוולאַנד איז געווען אַקטיוו אינעם קאַמף קעגן שקלאַפעריי דר. עדוואַרד מאָרוויץ, אין דער דייטשער צייטונג „דעמאָקראַט".

גאָר אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט געשפּילט מאָריץ פּינער, אַ ייִדישער אימיגראַנט פון דייטשלאַנד, וואָס איז געווען טעטיק אין מיזורי, זינט 1856. ער האָט געגרינדעט אַן אַבאָליציאָניסטישע צייטונג אין דעם סאַמע האַרץ פון דער שקלאַפעריי, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַראָטן מיט אַזעלכע פירער פון די אַבאָליציאָניסטן, ווי טעאָדאָר פּאַרקער, וויליאַם גאַריסאָן און אַנדערע. דער ערשטער נומער פון דער צייטונג, „די קענזעס פּאָסט", איז דערשינען דעם ערשטן יאַנואַר, 1859, אונטער פּינער'ס רעדאַקציע — אין ענגליש און אין דייטש.

און אַזוי שנעל ווי ס'האָט אויסגעבראָכן דער בירגער־קריג, האָט פּינער געוויזן, אַז ער איז גרייט צו קעמפן אויך מיט דער ביקס אין האַנט פאַר זייַנע איבערצייַגונגען. ער איז געווען פון די ערשטע אין קענזאַס און מיזורי אָנצושליסן זיך אָן דער יוניאָן־אַרמיי.

אויסער פּינערן געפינען מיר נאָך אַ ריי ייִדן, וואָס זייַנען אַקטיוו אין די גרענעץ־שטאַטן אין דער דעמאָקראַטיקער באַפרייאונגס־באַוועגונג. ייִדן, ווי בערנאַיס, דער רעדאַקטאָר פון דעם „וועסטערן אַדווערטייזער", מ. פרידי, איזידאָר בוש, אַלע דריי פון סט. לואיס. אין לואיזוויל, קענטאָקי, אין דעם האַרץ פון שקלאַפעריי, איז געווען טעטיק דר. לואיס נ. נ. דעמביץ, דער פעטער פון דעם שפּעטער באַרימטן אַמעריקאַנער ייִדישן יוריסט און געוועזענער מיטגליד פון סופרים־קאָורט, לואיס ד. בראַנדייס. דעמביץ איז אויך געווען אַ דעלעגאַט צו דער שיקאַגער קאָנווענשאָן, וואָס האָט נאָמינירט לינקאָלן פאַר פּרעזידענט.

וואָס שייך דעם בירגער־קריג גופא האָבן אַלע פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּן אין אַמעריקע בייגעטראָגן זייער חלק צו דעם גראַנגל אָפּצואווישן דעם שאַנד־פלעק פון שקלאַפעריי אין אַמעריקע. און אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע פאַלן, האָבן אויך דאָ די ייִדן דערפילט זייער פליכט. איבער 6,000

יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן אויף דער זייט פון די יוניאָן־אַרמייען. לויט דער צאָל יידן אין די צפון־שטאַטן אין יענער צייט, וואָס איז געווים נישט געווען מער ווי 120,000, איז עס אַ גרויסע צאָל.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אַמעריקע האָבן זיך די יידן אויסגעצייכנט נישט בלויז מיט דער פּראָפּאָרציאָנעל־גרויסער צאָל, נאָר אויך מיט דער קוואַליטעט, מיט דער צאָל פון הויכע פירער אין דער אַרמיי, ווי גענעראַלן, רעגימענט־קאָמאַנדירן און אַנדערע. איין יידישער גענעראַל, ל. ס. ניומאַן פון ניו יאָרק, איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער ערשטער שלאַכט און איז געשטאָרבן אין וואַשינגטאָן, בעת פּרעזידענט לינקאָלן איז געשטאַנען ביי זיין בעט. גענעראַל לעאָפּאָלד בלומבערג איז געפערלעך פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער שלאַכט פון אַנטיטאַם און איז פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן אַ קריפּל. גענעראַל־מאַיאָר פרעדעריק קנעפלער האָט אָנגעהויבן זיין מיליטערישע קאַריערע ווי אַ פּשוט'ער סאָלדאַט, אין דעם 79טן רעגימענט פון אינדיאַנאַ און איז דערהויבן געוואָרן טריט נאָך טריט פאַר זיין אויסגעצייכנטער העלדישקייט און פּינקטלעכקייט, ביז ער האָט דערגרייכט דעם העכסטן אַמט, צו וועלכן אַ ייד איז דערגאַנגען אין דעם בירגער־קריג. די אַנדערע צוויי יידישע גענעראַלן — עדוואַרד ס. סאָלאָמאָן פון שיקאַגאָ און וויליאַם מייער פון ניו־יאָרק — האָבן זיך אויך שנעל אויסגעצייכנט.

דער פּלאַץ איז דאָ צו באַגרעניצט אויסצורעכענען אפילו אַ קליינעם טייל פון די יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע העלדישקייטן אין דעם בירגער־קריג, אין קאַמף קעגן נעגער־שקלאַפעריי. לאָמיר בלויז דערמאָנען, אַז צווישן די צוויי טויזנט מעדאַלן, וואָס זיינען אויסגעטיילט געוואָרן צווישן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך באַזונדערס אַרויסגעהויבן, געפינען זיך אויך די פאָלגנדיקע זיבן יידן:

בנימין ב. ליוואַי, פאַר ראַטעווען די שיף „עקספּרעס", וואָס האָט געפירט וויכטיקע מיליטערישע באַפעלן; אברהם קאָהען, פאַר דורכרייסן זיך דורך דעם פייער פון שונא אין דער שלאַכט פון דער מאַיין, דעם 30טן יולי, 1864; דוד אבראַמסקי, פאַר העלדישקייט אין די שלאַכטן פון שיילאָוו, טענעסי, און וויקסבורג, מיסיסיפּי; העגרי העלער, פאַר וואַגנדיקער העלדישקייט אין דער שלאַכט פון טשענסלאָרוויל; אברהם גרינוואַלד, פאַר שטורעמען דעם קאָרפּוס־שטאַב פון דעם שונא אין דער שלאַכט ביי פרענקלין, טענעסי, דעם 30טן נאָוועמבער, 1864, און פאַרכאַפּן די פאָן פון שונא; יצחק גאַנז, פאַר אויסערגעוויינלעכער העלדישקייט אויפן שלאַכטפעלד; אַ מעדאַל האָט אויך באַקומען לעאָפּאָלד קאַרפּעלעס.

אינעם פלאָט האָט זיך אויסגעצייכנט וויליאַם דורשט (דווירסט) פון דער קריגס־שיף „מאָניטאָר", איינער פון די עטלעכע, וואָס זיינען איבערגעבליבן נאָך דער היסטאָרישער שלאַכט צווישן דער „מאָניטאָר" און דער „מערימאַק".

אויגוסט באַנדי —
מיטקעמפער פון דזשאָן בראַון



איינער פון די שענסטע טיפּן, וואָס די יידישע עמיגראַציע פון די דייטשע לענדער האָט ארויסגעגעבן, איז געווען אויגוסט (אנשל) באָנדי, אַ העלד פון די אַבאָליציאָניסטישע כוחות נאָך פאַרן בירגער־קריג, און נישט קיין קלענערער העלד, וואָס האָט זיך אויס־געצייכנט אין בירגער־קריג גופא.

אויגוסט באָנדי איז געבאָרן געוואָרן אין ווין, אין 1833, אין אַ ליבעראַלער יידישער פאַמיליע. ער איז געווען אַ גוט־דערצויגן און פעאיק יינגל. אין עלטער פון צען יאָר האָט מען אים צוגעלאָזן צו דער אַקאַדעמישער גימ־נאַזיע אין ווין — אַ מיטלשולישע אינסטיטוציע, וואָס איז, לויט יענער צייט, פאַרוואַלטעט געוואָרן פון מאָנאַכן. אין דעם זיד־פונקט פון דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די סוף פערציקער יאָרן, אין מערב אייראָפּע, איז דער פופצניאָריקער אויגוסט אַריין אין דעם אַקאַדעמישן לעגיאָן, וואָס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע פון מערץ, 1848, אין ווין.

צווישן די הונדערטער און טויזנטער רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען גע־צוואונגען געווען צו פאַרלאָזן זייערע היימען צוליב די שווערע רעפּרעסיעס פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע, האָט זיך אויך געפונען די באָנדי־פאַמיליע. דער אנטרינונגס־פּלאַץ איז געווען אַמעריקע. זיי האָבן פאַרלאָזן ווין דעם 8טן סעפּטעמבער, 1848, אויף אַ לענגערער נסיעה און ערשט אין נאָוועמ־בער אָנגעקומען אין ניו אָרלינס. דער יונגער אויגוסט האָט געעפנט גרויסע, פרעגנדיקע אויגן אויף דער „נייער וועלט", צו וועלכער ער איז געקומען. ער האָט געוואוסט, אַז ער אַנטלויפט פון דער אַלטער וועלט מיט אירע מאָנאַרכיעס, פעאָדאַלע סיסטעמען, רעאַקציע און רעכטלאָזיקייט. אָבער די „נייע וועלט" האָט אים ווייט נישט באַפרידיקט: דאָס וואָס ער האָט געזען אין ניו אָרלינס, איז געווען נאָך אַן עלטערע וועלט, ווי די, וועלכע ער האָט פאַרלאָזן. ער האָט דערזען דעם שקלאַפן־מאַרק אין דעם צענטער פון ניו אָרלינס — אַ מאַרק, אויף וועלכן מען פאַרקויפט מענטשן־קינדער, ווי זיי וואָלטן געווען אָקסן אָדער פערד.

וואָס איז עס פאַר אַ נייע וועלט? — האָט ער זיך געקלערט. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט געקראָגן באַשעפטיקונג נישט ווייט פון ניו אָרלינס. דאָס איז געווען אַ קאַטן־פּלאַנטאַציע. אָבער אויך דאָ האָט ער

נישט געפונען קיין ענטפער אויף זיין פראגע. פארקערט: ער האט געזען ארום און ארום ווי הונדערטער שקלאפן ווערן געטריבן פון זייערע אויפזעער, און די ברוטאלקייט ווי זיי ווערן באהאנדלט. ער איז צוריק אוועק אין ניו ארלינס, כדי נישט צו זיין אן עדות פון דער אקטועלער שקלאפעריי. פון דארט לאזט ער זיך מיט א שיף איבערן מיסיסיפי קיין סעינט לואיס. מיר באגעגענען אים דארט שוין דעם 8טן יאנואר, 1849, אויף א פאליטישער פארזאמלונג, טאקע וועגן דעם ענין פון שקלאפעריי. רעדנער האבן געשטורעמט מיט צארן וועגן דעם, וואס די שקלאפאקראטן ווילן זיך שוין נישט באנוגענען מיט זייערע אייגענע שקלאפן־שטאטן, נאר פרואוון אויסברייטערן די שקלאפן־טעריטאריע אין די נייע צוגעקומענע שטאטן.

פון דעמאלט אן לאזט שוין דער יונגער באנדי נישט דורך קיין שום פאליטישן מיטינג, וואו עס ווערט פארהאנדלט די דאזיקע אנגעווייטיקטע פראגע. ער ארבעט א געוויסע צייט אלס אן אנגעשטעלטער אין א שניטקראם. שפעטער אביסל האט ער זיך פארנומען אויסצולערנען דעם דרוקערפאך און א שטיקל צייט געארבעט אלס לערן־ייִנגל. צוליב געוויסע אורזאכן ווערט ער א שותף אין א שטיקל אכסניה, אבער, ווי עס ווייזט אויס, איז עס נישט געגאנגען און ווערט א לערער אין א שול.

ער פארט קיין גאלוועסטאן אנצושליסן זיך אין א קאמפס־עקספעדיציע, וואס פארמירט זיך אוים צו פארן קיין קובא. ווידער דערזעט ער די ברוטאלע געשפענסטער פון שקלאפעריי, דא אין לאנד גופא. דאס איז שוין געווען אין 1851. ביי אים שטעלט זיך ווידער א פראגע: צו וואס זיך יאגן קיין קובא, ווען עס איז נאך פאראן דא אזויפיל ארבעט פאר א פרייהייטליבנדיקן בחור'ל ווי ער איז. צוליב געוויסע אורזאכן איז סיי־ווי פון דער עקספעדיציע קיין קובא גארנישט ארויסגעקומען. ער דערהערט, אז עס ווערט רעקרוטירט אין ניו ארלינס אן עקספעדיציע צו פארן קיין יאפאן.

אבער, אז ער קומט אין ניו ארלינס, דערוויסט ער זיך שוין, אז די צאל רעקרוטן איז שוין א פארפולטע. דאס האט זיך געהאנדלט וועגן פערי'ס בארימטער עקספעדיציע, אין 1851, וואס האט געצוואונגען יאפאן אריינצולאזן אמעריקאנער און ענגלישע סוחרים און זייערע סחורות. דער יונגער באנדי האט זיך צוריק פארקירעוועט און באזעצט זיך ווידער אין סעינטלואיס, נאכדעם ווי ער האט דורכגעלאזט א „גאלדענע געלעגנהייט" חתונה צו האבן מיט א רייכער פרוי פון די דרום־שטאטן, וואס האט פארמאגט פלאנטאציעס און שקלאפן. ער האט דורכגעלאזט די געלעגנהייט, ווייל, ווי ער דערציילט אליין, האט ער ביי זיך באשלאסן, אז „מיין פאטער'ס זון טאר אליין נישט ווערן קיין שקלאפן־טרייבער".

צווישן די פארשיידענע באשעפטיקונגען פון אייגענע קליינע געשעפטלעך און ארבעטן ביי יענעם, האט ער זיך באקענט, אין 1854, מיט א צוויטן יידן יעקב בענדזשאמין, א געשעפטס־מענטש דורך און דורך. א גע־

וויסע צייט האָט באַנדי פאַר אים געאַרבעט אַלס אַנגעשטעלטער. שפּעטער האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ דריטן יידן טעאָדאָר ווייִנער. די דריי יונגע יידן האָבן געשלאָסן אַ שותפות צו עפענען אַ געשעפט פון אַלערליי סחורות אין קענזאַס.

באַנדי גופא איז געקומען קיין קענזאַס נישט צוליב געשעפטן. ער האָט אין סעינט־לואיס געלייענט אַן עדיטאָריעל פון דער „ניו יאָרק דעילי טריביון", וואָס איז דעמאָלט געווען אַ פּראָגרעסיווע צייטונג, אַזוי פאָרגעשריטן און אינטערנאַציאָנאַל באַוואוסט, אַז קאַרל מאַרקס איז יאָרן־לאַנג געווען דער „טריביון"־קאָרעספּאָנדענט פון לאָנדאָן. אין יענעם עדיטאָריעל איז געווען אַ שטאַרקער אַפּיל צו די פּראָגרעסיווע כוחות פון אַמעריקע, אַז זיי זאָלן קומען קיין קענזאַס און ראַטעווען דעם ניי־פאַרמירטן שטאַט פון דער פאַרשאָלטענער שקלאַפעריי. באַנדי האָט פאַרלאָזט סעינט־לואיס סוף מערץ און באַזעצט זיך מיט דעם דערמאָנטן דזשעיקאָב בענדזשאַמין, אין מיטן מאַי, לעבן דעם פּאָטאַוואַטאָמי טייכל. דאָרט האָבן זיי עס געשלאָסן דעם אָפּמאַך צו גיין בשותפות אין דעם געשעפט, אַלס אַ צוגאָב צו באַאַרבעטן אַ שטיק באָדן. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר אַן אַנדער מין געשעפט, וואָס איז אַ בלאָט אין דער געשיכטע אַן־און־פאַר־זיך.

טעאָדאָר ווייִנער איז געבאָרן געוואָרן אין פּויזנע (פּאָזנאַן אָדער פּאָזען), אין דעם דעמאָלטיקן פּרייסישן פּוילן. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע האָט באַנדי וועגן אים געשריבן, אַז אַ לענגערע צייט האָט ער געוואוינט אין טעקסאַס און אין לואיזיאַנאַ און אַז ער איז געקומען אין קענזאַס בלויז „צו האַנדלען און מאַכן געלט", און אַז ער איז געווען „פּאָליטיש אַזוי שפּעט ווי פריִלינג פון 1855 אַן אָפּענער אונהענגער פון שקלאַפעריי... ווייל ער האָט באַטראַכט אַלע באַריכטן פון די פרייע שטאַטן בנוגע די איבערפאַלונגען פון די גרענעץ־באַנדיטן פון מיזורי אַלס כזב ושקר". באַנדי דערציילט, אַז ווייִנער איז ערשט געוואָרן אַן אָנהענגער פאַר אַ פרייען שטאַט אין קענזאַס נאָכדעם ווי ער איז ברוטאַל באַפאַלן געוואָרן פון אַ באַוואוסטן ריזיקן באַנדיט און שקלאַפעריי־אָנהענגער, דאָטש ביל שערמאַן. דער סוף איז געווען, אַז ווייִנער האָט גאָר אים אָנגעבראָכן די ביינער און איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַ שונא פון די שקלאַפן־שטאַטן.

בענדזשאַמין ווידער האָט פאַרבונדן זיין שיקזאַל מיט די פריישטאַטלער נישט בלויז צוליב זיין פריינטשאַפט מיט באַנדי'ן, נאָר אויך צוליב די איבערפאַלן פון די גרענעץ־באַנדיטן, די געציינג פון די שקלאַפאָקראַטן.

ווי די זאַך זאָל נישט האָבן געווען, זעען מיר ווי אין 1856 זיינען זיי שוין פאַרבונדן מיט די דרייסטע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן פון דזשאָן בראַון און זיינע קאַמפן אין קענזאַס, וואָס האָבן אויפגעשטורעמט דאָס לאַנד, נאָך פיר יאָר פריִער פאַרן בירגער־קריג.

צו דזשאָן בראַון, וועמען באַנדי באַצייכנט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע

אלס קאפיטאן בראון, האט ער געשפירט דיווארעמסטע און געהויבנסטע געפילן. דאס איז געווען א מאן, וואס האט געווידמעט זיין לעבן און דאס לעבן פון זיינע קינדער פאר דעם אידעאל צו באפרייען די נעגער־שקלאפן און אפצואווישן די שאנד פון זיין פאטערלאנד, וואס ער האט אזוי ליב געהאט. ווען עס האט זיך אויפגעהויבן די פראגע וועגן קענזאס, איז עס געווען פאר אים מער ווי א פראגע וועגן פאראומווירדיקן נאך א שטיק באדן פון אמעריקע מיט שקלאפעריי. הויפטזעכלעך איז די פראגע געווען וועגן נישט דערלאזן די שקלאפן־שטאטן צו מאיאריזירן די פאראייניקטע שטאטן און פארפעסטיקן נאך מער זייער ווילדע הערשאפט.

דזשאן בראון איז געווארן אין א קורצער צייט דער סימבאל פון דעם גראנדיעזן קאמף, וואס האט זיך אין עטלעכע יאר ארום פאנאנדערגעפלאקערט איבערן לאנד און געמאכט שטארקער קלאפן דאס הארץ פון דער מענטשהייט. די קאמפן, וואס ער האט געפירט אין קענזאס, אין 1856, קעגן די גרענעץ־באנדיטן פון די שקלאפן־הארן, זיינען געווען וואגנדיקע און בלוטיקע. באנדי און זיינע שותפים געשעפטסלייט האבן אין איניקע פון זיי געקעמפט מיט היפשן העלדנמוט. אבער באנדי איז מיט דעם נישט אפגע־קומען.

אין נאוועמבער, 1861, ווען דער בירגער־קריג האט זיך שוין געהאט פאנאנדערגעברענט, האט זיך באנדי אנגעשלאסן אן דער ארמיי, געווארן דער ערשטער סארדזשענט פון „קאמפאני קעי", פון דער פינפטער קענ־זאסער פרייוויליקער קאוואלעריע. אין איינער פון די שלאכטן, פון 11טן סעפטעמבער, 1864, איז ער געפערלעך פארוואונדעט געווארן, און באפרייט געווארן פון זיינע ארמיי־פליכטן דעם 2טן דעצעמבער. די גאנצע דריי יאר פון זיין זיין אין דער ארמיי, האט זיין מיליטאנטע מוטער אכטונג געגעבן און באזארגט זיין פרוי און קינד.

האבנדיק געקעמפט און באזעצט זיך אין קענזאס, איז שוין באנדי געווען דארט אקטיוו אין דער פאליטיק. ער איז אויסגעקליבן געווארן צו פארשיידענע לאקאלע אמטן. געווען א טראסטי (נאמן, נעמאן) אין זיין טאונשיפ, א ירושה־ריכטער, א רעגיסטראטאר אינעם פעדעראלן לאנד־אפיס און א שרייבער אין זיין סקול־דיסטריקט. חתונה געהאט האט ער אין 1860 מיט הענריעטא איינשטיין, וואס האט אים געבוירן צוויי זין און אכט טעכ־טער. באנדי האט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן געלעבט פון פארמעריי אין קענזאס. ער האט דארט דורכגעמאכט קאלט און ווארעם. ער האט אבער מוטיק באגעגנט די קראכנדיקע ציקלאנען, וואס טראגן זיך אזוי אפט דורך דורך דעם דאזיקן פרעירי־שטאט, אזוי גוט ווי די וואלקנס פון מילי־מיליא־נען גראזשפרינגערס.

אויגוסט (אנשל) באנדי האט זיך באטראכט זיין גאנץ לעבן ווי א ייד. ער איז געשטארבן אין עלטער פון 74 יאר, אין 1907.

יידן און לינקאָלן מאָרד

כמעט אַלע יידישע אָרגאַנען
אַרויסגעקומען אין שווארצע
ראַמען:
„מיר מוזן טראָגן זיין נאָמען
מיט ברכות אויף די ליפּן".

דער בירגער־קריג האָט זיך געענ־דיקט נאָך א פיר־יאָריקן שרעקלעכן געראַנגל. אַלע די וואָס האָבן געהאַסט שקלאַפעריי און געקעמפט פאַר דער גאַנצקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פאַר באַפרייאונג פון די שקלאַפן, זיינען געווען שיכור פון פרייד. פּרע־זידענט אייבראַהעם לינקאָלן האָט זיך פאַרגונען צו נעמען זיין פאַמיליע אין טעאַטער און צו פאַרטיפן זיך אין א דראַמאַטישן קאַמף, וואָס ווערט גע־שפּילט און נישט געפאַכטן. אין פיל שטעט פון לאַנד זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן גרויסע פייערונגען לכבוד דעם זיג. אָבער א פאַררעטערישע קויל פון א פּיסטויל האָט פּלוצלונג ווידער אַריינגעוואָרפן א פאָלק אין שרעק און אין טרויער.

דער שקלאַפּאָקראַטישער רעאַקציאָנערער אַקטיאָר דזשאָן ווילקס בוט האָט מיט זיין שאָס געמאַכט א סוף צו איינעם פון די שענסטע לעבנס, וואָס דאָס לאַנד האָט אַרויסגעגעבן. בלויז עטלעכע שעה האָט נאָך לינקאָלן גע־לעבט אין גסיסה. מיליאָנען מענטשן זיינען דערשיטערט געוואָרן פון דער ביטערער נייעס. ביי יידן איז צעשטערט געוואָרן דער פּסח.

גראָד האָט דעם זעלבן טאָג, דער פינפטער טאָג פּסח (14טער אַפּריל, 1865), דר. מאַקס ליליענטאַל, רעפאָרם ראַבאַי פון סינסינעטי, געהאַלטן א דרשה אין טעמפּל „בני ישראל", אין פאַרבינדונג מיטן סוף פונעם בירגער־קריג. ער האָט געצויגן א פּאַראַלעל פון ישראל׳ס זיג איבער פּרעה׳ן און זייער באַפרייאונג פון שקלאַפעריי מיט אַמעריקס זיג איבער די דרום׳דיקע שקלאַפּאָקראַטן. ער האָט אָנגעוויזן, אַז מען קוקט איצט אויף לינקאָלנ׳ען ווי אויף א מענטשן, וואָס האָט אויסגעפילט א גרויסע וועלט־שליחות און דער־וואָרבן זיך א העלדישע אומשטערבלעכקייט".

אָבער א פערטל נאָך צען אין אָוונט האָט שוין אָפּגעקנאַלט דער שאָס פונעם מערדער אין פאָרד־טעאַטער, אין וואַשינגטאָן, און אין עטלעכע טעג אַרום האָט שוין דר. ליליענטאַל, גלייכצייטיק מיט פיל אַנדערע פאָרשטייער פון די נישט־יידן אין אַמעריקע, געהאַלטן זיין הספד איבער דעם מאַרטירער־פּרעזידענט.

„עס איז דוכט זיך די זעלבע פאָן, וואָס א דאַנקבאַר און זיגרייך פאָלק האָט מיט עטלעכע טעג צוריק באַגריסט מיט א קרעפטיקן שטאָלץ און נאַציאָ־נאַלער פרייד. איז פאַרוואָס זיינען היינט ביי איר פאַרטונקלט אירע גלאַנצ־

דיקע שטערן, אירע מעכטיקע שטרייפן? פארוואס איז זי איינגעוויקלט אין טרויער? און דער דאזיקער ביוסט, וואס איז בלויז מיט עטלעכע טעג צוריק געקרוינט געווארן מיטן לארבער־קראנץ פון פרישע און אנטשיידנדע זיגן, פארוואס קוקט ער איצט אויס אזוי בלאס?...

„...אך, וואס פאר א פינצטערער טאג דאס איז היינט!

„...עס איז באמת א גריסער מאן געפאלן אין ישראל! עס איז נאך קיינ־מאל, דא אין לאנד, נישט געווען אינעם פרעזידענט־שטול אזא מאן, וואס האט מיט זיין לעבן, פונקט ווי מיט זיין טויט, אויף אזא אופן דעמאנסטרירט דעם פראגרעס פון די מאדערנע געדאנקען און די גרויסקייט און רום פון אונדזערע אינסטיטוציעס...

„...ווער איז געווען אייבערהעם לינקאלן? דער ערשטער הארעפאשניק־פרעזידענט! וועגן זיינע זכות אבות איז גארנישט דא וואס צו דערציילן, נאר ער האט מיט זיינע אייגענע כוחות ארויסגעהויבן זיך פון די נידעריקסטע לעבנס־שיכטן... און אויף אזא אופן האט זיין דערוויילונג דערוויזן, צום ערשטן מאל, דעם פולן באדייט פון דער אמעריקאנער פרייהייט און גלייכהייט".

אין א צווייטן פלאץ פון זיין לענגערער רעדע, ווייזט ער אן אויף איין שוואכקייט לינקאלנ'ס — צו גלויבן אלעמען, אפילו די שונאים זיינע און צו דערלויבן זיי אלע פרייהייטן. דאס איז א גרויסער טעות, האט דר. ליליענטאל דערקלערט:

„צו דערלויבן אזא מענטשן ווי בוט'ן — א מאן, וואס האט אויף דער בינע פון ניו ארלינס, געטראטן אויף אונדזער פאן, געשפיגן אויף איר און פארשוועכט זי — צו דערלויבן אזא מענטשן ארומצוגיין פראנק און פריי אין אונדזער הויפטשטאט, איז געווען א פאטאלער טעות, אן אומגליקלעכער פאר־זען און דאס לאנד דארף איצט ליידן און טרויערן איבער דעם... (די דאזיקע פולע, מייסטערהאפטע רעדע קען מען געפינען אין מארים שאפעס' „דאקו־מענטאר־געשיכטע", אונטערן דאקומענט נומער 145.)

אלע יידישע ארגאניזאציעס און קהילות, מיטן אויסנאם פון אייניקע ווידערשפעניקע אין די דרום־שטאטן, האבן באגעגנט די בלוטיקע געשעעניש מיט בלוט אין זייערע אויגן און הערצער. אזוי האט, למשל, די „בית ישראל קהילה", אין דזשעקסאן, מישיגען, ווי פיל אנדערע קהילות איבערן לאנד, איינגעהילט די בימה אין שווארצן טרויער־לייוונט און אנגעהאלטן א ספע־ציעלן קדיש־זאגן נאכן מארטירער, אין משך פון זעקס וואכן.

כמעט אלע יידישע ארגאנען איבערן לאנד זיינען ארויסגעקומען מיט שווארצע ראמען ארום זייערע קאלומס. דער „איזראעליט" האט געשריבן, אז לינקאלן און סוארד זיינען געפאלן קרבנות פון נקמה פון די באזיגטע שקלא־פאקראטן. די אישו איז געווארן פרייהייט, אדער שקלאפעריי..."

„דהי דזשואיש רעקארד" האט לינקאלנ'ען פארגליכן צו משה'ן, וואס איז געשטארבן אויף יענער זייט ירדן, נישט קענענדיק אליין אריין אינעם

לאַנד, וואוהין ער האָט געפירט. גראָד איז דער דאָזיקער אָרגאַן געווען קעגן לינקאָלנ'ס אידייען.

דר. דוד איינהאָרן פון פילאַדעלפיע און יצחק מ. וואיז — ביידע רעפאָרם־פירער, האָבן גערעדט וועגן לינקאָלן ווי וועגן אַ צווייטן אברהם, צו וועלכן גאָט זאָל האָבן געזאָגט: „גיי אַרויס פון דיין לאַנד און פון דיין פאַמיליע און פון דיין פאָטערס הויז, אינעם לאַנד וואָס איך וועל דיר בענטשן און גרויס מאַכן דיין נאָמען..."

שמואל מ. אייזיקס, פון ניו יאָרק, האָט גענומען דעם ביבלישן טעקסט, וואָס פיל האָבן באַטראַכט ווי דעם מאַרטירער־פּרעזידענט'ס מאָטאָ:

„האָב נישט קיין מורא, אברהם, איך בין דיין באַשיצער. דיין שכר (סכאַר) וועט זיין זייער גרויס".

מאַקס שלעזינגער פון אָלבאַני האָט גענומען זיין טעקסט פון שמואל ב', וואָס דוד האָט געזאָגט דעם עמלקי, ווען ער איז געקומען באַריכטן וועגן שאול'ס טויט: „ווי האָסטו עס נישט מורא געהאַט אַרויפצולייגן דיין האַנט אויף דעם געזאַלבטן פון גאָט".

אַ פּאָעטישן און פּראָגרעסיוון טאָן האָט אָנגעשלאָגן דער רב בערנאַרד פעלזנטאַל פון שיקאַגאָ, אגב אַן אַבאָליציאָניסט. ער האָט ציטירט ישעיה'ן:

„דעמאָלט זאָל דיין ליכט אַ שלאָג טאָן ווי דער נייער מאָרגן און דיין רפואל זאָל שנעל אַרויסקוואַלן".

יצחק מאיר וואיז האָט אין זיין עלעגיע צוגעפירט צו געדאַנקען פון אַקציע: „...לאָמיר פאַרווירקלעכן און פאַראייביקן די גרויסע פאַרלאַנגען, וואָס האָבן געהויבן די ברוסט פון לינקאָלן. זאָלן מיר זיין איין פאָלק, איין פריי, גערעכט און אינטעליגענט פאָלק". ער האָט גערופן צו„ פאַראייביקן און דורכפירן פרייהייט און גערעכטיקייט, די פאַראייניקונג און פרייהייט פון דער מענטשלעכער פאַמיליע; וואו נאָר מיר קענען זאָלן מיר צעשמעטערן די קייטן פון די פאַרשקלאַפטע, די שטריק פונעם שקלאַף, די אייזערנע רוט פון דעספּאָטיזם, דעם שטיקנדיקן יאָך פון טיראַניי; זאָלן מיר אויף אייביק אָפּשאַפן גערانגל, צעריסנקייט, האַס, אומגערעכטיקייט, אונטערדריקונג צווישן מענטשן... און מיט דעם וועלן מיר אים שטעלן דעם סאַמע דויערנדיקסטן מאָנומענט אין די הערצער פון דער מענטשלעכער פאַמיליע".

שמואל י. אייזיקס האָט אָנגעוויזן מיט זיין פינגער אויף דעם מערדער:

...וואָלט איר געגלויבט מיט אַ וואָך צוריק, אַז דאָ, אויף דער ערד, זאָלן זיך געפינען אַזעלכע מאָנסטערס צו באַרויבן אַזאַ הויך־וויכטיקן, אַזאַ גוטן, אַזאַ פרומע באַשעפעניש פונעם לעבן. דאָך איז עס אַ פאַקט, אַז אין אונדזער באַרימערישער צייט פון ציוויליזאַציע און אינטעלעקט, זאָלן זיך נאָך געפינען אַזעלכע הערצער, וואָס זיינען אַזוי צעקריפּלט... צו באַרויבן אונדז פונעם בענעפאַקטאָר פונעם גאַנצן פאָלק".

און עלקאַן קאָהן פון סאַן פראַנציסקאָ האָט געבעטן אויף שלום: „...זאָל

דער סאַמע נאָבלסטער קרבן שוין זיין דער לעצטער און זאָל גאָט בענטשן זיין פאָלק מיט שלום".

סאַבאַטאַ מאָרעיס אין פילאַדעלפיע האָט אָנגעוויזן וואָס צו טאָן: „...נישט דורך פּאָלירטן מירמלשטיין קען דער אָנדענק פון אונדזער הייליקן שעף פאַר־הערלעכט ווערן. ...מיר מוזן טראָגן זיין נאָמען מיט ברכות אויף אונדזערע ליפּן. לערנען אונדזערע קינדער אַרויסצורייִדן אים מיט ערפורכט... זאָלן זיי לערנען פון אים זיינע וועגן פון טוגנט, זיין באַשיידענע גוטסקייט... זיין הייליק בלוט וועט דעמאָלט באמת אַרויסברענגען פרוכט פון דערהויבנקייט.

צווישן די קאָמיטעטן, וואָס האָבן באַגלייט דעם טרויער־צוג פון שטאָט צו שטאָט, זיינען אויך געווען ספּעציעלע יידישע דעלעגאַציעס. דזשאָשיאַ קאָהן פון פּיטסבורג, אברהם קאָהן פון שיקאַגאָ און דזשוליוס האַמערסלאָו פון ספּרינגפילד, אילינאָי, זיינען געווען די באַגלייטער פון זייערע קהילות. יידן האָבן זיך אויך באַטייליקט אין די לינקאָלן־פּראָצעסיעס. אין דער גרויסער דעמאָנסטראַציע אין ניו יאָרק האָבן זיך באַטייליקט דריי טויזנט יידן, פאַרטרעטער פון אָרדנס און קהילות.

איין רעאַקציאָנער פון ניו דזשוירזי איז אָנגעפאַלן אויף די רעדנער און קהילות, וואָס האָבן „פאַרגליכן אַ קריסט צו משה רבינו, וואָס האָט גערעדט מיט גאָט פּנים אל פּנים". האָט דער אָרטאָדאָקסישער פּירער, רבי יצחק ליסער, געענטפערט: עס איז טאַקע אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג... נאָר עס איז נישט קעגן דעם יידישן גייסט. עס איז יאָ אין דעם יידישן גייסט צו אָנערקענען, אַז אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן גלייך אין גאָט'ס געשטאַלט און אַלע זיינען באַרעכטיקט צו זיין רחמנות, חסד און פאַרגעבונג...

אין זיין רוף צו די יידן צו באַטייליקן זיך אין דער שאַפונג פונעם לינקאָלן מאָנומענט, האָט זיין יידישער נאָענטער פריינט, דער שוין דערמאָנטער האַמערסלאָו פון ספּרינגפילד, דער ערשטער פּרעזידענט פון דער קהילה „ברית שלום", געזאָגט: „...זאָלן מיר באַווייזן, אַז מיר יידן זיינען, ווי שטענדיק, געווען און פאַרבליבן פעסטע פריינט פון פרייהייט און שונאים פון אונטערדריקונג און רשעות"... די יידישע קהילות האָבן זיך אומעטום אָפּגערופן.

קאַרל מאַרקס האָט אויף זיין גאַניאַלן אופן דערנאָך געשריבן:

„...איינער פון די זעלטענע מענטשן, וואָס זיינען דערפאָלגרייך און ווערן גרויס, אָן אויפהערן צו זיין גוט. אָט דאָס איז באמת געווען די באַשיידנקייט פון דעם דאָזיקן גרויסן און גוטן מענטשן, וואָס די וועלט האָט אין אים דערקענט אַ העלד ערשט נאָכדעם ווי ער איז געפאַלן אַ מאַרטירער".

ראַבאַי דוד איינהאָרן, אויסגעהאַלטענער קעמפּער

די יידישע יוגנט אין אַמעריקע אין דעם צווייטן פערטל פונעם 19טן יאָרהונדערט, ווי אויך אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג, איז געווען פיל ערנסטער און באַוועגלעכער אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, ווי זי איז איצט, מיט הונדערט יאָר שפּעטער. אַמווייניקסטנס איז עס אַזוי געווען אין די בירגערלעכע קרייזן. דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס, רעפאָרמען, די אויפפירונג וועגן שקלאַפעריי און וועגן אירע פאַרזוכן אויסצושפּרייטן זיך נאָך ברייטער — אַזעלכע פראַגן האָבן זי היפּשלעך באַאומרואיקט און אויפגערודערט. פון דער צווייטער זייט איז די יידישע בורזשואַזיע גופא געווען אין דער שטימונג פון אָפּרייסן זיך וואָס מער פון די אַלטע פעאָדאַלע באַגריפן, אפילו וואָס איז שייך רעליגיע.

זינט יצחק הארבי און זיינע חברים האָבן, אין די צוואַנציקער יאָרן נאָך, געפאָדערט רעפאָרמען אין דעם יידישן ריטואַל, איז שוין די באַוועגונג אינגאַנצן נישט איינגעשטילט געוואָרן. וואָלט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אין יענער צייט געהאַט זיינע אייגענע פּראָגרעסיווערע גייסטיקע פירער, וואָלט זי שוין פון הארבי'ס צייט אָן אָנגעגאַנגען מיט אַ פּראָגרעסיוון וועג, אַזוי ווייט ווי די בורזשואַזיע בכלל איז פעאיק צו גיין. אָבער אַזעלכע פירער האָבן זיך נישט באַוויזן.

אָבער די זעלבע רעליגיעזע רעפאָרם־באַוועגונג איז אין דייטשלאַנד, און טיילווייז אין עסטרייך און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, אַוועק מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ, אָנגערעגטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די עמיגריר־כוואַליעס פון די דרייסיקע לענדער האָבן שוין אין אָנהויב פון די פערציקער יאָרן מיטגעצויגן מיט זיך אַ ריי רעפאָרם־פירער. אַזעלכע פערזענלעכקייטן, ווי דר. מאַקס ליליענטאַל, יצחק מ. וואַיז, שמואל אַדלער, בערנאַרד פעלזנטאַל און שמואל הירש, זיינען אָנגעקומען מיט זייער באַגאַזש פון פּראָגרעסיווערע און רעפאָרמיסטישע אידייען. זיי איז עס באַשערט געווען צו גרינדן, אין די פערציקער און אין די פופציקער יאָרן, די רעפאָרם־קהילות אין באַלטימאָר, אין 1842; אין ניו יאָרק, 1845; אין אָלבאַני, אין 1846; די צוויי קהילות אין סינסינעטי, אין 1855; אין פילאַדעלפיע, אויך אין דער צייט; און אין שיקאַגאָ, אין 1858. די אַלע זיינען געווען די ערשטע שפּראָצן,

פון וועלכע די יידישע בורזשואזיע האָט דערנאָך אַנטוויקלט נישט בלויז איר סינאַגאָגאַלן אַפּאַראַט, נאָר אויך דעם אינסטיטוציאָנעלן, וואָס איז ווייטער אַנטוויקלט געוואָרן אין די קומענדיקע יאָרצענדליקער.

מיר זיינען פּאַראינטערעסירט אין דער דאָזיקער רעליגיעזער רעפאָרם־באַוועגונג בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי האָט געשאַפן אַ גינסטיקע אַטמאָספערע פאַר פריערע און פּראָגרעסיווערע גערדאַנקען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע אין יענע יאָרן; אויף וויפיל זי האָט אַריינגעפירט אַ היפּשע צאָל יידן אין דער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג פון יענער צייט. איינער פון די, וואָס האָבן אָממערסטן ביזגעטראָגן אין אָט־דער ריכטונג, איז געווען דער ראַבינער דר. דוד איינהאָרן.

אָט־דער מוטיקער און פּרינציפּיעל־אויסגעהאַלטענער, פּראָגרעסיווער דעמאָקראַט, איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע פריש פון די רעאַקציאָנערע פאַרפאָלגונגען פון דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע, און גרייט פּאַרצוזעצן די פאַרשפּרייטונג פון דעם אמת, ווי ער האָט עס געזען, אין זיין ניי־אַדאָפּטירטן לאַנד.

דר. דוד איינהאָרן איז געבאָרן געוואָרן אין בייערן, אין 1809, און האָט געקראָגן אַ ברייטע אַלגעמיינע און יידישע אַקאַדעמישע בילדונג. זיינע פּראָגרעסיווע איבערציינגונגען האָבן אים שנעל איינגעפלאַנצט אויך אין דער יידישער רעליגיעזער רעפאָרם־באַוועגונג. ער איז געוואָרן איינער פון די סאַמע ראַדיקאַלסטע אין דעם דאָזיקן לאַגער. ער האָט געגרינדעט און אָנגעפירט רעפאָרמירטע יידישע קהילות אין צענטראַל־אייראָפּע.

ווען די רעוואָלוציע פון 1848 און 1849 האָט געפלאַקערט אין מערב־אייראָפּע, איז דר. איינהאָרן נישט געשטאַנען אין אַ זייט. ער האָט געפירט זיין קהילה אין דער ריכטונג פון דער רעוואָלוציע. ער איז דעמאָלט געווען דער רעפאָרם־ראַבאַי אין פּעשט (די איצטיקע הויפּטשטאָט פון אונגאַרן, בודאַפּעשט). נאַטירלעך, האָט ער אין זיינע רעדעס גערופן צום פּאָליטישן קאַמף, פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אונגאַרן און פאַר אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אימפּעריאַליסטישן עסטרייכישן יאָך.

פאַר איינער פון אַזעלכע רעדעס, אין אָקטאָבער, 1849, איז ער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טורמע צוזאַמען מיט אַנדערע אונגאַרישע רעוואָלוציאָנערן. דער זיג פון דער עסטרייכישער רעאַקציע איבערן אויפגעשטאַנענעם אונגאַרישן פאָלק איז דעמאָלט דערגרייכט געוואָרן מיט דער הילף פון צאַרישע קאָזאַקן, וואָס די פּעטערבורגער רעגירונג האָט געשיקט אָפּצושטעלן דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג. די רעגירונג האָט פאַרמאַכט דר. איינהאָרנ׳ס סינאַגאָגע אין 1851. אָבער ער האָט זיך אַלץ נישט אונטערגעגעבן. ווען ער האָט, אין 1855, געקראָגן אַן איינלאַדונג פון דער „הר סיני קהילה" אין באַלטימאָר, האָט ער זי אָנגענומען. אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען, האָט ער אַריינגעבלאָזן אַ נייעם גייסט אין זייער טעמפּל און אין דער גאַנצער קהילה. אין אַ קורצער צייט איז זי געוואָרן די סאַמע אָנגעזעענסטע

קהילה אין דער רעליגיעזער רעפאָרם־באַוועגונג.

אין פעברואַר, 1856, האָט ער געגרינדעט דעם יידישן מאָנאַטלעכן זשורנאַל אין דייטש „סיני". דאָס איז געווען אַ ראַדיקאַלער זשורנאַל, און נאָך דערצו אַן אַבאָליציאָניסטישער. דאָס קלינגט אפשר ווי אַ געוויינלעכע דערשיינונג. זיינען דאָך אין יענער צייט געווען אַ ריי אַבאָליציאָניסטישע זשורנאַלן אין עטלעכע שפּראַכן. די מעשה איז אָבער, וואָס דער דאָזיקער זשורנאַל איז דערשינען אין סאַמע צענטער פון אַ שקלאַפן־שטאַט, און אין אַ שטאָט, וואו אַ צענט־חלק פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון נע־גער־שקלאַפן. דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן דעם מוט נישט פון אַ רע־פאָרמער, נאָר פון אַ רעוואָלוציאָנער, פון אַ דרייסטן קעמפער. און אַזאַ איז ער טאַקע געווען.

ווען דער פּראָ־שקלאַפעריי ראַבאַי ראַפאַל, פון ניו יאָרק, איז אַרויסגע־קומען מיט זיין דרשה, וואו ער האָט געפּרוּווט באַווייזן מיט „אותות ומופתים", אַז תורת־משה איז פאַר שקלאַפעריי, און דעריבער מוז יעדער רעליגיעזער מענטש זיך אָפּהאַלטן פון באַקעמפן די אינסטיטוציע, האָט דער קעמפער אין דר. איינהאָרן ווידער אויפגעפלאַמט און איז אַרויסגעטראָטן מיט צעשמעטערנדיקע פאַקטן קעגן דער דאָזיקער שענדלעכער אויסטייטשונג. ער האָט באַוויזן און אונטערגעשטראָכן, אַז לויט דער תורה זיינען „אַלע מענטשן באַשאַפן געוואָרן אין גאָט'ס געשטאַלט, אָן שום באַצייכענונג וועגן זייער אָפּשטאַם".

באַלטימאָר איז געגאַנגען אויף רעדלעך אין די ערשטע אַפּריל־וואָכן פון 1861. אין די גאַסן זיינען אָנגעגאַנגען גרויסע געזעמלען, וואָס האָבן זיך דאָ־און־דאָרט איבערפאָרמירט אין פאַרשיידענע גרופּירונגען, געאַמפּערט זיך, געוועקטלט זיך, אָפּטמאָל אפילו צעשלאָגן זיך מיט פויסטן. די טאָג־פראַגן זיינען געווען: אָפּרייסן זיך פון די „פאַראייניקטע שטאַטן", אָדער נישט אָפּ־רייסן זיך; דורכלאָזן די אַרמיי־פאָרמאַציעס, וואָס טראָגן זיך כסדר פון די מזרח־שטאַטן קיין וואַשינגטאָן, אָדער נישט. עס איז נישט געווען קיין פראַגע וועגן אָפּשאַפן שקלאַפעריי. אין אַ שטאָט, וואָס האָט אַ שקלאַפן־מאַרק און אַזוי פיל געשעפטן, באַזירט אויף שקלאַפעריי, „ווי קען דאָס לעבן אָנגיין" אָן שקלאַפעריי? !...

וואָס אַ טאָג איז די לאַגע געוואָרן כמורנער; די געמיטער אַלץ אָנגע־צויגענער. מען האָט געסטראַשעט די קליינע מינאָריטעט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן שקלאַפעריי. די שפּאַנונג איז געוואַקסן פון מינוט צו מי־נוט. עס איז געקומען אַ מאָמענט, ווען דער דאָזיקער געדיכטער וואָלקן האָט זיך געמוזט אויסלאָדן, ביים ערשטן צוזאַמענשטויס.

און אָט איז אָנגעקומען דער 19טער אַפּריל. עס איז שוין דעמאָלט גע־ווען באַוואוסט, אַז זיבן שטאַטן האָבן זיך שוין אָפּגעריסן פון דער „יוניאָן"; אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט ביי זיך מיט גוואַלט כמעט אַלע פעסטונגען, אַרסע־

נאָלן און עפנטלעכע געביידעס, און אַז דער פּאַרט סאַמנער אין דעם האַפן פון טשאַרלסטאַון, וואָס האָט שוין אויסגעהאַלטן אַ פיר מאָנאַטלעכע באַלאַ־גערונג, איז שוין צען טעג אין די הענט פון די רעבעלירנדיקע אָפּשפּאַלטער.

אַזוי שנעל ווי לינקאָלנ׳ס פּראָקלאַמאַציע וועגן בלאָקאַדירן די דרום׳דיקע פּאָרטן איז באַקאַנט געוואָרן אין באַלטימאָר, האָט זיך אַ גרויסער רציחה־דיקער „מאָב״ געלאָזט אין אַן אָנגריף אויף דעם 6טן רעגימענט פון מאַסאַ־טשוזעטס, וואָס איז אָט ערשט אָנגעקומען פון פילאַדעלפיע און האָט מאַר־שירט לענגאויס פּראַט סטריט צו דער קאַמדענער באַן־סטאַנציע אויפן וועג קיין וואַשינגטאָן. מען האָט באַגעגנט דאָס מיליטער מיט אַ שיסעריי. פיר סאָלדאַטן זיינען גלייך געפאַלן טויט, און 36 פאַרוואונדעט. די סאָלדאַטן זיינען געווען געצוואונגען צו עפענען אַ פייער, פון וועלכן צוועלף ציווילע זיינען דערהרג׳עט געוואָרן און אַ גרויסע צאָל זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

די ראַיאָטן האָבן אָנגעהאַלטן אפילו נאָכדעם, ווי די אַרמיי־טרופּן האָבן פאַרלאָזן די שטאָט. זיי האָבן זיך נאָך מער פאַנאַנדערגעברענט אויף צו־מאָרגנס, ווען כוליגאַנישע גרופּעס זיינען איבערגעפאַלן הייזער און אָפיסעס, וואָס האָבן באַלאַנגט צו אַבאָליציאָניסטן, אָדער זייערע פריינט. צווישן די, וואָס זיינען באַפאַלן געוואָרן, איז געווען דר. איינהאָרנ׳ס פריינט, ווילהעלם ראַפּ. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער דייטשער ציימונג „דער וועקער״, אַן אַבאָליציאָניסטישער אָרגאַן. די באַנדעס זיינען באַפאַלן דעם אָפיס און די דרוקעריי, און האָבן זיי טיילווייז חרוב געמאַכט. אין עטלעכע טעג אַרום זיינען זיי אויך באַפאַלן דעם סוחר לעאָפּאָלד בלומענבערג, טאַקע אַ מיטגליד פון דר. איינהאָרנ׳ס קהילה. ער איז געהאַט געקומען פון דייטשלאַנד מיט אַ יאָר פריער נאָך פאַר דר. איינהאָרן, און איז אויך געווען אַן אַבאָליציאָ־ניסט. אַ צעווילדעוועטער המון איז ביינאַכט באַפאַלן זיין הויז און געזוכט אים צו לינטשן. די פּאָליציי האָט געמוזט האַלטן דאָרטן וואַך אַ ריי נעכט.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט דר. איינהאָרן דערזען די געפאַר, אין וועלכער זיין פאַמיליע ווערט געשטעלט. איבערהויפּט נאָך, ווען אַזוי־פיל רייכע באַלעבאַטים פון זיין קהילה זיינען געווען ביטערע קעגנער פון אָפּשאַפן שקלאַפעריי. נישט איינמאָל האָבן זיי אים פאַרגעוואָרפן, און אפילו געזידלט, פאַרוואָס ער שלעפּט אַריין „פּאָליטיק אין שול אַריין״ — ראַדי־קאַלע פּאָליטיק, פאַרשטייט זיך. אויף אַזאַ אופן האָט דר. איינהאָרן געמוזט פאַרלאָזן באַלטימאָר און איז אַוועק קיין פילאַדעלפיע, וואו ער האָט פאַרגע־זעצט זיין טעטיקייט קעגן שקלאַפעריי. נישט אומזיסט האָט מען אים דער־נאָך דערוויילט אַלס ערן־מיטגליד אין דעם קלוב פון דער „יוניאָן ליג״.

אין זיין דערקלערונג, וואָס ער האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן, פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזן באַלטימאָר, האָט ער צווישן אַנדערעס געזאָגט:

„...איך בין געוואָרן זייער פּילבאַר, אַז די לופט פון באַלטימאָר איז געוואָרן צו־היים פאַר מענטשן, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע, כדי צו

האָבן די מעגלעכקייט צו ריידן און שרייבן פרײַ און אויסצומיידן די הער־שאַפט פון קנוט... געדאַנקען, וואָס האָבן אויסגעקוקט צו זיין אומשעדלעכע, האָבן אָנגעהויבן צו שרעקן מענטשן, אָדער אפילו באַטראַכט צו ווערן ווי פאַרברעכעריש... איך האָב שוין לאַנג צוריק אָפּן דערקלערט מיין איבער־צייגונג, אַז אויב מערילאַנד וועט אַרויס פון דער „יוניאָן", וועל איך נישט האָבן קיין אַנדער ברירה און וועל מוזן פאַרלאָזן מיין פּאָסטן אין באַלטימאָר, ווייל אפילו אין (צאַרישן) רוסלאַנד און אין עסטרייך וועט מען שוין קענען זיין באַלד מער טאָלעראַנט... ווי אין אַן אָפּגעריסענעם שקלאַפן־שטאַט".

דר. אײנהאָרן האָט אויך אָנגעוויזן, אַז לכתחילה האָט ער געהאַט בדעה צו לאָזן די פאַמיליע אין פילאַדעלפיע און אַליין צוריקקומען צו זיין פּאָסטן אין באַלטימאָר. אין זיינע אייגענע ווערטער:

„...אויף מאָרגן זיינען צוויי פירנדיקע מיטגלידער פון מיין קהילה גע־קומען צו מיר אין הויז. נישט קענענדיק באַהאַלטן זייער גרויסע זאָרג, האָבן זיי מיך באַוואָרנט צו פאַרלאָזן די שטאָט אַזוי שנעל ווי מעגלעך, דערפאַר, ווייל מען האָט מיך שוין פערזענלעך געסטראַשעט, זינט איך בין שוין אידענטיפיצירט געוואָרן אַלס דער רעדאַקטאָר פון אַ שוואַרץ־רעפּובלי־קאַנישער" צייטונג, וועמענס דרוקעריי עס איז פּאַקטיש פאַרניכטעט געוואָרן דעם זעלבן טאָג (דער זשורנאַל „סיני" האָט זיך געדרוקט אין דער שניידער־ראַיט דרוקעריי, וואָס האָט זיך געפונען לעבן פּראַט סטריט, וואו עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ראַיאָטן). ווען איך האָב געענטפערט, אַז איך קען נישט דעזערטירן מיין פּאָסטן אויף אַזאַ אופן, האָט מען מיך פאַרזיכערט, אַז די קהילה בעט זיך ביי מיר, אַז איך זאָל אַוועקגיין אויף אַ געוויסער צייט און אַז זיי וועלן מיך צוריקרופן אין דער געהעריקער צייט..."

עס איז קלאָר, אַז דר. אײנהאָרן האָט נישט פאַרשעמט זיין באַרוף אַלס פּראָגרעסיווער דעמאָקראַט און אַלס גייסטיקער פירער אין אַ מורא'דיקער צייט. דר. אײנהאָרן האָט דערנאָך פאַרנומען וויכטיקע פּאָסטנס אַלס רב אין פילאַדעלפיע און אין ניו יאָרק (מיט דער קהילה „עדת ישורון"). ער האָט זיך נישט אומגעקערט קיין באַלטימאָר בלויז דערפאַר, וואָס די קהילה האָט ביים צוריקרופן אים געשטעלט אַ תנאי — אויסצומיידן אַלע טאָג־פראַגן און פּאָליטיק און בלויז אָנגיין אַלס ראַבאַי. האָט אָבער זיין אייגענער גע־וויסן אים אונטערגעזאָגט: ניין, דו ביסט פריער פון אַלץ אַ מענטש, אַ דענ־קענדיקער מענטש, אַ פּראָגרעסיווער מענטש, וואָס זיין חוב איז צו שטעלן זיך קעגן אַלדאָס בייז און שלעכטס, קעגן שקר און פאַלשקייט.

עס איז ריכטיק, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט וועגן זיינע באַלעבאַטים: זיי זיינען „יקום פורקן"־העלדן, גראָבקעפּיקע, חוצפה'דיקע מיטן שטאָלץ פון זייער געלט, וואָס פאַרדינען בלויז טיפע פאַראַכטונג".

דר. דוד אײנהאָרן איז געשטאָרבן אין 1879, אין עלטער פון 70 יאָר.

דר. מאַקס ליליענטאַל

רב און פילאָזאָף, דיכטער און ריכטער, ליגט כסדר זיין רעפאָרם-שטעמפּל אויף זיין אייגענעם רעפאָרם-טעמפּל.

זייער ווייניק צווישן די רבנים אין אַמעריקע אין 19טן יאָרהונדערט זיינען געווען מושלמים אויף פיל געביטן. צווישן די ווייניקע איז זייער אַנזעעוודיק געווען דער געלערנטער רעפאָרם־ראַבאַי דר. מאַקס ליליענטאַל. ער איז געווען א יידישער גזועץ־קענער און היסטאָריע־פּראָפעסאָר, א דיכטער און פילאָזאָף, א ליטעראַטור־קענער און א דראַמאַטורג. דערצו א שיינער אָראַטאָר, א גלענצנדיקער לעקטאָר, אַן איניציאַטאָר און אינאָוואַטאָר.

הויך און גראַדליניק, א שיינער מאַנספּאַרשוין, מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען, אָבער אָן גאווה, האָט ער זיך דורכגעטראָגן אין די גאַסן פון ניו יאָרק, אין די פערציקער יאָרן פונעם לעצטן יאָרהונדערט, און געשפּרייט אַרום זיך די אַטמאָספערע פון א געלערנטן, ווען די קליינע קהילה'לעך אין ניו יאָרק האָבן זיך קוים געקאָנט האַלטן אויף די פיס און קנאַפּ־וואָס געקענט אָפּשאַצן זייער גייסטיקן פירער.

עס האָט געדויערט יאָרן, איידער דער דאָזיקער רב, מיטן טיטל פון דאָקטאָר־פילאָזאָפיע, האָט זיך געלאָזט פילן ברייטער און אָנזעעוודיקער. עס האָט געמוזט קומען די קאַטאַסטראָפע אין וואַשינגטאָנער פאָרד־טעאַטער, ווען לינקאָלן איז באַפאַלן געוואָרן פון א צעווילדעוועטן אַקטיאָר־פאַנאַטיקער מיט א טויטלעכער קויל, כדי דר. ליליענטאַל זאָל אַרויסטרעטן מיט אַן איינדרוקפולער עלעגיע אין סינסינעטי, און זי זאָל דערנאָך פאַרשפּרייט ווערן איבערן לאַנד. ערשט פון דער דאָזיקער רעדע איז קלאָר געוואָרן פאַרן ברייטן יידישן עולם זיין שטעלונג צו לינקאָלן און צו זיינע אידייען.

מאַקס ליליענטאַל איז געבאָרן געוואָרן אין מינכען, בייערן, דעם 6טן נאָוועמבער, 1815, און געענדיקט דעם מינכענער אוניווערזיטעט אין עלטער פון 22 יאָר, מיטן טיטל דאָקטאָר פילאָזאָף. און צוויי יאָר שפּעטער זעען מיר אים שוין ווי גרינדער און פּרינציפּאַל פון א יידישער רעגירונגס־שול אין ריגע. ווען די שול עפנט זיך און דר. ליליענטאַל האַלט די ערשטע דערעפענונג־דרשה, מאַכט זי א גרויסן רושם אין די צאַרישע רעגירונגס־קרייזן. מיר שטעלן זיך פאָר, אַז זי האָט געגליט מיט צאַרישן פּאַטריאָטיזם... ער זאָל האָבן פאַר איר זיך „פאַרדינט" א מתנה פונעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן, א דימענטענעם פינגערל... און אפשר האָט אין דעם געהאָלפן די גוטע רע־

קאָמענדאַציע, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין פאַרערער גראַף מאַלטיץ, דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר קיין האָלאַנד.

אינגיכן ווערט דער דאָזיקער דייטש־יידישער פריידיקער גערופן קיין פעטערבורג. דער בילדונגס־מיניסטער אוואַראָוו באַראַט זיך מיט אים וועגן עפענען יידיש־רוסישע שולעס אין די גרויסע יידישע שטעט, וואו ס׳איז זיי דערלויבט צו וואוינען. דער פּלאַן פונעם קוריקולום האָט אַריינגענומען וועלטלעכע און יידישע לימודים. ליליענטאַל האָט געדאַרפט אַרומפאָרן און אָפּווישן דעם חשד פון די יידן, אַז ניקאָלאַי׳ס רעגירונג וויל זיי שמד׳ן. אַמוויינסטנס זאָלן זיי דאָס נישט אָננעמען ווי אַ גזרה, נאָר ווי אַ פּריוויר־לעגיע — צו געניסן בילדונג. ער האָט קענטיק נישט פאַרשטאַנען, אַז מען נוצט אים ווי אַ געצייג פאַר רוסיפיקאַציע.

דר. ליליענטאַל האָט דעמאָלט באַזוכט ווילנע, געקראָגן דאָרט 5 טויזנט רובל פאַרן שול־צוועק, מיט אַ צוזאָג, אַז עס וועט זיין מער ווען מ׳וועט דאַרפן. אָבער די יידן האָבן עס דעמאָלט, קענטיק, באַשאַפן דאָס ווערטל „שקאָלי ניע זשעלאַיעם". „מיר ווילן עס נישט, מיר דאַרפן עס נישט..." מען האָט זיך נישט אַרומגעכאַפּט מיט אים.

דער „שליח" פון דער צאַרישער רעגירונג האָט שיר נישט באַצאָלט מיט זיין לעבן, ווען ער איז געקומען מיט דער זעלבער מיסיע קיין מינסק. ס׳האָט געהאַלטן ביי פאַרשטיינען אים... ליליענטאַל האָט געמוזט אַרויסרופן פּאָליציי כדי צו ראַטעווען זיך פון די אויפגערעגטע פרומע יידן. דאָס האָט געווירקט נאָך מער אויף ווילנע און מ׳האָט זיך דאָרט אויך גענומען „אָפּ־זאָגן פון די טובות". דער סוף איז געווען, אַז ליליענטאַל איז צוריקגעקומען אַן אַנטוישטער קיין פעטערבורג. ער האָט קענטיק אַלץ נישט פאַרשטאַנען זיין ראָל.

דער בילדונגס־מיניסטער האָט אים שוין אָבער נישט אָפּגעלאָזט. גע־פאָדערט פון אים בעסערע פּלענער ווי אַזוי אַריינצוציען די יידן אין רוסישע שולעס. אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום האָט דר. ליליענטאַל ווידער געפּרואווט זיין מזל אין ווילנע און דאָרט גענומען פאַרשפּרייטן זיין צירקולאַר־אויפרוף אונטערן נאָמען „מגיד ישועה". ער האָט אפילו אָפּגעהאַלטן אַן אָפיציעלע קאָנפערענץ מיט די גרויסע רבנים און קולטור־טוער פון יענער צייט: ר׳ איטשע וואָלאָזשינער, ר׳ מענדל שניירסאָן פון לובאַוויטש, בצלאל שטערן פון אָדעס און ר׳ ישראל האַלפּערן פון בערדיטשעוו. דער אָדעסער האָט אפילו אָפּגעפרעגט ליליענטאַל׳ס קענטשאַפט אין תלמוד.

די סעסיעס זיינען אָנגעגאַנגען אַ געוויסע צייט, ווייל עס איז געווען אַן אָפיציעלע רעגירונגס־אינסטיטוציע. די צאָל פון די באַטייליקטע איז געווען פערצן, פון וועלכע ליליענטאַל איז געווען דער סעקרעטאַר. אָבער ליליענטאַל אַליין האָט געמוזט שוין אָנהויבן צווייפלען אין די צילן פון דער צאַרישער רעגירונג. פון די רבניש־סענאַטאָרישע סעסיעס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

ליליענטאל האט דערנאך קלאר שוין גענומען איינזען, אז דאס איז געווען א פארזוך נישט בלויז פון רוסיפיקאציע, נאר אויך פון צוגרייטונג צו שמד. א סברא, אז מ'האט אים פארגעלייגט צו ווייזן א ביישפיל...

אין 1842 זעען מיר שוין ליליענטאל'ן ווי א רב אין אן אדעסער קהילה. אבער אויך פון דעם איז גארנישט ארויסגעקומען. זיין גאנצע רוסיש־יידישע טעטיקייט האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין אן ארויסגעווארפענע. נישט ער האט פארשטאנען די רוסישע און ליטוויש־פוילישע יידן, נישט זיי האבן אים פארשטאנען.

אין 1844 זעען מיר אים שוין ווי ער קומט מיט זיין כלה קיין ניו יארק, ווערט א רב אין דריי קליינע דייטש־יידישע קהילות — פון אזעלכע ווי די „אנשי־חסד" אויף נארפאלק סטריט, „שער השמים" פון אטארני סטריט — פון אלע צוזאמען פארדינט ער 600 דאלאר א יאר. אבער באלד שטעלט זיך ארויס, אז ער איז צו פראגרעסיוו פאר זיי. און אט זעען מיר אים שוין אין ראל פון א בילדונג פארשפרייטער. ער עפנט א בילדונגס־אינסטיטוט מיט א געוויסער מאס דערפאלג.

אבער אויך ביי דעם בלייבט ער נישט זייער לאנג. דערוויל הויבט ער אן א זשורנאליסטיש־וויסנשאפטלעכע טעטיקייט. ער ווערט א מיטארבעטער אין „אמעריקאן איזראעליט" און ציט זיך אריבער אין 1855, אין סינסי־נעטי, וואו ער ווערט ראבאי אין דער קהילה „בני ישראל". דאס ווערט שוין זיין צווייטע היימשטאט. אין דער זעלבער צייט ווערט ער מיטרעדאקטאר פון וואיז'עס „אמעריקאן איזראעליט".

אין סינסינעטי וואקסט ערשט ארויס זיין פולע פערזענלעכקייט. דארט גרינדעט ער א ריי אינסטיטוציעס און ווארפט זיך אריין אין פיל דערציִ־אונגס־טעטיקייטן: גרינדעט די רבניש־ליטעראַרישע געזעלשאפט, ווערט איר ערשטער פרעזידענט און לעקטאר, שפעטער — פראפעסאר פון יידישער געשיכטע און ליטעראַטור אין „היברו יוניאן קאלעדזש"; ווערט גרינדער און רעדאקטאר פון „היברו רעוויו", א פערטל־יערלעכער זשורנאל, ווי אויך פונעם וואכנבלאט „סאבאט סקול וויזיטאר"; גרינדעט אין דייטש דעם אר־גאן „דעבארא" און ארבעט ווייטער מיט אין וואיז'ס „איזראעליט" און אויך אין ליסער'ס „אקסידענט", אין „אטמאנעאן" און אין די יידישע זשורנאלן אין דייטש — „פאלקסבלאט" און „פאלקס־פרוינד".

אין 1857 גיט ער ארויס א באנד לידער (אין דייטש) „פרייהייט, פרי־לינג און ליבע". ער פארעפנטלעכט עטלעכע בענדער פון זיינע פריידיקונגען און רעדעס. ער האט אפילו איבערגעלאזט, אין מאנוסקריפט, דריי פיעסן אין דייטש.

ליליענטאל האט אויך געהאט צייט צו פאראינטערעסירן זיך אין די מוניציפאלע פראבלעמען פון סינסינעטי. ער ווערט א טוער אין א ריי וואויל־טעטיקע רעליף־אינסטיטוציעס, א מיטגליד אין „באארד אוו עדיוקעישאן",

וואו ער שפּילט אַ גרויסע ראָל.

אין דער יידישער גאַס ווערט ער באַוואוסט אַלס רעפאָרמער. דאָס איז ער. קענטיק, געווען לויט זיין גאַנצער נאַטור. אפילו אין זיין אייגענער רעפאָרם־שול האָט ער כסדר איינגעפירט נייע רעפאָרמען. ער איז אָבער געווען ליבעראַל און טאָלעראַנט מיט קעגנער. ער האָט געאַרבעט פאַר ליבעראַליזירן די אַלטע יידישע געזעצן אינעם גייסט פונעם בירגערלעכן פּריוואַטס־באַגריף.

אין דער פראַגע פונעם בירגער־קריג איז ער געשטאַנען אין אַ שוואַכער פּאָזיציע. אין גייסט איז ער געווען מיט לינקאָלנ'ס אידייען, אָבער אַלס מיט־רעדאַקטאָר אין „איזראַעליט", וואו דער הויפּט־רעדאַקטאָר ראַבאַי אייזיק מאיר וואיז האָט פאַרנומען זיין „סטעיט־ראַיט"־פּאָזיציע, אַז יעדער שטאַט האָט דאָס רעכט צו באַשטימען פאַר זיך די פראַגע וועגן שקלאַפעריי, האָט ער אַ לאַנגע צייט געשוויגן.

ווי מיר האָבן געזען איז ער אַרויסגעקומען גלייך נאָך לינקאָלנ'ס טויט מיט דעם הספּד, אין וועלכן ער האָט אָנגערופן לינקאָלן „דער ערשטער אַר־בעטער־פּרעזידענט". די אויסערגעוויינלעך קרעפטיקע רעדע קען מען געפינען אין פול אין מאַרים שאַפּעס' דאָקומענטן־געשיכטע, אונטערן דאָקומענט נומער 145.) דאָס ווייזט, אַז ליליענטאַל איז כסדר געוואַקסן אין אַ ראַדיקאַלערער ריכטונג.

איבער 27 יאָר איז ער געווען דער גייסטיקער רעפאָרם־פירער אין סינסינעטי, צוזאַמען מיט זיין חבר אייזיק מאיר וואיז. סינסינעטי איז דעריבער געוואָרן נישט בלויז די פעסטונג פון יידישער רעליגיעזער רעפאָרמאַציע, נאָר אויך אַ צענטער פון יונגע יידישע געלערנטע. מיט איין, צוויי, דורות פריער האָבן מיר אייניקע פון זיי געזען אין אַ ריי שטעט, ווי פּראָגרעסיווע פירער, הומאַניסטן, וואָס שטעלן זיך איין פאַר אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע.

דאָס קען נישט געזאָגט ווערן וועגן רבנים בכלל — אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטאָרן אָדער רעפאָרמער. אַ סך פון זיי זיינען צופיל אָפּהענגיק אָן די קהילה־פירער, מערסטנס אַליין עקספּלואַטאָרן, אָדער וואָס קריגן ברעקלעך פון זייער טיש. אפילו די מאָדערנסטע צווישן זיי האָבן אָפּטמאָל מורא מיט־צושפּרייזן אויף איין וועג צוזאַמען מיט פּראָגרעסיווע.

ליליענטאַל האָט צו זיי נישט געהערט. דאָך איז נישט ער און נישט אייזיק מאיר וואיז אַרויפגעשטיגן אַזוי הויך ווי דר. דוד איינהאָרן.

ער איז געשטאָרבן אין 1882, אין עלטער פון 67 יאָר.

יידישער פּיאָנער און די אינדיאַנער

ווי מ'האָט די אינדיאַנער פון זייער היים פאַרטריבן: — זיי זיינען דאָך „שלעכטע און פרעמדע" געבליבן.

היסטאָריקער פון דער יידישער געשיכטע אין אַמעריקע האָבן נאָך פאַר זיך פיל טונקעלע ווינקלען פון יידישע פּיאָנערן אין אַמעריקע, וואָס דאַרפן נאָך אויפגעלויכטן ווערן. איינער פון זיי איז דאָס קאַפּיטל „יידן אין די באַציאונגען מיט די אינדיאַנער שבטים".

דערווייל האָבן מיר געקראָגן אין דער „דאָקומענטאַרע געשיכטע פון יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן" פון מאָריס שאַפּעס אַן אינטערעסאַנטן „נאָדערויף" וועגן איינעם פון די יידישע פּיאָנערן אין וויסקאָנסין, וועלכע יידישע היסטאָריקער האָבן ביז איצט אינגאַנצן פאַרזען. דאָס איז דזשאָן מ. ליוואַי, אַן אימיגראַנט, וואָס האָט געלעבט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַרום דריי און זיבעציק יאָר און ביי געטראָגן אין אַ גרויסער מאָס צום אויפבוי פון לאַ קראָס, אויסער זיינע פילפאַכע טעטיקייטן אויף אַנדערע געביטן.

דזשאָן מ. ליוואַי איז געבאָרן געוואָרן אין 1820, אין דער פאַמיליע פון דעם לאָנדאָנער חזן מאיר ליוואַי און זיין פרוי איוואַ וואָרמס. זיין דערציאונג האָט ער געקראָגן אין אַמסטערדאַם און פּאַריז און עמיגרירט קיין אַמעריקע אין 1837. זיין ערשטע שטאָט איז געווען סט. לואיס. ער האָט דאָרט געהייראַט אַ דייטשע מיידל, אויגוסטאַ, און זיך אַריבערגעקליבן אין דעם פראַנצויזיש־אַמעריקאַנישן ישוב פון פּרעירי דו שיען, וויסקאָנסין, וואו ער האָט געהאַנדלט מיט די אינדיאַנער און איז געווען דערפאָלגרייך אין דעם געשעפט צוזאַמען מיט זיין שותף יצחק מאַרקס.

אין 1845 זיינען זיי ביידע אַפּגעפאָרן אין דעם נייעם ישוב פון לאַ קראָס, וואו זיי האָבן איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט אַנדערע אינדיאַנער־גרופּעס און עטאַבלירט מיט זיי גינסטיקע געשעפטלעכע באַציאונגען, אַזוי, אַז ליוואַי האָט שוין אינעם פרילינג פון 1846 געקענט אַריבערברענגען אַהין פון פּרעירי דו שיען זיין פרוי אויגוסטאַ און זיין 4־יאָריק יינגעלע ווילי. זייערע איז געווען די פינפטע פאַמיליע, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם ווייסן ישוב פון לאַ קראָס, וואָס איז באַשטאַנען פון פראַנצויזישע עמיגראַנטן, חוץ די ווינעבאַגאָס אינדיאַנער, וואָס האָבן געהאַט זייערע ישובים אַרום און אַרום.

אָבער אין 1848 איז אין דעם דאָזיקן שנעל־וואַקסנדיקן ישוב פאָרגע־

קומען אַ גרויסע אויפרודערונג. די פעדעראַלע רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָט אָנגעהויבן אויסצואיבן אַ שטאַרקן דרוק אויף די ווינעבאַגאָס נאָכצו־קומען אַ פריערדיקן „אָפּמאַך" און אָפּצולייזיקן וויסקאָנסין, און זיי פאַר־אָרדנט צו באַזעצן זיך אין דער ווייטערדיקער צפון־טעריטאָריע, לויט די באַדינגונגען פון דעם פריערדיקן אָפּמאַך.

קענטיק, אַז אַמווייניקסטנס פאַר אייניקע סוחרים איז די דאָזיקע פאַר־אָרדענונג געווען אַ גרויסער קלאַפּ, ווייל זיי האָבן זיך גענומען אַרויסקלייבן פון לאַ קראָס. צווישן זיי איז אויך געווען ליוואַי'ס שותף. אָבער עס האָט מסתמא געמוזט געפירט ווערן אין משך פון אַ לענגערער צייט אַ היפּשע ליגן־קאַמפּאַניע קעגן די אינדיאַנער, אַז זיי זיינען „שרעקלעכע מענטשן", „מיאוס'ע מענטשן", שמוציקע און אומווירדיקע, אַז זיי הרג'ענען כלומר'שט ווייסע פרויען און קינדער, אַז זיי זיינען אַ געפאַר פאַרן ווייסן ישוב...

מיר קאָנען עס שוין קלאָר אַרויסזען פון געוויסע שטעלן, וואָס מיר האָבן פאַר זיך פון מרס. אויגוסטאַ ליוואַי'ס דעראינערונגען וועגן יענער צייט און די שנאה, וואָס פילט זיך אומעטום צו די אינדיאַנער. אָט זעען מיר דאָרט אַזעלכע אויסדרוקן: „מיר האָבן מורא געהאַט (זי און איר פיר־יאָריק יינגעלע ווילי), אַז זיי (די אינדיאַנער) קומען אונדז הרג'ענען... זיי האָבן געקלאַפּט אין דער טיר, אָבער איך האָב זיי נישט געעפנט..." און ווען עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס האָט איר מאַן אַליין גע־קלאַפּט אין טיר, האָט זי (לויט איר אייגענעם באַריכט) געהאַט צו אים אַ טענה — „האָסט דען נישט געזען די אינדיאַנער אין פראָנט פון דער טיר, וואָס זיינען געקומען אונדז הרג'ענען?!" (דאָרט, דאָקומענט 99 „עי".)

ווי זי אַליין דערציילט, האָט זי זיך דערנאָך דערוואוסט, אַז איר מאַן האָט באַוויליקט פאַר די אינדיאַנער עלטסטע דאָס הויז פאַר אַ מיטינג, צוזאַ־מענצורעדן זיך וועגן אויסווירקן אין וואַשינגטאָן צוריקצורופן די פאַראָר־דענונג אַרויסצושטויסן זיי פון וויסקאָנסין מיט געוואַלט. דאָס האָבן זיי אויף יענעם מיטינג אויסגעקליבן איר מאַן, ליוואַי'ן, אָנצושרייבן אין זייער נאָמען אַ בריוו צום פרעזידענט, אַז די ווינעבאַגאָ אינדיאַנער וואוינען שוין אויף דער טעריטאָריע 200 יאָר; אַז זיי זיינען שוין אַלטגעזעסענע און קאָנען נישט אַריבערקלייבן זיך אין טעריטאָריעס, וואָס מ'האָט פאַר זיי אויסגע־קליבן אומגעבעטענערהייט; אַז זיי זיינען יאָ גרייט אָפּצולייזיקן דאָס לאַנד, וואָס די רעגירונג האָט ביי זיי געקויפט. זיי ווען שוין זען, אַז קיין אינדיאַ־נער זאָל זיך נישט פאַרטשעפּען מיט די ווייסע בירגער; אַז זיי וועלן זיך איינאָרדענען אויף דעם לאַנד פון סואי־אינדיאַנער, ווען די רעגירונג וועט פון זיי אָפּקויפן דאָס לאַנד. און זיי וועלן לעבן צוזאַמען מיט זיי בשלום, וועלן אויספאָלגן אַלע באַפעלן פונעם פרעזידענט און פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן...

און כאָטש זי אַליין ווייסט שוין דערנאָך, אַז דאָס האָבן זיך צו איר

נישט אריינגעריסן די אינדיאַנער טשיפס, נאָר אַז זיי זיינען אהין געקומען מיט דער דערלויבעניש פונעם מאַן, קאָן זי זיך פונדעסטוועגן נישט באַרו־איקן, וואָס זיי האָבן „אנגעפילט די גאַנצע שטוב" און וואָס זיי האָבן אָנ־געשפיגן אומעטום און געמאַכט פון איר וואוינונג אַ „ספּיטון" (אַ שפּיי־קעסטל).

אָבער דזשאָן מ. ליוואַי אליין איז קענטיק געווען מיט די אינדיאַנער, נישט קעגן זיי, ווי זי דריקט זיך אויס אין דעם זעלבן דאָקומענט.

ווי שאַפּעם גיט אָן אין זיינע באַמערקונגען וועגן ליוואַי'ס בריוו צום פּרעזידענט, וועגן די אינדיאַנער, איז דער ענטפער פון וואַשינגטאָן צו ליוואַי'ן געווען נישט קיין צו־פריינטלעכער. ער איז געקומען פונעם „אָפּטייל פאַר אינדיאַנער ענינים" און דאָרט האָט זיך געזאָגט קורץ און שאַרף, אַז דער פאָרשלאָג „קאָן אפילו אויף קיין איין מינוט נישט גענומען ווערן אין באַ־טראַכט". נאָך מער: ליוואַי האָט, אין דעם קאַלט־מלחמה'דיקן מעקאַרטי־גייסט געקראָגן אַ וואָרענונג, אַז ער זאָל זיך נישט אריינמישן און שטערן, אויף וועלכן עס איז אופן, די אָפּרייניקונג פון דער וויסקאָנסין טעריטאָריע פון די אינדיאַנער און אַז ער וועט באַשטראָפט ווערן לויטן געזעץ, אויב ער וועט זיך יאָ שטעלן קעגן. פאַקטיש איז דערנאָך די באַזייטיקונג פון די אינדיאַנער דאָרט פאָרגעקומען מיטן כח פון ארמיי־טרופּן.

שפּעטער האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז דער פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר די אינדיאַנער אריבערצוקלייבן זיך פון זייער צוויי־הונדערט־יאָריקער היים, איז נישט איבערגעלאָזט געוואָרן צו זיי גופא. דאָס האָט פאַר זיי אויסגעקליבן העברי מ. ראַיס, וואָס איז שפּעטער געווען ער יו־עס סע־נאַטאָר פון מינעסאָטאַ...

און לאָמיר געדענקען, אַז דזשאָן מ. ליוואַי איז דעמאָלט געווען אין לאַ קראָס אַן אָנגעזעענער סוחר, אַ ריכטער (סקוואַיר), אַ פּיאָנער אין פיל הינ־זיכטן. ער האָט אויפגעבויט אין לאַ קראָס דעם ערשטן האָטעל אין שטאָט; ער האָט געבויט די שיף פאַר דער ערשטער לאַנדונגס־פּלאַטפאָרם (ווערף) און דערנאָך אויך דעם ערשטן האַפן־דאָק. און דאָך האָט זיין איינשטעלן זיך פאַר די אינדיאַנער אויסגעזען אין וואַשינגטאָן ווי אַ מין רעוואָלוציאָ־נערע האַנדלונג.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ליוואַי'ן געטראָפן אַ גרויסער אומגליק: זיין זון ווילי איז אין עלטער פון זיבן יאָר דער'הרג'עט געוואָרן. אַ פערד האָט אים צופעליק צעשמעטערט זיין קאָפּ, ווען ער איז אויף אים ארויפגעטראָטן. עס איז נישט באַקאַנט צי ער האָט געהאַט אַנדערע קינדער.

דזשאָן מ. ליוואַי האָט אויסגעפּרואווט אַלערליי געשעפטן אין לאַ קראָס. ער איז אפילו געוואָרן אַ שטיקל באַנקיר. אָבער אַלע זיינע אונטערנעמונגען, צוזאַמען מיט דער באַנק, זיינען צעשמעטערט געוואָרן אינעם קריזיס פון 1857. דאָס איז געווען דער צווייטער שווערער קריזיס, זינט ער איז געקו־

מען קיין אַמעריקע. מעגלעך, אַז דאָס האָט אים געגעבן אַ שטויס צו נעמען זיך צו פּאָליטיק.

ליוואַי איז שפּעטער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס אַלדערמאַן און איז אַכט מאָל ווידער אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם אַמט. פונעם אַלדערמאַן־אַמט איז אים געוואָרן לייכטער אויסגעקליבן צו ווערן אַלס מאיאָר אין דעם באַוואוסטן לינקאָלן־יאָר פון 1860. אין 1862 האָט ער געהאַלטן דעם אַמט פון אַסעסאָר. אין 1866 און 1867 איז ער ווידער דערוויילט געוואָרן אַלס שטאָט־מאיאָר. אין 1871 איז ער געווען דער דירעקטאָר פון „באָארד אָוו טרעיד" (האַנדלס־קאַמער).

די שטאָט לאַ קראָס האָט מיט דער צייט געקראָגן אַ גרעסערע ייִדישע באַפעלקערונג. אין די זיבעציקער יאָרן עקזיסטירט שוין דאָרט אַן אָפּצווייג פון די „בני ברית". מיר זעען ליוואַי'ן אין יענער צייט ווי אַ באַאַמטער אינעם קרעמיע־לאָדזש, נומער 138, פון די בני ברית. גלייכצייטיק האַלט ער לעקציעס אין דער זונטיק־שול פון דער דאָרטיקער ייִדישער קהילה.

צווישן די פאַרשיידענע גרויסע און קליינע געשעפטן, וואָס ליוואַי האָט געהאַט אין זיין היפּשלעך־לאַנגן לעבנס־עלטער, איז אויך געווען — גראָסע־רים און ריל־עסטעיט. אָבער סוף כל סוף איז ער געבליבן אַ קבצן. אין די עלטערע יאָרן האָט ער געדאַרפט אָנקומען צו גוטע פריינט.

דזשאָן מ. ליוואַי האָט דערגרייכט צו אַן עלטער פון ניינציק יאָר. ער איז געשטאָרבן דעם 20טן אַפּריל, 1910. די שטאָט האָט אויסגעדריקט איר טרויער דורך אַראָפּציען די פאָנען אויף האַלבן מאַסט, אין אַ באַפעל פון אַן אָפיציעלער פּראָקלאַמאַציע. אינעם טאָג פון דער לוויה זיינען געווען פאַרמאַכט אַלע אָפיסעס פון די שטאָט־אַמטן. דעם לוויה־ריטואַל האָט אָפּגעהאַלטן דער גייסטלעכער דזש. ס. לאָווער פון דער סט. פּאָולס אוניווערסאַליסטישער קירך (שאַפּעס, דאָרט, זייט 640, אין באַמערקונג 2.)

עס איז נישט באַוואוסט, צי ליוואַי האָט פאַרן טויט פאַרגעצויגן די דאָזיקע פרייע קירך, צי עס איז גראָד נישט געווען אין לאַ קראָס קיין פּאַסנדיקער ייִדישער גייסטלעכער. אין דעם באַריכט, וואָס שאַפּעס האָט אַרויסגעצויגן פון דער „דע לאַ קראָס טריביון", זאָגט זיך אויך נישט, צי דעם לאַנדאָנער חזנ'ס זון איז באַערדיקט געוואָרן אויף אַ ייִדישן בית־עולם, צי אויף אַ נישט־ייִדישן.

די דראַמאַטישע ערנעסטין לואיז ראָוז



די מערקווירדיקע פרוי, וואָס די יידי־שע עמיגראַציע האָט צוגעשטעלט פון רוסיש־פוילן, אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט, איז גע־ווען איינע פון די ערשטע קעמפערינס פאַר פרויען רעכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און פון צווישן די מיליטאַנט־סטע קעמפער פאַר אָפּשאַפן שקלאַפע־ריי. זי איז געווען ערנעסטין לואיז ראָוז, און זי איז געקומען אהער פון ענגלאַנד, אין 1836.

עס איז געווען פרילינג אין דעם ניי־עם לאַנד, ווען זי און איר מאַן וויליאַם ראָוז זיינען אהער אָנגעקומען. עס איז געווען אַ מחיה צו אָטעמען די פרייע לופט. אָבער גאַנץ שנעל האָט די דאָזיקע 26־יעריקע פרוי דערזען, אַז דער פרילינג איז נישט פאַר דעם גרעסטן טייל מענטשן אין דער אויסגע'חלום'טער פרייער אַמעריקע.

אַ העלפט פון דער מענטשהייט אין אַמעריקע איז אָן פרייהייט און ממילא אָן פרילינג. זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אין דער פרייער אַמעריקע זאָל זיך געפינען די פרוי אָן רעכט. ווען זי האָט געפּרואווט אָנ־ווייזן אויף דעם, האָט מען געקוקט אויף איר קרום. אָבער ערנעסטין איז, ווי מיר וועלן זען, נישט געווען פון די, וואָס שרעקן זיך אָפּ ווען זיי זיינען אַליין. זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט דעם כוח צו איבערצייגן אַנדערע. זי האָט דערפילט ווי דער אומרעכט, וואָס מען טוט דער פרוי, ברענט אויס וואונדן אין איר מוח. „עס איז אַ פריי לאַנד, וואָס האָט פּראָקלאַמירט, אַז אַלע מענטשן זיינען געבאָרן געוואָרן גלייך". אַזוי האָבן באַגריפן די פאָ־טערס פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. אָבער די דאָזיקע פאָטערס האָבן אפילו נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף, אַז זיי באַליידיקן זייערע אייגענע מוטערס, זייערע אייגענע פרויען, זייערע אייגענע טעכטער און שניר.

ניין, דאָס איז נאָך נישט קיין נייע וועלט, ניי, ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט זי זיך געקלערט. און זי האָט פעסט באַשלאָסן צו טאָן אַלץ וואָס אין אירע כוחות צו דערשלאָגן זיך די זעלבע מאָס פרייהייט פאַר דער פרוי ווי עס האָט דער מאַן. נאָך איינגאַנצן אַ גרינע און אָן אומבאַקאַנטע וואַרפט זי זיך שוין אַריין אין דער דאָזיקער אַרבעט. איר ערשטער ציל איז צו באַוועגן די געזעצגעבער פון דער ניו יאָרקער שטאַט־לעגיסלאַטור אָנצונעמען, צום ערשטן מאָל דאָ אין לאַנד אַ געזעץ, אַז פאַרהייראַטע פרויען זאָלן מעגן

האָבן אייגנטום אין זייער אייגענעם רעכט. אין דעם זינען איז נאָך דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן די פּרוי צו זיין אַזוי רעכטלאָז ווי אַ שקלאַף, וואָס האָט, לויט די פּאַרצייטיקע געזעצן, נישט געטאָרט האָבן קיין באָדן־אייגנטום אויפן אייגענעם נאָמען.

שוין אין 1836 האָט זי אָנגעהויבן צו שיקן פּעטיציעס צו די ניו יאָרקער אַסעמבלי־לייט. נאָך לאַנגע באַמיאונגען און דיסקוסיעס מיט אַ גרויסער צאָל פּרויען, האָט זי בלויז געקראָגן פינף אונטערשריפטן. אָבער אַז זי האָט שוין געקראָגן פינף אונטערשריפטן איז זי שוין געוואָרן נאָך זיכערער אין דער גערעכטיקייט פון אירע אָנשטרענגונגען און איז ווייטער געגאַנגען, ווידער איינגע־טענה'ט, נאָך מער געפּרוואווט צו פּאַרפולקאָמענען אירע אַרגומענטן. עס האָבן זיך גענומען פאַרמערן די אונטערשריפטן אונטער אירע פּעטיציעס. יאָר־איין, און יאָר־אויס, האָט זי זיי אָנגעהאַלטן. עלף יאָר האָט זי אַזוי געאַרבעט אָן אויפהער. דורך דער צייט איז זי פינף מאָל דערשינען אין אָלבאַני און גערעדט אין נאָמען פון די פּרויען אין אַמעריקע, צו די „געזעץ־געבער אין הויז", ביז איר געזעץ וועגן אייגנטום איז אָנגענומען געוואָרן איר די סעסיעס פון 1848 און פון 1849.

ערנעסטין ראָוז איז געבאָרן געוואָרן אין פּיעטריקאָוו, פּוילן, אין דער פאַמיליע פון אַ רב, אינעם יאָר 1810. איר פאַמיליע־נאָמען איז געווען פּאָטאָווסקי. איר קינדערשע דערציאונג איז געווען אַ שטרענג רעליגיעזע. אָבער אין גאַנג פון די יאָרן איז איר רעליגיעזער פונדאַמענט פאַרשוואונדן און זי איז סוף כל סוף דערגאַנגען ביז אַטעאיזם.

צו 16 יאָר איז ערנעסטינ'ס מוטער געשטאָרבן. די יונגע יתומה איז געווען געצוואונגען צו פאַרפירן אַ פּראָצעס, כדי צו געווינען איר רעכט צו אַ געוויסן טייל פון איר ירושה. זי איז געווען איר אייגענער אַדוואָקאַט. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ זעלטענער פאַל, אַז אַזאַ יונג מיידל זאָל וואגן אַליין אַרויסצוטרעטן אין געריכט און געווינען דעם פּראָצעס. זי האָט נאָכדעם אַרומגערייזט פינף יאָר נאָכאַנאַנד אין פּוילן, אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך. ווי יונג זי איז נאָך דעמאָלט געווען, האָט זי שוין אין יעדן לאַנד זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די קאַמפן פאַר מענטשלעכע רעכט.

ענדלעך איז זי, אין 1832, אָנגעקומען אין ענגלאַנד. דאָרט האָט זי זיך באַקענט מיט די אידייען פון דעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם. הויפּטזעכלעך איז זי אין אָנהויב שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון ראָבערט אָוענ'ס אידייען. אָבער צום סוף האָט זי אים פאַרלאָזן. זי, און איר מאַן וויליאַם עלאַ ראָוז, פון נישט־יידישן אָפּשטאַם, אַ זייגערמאַכער, מיט וועלכן זי האָט צוויל געהייראַט אין 1835, האָבן פאַרלאָזן ענגלאַנד און אינגאַנצן איבערגעריסן מיט דער אָועניסטישער באַוועגונג.

ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, האָט זיך ערנעסטין אין ניו יאָרק

גליך אריינגעוואָרפן אין דעם קאַמף פאַר פרויען־רעכט. אירע לעקציעס האָבן גענומען ציען אַלץ מער און מער באַזוכער. זי האָט געהאַלטן רעפעראַטן אויף פאַרשיידענע, וויכטיקע, געזעלשאַפטלעכע טעמעס. זי האָט גערעדט וועגן רעגירונגס־ווייסנשאַפט. זי האָט געפּריידיקט אַטעאיזם. צווישן אירע טעמעס איז אויך געווען די פראַגע וועגן שקלאַפעריי. קעגן וועלכער זי האָט געשטורעמט נאָך מיט מער ברען ווי קעגן רעליגיע. און זיכער האָט זי גע־זען פאַר זיך פריער פון אַלץ די פאַרשקלאַפּטע פרוי, די אומדערצויגענע, די אומגעבילדעטע פרוי. זי האָט געפאָדערט פאַר זיי פרייהייט, בילדונג, עקאָ־נאָמישע געלעגנהייטן און פּאָליטישע גלייכהייט.

אין אירע קאַמפּאַניעס פאַר פרויען־רעכט איז זי געווען אומעטום, וואו נאָר עס האָט זיך געהערט דער באַגריף וועגן פרויען־רעכט. זי האָט זיך באַ־וויזן אויף די פּלאַטפאָרמעס פון אַלע קאָנווענשאָנס — נאַציאָנאַלע און לאָ־קאַלע. אין אירע טעטיקייטן איז זי געווען פאַרבונדן מיט די סאַמע אָנגעז־זעענסטע און ליבעראַלע פּאָליטישע פיגורן פון יענער צייט, אַזעלכע ווי וויליאַם לאָיד געריסאָן, ווענדעל פיליפּס, דער געוועזענער שקלאַף און קעמ־פער פאַר באַפרייאונג, פרעדעריק דאָוגלאַס, טשענינג און היגינסאָן, וואָס זיינען געווען באַגייסטערט פון איר פייאיקייט אַלעס רעדנערין.

אין דעם דערמאָנטן בוך שאַפּעס׳ס געפינען זיך אירע רעדעס, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף דער סיראַקיוזער קאָנווענשאָן. די איבער הונדערט יאָר, וואָס זיינען שוין אַוועק זינט יענער צייט, האָבן נאָך נישט פאַרוועלקט זייער חן און צויבער. נישט אומזיסט האָט מען זי גערופן „קעניגין פון דער פּלאַטפאָרמע”. מיר קענען זיך דאָ בלויז דערלויבן צו געבן אַ קליינעם אָנ־הויך פון דער קוואַלנדיקער קראַפט פון אירע רעדעס. מען האָט זי דאָרט פאַרגעשטעלט אַלס אַ פּוילישע פּאַניענקע און פון יידישן גלויבן. האָט זי טאַקע גליך אין אָנהויב פון איר רעדע וועגן דעם אַ וואָרן געטאָן:

„עס איז פון קנאַפּער וויכטיקייט אין וועלכער געאָגראַפישער פּאָזיציע אַ פערזאָן איז געבאָרן געוואָרן, אָבער עס איז יאָ וויכטיק צי זיינע אידייען זיינען באַגרינדעט אויף פאַקטן, וואָס לייגן זיך אויפן שכל, און צי זיינע האַנדלונגען פירן צום גליק פון דער געזעלשאַפט... יאָ, איך בין אַ ביישפּיל פון אוניווערסאַלקייט פון אונדזערע (פרויען רעכטלערנס) איינשטעלונגען, נישט בלויז פון אַמעריקאַנער פרויען, נאָר (איך בין) אַ טאָכטער פון דעם אָרעמען אונטערדריקטן פּוילן און פון דעם צעטראָטענעם און פאַרפאָלגטן פאָלק, וואָס מען רופט יידן, „אַ קינד פון ישראל” שטעלט זיך איין פאַר די רעכט פון איר געשלעכט...

„...די פרוי איז אַ שקלאַף, פון וויגל ביזן קבר. פאָטער, אַפּוטרופּוס, מאַן — זיינען נאָך אַלץ הערשער. זי גייט איבער פון האַנט צו האַנט, ווי אַ שטיק אייגנטום. מען זאָגט, אַז זי איז בלויז באַשאַפן געוואָרן פאַרן מאַנ׳ס נוצן, נישט פאַר איר אייגענעם. אָט דער דאָזיקער שקר איז די הויפּט־אור־

זאַך פון איר מינדערוויכטיקער דערציאונג און פּאָזיציע. דער מאַן האָט צו־גענומען פאַר זיך די רעכט צו איר פּערזאָן, איר אייגנטום און אירע קינדער..."

אין אַ צווייטער רעדע זאָגט זי צווישן אַנדערן: „מיר בעטן נישט אונ־דזער רעכט ווי אַ מתנה פון צדקה, נאָר ווי אַן אַקט פון גערעכטיקייט... (אויב) די פרוי דאַרף באַצאָלן שטייערן כּדי אויפצוהאַלטן די רעגירונג, דאַרף זי אויך האָבן דאָס רעכט אַנטיילצונעמען אין איר פאַרמירונג און אַדמיניס־טראַציע. אַזוי־ווי זי איז אונטערגעוואָרפן צו די געזעצן פון איר לאַנד, אַזוי דאַרף זי זיין באַרעכטיקט צו אַ שטימע ביים אָננעמען זיי... און אַזוי ווי זי איז אונטערגעוואָרפן, פּונקט ווי דער מאַן, צו אַלע פאַרענדערלעכקייטן אין לעבן, אַזוי דאַרף זי אויך געניסן די זעלבע סאָצאַאַלע רעכט און פּריווילע־גיעס..."

זי גייט דערנאָכדעם איבער אין שאַרפער אַטאַקע:

„...אָבער מיר פאָדערן אויף די געזעץ־מאַכער און די געזעץ־ברעכער פונעם פאָלק, אַז זיי זאָלן זיך פאַרטיידיקן פאַר זייערע פאַרברעכנס קעגן די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער רעפּובליק, אָדער אָפּלייקענען זייער גיל־טיקייט...

„...איך וואָלט פרעגן — וואָס זאָל מען טאָן? איבערלאָזן אונדזערע לעגיסלאַטיווע זאַלן, „די העלישע טייכן", ווי דער חשוב'ער האָרעים מאַן רופט זיי, ווי זיי זיינען איצט? ווייל וואָס פאַר אַ באַרעכטיקטע האָפענונג האָבן מיר, אַז זיי וועלן ווען־עס־איז אויסגערייניקט ווערן, סיידן די פרוי וועט נעמען אין זיי אַ האַנט... די ריינע פּראַקטישקייט, די טובה פון דער געזעלשאַפט, פאָדערט דעם רייניקנדיקן איינפלוס פון דער פרוי... (זי) די פרוי וועט שוין אויסרייניקן די געזעצגעבנדיקע זאַלן, אַזוי ווי זי האָט אַראָפּ־געראַמט דעם באַנקעט־טיש פון דעם אָנגעוואָרפענעם כּלאָם"...

איינע פון די דאָזיקע רעדעס האָט אַזוי באַגייסטערט די שפּעטערדיקע פירערין פון דער פרויען־רעכט באַוועגונג, סוזאַן ב. אַנטאָני, וואָס איז דע־מאָלט געווען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן אַ דעלעגאַט צו אַ פרויען קאָנ־ווענשאַן, אַז זי האָט באַשלאָסן צו ווידמענען זיך אינגאַנצן דער דאָזיקער באַוועגונג.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מסתמא ערנעסטין לואיז ראָוז אַליין קלאָרער פאַרשטאַנען, אַז די פרויען־רעכט באַוועגונג אַליין קען בלויז טייל־ווייז באַפרייען די פרוי, אַלס פרוי. סוזאַן ב. אַנטאָני איז אַזוי ווייט נישט דערגאַנגען.

נישט אומזיסט האָט מען ערנעסטין לואיז ראָוז גערופן „די קעניגין פון דער פּלאַטפאָרם". זי איז געזעסן אויף דעם טראָן ביזן עלטער פון 82 יאָר. זי איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן אין 1892.

איזידאָר בוש — קעמפער קעגן נעגער־שקלאַפעריי



צווישן די יידישע אבאָליציאָניסטן, קעמפער קעגן נעגער־שקלאַפעריי, טיילט זיך אוים די פיגור פון איזידאָר בוש מיט זיין עקשנותדיקער שטעלונג און אויסגעהאַלטנקייט.

ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן אַממערסטן בייגעטראָגן, אַז דער שטאַט מיזורי זאָל זיין דער ערשטער צו באַפרייען די שקלאַפן. אַלס אַמיטגליד פון אַ רייי סטעיט־קאָנ־ווענשאָנס, וואָס די ערשטע פון זיי האָט באַזייטיקט דעם שקלאַפן־האַלטע־רישן גאָווערנאָר דזשעקסאָן פון זיין אַמט, האָט ער געשפילט אַ היפּשע ראָלע. איין מאָל, און אַ צווייטן מאָל, און אומצאָליקע מאָל האָט ער געפאָדערט פון די קאָנווענשאָנס באַלדיקע האַנדלונגען צו באַפרייען די נעגער־שקלאַפן. אָבער וויפל מאָל מען האָט נישט געפּרואווט מאַכן פשרות, אָפּלייגונגען און אַלערליי שפּיצלעך פאַרבייצוגיין די דראַסטיקע ראַדיקאַלע אַקציע איז בוש כסדר צוריקגעקומען מיט נייער קראַפט, מיט נייע אַרגומענטן, ביז ער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן, אַז אין דעם שטאַט, וואו ער וואוינט, זאָל אָפּגעווישט ווערן דער דאָזיקער פלעק. זיין רעדע פונעם 29טן יוני, 1863, אויף דער דערמאָנטער קאָנווענשאָן, געפינט זיך אין מאָרים שאַפּעס' „דאָקומענטאַרי", ז"ז 476־481.

איזידאָר בוש איז געבאָרן געוואָרן דעם 15טן יאַנואַר, 1822, אין פּראַג, די הויפּטשטאָט פון באָהעמיע (בעמען), וואָס איז געלעגן אונטער דעם עסטרייכישן אימפּעריאַליסטישן קנאַפּל. די פאַמיליע איז געווען אין גוטע עקאָנאָמישע אומשטענדן, אין אַ סביבה פון גוטע און אויפגעקלערטע מענטשן. צו דריי יאָר, ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן אין יונגן עלטער פון דרייסיק יאָר, איז דער קליינער איזידאָר געבליבן אויפן פאָטערס הענט. אין הילפלאָזיקייט האָט אים דער פאָטער צופיל פאַרצערטלט, און קעגן דעם איז איזידאָר בושן דערנאָך אויסגעקומען צו קעמפן זיין גאַנצן לעבן.

צום אומגליק איז ער צו זיבן יאָר שיער נישט פאַרברענט געוואָרן אין אַ שרפה און איבערגעבליבן מיט בראַנד־וואונדן, וואָס האָבן אים כמעט פאַרקריפּלט אויף שטענדיק. זיין גליק איז געווען, וואָס ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן קערפּער, אַ קרעפטיקן אינטעלעקט און אַ וואַרעם האַרץ, וואָס האָט

געשלאָגן מיט ליבשאַפט צו דער מענטשהייט און צו דער נאַטור.

כדי ער זאָל נישט אָפּלערנען קיין שלעכטע מידות פון אַנדערע קינדער האָט דער פאָטער געהאַלטן פאַר איזידאָרן פּריוואַטע לערער, גראָד ניט פון בעסטער אויסוואַל. צום גליק האָבן זיינע גוט־דערצויגענע קוזינען אים געדינט אַלס חברים. זיין אָנקל פישלס הויז איז געווען אַ צענטער פאַר חכמים און משכילים. אַזעלכע, למשל, ווי דער באַרימטער היסטאָריקער לעאָפּאָלד צונץ און דער געלערנטער מיכאל זאַקס, און אַנדערע, פון וועלכע דער יונגער בוש האָט זייער פיל געלערנט.

דער אַלטער בוש איז געווען אַ גרויסער קאַטן־סוחר, געהאַנדלט מיט אַמעריקע. אָבער אינעם קריזיס־יאָר פון 1837 האָט ער פאַרלוירן כמעט זיין גאַנץ פאַרמעגן דורכן באַנקראָט פון דער אַמעריקאַנער באַנק. אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס ווי אַ שותף מיטן יונגן שמידט פון דעם „שמידט פאַרלאַג און אָריענטאַלע דרוקעריי", אַן אַלטע באַוואוסטע פירמע אין ווין. איזידאָר איז אַלט געווען בלויז פופצן יאָר, ווען זיי האָבן זיך באַזעצט אין ווין. אים איז געפעלן געוואָרן צו זיין אַן אייגנטימער פון אַ יידישער דרוקעריי. האָט ער זיך אַליין אויסגעלערנט די מלאכה און די אַלטע העברייאישע שפּראַך, ביז די פירמע פון „שמידט און בוש" איז דעמאָלט געוואָרן דער גרעסטער יידישער פאַרלאַג און דרו־קעריי אין דער וועלט.

זיי האָבן אַרויסגעגעבן די אַלטע יידישע ליטעראַטור, איינגעשלאָסן תנ"ך, תלמוד, רמב"ם, און אַנדערע. איינער פון זייערע רעדאַקטאָרן איז געווען דער באַרימטער מאיר לעטעריס.

אין עלטער בלויז פון צוואַנציק יאָר האָט ער גענומען אַרויסגעבן אין ווין אַלמאַנאַכן אין דייטש אונטערן נאָמען „יאַרביכער פיר איזראַעליטען". צווישן זיינע מיטאַרבעטער האָבן זיך געפונען באַרימטע היסטאָריקער, ווי צונץ, יאָסט, ש. י. ראַפּאָפּאָרט, ש. ד. לוצאַטאָ, און פיל אַנדערע.

דער יונגער בוש האָט פרי חתונה געהאַט מיט אַ געליבטער פון קינד־ווייז אָן, טערעזאַ טאָוסיג. די חתונה איז געווען אַ גרויסע געשעעניש אין יענער צייט. דאָס יונגע פאָרפאָלק איז באַגריסט געוואָרן פון די דעמאָלטדיקע גרעסטע יידישע פערזענלעכקייטן. חתונה־מתנות זיינען געווען ספּעציעל געווידמעטע עסייען, אָפּהאַנדלונגען און לידער פון אַזעלכע דיכטער ווי לוצאַטאָ, אַלמאַנזאָ און דעלאַ טאָרע פון פּאַדואַ, אַ גרויסער יידישער צענ־טער אין יענער צייט.

אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום איז אָנגעקומען דאָס שטורמישע יאָר 1848. ווען די רעוואָלוציעס האָבן געטרייסלט טראָנען, האָבן זיך די בושעס געפונען אין לאַגער פון דער רעוואָלוציע. זייער דרוקעריי האָט אַרויסגע־געבן אַ ריי צייטונגען און ביכער אין גייסט פון דער צייט. ווין איז געווען דעראָבערט. דער קיניג האָט געמוזט אַנטלויפן קיין אָלמיץ. אָבער שטי־

לערהייט האָט גענעראַל ווינדישגרעץ צוריק אַריינגעשטורעמט אין ווין דעם 1טן נאָוועמבער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַ רייע הינריכטונגען. ראָבערט בלום, מעסענהאוזער און אַנדערע זיינען דערשאָסן געוואָרן דורך פעלד־געריכטן. מאַסן ווינער אײַנוואוינער האָבן זיך געלאָזט לויפן אין אַלע ריכ־טונגען צו ראַטעווען זייערע לעבנס.

צווישן זיי איז אויך געווען איזידאָר בוש און זיין קליינע פאַמיליע. ער איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק מיט זיין פרוי און קינד, דעם 8טן יאַנואַר, 1849. גאַנצע צען דאָלאַר האָבן זיי דעמאָלט פאַרמאָגט. דער יונגער בוש האָט זיך אָבער באַלד געפונען. דער נאָמען בוש פון דעם ווינער פאַרלאַג, איז דאָ געווען זייער גוט באַקאַנט, און אַזעלכע פערזענלעכ־קייטן ווי דר. מאַקס ליליענטאַל און ראַבאַי לעאָ מערצבאַכער האָבן דעם ערשט־געקומענעם אימיגראַנט געהאָלפן און צוגערעדט צו גרינדן אַ יידישע צייטונג אין דייטש. אויף אַזאַ אופן איז שוין דעם 30טן מערץ, 1849, דערשינען די ערשטע יידישע וואָכנצייטונג אין אַמעריקע — „איזראַעליס העראָלד", אונטער דער רעדאַקציע פון אַ ניי־געקומענעם אימיגראַנט.

די דאָזיקע יידישע אונטערנעמונג האָט אָנגעהאַלטן בלויז דריי חדשים. דער זשורנאַל איז געווען צו־אינטעלעקטועל און נישט גענוג פּאָפּולער. חוץ דעם האָט די גרויסע מאַסן־עמיגראַציע פון דייטשלאַנד ערשט געהאַלטן אין פּראָצעס פון ווערן.

אָבער בוש איז נישט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ער איז גלייך געוואָרן טעטיק אין דעם ערשטן יידישן בירגערלעכן פּראַטערנאַלן אָרדן, „בני ברית". ער האָט נישט געהאַט אין דעם מאָמענט צו וואָס צו נעמען זיך אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך צוגעהערט צו דער באַוואוסטער עצה פון האָרעס גרילי — „יאָנג מען גאָו וועסט" (יונגערמאַן, גיי קיין מערב). אין סט. לואיס האָט געוואוינט זיין פרוים משפחה, האָבן זיי אויפגענומען די געסט מיט גרוים כבוד. ער איז גלייך געוואָרן אַ שותף מיט זיין שוואָגער אין אַ קליין געשעפטל. אין 1853 איז דער אַלטער בוש אַראָפּגעקומען פון אייראָפּע אויסצולעבן זיינע לעצטע יאָרן מיט זיין באַליבטן זון. פון דעם פריערדיקן גרויסן פאַרמעגן איז אים געלונגען צו ראַטעווען עטלעכע טויזנט דאָלאַר און מיט דער דאָזיקער סומע האָבן זיי אַלע אויפגעלעבט. די געשעפטן זיינען אַוועק מיט גרויסע פּראָפיטן. אין 1857 איז ער שוין דער־ווילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון אַ קאָאָפּעראַטיווער שפּאָר־באַנק.

איבערן לאַנד האָט זיך דורכגעטראָגן די אומרואיקע כוואַליע פון דעם קאַמף מיט דער רעבעלירנדיקער שקלאַפנהאַלטערישע סאַוט, אַזוי שנעל ווי לינקאָלן איז דערוויילט געוואָרן אין 1860 אַלס פּרעזידענט פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן. די פּאַניק איז געוואָרן אַלץ גרעסער... באַנקראָטן, אייג־געצוויגענע באַנק־קרעדיטן... מענטשן האָבן איבערנאַכט פאַרלאָרן גאַנצע פאַרמעגנס און אויך בוש האָט פאַרלאָרן אַלץ וואָס ער האָט זיך אין די

עטלעכע יאָר דערוואָרבן. איין זאַך האָט ער אָבער נישט פאַרלאָרן — זיין מוט און זיין אויסגעהאַלטנקייט.

ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, איז בוש דערוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צו די סטעיט־קאָנוועגשאָנס. אויף די דאָזיקע קאָנוועגשאָנס, כאָטש ער איז נישט געווען דער גרויסער אָראַטאָר, האָט ער אָבער דורך זיין טאַקט און שטאַטסמאַנסשאַפט זיך דערוואָרבן פיל צוטרוי און איז אויך דערוויילט געוואָרן אין דעם ענגן קאָמיטעט פון 9, צו פאַרהאַנדלען די פראַגע וועגן עמאַנציפּאַציע. אין 1861, ווען דזשאָן ס. פרימאָנט איז געוואָרן קאָמענדאַנט פון דעם מערב־טייל פון לאַנד, מיט דער הויפּט־קוואַרטיר אין סט. לואיס, האָט ער גלייך צוגעצויגן בושן צו זיין שטאַב, דערנאָך געמאַכט אים פאַר זיין „עיד־דע־קעמפּ" (געהילף), מיטן ראַנג פון קאַפּיטאַן. אָבער ווען פרימאָנט איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער קאָמאַנדע, ווען ער האָט „פּריוויטיק" אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו באַפרייען די שקלאַפן, איז בוש שוין אויך אַרויס פון דאָרט.

בוש איז דעמאָלט אַוועק אין וואַשינגטאָן מיט אַ גראַנדיעזן פּלאַן וועגן אַ מלוכה־הלוואה פון הונדערט מיליאָן דאָלאַר, עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו די ראָטשילד פרעמיום־הלוואות אין עסטרייך. דער פינאַנס־סעקרעטאַר, טשעיס, איז איבערראַשט געוואָרן פון דעם פאַרנעם פון אַזאַ הלוואה, אָבער ער האָט בלויז אָנערקענט אין דעם יונגנמאַן אַ פּייאיקן פינאַנסיר, אָבער מורא געהאַט אפילו דעם פּלאַן פאָרצושלאָגן פאַר קאָנגרעס, אַלס אַ צו געוואַגטער פּראָיעקט. פונדעסטוועגן האָט ער בושן פאָרגעשלאָגן אַ קלערק־שטעלע אין זיין דעפּאַרטמענט. בוש האָט אָבער גלייך דערנאָך געקראָגן אַ העכערע שטעלע ביי דער באַן־קאָמפּאַני אַלס איר גענעראַל־אַגענט פון פראַכט און פּאַסאַזשירן. ער האָט אָנגעהאַלטן די שטעלע ביז די באַן איז איבערגענומען געוואָרן פון דער רעגירונג אין 1866 אויף צו פאַרקויפן. דאָס איז טאַקע געווען לויט בושעס אייגענעם פּלאַן.

בוש האָט נאָכדעם נישט געהאַט קיין שום שוועריקייט צו קריגן געזעלשאַפטלעכע אַמטן. זינט עס איז דורכגעגאַנגען זיין פאָרשלאַג פאַר באַלדיקער באַפרייאונג פון די שקלאַפן דעם 1טן נאָוועמבער, 1865, איז זיין נאָמען ווי אַן ערלעכער פּאַטריאָט און שטאַטסמאַן געוואָרן נאָך פּאָפּולערער. פאַר אים איז געלעגן אָפן די שטעלע פון סטעיט־טרעזשורער, ער האָט געקענט ווערן דער סיטי קלוירק פון סט. לואיס און אַנדערע שטעלעס. ער האָט אָבער זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע קהלשע שטעלעס און אָנגענומען בלויז אומגעצאָלטע אַמטן. אַזוי האָט ער אָנגענומען דעם אַמט פון זיין דער סעקרעטאַר פון דער „מיזורי באָארד אָוו אימיגרעישאָן". אין משך פון 12 יאָר האָט אים יעדער גאָווערנאָר באַשטימט פאַר דעם אַמט.

בוש האָט אויך דורכגעפירט אַ היפּשע טעטיקייט פאַר געזינטער מאַכן

דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן דורך באַשאַפן אין אים אַן איינגעפונדעוועטן פּאַרמער־קלאַס, וואָס לעבט פון ערלעכער האַרעוואַניע. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט, אַז זיין זון ראַלף זאָל ווערן אַ שטעקל־דרייער אָדער אַ פינאַנסיר, צי אַ סוחר. נאָך יינגלווייז האָט ער אים געשיקט צו דערלערנען די ווייַנטרויב־קולטור ביי די בעסטע אין דעם פאַך.

ער האָט דערנאָך אַליין אָפּגעקויפט אַ גרויס שטיק לאַנד, אָפּגערייניקט עס פון ווילדע פלאַנצן און אויף די ברעגן פון מיסיסיפּי, 25 מייל פון צענטער אין סט. לואיס, איז אַנטשטאַנען אַ ווירטשאַפט פון בליענדיקע ווייַנשטאָקן, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „בושבערג”. נאָך זיין רעזיגנאַציע פון דער באַן־ליניע אין 1868, האָט ער זיך איינגאַנצן, צוזאַמען מיט זיין זון, אָפּגעגעבן דער וויין־קולטור. זיין פירמע בוש און קאָמפּאַני איז געוואָרן באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט, איבערהויפּט דעמאָלט, ווען ער האָט געראַטעוועט די פראַנצויזישע וויין־אינדוסטריע פון כמעט אונטערגאַנג. די נייעס, אַז די פראַנצויזישע וויין־אינדוסטריע גייט אונטער צוליב אַ שרעקלעכן פּאַראַזיט אין זייערע וויינשטאָקן האָט היפּשלעך בייגעטראָגן צו קריזיסן אויף פאַרשיידענע געביטן. איזידאָר בוש האָט אָבער געמאַכט אַ נוץ פון אַלץ וואָס ער האָט געלערנט. ער האָט שוין פריער געהאַט שטודירט דאַרווינען און אויסגעפונען, אַז מען קען געוויסע מינים פאַרהאַרטעווען און אימוניזירן קעגן פיינטלעכע כוחות. ער האָט אָנגעהויבן, לויטן ראַט פון פּראָפעסאָר ריילי, צו שיקן קיין פראַנקרייך זיינע יונגע טרויב־פלאַנצן און מיט זייער הילף באַוויזן, אַז דער פּאַראַזיט קאָן באַזיגט ווערן. די פירמע פון בוש און קאָמפּאַני איז אויף אַזאַ אופן באַרימט געוואָרן אויך דורך זיין „בושבערג קאַטאַלאָג”, וואָס איז שנעל איבערזעצט געוואָרן איר פיר שפּראַכן. פראַנקרייך האָט דערנאָך באַשטעלט גאַנצע וואַגאָנען פון זיינע פלאַנצן.

אויף אַזאַ אופן איז איזידאָר בוש געבליבן אין דער געשיכטע נישט בלויז ווי אַ קולטור־טרעגער און ווי אַ טיכטיגער קעמפער קעגן נעגער־שקלאַפעריי, נאָר אויך אויפן געביט פון העלפן אַגריקולטורירן אַ טייל פון דער שטאַטישער אָרעמקייט.

עס איז אמת, אַז אין דעם אַקט פון באַפרייען פריער פון די אַנדערע דרום־שטאַטן די נעגער־שקלאַפן איז גראָד געווען פּאַרוויקלט אַזאַ פּראָזאַאישער ענין ווי די נייע באַן־ליניע, וואָס האָט שוין נישט באַגרענעצט דעם סט. לואיסער האַנדל מיט אַנדערע שטאַטן צו די צוויי טייכן מיסיסיפּי און מיזורי און די נעגער־באַפרייאונג האָט בלויז געקענט שאַפן אַ גרויסן אַרבעט־רעזערוו און פאַרגרעסערטע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע אויסזיכטן. אָבער דאָס איז דאָך איינגנטימלעך געווען פאַר דער גאַנצער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג און פאַרן בירגער־קריג בכלל.

יודא בענדזשאַמין און עדווין דעלעאָן — אונדזער חרפּה

עס איז שוין איצט נישט קיין נייעס, אַז אין בירגער־קריג און אין רעוואָלוציעס, אין מלחמות און אַנדערע קאַטאַסטראָפעס „ווערן געפּרוּווט מענטשלעכע נשמות". ווער עס הייבט זיך אויף מאָראַליש הויך און ווער עס לאָזט זיך אַראָפּ אינעם אָפּאָרטוניסטישן זומפּ טיף און טיפער. אינעם בירגער־קריג פון די 60־ער יאָרן אין פאַריקן יאָרהונדערט איז אויך פאָרגעקומען דאָס זעלבע. דאָס פאָלק און זיינע פירער האָבן זיך צעטיילט לויט די קלאַסן־אינטערעסן. די יידן זיינען, נאַטירלעך, אויך נישט געווען קיין אויסנאַם.

איינער פון די יידן, וואָס האָבן דערגרייכט אינעם בירגער־קריג זייער העכסטע קאַריערע איז געווען יודאַ בענדזשאַמין, וואָס איז געוואָרן אין דער סלאַוואָקראַטישער קאָנפעדעראַציע דערהויבן צו די העכסטע מלוכה־אַמטן.

דער געזעץ־מאַכער און שטאַטסמאַן יודא בענדזשאַמין איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1811, אין די בריטישע וועסט־אינדיעס, אין אַן אַלטער יידיש־ספרד'ישער פאַמיליע. אַלס 7־יאָריקער יינגל איז ער אָנגעקומען מיט זיינע עלטערן אין טשאַרלסטאָן, דרום־קאַראָלאַינאַ. אין יעיל־אוניווערזיטעט, וואו ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ, איז ער געווען פאַררעכנט פאַר דעם בעסטן סטודענט. ער האָט אָבער אים נישט גראַדואירט, נאָר אַליין, פּריוואַט, פאַרענדיקט זיין לאָ־שטודיום. צו 21 יאָר האָט מען אים שוין צוגעלאָזן אין ניו אָרלינס צו פּראַקטיצירן אַלס אַדוואָקאַט. ער האָט דאָס אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין אָראַטאָרישער קראַפט. אין יידישע ענינים האָט זיך בענדזשאַמין קיינמאָל נישט פאַראינטערעסירט. ער האָט געהייראַט אַ קאַטאָליש מיידל. ער פלעגט זיך בלויז דערמאָנען אַז ער איז אַ ייד, ווען זיינע פּאָליטישע שונאים האָבן אים אָנגעגריפן אַלס ייד. בלויז אין אַזאַ פאַל האָט ער פאַרטיידיקט זיין אָפּשטאַמונג.

אינעם סענאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז ער דערוויילט געוואָרן, פון לואיזיאַנאַ, אין 1852, און ווידער דערוויילט געוואָרן אויף זעקס יאָר, אין 1858. אין דער זעלבער צייט האָט ער געמאַכט גרויסע פאַרמעגנס פון זיין לאָ־פּראַקטיק. ער האָט געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון נישט פאַרלירן אין אַ משפּט. ער איז געוואָרן שטיינרייך אויך פון פיל פאַרצווייגטע עסקים.

אַלס מעכטיקער אָראַטאָר, וואָס פלעגט זיך פאַרמעסטן אין סענאַט קעגן

אזעלכע לייבן, ווי דעניעל וועבסטער און דזשאן קאלהון, האט ער זיך שוין פריער געשאפן אויך א נאמען פון א גרויסן מלוכה־מענטש. ווען עס איז געקומען די סעצעסיע (אפשפאלטונג) פון די דרום־שטאטן, האט אים זיין קאלעגע אינעם סענאט, דזשעפערסאן דעיוויס, וועלכער איז געווארן פרעזידענט פון דער קאנפעדעראציע, גערופן אויף זיין זייט. בענדזשאמין האט רעזיגנירט פון זיין סענאט־אמט אויף א סענסאציאנעלער אפשייד־רעדע, כדי צו ווערן דער אטוירני דזשענעראל פון דער קאנפעדעראציע. פאקטיש איז ער געווען דעם „פרעזידענט'ס" בעל יועץ. ער איז אויך שפע־טער געווארן דער קריגס־מיניסטער פון דער קאנפעדעראציע און ענדלעך אויך דער מלוכה־סעקרעטאר (סעקרעטערי אוו סטעיט).

אבער באטש ער האט אין אלע זיינע הויכע אמטן זיך אויסגעצייכנט, האט ער אבער אויך נישט איינמאל געפילט די שארפע ציין פון די יידן־שונאים. מען האט אים באשולדיקט אין מיליטערישע דורכפאלן פון דער קאנפעדעראציע. ער איז איר אבער געבליבן פארביסן געטריי, אפילו ווען ער האט געזען אז זיין זאך איז א פארשפילטע. צוזאמען מיט זיין פרעזידענט, דזשעפערסאן דעיוויס, איז ער אנטלאפן פון ריטשמאנד, ווען די יוניאן־ארמייען זיינען שוין אריינגעקומען פון א צווייטער זייט שטאט.

זיין שטאטסמאנשאפט איז געווען דערפאלגרייך אין צוריקהאלטן הילף פאר די יוניאן־ארמייען און געווינען סימפאטיע פאר זיין שקלאפן־מלוכה אין פיל מלוכות. עס האט שוין נישט געהאלטן ווייט, אז ענגלאנד זאל אפיציעל אנערקענען די שקלאפן־רעפובליק, נישט אזוי אפשר פונעם מא־ראלישן שטאנדפונקט, ווי פונעם עגאאיסטיש־מאטעריעלן. זיי האבן זיך גע־נויטיקט אין ענגלאנד אינעם קאטן פון די דרום־שטאטן. אבער די צעשמע־טערנדיקע זיגן פון די יוניאן־צפונ'דיקע ארמייען ביי געטיסבורג און וויקס־בורג האבן צעשמעטערט דעם נאך נישט פארענדיקטן בונד מיט ענגלאנד. אין ענגלאנד גופא האבן קארל מארקס און זיינע מיטקעמפער געפירט אן אגיטאציע קעגן דער סאוט, פאר לינקאלנ'ען.

בענדזשאמין איז בשעת מפלה געבליבן נישט וויניקער פאר'עקשנ'ט ווי אין זיג. ער האט נישט קיין שלום געמאכט מיט דער לינקאלן־רעגירונג. ער איז אוועק קיין ענגלאנד, וואו ער האט אנגעהויבן א נייע קאריערע אלס אדוואקאט. ער איז ווידער רייך געווארן און בארימט אלס א זייער דערפאלגרייכער אין אלע זיינע משפטים. נאך זיין צוריקציען זיך פון דער פראקטיק האט די ענגלישע געזעץ־ און געריכט־פראפעסיע געמאכט לכבוד אים א הערלעכן מלוכה־באנקעט. זיין געזעץ־בוך וועגן האנדל איז נאך עד־היום א וויכטיק אנערקענט ווערק אין דעם פאך.

געשטארבן איז בענדזשאמין אין יאר 1884, אזוי ווי ער האט געלעבט, ווייט פון יידן, אפילו פון א יידישן בית־עולם. זיין קאטאלישע ווייב איז געלונגען צו באגראבן אים אויף א קאטאלישן בית־עולם אין פאריז.

א קורצע באקאנטשאפט מיט דער סיטואציע אין די פאראייניקטע

שטאַטן אונטער דער לינקאָלן אַדמיניסטראַציע, ווייזט, אַז אפילו מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט צוריק האָט מען שוין געוואוסט פון היטלער־מעקאַרטיזם, פון מאַכן פון טאָג—נאַכט און פון נאַכט—טאָג. אַמווייניקסטנס האָט גע־קענט די קונץ איינער פון די הויפּט־פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר דער שקלאַפּנ־האַלטערישער קאָנפעדעראַציע אין אויסלאַנד, עדווין דע לעאָן. לינקאָלנ'ס אַדמיניסטראַציע איז ביי אים געווען אַזוי דעספּאָטיש, ווי דעם צאַר'ס אין דער רוסישער אימפּעריע. איז ראַבאַי שולץ זיין עכאָ? צי דער טרויעריק־באַוואוסטער מעקאַרטי־כהן?

אַלס אַן עמיסאַר פון יודאַ פּ. בענדזשאַמין און פונעם פּרעזידענט פון דער קאָנפעדעראַציע אָנצופירן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע, אַז זייער שקלאַפּנ־האַלטערישע רעגירונג זאָל אָנערקענט ווערן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע מלוכות, האָט דע־לעאָן געקראָגן אַ פאָנד פון דרייסיק טויזנט דאָ־לאַר, אַ היפּשע סומע פאַר יענער צייט. עס איז אים אָבער נישט געלונגען. די ברייטע סימפּאַטיע פון די מאַסן אין די דאָזיקע לענדער מיט לינקאָלנ'ס יוניאָן־רעגירונג האָבן צעשטערט זיינע פּלענער.

דע־לעאָן איז געבאָרן געוואָרן אין אַ יידישער פאַמיליע, אין טשאַרלס־טאָן, סאַוט קאַראָלאַינאַ, אין 1818. געוואָרן אַ לאָיער אין 1840 און אַ מיטאַרבעטער אין די זשורנאַלן פון דער סאַוט איבער היימישער און אויס־לענדישער פּאָליטיק. זיין טעטיקייט אַלס פּובליציסט און אויך רעדאַקטאָר אין וואַשינגטאָן האָט פאַר אים געוואונען די באַשטימונג פון פּרעזידענט פּיערס און דערנאָך פון ביוקענען אַלס גענעראַל־קאָנסול פון די פאַראייניק־טע שטאַטן אין אַלעקסאַנדריע, עגיפּטן. ווען דער „אינסטיטוט דע אַפריק" אין פּאַריז האָט אים באַערט מיט זיין אַן ערן־באַאַמטער פון דער אַנטי־שקלאַפּישער אָרגאַניזאַציע, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צוליב „פּרינציפּיעלע טעמים", ווייל די וואָס אַרבעטן קענען נעגער־שקלאַפּעריי אַרבעטן, הייסט עס, קענען גאָט אַליין.

ווען לינקאָלן איז דערוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט און די דרום־שטאַטן זיינען אַרויס קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַן אייגענער קאָנ־פעדעראַציע, איז עדווין דע־לעאָן אַריינגעדרונגען, נישט קוקנדיק אויף דער בלאָקאַדע, קיין ריטשמאָנד, און איז דעמאָלט באַשטימט געוואָרן פאַרן פּראָפּאַגאַנדע־הויפּט אין אייראָפּע (זע שאַפּעס, דאָקומענט נומער 124, זייטן 398־399). דע־לעאָן האָט זיך נישט אומגעקערט צוריק אין זיין געבורטס־לאַנד נאָך דער מלחמה. ערשט מיט דרייסיק יאָר שפּעטער איז ער צוריקגע־קומען מיט זיין קאַטאָלישער פרוי עלען מערי נאָולאַן, מיט וועלכער ער האָט געהייראַט אין 1858. אין 1891 איז ער אָבער געקומען אויף אַ לעק־ציע־טור, וואָס דער טויט האָט איבערגעריסן. עס איז נישט באַוואוסט, צי ער אַליין האָט זיך געטויפט, אָבער זיין פרוי האָט סיי־ווי „געטאָן די מצווה" און אים מקבר געווען אויפן קאַטאָלישן קאַלוואַרי בית־עולם.

שבתי מאָרעיס, פריינט פון רעוואָלוציאָנערן

פון פאַרשיידענע געגנטן און לענדער זיינען געקומען קיין אַמעריקע אַנטרונענע יידן. זיי זיינען געקומען אַהער מיט פאַרשיידענע צוועקן — ווער צו געפינען אַ בעסערע פרנסה פאַר ווייב און קינד, אַנדערע צו פאַרזיכערן זיך מיטן לייב און לעבן, וואָס איז געשטאַנען אין געפאַר אין זייער היים־לאַנד, און נאָך אַנדערע אַרויסצורייסן זיך פון די דלד אמות פון די אַלט־פרענקישע ישיבות און בתי־מדרשים צו קענען פאַנאַנדערשפּרייטן ברייטע פליגל אין אַ נייַ לאַנד און געניסן פון וועלטלעכער בילדונג און אויפקלערונג.

עס האָבן אָבער אויך געטראָפן פאַלן, ווען יונגעלייט האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אַ ליבעראַלער השפעה און אונטערגעוואָרפן זיך אַ קאָנסערוואַטיווער ווירקונג און געקומען אַהער פאַרצוזעצן דעם קאָנסערוואַטיזם. אמת, אַזעלכע פאַלן זיינען געווען זעלטענע, און אויב מיר טיילן דאָ אויס אַזאַ קאָנסערוואַטאָר צווישן די באַרימטע פערזענלעכקייטן פון די יידן אין אַמעריקע, איז דאָס דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ פירנדיקע קראַפט ביי אַ גרויסן טייל יידן דאָ אין לאַנד, און דערצו אַ גרויסער הומאַניסט און ליבעראַל אין פּאָליטישע ענינים.

מיר האָבן דאָ די פערזענלעכקייט פון דעם יידישן רעליגיעזן פירער שבתי מאָרעיס, דער גרינדער פונעם קאָנסערוואַטיוון יידנטום דאָ אין לאַנד. גראָד זיינען זיינע וואָרצלען געווען נישט אין דייטשלאַנד, נישט אין רוסלאַנד, אָדער פוילן, נאָר אין איטאַליע. און גראָד קומט שבתי מאָרעיס אַרויס פון אַן אַלטער יידיש־איטאַליענישער פּראָגרעסיווער פאַמיליע, וואָס האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען אין די היסטאָרישע פרייהייטס־באַוועגונגען פון איטאַליע.

מיטגלידער פון דער מאָרעיס פאַמיליע, מיט אַ נאָמען אפילו אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון איטאַליע, זיינען פון צייט צו צייט אַרויס אין אויפשטאַנדן — דאָ קעגן די עסטרייכישע פאַרשקלאַפער פון איטאַליע און דאָ קעגן פויפּסט פון רוים, וואָס האָט געוועלטיקט איבער די האָרעפּאַשנע מאַסן פון איטאַליע, מיטן טעראָר פון גיהנום און מיט די קוילן פון זיינע שוויצאַרישע פאָלקן.

דער אַלטער מאָרעיס, שבתי'ס זיידע, איז געווען צווישן די איטאַליע־

נישע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אומאָפּהענגיקייט. ווען אין ליווערנאָ, די היים־שטאָט פון די מאָרעיס, האָט דער אויפשטאַנד געפלאַקערט אין די גאַסן, האָט דער עלטער מאָרעיס געוואָרפן דעם לאָזונג: „די פרייהייט וועט שטייגן אַלץ העכער און די טיראַנען וועלן פאַלן אַלץ נידעריקער און טיפער". שבתי'ס פעטער, שמואל מאָרעיס, איז שפּעטער פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמע פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע איבערצייגונגען. ער פלעגט אָפט זאָגן: „אפילו די ווענט פון מיין בעט זיינען אויך רעפּובליקאַנישע", ווייל אים פלעגט זיך שטענדיק חלומ'ען, אַז איטאַליע איז שוין געוואָרן אַ רעפּובליק.

זיין זון שבתי איז געבאָרן געוואָרן אין 1823. ער איז געווען דער דריטער צווישן ניין קינדער אין דער פאַמיליע. די אַטמאָספערע אין הויז איז געווען דורכאויס אַ ליבעראַלע. דער פאָטער האָט באַלאַנגט צו די „פרייע מאַסאָנען", וואָס דאָס האָט דעמאָלט געמיינט שיר נישט „אפּיקורסים". אָבער שבתי'ס מוטער, פון אַ זייער פרומער יידישער משפחה, האָט געהאַט אויף דעם יונגן שבתי'ן אַ שטאַרקן איינפלוס. זי האָט דורכאויס געוואָלט, ער זאָל ווערן מיט דער צייט אַ רב. שבתי אַליין איז פון דעם פריער נישט נתפּעל געוואָרן. אים האָט געצויגן צו ליטעראַטור, איבערהויפּט צו פּאָעזיע. אָבער ווען זיין מוטער איז יונג געשטאָרבן, ווען אים איז קוים געווען פופצן יאָר, האָט איר טויט געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק. ער האָט באַשלאָסן צו דערפילן איר פאַרלאַנג — אָפּצוגעבן זיך אינגאַנצן דער יידישער רעליגיעזער לערע.

שבתי האָט געלערנט מיט גרויס התמדה. צווישן זיינע חברים זיינען געווען שאַרפע קעפּ. איינער פון זיי איז געוואָרן רב טאָקע אין ליווערנאָ; אַ צווייטער איז געוואָרן אַ גרויסער קענער, אַדוואָקאַט, שרייבער און דענקער; און שבתי, וועמעס שול־נאָמען איז געווען סאַבאַטינִי, האָט גראַדואירט צו זיין אַ רעליגיעזער לערער און אַ חזן. שבתי האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרע שטאַרקע און דראַמאַטישע שטימע. פאַרוואָס ער איז קיינמאָל נישט געוואָרן קיין אָפיציעלער רב, ווי זיין מאַמע האָט גע'חלומ'ט, איז קיינמאָל נישט אויפגעקלערט געוואָרן.

צו זיין 22טן יאָר איז שבתי'ן אויסגעקומען דורכצולעבן אַ גרויסע אַנטוישונג: מ'האָט אים צוגערעדט אָנצונעמען אין ענגלאַנד אַ חזן־שטעלע אין דער לאָנדאָנער קהילה „שער־השמים". ער איז אַהין געפאָרן נישט מיטן גאַנצן הארצן — נישט ער האָט געקענט די שפּראַך, נישט ער האָט שוין געהאַט געגוג קוראַזש אָנצונעמען אַן עפנטלעכן פּאָסטן אין אַ פרעמד לאַנד. אַ צוואויטיקטער האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. אָבער אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט מען זיך אין דער זעלבער לאָנדאָנער קהילה גענויטיקט אין אַ העברעאישן לערער אין אַ יתומים־שול. דאָס האָט אים מער אימפּאָנירט און ער איז שוין געפאָרן קיין לאָנדאָן מיט מער צוטרוי צו זיך און צו זיין נייער שטעלע. אין די פינף יאָר וואָס ער האָט געוואוינט אין לאָנדאָן, האָט

ער דערלערנט די ענגלישע שפּראַך און דעם דערציערישן אומגאַנג אין אַן אַנגלאָ־זאַקסישער אַטמאָספערע. איבערהויפּט האָט ער זיך אַליין ברייטער אַנטוויקלט, ווען ער איז געוואָרן אָנגעשטעלט אַלס פאַמיליע־לערער ביי די באַרימטע מאָנטעפיאָרס. (אגב, איז דער באַרימטער משה מאָנטעפיאָר גופא געווען אַ געבאָרענער אין ליוואָרנאָ). דער יונגער מאָרעיס האָט געמאַכט אויף די מאָנטעפיאָרס אַ טיפן איינדרוק מיט זיין ערנסט און באַלערזאַמקייט אין דער אַלטער יידישער קולטור און אין דער געשיכטע פון איטאַליע.

שבתי מאָרעיס איז שוין פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן אַ פריינט מיט די מאָנטעפיאָרס. זיי האָבן שוין אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקע קאָרעספּאָנדענץ. אָבער נאָך אַ גרעסערע פריינטשאַפט האָט זיך אויסגעוועבט צווישן דעם יידיש־איטאַליענישן געלערנטן יונגערמאַן מיט איינעם פון די באַרימטע פירער פון דער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט געהיימערהייט ווי אַן עמיגראַנט אין לאָנדאָן. דאָס איז געווען דזשוזעפּע מאַדזיני, דער באַשאַפער פון דער יונג־איטאַליענישער דעמאָקראַטישער באַוועגונג, וועמעס נאָמען עס האָט שפּעטער געקלונגען צוזאַמען מיט גאַריבאַלדי'ס איבער דער גאַנצער וועלט. מאָרעיס האָט אָנגעהאַלטן זיין גייסטיקע פאַרבינדונג מיט דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנער אין משך פון יאָרצענדליקער. עס ווערט דערציילט, אַז מאַדזיני האָט אַ לענגערע צייט „גע'גנב'עט" די גרענעצן אין אייראָפּע מיט שבתי מאָרעיס' פּאַספּאָרט און אויף אַזאַ אופן דורכגעפירט וויכטיקע רעוואָלוציאָנערע אַקציעס.

מאָרעיס איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע עטלעכע טעג פאַר פּורים, אין יאָר 1850. ער איז גערופן געוואָרן צו זיין דער פירער און חזן פון דער קהילה „מקוה־ישראל" אין פילאַדעלפיע. די דאָזיקע פּאָזיציע האָט ער אָנגעהאַלטן אין משך פון 47 יאָר, ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן. כאָטש ער איז פאַקטיש געווען דער רעליגיעזער פירער נישט בלויז פון דער קהילה, — זיין איינפלוס האָט זיך פאַרשפּרייט פיל ברייטער ווי די גרענעצן פון פּענסילוועניע, — דאָך האָט זיך מאָרעיס נישט געהאַלטן פאַר קיין רבֿ, נאָר בלויז פאַר אַ חזן און לערער. מיט זיין חזנות האָט ער זיך טאַקע גענומען איבערנעמען. נישט בלויז איז זיין שטימע נאָך מער געשטאַרקט און קולטיווירט געוואָרן, נאָר ער האָט אויך באַוויזן צו ווערן אַליין אַ מער געשולטער מוזיקער, אינעם גוטן גייסט פון די איטאַליענישע מייסטערס. הויפּטזעכלעך אָבער האָט ער געוואונען זיין באַרימטקייט אין די ברייטע קאָנסערוואַטיווע קרייזן דורך גרופּירן אַרום זיך פעאיקע יידישע יונגעלייט און איז געוואָרן זייער גייסטיקער פירער. פון זיי זיינען דערנאָך אַרויסגעקומען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן פון דעם קאָנסערוואַטיוון יידנטום, ווי סאַירוס אַדלער, סאָלאָמאָן סאָלים־קאָהען, דער באַרימטער פילאַדעלפיער ריכטער מאיר סולצבערגער און אַנדערע.

מיר זיינען נישט באַגייסטערט מיט מאָרעיס אויפטואונגען פאַר דעם יידישן רעליגיעזן וועזן אין אַמעריקע, כאָטש זיי זיינען נישט געווען באַ־

גרענעצט צו זיינע קהילה־טעטיקייטן אָדער צו זיין חזנות, צו וואָס פאַר א מוזיקאַליש־דערציערישער הויך ער זאָל זי נישט האָבן דערפירט. אָבער די קאָנסערוואַטיווע יידן אין אַמעריקע זיינען אים דאַנקבאַר געווען פאַר זיין ברייטערן גייסט, וואָס ער האָט אריינגעטראָגן אין דעם יידישן רעליגיעזן לעבן. אַן אויסדרוק פון דעם איז, וואָס ער האָט אָפּגעשאַפט די ביז דער־מאָלט־איינגעשטעלטע מחיצות צווישן די ספרד'ישע יידן און די דייטשע. א לאַנגע צייט האָבן די מיוחסים פון די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די דייטשע, און אַוודאי אויף די רוסיש־פּוילישע יידן. נישט לייכט איז אים אָנגעקומען די דאָזיקע עובדא: די מחיצה צווישן זיי האָט געהאַט שוין דערגרייכט אפילו צו דער מדרגה פון שנאה. וועגן קאָאָפּעראַציע צווישן זיי האָט שוין קיין רייד נישט געקענט זיין. מאָרעיס, ווי א דעמאָקראַט פון דער היים־אויס, ווי א פריינט פון מאַדזיני און ווי א זון און אייניקל פון איטאַליעניש־יידישע רעוואָלוציאָנערן, האָט אָפּגע־געבן א היפּשן טייל פון זיינע כוחות צוזאַמענצוברענגען די דאָזיקע פרעמד־לעבע און קינסטלעך־פיינטלעכע עלעמענטן. צום אַלעם ערשטן איז דאָס גע־ווען נויטיק אין די אַלגעמיינע אינטערעסן פון די יידן.

אין משך פון גאַנצן ניינצנטן יאָרהונדערט איז יידן אויסגעקומען צו פירן א כסדר'דיקן קאַמף פאַר זייערע רעכט. די קאָנסטיטוציע פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן מיט אירע אַמענדמענטס זיינען אין א סך פאַלן געבליבן בכלל אויפן פּאַפּיר. איבערהויפּט נאָך בנוגע יידן און אַנדערע מינאָריטעטן, איז ביי יעדער רעאַקציאָנערער כוואַליע געוואָרן נויטיק צו באַנייען דעם קאַמף קעגן אַלערליי דיסקרימינאַציעס און באַגרענעצונגען. מאָרעיס האָט מיט זיין קאַמף פאַר יידישער אייניקייט אין היפּשער מאָס אָפּגעמעקט די גרענעצן צווישן די גרופּירונגען פון די יידן לויט זייערע אָפּשטאַם־לענדער.

פּראָגרעסיווע יידן זיינען אים דאַנקבאַר פאַר דעם פּאָליטישן פּראָגרע־סיוון גייסט, מיט וועלכן ער האָט געפּרוּווט באַהויכן דעם קאָנסערוואַטיוון יידנטום, א גייסט, וואָס לאָזט זיך נאָך איצט פילן דאָ און דאָרטן ביי איי־ניקע יידישע פירער פונעם קאָנסערוואַטיוון לאַגער.

זיכער איז, אַז שבתי מאָרעיס, ווען ער וואָלט נאָך איצט געלעבט, וואָלט ער פאַרדאַמט די אַלע מוסרים און פאַררעטער, וואָס ליגן צו זייער קנייטל און פלייצן מיט זייערע מוטנע כוואַליעס אין די איצטיקע היסטע־רישע דערשיינונגען פון דער רעאַקציע און אימפּעריאַליזם.

געשטאָרבן איז מאָרעיס דעם 11טן נאָוועמבער, 1897. כאָטש זיין צוואה האָט פאַרבאָטן וועלכע עס איז עפנטלעכע הספדים ביי זיין לוויה, אָדער אַנדערע עפנטלעכע אויסדרוקן, האָבן דאָך טויזנטער יידישע אַרבע־טער פון פּוילן און פון רוסלאַנד געוואָרפן יענעם טאָג די אַרבעט און אויס־געשטעלט זיך אין וואַך־רייען צו ערן זיין אָנדענק. זיי האָבן געקענט א פריינט ווען זיי האָבן אים געזען.

מיכל הײלפּערין — דער ערשטער גרויסער ייִד פֿון פּוילן



ווען די ייִדן אין פּוילן וואָלטן אין דעם פֿריערדיקן יאָרהונדערט געהאַט דורכגעפֿירט ספּעציעלע וואַלן וועמען זיי זאָלן אַרויסשיקן אַלס מוסטערן קיין אַמעריקע אינעם אַוואַנגאַרד פֿון אַ נאָכפֿאָלגנדיקער ייִדישער מאַסן־עמיגראַציע, וואָלטן זיי נישט געפֿונען קיין בעסערע רעפּרעזענטאַנטן, ווי די וואָס זײַנען אַהער געקומען אין די פֿערזאַגען פֿון דער שוין דערמאָנטער ערנעסטין לואיז ראָוז און פֿון מיכל (מיכאל) הײלפּערין.

ביידע זײַנען זיי געקומען פֿון דער זעלבער פּוילישער שטאָט — פּיעטריקאָוו, לעבן לאָדזש. ביידע זײַנען זיי געקומען מיט אַ רײַכן גײַסטיקן באַגאַזש פֿון געלערנטקייט און געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיוויטעט. ביידע זײַנען זיי געקומען אין משך פֿון 20 יאָר.

מיכל הײלפּערין האָט שוין געמוזט אַנטלויפֿן פֿון זײַן היימלאַנד אין עלטער פֿון נײַנצן יאָר. דאָס איז געווען אין 1842. די רעאַקציע אין פּוילן איז דעמאָלט געווען אַ צווישנצייט צווישן צוויי רעוואָלוציאָנערע אויסברוכן — צווישן דער רעוואָלוציע פֿון 1830, וואָס גענעראַל פּאַסקעוויטש האָט צעטראָטן, סוף כּל סוף, מיט צענדליקער טויזנטער קאַפּיטעס פֿון צאַר'ס קאָזאַצקע פֿערד און צווישן דער „פּאָווסטאַניע" (אויפֿשטאַנד) פֿון 1863, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַן ענלעכן גורל.

דער יונגער הײלפּערין איז שוין דעמאָלט געווען אָנגעלאָדן, ווי אַ קעמל, וואָס לאָזט זיך אויף אַ נסיעה איבערן מדבר, „מיט תורה און מיט חכמה". נישט בלויז האָט ער זיך געפֿונען ווי אין דער היים אין דער ביבלישער ליטעראַטור, נאָר ער האָט אויך נישט געקענט פֿאַרבלאָנדזשען אין די לאַבירינטן פֿון דער תּלמוד'ישער און נאָך־תּלמוד'ישער וועלט מיט זײַערע קאָמענטאַטאָרן (מפֿרשים) און געזעץ־קענער (פּוסקים). אָבער זײַן באַגאַזש איז נישט באַשטאַנען בלויז פֿון אַלטוואַרג און „אַנטיקלעך". הויפּטזעכלעך איז ער שוין דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן, אַן עילוי, אַ שאַרפֿזין, און אַ גאון אין קענשאַפֿט. ער האָט אין עטלעכע וואָכן צײַט געקענט באַהערשן אַ נײַע שפּראַך. אין עטלעכע מאָנאַטן האָט ער זיך געמאַכט היימיש אין אַלערליי וויסנשאַפֿטלעכע געגנשטאַנדן.

שוין מיט אַזאַ באַגאַזש איז ער אָנגעקומען קײן אונגאַרן. ער האָט זיך שנעל געמאַכט הײמיש אויך אין דער דאָזיקער גאָר־אַנדערשדיקער, שווערער שפּראַך. דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו זײנע אײגענע שפּראַכן — ייִדיש, אין װעלכער ער איז געבאָרן געוואָרן; העברעאיש, אין װעלכער ער האָט געקראָגן זײן ייִדישע ערודיציע; און פּויליש, וואָס ער האָט זיך צוגעאײגנט אין זײן סביבה, אין פּיעטריקאָוו. שפּעטער האָט ער זיך אויך דערוואָרבן פראַנצויזיש און שפּאַניש, אויסער די קלאַסישע שפּראַכן פון גריכיש און לאַטײן.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין אונגאַרן, און דער יונ־גער הײלפּערין האָט צוגעלײגט זײן האַנט און קאָפּ אין איר אַנטוויקלונג, האָט אין אים דער באַרימטער אונגאַרישער פירער קאָשוט דערקענט אַ קאָ־לאָסאַלע גײסטיקע קראַפט. ער האָט אים צוגעצויגן צו די פונקציעס פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, און גלײך האָט דער יונגערמאַן אַרויסגע־וויזן זײנע אויסערגעוויינלעכע פעאיקײטן צו דענקען און צו געדענקען. ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דער ליטעראַטור־ביוראָ ביי דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. אָבער ווען די עסטרײכישע קאָנטער־רעוואָ־לוציע, מיט דער הילף, ווידעראַמאָל, פון צאַר׳ס קאָזאַקן, האָט געמאַכט אַ תל פון די אונגאַרישע האָפענונגען אויף פרײהײט און זעלבסטשטענדי־קײט, האָט ער דערוואַרט צו מאַכן זיך נוצלעך אין די אינטערעסן פון דע־מאָקראַטיע, אין אַן אַנדער לאַנד פון רעוואָלוציע — אין פראַנקרײך. אַהין איז ער אַנטלאָפן נישט אַרײנצופאַלן אין די נעגל פון דער עסטרײכישער זשאַנדאַרמעריע.

אָבער אויך די פראַנצויזישע דריטע רעוואָלוציע האָט זיך שוין דע־מאָלט געוואָרגן אינעם בלוט פונעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט דורכן מערדע־רישן גענעראַל קאַוויניאַק. הײלפּערין האָט דאָ געהאַט אַ נײע שולע אין בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וואָס ער האָט נאָך נישט געהאַט דורכגעלעבט, און פאַר זײנע אויגן זײנען אין עטלעכע יאָר דורכגעגאַנגען די אמת׳ע פאַר־שווערונגען פון דער בורזשואַזיע! ער האָט געזען די פאַרשײדענע טריק־צוגן פון לואי נאַפּאָלעאָן, ווי ער איז, דורך מאַנעוורעס, דערוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט מיט באַגרענעצטער מאַכט. דערנאָך דורך אַ פאַרשווערונג זיך דערוויילט אויף צען יאָר, מיט פולער מאַכט, און אַלע זײנע קעגנער פאַרשפּאַרט אין די טורמעס. הײלפּערין האָט פיל געלערנט פון די פּאַסי־רונגען און זיך גענומען צום בוך, צו שטודירן נײע וויסנשאַפטן, אָנצו־שלאָגן נײע הויכן פאַר פאַרשטײן די וועלט און דערלערנען ווי אַזוי זי איבערצומאַכן אין אַ מער פּולקאָמענעם וואוינפּלאַץ פאַר מענטשלעכע ברואים. ער האָט זיך דערוואָרבן נאָך עטלעכע שפּראַכן, באַקענט זיך מיט נאָך וויסנ־שאַפטן.

אָבער אויך אין פראַנקרייך איז אינגיכן געוואָרן אַלץ שווערער פאַר אַזאַ מענטשן פון געדאַנק און טאַט צו קענען רואיק אָנגיין. אינגיכן האָט דער דאָזיקער „קליינער פּלימעניק פונעם גרויסן אָנקל", לואי נאַפּאָלעאָן, געבראָכן זיין שבועה און, צוזאַמען מיט איר, צעבראָכן די רעפּובליק. זיין אַמביציע צוריקצושטעלן די באָנאַפּאַרטיסטישע דינאַסטיע איז דערגרייכט געוואָרן. אין אַ שענדלעכער פאַרשווערונג האָט ער ווידער איבער נאַכט פאַרכאַפּט די מאַכט און זיך דערקלערט פאַרן אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָן דער דריטער.

צוזאַמען מיטן נייעם אימפּעראַטאָר האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרפאָלגונ־גען אויף רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן. היילפּערין האָט געמוזט איינ־האַלטן זיין אָטעם. אים, דעם אמת'ן, איבערגעגעבענעם דעמאָקראַט, קומט שוין אוים דורכצומאַכן די פּערטע רעאַקציע. ער האָט געמוזט צוזען ווי דאָס לאַנד, אויף וועלכן ער האָט געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען, איז ווידער געזונקען צום אַבסאָלוטיזם און געיעגט צו מלחמה. אין 1854 איז פראַנק־רייך, אין שותפות מיט ענגלאַנד און טערקיי, אריין אין דער קרימער מלחמה קעגן רוסלאַנד. די רעאַקציע אין לאַנד האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט און אין 1856 האָט היילפּערין באַשלאָסן און דורכגעפירט דעם געדאַנק צו קו־מען קיין אַמעריקע.

אַוודאי איז אים געווען ניי דאָס לאַנד, די פּאָליטיק, די מענטשן. אָבער דער געניטע אין אים האָט אַלץ שנעל באַנומען, אָריענטירט זיך אין די פּראָ־בלעמען פון יענער צייט, אינעם קאַמף צווישן די צוויי קעגנגעזעצלעכע טיילן פון די שקלאַפנהאַלטערישע שטאַטן און די פרייע שטאַטן. און געוויס איז זיין פּלאַץ געווען קעגן שקלאַפעריי!

היילפּערין האָט שוין ביי דער צייט פאַרמאָגט אַ דערשטוינלעכן פאַר־מעגן פון וויסן, אויסער צוועלף פון די וויכטיקסטע שפּראַכן. ער איז אָנגע־שטעלט געוואָרן פון דער „נעיישאָן" אַלס אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, ווי אויך פאַר דער ריזיקער אַרבעט פון דעם „ניו אַמעריקען סאַיקלאָפּעדיע", אין וועלכער ער איז געוואָרן איינער פון די רעדאַקטאָרן. ערשט דעמאָלט האָט מען דאָ דערזען זיין דערשטוינלעכע גאונות און וואונדערבאַרן זכרון. אין די דאָזיקע צוויי שטעלעס איז ער שוין געווען פאַרנומען די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן.

גלייכצייטיק האָט ער געאַרבעט אויף זיין אייגן גרויס ווערק, אויף אַ יידישער היסטאָריש־ליטעראַרישער טעמע, אין ענגליש — „די היסטאָרישע פּאָעזיע פון די פּאַרצייטיקע יידן". אגב האָט ער נאָך די ענגלישע שפּראַך דערלערנט, איידער ער איז געקומען אַהער דורך איבערלייענען דעם היסטאָ־רישער גיבאָנס ווערק „דעקלאַין ענד פּאָל אָוו דהי ראָמאַן עמפּאיער".

אַוודאי איז ער געבליבן אין אַ גרויסער מאָס אַ נסתר (ניסטער), אַ למד־וואָווניק, וואָס קיינער ווייס פון אים נישט. רעדאַקטאָרן פון אַזעלכע

אַרבעטן ווי אַן ענציקלאָפּעדיע, ווי אויך מיטאַרבעטער פון ענציקלאָפּעדישע ווערק, חתמ'ענען אונטער זײערע אײגענע אַרטיקלען בלויז דורך איניציאַלן און בלײבן אינגאַנצן און גרויסן באַוואוסט בלויז צווישן אַ טײל געלערטע. אַזוי וואָלט אויך מסתמא געבליבן מיכל הײלפּערין, ווען נישט דער צעפּלאַ־קערטער קאַמף פאַר און קעגן שקלאַפערײ, וואָס האָט אים אַרויסגעהויבן פון אַן אומבאַקאַנטן „גרינעם" אין אַ מעכטיקן גײסטיקן גלאַדיאַטאָר.

די געלעגנהײט איז געקומען ווען דער ניו יאָרקער רב, מאָרים דזש. ראַפאַל, איז אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקײט מיט „אותות ומופתים", אַז תורת־משה האָט גאָרנישט געהאַט קעגן שקלאַפערײ. און אַזוי ווי די תורה איז אַ הומאַניסטישע, דאַרף מען צווישן ײדן נישט אַרויסשטעלן זיך קעגן שקלאַפערײ. „די תורה אַלײן", האָט דער דאָזיקער רב געפּרוּווט באַ־ווײזן, האָט פאַרשאָלטן חמ'ען דערפאַר, וואָס ער האָט גרינג־געשעצט זײן פאָטער און אים „אָפּגעדעקט", ווען ער איז געווען אין אַ שיכור'ן צו־שטאַנד. „חם", הײסט עס, איז געווען דער פאָטער פון די נעגער און דעריי־בער דאַרפן ײדן דורכפירן די דערפילונג פון נח'ס קללה. די דאָזיקע רב'נישע דרשה האָבן די שקלאַפנהאַלטער פאַרשפּרײט אין אַ גרויסער צאָל.

ווען מיכל הײלפּערין, דער גרויסער ײדישער געלערנטער, האָט דאָס דערזען, האָט ער דערפילט, אַז ער מוז ענטפערן דעם דאָזיקן רב, ווי ער פאַרדינט — דעמאַסקירן אים, אַז ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געלערנט, און דאָס, וואָס ער האָט יאָ פאַרשטאַנען, איז אויך אַזוי אויבערפלעכלעך און אומקאָנסעקווענט, אַז אפילו אָרטאָדאָקסישע ײדן דאַרפן אים געבן אַ ווידערשטאַנד.

אין מאָרים שאַפּעס' ווערטפולער „דאָקומענטאַרע געשיכטע פון די ײדן אין די פאַראײניקטע שטאַטן", געפינט זיך דער ענטפער, וואָס הײלפּערין האָט געגעבן אין דעם דעמאָלטיקן ניו יאָרקער אָרגאַן „ניו יאָרק דעילי טרי־ביון", די צײטונג, אין וועלכער קאַרל מאַרקס איז געווען דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט אין משך פון לאַנגע יאָרן. פון דעם ענטפער אַלײן קען מען זען, וואָס פאַר אַ גײסטיקער ריז מיכל הײלפּערין איז געווען. פון אונטער הײלפּערינ'ס פען איז דער „באַרימטער" רב אַרויסגעקומען ווי אַן אַרומגע־פליקטער האָן, אָן דעם קאַם אויף דעם שטאָלצן קאָפּ.

מיר, דאָ, קענען זיך בלויז דערלויבן צו געבן אַן אויסצוג פון אַ טײל פונעם ערשטן פּאַראַגראַף, אין וועלכן ער גיט איבער דעם ראַבאַי ראַפאַל'ס מײנונג, אַז כאָטש עס איז פאַראַן אַן אונטערשײד צווישן דעם באַגריף „שקלאַף" אין דער ביבל, וואו ער איז נאָך אַלץ אַ פּערזאָן מיט מענטשן־ווערדע און דאַרף רעספּעקטירט ווערן, און צווישן דער פּראַקטיק פון דער סאַוט, וואָס רעדוצירט דעם שקלאַף צו אַ זאַך און מאַכט אים פאַר אַ קרבן פאַר די צוויי ערגסטע לײדנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור — „אויס־געלאַסנקײט (תאווה) און אכזריות", פונדעסטוועגן, „נאָך אַ הכנעה'דיקער

תפילה צום פאָטער פון אמת און רחמים", האָלט ער, אַז עס איז זיין פליכט צו פּראָקלאַמירן פון דער בימה אַראָפּ, אַז עס איז אַן עבירה — צו פריידיקן קעגן שקלאַפעריי אין דער סאַוט!

„אַזעלכע שטות'ן האָב איך נאָך פריער געלייענט הונדערטער מאָל. איך האָב געוואוסט, אַז „דער פאָטער פון אמת און רחמים" ווערט פון הונ־דערטער בימות געבעטן דאָ אין לאַנד, אַז ער זאָל געטלעך סאַנקציאָנירן שקרים און באַרבאַריזם; פונדעסטוועגן האָב איך זיך אַלס ייד געפילט זייער דערנידעריקט, איך קען אפילו זאָגן געשענדעט, דורך די פאַרשוועכנ־דיקע ווערטער פון דעם ראַבאַי. האָבן מיר דען נישט געהאַט גענוג פון דעם מין, וואָס מ'רופט „די חרפה פון מצרים?" מוז דען דער בראַנדמאַרק פון עגיפּטישע פּרינציפּן אַרויפגעפּרעסט ווערן אויפן פאָלק ישראל דורך יידישע ליפּן גופא?... איך האָב פונדעסטוועגן געהאָפט, אַז צווישן דעם מבול פון שמוץ, וואָס ווערט איצט אויפגעבויטעט דורך די בושעוודיקע כוואַליעס פון דער איצטיקער שטורמישער צייט, וועלן די ווערטער פונעם ראַבאַי באַלד פאַרשווינדן, ווי פיל אַנדערע זייפן־בלאָזן, און די לעסטערנדיקע לע־רעס פון אַ סינאַגאָגע וועט מער נישט אָפּקלינגען, ווי די פון די קריסטלעכע קירכעס. אָבער איך האָב געהאַט אַ שרעקלעכן טעות... אַזוי פאַרדאַרבן איז דער מאָראַלער חוש פון אונדזערע פּראָ־שקלאַפעריי דעמאַגאָגן; אַזוי פאַר־דאַרבן דער שכל פון זייערע ממון (מאַמאָן) פאַרערער און נאָכפאָלגער; אַזוי דיק איז דער חושך מצרים, וואָס פאַרדעקט זייער האָריזאָנט, אַז ווען אַלע אַנדערע פאַלשע ליכט זיינען אויסגעשעפּט, ווערט אַ פונק פון אַלט־יידישער פּראָ־שקלאַפערישער רעטאָריק אויפגענומען ווי אַ נייער בליץ פון סיני, ווי אַ ניי ליכט פון ציון, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורכצופירן דאָס פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן דורך די פינצטערע שטורעמס, וואָס דראָען צו פאַרניכטן זייער מלוכה־שיף. נידער מיטן געוויסן, מיט מענטש־לעכקייט, שכל, דערפאַרונג! אָט הערט זיך צו צו די מלאכ'ישע העברעאי־שע קלאַנגען פונעם גאָט־געשיקטן ראַבאַי! ער האָט שוין דורכגעזוכט אַלע יידישע שריפטן און זייערע מפרשים, די משנה, די גמרא (געמאַרע), די מיטל־אַלטערלעכע רבנים, און אפשר נאָך אויך די מקובלים. אויב ער האָט שוין נישט געפונען דעם אמת, וועט שוין קיינער נישט געפינען... איך גלויב נישט, אַז אָט אַזעלכע זאַכן וועלן איבערצייגן פיל יידן אָדער קריסטן אין די אמת'ן פון שקלאַפעריי... אָבער... פונדעסטוועגן וויל איך דאָ פאַר די יידן און קריסטן, לייענער פון דער „טריביון", באַווייזן דעם אמת'ן ווערט פון דעם ראַבאַי'ס ביבלישער געלערזאַמקייט און, אויב דער פּלאַץ וועט דערלויבן, אויך פון זיין לאָגיק..."

דער פּלאַץ האָט דערלויבט. די ניו יאָרקער „טריביון" האָט שוין פון פריער געהאַט געדרוקט צוויי עדיטאָריעלס, וואָס האָבן געפּאַקטן קעגן דעם דאָזיקן ראַבאַי, אָבער קיינער האָט עס נישט געטאָן מיט אַזויפיל באַלערנט־

קייט, פֿאַקטן און לאָגיק, ווי היילפּערין טוט עס אין דעם וויטערדיקן גאַנג פֿון אָט דעם אַרטיקל, וואָס האַלט באַלד צען גרויסע זייטן. עס באַקומט זיך אַ ברייטע וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן ביבלישער טערמינאָלאָגיע, קולטור־געשיכטע, וועגן די פֿאַלשע ראַסן־טעאָריעס און שאָוויניסטישע איינשטעלונגען. דער ראַבאַי קומט שוין אַרויס פֿון אונטער זיינע הענט אַ צעמזיק׳טער אויף אַלע אבֿרים.

צו אונדזער שאַנדע, האָט בלויז די „טריביון" געהאַט דעם מוט אָפּצודרוקן היילפּערינס אָפּהאַנדלונג. קיין אַנדערע יידישע צייטשריפֿט האָט עס, לויט שאַפּעס׳ נאָכפֿאָרשונג, נישט געדרוקט.

דער אַרטיקל האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. ער האָט אָפּגעווישט ביי פֿיל נישט־יידן דעם איינדרוק, אַז די יידן זיינען טאַקע צום גרעסטן טייל שקלאַפֿנהאַלטער; אַז זיי אַלע זיינען פּונקט ווי יודאַ פּ. בענדזשאַמין, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין דער פֿירערשאַפֿט, און דערנאָך אין דער רעגירונג פֿון דער שקלאַפֿנהאַלטערישער סאַוט. פֿון דער צווייטער זייט האָט עס אויפֿגעקלערט פֿיל יידן גופֿא און זיי האָבן זיך מערסטנס געשטעלט אויף דער זייט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן מיטן פּרעזידענט לינקאָלן בראש.

דורך דער גאַנצער צייט פֿון דער בירגערלעכער מלחמה האָט זיך היילפּערין געפֿונען אין וואַשינגטאָן, גענומען אַ גרויסן אינטערעס אין דעם אַלגעמיינעם גאַנג פֿון די פּאַסירונגען און געשטעלט זיין פּען און צונג אין רשות פֿון דער אַבאַליציאָניסטישער באַוועגונג.

ניין, דער דאָזיקער פּילזייטיקער גרויסער געלערנטער איז נישט געווען גלאַט קיין קאַבינעט־מענטש. ער איז אויך געווען אַ הייסער ייד, אינעם שענסטן זין פֿונעם וואָרט. ווען די אימיגריר־כוואַליעס פֿון די מזרח־לענדער האָבן גענומען שפּעטער הויך שלאָגן, איז היילפּערין געווען פֿון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט ווי אַזוי צו געבן ממשותדיקע הילף, נישט קיין צדקה, אָדער קצבה.

די טויזנטער ווינט־מענטשן, וואָס זיינען נאָך מער צעווינטיקט געוואָרן אין פּראָצעס פֿון די גירושים און די פּאָגראָמען, זיינען געקומען אָן אָן פֿאַכמאַנשאַפֿט און מערסטנס אָן געלט. היילפּערין האָט געזען, אַביסל פֿאַר דער צייט, אַז סוף כּל סוף וועלן זיך יידן אויך מוזן באַפֿעסטיקן אין אַגריקולטור, נישט בלויז דריקן זיך אין די ענגע שטאָטישע געטאָס. ער האָט מיט דעם אויך געוואָלט אויפֿטאָן עטלעכע וויכטיקע זאַכן מיט איין מאָל — שאַפֿן פֿאַר אַ טייל פֿונעם פֿאָלק אַ קאָנסטרוקטיוון פֿונדאַמענט פֿון „זייען ווייץ" אַנשטאָט בלויז האַנדלען מיט ווייץ"; אָפּצונעמען פֿון די אַנטיסעמיטן דעם באָדן פֿון אונטער זייערע טענות, אַז יידן האָבן פֿיינט ערלעכע פּראַצע און זוכן בלויז לייכטע, שווינדלערישע פּרנסות. צווייטנס, שאַפֿן אַ געזונטן פֿיזישן עלעמענט ביים יידישן פֿאָלק, וואָס זאָל זיך אויסהאָדעווען אויפֿן שויס פֿון דער פֿרייער נאַטור, אין גוטער לופֿט, און אין

דעם פּראַצעס אויפֿלעבן געזונטערע אינסטינקטן פֿון נאָרמאַלערע מענטשן אויך צווישן דער יידישער שטאָטישער באַפֿעלקערונג.

זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער געגומען ווידמענען דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ניו דזשוירזי, און אין נאָרט און סאַוט דאַקאָטאַ, וואָס זיינען דעמאָלט געווען כמעט ווי קוים־קוים באַשפּרינקלטע מיט עטלעכע צענדליק פֿאַרמס; אין קענזאַס, און אין דעם וויטן שטאַט פֿון אָרעגאָן, וואָס האָט זיך ערשט גענומען אַרויספּיקן.

אַלס איינער פֿון די טיכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער „מאָנטעפֿיאָר אַגריקולטורעלער הילפֿס־געזעלשאַפֿט״, וואָס האָט געשאַפֿן די נויטיקע פֿאָנדן צו קויפֿן קאָלאָניזיר־באָדן און דעם נויטיקן אינווענטאַר, האָט ער אָפּגעגעבן זיינע לעצטע יאָרן אָט דער דאָזיקער אַרבעט. צען יידישע קאָלאָניעס האָט ער געגרינדעט. ער האָט אומדערמידלעך געאַרבעט פּאַר זיי מיט די לעצטע כּוחות אין די עלטערע יאָרן. אין דער דאָזיקער טעטיקייט האָט ער זיך אינגאַנצן אויסגעשעפּט און איז געשטאָרבן אין יאָר 1888, אין עלטער פֿון 65 יאָר.

צוליב אַ גאַנצע ריי אורזאַכן זיינען כּמעט אַלע קאָלאָניעס אין דער וועסט אונטערגעגאַנגען. איצט עקזיסטירט פֿון זיי בלויז די כּרמל (קאַרמעל) קאָלאָניע אין ניו דזשוירזי. אָבער מען קען זאָגן, אַז אַפֿילו די אונטערגעגאַנגענע קאָלאָניעס האָבן געטאָן אַ סך גוטס דורך דעם, וואָס זיי האָבן געלערנט די קומענדיקע יידישע קאָלאָניסטן נישט איבערצו׳חזר׳ן זייערע טעות׳ן און בויען זייערע פֿאַרמס אויף מער־געזיכערטע יסודות.

מיכל היילפּערין האָט איבערגעלאָזט אויך צוויי זין, וואָס זיינען געוואָרן באַרימט אין זייער אייגענעם רעכט. ביידע — גרויסע געלערטע: אַנדזשעלאָ היילפּערין — אַן אינסטרוקטאָר אין יעיל אוניווערזיטעט און אויטאָר פֿון פֿיל שריפֿטן וועגן נאַטור־וויסנשאַפֿט, און זיין ברודער לואיס, אַן ענציקלאָפּעדישער, שטילער האַרעפּאַשניק, וואָס „קאָלאָניזירט געדאַנקען״ אין די ברייטע פֿעלדער פֿון די וויסנשאַפֿטן.

קלמן מרמרם בריוול צום מחבר, וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק אין דער פּרעסע, אַז ער האָט זיך נאָך געטראָפֿן מיט מיכל היילפּערן און זיין פּרווי אין ארץ־ישראל אין סוף פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט איז מסתמא אַ פֿאַל פֿון אַן אידענטיפֿיקאַציע פֿון נעמען. דאָס האָט געמוזט זיין אַ צווייטער גאַסט פֿון אַמעריקע מיטן זעלבן נאָמען. אונדזער מיכל היילפּערין איז, לויט שאַפּעס׳ „דאָקומענטאַרי״, געשטאָרבן אין 1888.

משה דראַפּסי — די פּילזייטיקע קאָנטראַסטפֿולע פּערזענלעכקייט

שול־ייד און יוריסט,
מאַניפּולאַטאָר און הומאַניסט.
פּאָטער —← אַסימילאַטאָר,
מוטער — אַ קריסטין:
אין איין יידן —
וויפל קאָנטראַסטן!

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסטן עס קענען
זיך אַמאָל איינלעבן אונטער איין הויט!
וואָס פאַר אַ ווילנס־קראַפט עס קען זיך
קאָנצענטרירן אין איין מענטשן!

אַן אַמעריקאַנער יוריסט און אַ שול־ייד, אַ „פּאָליטישן" (פּאָליטיקאַן) און קולטור־בויער, אַ מאַניפּולאַטאָר אין די געשעפטן פון די שטאַטישע קאָמוניקאַציעס און אַ קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגער; קענער פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור און סעמיטישע שפּראַכן, און פילאַנטראָפּ פון אַ באַזונדערן מין — דאָס אַלץ האָט געהויזט צוזאַמען אין דער פּערזאָן פון משה אהרן דראַפּסי, אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער אין פילאַדעלפיע.

משה אהרנ׳ס פּאָטער, אהרן משה דראַפּסי, איז אַליין געווען אַ האַלב אַסימילירטער ייד. ער האָט געהייראַט אַ קריסטין און געמאַכט מיט איר אַן אָפּמאַך נישט אַרויפצוצווינגען אויף זייערע קינדער קיין שום רעליגיע, נאָר לאָזן זיי אַליין אויסקלייבן זיך זייער לעבנסוועג.

ווען משה אהרן איז געוואָרן דרייצן יאָר אַלט, האָט ער נישט אָנגעהויבן צו לייגן קיין תפילין. אָבער ווען ער איז געוואָרן עלטער מיט איין יאָר האָט ער זיך צוגעשריבן צו דער אַלטער תורת משה און גענומען פּינקטלעך אָפּהיטן דעם יידישן ריטואַל. די פאַמיליע איז קענטיק געווען נישט קיין פאַרמעגלעכע. ער איז געוואָרן אַ שיק־יינגל אין אַ געשעפט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער באַזוכט יצחק ליסער׳ס וועכנטלעכע דרשות און אַליין אויך געפּרואווט דערלערנען העברעאיש און די אַלטע יידישע שריפטן, גלייכצייטיק געלערנט אין אַ קריסטלעכער שולע וועלטלעכע ענינים.

אינגיכן האָט ער זיך גענומען לערנען די מלאכה פון אַ גאָלדשמיד און זייגערמאַכער און שוין פאַרדינט געגוג, נישט בלויז אויף צו לעבן, נאָר אויך אויף צו לערנען ווייטער. פלייסיק איז ער געווען און זיין ווילנס־קראַפט האָט נישט געוואוסט פון „מ׳קען נישט". האָט ער גלייכצייטיק דערנאָך גענומען שטודירן יוריספּרודענץ, און אין עלטער פון דרייסיק יאָר איז ער, אין 1851, שוין צוגעלאָזט געוואָרן צו פּראַקטיצירן אַלס אַדוואָקאַט.

זיין רעפּוטאַציע איז געווען אַ גוטע. זיין לאָ־לערער איז געווען דער באַרימטער יוריסט בענדזשאַמין הערים ברוסטער. ער האָט זיך גלייך אַריינ־

געלאָזן אין דער פּאָליטיק פון די שטאָטישע און שטאַטלעכע ענינים. פאַר־בונדן מיט א ראַיעלער לאָ־פירמע האָט ער זיך זייער שנעל דערוואָרבן א גוטן נאָמען. משה אהרנ׳ם מערכה איז עטאַבלירט געוואָרן זייער שנעל, אפילו פאַר יענע יאָרן, ווען „די שטערן פלעגן איבערנאַכט באַשטימען דעם גורל פונעם בירגער".

דערפּאָלג אין לאָ־געשעפט, דערפאָלג אין זיינע שטודיומס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעגעבן, האָט אים אויך געפירט צו דערפאָלג אין פּאָליטיק. ער ווערט אפילו אין 1852 נאָמינירט אלס פּאַרטרעטער פון דער וויהיג פּארטיי אויף א דיסטריקט־אמט אין שטאָט. זיינע אַרויסטריטן קעגן נעגער־שקלאַפעריי זיינען שאַרפע. אין דער וויכטיקער פראַגע צעגייט ער זיך אפילו מיט זיין רבי׳ן יצחק ליסער. אין 1856 איז ער איינער פון די פי־לאַדעלפיער דעלעגאַטן צו דער גרינדונג פון דער נייער רעפּובליקאַנער פּאַר־טיי, און איינער פון אירע פירער אין שטאָט. (זע בערטהאַם קאָרן „אמערי־קען דזשורי ענד דהי סיוויל וואָר, באַנד 1, זייט 86.)

א גרויסן דערפאָלג האָט דראָפּסי געמאַכט ווען ער איז אַריין אינעם סינדיקאַט צו אַנטוויקלען די פילאַדעלפיער גאַסן־קאָמוניקאַציעס. צוואַנציק יאָר איז ער געווען פּרעזידענט פון דער „לאָמבאַרד ענד סאַוט סטריט" פּאַ־סאַזשיר־באַן (1882-1862). אין 1868 איז ער געוואָרן דער פרעזידענט פון נאָך אַזא פּאַסאַזשיר־באַן פון גרין און קאָוט סטריטס. אין 1870 איז ער באַשטימט געוואָרן דורך דער סטעיט־אַסעמבלי צו זיין פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע צו בויען די בריק איבערן טייך.

אָבער אין דער זעלבער צייט פון זיין פאַרנומען מיט יורידישע, פּאָלי־טישע און אַנדערע געשעפטן, איז דראָפּסי געווען איינער פון די וויכטיקס־טע טוער אין דער יידישער קהילה אויפן געביט פון דערציאונג. פינף און פערציק יאָר האָט ער אָנגעהאַלטן זיין טעטיקייט אין די בילדונגס־אינסטי־טוציע פון שטאָט.

דראָפּסי האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין יידישע פילאַנטראָפּישע אָדער בילדונגס־אינסטיטוציע אין שטאָט. ער איז געווען אקטיוו אין דעם דירעקטאָראַט פון זיין ספרד׳ישער געמיינדע „מקוה ישראל", איינער פון די גרינדער און באַאמטע פון דער „היברו עדיוקעישאַן סאָסייעטי אין פי־לאַדעלפיע". ער האָט דאָרט דורכגעטראָגן אין משך פון איבער 40 יאָר אַלערליי אמטן פון סעקרעטאַר, וויצע פּרעזידענט און פון צוויי מאָל זיין פּרעזידענט.

ער האָט אויך געפונען צייט צו זיין צו דער פּרעזידענט פונעם ליסער־געגרינדעטן „רמבם־קאָלעדזש", פון 1867 ביז 1873; געווען א לענגערע צייט פרעזידענט פונעם פילאַדעלפיער אָפּטייל פון „אַליאַנס איזראַעליט אוּ־ניווערסעל", זינט 1883, און פּרעזידענט פון גראַץ קאָלעדזש, זינט 1893. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך בייגעטראָגן צו דער געזעץ־וויסנ־

שאַפּט דורך זיינע פאָרשונגען, איבערזעצונגען און אָריגינעלע ארבעטן.
איבערהויפּט איז ער געווען א קענער פון די אַלט־רוימישע געזעצן און
אין 1890 האָט ער נאָך פארעפנטלעכט א בוך וועגן דעם „געריכט אויף
יעזוס'ן פונעם שטאַנדפּונקט פון א יוריסט".

שוין אין 1885 האָט ער אָנגעהויבן צו ליידן אויף די אויגן און גע־
מוזט אויפגעבן זיין געריכט־פּראַקטיק. צווישן זיינע אַנדערע שריפטן גע־
פינט זיך א פּאַמפלעט, פול מיט ליב־געזאַנג צו זיין רבי'ן ליסער און וועגן
די יידישע רעליגיאָנס־רעפאָרמער, וואָס ער האָט נישט ווייניקער אַטאַקירט
ווי ליסער גופא. ער האָט געזאָגט: „נישט רעפאָרמער זיינען זיי, נאָר דע־
פאָרמער", אַזעלכע, וואָס פארריכטן נישט, נאָר וואָס צעקאַליעטשען.

ווען דראַפּסי איז געשטאָרבן, אין יולי, 1905, אין עלטער פון 84
יאָר ,האָט מען אויסגעפונען, אַז ער האָט איבערגעלאָזט זיין גאַנץ פאַרמעגן
פאַר א קאַלעדזש, וואָס זאָל זיין אויסשליסלעך געווידמעט דער אַלטער הע־
ברעאישער ליטעראַטור, שפּראַך, געזעצגעבונג און די פאַרוואַנדטע סעמי־
טישע שפּראַכן. די דאָזיקע אינסטיטוציע איז היינט צו טאָג באַוואוסט אַלס
„דראַפּסי־קאַלעדזש".

למען האמת דאַרף מען איבערגעבן, אַז ער האָט נישט פאַרגעשריבן
אין זיין צוואה ווי דער קאַלעדזש זאָל הייסן. דאָס האָבן די נאמנים (טראַס־
טים) באַשלאָסן.

דר. ראַבינער ב. פעלזנטאַל פון שיקאַגאָ,
קעמפער קעגן נעגער־שקלאַפעריי

אַ רב — אַ רעוואָלוציאָנער פון פוילן

די יידישע קהילה אין פילאַדעלפיע האָט אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט באַקומען אַ מערקווירדיקן רב פון פוילן — מאַרקוס (מרדכי) יאַסטראָוו, אַ געוועזענער פוילישער פאַטריאָט־רעוואָלוציאָנער, אַ קענער פון פיל אַלטע און נייע שפּראַכן, אַ יידישער היסטאָריקער, אַ פילפאַכער געלערנטער און אַ הומאַניסט.

יאַסטראָוו האָט ארויסגערופן אויף זיך דעם צאָרן פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע מיט זיין ליבעראַלן צוגאַנג צו די געזעצן פון כשר און טריף, פון שבת און יום טוב, און איבערהויפּט מיט זיין רמב"מ'שן ראַציאָנאַלן צוגאַנג, אַז די רעליגיע איז פאַרן מענטשן און נישט אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דער רעליגיע. מיט זיין רבנ'ישער און וועלטלעכער ערודיציע האָט ער שטענדיק געפונען צו זיך שותפים אין די גרויסע אויטאָריטעטן.

אין די זיבן און דרייסיק יאָר, וואָס ער האָט פאַרנומען זיין רבנות־שטעל אין דער באַרימטער „רודף שלום"־שול פון פילאַדעלפיע, איז ער צוליב זיינע אָנשויאונגען באַקעמפט געוואָרן פון די דאָרטיקע פירער.

אין זיין אָפּשייד־רעדע צו זיין קהילה, האָט ער זיי געוואָגט צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן וועגן זייער „רעליגיע אין אַמעריקע". ער איז שוין דעמאָלט געווען אַלט און מיד, קראַנק און שוואַך. אָבער ער האָט נאָך צונויפגעזאַמלט אַלע זיינע כוחות און אַרויסגעדונערט איבער זייערע קעפּ דעם גרויזאַמען אמת וועגן דער פאַלשקייט און היפּאָקריטישקייט פון די בירגערלעכע קהל'שע פירער. ער האָט אויך אַרויסגעשריען זיין ווייטיק, וואָס זיינע אייגענע זין האָבן זיך „פאַרקערעוועט אין פרעמדע פעלדער".

„...פאַרוואָס זעען מיר נישט דאָ פאַר זיך אונדזער המשך?" — האָט ער געשטעלט די פראַגע. „פאַרוואָס ווערט מען דאָ אַזוי פאַרדאַרבן? — דערפאַר, וואָס דער גאַנצער ענין פון רעליגיע אין אַמעריקע איז אַן ענין פון געשעפט, פון געלט־קאָנקורענץ. מען דאַרף כסדר אַריינציען די קונדן מיט אַלץ נייערע אָנציאונג־מיטלען... זאָגט מיר נישט, אַז דאָס מיינט „אַ מאָדערנער צוגאַנג", צי אַ צופּאַסונג צום גייסט פון דער צייט — ניין... דאָס איז בלויז ביליקע קאָנקורענץ!" (זע: „עי וואָרנינג וואָיס", פּעירוועל סערמאָן, פילאַ., נאָוועמבער 27, 1892.)

די לאַגע פון ראַבינער יאַסטראָוו, אין וועלכן עס האָבן ווי עס איז

געהויזט זייט ביי זייט וויסנשאַפט און רעליגיע, איז געווען אַ טראַגישע. דעם אינערלעכן געראַנגל זיינעם האָט מען נישט געקענט זען. אָבער זיין קאַמף אין דרויסן איז געווען אַ האַפּענונגסלאָזער. ער איז געבליבן נישט דאָ און נישט דאָרט.

זיין נייער סידור, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט, איז געווען צו פריי פאַר אָרטאָדאָקסישע יידן און צו צוריקגעשטאַנען פאַר די רעפאָרמיסטן. ער איז געבליבן שטעקן אין מיטן, אין דעם געדראַנג פונעם שווערן גע־דאַנקען־פאַרקער און איז געבליבן מחוץ פון יעדער מחנה.

און אין זיינע יונגע יאָרן האָט דאָך אויסגעקוקט, אַז דער רעוואָלוציאָ־נערער וועג איז זיין וועג, אַז ער וועט נאָכגיין די סאָציאַלע נביאים אויף דעם נייעם פלאַך פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע; אַז ער וועט ווערן עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז געוואָרן פון פיל געלערנטע יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן פאַרביטן זייערע גמרות און יורה דעה'ס אויף די ווערק פון מיל און דאַרווין, צי פון מאַרקס און ענגעלס. און דאָך האָט ער פאַרנומען די מזרח־וואַנט אין דער יידיש־רעליגיעזער אַמעריקע.

געבאָרן געוואָרן איז מרדכי (מאַרקוס) אין פּויזנע, דער דייטשער טייל פון פּוילן, דעם 5טן יוני, 1829. זיינע עלטערן, אברהם און איטע יאַס־טראָוו, האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף זייער יינגל. רעליגיעז און דאָך ניי־צייטיק, ווי די מערסטע סוחרים אין יענער ערב אימפּעט־צייט פונעם קאַפּיטאַליזם אין דייטשלאַנד זיינען געווען, האָט זייער מרדכי פון זיי געקראָגן גלייכצייטיק אַ גרינטלעכע רעליגיעזע און וועלטלעכע דערציאונג.

זיינע רבנ'ישע שיעורים ביים רב משה פיילכנפעלד האָבן געקראָגן אַ באַגלייט אין דער שטאָטישער גימנאַזיע, וואו ער איז פאַררעכנט געוואָרן פאַרן בעסטן סטודענט און איז אויסגעקליבן געוואָרן צו האַלטן די סיום־רעדע ביים פאַרענדיקן. די דאָזיקע רעדע איז געווען פון אַ קוואַליטעט, וואָס איז ווערט געווען וועגן איר צו שרייבן אין דער „אַלגעמיינער ציימונג דעס יודנטומס". דאָס איז געווען אין 1852.

אין עלטער פון דריי און צוואַנציק יאָר געפינט זיך שוין דער יונגער יאַסטראָוו אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט אינעם בערלינער אוניווערזיטעט. אין דער זעלבער צייט זעצט ער פאָר זיין רבנ'ישן שטודיום מיטן באַרימטן ר' יחיאל מיכל זקש, און קריגט אין אַ יאָר שפּעטער סמיכה פון זיין פריער־דיקן רבי'ן פיילכנפעלד, און אין פיר יאָר אַרום פונעם דרעזדנער רב לאַנדוי. ביי יענער צייט, אין 1857, באַקומט ער שוין אויך זיין טיטל אַלס פילאָ־זאָף פונעם האַללע אוניווערזיטעט. גלייכצייטיק האָט ער שוין אויך געגעבן לעקציעס אין אַ רעליגיעזער העברעער שול.

זיין גרויסע קענטשאַפט אין יידישער געשיכטע האָט אים שוין פריער באַקאַנט געמאַכט מיטן באַרימטן יידישן היסטאָריקער פּראָפעסאָר הירש גרעץ. מיט זיין רעקאָמענדאַציע ווערט יאַסטראָוו באַשטימט צו ווערן דער

רב אין דער אשכנז׳ישער (דייטשער) געמיינדע אין וואַרשע.

אין די קאַפּיטלען פון זיינע זכרונות וועגן זיין רבנות אין וואַרשע, האָט יאַסטראָוו געגעבן אַ בילד פונעם לעבן אין דער אַלטער פּוילישער הויפּטשטאָט, ערב דער „פּאָווסטאַניע" (אויפשטאַנד) קעגן דער צאַרישער אויבערהערשאַפט. געהיימע מיטינגען אין די פאָרשטעט, דעמאָנסטראַציעס פון פּוילישער אַנטשלאָסנקייט צו באַפרייען זיך פונעם פרעמדן יאָך, זיינען געווען אָפטע דערשיינונגען.

אין איינער אַזאַ דעמאָנסטראַציע האָט דאָס צאַרישע מיליטער אַריינגעשאָסן אין דער מאַסע אַריין און פינף דעמאָנסטראַנטן זיינען געפאַלן טויטע. די שטאָט האָט אויפגעקאָכט. דעם זעלבן אָוונט האָט נאָך דר. יאַסטראָוו פאַררופן אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג פון זיין געמיינדע און זי אויפגעפאָדערט צו שטעלן זיך פּלייצע צו פּלייצע מיטן פּוילישן פאָלק, וואָס קעמפט פאַר זיין פרייהייט.

די צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט גוט געוואוסט, אַז די לוויה (לעוואַיע) פון די פינף געפאַלענע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נייער דעמאָנסטראַציע און אָפּגעלייגט זי ביז שבת, אַזוי אַז אַמווייניקסטנס זאָלן די וואַרשעווער יידן זיך אין איר נישט באַטייליקן, און דאָס אַליין וועט שוין שאַפן אַ צעטיילונג און רייבונגען צווישן די יידן און די פּאָליאַקן.

דער יונגער רב יאַסטראָוו, און מיט אים נאָך דריי רבנים און צען דיינים (דאַיאָנים), האָבן גערופן די יידן צו באַטייליקן זיך אין דער לוויה, כאָטש עס איז אום שבת, און זיי האָבן מאַרשירט צוזאַמען מיטן קאַטאָלישן בישאָף אין איין ריי. די צאַרישע מאַניעווורע איז צעשטערט געוואָרן. דאָס איז מצד די רבנים געווען אַן אמת׳ער רעוואָלוציאָנערער אַקט — מחלל זיין שבת בפרהסיה און איינשטעלן זייערע לעבנס, כדי צו שטאַרקן די אייניקייט און אויפצוהייבן און דערמוטיקן דעם רעוואָלוציאָנערן אויםגום קעגן דער טיראַנישער הערשאַפט.

איין וואָך נאָך דער דאָזיקער לוויה־מאַניפעסטאַציע, ווידער אום שבת, האָט הרב יאַסטראָוו אָפּגעהאַלטן אין פּויליש אַ הספד מעמאָריעל אויף די געפאַלענע פּוילישע רעוואָלוציאָנערן. דאָס איז געווען די ערשטע פּוילישע רעדע, וואָס איז ווען עס איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ וואַרשעווער שול. גאַנץ פּוילן האָט רעאַגירט אויף דעם דאָזיקן הספד.

פון דעמאָלט אָן האָט שוין הרב יאַסטראָוו אָנגעהאַלטן אין זיין שול זיינע רעדעס אין פּויליש, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם רוסיפיקאַטאָרישן געזעץ, און גערופן צו באַפרייאונג. עטלעכע מאָנאַטן האָט ער עס אָנגעהאַלטן, ביז די געהיים־פּאָליציי האָט זיך דערוואוסט (מוסרים האָבן קענטיק דעמאָלט אויך נישט געפעלט) און דר. יאַסטראָוו איז אַרעסטירט געוואָרן און אַריינגעזעצט געוואָרן אינעם ציטאַדעל (טורמע־פעסטונג). דאָרט טאַקע האָט עס דער רב געקראָגן זיינע קראַנקייטן, פון וועלכע ער האָט שוין געליטן

זיין גאַנץ לעבן. אַלס אַ דייטש־פּוילישן האָט מען אים דעפּאָרטירט.

ווען די „פּאָווסטאַניע" (1863) איז דערשטיקט געוואָרן, האָט מען יאַסטראָוו'ן שוין דערלויבט זיך צוריקצוקערן אין ווארשע. מען האָט אים דאָרט ווידער אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס אויף זיין אַלטער רבנות־שטול. לאַנג אָבער האָט זיך מיט אים ווארשע נישט געפרייט. פילאַדעלפיע האָט אים אין 1865 אָנגעבאָטן די שטעלע אין „רודף שלום". די געמיינדע האָט געזוכט אַ „סטאַר". זי האָט אָנגעבאָטן אַ יערלעכן קאָנטראַקט אויף פיר טויזנט דאָלאַר — הויכע שכירות פאַר יענער צייט.

אין 1866 האָט פילאַדעלפיע געגעבן אַן ענטוזיאַסטישן קבלת־פּנים דעם דאָזיקן ווארשעווער רב. זיין ערשטע רעדע, אין דייטש, האָט געפאַנגען הער־צער און ער איז באַלד באַרימט געוואָרן מיט זיין ליבעראַליזם. אין צווייי יאָר שפּעטער האָט ער שוין זיינע רעדעס געהאַלטן אין ענגליש. אין 1869 האָט מען אים אָפּגעגעבן דעם כבוד צו עפענען דעם קאָנגרעס אין וואַשינג־טאָן מיט זיין תפילה.

דר. מאַרקוס יאַסטראָוו איז געוואָרן באַליבט ביי יידן און ביי נישט־יידן. ער האָט באַלאַנגט און זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע יידישע קול־טור־אָרגאַניזאַציעס. געווען אַ פּראָפעסאָר פון תלמוד אינעם רמב"ם־אוני־ווערזיטעט, אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער פון דער ענגלישער ענציקלאָפּעדיע, פון דער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט, און אַנדערע. אָבער זיין קול־טור־היסטאָרישער גרויסער אויפטו איז דער ענציקלאָפּעדישער תלמוד'ישער ווערטער־בוך, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט אַרום פופציק יאָר, אַ ווערק, וואָס פאָדערט אויך דאָס וויסן פון אַזעלכע אַלטע שפּראַכן, ווי אַראַמעאיש, גריכיש, כאַלדעאיש און פערסיש.

צווישן זיינע אַנדערע ווערק איז זיין נייער סידור, וואָס איז, אַגב, נישט אָנגענומען געוואָרן, זיין תנ"ך־איבערזעצונג אין ענגליש, זיין ריזיקע אַר־בעט פאַר דער יידישער ענציקלאָפּעדיע און צענדליקער אַרטיקלען פון היס־טאָריש־וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. זיין איוב־איבערזעצונג אין ענגליש האָט ער פאַרענדיקט עטלעכע טעג פאַר זיין טויט, אין 1903 (13טער אָקטאָבער). צווישן זיינע פילצאָליקע געגרינדעטע אינסטיטוציעס איז אויך דער טעאָלאָ־גישער רבנים־סעמינאַר.

דאָס יידישע געשיכטע־בוך אין דייטש האָט ער נאָך געשריבן ווען ער איז געווען רב אין וואָרמס. דער נאָמען איז צו לאַנג. ער באַהאַנדלט די ערשטע 400 יאָר, זינט דעם חורבן בית ראשון ביז דער מאַקאַבייער־עפּאָכע.

זיין פּוילישער פּעריאָד האָט נאָך געהאַט אָפּקלאַנגען מיט עטלעכע צענ־דליק יאָר שפּעטער. אין 1890 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע אַן אָפענעם בריוו צום רוסישן צאַר, אַז ער זאָל פאַרלייכטערן דעם גורל פון די פאַרשיקטע קיין סיביר. קיין צופיל רבנים ביי יידן האָבן אַזעלכע זאַכן נישט אין זינען.

סיגיזמונד קויפמאַן —
ערשטער יידישער סאָציאַליסט

דער ערשטער „סוחר" צו קומען אהער מיט אַזאַ סחורה, ווי מאַרקס' תורה.

די אָרעמע דייטשע יידן, וואָס זיינען אהער געקומען נאָך די מערב־אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס אין 48 און אין 49, זיינען אין זייער גרעסטער צאָל פריער געווען פּעדלערס. זיי האָבן אַרומגעוואַנדערט מיט זייערע סחורות אויף די רוקנס צווישן די ניי־געגרינדעטע דערפער פון דייטשע אימיגראַנטן, וואָס האָבן אהער אַריינגעוואַנדערט. פיל פון זיי האָבן נאָך עטלעכע יאָר שלעפּן די פּעק אויף זייערע פּלייצעס, זיך שנעל דערוואָרבן אייגענע וועגענער צו פירן די סחורות און ענדלעך פאַראַנקערט זיך אין איינע פון די ניי־אויפגעקומענע שטעטלעך מיט אַ געשעפטל. אין אַ היפּשע צאָל פאַלן זיינען פון די קליינע געשעפטלעך, אין איין יאָר־צענדליק, געוואָרן גרעסערע, און אין אייניקע פאַלן, גאָר גרויסע געשעפטן. מיר קענען כמעט אַנוויזן אין די דאַונטאַונ'ס פון אונדזערע גרויסע שטעט, אַ ריי גרויסע דעפּאַרטמענט־סטאָרס, וואָס זייערע אייגנטימער זיינען אור־אייניקלעך פון די דאָזיקע געוועזענע פּעדלער.

אָבער נישט אַלע זיינען געוואָרן פּעדלער נאָך זייער אָנקומען אין אַמעריקע. צווישן די געקומענע, נאָך די דערמאָנטע רעוואָלוציאָנערע יאָרן זיינען אויך געווען אַזעלכע, דאָ און דאָרטן, וואָס האָבן פאַראויסגעשטיגן ווייטער און העכער פון זייער דור; אַזעלכע, וואָס האָבן געזען, אָדער דערשפּירט, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציעס זיינען ערשט פאַרשפּילן צו קומענדיקע גרויסע מענטשלעכע דראַמעס אין די יאָר־צענדליקער וואָס וועלן קומען; אַזעלכע, וואָס זיינען נישט בלויז געווען דעמאָקראַטן, אמת'ע פאָלקס־פריינט, נישט בלויז רעפּובליקאַנער, וואָס קענען שוין נישט לעבן אונטער מאָנאַרכיסטישע רעזשימען, נאָר אויך סאָציאַליסטן.

איינער פון אַזעלכע אימיגראַנטן איז געווען אַ יונגער דייטשער ייד, מיט דעם נאָמען סיגיזמונד קאַופמאַן. ביי זיין קומען אהער האָט ער זיך נישט גענומען צו דעם פּעקל סחורה אויף די פּלייצעס, נאָר צו אַ מלאכה וואָס שאַפט סחורה — געברויך־זאַכן פאַר דער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס זיינע אידייען אין מוח זיינען שוין געלאָפן אויף גאַנץ ווייט־פאַראויסגעזעענע רעלסן.

סיגיזמונד קאַופֿמאַן איז געבאָרן געװאָרן אין יאָר 1825, אין בראָקענהיים, נישט װײַט פֿון דער גרויסער שטאָט פֿראַנקפֿורט־אַם־מאַין. פֿראַנקפֿורט איז געװען אײנע פֿון די גרעסטע יידישע קהילות אין דייטשלאַנד. זי איז געװען די פֿעסטונג פֿון יידישער אָרטאָדאָקסיע. אָבער דער יונגער סיגיזמונד האָט קענטיק דאָרט נישט געקראָגן זײַן הויפּט־דערציאונג. ער האָט שטודירט אין פּאַריז, און דערנאָך ערשט אין פֿראַנקפֿורט און שטראַסבורג. עס קען גרײַלעך זײַן, אַז אין פּאַריז האָט ער זיך „אָנגענומען" מיט די נײַע אידייען װעגן אַ מער־גערעכטער געזעלשאַפֿט, װעגן סאָציאַליזם. ער האָט שפּעטער אויך געלערנט אין שטראַסבורג. די רעװאָלוציע פֿון 1848 האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין פֿאַרמאַכטע לאָדנס און גערופֿן די בירגער אַראָפּצוּװאַרפֿן פֿון זײער קאַרק אַלערלײ פֿירשטן און מלכים. צום יונגן קאַופֿמאַן האָט מען לאַנג נישט געדאַרפֿט אָנקלאַפּן. זײַן האַרץ האָט שוין מסתּמא אויך פֿריער געקלאַפּט מיט די דאָזיקע געפֿילן. װען דער אויפֿשטאַנד האָט אין סעפּטעמבער געפֿלאַקערט אין פֿראַנקפֿורט, איז שוין דער יונגער קאַופֿמאַן געװען צװישן די, װאָס האָבן אים געצונדן. אװדאי איז דאָס נישט געבליבן קײן סוד פֿאַר דער מאָנאַרכיסטישער פּאָליצײ, און אַזױ שנעל װי די כװאַליעס פֿון דער רעװאָלוציע האָבן זיך גענומען צוריקציען און די װילדע כוחות פֿון דער פֿעאָדאַלער מאָנאַרכיע, אין שותּפֿות מיט דער פֿאַררעטערישער בורזשואַזיע, האָבן גענומען קאָנטער־אַטאַקירן, האָט קאַופֿמאַן געטאָן נישט קײן קרומע זאַך, װאָס ער האָט דאָרט נישט איבערגעלאָזט זײַן קאָפּ. ער איז אַנטלאָפֿן קײן ענגלאַנד און פֿון דאָרט, אין אַ קורצער צײַט אַרום, געקומען אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן.

ער האָט זיך באַזעצט אין ברוקלין. קענטיק, אַז די ערשטע זאַך האָט ער זיך גענומען צו אַ מלאכה. מיר זעען אים װי אַ פֿאַבריק אַרבעטער בײַ פּאַקעט־בוקס (בײַטעלעך). מיר װײסן אויך, אַז ער האָט געגעבן לעקציעס אין פֿראַנצויזיש און אין דייטש. אָבער אין דער זעלביקער צײַט האָט ער זיך גענומען שטודירן. ער האָט אײַנגעזען, אַז די געזעץ־װיסנשאַפֿט אין אַמעריקע איז אין געװיסע פֿאַלן אַ נויטיקער װאָפֿן. אין 1852 זעען מיר אים אַז ער פּראַקטיצירט שוין דערפֿאָלגרײַך אַדװאָקאַטור און אַז ער הויבט שוין אָן דערשמעקן דעם ריח פֿון דער דעמאָלטיקער פּאָליטיק.

קאַופֿמאַן איז געװען אַן אַקטיװער מיטגליד אין דער דייטשער געמײנדע, אין דעם טורנפֿאַראײן און אין דעם „לידערקראַנץ" (אַ געזעלשאַפֿט פֿאַר דייטשן כאָרן־געזאַנג). זײער גיך איז ער געװאָרן, אין דער באַװעגונג פֿון דעם דערמאָנטן טורנפֿאַראײן, אַ פֿירער אין דעם לינקן פֿליגל, װאָס איז באַשטאַנען פֿון סאָציאַליסטן און סימפּאַטיזירער. קאַופֿמאַן האָט מער אונטערגעשטראָכן אין דעם פֿאַראײן די טעטיקײטן פֿאַר סאָציאַליסטישע צװעקן אײדער די ספּאָרט־טעטיקײטן. מיר זעען װי נאָך אין יוני דעם 6טן, 1850, האָט ער אָנגעפֿירט מיט אַ שפּאַלטונג אין דעם דאָזיקן פֿאַראײן און מיטגע־

פירט מיט זיך 36 טורנירן אין ניו יאָרק און געגרינדעט דעם סאָציאַליס־טישן טורנפאַראיין, וואָס האָט דערגרייכט, אין 1853, צו 500 מיטגלידער.

אין דער זעלבער צייט איז קאופמאַן געווען נישט בלויז אַ מיטגליד פון דער יידישער קהילה, נאָר אויך אַ באַאַמטער. ער איז געווען אַ נאַמן (טראָסטי) אין דעם טעמפּל „בית אלהים" אין וויליאַמסבורג.

אין 1856 שליסט ער זיך שוין אָן אָן דער נייער רעפּובליקאַנער פּאַר־טיי און באַטייליקט זיך אין דער קאַמפּאַניע פאַר פרימאָנט׳ן, איר דעמאָל־טיקן פאָן־טרעגער. אין 1860 איז ער איינער פון די פּרעזידענט־עלעקטאָרס, וואָס שטימט פאַר אייבראַהעם לינקאָלן אַלס פּרעזידענט. אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג האָט אים דער גאָווערנאָר פון ניו יאָרק באַשטימט אַלס אַ ריכטער, אין 1863, אויף אַ „דרעפט־באָארד" (רעקרוטיר־קאָמיסיע).

אַז ער איז שוין דעמאָלט געווען אָנגעזען אין דער געזעלשאַפט, קען מען זען פון דעם, וואָס פּרעזידענט לינקאָלן האָט אים אָנגעבאָטן דעם בכבוד׳יקן אַמט פון אַ געזאַנדטן קיין איטאַליע. קאופמאַן האָט אָבער דעם פאָרשלאָג נישט אָנגענומען. ער האָט מסתמא בעסער געוואָלט בלייבן אין דעם פייער פון דעם בירגער־קריג איידער צו זיצן אויף אַ לייכטע שטעלע און װאַרעמען זיך אין דער איטאַליענישער זון.

אין 1869 איז ער געווען אַ קאַנדידאַט פון דער נייער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אַלס סטעיט־סענאַטאָר אין ניו יאָרק. לויט אַן עדיטאָריעל אין דער „ניו יאָרק טריביון", דעם 9טן סעפּטעמבער, 1870, „אונדזער טיקעט", איז ער פּאַקטיש דערווײלט געוואָרן, אָבער די ברוקלינער קליקע פון רעאַקציאָ־נערע גענגסטער האָבן אים דורך אַלערליי פעלשונגען און קאָרופּציע באַ־רויבט פון זיין אַמט.

אָט אין יענע וואַלן, פון 1870, איז אין די פּאָליטישע קרייזן אַנט־שטאַנען די פראַגע, ווער איז עס, דער דאָזיקער סיגיזמונד קאופמאַן? צי איז ער אַ ייד, צי אַ דייטש? אין צוויי עדיטאָריעלס, וואָס זיינען דערשינען דעם 16טן און דעם 19טן סעפּטעמבער, 1870, אין דער „ניו יאָרק סאָן", אונטערן סאַרקאַסטישן קעפּל „קען אַ מענטש זיין אי אַ ייד און אי אַן איירישמאַן?" דער עדיטאָריעל האָט אָנגעוויזן גלייך אין אָנהויב, אַז „די רעפּובליקאַנער קאָנווענשאָן, אין איר פּאַרזוך צו קריגן די דייטשע שטימען, האָט נאָמינירט דעם געערטן סיגיזמונד קאופמאַן פאַרן אַמט פון לייטענאַנט־גאָווערנאָר. ער איז אַ גוטער בחור און אַ גוטער בירגער, אָבער די פראַגע האָט זיך אויפגעהויבן, וואָס איז ער — אַ טעווטאָן (אַ דייטש), אָדער אַ ייד? און דער עדיטאָריעל זאָגט גאַנץ ערנסט ווייטער, אַז „וואָס איז נוגע אונדז, גייט עס אונדז די פראַגע שטאַרק נישט אָן: כאָטש אויב מיר וואָלטן געמוזט שטימען פאַר וועלכן עס איז מענטשן, צוליב דער אָנגעהעריקייט פון זיין שטאַם, זאָגן מיר אָפן, אַז מיר וואָלטן גיכער געשטימט פאַר אַ יידן איידער פאַר אַ טעווטאָן, אָבער אַזעלכע באַטראַכטונגען האָבן נישט קיין

געהעריקן פּלאַץ אין אונדזער פּאָליטיק. די אמת׳ע פראַגע דאַרף זיין, צי א קאַנדידאַט איז פּעאיק און ערלעך? און אַלע איבעריקע זאַכן איז „בלאָ־טע”. אָבער צום סוף קומט דער עדיטאָריעל שרייבער, נאָך דעם ווי ער רעדט וועגן די פאַרשיידענע טעאָריעס בנוגע נאַציע, רעליגיע און כלומר׳שטע „ראַסע”, צום שלום, אַז די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האָט געמאַכט אַ גרויסן טעות צו נאָמינירן קאַופמאַנ׳ען, צוליב דעם וואָס ער וועט קריגן די דייטשע שטימען. כאָטש קיין דירעקטע אַנטיסעמיטישע אינסינואַציעס זיינען אין דעם עדיטאָריעל נישטאָ, איז דער פאַקט אַליין ווי די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן און ווי ער גיט זיך פריער כלומר׳שט אָן ווי אַ פריינט פון די יידן און דרייט דערנאָך אויס דעם פּעלץ, אַז די רעפּובליקאַנער פּאַר־טיי האָט געמאַכט אַ טעות מיט איר נאָמינאַציע, ווייזט אָן ספק, אַז „די סאָן” האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט דעם „טוויד רינג” פאַר דעם דורכפאַל פון די רעפּובליקאַנער קאַנדידאַטן. זיי האָבן טאַקע פאַרלאָרן מיט 33,096 שטימען. עס איז אַ פאַקט, אַז סיי די „דזשואיש טיימס”, פונעם 16טן און 30טן סעפּטעמבער, 1870, און סיי די „דזשואיש מעסענדזשער”, פון 16טן און 23טן סעפּטעמבער, 1870, האָבן מיט פאַראַכטונג צוריקגעשלידערט די אַזויגערופענע דיסקוסיע וועגן קאַופמאַנ׳ס יידישקייט.

געשטאָרבן איז קאַופמאַן אין 1889, אין עלטער פון 64 יאָר.

(אַלע פאַקטן כמעט פון דער ביאָגראַפיע זיינען געשעפּט פון דעם דאָ־קומענט נומער 152 אין שאַפּעס׳ „דאָקומענטאַרע געשיכטע” און פון זיינע באַלויכטנדיקע באַמערקונגען אויף זייטן 726—724.)

אהרן באַטלהיים — רב, דאָקטאָר און קעמפער

אַ רב, צי אַ דאָקטאָר?
ער איז ביידע צוזאַמען.
ער איז אויך אַ פילאָזאָף
און אַ ברעכער פון צאַמען.

אינעם שאָטן פון די נישט זייער זעלטענע נעגאַטיווע טיפּן, וואָס מיר געפינען דאָ צווישן די פּערזענלעכ־קייטן, און אין קאָנטראַסט מיט זיי — וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע געשטאַלטן עס טראָגן זיך פאַרביי פאַר אונדזערע אויגן, ווען מיר פאָרשן צווישן די בלעטער פון אונדזער געשיכטע דאָ אין לאַנד!

צווישן די פּערזענלעכקייטן געפינען מיר געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער, וויסנשאַפטסלייט און דערפינדער. אָט האָבן מיר אַ געשעפטסמאַן און אָט אַ לאָיער (יוריסט), אַ רב צי אַ דאָק־טאָר. אָבער דאָ האָבן מיר אין איין פּערזענלעכקייט אי אַ רב, אי אַ דאָקטאָר, אַ געזעלשאַפטלעכן טוער און אַ גאַלאַנטן קעמפער.

אַזאַ איז געווען אהרן באַטלהיים (אַלבערט זיגפריד). ער איז געבאָרן געוואָרן אין אונגאַרן, אין 1830. אהר'על איז געווען אַ קינד, מיט וועלכן מ'בענטשט זיך. אין דער פאַמיליע האָט מען נישט געקענט קומען צו קיין הסכם — אַ רב, צי אַ דאָקטאָר? אהרן האָט געזען צו דערפילן ביידע דער־וואַרטונגען.

זיין וועג האָט אים פריער געפירט דורך די ישיבות פון פּרעשבורג, ליפּניק און פּראָג. אין דער לעצטער האָט ער געהאַט פאַר זיין גייסטיקן פירער דעם באַרימטן ש. י. ראַפּאַפּאָרט („שיר"), דער יידישער געלערנטער, פון די גרעסטע אין זיין דור. זיין איינפלוס אויף דעם תלמיד האָט זיך געלאָזט פילן אין משך פון זיין גאַנצן לעבן.

צו אַכצן יאָר האָט שוין אהר'על געקראָגן סמיכה און פּראַקטיצירט אַ קורצע צייט רבנות אין אַ קליין שטעטעלע. אָבער דער חשק צו וועלטלע־כער בילדונג האָט זיך אין אים כסדר געשטאַרקט. איז ער צוריק אַוועק קיין פּראָג, און אין עטלעכע יאָר אַרום זיך אומגעקערט מיטן טיטל פון דר. פילאָזאָף.

נייע געביטן האָבן זיך פאַר אים געעפנט. זיין מוח און זיין פען זיינען אַוועק אין אַ געוועט: ווער וועט זיין שנעלער? זיינע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען און עסייען זיינען אויפגעכאַפּט געוואָרן פון דער פּעריאָדישער פּרעסע. זיי זיינען געווען פרישע און נייִלעכע און געצאַפּלט מיט לעבן און

פּראַגרעס.

אַ היפּשע צאָל יאָרן האָט זיך באַטלהיים דערנערט פון זיין דער עסטרייכישער קאָרעספּאָנדענט פאַר אַ צייטונג און זשורנאַלן אין לאָנדאָן. שפּעטער פאָרט ער צוריק אין זיין געבורטסלאַנד, אונגאַרן, און ווערט דער הויפּט־פירער און אויפזועער אויף עטלעכע העבּרעאישע שולעס. ער ווערט דערנאָך אָנגעשטעלט פון דער רעגירונג צענזאָר אויף העברייאישע ביכער, אין טשערנאָוויץ, און ווערט אויך באַקאַנט אַלס אָפּיציעלער איבערזעצער פון סעמיטישע שפּראַכן. גלייכצייטיק רעדאַגירט ער אַ פּאָליטישע צייטשריפט „פּאַראַוּים".

און אַט כאַפּט ער זיך, אַז ער ווערט שוין אַן „אַלטער בחור", 28 יאָר אַלט, און אַ שיין, געבילדעט מיידל האָט שוין לאַנג אויף אים געשיפּט אירע אויגן. דאָס איז געווען אַן אונגאַרישע פאָלקס־לערערין הענריעטאַ ווינשטראָב. זיי האָבן חתונה געהאַט אינעם יאָר 1858. און אָט איז ער שוין רב אינעם שטעטל קאַשוי און רעדאַגירט אויך אַ צייטונג. באַטלהיים איז געווען צו ערלעך, אַז ער זאָל נישט שרייבן דעם אמת. אַ זאַך, וואָס די בירגערלעכע פּאָליטיק קען זעלטן פאַרדייען. אויב באַטלהיים וואָלט צו זיין פלינקער פען אויך נישט געווען פלינק אין אַקציע, וואָלט מען אים שוין פאַרפּאַקט אונטער שלאָס און ריגל.

ער איז עס אָבער יאָ געווען. אַמעריקעס ברעגן זיינען נאָך דעמאָלט געווען פריי פאַר יעדן געיאָגטן. זעען מיר אים שוין אין אַ קורצער צייט אַרום אין פילאַדעלפיע. זיין ערשטע שטעלע איז געווען אַלס לערער אינעם „רמבם־קאָלעדזש". ער איז שנעל באַקאַנט געוואָרן מיט זיין ברייטער ערודיציע און טאָלעראַנץ. אָבער דאָס זיינען שוין געווען די לעצטע צוקן אין פילאַדעלפיע פונעם רמבמ'ס לעמפּל. דער קאָלעדזש האָט זיך פאַרמאַכט צוליב אויסשעפּונג פון פאָנדן און אהרן באַטלהיים איז געווען ווידער געצוואונגען אָנצונעמען אַ רבנות אין דער קהילה „בית אהבה" אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניע. ווי גוט עס פּאַסט זיך אַזאַ נאָמען אַ ליבן מענטשן!

אָבער דאָס גערעדטע וואָרט ווערט גלייך פאַרקלונגען. באַטלהיים האָט געפילט, אַז דער גייסטיקער פירער מוז אויך האָבן זיין צייטונג. האָט ער עס אין ריטשמאָנד אויך געפּרוּווט. און דאָרט טאַקע האָט ער זיך גענומען דערפילן די האָפענונג פון זיינע קרובים צו ווערן אַ דאָקטאָר. אַזאַ ווי באַטלהיים האָט נישט קיין שרעק פאַר אַ נייעם ענין אפילו ווען ער איז שוין אין די פערציקער יאָרן.

נישט בלויז האָט ער אויך פאַרענדיקט מעדיצין און געוואָרן צום צווייטן מאָל אַ דאָקטאָר, נאָר ער האָט זיך אויך פאַרמאָסטן אויף אַ גרויס ווערק וועגן יידן אין דער מעדיצין דורך די יאָרהונדערטער. אָבער זיין געמיינדע איז צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל זי נישט פאַרלאָזן. האָט ער נאָכגעגעבן, אָבער נישט אויף לאַנג. קאַליפאָרניע — „די נייע

וועלט פון דער נייער וועלט", האָט שוין אין לעצטן פערטל פונעם פאָריקן יאָרהונדערט באַוויזן צו גרינדן אַ היפּשע יידישע קהילה אין סאַן פראַנציסקאָ. ווי באַטלהים האָט נאָר דערהאַלטן אַן איינלאַדונג פון דער דאָרטיקער געמיינדע „אהבת שלום" צו קומען און ווערן זייער רב, האָט מען שוין דעם שטענדיק־נייגעריקן באַטלהיימען נישט געקענט צוריקהאַלטן.

מיר זעען אים דאָרט ווי אין 1875 אָרגאַניזירט ער אַ געזעלשאַפט צו דערלערנען די העברעאישע שפּראַך. און האָט ע רנישט גענוג בעלנים צווישן די יידן, רעקרוטירט ער מיטגלידער פון צווישן די גלחים. צוזאַמען מיט זיי נעמט ער זיך באַקעמפן די סאַן פראַנציסקאָ'ער אונטערוועלט, וואָס האָט דעמאָלט זיך געהאַט דערוואָרבן דעם נאָמען „די מאָדערנע סדום (סדאָם)" מיט אַ גרעפּט און קאָרופּציע, וואָס האָט געשריען צו די הימלען.

ווען עס איז אים איינמאָל אויסגעקומען צו באַזוכן אַן אַרעסטאַנט, אַ יידיש בחור'ל, אין דער סאַן־קווענטינער טורמע, איז ער אויפגעציטערט געוואָרן פון דעם וואָס זיינע אויגן האָבן דאָרטן געזען. ער האָט שוין נישט געקענט רוען און גענומען פירן אַן אַגיטאַציע פאַר גרינטלעכע רעפאָרמען אין די קאַליפאָרניער טורמעס. פון שטאָט צו שטאָט איז ער אַרומגעפאָרן, פון איין געזעצגעבער צו אַ צווייטן, און אויפגעטרייסלט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג איבערן גאַנצן שטאָט. זיין וואָכנבלאַט „דהי היברו", וואָס ער האָט דאָרט געגרינדעט, האָט אויך געפירט דעם קאַמף פאַר רעפאָרמען — יידישע און אַלגעמיינע.

אין 1887 זעען מיר אים שוין צוריק אין מזרח. ער איז געוואָרן רב אין באַלטימאָר, אָבער נישט פון איינהאָרן'ס רעפאָרם־שיטה. ער איז גיכער געוועזן אַ מעסיקער רעפאָרמער, מעסיקער אפילו פון וואַיז'ן און פון ליליענטאַלן... אַ מיטאַרבעטער אין דער פּרעסע פון אייראָפּע און אַמעריקע.

אין די שפּעטערע פופציקער יאָרן איז זיין געזונט־צושטאַנד שטאַרק געפאַלן. ער איז עטלעכע מאָל געפאָרן קיין אייראָפּע צו די הייל־בעדער. אויף איינער פון די דאָזיקע צוריקרייזעס קיין אַמעריקע, האָט ער שוין קיין כוח נישט געהאַט צו ראַנגעלן זיך מיט זיין קראַנקייט און איז אויסגעגאַנגען אויף דער שיף דעם 21טן יוני, 1890.

זיין טראַגישער טויט, וויט פון זיין פאַמיליע, איז נישט אויסגעבליבן אָן אַ קוריאָז. אויפן שיף האָט ער זיך געהאַט באַפריינדעט מיט צוויי גלחים. זיי זיינען שוין נישט אָפּגעטראָטן פון זיין קראַנקן־בעט און ווען ער האָט געגעבן דעם לעצטן בליק אויפן ים, וואָס איז געוואָרן זיין קבר, האָבן ביידע גלחים נאָך אים אָפּגעהאַלטן טרויער־רעדעס. ווען מ'האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קערפּער אין די טיפע אַטלאַנטיק־וואַסערן און די כוואַליעס האָבן געברומט מיט טרויעריקע אונטערטענער, האָבן די צוויי גלחים געזאָגט נאָך אים דעם העברעאיש־אַראַמעאישן קדיש... (זע משה דעיווים — יהדות אמריקה בהתפתחותה, 26—324.)

דר. בנימין סזאָלד — רב, געלערנטער און מענטשן־פריינט

עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס טאָרן נישט שטיין אין די דלת אמות פון וועלכן עס איז קאַמף. זיי זיינען אָן אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס. זיי מעגן זיין ערלעך אין זייערע איבערצייגונגען, אָבער די איבערצייגונגען גופא זיינען ביי זיי נישט קיין סטאַבילע. זיי מוזן האָבן פאַר זיך כסדר „משה'ס אויפגעהויבענע הענט", כדי זיי זאָלן זיך קענען האַלטן קעגן שטראָם.

צווישן די ביטערע שטרייטער פון די רעפאָרם־רבנים מיט די קאָנסערוואַטיווע, איז געווען פאַטעטיש צו זען די כמעט אומבאַהאָלפענע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דער הויך־געבילדעטער, איינגעוואָנדערטער רב, דר. בנימין סזאָלד, פון דער קהילה „אוהב שלום", אין באַלטימאָר.

בנימין סזאָלד איז געבאָרן געוואָרן אינעם קליין שטעטעלע נעמעסקערט, אונגאַרן, דעם 15טן נאָוועמבער, 1829. די עלטערן זיינען געווען קליינע ערד־באַזיצער און אַליין מיטגעאַרבעט מיט זייערע שכנים־פויערים. אָבער בנימינ'ען האָט מען געשיקט לערנען אין פרעשבורג און אין אַנדערע ישיבות, אַזוי אַז צו פערצן יאָר האָט ער שוין געהאַט דעם טיטל „מורנו" (אונדזער לערער).

אָבער בלויז מיט יידישע לימודים האָט זיך בנימין נישט באַנוגנט. ער איז אַוועק קיין ווין און דאָרט געלערנט אויך וועלטלעכע ענינים, אָבער אין דעם פּראָצעס איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ווען עס איז אָנגעלאָפן דאָס 1848 יאָר און די טראָנען פון די מאָנאַרכן אין מערב אייראָפּע האָבן זיך גענומען טרייסלען, האָט זיך אויך אַ טרייסל געטאָן דעם יונגן בנימינ'ס באָדן. מ'האָט אים אַרויסגעשיקט פון שטאָט אַלס אַ פאַרדעכטיקן רעוואָלוציאָנער.

דער אַרויסגעשיקטער האָט זיך געמוזט נעמען צו פּריוואַטע לעקציעס. דאָס האָט אים ווידער אַרויפגעפירט אויף אַן אַנדער רעלס: איינע פון זיינע שילערינס, סאָפיע שאַאַר, האָט זיך אַריינגעשאַרט צו אים אין האַרצן מיט אירע לאַשטשענדיקע אויגן. זיי האָבן חתונה געהאַט. אָבער דער פינף און צוואַנציק יעריקער סזאָלד איז נאָך אַלץ געווען צו לייכט באַוואָפנט אַרויסצוגיין מיט זיין יונגער פרוי אינעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ. ער איז אַוועק

קיין ברעסלוי, דאָרט, וואו עס זיינען געווען גרויסע יידישע בילדונג־אינ־סטיטוציעס. אינעם אוניווערזיטעט האָט ער שטודירט פילאָזאָפיע און שפּראַכן און זיינע ברייטערע שטודיומס אין געשיכטע פון אונדזער קולטור. דאָרט האָט ער געטרונקען פון די קוואַלן פון גרעץ און זכריה פרענקל, בערנייס און אַנדערע, און איז אַרויס פון ברעסלוי אַן אָנגעלאָדענער און באַוואָפנטער.

זיין ערשטע רבנות־שטעלע איז געווען אין שטאָקהאָלם, שוועדן. ער האָט שוין דאָרט געזאָלט פאַרבלייבן. אָבער דר. לעווינסאָן, דער פריערדיקער רב, וואָס האָט געזאָלט פאָרן קיין אַמעריקע אויף אַ רבנות אין באַלטימאָר, האָט חרטה געהאַט און מורא געהאַט אין זיין עלטער צו אונטערנעמען די גרויסע רייזע. נו, האָבן זיך ביידע רבנים איבערגעביטן צוריק: לעווינסאָן איז געבליבן אין שטאָקהאָלם און סזאָלד איז מיט זיין פרוי געפאָרן קיין אַמעריקע.

דאָס איז געווען אין 1859. צוזאַמען מיט זיינע נויטיקסטע זאַכן האָט דר. סזאָלד מיט זיך אויך מיטגעבראַכט זיינע פרייהייטס־אידייען. ערב דעם בירגער־קריג האָט דאָס לאַנד זיך געטיילט אין די צוויי לאַגערן פון — פאַר און קעגן אויסברייטערן די נעגער־שקלאַפעריי. סזאָלד מיט די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט אין זיינע אויערן, האָט געוואוסט וואו ער שטייט.

צום יאָר איז סזאָלד געוואָרן אַ טאַטע. עס איז געבאָרן געוואָרן זיין טאָכטער הענריעטאַ, די ערשטע פון אַכט טעכטער. נישט אַלע געבאָרענע זיינען געקומען אויף צו בלייבן. דריי פון זיי האָבן זיך שנעל אויסגעשלאָסן פון דער לעבעדיקער געזעלשאַפט. אויף וויפיל סזאָלד האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגן אָפן און הויך זיינע געדאַנקען קעגן שקלאַפעריי, ווייסן מיר נישט. ער האָט מסתמא צוגעשוויגן, ווען ער האָט געזען, ווי דער צווייטער עלטערער רב פאַר אים, דר. דוד איינהאָרן, איז שיר נישט געלינטשט געוואָרן פונעם אויפגעהעצטן פּראָ־שקלאַפערישן מאָב און געמוזט אַנטלויפן פון שטאָט. מיר ווייסן אָבער יאָ, אַז ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער געזעלשאַפט אויפצוקלערן און לערנען מיט די נעגער, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן דורך לינקאָלנ׳ס פּראָקלאַמאַציע, אין 1863. דאָס איז די געזעלשאַפט, וואָס די שקלאַפּאָקראַטן האָבן געפּרואווט צו־שאַנד מאַכן מיטן צו־נאָמען „טימבאָקטו”...

בכלל איז דר. סזאָלד געווען אַ סענסיטיווער הומאַניסט. ער האָט קיין נויטבאַדערפטיקן נישט אוועקגעשיקט מיט גאָרנישט. מ׳פלעגט זיך צו אים ווענדן נאָך הילף פון אומעטום און ער האָט זיך ברידערלעך אָפּגערופן. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טראָגן זיך די עמיגראַציע פון רוסלאַנד, גיט איבער משה דעיווים אין זיין „יהדות אמריקה”, האָט זיך זיין הויז פאַר־וואַנדלט אין אַ פונקט פון „עוזר דלים”.

עס ווערט דערציילט, אַז דער הויפּט פון די קאַטאָליקן אין אַמעריקע,

אין דער צווייטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט, דער קאַרדינאַל גיבאָנס, איז געווען איינע פון זיינע בעסטע קאָלעגן און פלעגט זיך מיט אים באַראַטן אין פיל פראַגן... „ער איז געווען באַגייסטערט פאַר אַזאַ ווערסאַטילן געלערנטן, וואָס קען גלייכצייטיק ציטירן דעם תנ"ך און האָמער'ן..." (דאָרט, זייט 49.)

פאַקטיש איז סזאָלד געווען אַ מילדער „רעפאָרמאַטאָר" — געניגט געווען אַרויסצולאָזן פונעם יידישן לעבן די צוריקגעשטאַנענע, אומזיניקע מנהגים, און צופּאַסן זיך מער צום מאָדערנעם לעבן. אָבער אין באַלטימאָר האָט ער שוין דערוויסט די קהילה, וואָס ער האָט געדאַרפט פירן, ווי זי איז שוין אַוועק אויף אייזיק מאיר וואיז'עס וועג... האָט ער געשוויגן און געפּרואווט זיי ביסלעכווייז צוריק „אַרויפפירן אויפן ריכטיקן וועג". ער איז אָבער געווען צו־שוואַך, און איידער וואָס ווען האָט ער זיך אַרומגעזעזן, אַז ער אַליין איז שוין מיטגעצויגן געוואָרן מיט די רעפאָרמער.

צווישן זיינע אַרבעטן האָט מען מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אויסגעטיילט זיין קאָמענטאַר און אויסטייטש פון „איוב", איינער פון די וואַרטפולסטע ווערק אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור. דריי פּיקסירטע אידייען האָט סזאָלד געהאַט, אויסער די הומאַניסטישע — זיין ליבשאַפט צו דער העברעאישער שפּראַך — ער פלעגט שטענדיק אום שבת אָפּהאַלטן לעקציעס וועגן העברעאיש פאַר דער יוגנט; זיין אויסערגעוויינלעכע פאַרערונג פון שבת — כמעט ביז משוגעת און זיין מיטאַרבעט מיט זיין טאָכטער הענריעטאַ, וואָס האָט זיך אַליין אויסגעפאָרמירט אין אַ פאַרזענלעכקייט צווישן די יידישע פרויען פון אַמעריקע. זי האָט שפּעטער פאַרטונקלט איר געלערנטן פאָטער אין פיל הינזיכטן.

סזאָלד איז געווען איינער פון די לינקערע קאָנסערוואַטאָרן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט סיי מיט די, וואָס זיינען פיל לינקער פון זיי, סיי מיט די רעכטע עלעמענטן. אָבער ער אַליין איז געווען צו־שוואַך צו אויסהאַקן זיך זיין אייגנעם וועג. דער פאַקט איז, אַז עס זיינען פון אים געבליבן אַ היפּש ביסל מאַנוסקריפּטן אויפן געביט פון ביבל־קריטיק, וואָס זיינען קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. פאַר־מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז זיין קענטשאַפט אין העברעאיש און אַראַמעאיש איז געווען פיל גרעסער ווי די פון פיל ביבל־קריטיקער אין 19טן יאָרהונדערט.

אין זיינע לעצטע קראַנקע יאָרן, צעוויטיקט פון דעם, וואָס די צייט האָט אים נישט נאָכגעפאָלגט און וואָס זיין קהילה איז אַוועק אַלץ ווייטער אויפן רעפאָרמיסטישן וועג, האָט מען אים באַפרייט פון זיינע פליכטן אין דער קהילה און זיין געהילף דר. וויליאַם ראָזנאַו האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ.

ער איז געשטאָרבן אין יסורים, אין עלטער פון 73 יאָר, אין מיטן זומער, 1902. זיין סידור, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט צוזאַמען מיט דר. יאַסטראָוו'ן, איז שוין, ווי די גאַנצע רעליגיעזע אַמפּעריען, לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

אברהם יאַקאָבי — דער גרויסער דאָקטאָר

איינער פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן צווישן די מעדיצין־אויטאָריטעטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און אין אַמעריקע בכלל, איז געווען דר. אברהם יאַקאָבי (דזשאַקאָבי).

אַליין נישט קיין געבוירענער אין אַמעריקע, האָט ער אויפגעטאָן פאַר אַלע געבוירענע אין אַמעריקע, פאַר אַלע עופה'לעך אין אַמעריקע, מער ווי וועלכער עס איז אַנדער דאָקטאָר. ער איז געווען פאַקטיש דער פאָטער פון דער אַמעריקאַנער פעדיאַטריק, די וויסנשאַפט פון קינדער־היגיענע, ווי אויך אויף דעם ברייטן אינטערנאַציאָנאַלן געביט.

אברהם יאַקאָבי איז געבאָרן געוואָרן אין אַ יידישער פאַמיליע, דעם 6טן מאַי, 1830, אין האַרטום, וועסטפאַלן, דייטשלאַנד; לויט אַ צווייטער ווערסיע, אין מינדער, נישט ווייט פון האַרטום. ער האָט שטודירט מעדיצין אין באָן און גראַדואירט אַלס דאָקטאָר, אין 1851. שוין אין דער צייט פון זיין שטודיום האָבן זיינע פּראָפעסאָרן געזען אין אים נישט בלויז אַ הויך־גראַדיקן גייסט, נאָר אויך אַ צוקונפטיקן גרויסן דאָקטאָר, וואָס איז טיף באַזאָרגט פאַר דעם גורל פון זיינע פאַציענטן. אָבער כאָטש ער איז דעמאָלט געווען שוין אין זיינע שטודיר־יאָרן אַזוי גרויס, איז ער פון נאַטור־אויס געווען קערפּערלעך אַ קליין און דאַר מענטשעלע, דערפאַר אָבער פלינק, רירעוודיק ווי אַ שרעטעלע. זיין קאָפּ גופא איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס און דאָמינירט זיין גאַנצע פיגור, אַרויסגעהויבן זי אין אַ ריזיקע פערזענלעכקייט. עס איז נישט געווען גלאַט אַזוי אַ גרויסער קאָפּ, אָנגעטאָן אויף אַ קליין מענטשעלע, נאָר אַ מין לייבן־קאָפּ מיט אַ ריזיקער קרוין פון האָר. מענטשן, וואָס האָבן אים געזען, האָבן געקראָגן דעם איינדרוק אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אַז דאָס זעען זיי דעם כהן־גדול פון דער מעדיצין און וויסנשאַפט.

די נאָך־גראַדואיר יאָרן פון דר. אברהם יאַקאָבי זיינען אָבער געווען אומרואיקע יאָרן אין דייטשלאַנד. זיין שטודיום גופא איז פאָרגעקומען אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון 1848־49. עס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך פאַר דעם פאָרשערישן גייסט צו שטיין פלייצע צו פלייצע מיט דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. פיל פון זיי האָבן ביי דעם אָנקום פון רעאַקציע זיך אַרויסגעגליטשט און פאַרשטעקט זיך אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. אַנדערע

האָבן אפילו פאַרראַטן זייערע פריערדיקע דעמאָקראַטישע אידעאַלן. מיט דר. יאַקאָבי איז אָבער דער פאַל געווען פונקט אַ פאַרקערטער: צוזאַמען מיט צענדליקער אַנדערע האָט מען אים געמשפט אין קעלן אַלס קאָמוניסט און ער איז אָפּגעזעסן 18 מאָנאַטן.

אויפן פּראָצעס האָט דער יונגער דאָקטאָר מוטיק דערקלערט, אַז ער איז „אַ סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט" און אַז ער איז געווען אין באָנער אוניווערסיטעט דער פּאַרזיצער פונעם טורן־פאַראיין. ער האָט אָבער געלייקנט, אַז ער ווייסט עפּעס וועגן דער קאָמוניסטישער ליג. בעת די רעגירונג האָט באַשולדיקט, אַז אַזעלכע פאַראיינען מיט אומ־שולדיקע נעמען, זיינען אונטער דעם געהיימען איינפלוס פון די קאָמוניסטן. אַלס באַווייז האָט דער אָנקלאָגער געבראַכט יאַקאָבים אַ בריוו, אין וועלכן ער פּרייט זיך, וואָס די אַרבעטער הייבן אָן אָנצונעמען „מאַרקס' ראַדיקאַליזם".

פון אַ צווייטן בריוו זיינעם האָט מען אַרויסגעלייענט, אַז אין פּראַנט פונעם לעבן שטייען איצט „צוויי קלאַסן — די אייגנטימער און די וואָס פאַרמאָגן גאָרנישט..."

אַזוי שנעל ווי ער איז באַפרייט געוואָרן, איז ער אַוועק קיין ענגלאַנד, געקריגן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון מאַרקסן צו ענגעלסן און איבערגע־שלאָפן ביי ענגעלסן איין נאַכט. ווען ער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע האָט ער מיטגעפירט רעקאָמענדאַציע־בריוו פון מאַרקסן צו וועדעמייערן, דעם אַמעריקאַנער פאַרטרעטער פון דער קאָמוניסטישער ליג (זע מאָרים שאַפּעס אין „דזשואיש לאַיף", סעפּט. 1952).

דאָס איז פאָרגעקומען אין 1853. אָבער דר. יאַקאָבי האָט דאָ כמעט נישט געהאַט קיין „גרינע" יאָרן. ער איז גלייך אַריינגעשוואומען אין דעם צענטער פון טעטיקייטן אויפן געביט פון מעדיצין, זיך גענומען ספּעציאַ־ליזירן אין קינדער־קראַנקייטן און פּאַקטיש געוואָרן איינער פון די גרעסטע פּיאָנערן פון פּעדיאַטריק אין אַמעריקע, און אַזוי איז ער דערנאָך פאַרשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער מעדיצין — „דער פאָטער פון פּעדיאַטריקס אין די פאַראייניקטע שטאַטן". פּאַקטיש איז ער טאַקע געוואָרן דער ערשטער פּראָפעסאָר אויף אַ פּעדיאַטרישער קאַטעדרע אין אַמעריקע.

שוין אין יאָר 1860 איז ער געווען דער ערשטער פּראָפעסאָר פון קינ־דער־פּאַטאָלאָגיע און טעראַפּעטיק אין ניו יאָרקער „מעדיקל קאַלעדזש". ער גרינדעט אין 1862 דעם ערשטן פּעדיאַטרישן קליניק פון דעם דערמאָנטן קאַלעדזש און פירט איין אין אַמעריקע די פּראַקטישע מעדיצין־לערע ביי די בעטן פון די פּאַציענטן.

איין געביט איז פאַר אים געווען ווייניק. כאָטש צו זיין אַ דאָקטאָר גופא — אַ היילער, אַ פאַרלייכטערער פון מענטשלעכע ליידן אין קראַנקייט איז געווען ביי אים אַ גרויסע, הייליקע עובדה, איז ער דערצו אויך געווען אַ לערער, אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט איבערגעגעבן זיין גייסט אויך זיינע

סטודענטן; אַן אויטאָר, וואָס האָט דורך זיינע ווערק אויך באַאיינפלוסט אַנדערע דאָקטוירים. אָבער דער עיקר איז ער אויך געווען אַן אָרגאַניזאַטאָר פון מעדיצינישע אונטערנעמונגען. אויסער די שוין דערמאָנטע אינסטיטוציעס האָט ער אויך אָרגאַניזירט אַ ריי פעדיאַטרישע געזעלשאַפטן. ער האָט געהאַט דעם באַרדינסט פון אָרגאַניזירן דעם קינדער־דעפּאַרטמענט אין מאַונט סאַינאַי שפּיטאָל. ער איז געווען דער גרינדער פון דעם דייטשישן שפּיטאָל אין ניו יאָרק און אויך דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם דאָרטיקן קינדער־דעפּאַרטמענט.

ווי אַ גרויסער הומאַניסט האָט דר. יאַקאָבי שוין די ערשטע חדשים פון זיין קומען אין ניו יאָרק זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן די לאַגע פון די אָרעמע קינדער אין ניו יאָרק און בכלל אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי איבער דער גאַנצער וועלט. ער האָט נישט געקענט צוהערן די געוויינען פון קינדער ביינאַכט, ווען זיי קענען נישט אַנטשלאָפן ווערן צוליב פאַרשיידענע קראַנקייטן. ער האָט נישט געקענט צוזען די קרענקלעכע קינדער־פּנים׳לעך, דורכגייענדיק די אָרעמע גאַסן, קראַנק פון אַלערליי געלזוכטן, בלוט־אָרעמקייטן, אַלערליי פאַרגיפטיקונגען און רעזולטאַטן פון די עפּידעמישע קינדער־קראַנקייטן. דאָס איז נאָך געווען פאַר דער אַנטדעקונג פון דר. בעלא שיק און זיין טעסט, וואָס באַשטימט געגנוי די קינדער אימוניטעט בנוגע דיפטעריע.

ער, דער גרויסער הומאַניסט, און באַוואונדערער פון אַמעריקאַנער וואוקס און שוואונג, האָט נישט געקענט זען ווי עס וואַקסט אַ נייער דור אין קראַנקייטן און אין נויט. ער האָט נישט געקענט צוזען אַזאַ הויכע טויט־ראַטע צווישן די קינדער, ווי עס איז געווען מיט אַ הונדערט יאָר צוריק. אין די יאָרן נאָכן בירגער־קריג, ווען עס איז אַרומגעגאַנגען דער געלער פיבער, דיפטעריע, פּאָקן, מאָזלען, סקאַרלעטינאַ און אַנדערע קינדער־קראַנקייטן, האָט ער ערשט אָנגעהויבן טרייבן מיט אַלע כוחות אין דער ריכטונג פון אַט די אַלע קינדער־שפּיטאָלן און קליניקן.

כאָטש דזשענער׳ס אַנטדעקונג פון איינשפּריצונגען איז נאָך געמאַכט געוואָרן אין 1798, האָבן אָבער נאָך אַלץ די פּאָקן און דיפטעריע־עפּידעמיעס אַוועקגעטראָגן יערלעך הונדערטער קינדערלעך אויף די בית־עולמ׳ס. צוזאַמען מיט דעם איז אויך געווען זייער הויך די שטערבלעכקייט פון קימפּעטאָרינס. אין פיל פאַמיליעס פלעגן די דערוואַרטעטע טעג פון נייע געבורטן פאַרוואַנדלט ווערן אין טעג פון טרויער, אין אַלמנ׳שאַפט און יתומ׳שאַפט, ביז דער „קליינינקער דאָקטאָר” האָט זיך גענומען פאַר דער ריזיקער אויפגאַבע, פאַרנעמענדיק דעם פּלאַץ פון זיין יונגטלעכן קאָמוניזם.

אָבער דער דאָזיקער גרויסער קינדער־פריינט איז אויך געווען אַ פריינט פון דעם מענטשלעכן מין בכלל. זיין ראָלע אין דער אַמעריקאַנער מעדיצין איז נישט בלויז דאָס, וואָס ער האָט געטאָן פאַר די קינדער און קימפּעטאָרינס. נישט אומזיסט איז זיין נאָמען געוואָרן אַזוי אָנגעזען אינעם גאַנצן

ניו יאָרק שטאַט, ווי אויך אין די איבעריקע שטאַטן. נאָכדעם ווי ער איז דערוויילט געוואָרן, אין 1870 אַלס פּראָפעסאָר פון קינדער־קראַנקייטן, אין קאָלאָמביע אוניווערזיטעט, האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ ריי אָריגינעלע ביי־טראָגן בכלל צו מעדיצין און צו דער מעדיצינישער געשיכטע.

נישט קיין וואונדער, וואָס אויך די מעדיצינישע וועלט האָט אים אָפּ־געגעבן דעם גרעסטן כבוד און אים דערוויילט אויף פאַרשיידענע הויכע אַמטן. אַזוי איז ער דערוויילט געוואָרן, אין 1868 אַלס פּרעזידענט פון ניו יאָרקער אָבסטעטרישער געזעלשאַפט. 1870-72 איז ער געוואָרן דערוויילט אַלס פּרעזידענט פון דער ניו יאָרק קאָונטי מעדיצינישער געזעלשאַפט. אין די יאָרן 1885-89 איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער ניו יאָרקער סטעיט אַקאַדעמיע פון מעדיצין. אין 1888 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער אַמעריקאַנער פּעדיאַטרישער געזעלשאַפט. אין די יאָרן 1911—1914 איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער מעדיצינישער געזעלשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

זיינע אַרבעטן און פאָרשונגען געפינען זיך אפילו נאָך איצט אין כמעט יעדן דאָקטאָר'ס אָפיס און זיכער אין די מעדיצינישע ביבליאָטעקן.

דער דאָזיקער גרויסער דאָקטאָר איז אויך באערט געוואָרן אויף פאַר־שיידענע אַנדערע אופנים. אַזוי האָט דער קינדער־וואָרד אין דעם רוזוועלט־שפּיטאָל אין ניו יאָרק, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1898, גע־קראָגן דעם נאָמען „דר. דזשאַקאָבי וואָרד". אין 1910 האָט מרס. וועררי־שאָפער געגרינדעט דעם דזשאַקאָבי־אָפּטייל פון דעם דייטשישן שפּיטאָל. דער זעלבער שפּיטאָל האָט אויך אַ ספּעציעלן פּאַווילאָן אויפן נאָמען פון דר. דזשאַקאָבי.

און אַזוי ווערט ער געערט ביזן היינטיקן טאָג. ער איז אַריין אין דער געשיכטע ווי איינער פון די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן צווישן די, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון מעדיצין און הומאַניסטישע טעטיקייטן. אין דעם יידישן מוזיי פון ניו יאָרק, אויף 92טער גאַס און פינפטע עוועניו, אין דעם אָפּטייל פון דעם יידישן ביישטייער צו דער אַמע־ריקאַנער מעדיצין, פאַרנעמט דר. יאַקאָבי אַ חשוב'ן פּלאַץ.

דער גרויסער דאָקטאָר האָט זיינע לעצטע חדשים אין זיין טיפן עלטער פון 89 יאָר אויסגעלעבט אין די אַדיראָנדעק־בערג, וואו ער איז געשטאָרבן דעם 10טן יולי, 1919.

די ערשטע מעשים פון דער קו־קלוקס קלען

יידישער געשעפטסמאַן
ס. א. בירפעלד
ווערט געלינטשט מיט זיין
אָנגעשטעלטן נעגער.

איין יאָר בלויז נאָך דער מפּלה פון די סלאַוואָקראַטן אין די דרום־שטאַטן, אין 1866, האָבן שוין זייערע איבער־געבליבענע, צעשאָטענע כוחות גענו־מען זיך געהיימערהייט צוזאַמענקלייבן, כדי אָנצואוואַרפן אַ שרעק אויף די נעגער און אויף אַלע די, וואָס סימ־פּאַטיזירן מיט זיי, כדי צוריק צו פאַר־כאַפּן די מאַכט, וואָס איז פון זייערע הענט אַרויסגעריסן געוואָרן איבער דער נעגער־באַפעלקערונג. פון די צע־קלאַפּטע, באַזיגטע גענעראַלן אין דער דרום׳דיקער אַרמיי פון דער קאָנפעדעראַציע האָט זיך אַרויסגעשיילט דער סאַמע אַגרעסיווסטער טייל און זיך קאָנסטיטואירט אין דעם קו־קלוקס קלען. דאָס איז אַ בלוטיק רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וואָס לעבט נאָך אפילו דאָ און דאָרטן, היינט צו טאָג און האַלט נאָך אַלץ אָן אין טעראָריזירן די נע־גערשע עלעמענטן נישט בלויז אין דער סאַוט, נאָר אויך אין פאַרשיידענע אַנדערע פּלעצער איבערן גאַנצן לאַנד.

עס איז שווער צו ציען אַ סך הכל פון די צאָל קרבנות, וואָס די דאָ־זיקע בלוטיקע אָרגאַניזאַציע האָט מקריב געווען אויפן מזבח פון צוריק עטאַבלירן די שקלאַפעריי און דערשטיקן די בירגערלעכע ווירדע ביי די ברייטע נעגערשע מאַסן.

איינע פון זייערע ערשטע בלוטיקע מעשים איז געווען דאָס לינטשן פון אַ קליינעם יידישן געשעפטסמאַן ס. א. בירפילד, צוזאַמען מיט זיין אָנ־געשטעלטן נעגער. דאָס איז געווען אַ יונגער אימיגראַנט פון רוסלאַנד, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו זיין אַ ראַדיקאַלער רעפּובליקאַנער און אַ גרויסער מענטשן־פריינט פון ווייסע און נעגער. איינע פון די ערשטע צילן פון דעם קו־קלוקס קלען איז געווען נישט לאָזן קומען די נעגער צום שטים־קאַסטן, אָדער אַרויסצושטעלן אַליין קאַנדידאַטן אין וועלכע עס איז וואַלן. דאָס יאָר 1868 איז געווען דאָס יאָר פון די נאַציאָנאַלע פּרעזידענט־וואַלן, האָבן די קו־קלוקסערס געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט, כדי צו טעראָריזירן די נעגער און אַלע די וואָס העלפן זיי אַרויס. זייערע מעשים האָבן שוין אין פרילינג און אין זומער פון 1868 אַרויסגערופן אַ ספּעציעלע סעסיע פון דער סטעיט־לעגיסלאַטור. דעם 27טן יולי האָט די דאָזיקע קערפּערשאַפט זיך פאַרזאַמלט, כדי אָנצונעמען באַזונדערע מיטלען קעגן דעם דאָזיקן גזלנ׳ישן קלען. זיי האָבן צוריק צוזאַמענגעשטעלט די באַוואָפנטע מיליציע

פון נעגערשע און ווייסע פּריוויליקע.

בירפילד האָט אָנגעהאַלטן אַ קליינעם גאַלאַנטערי (דריי גודס) געשעפט אינעם שטעטל פרענקלין, טענעסי, אין דעם נעגערשן געגנט. פיל פון זיינע קונים זיינען געווען נעגער. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז זייערער אַ גוטער פריינט. דער קלערק, וואָס האָט ביי אים געאַרבעט, לאָרענס באָומען, איז אויך געווען אַ נעגער.

אויף דער נאַכט פון דעם 15טן אויגוסט, אין דער צייט ווען בירפילד און זיין העלפער לאָרענס באָומען און אַ צווייטער נעגער, מיטן נאָמען הענרי מאָרטאָן, זיינען געזעסן און פאַרבראַכט און געגעסן קאַוואַנעס (וואַטערמעלאָן) אין דער קראָם, זיינען זיי פּלוצלונג באַפאַלן געוואָרן פון מאַסקירטע באַנדיטן און בלויז איין הענרי מאָרטאָן איז געבליבן אַ לעבעדיקער. ער איז דער איינציקער, וואָס האָט דערנאָך דערציילט די געשיכטע פאַר דער געריכטלעכער אויספאָרשונג.

ווי מאָרים שאַפּעס גיט איבער אין זיין „דאָקומענטערי", אין זיין פאָרוואָרט צו דער דאָזיקער בלוטיקער געשיכטע, זיינען די באַריכטן וועגן דער טאָפּלטער לינטשעריי דערשינען נישט בלויז אין דער טענעסיער פּרעסע, נאָר אויך אין דער „ניו יאָרק טיימס" (גלייך אויף דער ערשטער זייט) און אין די צייטונגען פון פילאַדעלפיע, סינסינעטי און אין אַנדערע שטעט. די רעפּובליקאַנער צייטונג „פּרעס ענד טיימס", אין נעשוויל, טענעסי, האָט אין איינע פון אירע אויסגאַבן געגעבן וועגן דער טרויעריקער געשיכטע דעם פאָלגנדיקן באַריכט:

„עלף אָדער צוועלף אַזייגער שבת ביינאַכט, ווען גרויסע מענגעס מענטשן זיינען געגאַנגען אַהיים נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרלאָזן ראָבינסאָנ'ס צירק, האָט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע רייטער אַריינגעגאַלאָפּירט אין שטאָט, ריטשענדיק מיט שרעקלעכע קולות און באַפעלנדיק דעם עולם, וואָס זיי זיינען פאַרביי־געריטן, אַריינצולויפן אַזוי שנעל ווי זיי קענען אין די הייזער אַריין. אין פאַרלויף פון עטלעכע מינוטן איז יעדער איינציקער געווען שוין אינעװייניק און אַ טויטע שטילקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַרום און אַרום, אויסער די שווערע גערוישן, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט פון דעם גאַלאַנטערי געשעפט פון איינעם בירפילד, אַ ייד, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ קליינעם געשעפטל... און געהאַט אויך אַ נעגער באַשעפטיקט אין פאַרקויפן פאַר אים די סחורות. די רייטער האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין הויז. זיי האָבן דעם יידן אַרויסגעשלעפט אין דרויסן. זיי זיינען שוין אים געגאַנגען אויפהענגען, נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן, און אַזוי געלאָפן אַרום 100 יאַרד פון זיין הויז און פאַרבאַהאַלטן זיך אין אַ שכנ'ס שטאַל. זיינע שונאים זיינען גלייך געווען נאָך אים מיט די פּיסטאָלן אין די הענט. זיי האָבן אין אים אַריינגעשאָסן פיר קוילן, פון וועלכע ער איז כמעט גלייך געשטאָרבן. דער נעגער

איז געבליבן אינעווייניק, זיינען זיי צוריקגעקומען און געפונען אים דאָרט און דורכגעשאָסן זיין קערפּער. ער איז געשטאָרבן נעכטן אינדערפרי."

די צייטונג דערציילט דערנאָכדעם, אז לויט דער אינפאָרמאַציע וואָס זיי האָבן געקראָגן, זאָלן דאָס די חברה רייטער האָבן געטאָן, כדי נקמה צו נעמען פאַר דעם טויט פון א געוויסן עזעל'ן, איינעם פון זייערע, וואָס זיי האָבן געדענקט, אז בירפילד האָט עפּעס געהאַט א האַנט אין דעם. אָבער לויט דער אינפאָרמאַציע, וואָס די אַנדערע קוואַלן גיבן אָן, איז דער דאָזיקער דערמאָנטער עזעל אַליין געווען א לינטשער. אונטער דעם אויסרייד אז א נעגער האָט פאַרגוואַלטיקט א פרוי, האָט ער דערפאַר דעם נעגער דער־הרג'עט און עס ווערט אָנגעגעבן, אז די וואָס האָבן דער'הרג'עט דערנאָכדעם עזעל'ן, זיינען טאַקע געווען נעגער, וואָס האָבן זיך נוקם געווען פאַר דעם געלינטשטן קרבן. עס זיינען פאַראַן עדות, וואָס האָבן געזאָגט, אז בירפילד איז גראָד געווען יענע נאַכט ביי א געוויסן שכן, מר. קאָלבי, ווען עזעל איז דער'הרג'עט געוואָרן.

דער אָפיציעלער באַריכט אָבער זאָגט, אז די גאַנצע מעשה וועגן בירפילד'ן אין פאַרבינדונג מיט עזעל'ן איז א געפעלשטע.

די אורזאַך פאַרוואָס אין טענעסי האָבן געקענט פאַרקומען פריער ווי ערגעץ אַנדערש אַזעלכע גוואַלט־אַקטן, איז די פאָלגנדיקע:

די פּאָליטיק פון פּרעזידענט אנדרו דזשאָנסאָן אַרום דער פּראַגע פון רעקאָנסטרוקציע איז געווען זייער א שוואַכע און א וואַקלענדיקע. ער איז שיר נישט צוליב דעם „אימפּיטשד" געוואָרן פון פּרעזידענטשאַפט. אַלץ וואָס ער האָט געפאָדערט פון די אָפּגעריסענע דרום־שטאַטן איז געווען, אז זיי זאָלן ראַטיפיצירן דעם 14טן אַמענדמענט און אָפּגעבן א שבועה פון טרייהייט צו די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער, וואָס זיינען געבליבן אין דער פירערשאַפט אין טענעסי, זיינען געגאַנגען ווייטער ווי דאָס און האָבן געגעבן די נעגער בירגער־רעכט צו שטימען. דאָס איז אין פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס טענעסי איז נאָך געוואָרן פאַר־נומען פון די פעדעראַלע אַרמייען אַזוי פרי ווי 1862 און 8 רעגימענטן פון נעגער־שקלאַפן זיינען געוואָרן רעקרוטירט אין דעם שטאַט. נישט קיין וואונ־דער פאַרוואָס די שקלאַפנהאַלטער האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דעם שטאַט פריער ווי אויף אַנדערע און געגרינדעט דאָרטן די קו־קלוקס קלען.

אויף די יידן ווידער זיינען זיי געווען אָנגעשטויסן, ווייל זיי האָבן זיך גע'חבר'ט מיט די נעגער און באַהאַנדלט זיי ווי זייער גלייכן. אפילו א פּראָ־פעסאָר, אי. מערטאָן קולטער, פון דער סאַוט, זאָגט וועגן די יידן אין דעם רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד: ...זיי האָבן בלויז אין זינען זייערע געשעפטן און באַהאַנדלען דעם באַפרייטן נעגער ווי ער וואָלט געווען א וויכטיקער גע־שעפטסמאַן און מיאוס'ן זיך אפילו נישט אָנצורופן אים „מיסטער"... מיט דעם האָבן זיי פאַרכאַפּט א גרויסן טייל פונעם נעגערשן האַנדל..."

לעאָפּאָלד דאַמראָש —
ערשטער פון אַ מוזיק־דינאַסטיע

זיין אידעאַל פון גליק — מוזיק.

מוזיק איז איינע פון די וויכטיקס־טע קונסטן וואָס האָט, אין משך פון לאַנגע דורות, און אין פיל לענדער, פאַרנומען ביי יידן אַ געוויסע מדרגה, ליידער נישט אַלעמאָל פון הויכן גראַד. נאָר נישט קוקנדיק אויף די קלערי־קאַלע פאַרבאָטן צו באַגרעניצן מוזיק בלויז צו באַזונדערע שמחות און צו דער סינאַגאָגע, און דאָס נאָך ווידער מיט באַגרענעצונגען, האָט דאָס דאָך נישט צוגענומען ביי יידן דעם גע־זונטן מוזיקאַלישן געשמאַק.

צוזאַמען מיט רייכע טראַדיציעס אויף אַנדערע געביטן, האָבן קיין אַמע־ריקע אויך יידן געבראַכט מוזיק און געמאַכט איינעם פון זייערע שענסטע ביטראָגן צו דער מוזיק־קולטור דאָ אין לאַנד. איינער פון די ערשטע גרויסע בויער פון מוזיק אינסטיטוציעס דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז גע־ווען דר. לעאָפּאָלד דאַמראָש, דער אָנהויבער פון אַ מוזיק־דינאַסטיע פון הויכן פאַרנעם.

לעאָפּאָלד דאַמראָש איז געבאָרן געוואָרן אין פּויזן (פּאָזען), פּרייסיש־פּוילן, דעם 22טן אָקטאָבער, 1832. זיינע אַסימילירטע עלטערן, פון מיטעלן שטאַנד, האָבן אים דורכאויס געוואָלט מאַכן פאַר אַ דאָקטאָר. אָבער דעם יונגן לעאָפּאָלד'ן האָט געצויגן צו מוזיק. ער האָט געאַרבעט שווער צו באַ־מייסטערן די מעדיצינישע וויסנשאַפט און געקראָגן זיין דאָקטאָר־דיפּלאָם אין עלטער פון 22 יאָר. אָבער אַזוי שנעל ווי ער איז געוואָרן זעלבסטשטענ־דיק, האָט ער באַשלאָסן איבערצולאָזן די היילונג פון קראַנקע מיט מעדיצין אין די הענט פון זיינע חברים דאָקטוירים און אַליין באַשלאָסן צו היילן די קראַנקייטן פון דער מענטשהייט מיט מוזיק.

אַז דאָס איז געווען זיין אמת'ער באַרוף, קאָן מען זען פון דעם, וואָס ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער מוזיק מיט אַ גוואַלטיקער לײדנשאַפט. שטודירנדיק מיט אַזעלכע באַרימטע דייטשע מוזיק־לערער, ווי ריעס, ס. וו. דעהן און בעמער, האָט ער — אין איין יאָר צייט — געקענט באַווייזן צו ווערן אַ סאָלאָ־פידלער און אָננעמען אַ מוזיק־שטעלע אין מאַגדענבורג.

אַלס מוזיקער האָט זיך לעאָפּאָלד דאַמראָש געפילט ווי אַ נייער מענטש. ער האָט גענומען מאַכן מוזיק־טורן איבער פאַרשיידענע שטעט אין דייטש־

לאנד. דער יונגער ענערגישער מוזיקער האָט אין זיך דערפילט כוחות דורכ־צופירן טיפע ענדערונגען אין דער פאַרשפּרייטונג פון מוזיק אין ברייטערע שיכטן. דער בארימטער פראַנץ ליסט, וואָס האָט אין 1857 דיריגירט מיטן מלוכה־אָרקעסטער אין ווייטאַר, האָט דאַמראָש'ן אָנגעשטעלט אַלס קאָנצערט־מייסטער. זיי זיינען געוואָרן אינטימע פריינט.

אויך וואַגנער האָט אין לעאָפּאָלד דאַמראָשן דערקענט אַ גרויסע קראַפט און האָט אים צוגעצויגן אין זיין באַקאַנטשאַפט־קרייז. דאָס האָט געגעבן דאַמראָש'ן נאָך אַ העכערע שטעלונג אין די מוזיקאַלישע ספערן. ער הייראַט די זינגערין העלענא פאָן האיערבערג און ווערט נאָך מער צו־זאַמענגעפּאָרט מיט מוזיק. פון 1859 ביז 1860 דיריגירט ער דעם אָרקעס־טער פון דער פילהאַרמאָנישער געזעלשאַפט אין ברעסלוי. אין 1862 אָר־גאַניזירט ער דאָרט אַן אָרקעסטער־פאַראיין און דיריגירט מיט אַן אָרקעס־טער פון צוואַנציק אינסטרומענטן.

אין 1871 ווערט ער איינגעלאַדן אַלס דיריגענט אין ניו יאָרק פאַרן דייטשן געזאַנג־פאַראיין „אַריאָן", וואָס איז געווען אַ ריינער מענער־כאָר. ער האָט גלייכצייטיק דעבויטירט מיט אַלע זיינע טאַלאַנטן, אַלס דיריגענט, פידלער און קאָמפּאָזיטאָר. לעאָפּאָלד דאַמראָש פאַרבלייבט שוין אין ניו יאָרק און הויבט אָן אַ ברייטע אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט.

אַזוי העלפט ער אָרגאַניזירן אין 1874 די אָראַטאָריאָ־געזעלשאַפט, אַ געמישטן כאָר פאַר דורכפירן אָראַטאָרישע, ווי אויך אַנדערע גרויסע כאָ־ראַלע שאַפונגען. אין 1878 גרינדעט ער אין ניו יאָרק די סימפאָנישע גע־זעלשאַפט פאַר דורכפירן אָרקעסטראַלע קאָנצערטן און ווערט דער דירי־גענט פון דיביידע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע שטעלעס האָט ער שוין אָנגעהאַלטן ביז זיין טויט.

אַלס צוגאָב האָט ער נאָך דיריגירט די קאָנצערטן פון דער פילהאַרמאָ־נישער געזעלשאַפט אין די יאָרן 1876-77.

מ'קען זאָגן, אַז מיט זיין קומען קיין אַמעריקע, האָט לעאָפּאָלד דאַמ־ראָש אַריינגעטראָגן אין לאַנד אַ שטאַרקן מוזיקאַלישן גייסט. ווער האָט עס פריער דאָ געהערט פון מוזיקאַלישע פעסטיוואַלן? לעאָפּאָלד דאַמראָש האָט באַוויזן אין 1881 דורכצופירן אַ מוזיק יום טוב, וואָס ניו יאָרק האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער האָט דיריגירט אַן אָרקעסטער פון 250 מוזי־קאַנטן און אַ כאָר פון צוועלף הונדערט זינגער!

אין 1883 האָט ער דורכגעפירט אַ טור אין די מערב־שטאַטן פון לאַנד, און איינער פון זיינע גרעסטע חלומות איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. ער האָט עטאַבלירט די דייטשע אָפּערע אין דעם מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז, אַליין דיריגירט און באַוויזן צו מאַכן אַ ריזיקן דערפאָלג מיט דייטשע אָפּע־רע־שאַפונגען אינעם סעזאָן פון 1884-1885.

לעאָפּאָלד דאַמראָש ווערט דעריבער פאַררעכנט פאַר איינעם פון די

גרעסטע מוזיק־אָרגאַניזאַטאָרן אין אַמעריקע אינעם פֿאַריקן יאָרהונדערט. זיינע קאָמפּאָזיציעס זיינען שוין נישט אַזוי וויכטיק; צווישן זיי איז די אָנזעעוודיקסטע זיין „פֿעסטיוואַל אָוועטור". די איבעריקע זיינען זיבן קאַנ־טאַטעס, מאַרשן, כאָראַלן, „גליען" (אומאַקאָמפּאַנירטע שטיקער), אַ סימ־פּאָניע, מוזיק צו שילער'ס „זשאַן ד'אַרק", און אַנדערע שאַפֿונגען, אָבער נישט פֿון העכער קוואַליטעט. נישט פֿאַר זיי האָט ער געקראָגן אין 1880 פֿון קאָלאָמביע אוניווערזיטעט דעם טיטל דאָקטאָר פֿון מוזיק, מיט וועלכן ער האָט מער שטאָלצירט, ווי מיט זיין טיטל דאָקטאָר פֿון מעדיצין, מיט דרייסיק יאָר פֿריער.

ווען דר. לעאָפּאָלד דאַמראָש איז געשטאָרבן, אין ניו יאָרק, אין 1885, האָט ער איבערגעלאָזט אַ היפּשן מוזיק־אוצר, נישט בלויז אין זיינע מוזיק־אינסטיטוציעס, נאָר אויך אין זיינע צוויי זין, וואָס האָבן פֿאָרגעזעצט דעם פֿאָטערס מוזיק־ביישטייערונגען פֿאַר אַמעריקע.

דער עלטסטער זון, פֿראַנק דאַמראָש, איז געבאָרן געוואָרן דעם 22טן יוני, 1859, אין ברעסלוי. ער איז דערצויגן געוואָרן מוזיקאַליש דורך זיין פֿאָטער, וואָס איז אויך געווען זיין ערשטער לערער און, שפּעטער, דורך די מוזיק־פּעדאַגאָגן ברוקנער, זשאַן וואָגט, פֿאָן אינטען און מאָשקאָווסקי. אין עלטער פֿון 23 יאָר זעען מיר אים שוין ווי ער דיריגירט מיט אַ כאָר־קלוב אין דענווער. אין די יאָרן 1884־1885 איז ער דער אויפֿזעער איבער מוזיק אין די פּאַבליק־סקולס, אָרגאַניסט אין פֿאַרשיידענע קירכעס און אין די 6 יאָר, צווישן 1885 און 1891, איז ער דער כאָר־מייסטער אין מעטראָ־פּאָליטאַן אָפּערא הויז און ביזן יאָר 1887 דיריגירט ער אויך אין נוארק די „האַרמאָנישע געזעלשאַפֿט", און נאָכדעם אַנדערע מוזיק־אינסטיטוציעס.

פֿראַנק דאַמראָש'עס מוזיקאַלישער איינפֿלוס איז נאָך מער געוואָקסן אין זיין געגרינדעטן מוזיק־קאָלעדזש. אין משך פֿון כמעט דרייסיק יאָר, אָנהייבנדיק פֿון 1905 אָן איז ער געווען דער ערשטער און איינציקער די־רעקטאָר פֿון דער באַרימטער ניו יאָרקער מוזיק־שול — „אינסטיטוט פֿאַר מוזיקאַלישער קונסט". די דאָזיקע שול האָט זיך שפּעטער צונויפֿגעגאָסן מיט דער „דזשוליאַרד מוזיק־שול".

פֿראַנק דאַמראָש איז אויך געווען אַ פֿיינער מוזיק־שרייבער און פֿאַר־עפֿנטלעכט אַ ריי גרינטלעכע אָפּהאַנדלונגען. פֿאַר זיין רייכער מוזיק־ערודי־ציע האָט אים דער יעיל־אוניווערזיטעט, אין 1904, געגעבן דעם טיטל פֿון דאָקטאָר פֿון מוזיק. ער האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי לידער, כאָר־קאָמ־פּאָזיציעס און אַ בוך, וואָס לערנט אַ נייע מעטאָדע פֿון זינגען. ער איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק, אין 1937, אין עלטער פֿון 78 יאָר.

דער צווייטער זון וואָלטער דאַמראָש איז אויך געבאָרן געוואָרן אין ברעסלוי (איצט װראָצלאַוו, פּוילישע נידער־שלעזיע), דעם 30טן יאַנואַר, 1862. דער פֿאָטער איז געווען זיין ערשטער לערער אין מוזיק. זיין ווייטער־

דיקע מוזיקאַלישע דערציאונג האָט ער געקראָגן פון רישביטער און דרעַ־סעקע, אין האַרמאָניע, פון פאַן אינטען, בעקעלמאַן און מאַקס פּינער אין פּאַרטאָפּיאַנאָ, און פון דעם באַרימטן פאַן בילאָו אין דירינירן.

מיר זעען אים שוין ביי דער מוזיק־אַרבעט אין ניו יאָרק, ווי ער דירי־גירט די „אָראַטאָריא״ און „סימפּאָניע״ געזעלשאַפטן פון 1885 ביז 1899. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע פּאָפּולאַריזאַטאָרס פון מוזיק אין אַמעריקע און צווישן די גרעסטע אָרגאַניזאַטאָרן. אין 1892 גרינדעט ער דעם ניו יאָרקער סימפּאָנישן אָרקעסטער; אין 1894 אָרגאַניזירט ער די „דאַמראָש אָפּערא קאָמפּאַני״ און איז איר אויסגעצייכנטער דיריגענט.

אין 1899 דיריגירט וואַלטער דאַמראָש אַן אָרקעסטער אין פילאַדעל־פיע און, אין 1902, דעם פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער פון ניו יאָרק. אין 1920 האָט ער אונטערגענומען אַ גרויסן טור איבער אייראָפּע מיטן ניו יאָרקער סמיפאָנישן אָרקעסטער מיט גרויס דערפאָלג. איבער פערציק יאָר האָט ער דיריגירט דעם דאָזיקן אָרקעסטער. דאָס איז אַ זעלטנהייט. ער האָט אָבער געוואונען זיין גרעסטע פּאָפּולאַריטעט אַלס לעקטאָר און דיריגענט פון די קינדער־אָרקעסטערס.

ערשט אין 1926 האָט ער אויפגעגעבן זיינע דיריגיר־אַמטן. ער איז אָנ־געשטעלט געוואָרן, אין עלטער פון 64 יאָר, אַלס דער מוזיק־עקספּערט און ראַטגעבער פון דער „נעשאָנאַל בראָדקעסטינג קאָמפּאַני״. אָבער נישט נאָר האָט ער נישט אויפגעגעבן זיין מוזיקאַלישע דערציאונג פון די אַמעריקאַנער קינדער, נאָר פאַרקערט — ער האָט זי ערשט אויסגעברייטערט. ער האָט אָנ־געהויבן זיינע יערלעכע קאָנצערטן פאַר „אַפּשאַצן גוטע מוזיק״ צווישן די שול־קינדער פונעם גאַנצן לאַנד דורך דער ראַדיאָ־נעץ פון דער ען־בי־סי, וואָס האָט אַ גוואַלטיקע מוזיקאַלישע ווירקונג אויף מיליאָנען אַמעריקאַנער קינדער, וואָס האָבן עס ביז דעמאָלט נישט געהאַט אויף אַזאַ מאַסשטאַב.

וואַלטער דאַמראָש איז אויך געווען שעפעריש אויפן געביט פון קאָמ־פּאָזיציע. אויסער אַ ריי כאָראַלע שאַפונגען און לידער האָט ער געשריבן די מוזיק פאַר דער אָפּערע „דהי סקאַרלעט לעטער״, פון ג. פּאַרסאָנס לאַטה־ראָפּן — אין 1896, „די טויב פון שלום״ — אין 1912, און אַנדערע.

וו. דאַמראָש איז באַערט געוואָרן פון פיל אוניווערזיטעטן מיטן דאָק־טאָר טיטל, און אויך אַריינגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד פונעם „ערן לעַ־גיאָן״. פון היפּשן אינטערעס זיינען זיינע מעמוארן „מאַי מיוזיקל לאַיף״, וואָס זיינען דערשינען אין 1930.

די לעצטע צוויי דאַמראָש׳עס האָבן זיך קיינמאָל נישט אָנגעגעבן אַלס יידן. דערפאַר איז זייער שוואָגער, דוד מאַנעס, געווען אַן אויסגעשפּראָכע־נער ייד (געווען דעם אַלטן דאַמראָש׳עס אײדים). זיין פרוי קלאַרא דאַמ־ראָש און זיין זון לעאָפּאָלד דאַמראָש מאַנעס, און דעם לעצטנס קינדער זיינען גרויסע מוזיקער, יידן און הומאַניסטן. וועגן דוד מאַנעס׳ן גופא, זיינע גרויסע אויפטואונגען און די פון זיינע קינדער — באַזונדער.

דאַ קאָסטאַ — אַ גרויסער יידישער דאָקטאָר

פאַרלייכטערן יסורים,
היילן וואָס מ׳קאָן נאָר;
פאַרלענגערן דאָס לעבן
און מאַכן עס וואָס שענער.

איינער פון די מערקווירדיקע דאָקטוירים אין אַמעריקע, וואָס האָט געלעבט און געשאַפן, אינעם פאָריקן יאָרהונדערט, איז געווען דר. דזשעיקאָב מענדעס דאַ קאָסטאַ. נישט בלויז איז ער געווען אַן אָריגינעלער פאָרשער, אַ טעאָרעטיקער און פראַקטיקער פון מעדיצין און אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער מעטאָדאָלאָגיע פון היילונג און פאַרלייכטערונג פון יסורים, נאָר ער האָט אויך געהאַט אַ גרויס מענטשלעך האַרץ און ארויפגעלייגט זיין געפילפולן פינגער אויף די פיינסטע סטרונעס פון אַנדערע מענטשלעכע הערצער — געפילט זיי, באַנומען זייער ברומען, זייער ווייטיק, און אויפגעכאַפּט זייערע מינדסטע וויבראַציעס.

דר. דאַ קאָסטאַ איז געווען אַ וואונדערבאַרער קליניקער און מעדיצינישער לערער, פּראָפעסאָר פון טעאָריע און מעדיצינישער פּראַקטיק אין דעם פילאַדעלפיער „דזשעפערסאָן מעדיקל קאַלעדזש” און געשאַפן אַ הויכן סטאַנדאַרד פון דערציען אַ דור פעאיקע דאָקטוירים. ער האָט געשאַפן אין פילאַדעלפיע אַ הויכן טיפּ פון קליניקס, וואו די ווייניק־פאַרדינענדיקע ארבעטער און פאָלקס־מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו קריגן, צוזאַמען מיט אַ בעסערער און גרינטלעכער היילונג, אויך אַ מער מענטשלעכע באַציאונג.

דאַ קאָסטאַ איז דער אויטאָר פון וויכטיקע מעדיצינישע ארבעטן. זיין הויפּט־ווערק, וואָס איז געוואָרן אַ סטאַנדאַרד־בוך אין מעדיצינישע קאַלעדזשעס אין יענער צייט, איז געווען „מעדיצינישער דיאַגנאָז און ספּעציעלע רעפערענץ צו דער פּראַקטישער מעדיצין” (ארויס אין 1859), און געווען אַ גרויסער בייטראָג. אין די ווערטער פונעם „מעדיקל רעקאָרד”, פון 1867, אינעם איבערזיכט איבער דעם ווערק, זאָגט זיך: „...מיר קענען נישט געפינען זיין גלייכן אין קיין שום שפּראַך און... עס איז אַ זייער נויטיק בוך אין די הענט פון יעדן פּראַקטיצירנדיקן דאָקטאָר”.

דר. דזשעיקאָב מענדעס דאַ קאָסטאַ איז געבאָרן געוואָרן אין אַ ספרד׳יש יידישער פאַמיליע, דעם 7טן פעברואַר, 1833, אויפן אינדזל סט. טאָמאַס. זיינע עלטערן האָבן אים געשיקט קיין דייטשלאַנד שטודירן ליטעראַטור און די קלאַסישע שפּראַכן. דאָרט האָט ער געקראָגן אַ גרינטלעכע צוגרייטונג אין די ענינים און איז געקומען קיין פילאַדעלפיע, אַן אונטערגעשמידטער מיט אַ הישפּן סאָלידן וויסן, און אָנגענומען געוואָרן אינעם דאָרטיקן דזשעפערסאָן מעדיקל קאַלעדזש. ער האָט געענדיקט אַלס דאָקטאָר, מיט אויס־

צייכענונגען, אין 1852.

דאָס איז אָבער נאָך פאַר דעם דאָזיקן פּליסיקן און גרינטלעכן מענטשן נישט גענוג געווען. ער איז ערשט אַוועק קיין אייראָפּע צו ספּעציאַליזירן זיך אין האַרץ־ און לונגען־קראַנקייטן. צוויי יאָר האָט ער שטודירט אין פּאַריז און אין ווין. ערשט ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פילאַדעלפיע, האָט ער געמאַכט פאַר זיין ספּעציאַליטעט דאָס האַרץ און די לונגען. ווי מיר האָבן שוין געזען, האָט ער דערהויבן די קליניקן פאַר די דאָזיקע קראַנקייטן אין פילאַדעלפיע פון זייער שפלות און געמאַכט זיי אַ נאָמען.

איינער פון זיינע גרעסטע אויפטואונגען ליגן נאָך מער אויף אַ געביט, וואָס אינעם איצטיקן מאָמענט, שוין איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך זיין טויט, שפּילט נאָך אַ גוואַלטיקע ראָלע. דר. דאַ קאָסטאַ'ן איז אויסגעקומען, נאָך דעם בירגער־קריג, צו אונטערזוכן פיל האַרץ־קראַנקע צווישן די געוועזענע סאָלאַטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די בלוטיקע שלאַכטן. האָט ער אונטערגענומען וועגן דעם אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג.

ביז אים האָט מען בלויז געשענקט אויפמערקזאַמקייט דעם סאָלדאַט, ווען ער איז אַרויס פון קריג אַ פאַרוואונדעטער — פון באַיאָנעט־שטעך, פון קויל־וואונדן, פון שראַפּנעל־ און באָמבע־שפּליטערס. ווען אַ סאָלדאַט איז אַהיימגעקומען אָן קיין שום וואונד, איז ער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גליקלעכער מענטש, וואָס האָט גאָרנישט צוגעלייגט צום עסק. פאַרקערט: אויב ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַן אַקציע, איז זיין ברוסט געווען באַהאָנגען מיט מעדאַלן, בענדלעך — אַן אָביעקט פון באַוואונדערונג, סיידן ער איז געווען שעל־שאָקירט, צי אַראָפּ פון זינען.

דר. דאַ קאָסטאַ'ס אונטערזוכונג האָט אים דערנאָך דערמעגלעכט צו באַשרייבן דעם סאָלדאַט'ס האַרץ, און דעם גרויסן אויפרודער, וואָס מוז דאָרט פאָרקומען אין דער צייט פון שלאַכט.

עס דאַרף זיך לייגן אויפן שכל, אַז אין דעם געדונער פון די שווערע האַרמאַטן, אינעם קראַך פון די גראַנאַטן און באָמבעס, אין די פאַרטויבנדיקע הילכן פונעם מלחמה־שטורעם, הערט דער סאָלדאַט אַמהעכסטן דאָס קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ.

די סאָלדאַטן קומען מיט הערצער, אָנגעלאָדענע מיט כוח און קראַפט, ווי מעשענע גלאָקן, און פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד מיט ליידיקע ברוסט־קאַסטנס. דאָס האַרץ איז אין ערגעץ אַרויסגעשפּרונגען.

וואו איז אין ערגעץ אויסגעקלערט געוואָרן אַ נאָך שרעקלעכערער גיהנום ווי אַ שלאַכטפעלד, וואו דאָס האַרץ שפּרינגט און שטעלט זיך אָפּ טויזנט מאָל, כדי אָנצוהויבן אויפסניי דעם קלונג און שפּרונג, דעם בלוט־צופלייץ און אָפּפלייץ.

אפילו ווען די קאַנאָנאַדעס האָבן שוין פאַרשטומט און די סאָלדאַטן רוען שוין אונטער דעם קאָלאָסאַל־ברייטן געוועלב, וואָס מיר רופן „הימל",

הילכן נאָך אַלץ אָפּ די עכאָס אינעווייניק, און די קישקעס ווערן נאָך אַלץ ארויסגעשלאָגן פון זייער אינעווייניקסטן, ווארעמען ארומנעמענדיקן געלעגער.

בעלעטריסטן האָבן פיל געשריבן וועגן די שרעקלעכע וואונדן, וואָס די געפאַלענע פון קוילן ליידן אין מיטן מלחמה־שטורעם. אייניקע האָבן זיך פארטיפט אין די יסורים פון ברענענדיקע שטיקער הויט און פלייש, פון אָנגעצונדענע ביינער און אָדערן. מען האָט אָבער נישט באשריבן, ווי עס שפרינגט דאָס האַרץ ארויף, אראָפּ, ווען עס וויגן זיך די פונדאמענטן פון דער ערד פון די קראַכנדיקע אויפרייסונגען און די קנאַלנדיקע באָמבעס.

דר. דאַ קאָסטאַ האָט באוויזן, אז די אמת'ע מלחמה קומט פאָר אין הארצן פון יעדן סאָלדאַט.

נישט אומזיסט האָט פרידריך דער גרויסער זיך ארויסגעדריקט וועגן די באוואוסטע העלדישע סאָלדאטן פון זיין ארמיי: „אויב מיינע זעלנער וואָלטן אָנגעהויבן נאָכצודענקען, וואָלט קיין איינער פון זיי נישט געבליבן אין די רייען".

דער גרויסער פרידריך האָט אָבער נישט באגריפן, אז עס זיינען פאראַן קאַמפן, וואָס ווערן געפאָכטן בלויז, ווייל די קעמפער האָבן גוט נאָכגע־דענקט צוליב וואָס און פארוואָס זיי קעמפן.

דר. דאַ קאָסטאַ האָט אין זיינע שפּעטערדיקע אויספאָרשונגען אָנגע־וויזן, אז די נערוואָ־צירקולאַטאָרישע אַסטעניע (קראַפטלאָזיקייט) איז נישט אייגנטימלעך בלויז מיליטערישע מענטשן, און מיליטערישע קאַמפּאַניעס, נאָר אז אַזאַ צושטאַנד קען אויך קומען אַלס רעזולטאַט פון אויסשעפּנדיקע קראַנקייטן, פון צו־גרויסע אָנשטרענגונגען און פון שטאַרקע קלעפּ.

דר. דאַ קאָסטאַ האָט אויך ביי געטראָגן צום דערקענען די אַלגעמיינע סימפּטאָמען און די לאָקאַלע סימנים פון האַרץ־אומרעגלמעסיקייטן. ער האָט אויך באוויזן די נויטיקייט און וויכטיקייט פון געצוואונגענער רעספּיראַציע (אָטעמונג) ביים פאַציענט, ווי אַ הילף צו קענען שטעלן אַ ריכטיקן דיאַג־נאָז פון די ווייטיקן אינעם ברוסט־קאַסטן. ער האָט אויך באשריבן די פּאַ־טאָלאָגישע אַנאַטאָמיע פון „ניומאָניע" — דער בלאָזנדיקער קלאַנג אין דער לונג־ארטעריע און דער עפעקט פון דער רעספּיראַציע. ער האָט אויך באַ־שריבן טיפוס פיבער, ווי אויך די אַנטצינדונג אינעם דינעם אונטערשלאַנ־געדעב פון די קליינע געדערים (ענטעריטים).

צוזאַמען מיט דר. ס. ד. גראָס האָט דר. דאַ קאָסטאַ געגרינדעט, אין 1857, די פילאַדעלפיער פּאַטאָלאָגישע געזעלשאַפט.

דער דאָזיקער מיזאַמער מעדיקער, פאָרשער און מענטשן־פריינט האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה דעם אַמעריקאַנער פאָלק און דער גאַנצער וועלט, ווען ער איז געשטאָרבן דעם עלפטן סעפּטעמבער, 1900, אין אַש־וואוד. ער האָט צוגעגרייט אַ מער פרוכטבאַרן באָדן פאַר די נאָכפאָלגנדיקע מעדיצינישע פאָרשער.

מאיר סולצבערגער —
יידישער ריכטער־הומאַניסט



א מענטש פון נידעריקן וואוקס, אָבער מיטן קאָפּ פון א לייב; א באַשיידענער און גוטמוטיקער, אָבער די חכמה רייסט זיך ארויס פון זיין פּנים, ווי א שטראַל דורך א שפּאַרע; א הויך־געלערנטער אין יידישע און אַלגעמיינע לימודים און איינער פון זיינע צילן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, איז צו דערציען און דערהויבן דאָס יידישע פאָלק עקאָנאָמיש און קולטורעל. ער האָט געהאַט זיין וואָרצל אין דייטשלאַנד, אָבער ער איז געוואָרן איינער פון די באַליבטסטע יידן אין זיין צייט און אין זיין שטאַט — פּענסילוועניע.

דאָס איז געווען דער ריכטער מאיר סולצבערגער אין פילאַדעלפיע, א יידישער פירער און דענקער, עקאָנאָמיסט און דערציער, גרינדער פון יידישע אינסטיטוציעס, און א הומאַניסט, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר מענטשן־רעכט און אויף זיין אופן געקעמפט קעגן אַלערליי דיסקרימינאַציעס קעגן מינדערהייטן, צי ווייסע, צי נעגער.

דערצו א מענטש מיט א שווערן באַגאַזש קענטעניש, נישט בלויז אין זיין פּראָפעסיאָנעלן געגנשטאַנד — אין געזעץ־וויסנשאַפט, נאָר אויך אין יידישער געשיכטע און אַלטער קולטור. נישט וואָס ער איז געוואָרן אָנגענומען אין די אַלע ענינים ווי אַן איבערוועגנדיקער אויטאָריטעט. נישט אַלע זיינע שטעלונגען אין די דאָזיקע ענינים זיינען מיר מחויב אָנצונעמען. אָבער זיי זיינען געווען פאַרכאַפּנדיקע, שאַרפזיניקע, אמת, נישט אַלעמאָל לויט די לעצטע פאָרשערישע איינשטעלונגען.

און באַרימט איז דער דאָזיקער ריכטער געווען אין פילאַדעלפיע נישט בלויז אין די ברייטסטע יידישע קרייזן, נאָר אויך צווישן נישט־יידן. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אָן־פּניותדיקן אורטיילער. און מיר קאָנען אָננעמען, אַז אויף וויפל אַזאַ זאַך איז נאָר מעגלעך אין א קלאַסן־געזעלשאַפט, וואו יושר איז אַן אַבסטראַקטע זאַך, א מין בלאַנקער וועקסל, וואָס יעדער באַוואוסטזיניקער מענטש פילט־אויס לויט זיין קלאַסן־אידעאָלאָגיע, איז ער עס געווען.

זיין געריכט איז שטענדיק געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. פיל

זיינען געקומען זען און הערן ווי אזוי אנדערש דער ריכטער סולצבערגער טיילט־אוים גערעכטיקייט. מ׳איז אים געקומען זען, ווי אן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. מ׳איז געקומען הערן זיין חכמה, ווי אזוי ער באלאנסירט געזעץ־וויסנשאפט מיט מענטשלעכקייט און פארשטענדעניש, ווי דער דורכשניטלעכער מענטש נעמט־אן.

הארעים סטוירן אין זיין ווערק „מיניט אדאפטעד ביי דהי בענטש ענד באר״ (פילאדעלפיע, אפריל 20, 1923), דערציילט, ווי איין מאל זיינען געשטאנען פאר סולצבערגערן אין געריכט א ווייסער און א נעגער. „דער אופן, ווי אזוי ער האט אין זיין סומירונג אנאליזירט דעם משפט פאר דער געשווארענער זשורי, און זיינע באמערקונגען וועגן די מינאריטעטן בכלל, און די דיסקרימינאציעס בפרט קעגן די נעגער, איז א וואונדערבארער. דאס איז געווען אן אפהאנדלונג, וואס איר קענט זייער ווייניק אזעלכע געפינען אין די פראטאקאלן פון די פילאדעלפיער געריכטן״. ער באהויפטעט (לויט משה דעיווים׳ „יהדות אמריקה בהתפתחותה״), אז סטודענטן פון געזעץ און אדוואקאטן גייען־איבער די דאזיקע אפהאנדלונגען אין די געזעץ־פאקולטעטן. די דערמאנטע אפהאנדלונג איז אראפגענומען סטענאגראפיש פון זיין מויל ארוים, ווייל זיין ערודיציע און זכרון זיינען געווען אזוי גרוים, אז ער האט זיך קיינמאל נישט געדארפט באנוצן מיט אריינקוקן אין א קאנספעקט אדער לייענען עס פון זיין שריפט.

מאיר סולצבערגער איז געבארן געווארן אין היידעלסבערג, באדן, דייטשלאנד, דעם 22טן יוני, 1843. זיין פאטער, אברהם, איז געווען א לערער און א זון פון א למדן. פון זיין מוטערם צד, וואס איז פון דער איינשטיין־פאמיליע, איז ער געווען אן אייניקל פון דער זעלבער צווייג, וואס דער ערשט־פארשטארבענער וועלט־גאון אלבערט איינשטיין איז געווען. פון די זעקס קינדער אין דער סולצבערגער־פאמיליע איז ער געווען דער פערטער. די ערשטע קינדער־יארן אין דייטשלאנד פלעגט שפעטער מאיר דערמאנען מיט ביטערניש און שרעק. עס האבן אים נאך אלץ געקלונגען אין די אויערן די אנטיסעמיטישע אויסגעשרייען: „העפ, העפ, נידער מיט די יודן!״

אין 1849, ווען די רעוואלוציע אין דייטשלאנד איז דערשטיקט געווארן און די סולצבערגער־פאמיליע איז מיטן אלגעמיינעם עמיגריר־שטראם פארטראגן געווארן קיין אמעריקע, האבן זיי, ווי פיל אנדערע יידן פון דייטשלאנד, באזעצט זיך אין פילאדעלפיע. דער זעקס־יאריקער מאיר האט זיך שנעל איבעראריענטירט, פארהיימישט זיך, געלערנט יידישע לימודים מיט זיין פאטער, א פרומער ייד, און געגאנגען אין דער זעלבער צייט אין די וועלטלעכע שולן, „פאבליק״ און הויכשול. ער האט געענדיקט די צענטראלע „היי־סקול״ אינעם יאר 1859. ווען ער איז עלטער געווארן, האבן מיט אים געלערנט יידישע ענינים אזעלכע ווי יצחק ליסער און שבתי מארעים. ער האט גרינטלעך דערלערנט די העברייאישע שפראך, דעם תנ״ך און איז דער־

צוויגן געוואָרן אויף אַ קאָנסערוואַטיוון אופן.

יצחק ליסער האָט דווקא געוואָלט, אַז דער דאָזיקער באַגאַבטער תּלמיד זיינער זאָל ווערן אַ רב. אָבער דאָ האָט צום ערשטן מאָל דער מער פּראַק־טישער פאָטער זיינער רעוואָלטירט. ניין: ער וועט בעסער אים לאָזן שטו־דירן דעם מאָדערנעם געזעץ. האָבנדיק אַזאַ גוטן פריינט ווי משה אהרן דראָפּסי, אַ באַרימטער אַדוואָקאַט און אַלגעמיינער געלערנטער, האָט ער ביי אים געפּועלט צו טרענירן זיין זון אין דער פּראָפעסיע. נאָכדעם ווי דאָס זעכצן־יאָריק בחור׳ל האָט געקראָגן זיין שולונג, פריער אַלס געשעפטס־מענטש און עקאָנאָמיסט און איז געוואָרן אַ גענייטער רעכנמייסטער (אַקאַונטענט), האָט אים דראָפּסי צוגענומען פאַר אַ געהילף און שותּף און אים געלערנט געזעץ־וויסנשאַפט. אין די דרייצן יאָר, וואָס ער איז געווען מיט אים צו־זאַמען, שטודירט און פּראַקטיצירט געזעץ, איז צום סוף מאיר סולצבערגער דערשינען אויף דער געריכט־אַרענע ווי אַ נייער מין אַדוואָקאַט, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ ברייטער און טיפער קענטשאַפט. איינער, וואָס ווייס ניט בלויז געזעץ, נאָר אויך געזעצטקייט, וואָס איז באַלאָדן מיט צייט־טיקייט, און מיט דער צייט, אין וועלכער דאָס לעבן איז דעמאָלט געפלאָסן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען דרייסיק יאָר.

אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען ער האָט אַליין געעפנט אַן אָפיס פאַר־זיך, איז ער באַקאַנט געוואָרן אין דער אַדוואָקאַטן־פּראָפעסיע, ווי איינער פון דער ערשטער רייע יוריסטן אין אַמעריקע. זיין אייזערנע לאָגיק, זיין מענטשן־קענטעניש און ערודיציע — יידישע און אַלגעמיינע, איז אים בייגעשטאַנען צו געווינען זיינע משפּטים. אין יאָר 1905 איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס ריכטער אינעם פילאַדעלפיער שטאָט־געריכט, „קאָורט אָוו קאָמאָן פּליס״, אויפן וואַל־צעטל פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. זיין ערשטער יאָר איז געווען אַזאַ צופרידנשטעלנדיקער, אַז שפּעטער האָט אים שוין אויך אינ־דאָרסירט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, און ער איז געוואָרן דער הויפּט־ריכ־טער. ער האָט געשלאָגן אַ רעקאָרד מיט דעם, וואָס קיין שום העכערער געריכט האָט קיינמאָל נישט צוריקגעוויזן זיינע אַן אַנטשיידונג.

צוויי מאָל האָט מאיר סולצבערגער געקראָגן דעם טיטל דאָקטאָר פון יוריספּרודענץ. דעם ערשטן מאָל דורכן דזשעפערסאָן קאָלעדזש, אין 1896, און דעם צווייטן מאָל אין 1916 פון „טעמפּל אוניווערסיטעט״. אין די אַלע יאָרן איז ער געווען אַ טעטיקער ליבעראַלער ייד און אַמעריקאַנער.

אַזוי ווייסן מיר, אַז יצחק ליסער, דער פירער פון די קאָנסערוואַטיווע יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט פאַר זיין טויט שטאַרק געבעטן זיין תּלמיד מאיר סולצבערגער פאָרצוזעצן די דערשיינונג פונעם קאָנסערוואַטיוון חודש־זשורנאַל „דהי אָקסידענט״. דער איבערגעגעבענער תּלמיד האָט אים צוגעזאָגט, אַז אַמווייניקסטנס וועט ער עס פאָרזעצן אין משך פון אַ יאָר. זיין פאַרלאַנג איז דערפילט געוואָרן. סולצבערגער האָט אַוועקגעלייגט אַ סך

כוחות ארויסצוגעבן דעם 25טן יאָרגאַנג פון דעם זשורנאַל, מיט געשמאַק און וואַגיקע אַרטיקלען. אָבער ער האָט עס געטאָן בלויז צו האַלטן זיין צוזאָג צו זיין פאַרשטאָרבענעם לערער.

דער דאָזיקער פאַרנומענער אַדוואָקאַט, און שפּעטער ריכטער, האָט זיך גלייכצייטיק אַריינגעוואָרפן אין דער כלל־אַרבעט. אויסער פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, וואָס ער האָט געהאָלפן מיט ראַט און טאַט, האָט ער גע־האָלפן גרינדן נייע. אין דעם זין האָט ער אויך פאָרגעזעצט זיין פאָטערס פילאַנטראָפּישע טעטיקייט. זיין פאָטער איז שוין געוואָרן באַוואוסט אין פילאַדעלפיע, ווי „דער טאַטע פונעם קראַנקן־הויז".

אין אָנהייב 1888 האָט ער זיך גענומען אָפּגעבן מיט דער גרינדונג אין פילאַדעלפיע, צום ערשטן מאָל, פון אַ „יאָנג היברו אַסאָסיעישאָן", אַ באַוועגונג, וואָס האָט אין יענער צייט זיך גענומען פאַרשפּרייטן אין אַלע גרויסע שטעט איבערן לאַנד. ער איז טאַקע געווען דער ערשטער פּרעזי־דענט פון דער אינסטיטוציע. די יידישע יוגנט איז געווען געצוואונגען ביז דעמאָלט צו גיין אין דער קריסטלעכער יוגנט־אינסטיטוציע, און נישט שטענ־דיק זיינען זיי דאָרט אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס...

אין האַרמאָניע מיט דער אַלגעמיין־אינסטיטוציאָנעלער באַוועגונג איז באַנייט געוואָרן די טעטיקייט פון דער „יידישער געזעלשאַפט ארויסצוגעבן ביכער". מיר געפינען דאָרט ווידער, אין סאַמע שפּיץ, דעם אומדערמידלעכן סולצבערגערן. ער איז דאָרט דער לעבעדיקער אָטעם אין דעם קאָמיטעט פון פּובליקאַציע פון ארויסגעבן די ביכער. וואו איז ער נישטאָ? אַט לייגט ער צו אַ האַנט אין דער „יידישער הילפס־געזעלשאַפט", וואָס איז אַן אָפּטייל פון די „פאַראייניקטע וואוילטעטיקע געזעלשאַפטן". אָבער סתם צדקה איז ביי אים נישט געווען דער עיקר, נאָר בלויז אַן אומפאַרמיידלעכע צייטווייַ־ליקע טעטיקייט. אין דעם פּראָגרעסיוון בליק האָט ער זיך אויסגעצייכנט צווישן די בירגערלעכע יידן נישט בלויז אין פילאַדעלפיע, נאָר איבערן גאַנצן לאַנד.

סולצבערגער האָט פיל געבויט אויף שאַפן אַזעלכע קאָנסטרוקטיווע גע־זעלשאַפטן און אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן דערהויבן די נויטבאַדערפטיקע יידישע מאַסן עקאָנאָמיש און קולטורעל, און גלייכצייטיק באַקעמפן דעם כסדר־וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם. סולצבערגער איז פאַר דעם צוועק גע־פאָרן קיין רוסלאַנד, זיך באַקענען אויפן אָרט מיטן דאָרטיקן יידישן מצב. ער האָט באַזוכט טאָלסטאָיען און זיך מיט אים מיישב געווען ווי אַזוי צו העלפן די יידן רעאָריענטירן זיך פונעם קליינהאַנדל אויף אַגריקולטור. טאָלסטאָי האָט אים געראָטן צו גרינדן אין אַמעריקע פאַר די יידישע אי־מיגראַנטן אַגריקולטורעלע קאָלאָניעס, און אַלס דעם אָנהויב אַ פאַרם־שול פאַר אַלע די, וואָס ווילן איבערגיין אויף אַ פאַרם־לעבן. און אַזוי האָט סולצ־בערגער אָרגאַניזירט די דאָילסטאָנער פאַרם־שולע מיט אַן אָפיס אין

פילאדעלפיע.

עס איז נאך ביז איצט ניט געווען אפגעשאצט געוואָרן די דאָזיקע אר־בעט און דער פאַרמעסט אַרויסצורייסן יידן פון די ווינטיקע, צרהדיקע האנדל־פּרנסות, כדי זיך בעסער איינגרונטעווען אינעם ערד־באָדן. אוודאי איז דאָס נישט געווען דער ריכטיקער ענטפער צום אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז צוזאַמענגעוועבט מיט דעם גאַנצן געוואַנט פונעם קאַפּיטאַליזם. אָבער סולצ־בערגער, ווי טאָלסטאָי גופא, איז נישט געווען פון די איינציקע אויף דעם דאָזיקן האַלב־אוטאָפּיסטישן וועג.

מאיר סולצבערגער איז פאַרבליבן אַ גאַנץ לעבן אומפאַרהייראַט. אָבער זיין הויז איז געווען אַ באַוואוסטער צענטער. ער האָט געהאַט זיך דער־וואָרבן איינע פון די גרעסטע פּריוואַט־ביבליאָטעקן אין לאַנד, איבערהויפּט פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, געשיכטע און געזעץ־וויסנשאַפט. זיין פּלאַן איז געווען לכתחילה — אַנצוזאַמלען עס פאַר אַ גרויסער יידישער לערן־אינסטיטוציע, וואָס ער האָט געהאַט אין אויג צו גרינדן. אים פלעגן באַזוכן די וויכטיקסטע יידישע כלל־טוער און אָנגעזעענע מענטשן. יעקב שיף, אָסקאַר שטראַוס, לואי מאַרשאַל און אַנדערע פונעם זעלבן מין, זיינען ביי אים געווען אָפטע געסט. משה דעיווים גיט איבער אין זיין דערמאָנטן בוך, אַז דער באַרימטער דאָקטאָר, סאָלאָמאָן סאָלים קאָהען, זאָל זיך אַמאָל האָבן אויסגעדריקט וועגן סולצבערגערן — „דער וואָס איז אַריין אין זיין הויז, איז עפּעס ווי אויפסניי פאַרבונדן געוואָרן מיט דער גאַנצער וועלט”.

ווי אַ נאָענטער פריינט מיט איזראַעל זאַנגוויל, דער באַרימטער ענגליש־יידישער שרייבער, האָט ער אים אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע אויף אַ סעריע לעקציעס, און אים באַאיינפלוסט צו שרייבן זיין באַרימט ווערק „קינדער פון דער געטאָ”. אין געוויסע קרייזן האָט מען די צוויי גרויסע יידן אידענ־טיפיצירט, ווי זיי וואָלטן געווען אַ צווילינג „ווילדע קינדער”, וואָס זיינען פאַרעקשנט אין זייערע אייגענע שטאַנדפּונקטן.

סולצבערגערן איז איינציקע מאָל אויסגעקומען אָפּצוזאָגן זיך פון נאָ־מינאַציעס צו זייער הויכע אַמטן, ווי למשל — דער אַמט, וואָס פּרעזידענט העריסאָן, און שפּעטער פּרעזידענט טאַפט, האָבן אים פאָרגעשלאָגן אַלס אַמבאַסאַדאָר קיין טערקיי, אָדער אין סופרים־קאָורט פון פּענסילווייניע. ער פלעגט אָבער גערן אָננעמען מיטגלידערשאַפט אין געזעלשאַפטן פון גע־לערנטע, ווי למשל אין דער „אַמעריקאַנער אָריענטאַלער געזעלשאַפט”, אין דער „פילאָזאָפישער געזעלשאַפט”, „יוניאָן ליג”, און אַנדערע.

גאָר אַ גרויסן טייל פון זיין צייט האָט ער אָפּגעגעבן אויף צו פאַר־שפּרייטן בילדונג צווישן דער יידישער אָרעמשאַפט, געווען איינער פון די נאמנים (טראַסטים) אויפן באַראָן הירש פאָנד פאַר דער אַגריקולטור־קאָ־לאָניע „כרמל” אין ניו־דזשוירזי, געהאָלפן גרינדן דאָס וואָכנבלאַט „דהי דזשויִש עקספּאָנענט”, געאַרבעט פאַר דער „אַמעריקאַנער יידישער היס־

טאַרישער געזעלשאַפט", זיך באַטייליקט אין גרינדן אַזעלכע יידישע העכערע בילדונגס־אינסטיטוציעס, ווי דעם „רמב"ם קאָלעדזש", דעם אַמעריקאַנער רבנים סעמינאַר, דעם „גרעץ קאָלעדזש" און דעם דראָפּסי קאָלעדזש. אין דעם לעצטן האָט ער אַליין געגעבן לעקציעס אין יידישער געשיכטע.

איינע פון זיינע לעקציע־סעריעס איז דאָרט געווען וועגן דעם מצב פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער אַלטער יידישער געזעצגעבונג. ער האָט אַריינגעטראָגן דעם געדאַנק, אַז די כנענים זיינען מערסטנס באַצייכנט אין דער תורה ווי גרים (איינוואוינער), וואָס האָבן געהאַט אַ שוץ־געזעץ פון אַ הומאַניסטישן כאַראַקטער. אין אַרבעט פון דעם מין פאַרענדיקט ער: „מיר קענען אָננעמען מיט זיכערקייט, אַז ביי יידן איז שוין אָנגעגאַנגען אַ גרויסע באַוועגונג, מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, פאַר אַרבעטער־שוץ און גוטער באַהאַנדלונג און די געדאַנקען זיינען טיף אריינגעדרונגען אינעם פאָלק אריין און אין זיין ליטעראַטור" (ציטירט לויט מ. דעיווים).

אין טרעיד־יוניאָן פראַגן און אין שווערע סטרייק־סיטואַציעס איז אים אויסגעקומען, אַלס ריכטער, צו נעמען אַ האַנט, און געהאָלפן צו קומען צו אַן אויסגלייך. ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן קיין אינדזשאַנקשאַנס קעגן אַרבעטער און אָנגעווענדט אין אַלע פאַלן זיין אַלגעמיינעם הומאַניסטישן צוגאַנג.

זיין אַרבעט אויפן יידיש־היסטאָרישן געביט האָט זיך אין זיינע אַכציק יאָר לעבן אויסגעדריקט אין קורסן און אָפּהאַנדלונגען איבער אַזעלכע טעמעס, ווי איבער דעם אַלטן יידישן פילאָזאָף „חסדאי בן יצחק", „דון יוסף נשיא", „שמואל הנגיד", די געשיכטע פון די פאַלאַשן, וועגן די ספּרדישע יידן אין אַמעריקע, און אַנדערע. ער האָט אויך איבערגעזעצט פון אַנדערע שפּראַכן אין ענגליש דעם „היסטאָרישן ווערטערבוך פון יידישע שרייבער און זייערע ווערק", לעווים „די אַלטע יידישע מטבעות", מונקס וועגן „קבלה", און אַנדערע. זיינע אייגענע ווערק זיינען — „עם הארץ", „די פּאָליטיק פון די פּאַרציימיקע יידן" און וועגן „די יידישע געזעצן אין מאָרד־פּאַלן".

זינט 1915 האָט ער זיך צוריקגעצויגן פונעם געריכט, און האָט די לעצטע אַכט יאָר פון זיין לעבן אויפגעגעבן די געזעץ־טעטיקייט, מיטן אויסנאַם פון זיין באַטייליקן זיך אין 1920 אין דער רעוויזיע פון דער פּענסילווייניע שטאַט־קאָנסטיטוציע.

עמאַ לאַזאַרוס — מיטן פּאַקל אין האַנט

1.

עמאַ לאַזאַרוס איז איינע פון די שענסטע און הערלעכסטע פרויען־געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין משך פון אונדזער דריי הונדערט־יעריקער געשיכטע דאָ אין לאַנד. אין איר קורצן לעבן פון אכט און דרייסיק יאָר און אין איר נאָך קירצערן פולבאַוואוסטזיניקן לעבן פון בלויז אַרום צען יאָר, האָט זי באַוויזן אַריינצופּאַקן אַזוי פיל נשמה־העלקייט, אַזוי פיל אַקציע און האַרציקייט, ווי זי וואָלט געווען די מאַמע פון צענדליקער טויזנטער. פּאַקטיש איז זי געוואָרן די נאַציאָנאַלע יידישע דיכטערין — אַ מאָדערנע מרים, אַ היינטצייטיקע דבורה.

און גראָד האָט זי אָנגעהויבן איר געזאַנג אינגאַנצן נישט ווי איינע פון אָט־די יידישע טעכטער. אירע יונגע צאַרטע פינגער האָבן אין אָנהויב געבלאָנדזשעט אויף די סטרונעס פון אַלטע גריכישע אינסטרומענטן. זי האָט געלעבט אין דער קלאַסישער וועלט פון די סאַפּאָס און אַספּאַסיעס, און געאָרעמט, צוזאַמען מיט זיי געקלעטערט אויף די שיפּוע׳ס פון פּאַרנאַס און אָלימפּ, די מיסטישע וואוינפּלעצער פון דיכטער און געטער.

עס האָט איר געדויערט אַ היבשע צייט ביז זי האָט זיך אַרויסגעשיילט פון יענע קינדערשע נעפּלען און חלומות, ביז זי האָט גענומען דערזען מענטשן פון איר דור, מיט בלוט און פלייש, אָנשטאָט די קאַלטע סטאַטועס פון הערמעס און ווענוס, פון צעאוס און אַטהענע.

עמאַ לאַזאַרוס איז געבאָרן געוואָרן אין ניו־יאָרק, דעם 22טן יולי, 1849, אין אַ רייכער פאַמיליע. זי האָט געקראָגן אַ קלאַסישע דערציאונג פון פּריוואַטע לערער. מ׳האָט זי גייסטיק געפּיטערט אויף די לאָנקעס פון פרעמדע שטרעקעס. זי האָט דעם לעבעדיקן באָדן נישט געהאַט אונטער אירע פיס.

איזאָלירט פון אמתן לעבן, כאָטש זיי האָבן געוואוינט אויף דער פערצנטער גאַס, אין רוישיקן ניו־יאָרק, האָט זי זיך געשפּילט אין איר פאַנטאַזיע מיט די לעגענדאַרע פעיען און נימפעס, מיט די מוזעס און געטינס. זי האָט געשריבן פערזן וועגן זיי און געמיינט, אַז זי שרייבט פּאָעזיע. אָבער אירע שוועסטער און דער איינציקער ברודער, האָבן אָפּגעלאַכט פון איר און פון אירע פּאָעטיזירונגען. האָט זי קוים געקריגן דעם אויער און די חברשאַפט פון איין שוועסטער, דזשאָזעפין. זי האָט איר פאַרשטאַנען און עמאַ איז איר דערפאַר דאַנקבאַר געווען אַ גאַנץ לעבן.

צו פערצן יאָר האָט זי געפּרוווט נאָכשרייבן גריכישע קלאַסיקער, נאָכ־זינגען זיי מיט „פאַלשע טענער". דער איינציקער דערוואַקסענער מענטש, וואָס האָט געזען אין איר די זוימען פון אַ דיכטערין — איר פאָטער, האָט זי דערמוטיקט נאָך ווען זי איז געווען אַ זיבן־יעריק קינד.

ווען עמאַ האָט זיך מער פאַרפולקאָמט אין דייטש און פראַנצויזיש און גענומען טרינקען פון די פרישע קוואַלן פון געטהע און שילער, פון הוגאָ און די דומאַס, האָט דער נעפּל פון אירע גריכישע העלדן און געטער זיך ביסלעכווייז גענומען אָפּטאָן און אָנגעהויבן דערזען פאַר זיך רעאַלע מענטשן און פּראָבלעמען. אָבער דערנענטערן זיך צו זיי, און גלייך אַריינלעבן זיך אין דערווירקלעכקייט, האָט זי נישט געקענט. איז זי געוואָרן אָנגעפילט מיטן באַגער כאָטש זיי איבערצוזעצן.

אויף אַזאַ אופן האָט זי שוין צו זעכצן יאָר דערפילט אין זיך נישט בלויז מיידלשע צייטיקייט. זי האָט שוין געהאַט גענוג איבערזעצונגען אַרויס־צוגעבן איר ערשט בוך (1865) „פּאָעמען און איבערזעצונגען". כאָטש זי האָט עס אַרויסגעגעבן בלויז פאַר פּריוואַטער צירקולאַציע, האָט אַן עק־זעמפּליאַר שפּעטער דערגרייכט דעם שרייב־טיש פונעם דיכטער־הומאַניסט וויליאַם קאַלען בראַיענט. ער האָט אין איר געפונען אַן עכטן פּאָעטישן טאַלאַנט.

אוודאי האָט דאָס ערשט עמאַן צעוואַרעמט. זי האָט זיך גענומען מער פאַרטיפן אין דער דייטשער פּאָעזיע. זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון היינעס צויבער. זי האָט אים געלייענט און איבערגעלייענט, איבערזעצט אייניקע פון זיינע לידער און געפילט ווי זי האָט זיך פאַרצווייליגט מיט דעם דאָ־זיקן גרויסן ליריקער. ביי אים זיינען געווען פיל יידישע טעמעס. זיי האָבן איר באַזונדער גענומען. אָבער עס איז נאָך נישט געקומען פאַר איר די צייט צו באַנעמען זיי אין זייער גאַנצן אומפאַנג.

אין אַ געוויסער מאָס איז זי נאָך אַלץ נישט געווען קיין באַפרייטע פון אירע גריכיש־רוימישע העלדן און געטער. פון דער רעאַלער וועלט אַרום איר איז זי נאָך אַלץ געווען איזאָלירט. שיער־שיער וואָלט פאַר איר אפשר פאַרבייגעגאַנגען, אומבאַמערקט אפילו, אַזעלכע פיר אויפטרייסלענדיקע יאָר, ווי עס איז געווען דער בירגער־קריג און די לינקאָלן־דערשיינונג.

די איינציקע לעבעדיקע מענטשן, וואָס האָבן גענומען אויסאיבן אויף איר אַ שטיקל איינפלוס זיינען געווען די דיכטער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום ראַלף וואַלדאָ עמערסאָנען, דעם פילאָזאָפירנדיקן עסייאיסט און דיכ־טער. זיין וואוינפּלאַץ אין קאָנקאָרד, מאַסאַטשוזעטס, איז געווען די דע־מאָלטדיקע מעקאַ פון די בעסטע אַמעריקאַנער פּען־קינסטלער. אָך, ווי עמאַס שטומע פאַרלאַנגען האָבן זיך אַהין געצויגן!

איר שטרעבונג איז ענדלעך מקוים געוואָרן, ווען זי איז איינגעלאַדן געוואָרן פון סעמועל וואָרד גרעי, צו אַ קבלת־פּנים פאַר עמערסאָנען, ווען

ער איז געקומען אויף א קורצער צייט אין ניו־יארק. וואס פאר א גרויסער אונגט דאס איז געווען אין איר יונגן לעבן — צו זען אויג אויף אויג דעם קעניג גופא, דעם גרויסן אמעריקאנער געדאנקען־עסטעט!

די באגעגעניש איז איר בכלל שטארק צוניץ געקומען. עמא לאזארוס׳ ערשט בוך, וואס האט געקראגן אזא גוטע רעצענזיע פון בראיענטן, האט אבער שלעכט אפגעשניטן אין דער רעצענזיע פונעם שטרענגען קריטיקער אין יענער צייט — דזשעימס ראסל לאועל. ער האט זי גערעטן „איבערצור־גיין נאך אמאל אירע פריערדיקע לעקציעס". עמא האט געפילט פון דער רעצענזיע, ווי אן אל וואלט זיך אריינגעשטאכן אין איר הארצן און זי ווייס נישט ווי אזוי זי צו באייטיקן. אבער אט האט זי דאך שוין אזא באקאנטן ווי עמערסאן אליין. ער וועט דאך נישט זיין צו איר צו־שטרענג.

אויפן בריוו, וואס זי האט געשיקט קיין קאנקארד, צוזאמען מיט איר בוך, האט זי טאקע אינגיכן געקראגן אן ענטפער. — יא, דאס בוך מאכט א גוטן איינדרוק. עס איז דיכטונג, כאטש צופיל אינעם פוס־טראט פון די קלאסיקער.

האט זי שוין געקריגן עטוואס מער מוט און אין א צווייט בריוול זיך געוואונדערט: וואס קען עס זיין אינעם בוך אזוינס, וואס האט לאועלן ניט געפעלן? עמערסאנס ענטפער איז אבער געווען, אז פאקטיש איז לאועל גערעכט... „עס וועט אייך העלפן א צווייטן מאל צו דערוועגבן זיך מער גערוולד אויסצוגלעטן בעסער אייערע פערזן... מ׳דארף זיך נאך אלץ לער־נען ביי שעקספירן ווערטער־עקאנאמיק..."

דאס האט שוין ביידן פארבונדן אין א קארעספאנדענץ. עמערסאן איז געווארן איר ראטגעבער און איר ריכטער. זי האט זיך שוין כסדר געפרואווט מישב זיין זיך מיט אים. אין 1871, ווען עס איז דערשינען איר צווייט בוך „אדמעטוס און אנדערע פאעמען", האט זי אים געשיקט דאס בוך נישט בלויז ווייל זי האט עס אים געווידמעט, נאר אויך צו הערן זיין אפשאצונג. עס איז שנעל פון אים געקומען אן אפרוף, אז ער האט גארנישט גענוג ווער־טער צו לויבן דאס בוך. דאס האט געזאלט שוין פארזיגלען עמערסאנען אויף אייביק אין איר באוואוסטזיין, נישט בלויז אלס גרויסן קריטיקער, נאר אויך אלס א ווארעמען פריינט, — און אפשר נאך מער...

האט זי דאך אנגעשריבן א דערציילונג — איר דריט בוך — „אלי־דע", וואו זי באהאנדלט די פראבלעם ווי אזוי א גרויסער דיכטער, אן אלטער מאן, פארליבט זיך אין א יונג מיידל (באזירט אויף אן אמתן אינ־צידענט מיטן גרויסן דיכטער געטהע, זיין ליבע מיט פרעדעריקא בריאן). זי איז אפשר אליין נישט געווען זיכער, צי האט זי נישט גלייכצייטיק גע־שילדערט אירע אייגענע געפילן, וואס זי האט געהאט צו עמערסאנען?...

דאס איז פארגעקומען אין 1874. גראד האט דעמאלט עמערסאן ארויס־געגעבן זיין „פארנאסוס", אן אנטאלאגיע פון אמעריקאנער דיכטונג. עמא

האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען זי האָט געהערט וועגן דער נייעס. אָט וועט זי באַקאַנט ווערן דורך דער אַנטאָלאָגיע אין פיל ברייטערע קרייזן. זי האָט זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן ביז זי וועט האָבן די אַנטאָלאָגיע אין איר סטודיאָ.

אָבער וואָס פאַר אַ קלאַפּ איז עס געווען פאַר דער 25־יאָריקער דיכ־טערין, ווען זי האָט זיך דאָרט נישט געפונען... אויסגעלאָזן און פאַרגעסן... קען עס זיין טאַקע, אַז ער האָט זי אויך פאַרגעסן!... קיין ערגערן טאָג האָט נאָך ביז דעמאָלט עמאַ נישט געהאַט אין איר לעבן!

זי איז געווען אָפּנהאַרציק גענוג גלייך אָנצושרייבן אים אַ בריוו וועגן דעם. זי האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ האָפענונג, אפשר האָט ער אין זיין על־טער זי טאַקע פאַרגעסן. ער וועט איר דאָך מסתמא אַזוי ענטפערן. אָבער נישט איין מאָל איז עמאַ אַנטקעגנגעלאָפן דעם בריוו־טרעגער צו קריגן דעם דאָזיקן ענטפער פון קאָנקאָרד. זי האָט אָבער דעם ענטפער אויף דעם בריוו קיינמאָל נישט באַקומען.

אינגיכן האָט אַ צווייטער דונער זיך דורכגעקייקלט איבער איר קאָפּ. איר מוטער איז איר געשטאָרבן. דאָס איז געווען אַ בריק, וואָס האָט איר צוזאַמענגעהאַלטן עטוואָס מיט דער ווירקלעכקייט. זי האָט געשטאַמט פון דער באַרימטער נאַטאַן פאַמיליע. מיט איר אַריסטאָקראַטישן פאָטער האָט זי קיין פיל געמיינשאַפטלעכקייט נישט געהאַט. אָבער דער דאָזיקער צווייטער דונער האָט אַלץ נישט געקענט פאַרטויבן דעם ערשטן. עמערסאָן איז גע־ווען פאַר איר פיל מער ווי איר מוטער. ער איז געווען איר גאָט.

זי האָט נישט געפונען קיין טרייסט. אפילו ווען זי האָט געקריגן נייע ליוב־געזאַנגען פון אַנדערע קינסטלער, האָבן זיי אַלץ נישט אויסגעהיילט די טיפע וואונד אין איר האַרצן. עס האָבן זי געלויבט טאָראָ און וואָלט וויטמאַן און דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן. אפילו דער בריוו פון דעם רוסישן ריז טורגעניעוו, וואָס איז געווען אַן ענטפער אויף אירס אַ בריוו וועגן זיינע ווערק, האָט אויך נישט געקענט זיין דער באַלזאַם. טורגעניעווס בריוו איז געווען דאַטירט: סעפּטעמבער 2טן, 1874, אין וועלכן ער זאָגט, צווישן אַנדערעס:

„. . . איך פיל זיך זייער שטאָלץ מיט אייערע לויבן, וואָס איר גיט מיינע ווערק — און וואָס איר שרייבט־צו מיין איינפלוס אויף אייער טאַ־לאַנט; אַן אויטאָר, וואָס שרייבט ווי איר שרייבט — איז נישט מער קיין שילער אין קונסט'; ער איז נישט ווייט פון זיין אַליין אַ מייסטער".

זי האָט זיך אַ לאַנגע צייט נישט געקענט באַרואיקן. זי האָט צייטנווייז זיך אַליין באַשולדיקט: „מסתמא בין איך טאַקע אַ דורכפאַל... איך האָב קיין זאַך נישט געשאַפן, וואָס זאָל קענען אויפרודערן, אויפוועקן, לערנען..."

געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן וואָלטן זי געמאַכט פאַרגעסן און פאַרהיטן איר וואונד. אָבער זי איז נאָך אַלץ נישט געווען גרייט דערפאַר. זי איז

נאָך אויך נישט צוגעקומען צו דערפילן אירע יידישע געפילן. דעם פּאָעט־באַנקיר עדמונד סטעדמאַן, האָט זי געענטפערט פּאַרוואָס זי נוצט נישט קיין יידישע קוואַלן: „איך בין טאַקע שטאָלץ מיט מיין בלוט און אָפּשטאַם... אָבער די יידישע אידעאַלן זיינען נישט מיינע...", זאָל האָבן געווען איר דעמאָלטדיקע פאַרענטפערונג.

ערשט אין צוויי יאָר אַרום האָט זי עמערסאָן איבערראַשט. אַ בריוו פון אים, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פּאַסירט, לאַדט זי איין אויף אַ וואָך וואַקאַציע אין זיין הויז, מיטן צוגאָב: „מיין ווייב שליסט זיך־אָן אָן דער איינלאַדונג" . . .

דאָס האָט שוין איבערגעשטיגן אפילו אירע העכסטע דערוואַרטונגען. אַזאַ איינלאַדונג, ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן! „סטייטש, צען יאָר האָב איך געוואַרט אויף אַזאַ מאָמענט!" — האָט זי אויסגעשריען פון גרויס פרייד.

און אַזוי איז זי אַוועק קיין קאָנקאָרד, נישט אויף זען אויף אַ מינוט דעם גרויסן עמערסאָן, נישט אויף אַ שעה, נאָר אויף אַ גאַנצער וואָך! אָבער זי האָט זיך שוין פון אים גענוג דעמאָלט אָנגעהערט און אָנגעזען... דער וואונדער איז שוין געוואָרן אויס וואונדער. דער צויבער איז אַוועק. זי האָט געזען, אַז ער איז אַ מענטש ווי אַלע מענטשן.

די דאָזיקע „נסיעה צום רבין" האָט איר געעפנט די אויגן ברייטער. זי האָט שוין אין אים מער נישט געזען קיין גאָט, אפילו נישט קיין גרויסן פּאָעט: „ער האָט דאָך גאַרנישט קיין מוזיקאַלישן אויער... ווי האָב איך אים גאָר געקענט פאַרגלייכן מיט היינען!"

צי עמאָ האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו דערפילן אַ קרובהשאַפט צו דעם יידיש־דייטשן גרויסן דיכטער, היינע, אין אַלע מעגלעכע פאַרצווייגונגען, צי בלויז אין דער שטאַרקער לייִדנשאַפט צו פרייהייט, וואָס האָט זיי ביידן באַהערשט, האָט זי אַליין נישט געוואוסט.

2.

ס'איז געווען דער זומער פונעם יאָר 1881.

איין כוואַליע יידישע עמיגראַנטן נאָך דער צווייטער האָט גענומען אַריינשטראָמען קיין אַמעריקע. אָרעמע, פאַרוואָרלאָזטע, צעראַבעוועטע און צעשלאָגענע זיינען זיי געווען. אַ גרופּע ניו יאָרקער יידישע פרויען איז זיי געקומען באַגעגענען אין וואָרדס איילאַנד, אינמיטן פון איסט־ריווער.

אין דער גרופּע איז אויך געווען עמאַ לאַזאַרוס. אפשר צום ערשטן מאָל אין איר לעבן איז די יונגע דיכטערין געשטאַנען אַזוי נאָענט, אויג אויף אויג, מיט פאַרפּאָלגטע און געיאָגטע. אַלץ וואָס זי האָט זיך ווען אַזעלכע בילדער פאַרגעשטעלט אין איר פאַנטאַזיע, איז דאָך אַזוי בלאָס אין פאַרגלייך מיט דערווירקלעכקייט!

אָך, דאָס זיינען דאָך אין דער אמת'ן מיינע שוועסטער און ברידער, — האָט זי זיך ערשט ווי אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגן חלום. דאָס איז דאָך מיין

בלוט און פלייש... וואָס האָט זי זיך אַזוי געזאָרגט אין די לעצטע יאָרן, וואָס זי האָט אין זיך נישט קיין זאַך, וואָס זאָל קענען אויפרודערן, אויפוועקן. אָט האָט זי דאָך פאַר זיך אַזאַ קאָלאָסאַלע אויפגאַבע, וואָס איז וויכטיקער און דערהויבענער ווי נאָך עטלעכע לידער, פייגל־געזאַנג צוליב אַזאַ אַבסטראַקציע ווי קונסט...

פאַר עמאַ לאַזאַרוס איז די דאָזיקע פאַסירונג געווען ווי די סימבאָלישע באַגעגענונג מיטן יידישן בלוטנדיקן ליידנדיקן פאָלק. מיט איִם דאַרף זי איצט שליסן אַ בונד אויף לעבן און טויט. דאָס דאַרף איצט ווערן איר טעמע — העלפן די געטראָפענע פון פייער און וואַסער, פון געוויטער און שטורעם. אין דעם פאַל זיינען עס די יידן!

זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן צו דערלערנען יידישע געשיכטע אין אַ קלאָרערן ליכט, צו דערלערנען העברייאיש כדי צו קענען אָפּשאַצן די יידישע קולטור־ווערטן פון דער ערשטער האַנט. יאָ, זי האָט פריער איבערזעצט אַ ריי לידער פון שלמה בן גבירול און יהודה הלוי, אָבער עס איז געווען אַן איבערזעצונג פון דייטש, פון פראַנצויזיש, אָבער נישט דירעקט אין ענגליש פון העברייאיש.

מעגלעך, אַז אין דעם פעריאָד האָט זי אָנגעשריבן איר היסטאָרישע טראַגעדיע „דהי דענס טו דעטה" — דער טאַנץ צום טויט, וועגן די פאַרפאָלגונגען פון די יידן אין דייטשלאַנד אין 14טן יאָרהונדערט. אַזעלכע טעמעס זיינען געוואָרן אַקטועל. דערצו האָט זי געווידמעט אָט די טראַגעדיע צו דער באַרימטער הומאַניסטקע און קינסטלערין דזשאָרדזש עליאָט, וואָס האָט אין איר דניאל דערונדאַ געפאָדערט די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק.

אוודאי האָט נאָך עמאַ לאַזאַרוס אין אָנהויב געבלאָנדזשעט און פאַרפאָרן אין איר גרויסן אימפעט צו אַפּאָלאָגעטיק (פאַרענטפערן זיך), ווי אין פאַל פון איר פּאָלעמיק מיטן באַרימטן דעניש־יידישן קריטיקער געאָרג בראַנדעס. אָבער וואָס ווייטער ווערן ביי איר אַלץ מער אויסגעלייטערט אירע נייע פּאָזיציעס.

נאָר אין זעלבן נומער „סענטשורי מעגעזין", וואו איר אַרטיקל איז דערשינען, איז אויך דערשינען אַ גיפטיקער אַרטיקל פון אַ רוסישער אַנטיסעמיטקע מאַדאַם ראַגאָזין, די שפּעטערדיקע „אַנטדעקערין" פון די בלומרשטע „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון". אין דעם אַרטיקל האָט זי „באַוויזן", אַז די געליטענע אין די דרום־רוסישע פּאָגראָמען זיינען נישט געווען די יידן, נאָר פאַרקערט.

עמאַ לאַזאַרוס האָט מיטאַמאָל דערפילט אין זיך נייע כוחות, אַזעלכע פון וועלכע זי האָט פריער אינגאַנצן נישט געוואוסט. זי האָט געענטפערט אויף דעם אַרטיקל. עס איז גלייך קלאָר געוואָרן, אַז אַ מוטיקע קעמפערין איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן צווישן די אַמעריקאַנער יידן.

איר ענטפער האָט צעשמעטערט יעדן ליגן מיט פאַקטן, מיט געלערנטקייט, מיט פייער. אירע ווערטער האָבן געגליט מיט פּאַטאָס און איבערצייגונג. דאָס איז שוין נישט געווען קיין אַפּאָלאָגיע, קיין פאַרענטפערונג. דאָס איז געווען אַ מעכטיקער אָנגריף קעגן די שונאי־ישראל, קעגן די רעאַקציאָנערע גיפטמישער — אַ פאַרניכטנדיקער אָנגריף!

קוים האָט שוין עמאַ דערפילט דעם כוח פון קאַמף, האָט זי שוין נישט געקוקט הינטער זיך ווי לוטס ווייב, נאָר גענומען אַ מאַרש פאָראויס. אַלץ האָט זיך מיט איר גענומען מיטוויגן צום זעלבן ציל. זי האָט אַלץ אין זיך באַנייט. מיט שטאָלץ האָט זי גענומען זינגען אירע „סאָנגס אָוו עי סעמאַיט" (לידער פון אַ סעמיט). די מאַקאַבייער־גבורה האָט זיך ביי איר אָפּגערופן: „זאָלן אַ מיליאָן נאַקעטע שווערדן ווידער אויפבליצן!" איר איז געגאַנגען שוין נישט אין דעם, וואָס עס איז נויטיק אָפּצושלאָגן זיך פון געפאַרן. עס איז איר שוין געגאַנגען אין דעם, אַז די געשלאָגענע און באַליידיקטע יידן זאָלן אָנהייבן צו דערפילן זייער אייגענעם כוח, אַז אין זייערע טרוקענע ביינער הויבט אָן רינען אַ נייער לעבנס־זאַפט.

פאַר אירע אויגן זיינען געווען בערג מיט אַרבעט — צו שפּייזן, צו באַקליידן, צו היילן און צו פירן די אַלע היפּלאָזע — לערנען זיי מלאכות, שאַפן פאַר זיי באַשעפטיקונגען.

אַן אמת־גוטן שותף האָט עמאַ געפונען אין איר אַרבעט אין דער פּראָגרעסיווער פערזענלעכקייט פון מיכל היילפּערין. זי האָט זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן אפילו מיט קאָנסערוואַטיווע, אַבי עס זאָל געטאָן ווערן אַלץ, וואָס עס איז נויטיק אין אַזאַ אחריותדיקן היסטאָרישן מאָמענט.

ביי דער צייט איז זי שוין נישט קיין איינגעבעטער גאַסט אין דער פּרעסע. זי איז שוין אַ גליד פון דער דיכטער פאַמיליע און דאַרף שוין נישט אָנקומען צו קיין הסכמות — פאַרקערט: זי דערלויבט זיך אפילו צו קריטיקירן איר באַליבטן דיכטער לאָנגפעלאָו. זי דערזעט אין אים פיל פון אירע אַמאָליקע חסרונות — אַ חוש בלויז פאַרן עבר (אָוואַר) און קיין שום באַריר מיטן אַקטועלן לעבן. קריטיקירט זי טאַקע שאַרף זיין ליד „אויפן יידישן בית עולם פון ניו־פּאָרט", אין וועלכן ער פאַרזיכערט, אַז „די טויטע פעלקער וועלן שוין נישט אויפשטיין מער". זי ענטפערט אים מיטן נביא יחזקאלס זעאונג פון דעם טאָל מיט טרוקענע ביינער:

„...דער גייסט איז נישט טויט; צעשאָל דעם סוד —
אויפן פּלאַץ פון טויטע ביינער — אַן אַרמיי שוין שפּאַנט".

אין דער זעלבער צייט איז זי געבליבן טיף אַמעריקאַניש, נישט פאַרמאַכנדיק די אויגן אויף די באַגרענעצונגען פון דער בירגערלעכער פרייהייט. זי האָט געפאָדערט צו מאַכן די דאָזיקע פרייהייט מער ממשותדיק, צו זיין פריי פון דאגת פרנסה. כמעט אומבאַמערקט האָט זי זיך דערזען באַוועגנ־

דיק זיך אויף סאָציאַליסטישע רעלסן. זי האָט נישט פאַנאַנדערגעטיילט די נאַציאָנאַלע פראַגע פון דער סאָציאַלער. ביי איר זיינען זיי געבליבן אַ האַר־מאָנישע איינס.

אַ נייער סאָרט לעבן האָט זיך גענומען פאַר איר שפּרייטן. זי האָט שוין אויפגעהערט צו זען אינעם ליד אַלץ און מבטל זיין די וואָכיקע פּראַקטישע אַרבעט. פאַרקערט: זי האָט פּראַקטישע אויפטואונגען דערהויבן צום שוואונג פונעם ליד, און ס'ליד געמאַכט פאַר אַ געצייג אין איר פּראַקטישער אַרבעט. זי איז כסדר פאַרנומען מיט פּראָיעקטן, מיט יידישע און אַלגע־מיינע פּראָבלעמען, מיט אַלערליי קאָנפערענצן. זי איז דער גרינדער פון יידישן טעכנישן אינסטיטוט צו באַזאָרגן די יידישע יוגנט מיט קוואַליפי־צירטע באַשעפטיקונגען, איבערהויפּט אויפן געביט פון מאַשין־טעכניק.

זי האָט איבערגעבויט דעם גאַנצן רוטין פון איר לעבן. אירע פריינט זיינען שוין נישט אויסשליסלעך דיכטער. זי איז שוין פאַרבונדן מיט אַל־ערליי כלל־טוער, יידן און נישט־יידן. אָבער אָט די אַלע נייע אויפגאַבעס האָבן זי שנעל אויסגעשעפּט. איר זייער איידעלער קערפּער האָט באַאומ־רואיקט די דאָקטוירים. זיי האָבן זי געראַטן צו נעמען אַ רייזע קיין אייראָפּע, וואו זי וועט קענען זיך אָפּפרישן מיט נייע איינדרוקן און נייע לאַנדשאַפטן.

זי האָט געפאָלגט די דאָקטוירים, געערעכנט דערביי צו מאַכן נייע פאַר־בינדונגען פאַר די פּראָיעקטן, צו זען זיך מיט אויסלענדישע טוער און דיכ־טער. די גאַנצע רייזע אויפן ים, אינעם 34טן יאָר פון איר לעבן, צוזאַמען מיט איר שוועסטער דזשאָזעפין, איז פאַר איר געווען זייער אינטערעסאַנט. בפרט נאָך וואָס זי האָט געהאַט געלעגנהייטן צו זען אַזעלכע שטעט ווי לי־ווערפּול און לאָנדאָן און מאַכן אַזעלכע באַקאַנטשאַפטן ווי מיטן דיכטער־סאָציאַליסט וויליאַם מאָריס. ער האָט מיט איר געהאַט אַ טאָפּלטע מחותנע־שאַפט. מיר זעען עס לויט זי האָט אים דערנאָך באַשריבן און פון איר פרייד פון זען אים מער ווי זי האָט געזען אין לאָנדאָן, און אפילו אין פּאַריז. זי האָט נישט געקענט פאַרליידן דעם גוואַלדיקן קאָנטראַסט פון אָרעם און רייך, וואָס זי האָט דאָרט געטראָפן.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק און באַמערקט די פּעק מיט בריוו, וואָס וואַרטן אויף איר, האָט זי געזען, אַז זי איז נישט בכוח אפילו זיי איבערצולייענען און געפּרואווט זיי אָוועקלייגן אויף שפּעטער. אָבער איין בריוו האָט איר פאַראינטריגירט דורך דעם אומגעקערטן אַדרעס: „קאָ־מיטעט פון דער פרייהייט־סטאַטוע". זי האָט אים געעפנט. ערשט עס איז אַ בקשה אָנצושרייבן אַ ליד פאַר דער פרייהייט־סטאַטוע, וואָס מ'האָט גע־זאָלט אויפדעקן.

ווען זי האָט אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע ליד, האָט זי נישט פאַרדעכטיקט, אַז זי וועט מיט דעם ווערן אַ נאַציאָנאַלע אַמעריקאַנער דיכטערין, פאַר־צווייגט צוזאַמען מיט דער סטאַטוע.

אין איר סאָנעט רופט זי די סטאַטוע „די מוטער פון פאַרטריבענע", אַז זי שטייט ניט ווי דער עזותדיקער ריז אין דער גריכישער לעגענדע, נאָר ווי אַ פרוי מיט אַ פאַקל אין האַנט, וואָס באַגריסט די געקומענע אימיגראַנטן און רופט צו דער אַלטער וועלט, אַז זי קען זיך האַלטן מיט אירע יחוסדיקע אַריסטאָקראַטן:

„גיט מיר בעסער אייערע מידע, מיט בלוט־פאַרלאָפענע,
דעם הילפלאָזן אָפּפאַל פון אייער איבערגעפילטן ברעג . . .
. . .שיקט מיר די היימלאָזע, די פון שטורעם געטראָפענע
און כיוועל מיט מיין לאָמפּ זיי באַלייכטן דעם וועג!"

און אַזוי איז אונדזער דיכטערין געוואָרן וועלט־באַוואוסט. נאָר איר ליד, איר פערזענלעכקייט, איר אַרבעט פאַר די דאָזיקע „מידע און געטריבענע", איר שוואַכער קערפּער, וואָס האָט שוין געהאַט אין זיך דעם זאָמען פון קאַנצער און איר פאָטערס טויט אין 1885, האָבן זי שוין גענומען פירן אויפן באַרג אַראָפּ פון איר לעבן. דאָקטוירים האָבן זי ווידער געשיקט קיין איראָפּע — דאָס מאָל אויף אַ לענגערער רייזע.

זי האָט שוין געמוזט וויסן, אַז עס שרייבט זיך שוין דאָס לעצטע קאַפּיטל פון איר לעבן. זי איז געוואָרן זייער וואַכזאַם: „איידער איך שטאַרב וויל איך נאָך געבן אַ גוטן קוק אויף דער וועלט".

צוויי יאָר איז זי אַרומגעפאָרן אין איראָפּע, זיך נאָך באַטייליקט אין אירע זשורנאַלן, וואו זי איז געווען אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט. זי האָט נאָך געפּרוואווט מאַכן אויסלענדישע פאַרבינדונגען פאַר דער הילפס־אַרבעט פון די יידישע אימיגראַנטן. ווען זי האָט זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק דעם 31טן יולי 1887, איז שוין פון איר געווען מער שאָטן ווי קערפּער. זי האָט זיך אָבער געראַנגלט מיטן ביטערן טויט ביז דער לעצטער מינוט.

זי איז באַזיגט געוואָרן דעם 19טן נאָוועמבער. איר קערפּער רוט אויפן פּריוואַטן לאַזארוס בית־עולם אין „סאַיפּרעס הילס". אָבער איר גייסט רוט נישט. ער גייט אָן. ער האָט נאָך פיל צו טאָן. ער באַזעצט זיך אין די הערצער פון צענדליקער טויזנטער פון אירע פאַרערער און נאָכפאָלגער. וואָס אַ יאָר ווערט אַלץ טייערער איר אָנדענק. די צאָל פון אירע יורשים קען בלויז אויף אַ מאָמענט באַשרענקט ווערן. זיי וועלן נאָך קומען, זען און זינגען.

ראַבאַי אייזעק מ. וואַיז — פירער פון רעפאָרם־באַוועגונג

די גרעסטע פערזענלעכקייט צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער רעליגיעזער רעפאָרם־באַוועגונג איז גע־וועזן ראַבאַי אייזעק (יצחק) מאיר וואַיז.

אַ מענטש מיט אַן אייזערנעם כאַ־ראַקטער, מיט גרויסער ווילנס־קראַפט און אונטערנעמערישקייט, מיט מעטאָ־דישקייט און געדולד, האָט ער מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם טיפּישן ביר־גערלעכן דייטשן יידן, וואָס האָט באַ־וויזן אין אַ קורצער צייט צו איבער־שיכטן זיך פון אַן אָרעמען פּעדלער אין אַ פאַרמעגלעכן סוחר.

נישט וואָס וואַיז איז געווען אַ דייטשער ייד. גראָד איז ער עס פון געבורט נישט געווען. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1819 אַ „איטשע־מאיר", אין טשעכאָסלאָוואַקיע (בעמען), וואָס איז דעמאָלט געווען אונטער דער הערשאַפט פון דער עסטרייכישער קייזער־קעניגלעכער קרוין. זיין פאָטער, אַ שוחט און אַ דאָרפס־מלמד, האָט זיך אין זיין חלום נישט פאָרגעשטעלט, אַז זיין זון וועט ווערן אַ פירער פון די דייטשע יידן אין אַמעריקע. ער האָט אָבער יאָ געהאַט אַ האָפענונג, אַז פון אים וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער גאון.

דאָס קליינע איטשעלע האָט באַוויזן אַלע אייגנשאַפטן פון אַן עילוי (וואונדער־קינד. אין עלטער פון פינף יאָר האָט ער שוין געלערנט חומש מיט רש"י. צו זעקס יאָר האָט ער שוין געלערנט תלמוד, און צו ניין האָט אים שוין דער פאָטער אַרויסגעשיקט צו ווערן דער טיפּישער ישיבה־בחור, צו לערנען אַליין און קנעלן מיט אַנדערע, „עסן טעג" און שלינגען די רייד פון די אַלטע יידישע חכמים, מפרשים און פּוסקים, דערקלערער און אַנט־שיידער.

אינגיכן איז איטשע מאיר געטראָפן געוואָרן פונעם נייעם געזעץ אין עסטרייך, אַז רבנים מוזן אויך קריגן אַ ברייטע אַלגעמיינע וועלטלעכע ביל־דונג. דאָס בחורל האָט געשלאָסן אַ געגנזייטיקן אָפּמאַך מיט אַ קאַטאָלישן יינגל, וואָס האָט זיך געגרייט צו ווערן אַ גלח. וואַיז האָט אים געלערנט העברייאיש און העברייאישע שריפטן, און דער צוקונפטיקער גלח האָט דעם יידישן בחורל געלערנט אַלט־גריכיש און לאַטיין, אַזוי, אַז איטשע־מאיר וואַיז האָט אויסגעהאַלטן דעם גימנאַזיאַלן עקזאַמען און אָנגעקומען אין ווינער אוניווערזיטעט. איין יאָר בלויז איז אים גענוג געווען צו ווערן

אין עלטער פון 23 יאָר אַ רב אין אַ קליין טשעכיש שטעטל.

דער יונגער רב וואָס האָט זיך צוגעאייגנט אַ רייע ליבעראַלע געדאַנקען, וואָס האָבן אין די אויגן פון דער רעאַקציאָנערער עסטרייכישער רעגירונג, אין 1843, אויסגעזען צו זיין סובווערסיווע. ווען עס איז אים אויסגעקומען אַנוועזנד צו זיין צום ערשטן מאָל אויף אַ רעפאָרם־קאָנפערענץ פון יונגע רבנים אין דייטשלאַנד און צוהערן זיך צו די אידייען פונעם יידישן רע־פאָרמאַטאָר אברהם גייגער, האָט וואָיז זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם וועג, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, וואָס דערזעט פּלוצלינג וואו ער איז שיער נישט פאַר־קראָכן.

וואָיז אַליין דערציילט, ווי אין יענער צייט זיינען אים אין די הענט אַריינגעפאַלן אַמעריקאַנער צייטשריפטן, וואָס האָבן איבערגעגעבן די דעבאַ־טעס וועגן דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. אים איז אַזוי געווען צום האַרצן דער פרייהייטלעכער גייסט, וואָס האָט פון זיי געוועיעט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַן אַמעריקאַנער. און אין אַ געוויסן זין איז ער עס טאַקע געוואָרן.

אין עלטער פון 27 יאָר זעען מיר אים שוין ווי ער קומט אָן מיט זיין יונגער פרוי און עופּהלע קיין אַמעריקע. דאָס איז געווען אין 1846. די צאָל דייטשע יידן דאָ איז נאָך אַלץ געווען נישט קיין גרויסע און די, וואָס זיינען שוין יאָ געווען, זיינען נאָך אַלץ מערסטנס געווען קבצנים און דער גרעסטער טייל האָט נאָך נישט געקענט לייענען קיין ענגליש. מיטן אויס־נאַם פון די „בני־ישורון" קהילה זיינען די איבעריקע געווען קליין און אָרעם. דר. מאַקס ליליענטאַל האָט פון דריי קהילות צוזאַמען אין ניו־יאָרק גע־קראָגן 600 דאָלאַר אַ יאָר. נישט מער האָט אייזעק מאיר וואָיז נעקראָגן אויף זיין ערשטער רבנים־שטעל אין אַלבאַני, גאַנצע 200 דאָלאַר אַ יאָר!

פאַר דער סומע האָט די אַלבאַני'ר קליינע יידישע קהילה געקראָגן אַ פּייאָניר אָרגאַניזאַטאָר, אַ מענטש מיט נייע ליבעראַלע אידייען, מיט פאַר־טראָגן אין ענגליש, מיט מאָדערנערע צערעמאָניעס. אָבער דאָס וואָס פאַרן ברייטערן עולם איז געווען אַ פרישערער בליק אויפן ענין יידישקייט איז ביים הויפּט רעדל־פירער געווען אפּיקורסות. וואָיז זאָל זיך האָבן אַרויס־געכאַפּט מיט אַ שטיקל צווייפל אין משיחן און אין תחית המתים. דאָס איז געווען גענוג געווען ווען ראַבאַי וואָיז איז געגאַנגען אַרויסנעמען אַ ספר־תורה פונעם „ארון־קודש", אַז דער פּרעזידענט זאָל אים מיט איין קנאַק אָפּ־וואַרפן: „אַזאַ ווי דו, טאָרסט זיך נישט צורירן צו קיין הייליקייט", — האָט דער פּרעזידענט געדונערט.

פון דעם דאָזיקן „דונער" האָט זיך די קליינע קהילה געשפּאָלטן אויף צוויי קלענערע קהילות. די מער ליבעראַלע זיינען אַוועק מיט וואָיזן און גע־גרינדעט אַ מער ליבעראַלע שול. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין רעפאָרם־שול, וואָס אין יענער ריכטונג האָט וואָיז אָנגעהויבן צו גיין מיט אַנטשלאָסענע טריט.

איינגיכן האָט אייזעק מאיר וואיזס נאָמען זיך געלאָזט אַלץ מער הערן. זיינע אַרטיקלען, וואָס ער האָט גענומען שרייבן אין יצחק ליסערס „אָקסי־דענט", האָבן געצויגן אויפמערקזאַמקייט. וואיז האָט געקלאַפּט אין צוויי פּויקן: „פּראָגרעס!" און אַן „אַמעריקאַנער רבנים־קאָלעדזש!" כאָטש ער מיט ליסערן זיינען געווען ווייט אין אידייען־פּאַרוואַנדשאַפט, איז אָבער דער ענין רבנים־קאָלעדזש אויך ביי ליסערן געווען אַ וויכטיקער ווינקלשטיין.

ווען אייזעק מאיר וואיז איז דערוויילט געוואָרן צו ווערן ראַבאַי אין דער קהילה בני־ישורון אין סינסינעטי, אין 1854, האָבן זיך שוין די גרוי־פּירונגען און איבערגרופּירונגען אַרום דער פראַגע פון שקלאַפעריי געטראָגן פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט די פראַגע וועגן רעפאָרם. אין דער ערשטער פראַגע וועגן שקלאַפעריי איז וואיז געווען אַ דורכפאַל. נישט וואָס ער איז פּערזענלעך געווען פאַר שקלאַפעריי. מ'קען אים בשום אופן נישט שטעלן אויף דער זעלבער פּלאַטפאָרמע מיט אַ ראַבאַי ראַפאַל. מער נישט: וואיז האָט דעם אַמאָליקן דעמאָקראַטישן לאָזונג פון שטאַטס־רעכט, וואָס האָט געהאַט אַ פּראָגרעסיוון אַספּעקט אין דזשעפערסאָנס צייט, אָנגע־מאָסטן אויך אויף דער שקלאַפן־פראַגע. „אַ שטאַט האָט אַ רעכט אָנצו־נעמען שקלאַפעריי און אַ רעכט צוריקצוואַרפן זיי", האָט ער געהאַלטן.

מיט אַנדערע ווערטער האָט עס פאַקטיש געמיינט, אַז די דרום־שטאַטן האָבן געהאַט דאָס רעכט צו רעוואָלטירן און אָפּרייסן זיך פון דער „יוניאָן", פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

סינסינעטי, ביים סאַמע גרענעץ מיט דעם שקלאַפערישן שטאַט פון קענ־טאַקי, האָט אויך געהאַט יידן מיט אינטערעסן אין די דרום־פּלאַנטאַציעס, אָדער קרובים מיט אַזעלכע אינטערעסן. אין דעם זינען זיינען די דאָזיקע רעפאָרם־רבנים — ליליענטאַל, וואיז און אַנדערע געווען אַזוי ווייניק אויס־געהאַלטן אין פאַרגלייך מיט אַזאַ גראַדליניקן רעפאָרמער־ליבעראַל ווי עס איז געווען דער ראַבינער דר. דוד איינהאָרן, דער ראַבאַי אין באַלטימאָר, וואָס איז געווען אין אַ שקלאַפן־האַלטערישן שטאַט. ראַבאַי איינהאָרן האָט געוואַגט צו זאָגן די שקלאַפנהאַלטער אין פּנים, אַז ער איז אַנטריסטעט פון דער פאַרברעכערישער אינסטיטוציע.

צוריקקערנדיק זיך צו די אַנדערע טעטיקייטן פון וואיזן אויפן געביט פון יידישער קהילה־אָרגאַניזאַציע און ליבעראַליזם, געפינען מיר אים אין לאַנגן סך־הכל צו האָבן געווען פון אַ מער פּאָזיטיוון כאַראַקטער. ער האָט געגרינדעט דעם ענגלישן אָרגאַן „איזראַעליט", אַ סאָלידער זשורנאַל פאַר יידישע ענינים. צוזאַמען מיט דר. ליליענטאַלן געגרינדעט דעם דייטש־יידישן זשורנאַל „דעבאָראַ", צוזאַמענגעשטעלט אַ מער מאָדערנעם סידור „מנהג אַמעריקע", אין איינקלאַנג מיט די מנהגים פון אַלע דריי יידישע עמיגראַציעס.

אָבער אַז די כוואַליעס פון דער יידישער עמיגראַציע פון דייטשלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן איינצושטילן און די מזרח־פּוילן־רוסלאַנד עמיגראַציע

האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, האָט וואָס אָנגעהויבן ארויסצואווייזן זײַנע גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פֿײַאיקייטן אַלס אינסטיטוציע בויער.

אין 1871 איז אים געלונגען צוזאַמענצורופֿן דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די פֿירער פֿון די יידישע קהילות, כדי צו גרינדן אַ פּערמאַנענטע פֿאַראייניקונג, וואָס זאָל זיין בכוח אויפצובויען גרויסע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. בכוח — נישט בלויז ווייל די אימיגראַציע האָט אויפגעהערט פֿלייצן און די גרויסע רוסיש־פּוילישע עמיגראַציע האָט זיך נאָך נישט געהאָט אָנגעהויבן, נאָר אויך דערפֿאַר, וואָס אין די דאָזיקע צוויי צענדליק יאָר — פֿון די 50ער ביז די 70ער, האָט זיך ארויסגעהויבן אַ היפּש־צאָליקע איינגעפֿונדעוועטע יידישע בורזשואַזיע. ראַבאַי וואָיז, ווי איינער פֿון אירע גייסטיקע פֿירער, האָט גענומען פֿאַרווירקלעכן אַלע זיינע פּראָיעקטן, וואָס ער האָט ארויסגערוקט נאָך אין די 50ער יאָרן.

אַזוי איז אין 1875 שוין געעפֿנט געוואָרן דער „היברו יוניאָן קאָלעדזש" אין אַ קעלער פֿון אַ טעמפּל — איצט באַשטייט ער פֿון פֿינף געביידעס און מיט דער בעסטער אויסשטאַטונג, וואָס אַ יידישע אינסטיטוציע פֿון דעם סאָרט, איז אין ערגעץ צו געפֿינען. שפּעטער האָט וואָיז אָרגאַניזירט די צענטראַלע קאָנפֿערענץ פֿון די אַמעריקאַנער ראַבאַיס און אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרענדיקט די אָרגאַניזאַציע פֿון די מעסיק־רעפֿאָרמירטע יידן.

אָבער וואָיזעס ביישפּילן זיינען נאָכגעטאָן געוואָרן שפּעטער פֿון די צוויי אַנדערע רעליגיעזע שטראָמונגען — פֿון די קאָנסערוואַטיווע יידן און פֿון די עקסטרעמע רעפֿאָרמער. אויפֿן פּלאַץ פֿון דר. איינהאָרן זיינען דערנאָך געקומען אַזעלכע ווי דר. קאַופֿמאַן קאָהלער אינעם טעמפּל בית־אל אין ניו־יאָרק און עמיל ג. הירש אין סיני טעמפּל אין שיקאַגאָ, און אַנדערע.

בעת ליסער און זיינע תלמידים האָבן אַנטוויקלט דעם דרך פֿונעם קאָנסערוואַטיוון יידנטום, ווי מיר וועלן זען דורכן מעדיום פֿון עטלעכע אַנדערע פּערזענלעכקייטן.

אייזעק מ. וואָיז איז געווען דער פּרעזידענט פֿונעם יוניאָן היברו קאָלעדזש אין משך פֿון 25 יאָר. צוזאַמען מיטן 19טן יאָרהונדערט, וואָס האָט גענומען פֿאַרלאָזן זיין פּלאַץ, האָט וואָיז פֿאַרענדיקט זיין אַרבעט און זיין לעבן. ער איז געשטאָרבן אין דינסט פֿון דער יידישער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע אין יאָר 1900.

דאָס איז שוין געווען דעמאָלט, ווען הויכע כוואַליעס פֿון יידישע עמיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן אַריינצופֿלייצן אין לאַנד. די אינסטיטוציעס וואָס וואָיז האָט אויסגעבויט און צוגעגרייט אָרגאַניזאַטאָרן צו לייזן די פּראָבלעמען פֿון די טויזנטער ניי־אַריבערגעקומענע, דורך די פֿילאַנטראָפּיעס, האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ווייט נישט גענוג צו קענען זיך מיט זיי ראַנגלען.

דאָס איז געבליבן צו טאָן די גרויסע יידישע מאַסן גופֿא דורך זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס און איניציאַטיווע כוחות.

דזשעיקאָב שיף — פינאַנסיר און פילאַנטראָפּ

פילאַנטראָפּן. „גוט - האַרציקע מענטשן". וויפיל לידער בורזשואַזע דיכטער האָבן עס צו זיי געווידמעט. וויפל ווירויך - עדיטאָריעל - שרייבער האָבן עס פאַר זיי אָנגערויכערט, ווי זיי אָפּערן זיך נעבעך פאַר דער מענטש־הייט. אָבער ווי האָט אַמאָל געזאָגט אַ מענטש מיט אַ שאַרף אויג? — „פילאַנטראָפּן גיבן נישט אָפּ זייער לעבן. זיי גיבן זייערע נעמען. זיי לאָזן זיך זיי אויסהאַקן אין גראַניט איבער זייערע אינסטיטוטן, שפּיטאָלן, קלויס־טערס און שולן".

אַזוי זיינען אין דורכשניט כמעט אַלע פילאַנטראָפּן, צי דאָס זיינען די ראָקפעלערס, צי די קאַרנעגיס, די פאָרדס, צי די ראָזענוואַלדס. טאָלסטאָי האָט שוין לאַנג צוריק אָנגעוויזן: „מיר טוען אַלץ פאַרן אָרעמען מענטשן, אויסער דאָס, וואָס ער וואָלט וועלן — מיר זאָלן אַראָפּקריכן פון זיין רוקן".

און דער רמב"ם האָט נאָך מיט קנאַפּע 800 יאָר פריער געזאָגט: „הויב אָן דיין פילאַנטראָפּיע פון אַ פונקט, וואָס דערלאָזט נישט לכתחילה צו אָרעמקייט. דאָס איז דער העכסטער שטאַפּל און דער שפּיץ פון צדקהס גאָלדענעם לייטער".

איינער פון די באַקאַנטסטע פיגורן אין די יידישע קרייזן פון ניו־יאָרק איז געווען דזשעיקאָב שיף, דער מולטי־מיליאָנער, דער כלל־טוער און דער פילאַנטראָפּ. אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט זיין נאָמען געקלונגען צווישן די באַלעבאַטישע יידישע קרייזן, ווי ער וואָלט געווען דער גרעסטער בענעפאַקטאָר פון דער מענטשהייט, וואָס דאָס איז ער, מילד גערעדט, נישט געווען. יעקב שיף, איז אמת, יאָ געווען פון גרויסן יחוס. אַזוי ווייט צוריק ווי ביזן 14טן יאָרהונדערט ציט זיך אַ קייט פון גרויסע קאָפּ־מענטשן, גרויסע רבנים און פינאַנסירן. ער איז אַן אור־אור־אייניקל פון דעם באַרימטן גאון מהר"ם שיף, דער מחבר פון „חידושי מהר"ם שיף" און „חידושי הלכות". אָבער נישט צוליב דעם האָט מען אַזוי צעקלונגען זיין נאָמען.

געבאָרן איז דזשעיקאָב שיף אין אַ רייך הויז. זיין פאָטער איז געווען דער באַוואוסטער פינאַנציעלער פאָרשטייער פון די ראָטשילדס אין פראַנק־פורט־אַם־מאַין. געוועזן איז עס דעם 10טן יאַנואַר, 1847. דער קליינער יאַקאָב האָט געקראָגן זיין בילדונג אין די פאָלקס־שולן פון פראַנקפורט, אָבער ער האָט זיך זייער פרי אָנגעהויבן צו ספּעציאַליזירן אין פינאַנס־

ענינים. אין עלטער פון 18 יאָר קומט ער אין די פאַראייניקטע שטאַטן און ווערט אָנגעשטעלט, אין יאָר 1867, ווי אַן עקספּערט אין דעם וואָל סטריט געשעפט פון פראַנק ענד גאַנז. אין עלטער פון צוואַנציק יאָר פאַרמירט ער שוין אַליין די וואָל סטריט פירמע פון באַדזש, שיף ענד קאָמפּאַני. די פירמע האָט עקזיסטירט בלויז זעקס יאָר.

דער יונגער מאַן איז שוין דעמאָלט געוואָרן פּאַרטיק פאַר גרעסערע פּלענער. עס איז דעמאָלט, נאָכן בירגער־קריג, געווען דער רעקאָנסטרוקציע פּעריאָד, מיט נייע ראַזעווע פּערספּעקטיוון. איז ער צוריק אַוועק קיין אייראָפּע מאַכן פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע דייטשע באַנק־פירמעס און פאַרזיכערט זיך מיט די בעסטע אינדוסטריעלע און באַנק־פאַרבינדונגען. ער קערט זיך גיך אום אין די פאַראייניקטע שטאַטן און ווערט אַ מיטגליד פון דער ריזיקער באַנק־פירמע „קוהן, לאָוב ענד קאָמפּאַני״, און איז דאָרט שנעל געוואָרן דער גאַנצער פירער. דורך זיינע ברייטע באַציאונגען מיט די דייטשע באַנקען איז אים געלונגען אַריינציען פיל געלט־קוואַלן פון דייטשלאַנד אין אַמעריקאַנער אינוועסטירונגען, ספּעציעל אין די נייע באַן־ליניעס. אַרום יענער צייט, ערב דער שפּאַניש־אַמעריקאַנער מלחמה, זיינען אייניקע באַן־ליניעס געווען אין שלעכטע פינאַנציעלע צושטאַנדן. די פירמע פון קוהן, לאָוב ענד קאָמפּאַני האָט גענומען, אונטער שיפס פירערשאַפט, רעקאָנסטרוקטירן די פינאַנסן פון דער „יוניאָן פּאַסיפיק״ באַן־ליניע. דאָס איז געווען אין 1897. די רעקאָנסטרוקציע איז געווען זייער אַ געראָטענע און יעקב שיף, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אין דער הויך פון זיין קאַריערע, האָט געקראָגן אַ נאָמען אַלס דער גרעסטער פינאַנציעלער עקספּערט איבער באַן־ענינים.

אין 1901 נעמט ער אויף אַ גרויסן קאַמף מיט דער „גרעיט נאָרדהערן״ באַן־קאָמפּאַני פאַרן באַזיץ פון דער נאָרדהערן פּאַסיפיק־באַן־ליניע. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן פּאַניק אין וואָל סטריט. דעם 9טן מאַי, 1901, האָבן פיל סטאָקס זיך געביטן אין פיל הענט, אָבער פון דעם גרויסן טומל איז די פירמע פון קוהן, לאָוב אַרויסגעקומען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. יעקב שיף האָט מיט זיין רואיקן און געמיטלעכן שאַך־שפּיל אויפן ברעט פון דער באַנק־אינדוסטריע באַוויזן, אַז זיין פירמע זאָל ווערן די גרעסטע אין באַנק־פינאַנס פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

איינגיכן האָט די פירמע געקראָגן קאָנטראָל איבער 22,000 מייל פון באַן־ליניעס מיט אַ סטאַק פון איין ביליאָן און דריי הונדערט און איין און צוואַנציק מיליאָן דאָלאַר. אים צו פאַרדאַנקען איז אויך געוואָרן דורכגעפירט די טראַסט־מאָנאָפּאָליזאַציע אויף די באַנען. עס איז אים געלונגען אָפּצושלייפן די שפּיצן פון דער שאַרפער קאָנקורענץ וואָס איז צווישן זיי אָנגעגאַנגען און אַוועקשטעלן זיי אויף סאָלידע פּרייז־רעלסן. דאָס האָט ווידער געפירט צו דער פאָרמירונג פון זיין „נאָרדהערן סעקיוריטיס קאָמפּאַני״.

שיפס פירמע האָט אויך געקראָגן די מעגלעכקייט אונטערנעמען דעם פאַרקויף פון סטאָק נישט בלויז פון דער „יוניאָן פּאַסיפיק" און די פאַר־בונדענע־מיט־איר קאָמפּאַניעס, נאָר אויך פון די פּענסילווייניע באַן־ליניעס, פון דער „באַלטימאָר און אָהאַיאָ", פון דער „נאָרפאָלק און וועסטערן באַן־ליניע", פון די „מיזורי־פּאַסיפיק באַן־ליניעס", פון דער „וועסטערן יוניאָן טעלעגראַף קאָמפּאַני" און פון פיל אַנדערע אינדוסטריעלע ריזן.

שיפס פירמע האָט אויך אַרויסגעלאָזט די גרויסע קריגס הלוואות פון דער יאַפּאַנישער מלחמה־מאַשין אין 1904 און 1905, ווען זי האָט זיך געראַנגלט מיט די אַרמייען פון רוסישן צאַר. שיף האָט טאַקע פאַר דעם גע־קראָגן פון דעם מיקאַדאָ איינעם פון די הויכע אויסצייכענונגען — דעם „צווייטן אָרדער פון דער הייליקער קאַסע פון יאַפּאַן". ער האָט זיך אויך געקענט גרויסן מיט דעם כבוד, וואָס ער האָט געקראָגן פון דעם ענגלישן קעניג, עדוואַרד דער 7טער, ווען ער האָט אים פּריוואַט אויפגענומען.

דזשעיקאָב שיף איז געווען אַקטיוו אין זיינע פילפאַכע געשעפטן. ער איז געוואָרן אַ דירעקטאָר אין דער „יוניאָן פּאַסיפיק", אין דער „באַלטימאָר און אָהאַיאָ", אין די באַן־געשעפטן פון דער „שיקאַגאָ, בוירלינגטאָן און קווינסי", אין דער „וועסטערן יוניאָן טעלעגראַף קאָמפּאַני", אין דער „עק־פיטאַבל לאַיף אַשורענס סאָסאַיעטי", אין דער „נעשאָנאַל באַנק אָוו קאָ־מערס", אין דער „נעשאָנאַל סיטי באַנק", אין דער „מאָרטאָן טראָסט קאָמ־פּאַני", אין דער „קאָלאָמביאָ באַנק", אין דער „פיפטה עוועניו טראָסט קאָמפּאַני אָוו ניו־יאָרק" און פון זייער אַ גרויסע צאָל אַנדערע קאָמפּאַניעס אין ניו־יאָרק און אין פילאַדעלפיע.

דער סך־הכל פון שיפס פילאַנטראָפּיעס איז אַ גרויסער אין צאָל פון געוויסע פּאָפּולערע אונטערנעמונגען. אין תוך אָבער שטעלן זיי מיט זיך פאָר אפשר ווייניקער ווי איינציקע פון אַנדערע פילאַנטראָפּן, מיט קלענערע פאַרמעגנס ווי שיף האָט געהאַט, ווי, למשל, פאַר אים יהודה טורא און מאָנטעפיאָר. שיפס מער פּאָפּולערע אינסטיטוציעס זיינען: די מאָנטעפיאָר היים פאַר די אומהיילבאַרע קראַנקע; אַ פּאַנטאַן אין סוארד פּאַרק, לעבן איסט בראָדוועי, אין ניו־יאָרק; סעטלמענט הייזער אויף דער איסט־סאַיד אין ניו־יאָרק; די געביידע פאַר די „יאַנג מענ׳ס היברו אַסאָסיעישאָן" און פאַרשיידענע ענלעכע אינסטיטוציעס. אָבער די דאָזיקע אַלע זאַכן האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרקלענערט די אָרעמקייט און נויט פון דער איסט־סאַיד. עס זיינען געבליבן די סוועט־שעפּער; עס זיינען געבליבן די פייער־פּאַסטקעס; עס זיינען פאַרבליבן די ענגע, שמוציקע גאַסן פאַר די קינדער פון דעם געגנט. עס וואָלט פולשטענדיק פאַרבליבן ביז איצט די זעלבע עקספּלואַטאַציע פון די האָרעפּאַשניקעס, אויב די אַרבעטער אַליין וואָלטן דורך זייערע יוניאָנס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס נישט אָנגעהויבן קעמפן פאַר זייערע אינטערעסן.

אלס כלל־טוער האָט ער זיך באַטייליקט אין פיל קאָמיטעטן פאַר רע־פאָרמען פון די מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונגען אין ניו־יאָרק, אונטערשטיצט אייניקע מוניציפּאַלע רעפאָרמען, געגרינדעט אין קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט אַ קאַטעדרע אין סאָציאַלער עקאָנאָמיק; עטאַבלירט סקאָלערשיפּס אין קאָ־לאָמביאַ פאַר עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן; געגרינדעט אַ קאַטעדריע אין האַר־וואַרד פאַר סעמיטישע פאָרשונגען, ווי אויך פינאַנסירט דעם סעמיטישן מוזיי. שיף איז אויך געווען אַקטיוו אין פאַרשיידענע קולטורעלע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ווי אויך פון דעם באַראָן דע הירש פאָנד און פון דער קאָ־לאָניע אין וואודבאַין. אין דער זעלבער צייט איינער פון די גרינדער פון דער אַסימילאַטאָריש־רעאַקציאָנערער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע.

באַזונדערס האָט ער בייגעטראָגן אויפן געביט פון שיקן עקספּעדיציעס פאַר שטודירן די באַדינגונגען אין מזרח־לענדער; בייגעשטייערט פיל מאָל פאַר דעם מעטראָפּאָליטאַן מוזייאום אָוו אַרט און פאַר אַנדערע מוזייאומס און אויך פאַרן זאָאָלאָגישן גאָרטן אין בראַנקס־פּאַרק, אין וועלכן ער איז געווען אַ טראָסטי (נאמן). ער האָט איבערגעגעבן דער פּאָבליק לאַיברערי אין ניו־יאָרק אַ קאָלעקציע פון יודייאיקאַ אין דער נייער וועלט און אויך גענומען אַן אינטערעס אין דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר פון אַמעריקע און בייגעטראָגן צו זיין אויסברייטערונג דורך נייע געביידעס. וואָס־וואָס, אָבער פאַר רעליגיעזע און קאָנסערוואַטיווע אינסטיטוציעס בכלל האָבן מי־ליאָנערן אַ באַזונדערן חשק צו געבן.

בירגערלעכע געשיכטע שרייבער לויפן אים פאָראויס מיט שבחים וועגן זיין כלל־טועריי. מען גיט אָן אין נדן זיין „קאַמף" קעגן צאַר אין דער פראַגע פון רעכט פאַר יידן מיט אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן, און זיין אָפּזאָגן זיך צו געבן אַ הלוואה ניקאָלאַיס רעגירונג. זיין שנאה צום צאַר האָט אים, פונדעסטוועגן, קיינמאָל נישט געמאַכט צו שטיצן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן טאַקע געקעמפט קעגן צאַר און זיין טיראַניי קעגן אַלע מינדער־הייטן, איינגעשלאָסן אויך יידן. דזשעיקאָב שיף איז פריער פאַר אַלץ גע־ווען אַ גרויסער וואָל סטריט באַנקיר. נאָר זיין פילאַנטראָפּיע דאַרף מען נישט פאַרלייקענען. ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, דערלייגן נישט די מי־ליאָנערן צו זייערע פילאַנטראָפּיעס. נישט בלויז באַרואיקן זיי מיט דעם זייערע נערוון און שטילן זייער געוויסן. זיי קריגן אויך אָפּטמאָל אַזאַ רעקלאַמע, פאַר וועלכער זיי וואָלטן געמוזט טייערער באַצאָלן אויפן רעקלאַמע־מאַרק. זיי געווינען אויסער דעם (היינטיקע צייטן) אַ רעדוקציע אין זייערע שטייערן. אין דער זעלבער צייט האַלטן אָן די קאַפּיטאַליסטן זייער העגע־מאָניע איבער די ברייטע מאַסן, דורך די אַנשטאַלטן, וואָס זיי שאַפן.

נעיטן שטראַוס —
דער מיליאָנער און פילאַנטראָפּ

נעיטן שטראַוס, דער פילפאַכער יידישער מיליאָנער, באַלאַנגט צו דער גרופּע פון פילאַנטראָפּן, וואָס האָבן געלאָזן אַ שפּור אין דער געשיכטע פון אַמעריקע. ווי מיר זאָלן נישט קוקן מיט ניכטערע אויגן אויף די „הילפס־אַקציעס" פון די פילאַנטראָפּן און אויף זייערע ווידערשפּרעכלעכע שטריכן, בלייבן מיר אָבער שטיין ביי נעיטן שטראַוסן מיט אַ געוויסער באַוואונדערונג.

די שטראַוס פאַמיליע (אין ענגליש סטראַוס) קומט אָריגינעל פון עלזאַס. דער עלטער איזאַק שטראַוס איז נאָך אַפילו געווען פאַרמישט אין דער רעוואָלוציע פון 1848. ווען די רעאַקציע האָט זיך פאַרשטאַרקט איז איזאַק מיט זיין פאַמיליע געווען צווישן די וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו די פאַראייניקטע שטאַטן, אין 1854.

די שטראַוס פאַמיליע האָט זיך אין אָנהויב באַזעצט אין דזשאָרדזשיא, אין דעם שטעטל טאַלבאָטאָן. אין 1865 זעען מיר זיי שוין אין ניו־יאָרק. דער עלטער שטראַוס שטעלט איין אין דער שנעל־וואַקסנדיקער שטאָט אַ דערפאָלגרייך געשעפט פון פאָרצעליי און גלאָזוואַרג. זיינע צוויי זין, איזידאָר און נעיטן, ווערן אין 1872 זיינע מיט־שותפים.

נעיטן שטראַוס איז געבאָרן געוואָרן טאַקע אינעם רעוואָלוציאָנערן יאָר 1848, אין אָטערבערג, און צו זעקס יאָר געבראַכט געוואָרן אין טאַלבאָטאָן וואו ער איז דורכגעגאַנגען פּאַבליק סקול און פאַרענדיקט זיין בילדונג שוין אין ניו־יאָרק, אינעם פּעקאַרדס ביזנעס קאָלעדזש. אַזוי, אַז נעיטן שטראַוס איז שוין געווען אַן אויסגעשטודירטער געשעפטסמאַן, פאַרשטאַנען די יסודות פונעם האַנדל בכלל און פון איינצל האַנדל בפרט. אין 1872 איז ער געוואָרן אַ שותף אינעם פאָטערס פירמע אונטער „ל. שטראַוס ענד סאָן". די געשעפטן זיינען אַוועק בעסער ווי גוט. דער יונגער שטראַוס האָט זיך געלאָזט פילן אינעם געשעפט, ווי אַ יונגער אָדלער.

דער גרויסער דערפאָלג פון דעם דאָזיקן יונגן שטראַוס האָט אים דערנאָך געפירט צו אַ צווייטן געשעפט, צו אַ שותפות מיט זיין עלטערן ברודער איזידאָר — אַ געשעפט, וואָס איז דערנאָך באַוואוסט געוואָרן אַלס איינע פון די גרעסטע דעפּאַרטמענט־סטאָרס אין דער וועלט אונטערן נאָמען

„מעיסי׳ס״. דאָס איז פאָרגעקומען אין 1888. שפּעטער זיינען די צוויי ברי־דער אויך געוואָרן די אייגנטימער פון דער באַרימטער דעפּאַרטמענט סטאָר אין ברוקלין „אייבראַהאַם ענד שטראַוס״.

נעיטן שטראַוס האָט זיך אויך געמאַכט אַ נאָמען אין דער ספּאָרט־וועלט. פערד זיינען געוואָרן זיינע ליבלינגען. נישט געווען קיין „רעיס״, וואו נעיטן שטראַוס זאָל ניט האָבן געהאַט קיין האַנט. ער איז געווען באַ־וואוסט ווי „קינג אָוו דהי ספּידוועי״. זיינע פערד־שטאַלן זיינען געווען פון די באַרימטסטע אין לאַנד.

אַזוי האָט נעיטן שטראַוס דערגרייכט זיין פערציקסטן יאָר. פילאַנ־טראָפּיע איז אים אפילו אין דער לינקער פּאה ניט געלעגן. איז וואָס־זשע האָט פלוצלינג געטראָפן מיט דעם דאָזיקן ניכטערן און קאַלטן געשעפטסמאַן?

די מעשה איז געווען אַזאַ: אין דער שטראַוס־באַלעבאַטישקייט איז געווען אַ קו — אַ שיינע, פעטע, געזונטע קו. זי האָט געגעבן גענוג מילך פאַר דער פאַמיליע און מאַנשאַפט. אָבער אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט מען געפונען די קו מיט אויסגעצויגענע פיס אין שטאַל. נישטאָ מער די גוטע פרייגיביקע מילך־קו! נעיטן שטראַוס, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט פערד, האָט אויך געהאַט אַ ווייך אָרט אין זיין האַרץ פאַר זיין שיינער קו. ער איז געווען שטאַרק געטראָפן פון דער בשורה, אַז ס׳איז אויס מיט דער קו. ער האָט גלייך פאַראָרדנט אַ מעדיצינישע אויספאָרשונג: ווי נעמט עס אַ געזונטע קו פלוצלינג און שטאַרבט? די אויספאָרשונג האָט געפונען עפּעס, וואָס האָט ביי אים אָנגעהויבן אַ גאַנצע קייט פון געפילן און גע־דאַנקען. די אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז די קו האָט געהאַט טובערקו־לאָזיס. אַזוי גאָר!... און ער און זיין פאַמיליע האָט געברויכט מילך פון אַ טובערקולאָזער קו... זיי האָבן דאָך אַלע געקענט קראַנק ווערן פון דער דאָזיקער שרעקלעכער פּלאָג! וואָלטן נאָר זייערע אומשטענדן געווען ער־גערע — ווייניקער פרישע לופט, מער שמוץ, מער שטויב, ווייניקער גוטע שפּייז און מער עגמת־נפש — און זיי וואָלטן געווען די בעסטע קאַנדידאַטן אָנצונעמען זיך מיט דער טויטלעכער קראַנקהייט!

דאָס האָט אים אָנגעהויבן צוצוברענגען צו אַ ריי אַנדערע אויספירן: און וואָס איז מכוח די גרויסע מאַסן אויף דער איסט־סאַיד, מיט דער ריזי־קער צאָל טויט־פאַלן צווישן זייערע עופהלעך? צי שטאַרבן זיי טאַקע ניט אויס, ווי פליגן צוליב די קראַנקהייטן, וואָס זיי נעמען זיך אָן פון דער מילך פון אומגעזונטע בהמות? אַזוינס טאָר מען דאָך ניט דערלאָזן!

און אַזוי איז פלוצלינג דער דאָזיקער לייכטער „לונג־און־לעבער״ גע־וואָרן אַן ערנסטער כלל־טוער. פאַרשטייט זיך, אינעם באַגרענעצטן בור־זשואַזן זינען. ניט איבערצומאַכן דעם וועלט־סדר, נאָר צו פאַרצערעווען אַ שרייענדיקע לאָך.

דעם אָנהויב האָט שטראַוס געמאַכט מיט אַ קאַמפּאַניע צו פּאַסטע־

ריזירן די מילך. פאַר דעם צוועק האָט ער זיך אָנגעהויבן צו מישן אין די מוניציפּאַלע געשעפטן פון ניו־יאָרק. ער האָט געעפנט אויף זיין אייגענעם חשבון מילך־סטאַנציעס, צו פאַרטיילן אומזיסט פּאַסטעריזירטע מילך־פאַר־ציעם פאַר די אָרעמע קינדער פון שטאָט. פון דעם איז דערנאָך ארויסגע־וואַקסן זיין ביטראַג פון פריע מילך פאַר הילפלאָזע אָרעמע מענטשן; זיין קאַמפּאַניע צו צווינגען די מילך־קאָמפּאַניעס, ניט נאָר אין ניו־יאָרק, נאָר איבערן גאַנצן לאַנד, צו פּאַסטעריזירן מילך. דאָס איז ניט גרינג אָנגעקו־מען. די מילך־טראַסטן האָבן אים געגעבן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. מיט דער הילף פון דער פאַרקויפטער פּרעסע, האָבן זיי ביטער אַטאַקירט דעם ניי־אויפגעקומענעם פילאַנטראָפּ. נאָר שטראַוס האָט ניט אָפּגעלאָזט. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער „באָארד אָוו העלטה", צוריקגעשלאָגן אַלע אַטאַקעס און סוף־כל־סוף אויסגעפירט זיינס וועגן מילך־פּאַסטעריזאַציע, ניט נאָר אין ניו־יאָרק, נאָר איבערן גאַנצן לאַנד. ער איז שפּעטער דערוויילט געוואָרן אין דער באָארד פאַר „וואַלד־פּרעזערווירונג", אין 1893, געווען אויך אַ געוויסע צייט פּאַרק־קאָמישאָנער. מען האָט אים אפילו פאָרגעשלאָגן די נאָמינאַציע פאַר מעיאָר אין 1894, און איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעז־זידענט פון „באָארד אָוו העלט" אין ניו־יאָרק, אין 1898.

אין די אַלע יאָרן האָט ער געגרינדעט פאַרשיידענע וואָוילטעטיקע אינ־סטיטוציעס פאַר דער ניו־יאָרקער אָרעמקייט. אינעם קריזיס פון 1892-1893 האָט ער אָנגעהאַלטן אויף זיינע אייגענע מיטלען סטאַנציעס צו פאַר־שפּרייטן קוילן, ברויט און שפּייז צו די אָרעמע אין ניו־יאָרק; אָנגעהויבן אַ סיסטעם פון נאַכטלעגערס פאַר היימלאָזע אין די יאָרן 1893-1894; גע־גרינדעט דעם ערשטן פּרעווענטאָריום פון טובערקולאָזיס פאַר קינדער אין 1909. וואָס ווייטער האָט ער אַלץ בעסער געפּרואוווט באַנעמען די סאָציאַלע פּראָבלעמען, הגם נאָך אַלץ אויף אַ שמאָלן פילאַנטראָפּישן מאַסשטאַב. אין 1911 איז ער אפילו געווען דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָ־נאַלן קאָנגרעס אין בערלין פאַר באַשיצן דאָס לעבן פון קליינע קינדער.

נעיטן שטראַוס איז געווען איבעראַשט צו זען וויפל מענטשלעכע באַ־שעפענישן עס זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון טויט דורך זיין קאַמף פאַר פּאַסטעריזירן מילך. די טויטן־ראַטע פון קינדער איז שוין אינעם ערשטן יאָר געשניטן געוואָרן אויף צענדליקער טויזנטער איבערן לאַנד, אין גע־וויסע פּלעצער מער ווי אויף אַ העלפט. דאָס האָט אים געטריבן צו גיין ווייטער. ער איז שוין אויך געווען דער דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין רוים, אין 1912, וועגן דער קינדער־שטערבלעכקייט. ער האָט זיך אָבער נישט גענומען דערפאַר דעם גאַנצן קרעדיט. ער האָט דערמאָנט, אַז דר. יאַקאָבי האָט נאָך לאַנג פאַר אים אָנגעוויזן, אַז מילך מוז געקאָכט ווערן כדי צו ווערן אומשעדלעך פאַר קינדער.

אין 1912 האָט ער אויף זיין רייזע, איבערן מיטללענדישן ים, זיך

געכאַפּט, אַז ער וואָלט אויך געוואָלט אַ קוק טאָן אויף פּאַלעסטינע. איז ער אַהין געקומען אויף אַ ווײַלע, אָבער ער איז גענוג פֿון איר פֿאַרכאַפּט געוואָרן, אַז ער זאָל דאָרט פֿאַרבלײַבן אַ לענגערע צײַט. ער גרינדעט שוין אויך דאָרט סופּ־קיכן פֿאַר די אָרעמע אין ירושלים. צוזאַמען מיטן פּאַסטעיר־אינסטיטוט גרינדעט ער אַ באַקטעריאָלאָגישן דעפּאַרטמענט פֿאַר ארץ־ישׂראל. אין 1915, אינעם קאָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, גיט ער אַ גרעס־סערע סומע פֿאַר דער שפּײַז־שיף צו די מלחמה־לײַדנדיקע אינעם יידיש־היסטאָרישן לאַנד.

שטראַוס ווערט אַלץ מער באַוואוסטזיניקער אויך ווי אַ ייד. ער ווערט דערווײַלט פֿאַר פּרעזידענט פֿונעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס אין די וואַלן פֿון 1918־1920 און 1922. זײַן ראָלע דאָרט איז געווען נישט קיין שאָוויניסטישע. רעאַקציאָנערע ציוניסטן האָבן אויף אים געקוקט קרום.

נעיטן שטראַוס האָט געהאַט אָבער דעם חסרון פֿון זײַן צו־אינדיווידו־אַליסטיש אַפֿילו אין זײַנע פֿילאַנטראָפּיעס. ער האָט קיינמאָל נישט גע־פֿירט קיין געלט־קאַמפּאַניעס. אויב ער האָט עפּעס אָנערקענט פֿאַר וויכטיק האָט ער עס אַליין געטאָן אויף זײַן חשבון. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ער האָט, ווי יעדער קאַפּיטאַליסט, נישט געשענקט קיין אויפֿמערקזאַמקייט די אָנגעשטעלטע אין זײַנע דעפּאַרטמענט סטאָרס. זיי האָבן, ווי אַלע אין דעם געשעפֿט, געצאָלט לעכערלעך קליינע שׂכירות. איין מאָל האָט נעיטן שטראַוס ווי צוויי פֿון זײַנע פֿאַרקויפֿערינס זײַנען קראַנק געוואָרן פֿון נישט דערעסן. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי האַלטן אויס אַן אַלטע מוטער. האָט ער זיך דעמאָלט ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף: „אַזוי ווייניק צאָלן מיר אונדזערע אָנגעשטעלטע, אַז צוויי קענען נישט אויסהאַלטן אַ דריטע?!" האָט ער געכאַפּט און געטאָן דאָס בעסטע, ווי ער האָט עס פֿאַרשטאַנען: אײַנגעפֿירט אַ גרויסן רעסטאָראַן אויסשליסלעך פֿאַר זײַנע אָנגעשטעלטע, אַז זיי זאָלן דאָרט קריגן אַ מאָלצײַט פֿאַר פֿינף סענט; געמיינט, אַז מיט דעם האָט ער שוין אַלץ געלייזט.

נעיטן שטראַוס האָט רעאַגירט אויף יעדער זאַך, וואָס האָט אים אָנ־גערירט — קערפּערלעך, צי מאָראַליש, לויט זײַנע אייגענע באַגריפֿן. ווען אַן אַנטיסעמיטישער האָטעל־אייגנטימער אין לעיקוואוד האָט אים נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן, צוליב דעם וואָס ער איז אַ ייד, האָט ער נישט אויפֿגע־הויבן קיין שום קאַמפּאַניע קעגן אַנטיסעמיטיזם; ער האָט זיך דערוואוסט וואו עס געפֿינען זיך די מאָרטגעדזשעס פֿון דעם דאָזיקן האָטעל־באַזיצער, באַצאָלט פֿאַר זיי אַ היבשע סומע און ביי דער ערשטער געלעגנהייט גע־פֿאָדערט: „דאָס געלט אָדער דעם האָטעל!" דער אַנטיסעמיט האָט אַלץ פֿאַרלאָרן.

דאָס, ווי פֿאַרשיידענע אַנדערע טיפּיש־בורזשואַזע פֿירונגען און אידייען,

ווייזן ווי דער דאָזיקער באַרימטער סוחר און אונטערנעמער, ספּאָרטסמאַן און פילאַנטראָפּ איז געווען ביי זיין בעסטן ווילן קורצזיכטיק. זיינע קלאַסן־אינטערעסן האָבן פון אים פאַרשטעלט פּשוטע און אָפענע אמתן. אפילו דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם האָט ער געפירט אויף אַן אומגעלומפּערטן אופן. רעאַגירט קעגן פּאָרדס אַנטיסעמיטיזם האָט ער דורכדעם, וואָס ער האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ דזשורי־געריכט פון באַרימטע מענטשן פוןביידע צדדים. זאָל פּאָרד אַרויסשטעלן זיינע פּראָפעסאָרן און ער, דער „פּשוטער סטאָר־קיפּער“, וועט אַלעמען ענטפערן. אַזוי „פּשוט“.

געשטאָרבן איז נעיטן שטראַוס אין 1924, אין עלטער פון 75 יאָר.

מיין דאַנקבאַרקייט

צו אַלע מיינע ליבע, גוטע פריינט, אין ניו־יאָרק און אין אַנ־דערע שטעט, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט פון הילף אין וועלכער עס איז פאָרם צו פאַרעפנטלעכן דעם ערשטן באַנד פונעם בוך „פּער־זענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע" און צו פאַרשפּרייטן אים, צו אַלע וואָס האָבן געגעבן פינאַנציעלע, מאָראַלע און טעכנישע הילף, און באַזונדערס צום ביילין בוך־קאָמיטעט, צו זיין ערן־פּרעזידענט קלמן מרמר, צו זיין פּרעזידענט פּ. נאָוויק, צום קאַסירער דר. הערשל מעיער, צו זיינע סעקרעטאַרן מאָרים ראַדזשער, יעקב לייזעראָוויטש און מרים באומעל, צו די אַקטיוויסטן אין קאָ־מיטעט (לויטן אלף־בית): יאַנקל אַדלער, י. האָך, חיים סינגער, מאַקס קאַסטענבאום, נוח ראַפּאָפּאָרט און באַזונדערס די אומדערמידלעכע טעסי שענקער, די איניציאַטאָרין פונעם קאָמיטעט; צו מיינע קאָ־לעגן שרייבער פאַר אָנבאָטן און געבן הילף אין פאַרשיידענע פאָר־מען — ש. אַלמאַזאָוו, בער גרין, אַ. יודין, משה כץ, סעם ליפּצין, דוד מאַטעס, חיים סולער, י. פריד, ש. פעלדמאַן און י. א. ראָנטש, און די פירער פונעם איקוף אין ניו־יאָרק און לאָס־אַנדזשעלעס; אין דער לעצטער שטאָט אויך צו י. אשפּיז, גינאַ מעדעם, קאַראַבעלאַ און צום סעקרעטאַר פון דאָרטיקן קאָמיטעט — מענדל יעלין און שרה פּ. יעלין; צו מיינע פּערזענלעכע פריינט: אסתר דאַמבראָ, הענעך און עמאַ דאַניעלס, רוט טשעבאַנאָווער, ר. יוקלסאָן, הערי קעסלער און יעקב שפּיגל; צו די קינסטלער איזראַעל וויסמאַן און זוני מאוד פאַר זייערע קינסטלערישע ביטראַגן; מיינע קינדער דזשענעט און דזשוליוס קאהען, משה און פלאָרענס ביילין פאַר זייער אַקטיווער, פינאַנציעלער און מאָראַלער שטיצע און צו דער „פּראָמפּט פּרעס" די דרוקערס און צו דער בוכבינדעריי „די ניקערבאָקער באַינדערי" און צו אַלע, וואָס וועלן העלפן אין דער פאַרשפּרייטונג פון דעם בוך.

י. ב. ביילין